STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05735

HESHBN UN SAKHAKL

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



א. אַלמי

א. אַלמי

חשבון און סך־הכל

א. אַלמי

חשבון און סך-הכּל

קאַפּיטלען פון מיין ספר החיים

(זכרונות און מחשבות)

כי אדם לעמל יולד
(איוב, ה׳)

★

פאַרלאַג און בוכהאַנדלונג
ג. קאַפּלאַנסקי
בוענאָס-איירעס

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
E L I A S   S H E P S
New York
1 9 5 9

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina (C)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE SEPTIEMBRE DE 1958, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149. BS AIRES.

E D I T O R I A L   K A P L A N S K Y
C O R R I E N T E S   2 8 8 3
BUENOS AIRES

אינהאַלט

זייט

דערקלערונג 7
ביאָגראַפישער סקיץ 9
אַ וואָרט צו שרייבערס און לייענערס 13

פריע יאָרן:

די האַנט 21
דער שליסל 30
מינאָריטעט 51

כאַאָס און געשטאַלטונג:

אין אַ פרומער צייטונג 73
סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קריטיקערס 79
עכטער און פּראָפעסיאָנעלער אידעאַליזם 83
קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קאָמוניזם 87
צווישן מוט און פּחדנות 98
עטיק, עסטעטיק, רחמנות און אכזריות 103
די פאַרלוירענע שלאַכט 108
מיין ווייב — פראַדל ווייטמאַן 117
מאַרטאַ 124
פלאָרענס 130
אַדעלאַ 134
לאַורא בילינגס 137
אידאַ מאַריני 143
די פיר כוחות 149
ווען איך בין נישט איך 154
די אומדאַנקבאַרע פיר 159
משפטים מיט ד״ר שאַצקי 176
דער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין גאָט... 187
דער ייִד, וואָס האַלט זיך פאַר גאָט 199

זייט

מיינע ספיריטואַליסטישע דערפאַרונגען 218
נחת און צער צו 60 און 65 230

לעצטע עסייען:

דער לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור 247
זיגמונד פרויד און זיינע זעקס אַפּאָסטאָלן... 254
לאָגישער פּאָזיטיוויזם 273
וואָס איז פילאָסאָפיע? 281
„ווי ס׳ווערן לידער פאַרפאַסט" 288
וואָס איז פּאָעזיע? 293
ווער איז דער מחבר פון זוהר? 297
עוץ, אַמסטערדאַם און באַרדיטשעוו 301
אהבת ישראל 306
דאָס רעטעניש — זשיטלאָווסקי 315
שלום אַש — אַ סך־הכל 325

* * *

נעמען־רעגיסטער 345
א. אַלמי׳ס ווערק 353
אינהאַלט פון אַלמי׳ס אייניקע עסייען־זאַמלונגען 355
פּאַראַדירטע אין דעם באַנד „פּאַראַדיעס" 359

בילדער:

בילד פון מחבר
גרופּן־בילד מיט העברי מאַרגענטוי .... צווישן ז״ז 100 — 101
פּראַדל וויטמאַן־אַלמי / צוויי פאָטאָגראַפיעס .... צווישן ז״ז 120 — 121
גרופּן־בילד / סיגאַל, אַלמי, פּראַדל, נאָוואַק .... צווישן ז״ז 128 — 129
גרופּן־בילד / ד״ר מאַרגאָשעס, פּראַדל, אַלמי, שפּיגעלמאַן .. צווישן ז״ז 128 — 129
לאָורא בילינגס .... צווישן ז״ז 140 — 141
אידאַ מאַריני .... צווישן ז״ז 144 — 145
גרופּן־בילד / ראָזשאַנסקי, פּראַם, שניידערמאַן,
דינה האַלפּערן, אַלמי, נירענבערגער .... צווישן ז״ז 160 — 161
אַן עמוד „מאָמענט" .... צווישן ז״ז 168 — 169
ד״ר מ. ווינרייך און א. אַלמי .... צווישן ז״ז 192 — 193
גרופּן־בילד / 17 שרייבערס .... צווישן ז״ז 240 — 241

דערקלערונג

דאָס איצטיקע בוך איז אויסגערעכנט געווען אויף דריי חלקים: א. כאַאָס און געשטאַלטונג; ב. פּופּציק יאָר יידישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע; ג. מגילת הפקר.

אויף אַרויסגעבן דאָס בוך (גלייכצייטיק אין יידיש, העברעיש און ענגליש) איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון עטלעכע מעצענאַטן. צוליב אַלערליי מיספאַרשטייענישן און סכסוכים צווישן די קאָמיטעט־מיטגלידער איז דאָס אַרויס־געבן פונעם בוך כסדר אָפּגעלייגט געוואָרן (זינט 1951).

ווען די קאָמיטעט־מיטגלידער זענען ווי־ס׳איז געקומען צו אַ הסכם צווישן זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן שטעלן אַלערליי פאָדערונגען דעם מחבר, אין היפּוך צו דער לכתחילהדיקער פאַרשטענדעניש — נישט צו מישן זיך אין אינהאַלט פון דעם ווערק. צוויי מיטגלידער האָבן אויך דווקא געוואָלט „פּאַראַייביקט ווערן" אין אַ באַזונדער קאַפּיטל — ווענן זייער אַרויפאַרבעטן זיך אין אַמעריקע...

בקיצור: ס׳איז געוואָרן — אויס קאָמיטעט!

דער מחבר האָט דעריבער געזען פאַר זיך איין אויסוועג: פריער אַרויסצו־געבן חלק א. — אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „חשבון און סך־הכל" (אַנשטאָט „אין גערנגל מיט זיך אַליין", ווי ס׳איז פריער אַנאָנסירט געווען).

דער מחבר האָט מחמת דערזעלביקער סיבה אויך דעם ערשטן חלק רעוויזירט און רעדוצירט, אַרויסגענומען אַ היפּשע צאָל קאַפּיטלען, אַנדערע איבער־געשריבן און צוגעשטעלט אין אָנהייב דריי קאַפּיטלען א. ג. „פריע יאָרן", ווי אַ צוגאָב צו די זכרונות פון דער קינדהייט און פריע יוגנט־יאָרן אין דעם פריער־דיקן מעמואַריסטישן בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן", וואָס איז אַרויס אין 1948.

נאָך אַ צוגאָב — צום סוף פון בוך: „לעצטע עסייען". דער מחבר האָט גע־האַלטן פאַר נייטיק אַריינצונעמען אין איצטיקן בוך דעם קליינעם אָפּקלייב פון קריטיש־פּאָלעמישע עסייען — אין הסכם מיט זיין באַשלוס מער נישט אַרויסצו־

געבן אין בוכפאָרעם — באַזונדער — קיין עסייען, אָדער לידער (אַ צאָל נייע לידער איז פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער פאַרשיידענע עמודים פון בוך).

דער דאָזיקער באַשלוס איז, נאַטירלעך, נישט חל אויף די פריִערדערמאָנטע פּובליציסטישע און פאָרשערישע אַרבעטן, וואָס האָבן געזאָלט אַרייַן, ווי באַזונדערע חלקים, אין דעם פאָרליגנדיקן בוך. ווען זיי וועלן דערשיינען, איז אין איצטיקן מאָמענט נישט מעגלעך פאָרצוזאָגן.

א. אַלמי - ביאָגראַפישע סקיץ

א. אַלמי (אַדאַפּטירטער נאָמען פון אליהו חיים שעפּס), געבוירן דעם 2טן יאַנואַר, 1892, אין וואַרשע, אין אַ זייער אָרימער משפּחה. ביז צען יאָר געגאַנגען אין חדר, ווו אין אַ צווייטער שטוב האָט דעם מלמדס זון געקנעלט גמרא, האָט ער זיך דאָרט אָפּט „אַריינגעגנבעט" און דאָרט געגאַשט צו ביסלעך תלמוד...

זייער פרי — אין עלטער פון אַרום ניין — אָנגעהויבן שרייבן לידער, הגם ער האָט נאָך נישט געהאַט געזען קיין לידער, נאָר געהערט זיי זינגען. צו עלף יאָר באַזוכט ער פּרצן, וועלכער האָט אים פּאַטערלעך אויפגענומען, דערמוטיקט צו שרייבן, אויסגעפרעגט וועגן עלטערן, דערציִונג. פּרץ האָט דאַן פאַר דעם בחור אָנגעשטעלט לערערס: פאַר העברעיִש — י. ד. פרייער, אַ יִדיש־העברעיִשער זשורנאַליסט וואָס האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ארץ־ישראל און געשריבן אונטערן נאָמען בר־דרורא; פאַר גמרא — דעם פּעדאַגאָג אברהם קאַזשיבראָדסקי; פאַר דייטש — העלענאַ גינצבערג (אָבער אַלמי האָט אַלע זיינע שפּעטערדיקע יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג און פאָרשונג אויף די פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכן געדאַנק).

באַלד ווי אַלמי איז אַרויס פון חדר, האָט דער פאָטער אים אָפּגעגעבן „אויף דער לערן" צו אַ קאַמאַשנמאַכער, דערנאָך צו פאַרשיידענע אַנדערע מלאכות, שניידעריי, שמוקלעריי, אָבער ער האָלט זיך אינערגעץ נישט לאַנג צוליב דער שווערער מערכה פון לערן־יִינגלעך ביי די בעלי־בתים און געזעלן, אָבער דער עיקר צוליב דעם, וואָס דער קאָפּ איז געלעגן ערגעץ אַנדערש — אין לידער, אין חלומות. ער שרייבט לידער וועגן טאָג־פּאַסירונגען, וועגן דער אַרומיקער חושכדיקער אָרימקייט און אויך וועגן דער נאַטור.

דאָס ערשטע ליד זיינס ווערט געדרוקט אין 1907, אין דעם אילוסטרירטן וואָכנבלאַט „ראַמאַנצייטונג", אַרויסגעגעבן דורך מאַגנוס קרינסקי. ה. ד. נאָמבערג איז דעמאָלט דער פאַקטישער רעדאַקטאָר. פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן אַלמיס

ליטעראַרישע קאַריערע... ער באַגעגנט זיך מיט אַנדערע אָנהייבערס, ווי יהושע פערלע, גדליה וויסבאַרד, מאַרק שווייד. זיי ווערן נאָענטע חברים. שפּעטער קומען צו אפרים קאַגאַנאָווסקי, אברהם זאַק, מ. י. שעליובלקי, צבי כהן, אויך ראָזאַ לעבענסבוים (אַנאַ מאַרגאָלין), וועלכע האָט זיך געהאַט צוריקגעקערט פון אַמעריקע. עס דערנעענטערן זיך צו דער גרופּע אויך עלטערע שרייבערס, ווי משה סטאַווסקי, יונה ראָזנפעלד, י. מ. ווייסענבערג, יואל מאַסטבוים.

אַלמי אָרגאַניזירט דאָן צוויי יוגנטלעכע גרופּעס, אַ ציוניסטישע, פֿאַר וועלכער ער שטעלט צונויף אַ בולעטין „תקות ציון" און אַ מין אַנאַרכיסטישע, לויט די יונגע יינגלעך האָבן פאַרשטאַנען די אידייע. די ערשטע גרופּע האַלט־אָפּ די פאַרזאַמלונגען אין דער שול „תפארת ישראל", ווו ר' מענדל וואַלמאַן (דער שפּעטער באַקאַנטער היסטאָריקער) און זיין זון לייבל (דער שפּעטערדיקער דראַמאַטורג י. ל. וואַלמאַן), האַלטן פאַר די יוגנטלעכע רעדעס.

אין 1908 פאָרט אַלמי קיין קראָקע, וווּ אברהם רייזען (מיט וועמען ער האָט זיך שוין געקענט פון וואַרשע) געפינט זיך דעמאָלט און ער דרוקט אַלמיס לידער אין זיין חודש־שריפט „קונסט און לעבן", און גיט אויך זיינע לידער אין „סאָציאַל דעמאָקראַט" (רעדאַקטאָר מ. פאַפיר). ס'איז די צייט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און קיין קראָקע קומען מאָריס ראָזענפעלד, מיט וועלכן רייזען באַקענט אים, פּרץ, אַש.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער פאָרט אַלמי קיין ווין, מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון רייזען און ד"ר טהאָן, קראָקעווער ראַבינער, צום רעדאַקטאָר פון דער דייטש־יידישער „יודישע צייטונג", אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (טירקענשטראַסע 9). דער רעדאַקטאָר (ד"ר לאַנדוי) לאָזט איבערזעצן עטלעכע לידער אַלמיס אין דייטש און דרוקט זיי אין זיין צייטונג. נאָכן אָפּהונגערן אין דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט עטלעכע חדשים, פאָרט אַלמי צוריק — איבער קראָקע — קיין וואַרשע.

אין וואַרשע דרוקט אַלמי לידער און פעליעטאָנדלעך אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן און שטעלט צונויף יום־טוב בלעטער פאַר די פאַרלעגערס ב. שימין און א. גיטלין. ס'אָרגאַניזירט זיך אַ פאָלקלאָר־גרופּע מיט שמואל לעהמאַן, פנחס גראַבאָרד, אין וועלכע אַלמי ווערט אַריינגעצויגן. שפּעטער נעמט נח פרילוצקי איבער די גרופּע. אַלמי אַרבעט אויך מיט אין נ. פרילוצקיס זאַמלונגען: „דער יונגער גייסט", „טעאַטער־וועלט".

אין 1910, ווען ס'ווערט צוגעגרייט אַ נייע טאָג־צייטונג „דער מאָמענט" שטעלן אים די פרילוצקיס אָן פאַר רעדאַקציע־סעקרעטאַר און מיטאַרבעטער. דאָרט שרייבט אַלמי אַרטיקלען, פעליעטאָנען און רעדאַגירט אויך די הומאָריסטישע אָפּטיילונג פון דער צייטונג ביז זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע. פאַרעפנטלעכט דאָרט אַ סעריע יידישע פאָלקס־מעשיות וועגן פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863. דרוקט זיך

גלייכצייטיק אין פּרצ׳ס זאַמלביכער „ייִדיש״, „דאָס בוך און דער לעזער״, אין א. ליטווין׳ס „לעבן און וויסנשאַפט״ (ווילנע), אין פּריידס „דער שטראַל״. איז דאַן אַן אַריינגייער אין דריי ליטעראַרישע „שטובן״: אין פּרצ׳ס, הלל צייטלינ׳ס און נח פּרילוצקי׳ס.

דעם 5טן יאַנואַר פון 1913 קומט א. אַלמי אַן קיין אַמעריקע מיט בריוו פון פּרץ, יעקב דינעזאָן און צייטלין צו א. ש. זאַקס, יהואש און לואי מילער, רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט״; אָבער צופעליק ווערט אַלמי אַ מיטאַרבעטער פון „טאָגעבלאַט״, וועו ער ברענגט דעם אַרויסגעבער סאַראַסאָן גרוסן פון זיינע קרובים אין וואַרשע. גלייכצייטיק ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „קונדס״, און דרוקט זיך אויך אין „דאָס ייִדישע פאָלק״, „ייִדישער קעמפער״, רייזענס „דאָס נייע לאַנד״ און אַרבעט־מיט פאַרן „מאָמענט״ און פּאָר אַנדערע צייטונגען אויף יענער זייט ים. ער גיט אַרויס אַ חודש־שריפט „דער קוואַל״ און רעדאַגירט צוזאַמען מיט י. י. סיגאַל און שקאָלניקאָוו אַ זאַמלבוך „עפּאָכע״, אין קאַנאַדע, וווּ ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן.

נאָכן אונטערגיין פון „טאָגעבלאַט״ אַרבעט אַלמי מיט אַ שטיק צייט אין „פאָרווערטס״ (ליטעראַרישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, זכרונות), דערנאָך אין „מאָרגן זשורנאַל״ און דאַן אין „טאָג״. אַרבעט שפּעטער אויך מיט אין „אַמעריקען היברו״, „ניו־פּאַלעסטיין״ (אַ וועכנטלעכער קאָלום „וויוס ענד רעוויוס״), „היומען סאָסייעטי״, אַרויסג׳ ספּינאָזאַ־אינסטיטוט; אין צייטונגען און זשורנאַלן אין פאַרשיידענע טיילן וועלט, דער עיקר אין אַרגענטינע („שפּיגל״, „ייִדישע צייטונג״, „דוקאַ״) און ישראל. פאַרעפנטלעכט עסייען אויף פילאָסאָפישע, וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע טעמעס.

אָבער זינט 1923 איז זיין הויפּט־מיטאַרבעט אין „פרייע אַרבעטער שטימע״, וווּ אַלמי פלעגט פאַרעפנטלעכן אין יעדן נומער, וועו די צייטונג איז אַרויס וועכנטלעך, אַרטיקלען, עסייען, פּאָלעמיק. פון דער פּאָלעמיק צייכענען זיך באַזונדערס אויס דער אויסטויש פון מיינונגען מיט רודאָלף ראָקער וועגן דער שולד, אָדער אומשולד פון דייטשן פאָלק — אַ סעריע אַרטיקלען אין 1942 — און די סעריע אַרטיקלען וועגן מאַרקסיזם. אַלמי׳ס בוך „ליטעראַרישע נסיעות״ (500 זייטן) איז דער עיקר פון זיינע עסייען און אַרטיקלען אין דער „פ. אַ. ש.״ אויך אין זיינע ביכער „מענטשן און אידייען״ און „מענטש און וועלט״ פאַרנעמען די „פ. אַ. ש.״ עסייען אַ היפּשן חלק.

זינט דער פריִער יוגנט געניינט צו מיסטיציזם און אָריענטאַלישער פילאָסאָפיע, פאַרעפנטלעכט אַלמי אַזעלכע ווערק ווי „די צווייטע עקסיסטענץ״, „די רייד פון בודאַ״, „די כינעזישע פילאָסאָפיע״, „אויפן וועג פון די געטער״ און אויך „פּאַן־אָריענטאַליזם״, וווּ ער לייגט־פאָר אַ נייע אָריענטאַציע אין דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פּאָליטיק — אויפן אָריענט, אַנשטאָט אויפן אָקצידענט. אָבער אַלמי האָט

אויך פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען — אין ייִדיש און אין ענגליש — וועגן מערב־פילאָסאָפן, ווי ספּינאָזאַ, עמנואל קאַנט, שלמה מיימאָן, בערגסאָן, סאַנטאַיאַנא און אַנדערע. זיינע פאָרשונגען פירן אים אויך צו אַן אויסטערלישער אַנטדעקונג אין ספּינאָזאַ׳ס ביאָגראַפיע, ווי ער ברענגט עס אַרויס אין זיין אָפּהאַנדלונג „דאָס געהיימניש אַרום ספּינאָזאַ׳ס טויט״ (אין פּ. א. ש.), דערנאָך דערשינען אין בראָשור־פאָרעם, אין ענגליש און אין העברעיִש. דער ערשטער אָפּרוף קומט פון פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין, אויסדריקנדיק זיין באַגייסטערונג. דאָס איז, אגב, נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער בריוו פון פּראָפ׳ איינשטיין צו אַלמין וועגן זיינע ווערק אין ענגליש.

י. ד.

איבערגעדרוקט פון דעם אַלמי־נומער „פּ.אַ.ש.״ (17טער מאַי, 1957
— צום 50־יאָריקן ליטעראַרישן יובל און 65סטן געבוירנטאָג.

אַ וואָרט צו שרייבערס און לייענערס

יעדער מענטש וויל זיך אַראָפּריידן פון האַרץ, עפּענען האַרץ און נשמה פאַר װעמען. ער מוז עס אַמאָל טון!

דער פרום־גלייביקער טוט עס דורך תפילה און אַמאָל דורך קאָנפעסיע, אין חדר־מיוחד פון זיין רעליגיעזער אויטאָריטעט.

דער פון ספקות און סקעפּטיציזם־צעריסענער מענטש לויפט צו פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, צו טעאָסאָפישע סעאַנסן און צו פאַרשיידענע אַלטע אָדער נייע, צי אַלט־נייע קולטן.

אַנדערע קלאַפּן אין אַלע טירן: אפשר איז דאָרט גאָט? אפשר איז דאָרט דער ענטפער און די רפואה?

ווייניק לויפן צו זיך — אָדער פון זיך — אָדער ביידע צוזאַמען: אַמאָל פון זיך, אַמאָל צו זיך — אַהין און צוריק.

איך געהער, דאַכט זיך, צו די לעצטע.

איך האָב קיינמאָל נישט מתפלל געווען און קיינמאָל פאַר קיינעם דאָס האַרץ נישט געעפנט — נישט אין אַ מקום־קדוש, נישט אין האַלב־פינצטערן חדר פון אַ נשמה־היילער און נישט אין די טעמפּלען פון קולטן (טיילמאָל אַהין געגאַנגען אויס קוריאָזיטעט, אָדער ווי אַ פאַרשער).

ספקות אין זיי אַלעמען האָבן מיך אָפּגעהאַלטן. ספקות האָבן מיך געבונדן צו זיך אַליין — וואָס אויך אין אים־מיר בין איך אָפט מסופק געווען.

אָבער אויסריידן, אַראָפּריידן זיך פון האַרץ — דאָס איז אַלעמאָל ביי מיר געווען אַ ברענענדיק באַדערפעניש.

אַ שרייבער רעדט זיך, אייגנטלעך, אַלעמאָל אַראָפּ פון האַרץ — אין זיינע שריפטן, איבערהויפּט דער פּאָעט און עסייאיסט.

אָבער ס׳בלייבט אַלעמאָל מער אין זיך, ווי אַרויסגעזאָגט אין רשות־הרבים,

בקול־רם. נישט אַלץ קאָן מען אַרויסזאָגן. נישט אַלץ האָט מען דעם קוראַזש אויסצוזאָגן.

קול דממה דקה. ס'פאַרבלייבט אַ געשריי אין די טיפענישן פון וועזן. ס'בלייבן מחשבות, עמאָציעס, ברכות און קללות; ס'בלייבט אַזוינס, וואָס קאָן אַרויסגע־זאָגט ווערן בלויז אין אַ מאָמענט פון דער העכסטער דערהויבונג, אָדער אין עק־זאַלטאַציע, אָדער — אויפן טויטן־בעט.

אין יעדן פאַל — אין אַ מאָמענט, ווען דער מענטש פאַרגעסט אַלע פּראַק־טישע חשבונות, אויסרעכענישן און ציטערנישן פאַר קאָנסעקווענצן — און רעדט אַרויס, דורך דעם דיבוק פון אייגענעם אמת, אַלץ, וואָס ס'ברענט אין זיין וועזן.

יאָרן־לאַנג ווי איך גרייט זיך צום גרויסן מאָמענט פון השתפכות הנפש, אָבער ס'איז אַלץ נישט געקומען דערצו, אָדער צוליב מיאוסער פּחדנות, אָדער צוליב איינריידעניש, אַז ס'איז נאָך נישט די ריכטיקע צייט, וואָס הינטער דעם האָט זיך מסתמא באַהאַלטן די מורא איבערצורייסן מיט אַלץ און אַלעמען און נאָך מער איזאָלירט ווערן.

אָבער געוווּסט האָב איך — און געפילט מיט אַלע חושים און נערוון — אַז בלויז ווען איך וועל דאָס טון, וועל איך גאַנץ און ריין ווערן; אַז בלויז דעמאָלט וועל איך קענען רויק לעבן, אָדער רויק שטאַרבן.

אין „מאָמענטן פון אַ לעבן” האָב איך בלויז אַ גראַבל געטון מיט דער פּען אויף דער אויבערפלאַך פון מיינע זכרונות, פון מיינע איבערלעבענישן און ראַנג־לענישן. כאָטש איך האָב דאָרט געגעבן אַ פּילזייטיק בילד פון מיין קינדהייט און די פריִע יוגנט־יאָרן, ווי אויך די סביבה, איז עס אין אַלגעמיין אַ צופעליק בוך, אַן אויפגעזאַמל פון עפּיזאָדן, אין אַ ריי צייטונגס־אַרטיקלען.

און ענדלעך האָב איך דערפילט, אַז דער מאָמענט איז געקומען, ווען איך בין גרייט — ווען איך האָב די אינספּיראַציע און דאָס אינערלעכע פייער — פאַר אַ פולן חשבון און חשבון־הנפש, פאַר אַ סך־הכל פון זיך און פון דעם אַרום — אין פּסיכאָ־אויטאָביאָגראַפישן נוסח.

אָבער ווי נאָר איך האָב פאַרענדיקט דאָס אַריינפיר־קאַפּיטל — „די האַנט” — האָט דער שטן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר מיט אַ שמייכעלע: צוליב וואָס? און וואָס וועט שוין זיין?

איך האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז מען דאַרף פריִער זיין גאַנץ אין ווילן און אין באַשלוס, כדי צו קענען אונטערציִען אַ גאַנצן סך־הכל — דורך וועלכן וועזנט־לעך גאַנץ צו ווערן און גאַנץ צו שטאַרבן.

און דאָס האָב איך נישט געקענט — דאָס קאָן איך נישט. נישטאָ דער כוח צו קאָנצענטרירן זיך, גאַנץ צו מאַכן ווילן און באַשלוס אין אַ צעריסענער, אומ־גליקלעכער וועלט פון קנאה, שנאה, בייזוויליקייט, ציניזם, מאָרד, הפקירות, — אויף די חורבות פון צעטראָטענע און באַשפּיגענע אידייען און אידעאַלן.

נישטאָ אַזאַ יחיד, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזאַ גייסטיקן און פיזישן כח זיך צו דערהויבן איבער דעם אַלעמען, ווי אַ יוצא מן הכלל; זיך אַוועקשטעלן אויף איין זייט פון שליאַך און אָביעקטיוו באַטראַכטן די וועלט אויף דער אַנדערער זייט פון שליאַך, ווי זיי ביידע וואַלטן זיך מיט גאָרנישט אָנגעקערט.

איבערהויפּט קאָן דאָס נישט אַ יחיד, ווי איך, וואָס ער אַליין איז ווי אַ מיניאַטור־וועלטל אין דער גרויסער וועלט — צעבראָכן ווי זי, אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין, ווי זי איז, הגם ער שמייכלט...

**
*

דער און יענער וועט מיר מסתמא מאַכן אַ פאָרוואורף — אויב נישט מיך „פאַרדאַמען", צי גאָר חוזק מאַכן — פאַר מיין אַנטפּלעקן געוויסע אינטימיטעטן, כאָטש דאָס, וואָס ס'איז דאָ דערפון אין אָט־דעם בוך, איז ממש צניעות אין פאַר־גליך מיט אַזעלכע רעוועלאַציעס אין דער אויטאָ־ביאָגראַפישער און מעמואַריס־טישער ליטעראַטור — יידישער און איבערהויפּט ניט־יידישער. און דער אמת איז, אַז איך אַליין, וואָס איך האָב קיינמאָל פריִער אַזוינס — ווי בכלל צו־פער־זענלעכע מחשבות און מעשים — נישט אַרויסגעבראַכט אין רשות־הרבים, טו איך עס איצט מיט אַ שולד־געפיל, אויב נישט מיט בושה.

אָבער טון מוז איך עס, ווי איך מוז דערציילן ביטערע דערפאַרונגען מיט קאַלעגן (אין די קאַפּיטלען „די אומדאַנקבאַרע פּיר" און „נחת און צער צו 60 און 65") — הגם איך ווייס פאָראויס, אַז לייט וועלן זאָגן (ווי איך אַליין האָב עס זיך אַ סך מאָל געזאָגט): נאָך וואָס טויג עס דיר? בעסער צו פאַרגעסן!

יאָ, איך מוז. פאַרוואָס מוז איך? ס'איז שווער — ס'איז אוממעגלעך — צו וויסן דעם „פאַרוואָס". אַזוי פיל איך. אפשר איז עס דער אינערלעכער דראַנג אַרויסצורייד.ן און אָראָפּצורייד.ן פון האַרץ אויך די אינטימיטעטן און אויך די „קליינִיקייט", זיך באַפרייען פון זיי — און אפשר דורך דעם גאַנץ ווערן, געלײַ־טערט ווערן.

בשייכות די עוולות פון אַ צאָל קאַלעגן, איז אַוודאי דערביי אויך אַ גורם מיין שטעלן דעם טראָפּ אויפן מענטש, אויף דאָס מענטשלעכע אין יעדער קרעאַ־טיווער פערזענלעכקייט. ביי מיר איז אַלעמאָל געווען וויכטיקער דער מענטש אינעם שרייבער, ווי דער שרייבער אינעם מענטש — און פון דעמדאָזיקן „נאָיוון" צוגאַנג צו דער ליטעראַטור האָב איך זיך קיינמאָל נישט געקענט באַפרייען. אַוודאי איז דאָס אויך חל אויף יעדן שאַפער, אויך אויפן פילאָסאָף און אויפן וויסנשאַפטסמאַן, אָבער קודם־כל קומט אין באַטראַכט דער שרייבער, מחמת ער רעדט דירעקט צו אונדז, ער פּרעדיקט, ער מאָראַליזירט, ער ווירקט דורך דעם וואָרט, וואָס באַהעפט מענטש מיט מענטש אין איין ווערבאַלער געמיינשאַפט.

דערפאַר האָבן שרייבערישע געמיינהייטן — און אויך איך בין נישט פריי

פון זינד — מיר שטאַרקער ווײ־געטון ווי אַזעלכע חטאים מצד וועלכן אַנדערן קלאַס, אָדער קאַטעגאָריע שאָפּערישן מענטש.

***

ווי איך וואַרף מײַן בליק, אין וועלכער זײַט איך ריכט מײַנע אויגן — אַזוי פֿיל ליגן, פֿאַלשקייט, נאַרישקייט, אַנטוישונג און טרויער אין אַט־דעם טראַגישן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס אין זײַן מאַגישן ציפֿער נאַיווע לײַט האָבן אַזוי שטאַרק געגלייבט, ווי אַנדערע גלייבן אין דעם שלים־מזל פֿון דעם ציפֿער 13.

אונטער די פֿיס וואַלגערט זיך דער אידעאַל פֿון מענטש־באַפֿרייאונג, צע־טראָטן, אויסגעלאַכט, אין בלוט און אין בלאָטע — דורך אַ באַנדע מערדערס און אויסוווּרפֿן — און מיליאָנען נאַרישע מענטשן אין אַלע טיילן וועלט שרייען נאָך פֿונדעסטוועגן, ביז הײַזעריק ווערן, „הוראַ" פֿאַר דעם „לאַנד פֿון באַפֿרייאונג", וואָס האָט „באַפֿרייט" הונדערטער מיליאָנען מענטשן פֿון זייערע עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט, פֿון זייער ווערדע, פֿון זייער גלויבן אין פֿרייהייט.

און די אַרומיקע וועלט?

אימת־מות פֿאַר דער גיהנום־באָמבע — אַטאָמיש־הידראָגענישער — פֿאַר דעם גולם, וואָס מיר האָבן אַליין באַשאַפֿן און ער איז געוואָרן אונדזער שרעק, אונדזער שוידערלעכסטער קאָשמאַר; אַ וועלט אַ צעביסענע, אַ צעריסענע, אַ פֿאַרבלוטיקטע, אַן אומזיכערע — אַ וועלט, וואָס האָט רואיק צוגעקוקט ווי „דאָס פֿאָלק פֿון דיכ־טער און דענקער", וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צום ווילדסטן באַרבאַריזם, צום אור־וואַלד מיט זײַנע בלוטיקע וואַלד־געטער, האָט אויסגעשאָכטן, מיט דער הילף פֿון אַרומיקע פֿעלקער, זעקס מיליאָן ייִדישע מענער, פֿרויען און קינדער — און דערמיט האָט די דאָזיקע וועלט, סײַ דער טייל, וואָס האָט געשאָכטן, סײַ דער טייל, וואָס האָט גאָרנישט געטון אָפּצושטעלן דעם רוצחס האַנט, פֿאַרלוירן דאָס מאָ־ראַלישע רעכט אויף עקזיסטענץ.

און אין אונדזער גאַס?

האָבן מיר אפֿשר, נאָך דער מוראדיקער שחיטה אויף אונדזער פֿאָלק, זיך אַליין דערהויבן, צונויפֿגעזאַמלט אונדזערע מחנות אונטער דער פֿאָן פֿון גערעכ־טיקייט און גאולה? הייבט זיך נישט אָן!

דער התפּעלות־אויפֿברויז בעת דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער ייִדישער מלוכה, אין 1948, האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט. די האָפֿענונג, אַז יענע גרויסע מאַסן ייִדן פֿון אַמעריקע, וועלכע זענען ביז יענעם מאָמענט געווען אָפּגעפֿרעמדט און זיך אויס־געלעבט אין אַ ניט־ייִדישער שפּראַך און קולטור, וועלן זיך איצט דערנענטערן און פֿאַרהיימישן מיט אונדזער לעבן און שטרעבן, איז נישט רעאַליזירט געוואָרן. אדרבא, די אַסימילאַציע איז אין אַ געוויסן זין נאָך שטאַרקער געוואָרן, נישט נאָר בײַ יענע, וואָס שטייען פּסיכאָלאָגיש נאָענט צום עקסטרעם־אַסימילאַטאָרישן פֿליגל

(ווי דער „אַמעריקאַנער ראַט פאַר יודאַיזם״), נאָר אויך ביי דער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט פון די ענגליש־ריידנדיקע ייִדן.

ס׳זעט אויס ווי זיי וואָלטן געזאָגט צו זיך: נו, „מיר״ האָבן שוין געשאַפן אַ מלוכה פאַר יענע ייִדן דאָרט — דערמיט איז אונדזער פליכט געענדיקט. איצט קענען מיר זיך רואיק אויסלעבן ווי מיר ווילן און נישט מער געשטערט ווערן!... טייל פון זיי האָבן נאָך אַ פילאַנטראָפישן אינטערעס. אַנדערע — דאָס אויך נישט. ס׳גייט־אָן אַ ליקווידאַציע אויפן גאַנצן פראָנט.

נישט נאָר, הייסט עס, גייט באַרג־אַראָפּ דאָס ייִדיש־ייִדנטום דאָ, נאָר אויך דאָס ענגליש־ייִדנטום — ס׳גייט אויפן וועג פון פראַנצויזישן, דייטשן און איטאַליענישן ייִדנטום, בעת אויף דער ייִדיש־גאַס ווערט דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג, ירידה אַלץ שאַרפער. אין דער צייט, וואָס אַן ענגער ייִדיש־קרייז קעמפט פאַר ייִדיש אין ישראל און באַווייינט דעם אונטערגאַנג פון ייִדישן וואָרט אין רוסלאַנד, שטאַרבט דאָ דאָס ייִדישע וואָרט טאָג־איין און טאָג־אויס פאַר אונדזערע אויגן. נישטאָ קיין פאַרלאַג־וועזן. מיר האָבן נישט קיין יוגנט. ס׳גייט ביז די הימלען אַ קולטור־געשריי, אָבער ס׳שלאָגט נישט אָפּ קיין עכאָ. און בעת אומעטום איז חורבן — גייסטיקער און פיזישער — טומלט מען זיך מיט באַנקעטן, קערמעשלעך, יובילייס, ווי אַלץ וואָלט געווען ביי אונדז אין דער בעסטער אָרדענונג.

די ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט איז פאַרכאַפּט פון דער בהלה פון פּרעמיעס, וואָס וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. דער פּרעמיע־איינפיר, וואָס האָט געזאָלט דערמוטיקן דעם שרייבער, איז געוואָרן דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אונדזער ווייניק־געלייענטער ליטעראַטור — אַ קוואַל פון הינטער־קוליסן פּאָליטיק, קנאה־שנאה אין די שרייבערישע רייען און אַ פאַלשע אילוזיע פאַר די לייענערס, וואָס גלייבן טאַקע, אַז אַ פּרעמירט בוך איז באמת דאָס בעסטע בוך פון יאָר (און דאָס פאַרשפּאָרט זיי שוין צו לייענען די „ניט־בעסטע״ ביכער)...

דער שרייבער, וואָס קאָן נישט און וויל נישט מיטמאַכן דאָס שפּיל פון ליטעראַרישער פּאָליטיק, פילט זיך ווי אַ פרעמדער, אַן איבעריקער.

אין דער ירידה־צייט, וואָס וואָלט געדאַרפט באַוועגן צו חשבון און חשבון־הנפש, צו דערנענטערונג פון איינעם צום אַנדערן, צו אַ פאַראייניקונג פון כוחות באַנאַנד צו ראַטעווען וואָס מען קאָן און וויפל מען קאָן — פירט זיך אויף אַ גרויסער טייל שאַפערס און טוערס פון ייִדישן וואָרט ווי די רוימישע אַריסטאָקראַטיע פאַרן און בעתן פאַנאַנדערפאַל פון דער רוימישער אימפּעריע — בגילופין אין אַ הוליאַנקע אויף אַ פאַפירענער בריק איבערן אָפענעם תהום, יעדער פון זיי אַריינגעטון אין זיך, גיעריק אַריינצוכאַפּן וואָס שנעלער דאָס ביסל אומשטאַרבלעכקייט, וואָס רינט אַרויס פון דער נאָענטער שטאַרבלעכקייט: נאָך מיר מעג קומען אַ מבול!

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן — און שטאַרק באַטאָנט ווערן — אַז צווישן די טיף־

פילנדיקע יידישע פּאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן, זענען דאָ נישט ווייניק אַזוינע, וואָס זיי טוט שטאַרק ווי דאָס געשריי פון ירידה־יאַריד, אָבער זיי זענען צו ווייניק אין צאָל, צו מיד פון יאָרן, צו שוואַך אין כוחות, אָדער פילאָסאָפיש־פּאַסיוו און (אין געוויסע פאַלן) צו אָנגעשראָקן — זיך צו שטעלן קעגן דער מאַיאָ־ריטעט, צו פּראָבירן ענדערן דעם צושטאַנד.

***

אין ליכט — אָדער אין שאָטן — פון אָט־דער אומהיימלעכער פּאַנאָראַמע, אַלוועלטלעכער, יידישער און יידיש־ליטעראַרישער, מוז מען ווערן אַפּהענדיק, דערשלאָגן, פאַרלוירן. מען דערפילט, אַז ס׳איז נישטאָ דער שרייבער, וואָס זאָל האָבן דעם כח דאָס אַלץ אַרומצונעמען. ס׳איז נישט פאַר אַ שרייבער. ס׳איז פאַר אַ נביא!

אָט־דאָס האָב איך דערפילט באַלד נאָכן אַריינפיר־קאַפּיטל און איך בין דער־פאַר אין די איבעריקע קאַפּיטלען אַראָפּ פון דעם סוביעקטיוון, פּסיכאָ־ביאָגראַפישן טאָן, זיך צו פאַרגרינגערן די אויפגאַבע. אָבער אַפילו אַזוי האָב איך באַוויזן אָנ־צושרייבן נאָך אַ צאָל מעמואַריסטישע קאַפּיטלען, איבערלאָזנדיק גרויסע בלויזן און אויסלאָזנדיק מער, ווי איך נעם אַריין אין דעם איצטיקן בוך, וואָס האָט גע־זאָלט זיין אַ פולער סך־הכל, נישט בלויז פון אַ יחיד, נייערט אויך פון אַן עפּאָכע.

און נאָך עפּעס וויל איך צום סוף זאָגן צו שרייבערס און לייענערס:

אַלץ, וואָס איך האָב אין דעם בוך געשריבן, איז מיט דער פולסטער אויפ־ריכטיקייט און ריינסטער כוונה. אויב איך האָב נישט געשאַנעוועט דעם און יענעם, האָב איך פּונקט אַזוי ווייניק, אויב נישט נאָך ווייניקער, געשאַנעוועט זיך אַליין; אויב איך קראַץ וווּנדן פון אַנדערע און פון אונדזער לעבן בכלל, קראַץ איך אפשר נאָך שאַרפער מיינע אייגענע וווּנדן.

ווען איך זאָל האָבן די מינדסטע האָפענונג, אַז גאָט וועט מיין תפילה דער־הערן, וואָלט איך מיינע איצטיקע רייד פאַרענדיקט מיט אַ תפילה — און איך וואָלט אַזוי מתפלל געווען: רבונו־של־עולם! אויב השארת הנפש נאָכן פיזישן טויט איז נישט בלויז אַ מענטשלעכע השערה און אויף יענער זייט קבר איז טאַקע דאָ המשך, אַלצאיינס אין וואָס פאַראַ פאָרעם, מאַך מיך אין דעם פרט פאַר אַ יוצא מן הכלל — אַז ווען מיין לעצטע שעה וועט שלאָגן, זאָל מיין נשמה האָבן דעם אייגענעם גורל וואָס מיין גוף. אמן.

א. אַלמי (אליהו־חיים שעפס)

ניו־יאָרק.

פריץ יארן

די האַנט

ווי אַ שראַפּנעל, וואָס שניידט זיך מיט בליציקער שנעלקייט אין לייב אַריין און בלייבט ערגעץ שטעקן, אַזוי האָט זיך יענע איבערלעבונג אַריינגעשניטן אין מיין זכרון אַריין, אין מיין גאַנץ וועזן אַריין, און שטעקט דאָרט עד היום הזה.

ווי אַלט איך בין דעמאָלט געווען? 9, 10 אָדער 11 יאָר. איך געדענק נאָר, אַז איך בין שוין דעמאָלט קיין לייט נישט געווען, כאָטש איך האָב געפּאַטשקעט עפּעס לידלעך! — אַזוי האָט מיין טאַטע זיך געקלאָגט פאַר שכנים, פאַר קרובים, פאַר פריינד, און יענע האָבן, נאָכן אויסהערן מיין פאָטערס טענות, מסכים געווען, אַז איך בין קיין לייט נישט.

אייגנטלעך האָב איך אַליין מסכים געווען, נאָר העלפן האָב איך זיך נישט געקענט. אַנדערע יינגלעך אין מיינע יאָרן, האָב איך געזען, זענען שוין לייט: זיי זענען „אויף דער לערן" ביי אַלערליי מלאכות און טויגן זיך אויס, שניידן זיך אויף פאַכלייט און פאַרדינערס. און איך — שוין איבערגעוואַקסן ביי שניידערס, ביי קאַ־מאַשנמאַכערס, ביי אַ שמוקלער און — גאָרנישט. האַלט זיך אינערגעץ נישט מער ווי אַ וואָך, העכסטנס צוויי וואָכן.

פאַרוואָס האַלט איך זיך נישט? ס'איז מיר אַליין נישט קלאָר. עפּעס קאָן איך נישט פאַרטראָגן דאָס קאָמאַנדעווען פון „מייסטער", פון זיין ווייב, פון די געזעלן; דאָס אַרומשיקן מיך מיט פּעק פאַרטיקע סחורה, אָדער אין קראָם אַריין; דאָס פאַר־האַלטן מיך נאָך דער אַרבעט — נאָך אַ 9—10 שעה האָרעוועניש — אויסצוקערן, צו רייניקן.

ס'ציט די פרייהייט, דער דרויסן, די לופט — די לופט, וואָס פעלט מיר אויס סיי אין מיין ענגער, פינצטערער היים, סיי אין וואַרשטאַט. און אַז איך קאָן שוין מער נישט אַריבערטראָגן, נעם איך און אַנטלויף, דריי זיך אַ גאַנצע נאַכט איבער די גאַסן, אָדער באַהאַלט זיך ערגעץ, ביז דער הונגער טרייבט מיך אַהיים.

ווי, איך בין קיין לייט נישט! — וויינט עס אין מיר. איך בין מקנא אַנדערע

יינגלעך, וואָס זענען לייט און טאַטע־מאַמע בענטשן זיך מיט זיי, אָבער קיין עצה זיך געבן קאָן איך נישט. און איינמאָל, ווען דער טאַטע באַקלאָגט זיך פאַר אַ שכן אויף מיר און וואַרפט דאָסמאָל, ווי זייטיק, אַריין, אַז זיין תכשיט קאָן נישט פאַרליידן וואָס דער „מייסטער״ און זיין ווייב שיקן אים — מיך, הייסט עס — אַרום, ווי אַ משרת, אָדער אַ דינסט, האָט דער שכן אַן עצה.

ער נאַראַיעט אַ גרעסערע פאַבריק, נישט אין אַ פּריוואַטער דירה, נאָר טאַקע אַן אמתע פאַבריק, וווּ ס׳איז נישטאָ קיין „מייסטער״, קיין ווייב, קיין קינדער, נאָר פאַרוואַלטערס, דירעקטאָרן — גאָר וואָזשנע. ס׳איז אַ פאַבריק פון אַלערליי קליינע מעטאַלענע אויסאַרבעטונגען: מאַשינקעלעך, אַנצופּילן גילזן מיט טיטון, אַש־בעכער־לעך און נאָך אַזעלכע זאַכעלעך. דער שכן ווייס, אַז מען דאַרף דאָרט לערן־יינגלעך.

אין אַ פראַסטיקן ווינטער־פרימאָרגן פירט מיך מיין טאַטע צו דער פאַבריק. ס׳איז נאָך גוט פינצטער און די לאַמטערנעס וואַרפן די שאָטנס פון פאָטער און קינד אויפן שניי. מיין טאַטע איילט זיך. ער דאַרף באַלד אַוועק אין מאַרק אַריין האַנדלען, שפּאַנט ער שנעל און איך לויף אים נאָך, גליטש זיך עטלעכע מאָל אויס, אָבער מיין טאַטע קוקט זיך אפילו נישט אַרום.

אָט זענען מיר ביי דער פאַבריק אין קעלער פון אַ לאַנגן הויף. די פאַבריק פאַרנעמט, דאַכט זיך, די גאַנצע לענג פון קעלער, וואָס ציט זיך פון טויער אין ערשטן הויף ביזן טויער פון צווייטן הויף. מיין טאַטנס טריט ווערן פאַמעלעכער. ער כאַפּט אַראָפּ דאָס היטל און פירט מיך, מיט אומזיכערע טריט, אַריין אין קאַנטאָר פון דער פאַבריק. עפּעס אַ מענטש, וואָס זיין אויסזען געדענק איך נישט, רופט־צו מיין טאַטן.ביידע שמועסן עפּעס, אויף אַ לשון געמישט פון פויליש און יידיש, און פון זייערע מינעס, מער ווי פון זייערע רייד, דערפיל איך, אַז דאָס געשעפט איז גע־מאַכט, אַז איך בין פאַרקויפט...

דער טאַטע געזעגנט זיך מיט דעם קאַנטאָר־מענטש, האַלט זיך אין איין בייגן און נייגן, שטופּט מיר אין דער האַנט אַריין אַ קופּערנע מטבע און לאָזט מיך איבער. איך שטיי אַ פאַרלוירענער און ווייס נישט וואָס צו טון. דער קאַנטאָר־מענטש גיט עפּעס אַ מורמל און ווייזט מיר מיט דער האַנט אויף דער אָפענער טיר צו דער פאַבריק.

איך שטיי אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר. איך זע רייען מענטשן, יונגעלייט און יידן מיט בערד, מיידלעך און עלטערע פרויען — אַלע ביי ווערק־שטעלן, מיט די אויגן פאַרזונקען אין דער אַרבעט. רעדער דרייען זיך, האַמערס קלאַפּן, נאָלן פליִען, דאַכט זיך מיר, אין דער לופט. אַ געדיכטער שטויב פאַר־שטעלט ממש דאָס שוואַכע ליכט פון נאַפט־לאָמפּן, וואָס הענגען אַראָפּ פון בעליק. שעמעוודיק און צעמישט קוק איך אין אַלע זייטן, ווייס נישט אין וועלכער

זיים צו גייך, צו ווענדן, צו זאָגן. איך שטעל אַ טריט און בלייב שטיין, ווי צוגעוואַקסן צום אָרט. אויפן האַרץ איז מיר אַזוי שווער. אַ מחשבה־זרה קריכט מיר אין קאָפּ אַריין: אַנטלויפן. אָבער איך האַלט זיך אָפּ. ביסלעכווייז הייבן זיך אויף קעפּ פון איבער די ווערקשטעלן — קאָפּ נאָך קאָפּ. אויגן צילן זיך אין מיר, קוקן מיט חידוש, אַ מיידל צעלאַכט זיך, באַלד נאָך אַ מיידל און נאָך איינע. דאָס געלעכטער צעטומלט מיך נאָך מער און מיין פּנים ווערט אָנגעגאָסן מיט בלוט.

פּלוצלינג וואַקסט ווער אויס הינטער מיר. אַ שווערע און שטאַרקע האַנט גיט מיך אַ האַסטיקן שטויס אין פאַבריק אַריין, באַגלייט מיט אַ געשריי:

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם?

איך גיב אַ פלי, ווי אַ פייל פון בויגן און צי זיך אויס אויף דר׳ערד, מיטן פּנים אַראָפּ, ביי אַ ווערקשטעל. איך הער אַ געלעכטער — ווידער פון די מיידלעך. עמעצער שרייט אויף זיי, אַ פרוי הייבט מיך אויף. אַלץ טאַנצט מיר פאַר די אויגן — די ווערקשטעלן, די מענטשן, די לאָמפּן און — איך פּלאַץ אַרויס אין אַ געוויין.

איך ווייס נישט ווער ס׳האָט מיך, פון הינטן־אַרום, אַזאַ אימפּעטיקן שטויס געטון. יענער ביורא־מענטש, צי עמעצער אַנדערש. דער עיקר איז, אַז אָט־יענעם אומגעריכטן שטויס — אין יענעם ווינטערדיקן פרימאָרגן — אין דער אומהיימלעכער פאַבריק אַריין — פיל איך מיין גאַנץ לעבן. איך שפּיר אים פּסיכיש און איך פיל אים פיזיש, ווען נאָר איך דערמאָן זיך אָן יענעם אינצידענט פון מיינע קינדער־יאָרן.

שוין דעמאָלט, אונטערן פרישן איינדרוק פון דעם אינצידענט, איז אין מיר אויפגעקומען דער געדאַנק — און דער געדאַנק איז אין מיר געוואַקסן מיט די יאָרן — אַז מיט אָט אַזאַ שטויס פון אַן אומבאַקאַנטער בייזער האַנט הייבט זיך אָן דער מענטשלעכער גורל אויף דער ערד, מיינער און אַלעמענס.

אַ מאַכטיקע האַנט פון אַ גרויסן אומבאַקאַנטן — די יד־חזקה — גיט אונדז אַזאַ אומגעריכטן שטויס אין דער וועלט אַריין, אין לעבן אַריין — און לאָזט אונדז אויף הפקר, צו אונדזער אייגענעם גורל.

נאָר טייל דערפילן זיך שנעל היימיש, גוט־ברודעריש מיט אַלעמען; און אַנדערע, די ווייניקערע, פילן זיך דאָ אייביק פרעמד, אייביק פאַרלוירן, אייביק ווי פאַרבלאָנדזשעטע.

פאַר מיר איז די וועלט אַלעמאָל געווען ווי אַ פרעמדער גרויסער זאַל מיט אַ סך אומבאַקאַנטע מענטשן. אַלע מיינע אָנשטרענגונגען זיך צו מאַכן היימיש, צו ווערן געזעלשאַפטלעך, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אין בעסטן, אָדער

אין ערגסטן פאַל — מיט עפּעס אַן אומגעלומפּערטער טאַט, ווי ס׳טרעפט אַלעמאַל, ווען אַ מענטש וויל ווערן „נאַטירלעך" אויף אַן אומנאַטירלעכן־געקינצלטן אופן.

די מענטשן וואָס פילן זיך היימיש אויף דער וועלט, זיי זענען אומעטום ביי זיך אינדערהיים. מיר ווערט אַלעמאָל אומהיימלעך צווישן אַ גרויסן עולם. פאַר־זאַמלונגען, באַנקעטן, אויפגעלויפן מאַכן מיך אומרואיק, נערוועז. אַ געפּאַקטער מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן פאַלט אויף מיין געמיט ווי אַ שווערע משא און איך קאָן ביי זיך נישט פּועלן איבערצוטרעטן די שוועל פון אַ גרויסן רעסטאָראַן, פון אַ „קאַפּעטעריע". ווי נאָר איך דערנענטער זיך צו זיי, באַפאַלט מיך דיזעלביקע פאַר־לוירנקייט און אומהיימלעכע אימה, ווי אין יענעם אינדערפרי אויפן שוועל פון דער פאַבריק.

די איבערלעבונג פון דעם שטויס, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם גע־דאַנק, אַז פונקט אַזוי ווערן מיר פון אַן אומבאַקאַנטער רשעותדיקער האַנט אַריינ־געשטויסן אין דער וועלט אַריין, אין דער עקזיסטענץ אַריין, האָט אין די ערשטע יאָרן פון מיין פּאָעטישן שאַפן מיך אינספּירירט צו אַ ליד, ווו דער אייגענער גע־דאַנק ווערט אויסגעדריקט און ווו איך דערצייל, אַז מיר דאַכט זיך אָפט, אַז מיין נשמה האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט פון אַן אַנדער פּלאַנעט — דערפאַר פיל איך זיך דאָ פרעמד און פאַרלוירן.

אפשר ווערן טאַקע נשמות פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון אַנדערע פּלאַנעטן און זיי בלייבן שטענדיק פרעמד אויף דער ערד, בענקענדיק אַהין, צו ערגעץ אַנדערש, צום אומבאַקאַנטן שורש? דערפאַר אפשר די אייביקע אומרו, די אומבאַשטימטע, אין שעפערישע מענטשן? אפשר. ווער ווייס? ווער קאָן וויסן? ווען מיר זאָלן וויסן אַזוי פיל וויפל מיר ווייסן נישט, וואָלטן מיר דאָך געוווּסט זייער אַ סך.

דאָס נישט וויסן — און דאָס וויסן, אַז מיר קענען קיינמאָל נישט וויסן די עיקרדיקע, אייביקע קאָסמישע סודות, — ברענגט מיך אָפט פשוט אין כעס אַריין. קיינמאָל־קיינמאָל וועלן מיר נישט האָבן קיין ענטפער אויף אַזעלכע תוך־פראַגעס, ווי: פאַרויסבאַשטימטקייט, פרעדעטערמיניזם, אָדער פרייער ווילן; וואָס איז די ערשטע סיבה? און אויב די ערשטע סיבה — וועלכע ערשטע סיבה האָט אַרויס־גערופן די ערשטע סיבה? און אויב די ערשטע סיבה האָט אַ פריערדיקע סיבה, איז דאָך שוין די ערשטע סיבה נישט די ערשטע — און אַזוי כסדר און כסדר דער פאַרכישופטער קרייז. פונקט אַזוי מיט ענדלעכקייט און אומענדלעכקייט, וואָס בעת מיר קאָנען נישט משיג זיין אין־סופיקייט, קאָנען מיר אָבער אויך זיך נישט פאָרשטעלן סוף, אַן ענדלעכן אוניווערס — ווי אין איינשטיינס מאַטעמאַטישער פאָרמול. וואָרן אויב ערגעץ איז סוף, מוז דאָך „עפּעס" זיין אויף דער אַנדערער זייט „וואַנט", איז דאָך שוין דער סוף קיין סוף נישט...

און וואָס מיינט עס, על־פּי גרויסע אַסטראָ־פיזיקער און מאַטעמאַטיקער, אַז דער אוניווערס עקספּאַנסירט, שפּרייט זיך אויס, בלאָזט זיך אָן, ווי אַ באַלאָן, ביז ער וועט פּלאַצן? וווּ שפּרייט ער זיך אויס? געפינט זיך דען דער אוניווערס אין אַן אַנדער רוים, אין אַ גרעסערן, אָט ווי דער טיש, אויף וועלכן איך שרייב דידאָזיקע שורות, געפינט זיך אין אַ צימער? דעמאָלט איז דאָך דער אוניווערס — נישט דער אוניווערס, נאָר בלויז אַ קלענערער אוניווערס, וואָס געפינט זיך אין אַ גרעסערן אוניווערס...

מאַטעמאַטיש מעג אַלץ שטימען, אָבער אין אונדזער פאָרשטעלונג, אין אונדזער לאָגיק שטימט עס נישט. מיר קאָנען, פאַרשטייט זיך, אַנטלויפן צום פּראַגמאַטיזם, וואָס מיידט בכלל אויס אַלע קשיות, וועלכע קאָנען נישט פאַרענטפערט ווערן. אָבער אַנטלויפן פאַרענטפערט נישט. עס פרעגט זיך פאָרט. דער געדאַנק וויל נישט רוען הגם ער באַגרייפט, אַז מיר קאָנען אַזעלכע תוך־רעטענישן נישט דערקלערן, נישט וויסן. און וואָס קאָנען מיר יאָ וויסן, מיר, די פאַרמאַכטע אינעווייניק, אין דעם אוניווערס, וווהין די שטאַרקע האַנט — די יד חזקה — האָט אונדז אַריינגעשטויסן?

איך האָב אָט־די האַנט פון דעם אומבאַקאַנטן, אומהיימלעך־גרויסן — נישט ליב. איך קאָן זאָגן, אַז פיינט, ווי ס'איז אין מיר געבליבן אַ פיינטשאַפט צו יענער האַנט, וואָס האָט מיך, אַ הילפלאָז יינגל, אַ שטויס געטון אין פאַבריק אַריין און — ווי איך האָב פיינט דיקטאַטור.

די אוניווערסאַלע דיקטאַטור און דער קאָסמישער סנאָביזם לגבי די מיליאַרדן ברואים באַליידיקט דעם מין מענטש. אַ שטויס געטון אין לעבן אַריין און אויף הפקר געלאָזט — שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט רשעות, ווו די שטאַרקערע פאַרצוקן די שוואַכערע — אין דער לופט, אויף דער יבשה און אין די ימען — רייסט זיך און בייסט זיך, מענטשנקינדער. איז דאָס ווייניק? נאָט אייך גיפטיקע באַקטעריעס, קראַנקייטן, אומגליקן און צום סוף — טויט. און וואָס איז טויט? סוף? נייער אָנהייב? ווער ביסטו, מענטש, אַז דו זאָלסט וויסן? ערגעץ איז דאָ אַן ענטפער אויף אַלע קשיות, גרויסע און קליינע, אָבער דאָס אַלץ איז נישט פאַר דיר. ס'איז אין דעם פאַרבאָרגענעם חדר פון דעם אויבער־דיקטאַטאָר...

מע וועט זאָגן: אַ מאָדנע רעליגיאָזיטעט ביי מיר, אַ טשיקאַווער מאמין — גלייבט אין דער אַלהעכסטער, באַוווּסטזיניקער מאַכט, אָבער האָט זי נישט ליב, האַלט זי פאַר אַ ממשלת זדון. אָבער אָט־דאָס מאָדנע רעליגיעזע געפיל מיינס איז ביי מיר נישט קינצלעך אויסגעמחט, נאָר אוממיטלבאַר פאַרפלאַנצט אין מיין וועזן זינט דעם טאָג, ווען מיין געדאַנק האָט זיך אויפגעוועקט; און די הכנעה פון דעם

מענטש לגבי דעם בורא־עולם, זיין וואַרפן זיך פאַר אים אין שטויב און אָננעמען פאַר ליב אַלע אומגליקן, האָט מיך אַלעמאָל שאָקירט און געעקלט. אין דער איוב־טראַגעדיע האָט זיך פאַר מיר ווונדערלעך דערהויבן איובס ווייב מיט איר שטאָלצן און ווירדיקן אויסגעשריי: „שעלט גאָט און שטאַרב!". איך האָב קיינמאָל נישט גע־קאָנט משיג זיין דעם מענטש, וואָס באַרימט זיך מיט זיין גאָטספאָרכטיקייט און ס'זענען מיר דערווידער געווען די תפילות, וואָס גרויסן זיך מיט אימה, מיט ציטערניש, מיט פלאַטערניש. וואָס פאַראַ רעליגיאָזיטעט איז דאָס, אויב ס'איז דיקטירט פון מורא, אָנשטאָט פון פּאָעטיש־פילאָסאָפישער באַוווּנדערונג? דאָס לעצטע איז צו פאַרשטיין — ווי איינער זאָל נישט אויפפאַסן דאָס קאָסמישע, דעם אוניווערסאַלן שכל, ווי דער מקור פון שיינקייט און גערעכטיקייט, אָדער ווי אַ קוואַל פון רשעות און אומרעכט.

פּיכטע איז סוף־כל־סוף גערעכט געווען מיט זיין זאָג, אַז דער יסוד פון יעדער רעליגיע איז מורא — די מורא פאַר גאָטס אַלמאַכט, די מורא צו זיין אַליין, אָן אַ פאָטער, אָן אַ באַשיצער, אין אָט־דעם אומהיימלעכן און אומבאַגרייפ־לעכן אוניווערס. אַריסטיפּוס און עפּיקור'ס פילאָסאָפיעס פון הנאה האָבן, פון תענוגי עולם הזה זענען בתוך געווען אַ רעוואָלט קעגן דעם מענטשנס הכנעה לגבי דער אַלמאַכט, קעגן יראת ד' — ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער אָריגינעלער גריכישער רעליגיע פון מיסטיציזם, איידער די „באַרבאַרן פון צפון" זענען אַריינגעדרונגען אין גריכנלאַנד און איינגעפירט דעם אָלימפּישן פּאַגאַ־ניזם.

ווי פּאָעטיש איז די ביבלישע געשיכטע וועגן דעם דור־הפלגה, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן גאָט, קעגן זיין שטאַרקער האַנט! באַפרייט פון יראת ד' בויען זיי אַ טורעם צום הימל, אָבער גאָטס יד חזקה גרייכט זיי, באַזיגט זיי...

איך בין חושד, אַז אַפילו הינטער ברוך ספּינאָזאַ'ס „אינטעלעקטועלער ליבע" צו גאָט, באַהאַלט זיך — לאָמיר זאָגן: אונטערבאַוווּסטזיניק — דער יראת ד' און דאָס געפיל פון דעם שטויס, דורך דעם בוראס יד חזקה — אין דער וועלט אַריין. וואָס, אייגנטלעך, הייסט עס אַזוינס „אינטעלעקטועלע ליבע"? אין פלוג קלינגט עס ווי ד'ער היפוך פון עמאָציאָנעלער ליבע, אָבער אין תוך מיינט אונדז, דאַכט זיך, ספּינאָזאַ צו זאָגן, אַז זיין ליבע צו גאָט איז נישט דיקטירט פון דעם בלינדן אינסטינקט, נאָר פון קלאָרן, ראַציאָנאַלן, מאַטעמאַטישן געדאַנק. אויב אַזוי, פאַרוואָס בכלל ריידן וועגן ליבע, ווו ס'פּאַסט זיך בעסער „פאַרשטיין", אָדער „תופס זיין"? און וועמען ליב האָבן? מיר קאָנען ליב האָבן עפּעס, וואָס איז אויסער אונדז, אָבער ווען־דליק ספּינאָזאַ'ס פּאַנטעיִסטישער פילאָסאָפיע איז דאָך גאָט נישט מחוץ דער וועלט, נאָר

ער איז — די וועלט. אַלץ איז גאָט און גאָט איז אַלץ — איך און איר און דער בוים און דאָס פֿליגעלע.

האָב איך אַלעמאָל געטראַכט, אַז מיט זיין „אינטעלעקטועלער ליבע" צו גאָט האָט ספּינאָזאַ אונטערבאַוווסטזיניק פֿאַרראַטן זיין אייגענע פֿילאָסאָפֿיע און דערביי מאַניפֿעסטירט אויף אַ פֿאַרשטעלטן אופֿן דעם יראת ד׳, וואָס לעבט נאָך ערגעץ אין אים, דעם געוועזענעם ישיבה־בחור. מיין חשד אויף ספּינאָזאַן קאָן אונטער־געשטיצט ווערן מיט ספּינאָזאָ׳ס אייגענע רייד, ווי למשל, אין זיין בריוו צו אַלבערט בורג, דער זון פֿון ספּינאָזאָ׳ס אַ נאָענטן האָלענדישן פֿריינד, וואָס איז גע־וואָרן אַ פֿרומער קאַטוילִיק. אויף זיין ווענדונג צו זיין געוועזענעם לערער, אַז ער זאָל ווערן אַ בעל־תשובה, ענטפֿערט ספּינאָזאַ מיט דער עצה: „דערקען דעם שכל, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן און קולטיוויר אים!" אין פֿאַרשיידענע שטעלעס פֿון זיינע ווערק כאַפּט זיך דאָ און דאָרט ווידער אַרויס אַן אויסדרוק, וואָס איז אין היפּוך צו זיין פֿילאָסאָפֿישן, אימאַנענטן גאָט, אָט ווי אין שייכות צום ייִדנטום, אַז „גאָט וועט זיי (די ייִדן) נאָך מעגלעך צום צווייטן מאָל אויסוויילן" (און אויפֿ־שטעלן אויפֿסניי זייער מלוכה). דאָס קלינגט זייער מאָדנע ביי איינעם, וואָס אין זיין פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר דעם אַנטראָפּאָמאָרפֿישן (פּערזאָניפֿיצירטן) גאָט — אַ גאָט מחוץ און איבער דעם באַשאַף, וואָס ער גיט און נעמט, שאַפֿט און צעשטערט. זעט עס מיר אויס, אַז דער גאָט פֿון חומש — וואָס דער פֿילאָסאָף האָט אים, ווי ער האָט געמיינט, פֿאַרטריבן פֿון זיין פֿילאָסאָפֿישן גן־עדן, איז פֿאַרט געבליבן ערגעץ אין ספּינאָזאַן — אין זיין האַרץ, אָדער אונטער־באַוווסטזיין — און ער כאַפּט זיך אַרויס ווי נאַר און ווען נאָר דער אַמסטערדאַמער „פֿאַרקוקט זיך" — און זיין יראת ד׳ וועקט זיך אויף...

***

וואָס וויל איך, אייגנטלעך, מיט דעם ביז־אַהער־געזאָגטן באַווייזן? מען קען אַלץ דערפֿירן צו אַן אויספֿיר, אַפֿילו צו אַ שיטה. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. טראַכטן צוליב טראַכטן איז אפֿשר נישט ווייניקער באַרעכטיקט ווי קונסט צוליב קונסט. און עס טראַכט זיך, אַפֿילו ווען דו ווילסט נישט טראַכטן און אַפֿילו ווען דער דאָקטער, דער אַלצווייסער, פֿאַרזאָגט דיר נישט צו טראַכטן, כּדי דיין געמיט זאָל זיין רויִק און דו זאָלסט קענען שלאָפֿן...

און דער דאָקטער מיינט דאָך גוט — הגם מיר וויסן נאָך אַלץ ווייניקער וועגן אונדזער אייגענעם קערפּער, ווי וועגן די הימלישע קערפּערס. אָבער דער ערנסטער מעדיקער, בפֿרט, אַז ער איז אַ פּערזענלעכער פֿריינד, טוט אַלץ, וואָס ער קאָן. ער איז באַזאָרגט וועגן מיר, אָדער וועגן דעם ווירוס, וואָס האָט זיך אין

מיר באַזעצט און פּייניקט מיך מיט יסורים. וואָס איז אַ ווירוס? — איינס פון די אָנשיקעניִשן פון קאָסמישן שכל — אַ קאַרליקל אין פאַרגלייך צום באַציל, וואָס ער איז אויך נישט קיין ריז, אָבער ווייזט אויס, אַ סך שטאַרקער.

ס׳איז אַ ווייסע ווינטערדיקע נאַכט, ווי יענער פרימאָרגן אין וואַרשע, בעת איך האָב מיט מיין פאָטער געשפּאַנט אין שניי צו דער פאַבריק — צו דער אומ־באַקאַנטער, בייזער האַנט, וואָס האָט מיך אַזאַ האַסטיקן שטויס געטון. איך בין אַליין, אַהיים געשיקט די „קראַנקן־שוועסטער״, געזאָגט איר, אַז כ׳וויל איין נאַכט בלייבן אַליין. איך שטרענג זיך אָן צו שטיין אויף די פיס, שאַר זיך צו צום פענצטער, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, עפן עס אויף. אַ קאַלטער ווינט דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. איך הייב־אויף דעם קאָפּ צו די שטערן. זיי קוקן קאַלט. געפרוירן, גלייכגילטיק. איך לאָז אַראָפּ מיין בליק צום אַספאַלט. שפּרינגען? נישט צוליב דער קראַנקייט. דאָס וועל איך איבערקומען — אָבער בכלל?... צוליב וואָס וואַרטן? אויף וואָס וואַרטן? איז עס נישט גענוג — אין אַזאַ רשעותדיקער וועלט, פול מיט רציחה, אין אַ קאַלטן, אכזריותדיקן אוניווערס?

איך וואַרט, אַז יענע בייזע, מאַכטיקע האַנט זאָל מיך פון הינטן אַ שטופּ־טון — פון לעבן אַרויס. וואָס הייסט — פון לעבן אַרויס? און וואָס דערנאָך? טאַקע אויס, אָדער המשך — אין אַן אַנדער פאָרעם? אָט־די מעגלעכקייט פון המשך — און נישט דער טויט — האָט מיך אַלעמאָל געשראָקן. כ׳האָב עקשנותדיק געזוכט און געבענשטערט באַווייזן, אַז קיין המשך איז נישטאָ; געוואָלט, אַז ס׳זאָל נישט זיין: איין עקסיסטענץ איז די־והותר. אָבער וואָס מער איך האָב געפאָרשט, געגריבלט זיך, איינגעשפּאַרט זיך צו נעגירן די אינסטינקטיווע און אינטואיטיווע שפּירונג פון המשכדיקער אידענטיטעט פון דער פּערזענלעכקייט אויף יענער זייט קבר — אַלץ מער איבערצייגט געוואָרן בין איך נישט נאָר אין דער מעגלעכקייט נאָר אויך אין דער וואַרשיינלעכקייט פון קערפּערלאָזער, אָדער גייסטיקער עקסיס־טענץ — אַ וואַרשיינלעכקייט, וואָס ווערט נאָך מער באַקרעפטיקט דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

מיר ווייסן שוין איצט, פון די נייע דערפאַרונגען, אַז דאָס נישט זען און נישט הערן „עפּעס״ מיט אונדזערע „געוויינטלעכע״ חושים, איז בשום־אופן קיין ראיה נישט, אַז דער „עפּעס״ איז נישט בנמצא. מיר זעען נישט און הערן נישט די בילדער און שטימען, וואָס יאָגן און טראָגן זיך אין חלל פון איין עק וועלט צום אַנדערן, ביז די צוויי מעדיומען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, כאַפּן זיי אויף, קיין וויסנ־שאַפטלעך־דענקנדיקער מענטש וועט איצט נישט באַנוצן דעם שאַבלאָנעם אַרגו־מענט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין נשמה, מחמת קיינער האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געזען — האָט דאָך נאָך קיינער נישט געזען און וועט מסתמא קיינמאָל נישט זען

— קיין אַטאָם, הגם מיר האָבן אים שוין געשפּאָלטן און שוין מיט זיין אומגעהייערן כח חרוב געמאַכט שטעט מיט הונדערטער טויזנטער מענטשן... אָבער מע האָט טויזנטער יאָרן געשפּירט די עקסיסטענץ פון אַטאָם, ווי מיר שפּירן די פונקציע פון דער נשמה — און אַזוי ווייט ווי מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק האָט דעמאָקריט געשאַפן די אַטאָמישע פילאָסאָפיע.

איז באמת נישטאָ קיין אַנטלויפן, קיין אַרויס, קיין באַפרייאונג פון דער אַלמאַכטיקער האַנט, וואָס האָט דיך אַריינגעשטויסן אין לעבן אַריין, אָן דיין ווילן? די נאַכט שווייגט. די שטערן שווייגן און ציטערן קאַלט. אַזוי האָבן זיי געציטערט איבער די קעפּ פון אברהמען, פון בודאַן, פון קאָנפוציוסן, פון זאַראַסטערן, פון גלייביקע און צווייפלערס, פון קריגערס און טרוימערס, פון רוצחים און זייערע קרבנות, פון פאַרליבטע און ציניקער. נישטאָ קיין ענטפער פון ערגעץ נישט, אינערגעץ נישט. נישטאָ קיין טרייסט פאַרן שווערן געמיט און קיין אָנווייז פאַרן אומרואיקן געדאַנק. אַ געדיכטער שניי הייבט־אָן פאַלן. די שטערן באַהאַלטן זיך. איך פאַרמאַך דאָס פענצטער און דורך די אומהיימלעכע, איינזאַמע חדרים פון מיין דירה שפּאַן איך — איך, מיין שאָטן און מיין שטעקן — טריט־ביי־טריט — צום שרייב־טיש...

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1948.

דער שליסל

דזיעלנע גאַס נומער 79, ווו מיר האָבן אַ שטיק צייט געוווינט, ווען איך בין געווען אַ חדר־יינגל, איז געלעגן נישט ווייט פון די „אָקאָפּעס" מיט דעם אַלטן יידישן בית־עולם, אָדער גענשער בית־עולם, ווי מען האָט עס גערופן, ווייל די גענשע גאַס איז געווען דער הויפּט־וועג, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געצויגן אַלע לוויהס צום „גוטן אָרט". דאָס הויז איז געווען אַ צווילינג־געביידע מיט אַ פאָדערשטער מויער און אַ הינטערשטער מויער, אויפן שטייגער פון אַ סך וואַרשעווער הייזער. צווישןביידע מויערן — אַ לאַנגער הויף.

מיר האָבן געוווינט אין דער הינטערשטער מויער, אויפן פערטן שטאָק. דער הויף צווישן ביידע אָפּטיילונגען האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּאַרקאַן. אויף יענער זייט פּאַרקאַן איז געווען אַ סאַד מיט עפּל־ביימער, וואָס האָט געהערט צו אַ גוי און ער פלעגט דעם קליינוואַרג ברעכן די ביינער, ווען ער האָט אונדז געכאַפּט רייסנדיק עפּל. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ שטאַל, ווייס געקאַלכט, ווו פאָרמאַנעס פון יענעם הויז האָבן געהאַלטן זייערע פערד.

דאָס צווילינג־הויז איז געווען טומלדיק פון פריִען באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט — און אַפילו אין מיטנאַכט פלעגט זיך טיילמאָל דערהערן אַ געשריי, אַ געוואַלד, באַגלייט פון אַ געבראַזגעריי פון צעבראָכן געפעס. דערמיט איז דזיעלנע 79 נישט געווען קיין אויסנעם פון אַנדערע הייזער אין די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן פון וואַרשע. שטענדיק איז דאָרט געשטאַנען אַ הו־האַ, אַ יאַריד, געשרייען פון מאַמעס, אַ געוויין פון קינדער, אַן איבערשרייען זיך דורך די פענצטער, געזידלערײ און קללות. אויך געשלעגן זענען נישט געווען קיין זעלטנקייט. זייער־זייער זעלטן האָט זיך געהערט פון ערגעץ אַ געלעכטער — סיידן ס'איז געווען אַ שמחה, אַ תנאים, אַ חתונה, אַ ברית, צי אַ זון איז באַפרייט געוואָרן פון „פּאָניען". חוצדעם האָבן הענדלערס כסדר אויסגערופן זייערע סחורות אין הויף, אָדער אַ קאַטערינקע האָט זיך צעשפּילט, באַגלייט פון אַ גרילצנדיק געזאַנג, צי אַ בעטלער האָט זיך באַקלאָגט, ס'רוב אין גראַמען, וועגן זיין ביטערער מערכה:

חשבון און סך־הכל

וואַרפֿטס אַראָפּ אַ נדבה, גוטע מענטשן,
האָט'ס רחמנות! גאָט וועט ענק בענטשן:

אין אָט־דעם טומלדיקן הויף איז געווען אײן אינדזעלע פֿון שטילקייט. אין דער דירה איבער אונדז, אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. פֿון יענער דירה האָט מען קיינמאָל נישט געהערט קיין שאָרך. אַפֿילו די טריט איבער אונדז זענען געווען שטילע, געמאָסטענע, ווי דאָרט וואָלטן זיך באַוועגט שאָטנס. האָט מען יענע וווינונג טאַקע גערופֿן „די שטילע דירה" און אירע איינוווינער — „די שטילע משפּחה". דאָס געזינדל איז באַשטאַנען פֿון פֿיר נפֿשות: דער טאַטע, אַן עלטערער ייִד, אַן אלמן, אַ נידעריק־געוויקסיקער, מיט אַ ברייטער גראָלעכער באָרד, אַ הדרת־פּנים; צוויי טעכטער און איין זון.

אַלע פֿיר האָבן זיי געשוויגן, קיינמאָל צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגע־רעדט און אַפֿילו קיין „גוט־מאָרגן" קיינעם נישט געזאָגט, נאָר אַ לייכטן שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווען מען האָט זיי באַגריסט. זיי זענען אַלעמאָל געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, קיינעם אין די אויגן נישט געקוקט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זעען טאַקע קיינעם נישט. מיר, דעם חדר־ייִנגל, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען מרוקעס, בייזע. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זייער שווייגן און זייער נישט קוקן קיינעם אין פּנים אַריין, איז נישט געווען מחמת בייזקייט.

דעם אַלטנס נאָמען איז געווען רב מרדכי און דעם זונס — לייזער. די נעמען פֿון די צוויי מיידלעך האָט קיינער נישט געוווּסט. אַ חידוש איז, וואָס מען האָט יאָ געוווּסט די נעמען פֿון די מאַנסלייט, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין פּיפּס געטון. געגנוי פֿון וואָס דער אַלטער ציט חיונה, וווהין ער גייט יעדן אינדערפֿרי, האָט אויך קיינער נישט געוווּסט, אָבער דער און יענער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ מלמד און וועגן דעם זון האָט מען דערציילט, אַז ער איז אַ העפּטער, אַז ער האָט גילדענע הענט און דערצו „מאַלעוועט" ער. ס'זעט אויס ווי לעבעדיק! — האָט אַ שכנה אַמאָל פֿאַרזיכערט.

וועגן די צוויי מיידלעך האָבן די שכנות געוווּסט, אַז איינע איז אַ נייטאָרין און די אַנדערע — איך ווייס נישט, צי ס'איז געווען די יונגערע, אָדער די עלטערע — איז... אָבער דאָ האָט מען אָנגעהויבן ריידן שטיל, שושקען זיך. פֿון די שוש־קערייען איז צו מיר דערגאַנגען, אַז זי שלעפּט זיך אַרום בײנאַכט אין די גאַסן און רופֿט קונים. מיר, דעם חדר־ייִנגל, איז דאָס געווען אַ מאָדנער חידוש: וואָס הייסט — זי רופֿט קונים? וואָס אַזוינס פֿאַרקויפֿט זי? אפֿשר געגנבעטע סחורה? — האָב איך געטראַכט. פֿון „פּאַסערס", וואָס קויפֿן־אָפּ פֿון גנבים זייערע גנבות,

האָב איך שוין געהאַט געהערט, אָבער אַז אַ מיידל זאָל אַרומגיין ביינאַכט אין די גאַסן פאַרקויפן — דאָס האָט זיך מיר עפּעס נישט געלייגט אויפן שכל, כאָטש איך האָב אַ סך מאָל געזען ווי מיידלעך שפּאַצירן ביינאַכט אין גאַס אַהין און צוריק און מאַנסבילן שטעלן זיך מיט זיי אָפּ, אָבער איך האָב דאָס אָנגענומען ווי סתם באַקאַנטשאַפטן. אַז איך האָב איינמאָל געפרעגט דער מאַמען וועגן דעם, האָט זי אויף מיר אָנגעשריגן, אַז אַלץ וויל איך וויסן.

די „שטילע משפחה" איז אונדז געווען נענטער ווי אַלע אַנדערע שכנים — סיי צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געוווינט פּונקט איבער אונדז און מיר האָבן געהערט זייערע שטילע טריט; סיי צוליב דעם שליסל פון זייער דירה, וואָס זיי פלעגן לאָזן ביי אונדז. צוליב דעם שליסל זענען אַלע פיר מיטגלידער פון דעם געזינדל כסדר געקומען צו אונדז — דאָס הייסט: יאָ געקומען און נישט געקומען. ס'האָט זיך אַן עפן־געטון אונדזער טיר, וואָס האָט געפירט אין קיך אַריין; אַ האַנט האָט זיך אַ שטרעק־געטון צו דער קליינינקער פּאָליצע לעבן דער טיר און אַוועקגעלייגט, אָדער אַוועקגענומען דעם שליסל. טיילמאָל איז דאָס אַנידערלייגן און דאָס צונעמען דעם שליסל צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, איז שוין דאָס פּנים נישט געווען און דער בליק האָט נאָך קוים פאַרכאַפּט די פאַרשווינדנדיקע האַנט.

אינדערפרי האָט אַ האַנט אַוועקגעלייגט דעם שליסל — אַמאָל איז עס געווען די האַנט פון רב מרדכין, אַמאָל פון לייזערן און אַמאָל פון דער טאָכטער, די בייטאָרין. ס'האָט זיך געווענדט ווער ס'איז אַוועק צום לעצטן. אין אַ שעה אַרום, טיילמאָל נאָך פריִער, האָט זיך אונדזער טיר ווידער געגעבן אַ פּראַל־אויף און אַ האַנט האָט דעם שליסל אַ כאַפּ־געטון — דאָס איז געווען די האַנט פון „יענער", וואָס גייט אַרום ביינאַכט אין די גאַסן און אינדערפרי, נאָכדעם ווי די אַנדערע דריי פון דעם געזינדל זענען שוין אַוועק, קומט זי אַהיים שלאָפן. פאַרנאַכט, איידער די דריי זענען אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט איר האַנט ווידער אַוועקגעלייגט דעם שליסל.

אַזוי האָבן זיך די דריי און די איינע כסדר אויסגעמיטן. און אַזוי האָבן זיך געצויגן וואָכן, חדשים, יאָרן. פאַר אונדז איז דער שליסל געוואָרן ווי עפּעס אַ טייל פון אונדזער לעבן. מיר האָבן זיך אַפילו מער נישט אַרומגעקוקט ווער ס'לאָזט דעם שליסל און ווער ס'נעמט דעם שליסל. אַ האַנט האָט אים אַוועקגעלייגט און אַ האַנט האָט אים צוגענומען. אַזוי ווי אָנקלאַפּן אין דער טיר איז אין די אָרעמע הייזער נישט געווען אין דער מאָדע און שכנים, אָדער בעטלערס, צי הענדלערס פלעגן כסדר אומגעריכט אַן עפן־טון די טיר — פון אינדערפרי ביז שפּעט אין

אונטס, ווען מען האָט די טיר פאַרריגלט פון אינעווייניק — האָט מען זיך אַפילו נישט אַרומגעקוקט ווער ס׳איז אַריינגעקומען.

ס׳פלעגט אָפט טרעפן, אַז ווען מיר זענען געווען אין דער שטוב פון אונדזער קליינער דירה — אַ שטוב מיט אַ קיך — האָט זיך געעפנט די טיר, עמיצער איז אַריינגעקומען, זיך געפּאַרעט אין דער קיך, עפּעס געליִען, אָדער עפּעס אָפּגע־ברענגט, און קיינער פון אונדז איז אַפילו נישט אַריין אין קיך, אַ קוק צו טון ווער ס׳איז.

די „הלוואהס״, וואָס שכנים האָבן אַזוי־אַרום גענומען איינע ביי די אַנדערע און דערנאָך אָפּגעברענגט, זענען ס׳רוב באַשטאַנען פון אַ ציבעלע, אַ פּעניצל קנאָבל, אַ פּעטרושקע, אַ קאַרטאָפל, אָדער אַ מעסטעלע זאַלץ.

— זי וואַיסן, גיטעלע, כ׳האָב איהן אָפּגעברענגט די פּעטרושקע! — האָט אַ שכנה אָנגעזאָגט מיין מאַמען אין אַ טאָג, אָדער צוויי אַרום.

האָט מען זיך אויך נישט אַרומגעקוקט אויף די הענט פון דער „שטילער משפחה״, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט, אָדער אַוועקגענומען דעם שליסל. אַן עפן די טיר, אַ פאַרמאַך די טיר.

***

בלויז איינמאָל האָט דאָס נעמען דעם שליסל זיך פאַרצויגן אַ ביסל לענגער. ס׳איז געווען אין מיטן טאָג. איך בין נאָר־וואָס געהאַט אַ היים געקומען פון חדר אויף מיטאָג און די מאַמע האָט מיר דערלאַנגט דאָס עסן אין קיך. די טיר האָט זיך צעעפנט און אַ האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט צום שליסל. ס׳איז געווען די נייטאָרין. מיר האָבן אויף איר געקוקט מיט חידוש, וואָס זי טוט אינדערהיים אין מיטן טאָג און די מאַמע האָט אָנגעהויבן עפּעס צוריידן צו איר, נאָר באַלד אויפגעהערט. איך בין שפּעטער זיכער געווען, אַז איך האָב געזען דעם מיידלס האַנט ציטערן און זי, אַזאַ בלאַסע, אַזאַ טרויעריקע, האָט אַרויסגעלאָזט דעם שליסל פון דער ציטערדיקער האַנט, זיך אָנגעבויגן, אָנגעשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דער טיר, אַ כאַפּ־געטון דעם שליסל און אַרויסגעלאָפן.

באַלד האָבן מיר דערהערט טריט איבער אונדז, אָבער דאָסמאָל זענען די טריט געווען האַסטיקע, נערוועזע. די מאַמע האָט צו זיך אַליין אַ מורמל־געטון: „זי זאָל זי נאָר נישט איבערוועקן!״ — און איך האָב געוווּסט, אַז דאָס מיינט זי דאָס אַנדערע מיידל, די, וואָס שלאָפט ווען אַלע זענען אויף און איז אויף, ווען אַלע שלאָפן. אָבער באַלד איז אויבן שטיל געוואָרן. אַ שכנה איז אַריינגעקומען און די מאַמע האָט איר דערציילט וועגן דער נייטאָרינס אַ היים קומען אין מיטן

טאָג.ביידע ווייבער האָבן גערעדט מיט זאָרג, אַז אפשר האָט מען איר אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, אָדער אפשר איז זי, חלילה, קראַנק.

פּאַרנאַכט, אַרום דער צייט, ווען דאָס אַנדערע מיידל פלעגט ביי אונדז לאָזן דעם שליסל, איידער זי איז אַרויס אין גאַס אַריין, האָט זיך דערהערט אַ פּאָר־צווייפלטער קוויטש, אַ יאָמערלעך געשריי, וואָס האָט געשניטן דאָס האַרץ, ווי מיט אַ חלף. אין אַלע פענצטער האָבן זיך באַוויזן דערשראָקענע פּנימער, ס׳האָט זיך געהערט אַ געקלאַפּעריי פון טירן, אַ לויפעניש איבער טרעפּ. דאָס געשריי האָט זיך געריסן פון דער „שטילער דירה״ — דאָס ערשטע קול פון דאָרט... פון אַלע זייטן האָט מען געפרעגט: וואָס איז געשען? וואָס האָט געטראָפן? און מען איז באַלד געוואָר געוואָרן פון דעם גרויסן אומגליק אין דער „שטילער משפחה״. ווען „יענע״ טאָכטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך גענומען אָנטאָן, האָט זי דערזען איר שוועסטער, די נייטאָרין — הענגען.

ס׳איז באַלד געוואָרן אַן אַנגעלויף. דער הויף איז שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן. ס׳האָט אָנגעזאָגט דאָס קעטשל פון דער „גיבער הילף״. אָבער דאָס מיידל איז שוין געווען טויט. פון עולם האָט זיך געהערט אַ זיפץ, אַ קרעכץ, ווייבער האָבן זיך געווישט די אויגן. ס׳איז טונקעלער געוואָרן. אַ שטערן האָט זיך באַוויזן אי־בערן הויף. דער אַלטער טאַטע איז אָנגעקומען, איז ווי אַלעמאָל געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין דער באָרד אַריין, נישט איבערראַשט געווען פון דעם גרויסן עולם, וואָס איז אין יענער געגנט געווען אַן אָפּטע זאַך און קיינער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט אים אָפּצושטעלן און אים אָנזאָגן די פינצטערע בשורה. מיין מאַמע און אַנדערע ווייבער, וואָס זענען געווען דערביי אין דער „שטילער דירה״, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז ווען רב מרדכי איז אַריין אין שטוב און זיך דערוווסט פון דעם בראָך, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נישט געוויינט, נישט געזיפצט, נאָר אַ שווייגנדיקער זיך אַנידערגעזעצט אויפן אייזערנעם בעט, ווו ער פלעגט שלאָפן, און געקוקט, געקוקט פאַר זיך מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, ווי ער וואָלט עפּעס געזען ערגעץ ווייט.

ס׳זענען אַריבער די שבעה־טעג און ווידער האָבן הענט אָוועקגעלייגט און אָוועקגענומען דעם שליסל אויף דעם פּאָלקעלע ביי דער טיר פון אונדזער קיך, אָט אַזוי ווי אַלמאָל, נאָר מיט איין האַנט ווייניקער.

רב מרדכי איז, דאַכט זיך, נאָך שטילער געוואָרן, נאָך איינגעבויגענער. אַזוי אויך זיין זון און „יענע״ טאָכטער. ס׳וויינט עפּעס אַראָפּ פון זיי, האָט מיין מאַמע אַמאָל אַ זאָג־געטון צו אַ שכנה. די שכנה האָט אָפּגעזיפצט:

— אַ רחמנות, נעבעך, אויפן אַלטן! וואָלט ער עפּעס געזוגט; אַז אַ מענטש רעדט, רעדט זיך עפּעס אַרופּ פון עים. ס׳וועדט גרינגאַ אויפן האַרץ!

— און אויף איר, — האָט מיין מאַמע געזאָגט, — איז ניש קאַ גאָטס רחמנות? שלעפּט זיך, נעבעך, אַרום בייַנאַכט אין די גאַסן, ווי אַן עלנטער הונט: ס׳צוראַאַסט ס׳האַרץ!

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז געוואָרן מיט נאָך אַ האַנט ווייניקער. פּלוצ־לינג האָט מען דערהערט, אַז לייזער, רב מרדכיס איינציקער זון, איז אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע. ווען געפאָרן? צו וועמען געפאָרן? קיינער האָט נישט געזען, קיינער האָט נישט געהערט. אַז עמעצער פאָרט קיין אַמעריקע — עפּעס אַ קלייניקייט, אין עק וועלט, אין אַ מדינה, וואָס געפינט זיך, ווי מען זאָגט, אונטער דר׳ערד! — טוט זיך דאָך מעשים, קאָכט דאָך אַ וועלט! שכנים קומען זיך גע־זעגענען, מען גיט־מיט גרוסן, ווער צו אַ מאַן, ווער צו אַ זון, אָדער צו אַ טאָכ־טער, אַ פעטער, אַ מומען, אָדער צו סתם אַ פריינד, און דאָ — גאָרנישט! אוועק־געפאָרן, געוועזן, נישטאָ און — אויס!

אָבער שטאַרק איבערראַשט איז מען נישט געווען — אַזוי איז שוין דער שטייגער פון דער „שטילער משפחה״. אַלץ גייט ביי זיי צו שאַ־שטיל.

אין דער „שטילער דירה״ זענען געבליבן בלויז צוויי — דער אַלטער טאַטע און „יענע״ טאָכטער. בלויז צוויי הענט האָבן וואָכן און חדשים געלאָזט דעם שליסל און גענומען דעם שליסל אין אונדזער קיך.

אָבער איינמאָל — ווידער אין מיטן טאָג — איז אין הויף אַריינגעפאָרן אַ דראָשקע און פון דער דראָשקע זענען אַרויס צוויי קליינע ייִדעלעך מיט שיינע, ברייטע בערד. ביידע האָבן זיי אויסגעזען ווי דער אַלטער רב מרדכי. די צוויי ייִדעלעך זענען פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון דער דראָשקע און פּאַמעלעך אַרויס־געטראָגן פון דאָרט — רב מרדכין.

ס׳האָט מיר אויסגעזען ווי צוויי רב מרדכיס טראָגן אַ דריטן רב מרדכי. אַפילו זייערע מלבושים האָבן אויסגעזען אַלצאיינס. אין מיין קינדערשער פאַנ־טאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלן, אַז זיי זענען טאַקע איין רב מרדכי, אונדזער שכן, נאָר ער האָט זיך צעטיילט אויף דריי.

ס׳איז באַלד געוואָרן, ווי דער שטייגער איז געווען, אַן אָנגעלויף פון שכנים און קינדער. מען איז צוגעשטאַנען צו די צוויי ייִדעלעך: וואָס האָט פּאַסירט? אַ קראַנקייט? אַן אומגליק? נאָר די צוויי ייִדעלעך האָבן גאָרנישט געענטפערט, גלייך ווי נישט צו זיי רעדט מען. זיי האָבן געשוויגן ווי רב מרדכי, וועמענס אויגן ס׳זענען געווען פאַרמאַכט, דאָס פנים אויסטערליש בלאַס און ווען נישט די קרעכצן, וואָס האָבן זיך פון אים אַרויסגעריסן, וואָלט מען זיכער געווען, אַז ער איז טויט.

די צוויי ייִדעלעך האָבן דעם אַלטן אַרויפגעטראָגן אין דער „שטילער דירה״ אַריין, איינער ביי די הענט און איינער ביי די פיס. אַביסל שפּעטער איז אָנגעקו־

מען דער פעלדשער שפּאַק, וואָס אויף אים האָבן די ווייבער געזאָגט, אַז ער פאַר־שטעקט אין אַרבל אַלע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. האָבן די שכנים אָפּגעוואַרט שפּאַקן און ווען ער איז אַרויס פון חולה האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטון אויף אים מיט פראַגן.

— ער איז חרוב! זייער חרוב! — האָט שפּאַק עטלעכע מאָל איבערגעחזרט,

— ער דאַרף רחמים!

אויף מאָרגן אינדערפרי זענען די אייגענע צוויי ייִדעלעך ווידער פאַרפאָרן מיט אַ דראָשקע אין הויף אַריין, אַרויף אין דער „שטילער דירה" אַריין, זיך פאַרזאַמט אַביסל און דערנאָך אַראָפּגעטראָגן רב מרדכין אין דער דראָשקע אַריין, ווי זיי האָבן אים מיט אַ טאָג פריִער געטראָגן פון דער דראָשקע אין שטוב אַריין. ווער די צוויי ייִדעלעך זענען, קרובים, צי סתם באַקאַנטע — דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. קיינער האָט זיך אויך נישט געוווּנדערט אויף „יענער" טאָכטער, וואָס כאָטש זי איז אינדערהיים, ווייזט זי זיך נישט, נישט אין הויף, נישט אין פענצטער אַפילו, ווער רעדט שוין פון באַגלייטן דעם קראַנקן טאַטן אין שפּיטאָל אַריין, ווו די צוויי ייִדעלעך האָבן אים געפירט.

— זי וויניש דעם טאַטן פאַרשעמען פאַר לייטן! — האָבן ווייבער געשמועסט.

— זי וויניש, אַז דער טאַטע זאָל זי אָנקוקן, ווען ער עפנט די אויגן!

אָבער רב מרדכי האָט שוין מער נישט געעפנט די אויגן. ווען די דראָשקע איז אָנגעקומען אין ייִדישן שפּיטאָל אַריין, איז ער שוין געווען טויט, האָט מען שפּעטער דערציילט.

אין דער „שטילער דירה" איז פאַרבליבן בלויז זי — יענע טאָכטער. אַליין איז זי געזעסן שבעה אין שטוב. מיין מאַמע און אונדזערע אַ שכנה, פייגע די וועכטערקע, ווי מען האָט זי גערופן — זי איז געווען אַ וועכטערין אין אַלטן ייִדישן שפּיטאָל — האָבן עטלעכע מאָל געוואָלט אַריינגיין צו איר, זי מנחם־אבל זיין, ברענגען איר עפּעס צו עסן, אָבער די טיר איז געווען פאַרריגלט פון אינע־ווייניק און דאָס מיידל האָט נישט געענטפערט אויפן קלאַפּן. מיין מאַמע איז אומ־רויִק געוואָרן: אפשר האָט מיט איר עפּעס, חלילה, פּאַסירט? איז זי אין אַן אָוונט אַראָפּ אין הויף אַריין, אַרויפגעקוקט צום פענצטער דאָרט און דערזעענדיק אַ ליכט, איז איר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

אין פאַרנאַכט האָט זיך אונדזער טיר אַן עפן געטון — און אַ האַנט האָט אַוועקגעלייגט דעם שליסל. דער שליסל איז ווידער געוואָרן אַ שטאַם־גאַסט ביי אונדז, נאָר פון דעמאָלט אָן בלויז דורך די נעכט. די אייגענע האַנט, וואָס האָט אים אין אָוונט אַוועקגעלייגט, האָט אים אינדערפרי צוגענומען — נאַכט נאָך נאַכט, פרימאָרגן נאָך פרימאָרגן. מיר האָבן זיך געחידושט פאַרוואָס זי לאָזט איצט

דעם שליסל, אַז ס׳איז דאָך נישטאָ קיין אַנדערער, וואָס זאָל אים נעמען אויף עפּענען די טיר פון איר דירה.

מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי טוט דאָס אויס געוווינהייט. דער טאַטע האָט געהאַט אַן אַנדער סברה: זי האָט מורא צו פאַרלירן דעם שליסל אין די ערטער, ווו זי וואַלגערט זיך אויס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך געטראַכט, אַז דורך דעם שליסל האָט זי געוואָלט אָנהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט וואַרעמקייט צו איר, נישט געקוקט אויף איר גע־פאַלנקייט.

די רגע, וואָס זי איז געשטאַנען אין אונדזער אָפענער טיר און אַוועקגעלייגט, אָדער גענומען דעם שליסל, האָט אפשר איר נשמה זיך אָנגעפילט מיט אַן אינערלעך ליכט, וואָס האָט זי געוואַרעמט און באַלויכטן אירע לאַנגע, פינצטערע שעהען אין די אָרעמע גאַסן און אין די נאַרעס, ווו זי איז פאַרקראָכן.

מיין מאַמע און אונדזער שכנה, פייגע די וועכטערקע, האָבן גערעדט מיט טרערן אין די אויגן וועגן דעם גרויסן עלנט פון דעם מיידל, זינט איר פאָטער, ברודער און שוועסטער זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון איר. כאָטש זיי האָבן זיך אויסגעמיטן, אָבער זי האָט געפילט זייער אָטעם, געוווּסט, אַז זיי זענען דאָ.

— מען דאַרף עפּעס טוּען פאַר איר? — האָט מיין מאַמע געזיפצט.

— אפשר זי חתונה מאַכן? — האָט פייגע געפרעגט און זיך אַליין געענט־פערט: — ווער וועט זי נעמען?

וואָס טון און ווי טון — דאָס האָבן די צוויי אָרעמע, דערשלאָגענע, אָבער גוטהאַרציקע פרויען סיי־ווי נישט געוווּסט, ווי זיי האָבן נישט געוווּסט ווי זיך אַליין און זייערע געזינדן אַרויסצוראַטעווען פון דעם גיהנום פון אָרעמקייט, פון דעם שרעקלעכן דלות און שמוץ.

איינמאָל, ווען מיר זענען געזעסן אין קיך איבער אונדזער מאָגערן נאַכטיקן מאָלצייט, האָט די מאַמע פּלוצלינג אַ קוק געטון צום שליסל און אַ זאָג געטון צום טאַטן:

— וואַיסט, וואָס יאָכ׳ל דיר זוגן? ס׳דאַכטזאָך מיר, אַז זי האָט שוין לאַנג דאָ ניש גענימען דעם שליסל. דער שליסל ליגט, אָבער זי קימט ניש!

— מאַלע, וואָס דיר דאַכטזאָך! — האָט דער טאַטע צונישט געמאַכט איר זאָרג, אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרכאַפּט: — און אפשר ביסטו טאַקיש גערעכט!

איך האָב זיך אַריינגעמישט, אַז — טאַקיש... כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען די האַנט נעמען דעם שליסל.

מיר האָבן געהאַט אַן אומרויִקע נאַכט, נישט געשלאָפן. אונדז האָט זיך אויס־

געוויזן, אַז מיט דעם עלנטן מיידל איז געשען ס׳אייגענע, וואָס מיט איר שוועס־טער. מיר ליגן דאָ אין בעט און זי אויבן — הענגט...

קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן, האָט דער טאַטע אָפּגעלייגט דאָס גיין אין מאַרק אַריין האַנדלען. מיט ציטערדיקע הענט האָט די מאַמע אַראָפּגענומען דעם שליסל פון דער פּאָליצע — דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס עמעצער פון אונדז האָט זיך צוגערירט צום שליסל — און מיר האָבן זיך געלאָזט אַרויפגיין אויפן פינפטן שטאָק. צוויי שכנות זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען און אונדז באַ־גלייט. יאַדוויגאַ, די פּאָלאַטשקע, וואָס איר מאַן איז געווען אַ „פּראַוואָסלאַוונער" — די איינציקע גוי׳ים אין אונדזער הויף — איז אָנגעקומען פון גאַס מיט אַ קיישל עסנוואַרג, און אונדז אויך נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און די יידענעס האָבן שוין באַצייטנס געבראָכן די הענט, בעת די מאַמע האָט געדרייט דעם שליסל אין שליסללאָך און נישט געקענט אויפשליסן. דער טאַטע האָט פון איר גענומען דעם שליסל און געעפנט די טיר.

אַ ווייל זענען מיר אַלע געשטאַנען אויף דער שוועל און אַריינגעקוקט אין שטוב אַריין, ווי מורא געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק. ביסלעכווייז האָט מען זיך גענומען אַריינשאַרן, מיט אומזיכערע טריט, איינער נאָכן אַנדערן. אַלץ איז דאָרט געשטאַנען אויפן אָרט, דריי אייזערנע בעטלעך, פאַרבעט און איבערגעצויגן מיט סיצינע דעקעס; אַן אויסגעקרומטער טיש מיט עטלעכע שטולן אַרום, אַ שאַפע, אַ קאָמאָדע, אַ קרעדענצל, אַלץ אַלט און אָפּגעקראָכן, אָבער ציכטיק צוגעפּוצט. אומ־רויִקע אויגן האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון דעם קליינעם שטיבל מיט דער קיך, ווו ס׳איז געשטאַנען נאָך אַן אייזערן בעטל, אַריינגעקוועטשט צווישן אויוון און דער טיר. די פרויען האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. די מאַמע האָט געעפנט די טיר פון דער שאַפע, אַרויסגערוקט די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע — אויסגע־ליידיקט! קיין פיצל קלייד, אָדער וועש.

— זי איז אַוועק! — האָט די מאַמע אַ זאָג געטון אין דער שטוב אַריין.

— אפשר ערגעץ אַוועקגעפאָרן און זי וועט צוריקקומען? — האָט יאַדוויגאַ געפרעגט.

— זי׳ט דאָך נישט איבערלאָזן ס׳מעבל! — האָט אַ יידענע גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— מעבל... אויך מיר מעבל! — האָט די אַנדערע יידענע מבטל געווען דאָס באַלעבאַטישקייט, — וואָס טויג עס איר?

— און יאָך זוג ענק, אַז זי וועט שוין דאָ מער נישט אַריינשמעקן, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט זיכערקייט.

— וואָס דאַרפֿט עץ ענק שפּאַרן, — האָט דער טאַטע אַ נעם געטון דעם שליסל פֿון דער מאַמעס האַנט, — אַז מיר׳ן לעבן, וועלן מיר זען!

מיר זענען אַלע אַרויס פֿון דער „שטילער דירה“. דער טאַטע האָט פֿאַרשלאָסן די טיר, אַ שטופּ געטון מיט דער פּלייצע, זיכער צו זיין, אַז ס׳איז פֿאַרמאַכט און מיר זענען אַראָפּ אין אונדזער שטוב אַריין, ווו דער טאַטע האָט אַוועקגעלייגט דעם שליסל אויף דעם אייגענעם אָרט, ווו ער איז אַלעמאָל געלעגן.

דער טאַטע האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרטראַכטער, ווי עמעצער וואָלט אים פֿאַרהאַלטן פֿון גיין, זיך אַ קלאַפּ געטון איבערן שטערן און אויסגע־רופֿן צו דער מאַמען:

— אוי, גיטל, וואָס פֿאַראַ נאַראָנים מיר זענען!

די מאַמע האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש.

— מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מיט איר איז אויבן עפּעס געשען, געהאַנגען זיך, חלילה, אָבער אַז דער שליסל איז דאָ געלעגן, האָט זי דאָך ניש געקענט זיין אויבן!

— טאַקיש, טאַקיש! ביסט דאָך גערעכט! — האָט די מאַמע פֿאַרוואָרפֿן די הענט אויפֿן האַרץ, — אָבער... אַז מען איז אַזוי אָנגעשראָקן, ווערט מען פּשוט צעמישט! — און זי האָט בעת־מעשה פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום שליסל, וואָס דער טאַטע האָט נאָר־וואָס צוריקגעלייגט אויף זיין שטענדיק אָרט.

דער שליסל האָט געוואַרט אויף דער פּאַליצע, אָבער קיינער האָט אים נישט אָנגערירט.

דער גאַנצער הויף האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז „זי“ איז נעלם געוואָרן. אַפֿילו אין אַנדערע הייף — און באַלד אויף דער גאַנצער גאַס — האָט מען גע־רעדט וועגן דעם, און יעדער האָט אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער סברה.

ס׳איז געווען אָנהייב חודש אב. דער ווירט פֿון דזיעלנע 79, אַ מיטליאָריקער הויכער און שמאָלער ייִד, מיט אַ לאַנג, שמאָל בערדל, שוואַרצע געקרייזלטע פּאות, אַ גערער חסיד — האָט זיך צוגעהערט וואָס די ייִדענעס האָבן אים דערציילט וועגן דעם פֿאַרשווּנדענעם מיידל, די לעצטע פֿון דער „שטילער משפּחה“. דער „לולב“, ווי מען האָט אים גערופֿן, האָט געהאַט עטלעכע אַנדערע מויערן און אין הויז אויף דזיעלנע פּלעגט ער קומען זעלטן, האָבן די לאָקאַטאָרן געשפּאַסט, אַז ער גייט איבער די הייזער... דער ווירט האָט נישט געקוקט אויף די ווייבער, נאָר אַריבער זיי, דאָ זיך געגלעט דאָס לאַנגע בערדל, דאָ זיך געשפּילט מיט די פּאות, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צום סוף אַ זינג־אַרויס געטון מיט אַ גמרא־ניגון:

— מילא, נו... הייסט עס... לעת־עתה איז די דירה אירע... ז׳האָט דאָך באַ־צאָלט פּאַר אַ חודש דירה־געלט... דערנאָך מערצעשעם וועט מע זען!...

**
*

איינמאָל, אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט, ווען ביי אונדז אין שטוב זענען געזעסן עטלעכע שכנים, צווישן זיי פייגע די וועכטערקע, און געקנאַקט באַניעקערן, האָט פייגע פּלוצלינג אַ געשריי געטון:

— דער שליסל!

מיר האָבן אַלע ראַפּטאָם אַרויפגעקוקט צו דער פּאַליצע און געזען ווי דער שליסל ליגט זיך אַ רויקער, אָבער פייגע האָט זיך געשווירן, אַז זי האָט געזען מיט אירע אייגענע אויגן ווי דער שליסל איז אונטערגעשפּרונגען, זיך איבער־געדרייט אויף דער אַנדערער זייט — זאָל זי אַזוי דערלעבן צו זען נחת פון אירע דריי זין און פון איר בת־יחידה!

— וואיסאַך וואָס! — האָט מיין טאַטע צונישט געמאַכט אירע רייד, — ס'האָט זיך איהן אויסגעדאַכט!

— כ'זאָל אַזוי דערלעיבן, — האָט זי זיך ווידער געוואָלט שווערן, נאָר די מאַמע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— כ'בעיט איהן, שווערן זי זיך ניש!

פייגע די וועכטערקע האָט בכלל אַלעמאָל עפּעס געזען, אָדער געהערט. זי פּלעגט פון אַלטן יידישן שפּיטאָל אַ היים קומען שפּעט ביינאַכט, האָט זי אויפן וועג אַ היים געזען אַלערליי אויסטערלישע זאַכן.

איינמאָל, אַ חול־המועד סוכות איז דאָס געווען, האָט מיין מאַמע דערהערט שפּעט ביינאַכט אַ שווערן קלאַפּ הינטער דער טיר, ווי עמעצער וואָלט געפאַלן. זי איז אַרויס פון בעט, געעפנט די טיר און דערזען ווי די וועכטערין ליגט אויס־געצויגן אויף דר'ערד צווישן אונדזער טיר און איר טיר — ווי אַ טויטע.

מיין מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. דער טאַטע און איך זענען אַרויסגע־שפּרונגען פון בעט. ס'זענען אַרויסגעלאָפן פייגע'ס זין און די טאָכטער, אויך אַנדערע שכנים, און מען האָט פייגען געצומען מונטערן. ווען זי איז אַביסל גע־קומען צו זיך, האָט זי מיט דערשראָקענע אויגן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געמורמלט:

— דער מלאך דומה...

אירע זין האָבן זי אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין, געלייגט זי אויפן בעט און איר געגעבן עפּעס צו טרינקען. די גאַנצע צייט האָט זי געחזרט: דער מלאך דומה... דער מלאך דומה...

שפּעטער, אַז זי האָט זיך אָפּגעפרישט און באַרויקט, האָט זי זיך אויפגעזעצט און אונדז דערציילט, אַז אויפן וועג אַ היים, טאַקע דאָ נישט ווייט, האָט זי געזען דעם מלאך דומה... און געווען איז אַזאַ מעשה: אַ ייד איז געזעסן אין סוכה שפּעט ביינאַכט איבער אַ ספר, האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף אים שטיינער, איז דער

ייִד אַרויסגעלאָפֿן און דערזען אַ שייגעצל, האָט ער אים גענומען נאָכיאָגן איבער דער גאַס און — באַץ! — דער ייִד איז, נעבעך, אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער.

דאָס שייגעצל איז דאָס געווען דער מלאך דומה...

אַז דער מלאך דומה קומט צו אַ נייעם מת, קלאַפּט־אָן אין קבר מיט אַ שטעקן און פֿרעגט אים: מה שמך? — דאָס האָב איך שוין געוווּסט, אָבער אַז דער מלאך דומה זאָל זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ שייגעצל, אַרויסנאַרן אַ ייִד פֿון דער סוכה אַרויס און אים דערהרגענען — דאָס איז פֿאַר מיר געווען אַ נייס.

מיר האָבן זיך צוגעהערט צו איר רייד מיט אָנגעצויגענע נערוון. דער טאַטע האָט זי אַ פֿרעג געטון:

— זי מיינען, אַז זי האָבן טאַקיש געזען דעם מלאך דומה?

— כ'זאָל אַזוי דאַלעיבן צי זעען משיחן — האָט זיך די וועכטערין גע־שווירן, — ווי כ'האָב געזעען דעם מלאך דומה... דער ייִד, וויי איז מיר! — האָט זיך נעבעך געגעיבן אַ ציי־אויס אויף דר'ערד — און דער מלאך דומה איז נעלם געוואָרן, ווי אויסגערינען! באַהיט זאָל מען ווערן! — האָט זי אויסגעשפּיגן דריי מאָל.

אַז די וועכטערין האָט געזען ווי דער שליסל האָט זיך אויפגעהויבן און זיך איבערגעדרייט, האָבן שוין ביסלעכווייז אויך די אַנדערע שכנים געזען ווי דער שליסל רירט זיך — און אַוודאי האָב איך דאָס געזען...

די וועכטערין האָט מיר צוגעטראָפֿן מיט די זעעניש, ווייל אויך איך האָב אַלעמאָל געזען אויסטערלישע זאַכן. שוין ווען איך בין דריי־פיר יאָר אַלט געווען און מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ פּאַציאַטע — אַ בוידעם־שטיבל — אויפֿן דריטן שטאָק, האָב איך אַלע נאַכט געזען ווי אַן אַלטער ייִד אין טלית און תפילין קוקט אַריין צו אונדז פֿון דרויסן און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געדאַוונט.

ווען איך בין שוין געווען אַ חדר־ייִנגל האָב איך, איינמאָל, אַ פֿאַרנאַכט, ווען איך בין אַ היים געקומען פֿון חדר און אַרויפֿגעגאַנגען אויף די שטיגן, געזען דורך אַן אָפֿענער טיר ווי אַ ייִד זיצט ביים טיש אין שטוב און — ברענט. ניין, ער האָט נישט געברענט, נאָר געווען איין שטיק פֿייער, די הענט, די פּיס, דער קאָפּ, די באָרד — און דער פֿייערדיקער ייִד האָט זיך געשאָקלט איבער אַ גמרא. אַלץ, וואָס מיך האָט דעמאָלט געחידושט, איז געווען — וואָס די גמרא צינדט זיך נישט אָן...

אַן אַנדערמאָל, אַ היים קומענדיק פֿון חדר, האָב איך געזען אַזאַ סצענע: לעבן אַ שכנס טיר איז אויף אַ זאַלצבערעטל געלעגן אַ נאַקעטער ייִד, דער שכן אונדזערער, און איבער אים איז געשטאַנען זיין ווייב — און אים באַזאַלצן... אַז

איך האָב דאָס דערציילט מיין מאַמען, האָט זי געלאַכט — און איז אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון.

אָבער דעם גרעסטן דערשרעק האָב איך געהאַט מיט טעלעכע יאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אויף דזיעלנע 79. אַ היים קומענדיק נאָך 11 אין אָוונט, ווען דער סטרוזש האָט שוין געהאַט פאַרלאָשן די נאַפט־לעמפּלעך אין די קאָרידאָרן, האָב איך געזען ווי אַ ריז, אפשר עטלעכע שטאָק הויך, מיט אַ מיץ אויפן קאָפּ, דרייט זיך הקפות אַרום שטאָל אויפן הויף.

איך האָב געוואָלט לויפן, שרייען און — נישט געקענט. ענדלעך האָב איך זיך אַ ריס געטון מיט אַלע כוחות און גענומען מיט אימפּעט לויפן איבער די פינצטערע שטיגן, אַ ריס־אויף געטון די טיר פון אונדזער דירה און אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

פאַר מיר איז דעריבער געגנוג געווען דער וועכטערינס פאַרזיכערונג, אַז דער שליסל האָט זיך איבערגעקערט, אַז דער שליסל זאָל תיכף אָנהייבן מאַכן אַלערליי קונצן פאַר מיר. אין מיטן־ביינאַכט, ווען טאַטע־מאַמע זענען געשמאַק געשלאָפן, בין איך געלעגן אַ וואַכער, מיט די אויגן אָנגעשפּיזט צו דער פּאַליצע אין קיך, וואָס איז געווען פונקט קעגנאיבער מיין געלעגער, געזען דורך דער פינצטערניש דעם שליסל דרייען זיך, ווי ער וואָלט וועלן עפענען אַ טיר; אָט האָט ער גאָר אַ פלי געגעבן אין לופטן, ווי אַ פויגל און זיך צוריק אַוועקגעלייגט.

אַז איך האָב עס אינדערפרי דערציילט דער מאַמען, האָט זי געזאָגט, אַז ס'האָט זיך מיר געחלומט...

באַלד זענען אַלע שכנים געוואָר געוואָרן וועגן דעם „פאַרכישופטן שליסל", וואָס דרייט זיך, וואַרפט זיך און טוט־אָפּ כלערליי שטוקעס. פון אַלע שטובן איז מען געקומען צו אונדז אַ קוק געבן אויפן שליסל און נאָך אַ ווייל קוקן, מיט אָנגעשטרענגטע, דערשראָקענע אויגן, האָט מען דערזען ווי דער שליסל רירט זיך, קוליעט זיך איבער. אַ יונג ווייבעלע, נישט לאַנג נאָך דעם חתונה, האָט פון שרעק אַזאַ שפּרונג און היסטערישן קוויטש געטון, אַז דער גאַנצער עולם איז מיט פּחד אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

בלויז דער טאַטע האָט גאָרנישט געזען. די מאַמע איז נישט זיכער געווען: „אַלע זענען דאָך נישט משוגע!" — האָט זי געזאָגט און בשעת־מעשה געקוקט אויף מיר, ווי זי וואָלט וועלן אויסגעפינען, צי איך זע טאַקע דעם שליסל, צי איך טראַכט דאָס אויס. אויך יאַדוויגאַ, די פּאָליאַטשקע און איר רוסישער מאַן האָבן געזען ווי דער שליסל דרייט זיך איבער אויף דער פּאָליצע און ביידע האָבן זיך איבערגעצלמט — זי אויף רוימיש־קאַטויליש און ער אויף גריכיש־קאַטויליש...

דער עולם, וואָס איז געקומען צו אונדז כאַפּן אַ קוק אויפן שליסל, איז גע־

חאָקסן, גרעסער געוואָרן. מען איז שוין געקומען אויך פון אַנדערע הייזער. מיר האָבן מער קיין מנוחה נישט געהאַט און דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט מיט דער מאַמען מער קיינעם נישט אַריינצולאָזן, האָבן מיר געהאַלטן די טיר אויפן ריגל און זי געעפנט בלויז פאַר אַ פּאָר באַנעטע, ווי פּייגע די וועכטערין און משפחה־לייט.

אונדזער האַלטן די טיר אויפן ריגל האָט נאָך מער צעהיצט די פאַנטאַזיע פון די שכנים. מען האָט דערציילט, אַז דער שליסל טוט שוין אַפּ אַזעלכע מעשים, אַז ס'איז פּשוט אײַן לשער. אַ ייִדענע האָט פאַרזיכערט, אַז דער שליסל פליט טיילמאָל אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער און קומט דערנאָך צוריק, ווי אַ טויב צו איר נעסט און אַז טיילמאָל זעט מען ווי אַ האַנט כאַפּט דעם שליסל, און נאָך אַזעלכע אויסטערלישע מעשיות. שכנים פלעגן אונדז באַלאַגערן אויפן הויף און אין גאַס מיט אַלערליי קשיות וועגן שליסל. די מאַמע האָט אַלעמען געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— גלייבט'ס מיר, אַז ס'דאַכט זיך ענק אויס!

אָבער דער טאַטע האָט זיי בייז געטריבן פון זיך:

— דראַיט'ס מיר ניש קאַ קאָפּ! עץ וואַיס ניש וואָס עץ רעדט!

**
*

איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען מיר זענען אַ היים געקומען פון אַ תנאים ביי אַ געשוועסטער־קינד, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן טומלדיקן עולם אין הויף, מאַנסבילן, ווייבער און קליינוואַרג. אַלעמענס אויגן זענען גע־ווענדט געווען צום פענצטער פון דער „שטילער דירה" אויפן פינפטן שטאָק. יעדע וויל האָט עמעצער אַנדערש אויסגעשריגן:

— זעיט'ס! עט'ס זעיט? געט'ס אַ קיק!

— אוי, אוי, אַ פאַיערל פליט אַרים! עט'ס זעיט?

— אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה!

— פון דער געהאָנגענער!

— עץ העיאָט עפּעס? זי ראָאַסט ס'פענצטאָ! זעיט'ס נאָר! זעיט'ס!

— ס'זעיט אויס ווי אַ קאָץ?

— אַ קאָץ? אַ שאַינע קאָץ! אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, זוג איך ענק!

— ס'כאַפּט־אָן אַ פּחד! קימט'ס אַוועק!

אַנדערע האָבן גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט, צווישן זיי מיין טאַטע. דער טרעגער, איינער פון אונדזערע שכנים, אַ ברייטער, קרעפּקער ייִד, וואָס מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז אויף זיינע פּלייצעס קאָן ער אַוועקטראָגן אַ מויער, האָט חוזק געמאַכט פון טאַטן:

— אַזוי? עס זעיט ניש? עץ זענט בלינד? עץ זעיט דאָך אַפּילו ניט ווי דער שליסל פליט אַרום ביי ענק אינטאָ די נועז!

דער טאַטע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, מורא האָבנדיק פאַר אַ זבענק פון דעם טרעגערס אייזערנע לאַפּעס...

פון יענער נאַכט אָן האָט זיך געשפּרייט די בהלה מיט דער „שטילער דירה", וואָס איז פּלוצלינג רײדעוודיק געוואָרן — רײדעוודיק מיט אַ שפּראַך פון אימה, פון סודות און רמזים — שוועבנדיקע פײערלעך, מאָדנע ווייסע פיגורן, וואָס האָבן פאַרבײגעפלאָטערט פאַרביי די פאַרמאַכטע פענצטער, קעץ מיט גליענדיקע מענטש־לעכע אויגן, געפּויקעריי אין די שויבן.

יעדע נאַכט האָט זיך פאַרקליבן אַ המון. מען איז געקומען פון ווי ווייט אָנ־קוקן דאָס בייזע וווּנדער. אין אַלע שטובן אויף דזיעלנע 79 האָט מען איבערגע־קוקט די מזוזות, די ציצית. כלה־מיידלעך זענען אָפּגעהיט געוואָרן נישט אַרויסצו־גיין ביינאַכט אָן אַ פאַרטוך, וואָרן ס'איז דאָך ידוע, אַז אויף אַ פרוי אָן אַ פאַרטוך, איבערהויפּט, אַז זי איז אַ כלה־מיידל, האָבן „יענע לייט" אַ שליטה. מען האָט בכלל מורא געהאַט אַרויסצוגיין אַליין ווי נאָר ס'איז פינצטער געוואָרן. קינדער האָבן זיך מער נישט געשפּילט אין הויף נאָך זונפאַרגאַנג.

אָבער דער עולם נייגעריקע איז יעדע נאַכט געוואַקסן אין הויף. מען האָט געשמועסט, אַז ס'זענען געקומען עפּעס וואַזשנע לייט, פּראָפעסאָרן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַ קוק צו טון. איבערן הויף איז אַפּילו בייטאָג געהאַנגען אַן אומרו. מען האָט זיך אויפגעהערט צו קריגן; זינט די „שטילע דירה" האָט אָנגע־הויבן צו ריידן, זענען אַלע אַנדערע שטובן אין דער צווילינג־מויער שטילער גע־וואָרן. מען האָט מער נישט געהערט קיין קללות און חרמות. ווי נאָר ס'האָט גע־נומען טונקעלער ווערן, האָבן די מענטשן זיך געשאַרט, ווי דערשראָקענע, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

און איינמאָל, אין מיטן־ביינאַכט, ווען אין דרויסן האָט געכליאָפּעט אַ גאַס־רעגן און ווינטן, אויסגעוויקטע, האָבן מיט רציחה געיאָגט איינער דעם אַנדערן אין אַ ווילד געיעג, האָט זיך דערהערט אַ געבראַזגעריי פון שויבן און דערנאָך אַן אומאויפהערלעך קלאַפּן פון צעעפנטע פענצטער. די אויפגעוועקטע שכנים האָבן געוווּסט פון וואַנען ס'קומט — פון דאָרט... די געהאַנגענע רייסט־איין ווילטן, מאַנט חשבון פאַר איר פאַרשפּילט לעבן, האָט מיין מאַמע געשעפּטשעט אין דער פינצטערניש אַריין. דער פּחד איז געדיכט געהאַנגען אין דער לופט און מען האָט זיך מורא געהאַט צו רירן.

— ס'איז דער ווינט! — האָט דער טאַטע אונדז געוואָלט באַרויקן, — דער

ווינט האָט אויפגעריסן ס׳פענצטאָ, צובראָכן די שאָאבן! — אָבער זיין קול האָט געציטערט.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט אַ געקלאַפּעריי אין אונדזער טיר. מיר זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט, איינגעהאַלטן די אָטעמס. אָבער דאָס קלאַפּן איז שטאַרקער געוואָרן, מיט פאַרצווייפלונג האָט מען געריסן די טיר. דער טאַטע האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול אַ פרעג געטון:

— קטאָ טאָם? ווער איז דאָרט?

ס׳איז געווען יאַדוויגאַ. איר מאַן איז ערגעץ אַוועק אויף איבער נאַכט און זי האָט מורא צו זיין אַליין. אירע ציין האָבן געקלאַפּט פון שרעק. פון איר האַלדז האָט זיך געבאַמבלט דער צלם. אירע האָר, צעפּלאָשעטע, זענען פאַנאַנדערגעפאַלן איבער דעם אַלטן, אָפּגעקראַכענעם מאַנטל, וואָס זי האָט אין איילעניש אויף זיך אַרויפגעוואָרפן. דאָס קליינע נאַפט־לעמפּל, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אָנגעצונדן, האָט געצאַנקט און געוואָרפן אומהיימלעכע שאָטנס אויף די ווענט און אויף די פנימער.

אונדזער טיר האָט זיך געגעבן אַ פראַל־אויף מיט אַ טראַמאַסק. ווייזט־אויס, אַז די דערשראָקענע יאַדוויגאַ האָט זי נישט געהאַט געהעריק פאַרמאַכט, און יאַדוויגאַ און די מאַמע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. איך בין צו צו דער אויפגעפּראַלטער טיר, זי צו פאַרמאַכן — און אין דעם אויגנבליק דערזען אין דעם געדיכטן חושך פון קאָרידאָר ווי די געהאַנגענע נייטאָרין שליכט זיך אַראָפּ פון די שטיגן, פון פינפטן שטאָק... איך בין אַ ווייל געבליבן ווי צוגעקאָוועט צום דיל, דאַן אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר — און ס׳האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ היסטעריש געשריי פון פייגע׳ס דירה. דער פּלוצלינגער האַסטיקער קלאַפּ פון אונדזער טיר האָט די צום־טויט־דערשראָקענע וועכטערין שוין אינגאַנצן צעטרייסלט.

אַביסל שפּעטער איז זי אַ ציטערדיקע אויך אַריינגעקומען צו אונדז, באַגלייט פון אירע דריי זין און דער טאָכטער. די מאַמע האָט געמאַכט טיי פאַר אַלעמען און מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. אין דרויסן האָט דער ווינט געמאַכט אַ וויסטע מהומה, ווי ער וואָלט וועלן חרוב מאַכן די וועלט; די פענצטער פון דער „שטילער דירה" האָבן אומרחמנותדיק געקלאַפּט, געהאַקט, געזעצט און יעדער קנאַק האָט אָפּגעהילכט אין מוח, אין האַרץ. פאַמעלעך האָבן מיר געזופּט די טיי, די ציטערדיקע ציין האָבן געפּויקט אין די גלעזער, ווי אין אַ פראָסט. מיטאמאָל האָט פייגע אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער פאַליצע מיטן שליסל, וואָס מען האָט אין דער בהלה מיט דער טומלדיק־געוואָרענער „שטילער דירה" שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן. אונדזערע אַלעמענס בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט דער וועכטערינס בליק.

— זעיט׳ס! — האָט זי אַ קוויטש געטון און דאָס גלאָז איז אַרויסגעפאַלן פון

אירע הענט און צעשפרונגען געוואָרן, באַשפּריצנדיק יאַדוויגאַן מיט דער הייסער טיי, — זעיט׳ס!

יאַדוויגאַ האָט געמאַכט אַ געוואַלד, צי פון שרעק, צי פון דעם ברי — און איך בין געזעסן מיט אַ צוגעשמידטן בליק צום שליסל. איך האָב בפירוש געזען ווי דער שליסל האָט זיך אויפגעשטעלט און שפּאַצירט אַרום אַהין און צוריק אויף דער פּאַליצע, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרזונקען אין מחשבות...

פייגע האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן ריס פון אָרט, צוגעשפּרונגען צו דער טיר, זי אַ שלעפּ געטון אַרויס ווי אַ ווינט, נאָך איר די קינדער אירע און נאָך זיי — יאַדוויגאַ. מיין טאַטע האָט גאָרנישט געזען און די מאַמע האָט, אויף איר שטייגער, געמורמלט, ווי צו זיך אַליין: מענטשן זענען דאָך נישט משוגע!...

***

די דאָזיקע אימהדיקע וואָך־נאַכט איז אַביסל צופיל געווען פאַר די נערוון פון די שכנים. מען דאַרף עפּעס טון! — האָבן אַלע געטענהט. אָבער וואָס טון האָט קיינער נישט געוווּסט. דער ווירט, דער גערער חסיד, איז געקומען, זיך צוגעהערט צו זיינע לאָקאַטאָרן וועגן די אַלע טרעפעניש, געגלעט זיך די באָרד, געדרייט די פאות צווישן די פינגער, אונטערגעברומט אַ גמרא־ניגון, דערנאָך אַ וואָרף געטון די דאַרע לאַנגע הענט אין לופטן:

— ווּס קען יאָך טיען? ווער בין יאָך דען? כ׳על מערצעשעם אַראָפּפאָרן קיין גער!

יאַדוויגאַ איז גרייט געווען צו רופן דעם קסיאָנדז (גלח), אַז ער זאָל באַשפּריצן מיט „הייליק וואַסער״ די „שטילע דירה״ — און אַלץ וועט גוט זיין. איר מאַן, דער רוס, האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט. בלויז אַ „פּראַוואָסלאַוונער״ פּאָפּ קאָן דאָ עפּעס אויפטון...

— דוס פעילט אינדז נאָך! — האָט אַ ייִדענע אַ זאָג געטון — און צום ערשטן מאָל אין טעג האָט אַ שמייכל געשפּרייט זיך פון מויל צו מויל, אָבער דער עולם האָט זיך איינגעהאַלטן פון אַן אָפן געלעכטער, נישט צו פאַרשעמען דאָס גוייִשע פּאָרל.

דער שמייכל איז צערונען געוואָרן, ווען דער עולם האָט מיטאַמאָל דערזען ווי די לאָקאַטאָרן פון פינפטן שטאָק, ווו די „שטילע דירה״ איז, טראָגן אַראָפּ זייערע בעבעכעס. וויבער, מאַנסלייט, קינדער — יעדער פון זיי האָט עפּעס געשלעפּט, אָדער געטראָגן, אַ טיש, אַ בעט, אַ שעניק, בענקלעך, טעפּלעך, קליידער.

— גענוג שוין! — האָט אַ ייִדענע געוואָרפן מיט די הענט, — ס׳איז דאָך משוגע צו ווערן!

חשבון און סך־הכל

— נאָך אַ נאַכט וועלן מיר ניט אויסהאַלטן! — האָט אַן אַנדערע געטענהט.

— עץ וואַיסט דען וואָס ס׳טיט זיך אָפּ! — האָט לייבל באַלעגאָלע — אויך פון פּינפּטן שטאָק — גערעדט צום עולם מיט זיין באַסאָווע קול, — ווען יאַך זוג ענק, וואָס יאַך האָב געזעען, וואָלט עץ אַוועקגעשטאָרבן!

אויף מאָרגן האָבן אויך לאָקאַטאָרן פון די אַנדערע שטאָקן זיך אָפּגעטראָגן. ווער ס׳האָט נישט געקריגן אויף שנעל אַ דירה, איז דערווייל אַוועק צו קרובים, צו פריינד.

דער ווירט איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף אַ צעטראָגענער, אַ פאַרמוטשעטער, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און גערעדט אין דער וועלט אַריין:

— מאָרגן בלי נדר פוער יאַך קאַ גער!

— פוערט און פוערט און שטאַיט אויף אַן אָרעט! — האָט אַ ייִדענע געחוזקט.

פלוצלינג האָט אַ מוראדיק גערודער ווי אויפגעפלאַצט אין דער לופט. פון גאַס האָט זיך אַ לאָז געטון אין הויף אַריין אַ שוואַרצער קנויל פון מענטשן. אַ געמיש פון קולות, אַ געטרעטעריי פון פיס און אַ געוואָרפעריי פון הענט. ייִדענעס, ייִדענעס און ייִדענעס, פאַרבראָקט מיט אַ ביסל מאַנסבילן און אַ האָפּטע קינדער. אַלע האָבן גערעדט אינאיינעם און איינע האָט געוואָלט איבערשרייען די אַנדערע.

צווישן דער מחנה ווייבער האָט געשפּאַנט אַ ייִדל, אַ קורצס, אָבער אַ ברייטס, מיט אַ צוגעשוירן בערדל. ער האָט אויסגעזען, — ווי מיר האָט זיך געדאַכט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די סצענע האָט זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגן — דערשראָקן, ווי איינער, וואָס דער המון האָט געכאַפּט ביי אַן עבירה און מען פירט אים צום רב. די ייִדענעס האָבן אים פון ביידע זייטן אַריינגעשריגן אין ביידע אויערן אַריין, און דאָס ייִדל האָט זיך אַלע ווייל אַ טרייסל געטון, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסשאָקלען די קולות פון די פאַרגלישעטע אויערן אַרויס. באַלד זענען מיר געוואָר געוואָרן ווער דאָס איז:

— דאָס פּראַגער רבילע!

דאָס פּראַגער רבילע, אָדער „דער ווייבערשער רבי”, ווי מאַנספאַרשוינען האָבן אים מיט חוזק גערופן, האָט געוווינט אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע און געווען איז ער אַ שניידער. איינמאָל, אין אַ אינדערפרי, ווען דאָס שניידערל האָט געדאַוונט, האָט אַ ייִדענע אין אַ פענצטער קעגנאיבער דערזען ווי אַ גרויס ליכ־טיקייט גייט אַרויס פון אים, האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט, אַרויסגעלאָפן אין גאַס אַריין און דאָס צעפּלוישט צווישן די ווייבער. אַזוי אַרום, האָט מען דער־ציילט, איז דאָס פּראַגער שניידערל „נתגלה געוואָרן”. די מעשה מיט דער „גרוי־סער ליכטיקייט” האָט זיך געשפּרייט, ווי אַ וואַלד־פייער, פון איין ייִדישער שטוב

און פון איין יידישער גאַס צו דער אַנדערער און יידענעס האָבן אָנגעהויבן לויפן צו אים פון גאַנץ וואַרשע.

מאַנסלייט האָבן געלאַכט פון אים, חסידים האָבן חוזק געמאַכט, געזאָגט, אַז דאָס רבילע איז, נעבעך אַ גרויסער עם־הארץ, קאָן אַפילו קיין שייטל עברי נישט. פונדעסטוועגן האָט זיך צו אים צוגעשאַרט אויך אַ ביסל מאַנסבילן, באַלמעלאַכעס, טרעגערס, שאַכערס. „אַלע וואָאַבער זענען דאָך ניש משיגע! — האָבן זיי געזאָגט, — און זיי וועלן דאָך ניש סתם אויסטראַכטן מופתים״! יאָ, דאָס פּראַגער רבילע האָט באַוויזן אַ סך מופתים. חוצדעם האָט מען זיך מיט אים געפילט היימיש. „ער מאַכט ניש קאַ סיגעס!״ — האָט מען אים נאָכגעזאָגט אַ שבח. צו אַנדערע רביים דאַרף מען פאָרן, אַ דרייעניש מיט שמשים, קוויטלעך. דאָס פּראַגער רבילע קאָן מען אַפילו אַרויסרופן אַ היים, ווי אַ רופא, להבדיל...

דעמאָלט, ווען די מעשה מיט דער „שטילער דירה״ האָט פּאַסירט, איז דאָס שניידערל געווען אַ רבי פריש פון דער נאָדל, נאָר־וואָס געהאַט „נתגלה געוואָרן״. האָבן אים די ווייבער ערגעץ פּאָטשאָפּעט, אָדער אַוועק צו אים אַ היים און אים אַראָפּגעבראַכט אויף דזיעלנע 79, אַז ער זאָל איינשטילן „יענע״ דירה. אַריינגעקומען אין הויף אַריין, האָבן די ווייבער אַלע מיטאַמאָל אים אַ ווייז געטון צום פענצטער אויפן פינפטן שטאָק:

— אָט דאָרט, אין אָפענעם פענצטאָ! דאָס האָבן „זיי״ די פענצטאָ אויפגעפּראַלט!

דער ווירט האָט דערזען דאָס פּראַגער רבילע, האָט ער אים פונווייטן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ חוזק־בליק, נענטער צוגעקומען צו אים און געזאָגט אים גלייך אין פנים אַריין:

— פּאַרנעמט׳ס ענק פון דאַנעט! יאָך וועל ענק ניש לאָזן דאָ פּראָוועך ענגערע שטיק!

די ווייבער האָבן געמאַכט קולות, געשריגן, אַז דער ווירט איז אַ גזלן, וואָס האָט אויף קיינעם קיין רחמנות נישט, געסטראַשעט, אַז זיי וועלן אַלע אַנטלויפן פון הויז.

דער גערער חסיד איז געבליבן ביי ס׳זייניקע:

— גאָיט׳ס ענק געזינטאָהאָיט! עך ווילט אַנטלויפן, אַנטלויפט׳ס! קאָ עבודה זרה וועט ביי מיאָ ניש זאָאָן!

דאָס פּראַגער רבילע האָט געשוויגן אַ דערשראָקענער און זיך געבעטן ביי די יידענעס:

— ער איז דער באַלעבועס! ס׳איז זאָאָן קאָמעניצע! — און ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון הויף.

— מאָרגן בלי נדר פּוער יאַך קאַ גער! — האָט דערווירט נאָכאַמאָל פאַר־זיכערט די ווייבער, — ווּס ער זאָל לעיבן וועט זוגן, אַזוי וועט זאַאַן!

די ייִדענעס האָבן דאָס פּראַגער רבילע צוגעהאַלטן, אַז ער זאָל נישט אַוועק־גיין און דערזעענדיק מיין מאַמען, האָבן זיי איר ווי באַפוילן:

— גיטעלע, ברענגען זי אַראָפּ דעם שליסל פאַרן רבין!

דער ווירט איז צו איר צוגעלאָפן און האַלטנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אַז ער זאָל, חלילה, נישט קוקן אויף אַן אשה, האָט ער זי געוואָרנט:

— געבן זי קיינעם ניש דעם שליסל! זי הערן?

— נעמען זי דעם שליסל! — האָט זי זיך געבעטן ביים ווירט, — כ'האָב שוין געניג געהאַט!

— נאַין, נאַין! — האָט דער ווירט זיך דערשראָקן, — לאָזן זי דעם שליסל ווו ר'איז אַלעמאָל געלעיגן!

דאָס פּראַגער רבילע האָט זיך ווידער אַ לאָז געטון פון הויף אַרויס. ווען מיין טאַטע האָט שפּעטער געהערט ווי דאָס רבילע האָט זיך אַזוי שנעל אונ־טערגעגעבן, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז דאָס שניידערל איז מסתמא צו־פרידן געווען, וואָס דער ווירט האָט אים פאַרטריבן. וואָס וואָלט ער דען געקענט אויפטון? ס'איז דען אַ פּאָר הויזן אויפצונייען? די ווייבער האָבן זיך ווי־ס'איז איינ־געשטילט, אַרויסבאַגלייט דאָס רבילע און דאָסמאָל עפּעס געשושקעט אים אין ביידע אויערן אַריין...

— מאָרגן בלי נדר פּוער יאַך קאַ גער! — האָט דער ווירט ווידער עמעצן פאַרזיכערט.

***

צומאָרגנס האָבן באַך עטלעכע לאָקאַטאָרן זיך אָפּגעטראָגן. יאַדוויגאַ און איר מאַן זענען ערגעץ נעלם געוואָרן.

— ס'נעמט דאָך קאַ סוף ניש! — האָט אַן אַלטע ייִדענע פון אונטערשטן שטאָק זיך ווי פאַרענטפּערט, — גלאַיבט'ס מיר, אַז מע באַדאַרף איינוואָרפן די גאַנצע קאָמעניצע!

— גאַי וואַיס, — האָט אַ יונג ווייבעלע זיך אַריינגעמישט, — ס'האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן מיטן שליסל! — האָט זי אַ קוק געטון אין אונדזער זייט.

פייגע איז צו אונדז צוגעשטאַנען, אַז מיר זאָלן אויך אַוועק פון דאָרט און כאָטש דער טאַטע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, האָט די וועכטערין אויס־געזוכט אַ דירה פאַר זיך און פאַר אונדז אין אַ הילצערן הויז אויף ניזקע גאַס.

א. אַלמי

אָנהייב חודש אלול האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אין דער נייער דירה. די פּאָליצע מיטן שליסל האָבן מיר איבערגעלאָזט.

יאָרן־לאַנג האָב איך געזען דעם שליסל פֿאַר די אויגן און אין מיין קינדער־שער פֿאַנטאַזיע האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דער שליסל וואַרט דאָרט — וואַרט, אַז אַ האַנט זאָל אים אַ כאַפּ טון און אויפֿשליסן אַ טיר...

מינאָריטעט

אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ ייִד — דאָס ווייס אַפילו אַ חדר־ייִנגל. מיר האָבן דאָס געלערנט פון אונדזער ביטערער דערפאַרונג אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער צווישן די אומות פון דער וועלט. ס׳איז בכלל שווער צו זיין אַ מינאָריטעט, בפרט אַזאַ ווי די ייִדישע, וואָס איז אַזוי שטאַרק אַנדערש — אין גלויבן, אין אויסזען, אין מנהגים, אין דיעטע און דאָ און דאָרט אַפילו אין הולך.

די מאַיאָריטעט האָט אַלעמאָל אַ ווידערווילן צו דער מינאָריטעט, אַלצאיינס צי זי באַשטייט פון אַ גרופּע, אָדער פון אַ יחיד, וואָס איז אַביסל אַנדערש. באַוויזט זיך אין גאַס אַ מענטש, וואָס איז געקליידט אַנדערש פון אַלעמען, ווערט ער דאָס צילברעט פון שפּאָטישע און אַפילו בייזוויליקע באַמערקונגען, אַמאָל אויך פון שטיינער.

יעדע אַנדערשקייט ווערט מצד דער גרויסער מאַיאָריטעט באַטראַכט ווי אַן אַרויסרוף און ווי אַ מין רייצן זיך, אַז די ווייניק האַלטן נישט פון דעם סך, פון זייערע טראַדיציעס, געוווינהייטן און געזעצן; אַז זיי באַטראַכטן זיך פאַר העכער, פאַר בעסער, פאַר קליגער.

יאָ, ס׳איז שווער צו זיין אַ מינאָריטעט! און אויף מיין מזל איז אויסגעפאַלן צו זיין אַ מינאָריטעט — און נישט איין מינאָריטעט, נאָר עטלעכע מינאָריטעטן. דער פאַקט איז, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַ מינאָריטעט — אַ געלינקטער...

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד ווי איך האָב אָנגעהויבן צו עסן זעלבסטשטענדיק — באַלד, הייסט עס, ווי די מאַמע האָט איינגעזען, אַז ס׳איז שוין צייט מיך אויפצוהערן צו קאָרמענען. זי לייגט מיר אַריין ס׳לעפעלע אין דער רעכטער האַנט און כהרף־עין לייג איך עס איבער אין דער לינקער האַנט אַריין. בעמט די מאַמע צוריק אַרויס ס׳לעפעלע פון מיין לינקער האַנט און לייגט עס צוריק אין דער רעכטער האַנט. אַהין און אַהער, אַהער און אַהין.

אַזוי גייט־אָן מיין ערשטער קאַמף אין לעבן אַ היפּשע צייט — אייגנטלעך קעמף איך גאָרנישט. קעמפן קעמפט מיין מאַמע קעגן עפּעס, וואָס איז ביי מיר

אַזוי נאַטירלעך ווי נאַטירלעך ס׳איז ביי דער מאַיאָריטעט צו האַלטן דעם לעפל אין דער רעכטער האַנט. אין פאַרלויף פון דעם „קאַמף״ ווערט דאָס ביסל שיטערע קאַשע אויסגעגאָסן און ס׳ענדיקט זיך דערמיט, וואָס די מאַמע פאַרלירט ס׳גע־דולד און דערלאַנגט מיר אַ טליק איבערן הענטל.

די מאַמע האָט אַזוי פיל מאָל איבערדערציילט וועגן דעם סאַמע ערשטן צו־זאַמענשטויס מיט מיין „עקשנות״ (ווי זי האָט דאָס פאַרשטאַנען), אַז כ׳בין נישט זיכער, צי כ׳געדענק יענעם ערשטן „קאַמף״ פון איבערלעבונג, צי פון איר דערציילן. סיי־ווי זענען אַלע שפּעטערדיקע פאַלן געווען גענויע קאָפּיעס פון יענעם „בראשית״...

טאָג־איין און טאָג־אויס אין משך פון יאָרן רייסט מען פון מיר דעם לעפל, איידער איך באַוויז אים צוצוטראָגן צום מויל — עס רייסט אים די מאַמע, עס רייסט אים דער טאַטע, עס רייסן אים באָבעס, זיידעס, פעטערס, מומעס. און נישט נאָר דעם לעפל רייסט מען פון מיר — אויך דעם גאָפּל, דאָס מעסער און וואָס נאָר איך נעם אין דער לינקער האַנט אַריין. דערביי אַפּעלירט מען צו מיר, ווער מיט אַ געשריי און מיט אַ טליק איבער דער האַנט און ווער מיט געבעט, אַז כ׳זאָל נישט זיין קיין עקשן.

איך פיל זיך שולדיק, כאָטש איך ווייס ביי זיך, אַז איך בין נישט שולדיק. איך שטרענג זיך אָן צו עסן מיט דער רעכטער האַנט, ווי אַלע לייטישע מענטשן, אָבער ס׳גייט נישט. דאָס עסן ווערט פאַר מיר אַן אַפּקומעניש. יעדעסמאָל, וואָס כ׳זעץ זיך צום טיש, באַדעקט מיך אַ קאַלטער שוויס.

דערנאָך הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט שרייבן. אין חדר רייסן די מלמדים די פעדער פון מיין לינקער האַנט, ווי אין דער היים טאַטע־מאַמע — דעם לעפל. מען האַלט אין איין רייסן פון מיר. אויך ביי די מלמדים בין איך אַן עקשן און אויך זיי ווילן אַרויסשלאָגן דאָס „עקשנות״ פון מיר — מיט אַ טליק איבער דער לינקער האַנט.

ס׳אַ געוואַלד וויפל קלעפּ מיין לינקע האַנט האָט אַריינגעכאַפּט פאַר איר חוצפה צו רעוואָלטירן קעגן דער רעכטער האַנט. פאַרוואָס קומט דער רעכטער האַנט אַלץ — צו עסן און צו שרייבן, צו וואַרפן די פילקע און צו גראַטשען, און איר, דער לינקער האַנט — גאָרנישט?

ענדלעך קומט צו אַ פשרה — צו אַ מין בורג־פרידן — צווישן דער רעכטער־גערעכטער מאַיאָריטעט און דער געלינקטער מינאָריטעט: מיין רעכטע האַנט איז „מסכים״ צו עסן מיט אַ לעפל און צו שרייבן מיט אַ פען; אָבער שניידן מיט אַ מעסער, קלאַפּן מיט אַ האַמער, נייען מיט אַ נאָדל און דרייען מיטן גראָבן פינגער — דאָס רעזערווירט מיין לינקע האַנט אויסשליסלעך פאַר זיך.

איין גאָט אין הימל ווייס וויפל יסורים און בזיונות איך בין אויסגעשטאַנען,

ביז מען האָט געפּועלט ביי מיין רעכטער האַנט, אַז זי זאָל מאַכן קאָנצעסיעס צו דער מינאָריטעט. אפשר דערפאַר האָב איך ביזן היינטיקן טאָג די פולע הנאה פון אַ מאָלצייט בלויז ווען כ׳עס ביחידות. ביי אַ סעודה מיט אַנדערע בין איך כסדר אומרו:יק, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעצער וועט מיר אַ ריס טון דעם לעפל פון האַנט, ווען ער פאַרבלאָנדזשעט — אטאוויסטיש — אין דער לינ־קער האַנט אַריין.

דאָס פּאַסירט עד היום הזה. און איינמאָל — בימי פּרעזידענט טרומאַן — ווען אַזאַ אַטאַוויזם האָט פּאַסירט ביים פּרישטיק אין אַ זומער־האָטעל און מיין לינקע האַנט האָט דערפילט אויף זיך די בליקן פון די מיטעסערס, האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן:

— טרומאַן עסט אויך אַזוי!

טרומאַן, אויב איר ווייסט נישט, איז אויך אַ געלינקטער. איז ווי באַלד דער פּרעזידענט מעג — פאַרוואָס קוקט מען אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן? און... איך האָב פעסט צוגעהאַלטן דעם לעפל.

*****

אַבי איך עס און שרייב ווי די „גרויסע איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט״ — מיט דער רעכטער האַנט — איז שוין רעכט. די מאָלצייטן גייען אַריבער רו:יק, כאָטש גאָפּל און מעסער אין מיין לינקער האַנט רופן נאָך אַלץ אַרויס אַן אומ־רו:יק געפיל ביים טיש.

פשרה איז פשרה! נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה — און ווידער אַרום עסן. פון דער העלער הויט ווער איך אַ נייע מינאָריטעט — אַ וועגעטאַרישע...

ס׳רעדט זיך אַזוי — וועגעטאַרישע. דאָס וואָרט וועגעטאַריזם איז נישט געווען אין אונדזער שפּראַך־לעקסיקאָן. נישט איך, נישט מיינע אבות אבותינו האָבן געהערט אַזאַ אויסטערליש וואָרט. איך האָב אויפגעהערט צו עסן פלייש — און אַפילו נישט געוווּסט, אַז דערמיט בין איך געוואָרן אַ וועגעטאַריער.

געשען איז עס פּלוצלינג. אַלט געווען בין איך דעמאָלט אַרום אַכט, אָדער ניין יאָר. איך קום אַ היים פון חדר און דערזע ווי פון פלייש אויפן זאַלץ־ברעטל קאַפּעט בלוט. ס׳נעמט מיך אָן אַ מיגל. דער מיגל גייט־איבער אין אַ שוידער, אין אַ חלשות־געפיל.

האָב איך דאָס נישט פרי:ער געזען? מסתמא יאָ. אָבער דאָסמאָל איז, ווייזט־אויס, געווען עפּעס אַן אַנדער מין זען. וואָס טויגן אַלע מעשיות? דער עיקר איז, אַז בעת די מאַמע דערלאַנגט די פּעניצלעך פלייש, פאַרמאַך איך די אויגן און דריי אָוועק דעם קאָפּ.

— וואָסי? — מאַכט די מאַמע, — ס׳געשווועלט דיר נישז?

ביי אונדז אַ שטיקל פלייש איז געווען אַ לוקסוס, וואָס מ׳האָט זיך פאַרגונען איין מאָל, העכסטנס צוויי מאָל אַ וואָך — און דאָ מאַך איך גאָר אַזעלכע סיגעס.

אַלע טענות און מענות העלפן נישט — איך ריר זיך נישט צו, נישט צום פלייש און נישט צו דער יויך, כאָטש האַק און בראָק! פּאַרוואָס, — ווילן טאַטע־מאַמע וויסן, — אפשר האָבן דיר פאַרשמעקט קאַפּהענער, יחסן מיינער?

איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. איך ווייס בלויז, אַז איך וויל נישט, ניין, אַז איך קאָן נישט. אַפילו קיין קאַפּהענער נישט!

אַזוי וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש. טאַטע־מאַמע זענען זיכער, אַז כ׳וועל אָוועקפּגרן. אַזוי גלייבן אויך די באָבעס, די זיידעס, די פעטערס, די מומעס, די שכנים. און איך אַליין גלייב אויך אַזוי — וואָרן ווי קאָן אַ מענטש לעבן אָן אַ שטיקל פלייש כאָטש איין מאָל אַ וואָך? איך פיל אָבער, אַז אויב איך זאָל יאָ זיך צורירן צו פלייש, וועט נאָך ערגער זיין...

איך בין דערביי זיכער, אַז איך בין דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, וואָס עסט נישט קיין פלייש — אַ מינאָריטעט פון איינעם אין אַ וועלט פון הונ־דערטער מיליאָנען פלייש־עסערס!

דער פאַקט איז, אַז ביז איך האָב זיך — מיט יאָרן שפּעטער — באַקאַנט מיט דעם שוסטער־געזעלן חיים גילדין, האָב איך נישט געוווּסט, אַז ס׳זענען דאָ נאָך אַזעלכע משוגעים ווי איך. גילדין איז געווען אַזאַ משוגענער. ער, דער אייזן־שטאַרקער שוסטער, אַ שטרענגער וועגעטאַריער, האָט מיר געבראַכט אין רעדאַק־ציע פון „מאָמענט" סיי לידער „אויף איבערקוקן", סיי טרייסט:

— אָט קוקט מיך אָן! — האָט ער זיך געזעגנקעט מיט די געזונטע ידים אין ברוסט אַריין, — שוין יאָרן ווי כ׳לעב אויף ברויט מיט ציבעלעס, אַמאָל אַ שטיקל קעז און — אויף אַלע פאָעטן געזאָגט געוואָרן!

דער שוסטער־יונג איז אָבער נישט געווען צופרידן, וואָס איך בין, ווערליק אים, אָן עסטעטישער וועגעטאַריער — וואָס ס׳מיגלט מיך בלויז פון פלייש. מען דאַרף זיין אַן עטישער וועגעטאַריער, אַ צער־בעלי־חיימניק! — האָט ער געטענהט.

פון אים בין איך אויך געוואָר געוואָרן, אַז ס׳זענען דאָ אַ סך וועגעטאַריער אויף דער וועלט, אָבער ביז איך בין געקומען קיין אַמעריקע (דעם 1טן יאַנואַר, 1913), האָב איך נישט געוווּסט, אַז וועגעטאַריזם איז אַ וועלט־באַוועגונג, מיט אַ היפּשער ליטעראַטור און אַז צווישן די וועגעטאַריער זענען דאָ באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי טאָלסטאָי, און אַז פּיטאַגאָראַס, דער גריכישער פילאָסאָף, וואָס ער האָט גע־לעבט אַזש מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, ווערט באַטראַכט פאַרן פאָטער פון וועגעטאַריזם.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך אַריינגעגריבלט אין דער גריכישער חכמה, בין איך דערגאַנגען, אַז די וועגעטאַריער האָבן אויף פּיטאַגאָראַסן אויס־געטראַכט אַ „בילבול״. ער איז נישט געווען קיין וועגעטאַריער, נאָר אַ סעקטאַנט, וואָס האָט געאסרט — מחמת איבערגלויבן — געוויסע מינים פיש און פליש. ער האָט זיינע תלמידים אָנגעזאָגט: „עסט נישט קיין פיש מיט שוואַרצע שופּן. עסט נישט דאָס האַרץ. רירט זיך נישט צו צו עסיק. עסט נישט מיט דער לינקער האַנט״. אאַז״וו. ווי איר זעט איז אויך פּיטאַגאָראַס געווען קעגן דער „געלינקטער״ מינאָריטעט — און מען קאָן אים גיכער האַלטן פאַר דעם פאָטער פון אַנטי־גע־לינקטע, ווי פון וועגעטאַריזם... אָבער דאָס איז אַ חוץ המעשה.

גילדין האָט גערעדט וועגן וועגעטאַריזם ווי אַ פרומער ייִד וועגן תורת משה און תלמוד. ווען עמעצער זאָגט מיר דעמאָלט (אין 1910), אַז אָט־דער פרומער וועגעטאַריער וועט מיט געציילטע יאָרן שפּעטער ווערן נישט נאָר אַ פליישעסער, נאָר אויך אַ מענטשנפרעסער — אונטערן סטאַלין־רעזשים, ווען ער איז אַ היפּשע צייט געווען דער משגיח איבער קאָמוניסטישער כשרות אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור — וואָלט איך יענעם געהאַלטן פאַר אַ פאַלנעם משוגענעם.

אָבער ביז דעמאָלט — אין מיין 18־יאָריקן עלטער, ווען כ׳בין שוין געווען אַ מיטאַרבעטער און דער סעקרעטאַר פון אַ טאָג־צייטונג — האָב איך, ווי גע־זאָגט, געגלויבט ווי די אַרומיקע, אַז דאָס נישט טועם זיין קיין פליש וועט מיך בענדיקן. אָבער כ׳האָב זיך פאַרט נישט געקענט העלפן. בלויז דער אָנבליק פון פליש האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון חלשות. בין איך צוליב דעם געוואָרן דאָס בייזע ווונדער פון דער גאַס. מען האָט געטייטלט אויף מיר מיט די פינגער, זיך געשושקעט:

— וואָס דען עסט ער? — פרעגט מען.

— כ׳ווייס, אפשר א גרגרת דר׳ צדוק! — שפּאַסט אַן עלטערער ייִד אויף אַ קול, אַז איך זאָל הערן.

— אפשר קדחת מיט כשרן פאַדעם! — לאַכט מיר מאָטל דער סטאָליער־געזעלן אין פּנים אַריין.

— און טשאָלנט עסט ער דען יאָ?

— ק׳אַ טשאָלנט אויך נישט! אַ ווילדע בריאה!

דאָס איז אמת געווען. טשאָלנט, קוגל, געפילטע קישקע — אָט־די מאכלים, וואָס ייִדן לעקן פון זיי די פינגער, האָב איך קיינמאָל אַפילו נישט צוגעטראָגן צו די ליפּן. דאָס פעטקייט פון טשאָלנט האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ נישט־גוטקייט. טאַטע־מאַמע און אַלע נאָענטע האָבן מיט רחמנות איבער מיר געשאָקלט די קעפּ:

— ווי עסט מען נישט קיין טשאָלנט? ס'האָט טויזנט טעם!

אָבער דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער יידישער מאכל, וואָס פּרייטיק בייטאָג „פּאַרזעצט" אים די מאַמע ביים בעקער אין אויוון און שבת אינדערפרי נעמט זי אים אַ היים, האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד — אַ פּחד סיי פאַר דער פעטקייט, סיי פאַר די אַלע שטראָף־רייד, וואָס האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן שבת ביים טיש. ווידער און אָבער האָב איך געמוזט אויסהערן דאָס אייגענע, אַז עפּעס אַ נישט־גוטס שטעקט אין מיר.

— ק'אָ לאָאַט וועט פון אַזוינס ניש ווערן!

די שכנים האָבן פּשוט נישט געוואָלט גלייבן זייערע אויערן: ס'הייסט מען עסט נישט קיין טשאָלנט? אַפילו אַ גוי, אַז מ'איז מכבד מיט טשאָלנט, באַלעקט ער זיך! זיי האָבן אַזאַ הנאה, די אָרעמע ווייבער, מאַנסבילן און קינדער, פון דעם פעטן מאכל! אָן דעם איז דאָך דער שבת גאָר קיין שבת נישט!

און צוליבן טשאָלנט איז טאַקע פריילעך אויך — איבערהויפּט בעת די זו־מערדיקע היצן. מען שטאָפּט זיך אָן מיטן פעטן טשאָלנט, מיטן קוגל, מיט דער געפילטער קישקע, דערנאָך לייגט מען זיך אין בעט אַריין — נהנה זיין פון עונג שבתדיקן שלאָף, אָבער נישט ביי אַלעמען געדויערט דער עונג שבת לאַנג. אַ דרייעניש אין די געדערים וועקט זיי אויף פון דעם שבת־בייטאָגיקן שלאָף — — —

איבער די אָרעמע יידישע גאַסן פליט די „פּאַגאָטאָוויע" (שפּיטאָל־אַמבו־לאַנס). מען ראַטעוועט יידן פון טשאָלנט. אָבער אין אַ וואָך אַרום קוויקט מען זיך ווידער מיט טשאָלנט. נישקשה! פון טשאָלנט שטאַרבט מען נישט!

ניין, מען שטאַרבט נישט. און טומלדיק־פריילעך איז צוליבן טשאָלנט נישט נאָר נאָכן עסן, נאָר טיילמאָל אויך פאַרן עסן. די גאַס ווערט פּלוצלינג אויפגערו־דערט פון געשרייען, קללות, געלעכטערס. אין מיטן גאַס לויפט אַ יידענע, אַ צע־שויבערטע, מיט אויפגעריסענע, דערשראָקענע אויגן ווי ביי אַ פאַרפאָלגטער חיה, און נאָך איר — ווייבער, יונגען, קליינוואַרג פוןביידע זייטן. ווער ס'גיט איר אַ שטופּ, ווער ס'רייסט פון איר פּאָסן.

— וועסט שוין וויסן ווי צו גנבענען טשאָלנטער! — טראָגן זיך קולות. פון די פענצטערס שטעקן אַרויס קעפּ. אויף די שטייניקע, נישט־ברוקירטע טראָ־טואַרן קלייבן זיך רעדלעך. טייל העצן אונטער:

— דערלאַנגט איר, דער גנבטע!

אָבער דאָ און דאָרט ווישן זיך ווייבער די אויגן מיט די פאַרטוכער פון רחמנות אויף דער אומגליקלעכער יידענע, וואָס ראַנגלט זיך מיט אירע פאַרפאָל־גערס, וויל זיך אַרויסרייסן פון זיי, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווייל אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, פאָכעט מיט די הענט, טענהט עפּעס, אָבער קיינער הערט זי נישט. אַ יונג

חשבון און סך־הכל

וויבל שלעפּט אַראָפּ ס׳שייטל פון דער ייִדענעס קאָפּ און גיט עס אַ וואַרף אין דער לופטן.

— אַ שייטל טראָגט זי נאָך, די גנבטע!

אַ הויכער יונג, וואָס טראָגט אַ היטל מיט אַ לאַקירטן דאַשעק, ווי אַ שייגעץ, כאַפּט־אויף דאָס שייטל, נעמט־אַראָפּ ס׳היטל און לייגט ס׳שייטל אַרויף צו זיך אויפן קאָפּ. אַ הילכיק געלעכטער צעטראָגט זיך איבער דער גאַס.

די ייִדענע, וואָס פֿ׳האָט זי געכאַפּט ווען זי האָט אַרויסגענומען פון בעקערס אויוון אַ טשאָלנט, וואָס זי האָט אַהין נישט אַריינגעשטעלט, פאַרדעקט זיך מיט ביידע הענט דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ און ס׳רייסט זיך פון איר אַרויס אַ יאָמערלעך געוויין.

— ס׳אַ רחמנות! ז׳האָטס דען געטיען פאַר נחת? — טענהט אַן עלטערע פרוי מיט פאַרוויינטע אויגן.

איינמאָל, בעת אַזאַ בהלה, איז אָנגעקומען ר׳ מענדל רייזפעדער, אַ חסיד, אַ ייִד אַ הדרת פּנים, מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער קוקט זיך צו אַ ווייל ווי די ייִדענע ראַנגלט זיך מיט אירע פאַרפאָלגערס, גיט זיך אַ לאָז אין מיטן גאַס אַריין און צעשרייט זיך:

— לאָטזע אָפּ, לאָטזע! ס׳אַ גאָט׳ס רחמנות! יאָך נעם אויף זיך די עבירה!

— ס׳הייסט — לאָטזע? — ענטפערט אים אָפּ מיט כעס אַ קליין ווייבעלע, — אָט האָטזע געגנבעט אַ טשאָלנט — און ביי אים איז גרינג צו זאָגן — לאָטזע!

— געראָכט, ווי איך בין אַ ייִד! — מישט זיך אַריין אַ דאַרער הויכער ייִד מיט אַ שיטער בערדל, וואָס אַלע האָבן אים גערופן בינעם בעזים, — מען וואָלט זי געדאַרפט גוט אָנבויקערן, זי זאָל האָבן צי געדענקען!

— ס׳אַ חילול־שבת! כ׳בעיט ענק, לאָטזע גאָין — וואַרפט ר׳ מענדל מיט די הענט אין לופטן.

דער יונג מיטן לאַקירטן דאַשיק צעזינגט זיך אויפן קול:

חסיד, צלאָפּ —
קריג אַ כאָפּ!

— פאַרמאַכן פיסק, לאָבוז איינער, דרך־ארץ! — דערהערט זיך די באַסאָווע שטים פון וועווקע דעם קאַטעריַנאַזש.

דער יונג מיטן לאַקירטן דאַשיק גיט זיך אַזש אַ טרייסל, ווי אַן אָפּגעבריטער, לאָזט זיך מיט ביידע פויסטן צו וועווקען. יענער מורמלט עפּעס אַ דערשראָקענער.

— וואָס גענגעסטו דאָרט, לאַפּאַצאָן? — פאַרמעסט זיך דער יונג מיט אַ פויסט. ר׳ מענדל שטעלט זיך אָוועק צווישן זיי:

— ביסט דאָך אַ ייִד, ביסטו דאָך! אַפּילו דער סמבטיון רוט אים שבת! גאַי אַ היים און האָב אַ גוטן שבת!

דער יונג לאָזט אַראָפּ די הענט, ווי פאַרשעמט, קוקט ר׳ מענדלען אין די אויגן אַריין און טרעט אָפּ. ס׳ווערט שטיל. דער עולם צעגייט זיך. די ייִדענע, וואָס צוליב איר איז געווען די גאַנצע בהלה, איז נישטאָ, נעלם געוואָרן באַנאַנד מיטן שייטל, וואָס האָט זיך נאַר־וואָס געוואַלגערט אויף דר׳ערד.

***

אין דער היים און אויך אין גאַס האָט מען ביסלעכווייז שלום געמאַכט מיט מיינע משוגעתן, מיט מיינע צוויי „אַנטיס" — אַנטי־טשאָלנט און אַנטי־פליישיזם — כּלפּי חוץ מסתמא. ס׳הייסט: מען האָט מיר נישט אַריינגעזאָגט און נישט אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין. וואָס מען האָט גערעדט הינטער די אויגן, ווייס איך, נאַטירלעך, נישט.

די געענדערטע באַציִונג צו מיר איז געווען אין זכות פון מיינע לידער, וואָס כ׳האָב „פאַרפאַסט" אויף אַקטועלע טעמעס, דער עיקר סאָציאַלע, ווי ס׳הייסט אויפן היינטיקן לשון. צו די לידער, וואָס כ׳האָב פאַרגעלייענט פאַר אַ הויף־„פּובליקום" (ווי כ׳דערציייל עס אין מיין זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן"), האָבן קאַטערינקע־שפּילערס צוגעפּאַסט מעלאָדיעס און זיי געזונגען איבער די וואַרשעווער הייף.

אַז אַ ייִנגל פאַרפאַסט לידער, מעג ער שוין האָבן משוגעתן, וואָס קיין אַנדערע מענטשן האָבן נישט — נישט עסן קיין טשאָלנט, נישט עסן קיין פלייש און אַפּילו זיין אַ געלינקטער... ווער נאָך פאַרפאַסט דען לידער? מען האָט געוווּסט, אַז נישט ווייט, אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס נומער 21, וווינט דער בדחן משה שלייפשטיין, וואָס מען רופט אים משה ליאַלקעמאַכער, מחמת חיונה פאַר זיין ווייב און זעקס, אָדער זיבן קינדער ציט ער פון מאַכן ליאַלקעס — און ער פאַרפאַסט לידער, וואָס מען זינגט זיי איבער גאַנץ וואַרשע.

נו, איז דאָך יענער אַ מאַרשעליק, אַ שיינער ייִד, אַ באַלעבאַטישער מענטש מיט אַ פיינער באָרד, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, און ער עסט ווי אַלע מענטשן. אָבער דער אלי־חיים — אַ ייִנגל אַ סמאַרק נאָך. וואַרשע ט׳נאָך אַמאָל קלינגען מיט עים!

בקיצור, מיטן „פאַרפאַסן" לידער בין איך אויך אַ מינאָריטעט, אָבער צום גוטן... מען צאַצקעט זיך מיט מיר. טייל האָבן אַפּילו מורא פאַר מיר — כ׳זאָל וועגן זיי נישט „פאַרפאַסן" אַ ליד, זיי אויסשטעלן צו שאַנד און צו שפּאָט, ווי כ׳האָב עס געטון מיט אונדזער הויזווירטין די פּראָצענטניצע.

טאַטע־מאַמע האָבן, פאַרשטייט זיך, הנאה דערפון, וואָס זייער אלי־חיים האָט אַזאַ אָנזען אין הויף און אין גאַס, כאָטש מיין טאַטע איז מיך כלומרשט מבטל:

— מאַלע, וואָס ער פּאַטשקעט דאָרט! צו קיין מלאכה טויג עס זיך נישט! ס׳וועט שוין פון אים קיין לאַאַט נישט זאַאַן!

אָבער אינגיכן איז מיר באַשערט צו ווערן נאָך אַ מינאָריטעט — דאָסמאָל „אויפן רעליגיעזן באַדן". אַ נס, וואָס דעמאָלט האָבן מיר צייטווייליק זיך אַרויס־געקליבן פון דער געדיכטער ייִדישער אַרעמקייט — אַ־נישט וואָלט מיין גאַנצע רעפּוטאַציע ביי מיין פּובליקום געפּלאַצט ווי אַ באַלאָן, אין איין כהרף־עין.

ס׳איז געווען ווען מיין טאַטע איז אַוועק אויף זיין ערשטער נסיעה קיין אַמע־ריקע, איבערלאָזנדיק ס׳הויזגעזינד אויף הפקר, אָן אַ גראָשן אויף אַ ביס ברויט. האָט די מאַמע פאַרפּאַקט ס׳ביסל בעבעכעס, גענומען די קינדער און אַריבער צו אירע עלטערן אויף אייזן־גאַס נומער 23 — דעמאָלט האָרט ביי דער קאַלישער באַן — אין אַ הויף פון לויטער גויים, באַן־אַרבעטער און פורמאַנעס. פון די לעצטע — און פון פורמאַנעס אין די שכנותדיקע הייף — האָט מיין זיידע גע־צויגן חיונה, צוגרייטנדיק פאַשע פאַר זייערע פערד.

אין יענעם הויז זענען מיר געווען די איינציקע ייִדישע משפחה — באָבע־זיידע, זייערע צוויי זין, יודל און לייבל און צוויי טעכטער, אַ חוץ מיין מאַמען מיט אירע צוויי קינדער, איך און מיין ברודערל פון דריי יאָר — אַלע אין צוויי שטובן, איינע אַ היפשע, און אַ קיך.

מיין מאַמעס עלטערן זענען געווען דער סאַמע היפּוך פון מיין טאַטנס. באָבע־זיידע פון טאַטנס צד — די שעפּס׳עס — זענען ביידע געווען קליין־געוויקסיקע, דער זיידע מיט אויסגעדרייטע פיס, וואָס ער האָט געשלעפּט איבער די הייזער. ביידע — ער און זי — זענען געווען באַריידעוודיקע: די באָבע חיה, פול מיט פּאַלקלאָר — מעשיות, לידער — און דער זיידע האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות — סכנות נפשות. ביידע האָבן מיך געצערטלט און וואָלטן ס׳לעבן גע־שטרעקט פאַר זייער אלי־חיימל.

מיין מאַמעס עלטערן — די פּוכאַלסקיס — זענען ביידע געווען הויכע, אָנ־געצויגענע, גרויסע שווייגערס און אָן אַ טראָפּן צאַרטלעכקייט. דער זיידע, אַז ער האָט אַמאָל אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז עס געווען מיט אַ ברומען און אַ מרוקען און אַז מען האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט, איז ער געוואָרן אָן אָנגעצונ־דענער און זיך פאַרקייכט אין אַ הוסט; די באָבע — שרה־הינדע — אַ גוטע נשמה, אָבער משוגע פרום, האָט תמיד געמאַכט מיט די ליפּן, געשעפּטשעט תפילות און מען האָט אויף איר געזאָגט, אַז זי קאָן פון אויסנווייניק דעם גאַנצן קרבן־מנחה סידור און תהילים. זי האָט כסדר „געזאָגט" און קיינמאָל נישט געטאָרט

אויסריידן. נישט זי און נישט ער האָבן ווען־ס'איז מיר אַרויסגעוויזן די מינדסטע וואַרעמקייט. אַפילו זייער נאָמען איז געווען אַ שטייפער. פון שעפּס קאָן מען מאַכן שעפּסל און שעפּסעלע, אָבער פוכאַלסקי איז אַלעמאָל פוכאַלסקי...

גראָד דעמאָלט — צווישן גוים און ביי די קאַלטע און שוויגנדיקע באָבע־זיידע אין שטוב — האָט זיך אָנגערוקט מיין בר־מצווה... אַז דער זיידע, ר' משה, האָט מיך געגומען צוגרייטן צו דער בר־מצווה, האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ גיהנום. ער האָט עפּעס געמרוקעט און אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעמרוקעט, ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער וויל — אַז כ'זאָל זיך צוקוקן ווי ער לייגט תפילין און אים נאָכטון מיט די תפילין, וואָס די באָבע האָט מיר געקויפט. אַראָפּבייגן זיך צו מיר און מיר אַרויסהעלפן — דאָס נישט. דאָס וואָלט געמיינט באַריר, צאַרטלעכקייט. האָב איך געקוקט ווי ער וויקלט די רצועות אויף דער לינקער האַנט און אים נאָכגעטון, בין איך דאָך אָבער אַ געלינקטער, האָב איך געוויקלט די רצועות אויף דער רעכטער האַנט — נו, האָט ער זיך צעמרוקעט מיט אַזאַ כעס, אַז ס'איז מיך באַפאַלן אַן אימה.

ס'איז אָנגעלאָפן דער פעטער לייבל און דערזען וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטון „גולם!" און גענומען אַראָפּשלעפּן די רצועות פון מיין רעכטער האַנט, שרייענדיק, אַז תפילין לייגט מען אויף דער לינקער האַנט. אָבער אַז איך פאָלג אים, קאָן איך בשום אופן נישט וויקלען די רצועות מיט דער רעכ־טער האַנט אויף דער לינקער האַנט אַרויף — די רעכטע האַנט האָט, נעבעך, נישט קיין כוח, וואָרעם ביי מיר איז זי דאָך מיין שוואַכערע האַנט. ווערט דער פעטער לייבל אין כעס אויף מיין רעכטער האַנט און דערלאַנגט איר אַ פּאַטש. ס'האָט מיר טאַקע ווי געטון, אָבער ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַ מין „ויחד": אי ס'האָט געשטאָכן, אי געפרייט — געפרייט, וואָס ענדלעך פילט אויך די רעכטע האַנט דעם טעם פון פּעטש, וואָס ביז אַהער האָט דאָס בלויז די לינקע האַנט געפילט — און כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז די לינקע האַנט שמעלצט זיך פון נקמה אויף דער רעכ־טער האַנט.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל צווישן „לינקס" און „רעכטס" בשייכות צו תפילין־לייגן, ווי פריִער בשייכות דעם לעפל און דער פען... אָבער דאָסמאָל איז עס געגאַנגען אין רוחניות, אין איינעם פון די יסודות פון ייִדישקייט, האָט זיך דעריין אַריינגעמישט דער שולחן־ערוך (אורח חיים), וואָס פּסקנט, אַז אַ געלינקטער (איטר יד) דאַרף לייגן תפילין אויף דער רעכטער האַנט. אויב אָבער דער געלינקטער קאָן שרייבן מיט דער רעכטער האַנט, דאַרף ער לייגן תפילין ווי די מאַיאָריטעט — אויף דער לינקער האַנט. האָט מען דאָך, כידוע, „געפּועלט" ביי מיין רעכטער האַנט צו פירן מיט דער פען, געהער איך דאָך על־פּי דין נישט

מער צו דער געלינקטער מינאָריטעט און באַדאַרף זיך דעריבער נוהג זײַן ווי אַלע רעכט־האַנטיקע ייִדן. ווי איז אָבער דער דין, אַז מײַן רעכטע האַנט איז בכוח בלויז צום שרײַבן און צום עסן, אָבער צו עפּעס אַנדערש — דערין צום וויקלען רצועות — טויג זי נישט? איז טאַקע שלעכט.

איך ווייס אסור נישט צי מײַן זיידע האָט זיך מיישב געווען מיט אַ רב, צי מיט סתם אַ יודע ספר, אָדער ער אַליין האָט געהאַט אַ ידיעה אין דינים, אָבער מיר איז אַלצאיינס געווען צי ער מרוקעט און דער פעטער פּאַטשט לויטן שולחן־ערוך, אָדער לויט זייער אייגענעם שכל — ווײַ געטון האָט סיי־ווי־סיי און דאָס צוגרייטן צו בר־מצווה איז בײַ מיר געווען אַזאַ ביטער אַפּקומעניש, ווי פרי׳ער דאָס עסן און דערנאָך דאָס שרײַבן — און אַלץ צוליב דעם וואָס איך בין גע־בוירן געוואָרן אַ געלינקטע מינאָריטעט. דער סוף איז געווען, אַז מײַן רעכטע האַנט האָט זיך ווידער, נאָך אַ סך מאַטערנישן, אונטערגעגעבן און זי האָט גע־וויקלט די רצועות — נישט אַזוי פלינק טאַקע ווי ס׳דאַרף צו זײַן, אָבער אָבי דער זיידע האָט אויפגעהערט צו מרוקען און דער פעטער לייבל צו פּאַטשן.

ס׳ערגסטע בעת דער גאַנצער סדרה מאַטערניש איז געווען, וואָס בײַ זיך אין האַרץ און אין מײַן יונגן מוח האָב איך געוווּסט, אַז ס׳איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה און אומזיסטע לײַדן — וואָרעם נישט איך וועל לייגן תפילין, נישט איך וועל גיין שבת אין שול אַרײַן אויפגערופן צו ווערן צו מפטיר — הגם איך האָב כסדר געחזרט די הפטורה. בקיצור: איך וועל נישט דורכגיין די גאַנצע צערעמאָ־ניע פון איבערנעמען אויפן אייגענעם חשבון דעם עול און די אחריותן פון ייִדישקייט...

דער דאָזיקער באַשלוס איז, חלילה, נישט געווען מחמת להכעיס דעם זיידן און דעם פעטער לייבל, כאָטש ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אויב זיי וואָלטן בשעת דער צוגרייטונג צי מײַן בר־מצווה אַרויסגעוויזן צו מיר אַביסעלע צאַרט־לעכקייט, צי כאָטש אַ טראָפּן פשוטע אײַנזעעניש מיט מײַן געלינקטקייט, וואָלט איך פאַר יוצא־וועגן אפשר יאָ געגאַנגען שבת אין שול אַרײַן און געזאָגט די הפטורה, ווי כ׳האָב פאַר יוצא־וועגן זיך געלערנט לייגן תפילין. אפשר.

פאַרוואָס עפּעס — אפשר? ווײַל שוין אין יענעם פרי׳ען עלטער האָב איך נישט געגלויבט דערין... אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך אָפט געחידושט אויף זיך אַליין ווי ס׳איז צו מיר געקומען... ווי ס׳האָט זיך שוין דעמאָלט אויס־געלייגט אין באַוווּסטזײַן אַ וועלט־באַנעם, וואָס גייט אונטערן נאָמען אַבסטראַק־טער, אָדער פילאָסאָפישער גלויבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע באַצייכענונגען פאַר גאָט ווי אַנטראָפּאָמאָרפישער, טראַנסצעדענטאַלער, אימאַנענטער וכו׳ זענען נאָך לאַנג נישט געווען אין מײַן שפּראַך־לעקסיקאָן, אָבער די באַגריפן, וואָס אָט־

די טערמינאָלאָגיע דריקט־אויס, האָבן שוין געלעבט אין מיר. דריי מינים ליטע־ראַטור האָבן מיך אין יענע פריִע לעבנס־יאָר געלאָקט: פּאָעזיע, רייזע־באַשריי־בונגען און וויסנשאַפט, איבערהויפּט אַסטראָנאָמיע. די דברים ברומו של עולם האָבן מיך כסדר גערייצט און באַאומרויִקט. איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף די קשיות וועגן גאָט, וועלט און זין פון לעבן אין ביכער און אין די שטערן. ביז שפּעט ביינאַכט, אַפילו אין די ווינטערדיקע פרעסט, בין איך געשטאַנען אין הויף מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל און זיך געוווּנדערט און געוואָלט פאַרשטיין...

כ׳האָב זיך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז דער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, די מילי־מיליאָסן שטערן און פּלאַנעטן, איז פאַראינטערעסירט דערין צי איך לייג תפילין, צי נישט; אַז ער נייטיקט זיך אין אונדזערע תפילות און ס׳איז ביי אים אַ חילוק צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, אַזאַ רעליגיע, אָדער אַן אַנדער רעליגיע. איך האָב בפירוש קיינמאָל נישט געגלויבט אין די מעשי־בראשית ווי זיי ווערן געשילדערט אין חומש, אָדער אַז גאָט האָט געזאָגט דאָס אַלץ, וואָס ווערט דערציילט אין תורת משה. אַז ס׳איז דאָ אַן אַלהעכסטע מאַכט, וואָס רעגירט די וועלט — אין דעם איז ביי מיר קיינמאָל קיין ספק נישט געווען, אָבער אַז די דאָזיקע אומבאַגרייפלעכע מאַכט האָט זיך אַריינגעמישט אין געביי פון משכן, למשל, צי גאָר זיך דערטראַכט צו אַזאַ שרעקלעכער זאַך ווי אויספּרובירן אברהמען דורך הייסן אים פירן זיין זון יצחק צו דער עקדה — דאָס האָט זיך מיר פשוט נישט געלייגט אויפן שכל.

איינמאָל, געדענק איך, האָב איך מיין מלמד געפרעגט אַ קשיא, וואָס האָט אים אַזוי פאַרטשמיעלעט, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן מיר צו דערלאַנגען אַ פּאַטש... די קשיא איז געווען וועגן פרעהן. וואָס איז פרעה שולדיק געווען, — האָב איך געוואָלט וויסן, — אַז גאָט האָט כסדר האַרט געמאַכט זיין האַרץ, ווי ס׳ווערט דער־ציילט אין חומש? האָט ער דען כוח געהאַט צו גיין קעגן גאָטס ווילן? און וואָס פאַראַ שפּיל איז דאָס טאַקע פאַר גאָט? פרעה איז שוין גרייט אַרויסצולאָזן די בני־ישראל, פאַרהאַרטעוועט גאָט זיין האַרץ, אַז ער זאָל עס נישט טון — און די שולד פאַלט אויף דעם מלך פון מצרים — דאָס האָט מיר אויסגעזען אומזיניק.

דערביי האָט מיין קינדערשער שכל אויך די וויסנשאַפט אויפגענומען קריטיש — די וויסנשאַפט, אויף וויפל איך האָב זי פאַרשטאַנען פון די פּאָפּולערע ביכער, ביכלעך און אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשלונגען טאָג און נאַכט — פון ד. מ. הערמאַלין, בנימין פייגענבוים, א. ברעסלער, חיים זעליג סלאָנימסקי, מיכל וועבער און פון אַנדערע מחברים, ייִדישע און נישט־ייִדישע, וואָס האָבן פּאָפּולאַ־ריזירט וויסנשאַפטלעכע שיטות. דאַרווינ׳ס טעאָריע פון עוואָלוציע האָט מיר איז

אַ סך פּרטים אויסגעזען נישט קיין סך לאָגישער פון די חומש־מעשיות און איך האָב מיינע ספקות און קשיות אויף דאַרווינען אַרויסגעבראַכט אין דיסקוסיעס מיט יינגלעך אין מיין עלטער (ווי כ׳דערצייל וועגן דעם אין מיין זכרונות־בוך „מאַ־מענטן פון אַ לעבן״).

מיין רעליגיעזער איינשטעל האָט זיך אין לויף פון די יאָרן אין תוך נישט געביטן, אָבער רייפער און ברייטער געוואָרן — מיט געוויס אַרט פּאַר פשרה מיט רעליגיעזער פאָרמאַליטעט, ריטואַל, צערעמאָניאַל, קוקנדיק אויף זיי ווי אויף פּילפּאַרביקע אַזיסן אין דער וויסטעניש פון וואָכעדיקייט. ווען כ׳האָב איינגעזען, אַז אויך די „וועלטלעכע וועלט״ מוז אָנקומען צו ריטואַליסטיק און אַז אויך קינסטלערישע שאַפונג איז בתוך אַ רעליגיעזע עובֿדה און עבֿודה, האָט אין מיין באַוווסטזיין אַלץ העלער אויפגעליכטיקט דער רעיון, אַז מיר קענען זיך משתתף זיין מיט די פייערלעכקייטן פון דער פאָרמאַליסטישער רעליגיע, אַריינטראַכטנדיק אין זיי אונדזערע אייגענע כוונות.

איך האָב זיך אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אַ רעליגיעזן מענטש, הגם סיי פרומע ייִדן, סיי די אַזוי־גערופענע פרייע ייִדן האָבן אַזוינס אויפגענומען מיט אַ שפּאָ־טישן שמייכל ווען נאָר איך האָב מיין רעליגיאָזיטעט אָפן דעקלאַרירט, וואָרעם רעליגיאָזיטעט אַסאָציאירט זיך ביי זיי — מיט ווייניק אויסנאַמען פון פילאָסאָפיש־דענקענדיקע — מיט מצוות מעשיות. אין יענע פריִע יוגנט־יאָרן איז דאָס פאַר מיר אַליין געווען אַן אויסטערלישער חידוש, וואָס סיי איך גלייב, סיי איך גלייב נישט, אָבער דערביי האָב איך געפילט, אַז דאָס, וואָס איך גלייב יאָ, קאָן בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט דאַוונען, תפילין לייגן און מיט דעם גאַנצן קלאָפּער־געצייג פון די תרי״ג מצוות — איז דעריבער ביי מיר געווען פּעסט אָפּגעמאַכט: נישט צו גיין אין שול אַריין מיטן ייִדן צו ווערן בר־מצווה.

ביי אַלע יינגלעך איז דאָס בר־מצווה ווערן געווען אַ טיפע איבערלעבעניש, אַ שמחה, אַ גדולה, וואָס זיי האָבן זיך קוים געקענט דערוואַרטן דערויף. ווידער בין איך דאָ געווען אַ מינאָריטעט — אַ מיעוט פון פּאַקטיש איינעם — וואָרעם אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, אַז אַ יינגל אין מיין עלטער, אויפגעצויגן אין אַ ייִדישער סביבה, געגאַנגען אין חדר פון פיר יאָר אָן, זאָל אָפן רעוואָלטירן קעגן בר־מצווה. ווען כ׳האָב פריִיטיק־צו־נאַכט, פאַרן שלאָפן לייגן זיך, ווען די מאַמע האָט מיך דערמאָנט אָן דער גרויסער שמחה, וואָס וואַרט אויף מיר שבת אינדערפרי, אַרויסגעמורמלט, ווי מורא געהאַט פאַר די אייגענע רייד, אַז כ׳וועל נישט גיין אין שול אַריין, האָט די מאַמע זיך צעלאַכט:

— גלייבצן נישט! מאַלע, וואָס ער בעבעט דאָרט? ס׳איז אַזוי אָנגעפאַלן!

דער זיידע האָט געמרוקעט, די באָבע האָט געשמייכלט און דער פעטער לייבל

האָט געטענהט, אַז בלויז פֿאַר אַזאַ חכמה באַדאַרף איך כאַפּן פּעטש... אַז איך מיין עס טאַקע און אַז איך וועל האַלטן וואָרט — דאָס האָט זיך זיי פּשוט נישט געלייגט אויפֿן שכל. ווי געזאָגט, וואָלט איך אפשר יאָ געגאַנגען אין שול אַריין פֿאַר יוצא־וועגן, אויב דער זיידע וואָלט ביים לערנען מיך תפילין לייגן אַרויסגע־וויזן אַביסל צאַרטלעכקייט, אָדער איינזעעניש. און אפשר האָט דאָ געשפּילט די הויפּט־ראָל נישט אַזוי מיין „אומרעליגיעזער רעליגיעזער" פּרינציפּ, ווי עפּעס אַנדערש — אַן אַנדערש, וואָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט מיך צוריק פֿון יעדן געזאַמל, דער עיקר פֿון יענע, ווו איך דאַרף זיין אין צענטער, פּילן אויף זיך אויגן און אויערן פֿון אַן עולם.

אפשר איז די סיבה דערפֿון, וואָס איבער אַ האַלדז־אָפּעראַציע (קרופּ) אין עלטער פֿון דריי יאָר, ווערט מיין קול צייטנווייז געשטערט און ס׳איז אין מיר שטענדיק אַ מורא, אַז די שטערונג וועט טרעפֿן דווקא בעת איך דאַרף ס׳קול צום נייטיקסטן... און אפשר איז עס עפּעס אַ פּסיכישע מורא, צי גאָר אַ שותפֿות־דיקע פֿיזיאָלאָגיש־פּסיכישע אימה. דער עיקר איז, אַז דאָ בין איך ווידער אַ מי־נאָריטעט, אַ מיעוט אין דער שרייבעריש־געזעלשאַפֿטלעכער וועלט, ווו מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַוועגן מיין גאַנץ לעבן און ווו „פֿייערונגען לכּבֿוד", יובּיליי־צונויפֿקומענישן, באַנקעטן וכּדומה זענען מעשׂים בכל יום. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט אין ניו־יאָרק אַ „סימבאָלישע" גרופּע שוויגערס — פֿון אַזעלכע שרייבערס ווי ש. ראָזענפֿעלד, מ. י. חאַימאָוויטש, חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער), דאַכט זיך אויך יונה ראָזענפֿעלד און נאָך אַ צוויי־דריי, וואָס זייערע נעמען קאָן איך זיך אַצינד נישט דערמאָנען.

ס׳איז מאָדנע ווי די מאַיאָריטעט האָט נישט די מינדסטע פֿאַרשטענדעניש און איינזעעניש פֿאַר אויסנעמען. דאַכט זיך, פֿאַרוואָס זאָל עמעצן אַרן וואָס צווישן אַזוי פֿיל, וואָס ווי שמעטערלינגלעך ציִען זיי זיך צום פֿייער, ציִען זיי זיך צו פֿייערונגען; וואָס זייער גרעסטע הנאה איז צו הערן סיי ווי אַנדערע ריידן וועגן זיי, סיי זייער אייגן קול — געפֿינט זיך אַ קליינינקע מינאָריטעט, וואָס גוס־טירט נישט אין אַזעלכע זאַכן, וואָס דאָס וואָרפֿט גאָר אָן — ווי ס׳איז אין מיין פֿאַל — אַן אומהיימלעכקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט פּחד. אָבער אַזוי איז די מאַיאָריטעט! יעדעסמאָל, וואָס מען וויל מיך מכבד זיין מיט אַזאַ מין עפֿנטלעכן כּבֿוד און איך זאָג זיך דערפֿון אָפּ, הגם איך פֿיל אַ טיפֿע באַדאַנקלעכקייט צו די, וואָס ווילן מיר דערמיט אַרויסווייזן אָנערקענונג, דאַרף איך זיך אַנטשולדיקן פֿאַר די באַליידיקטע פֿריינד און קאָלעגן, ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ פֿאַר־ברעכן אַנטקעגן דער געזעלשאַפֿט.

אפשר איז דאָס טאַקע געווען דער עיקר־גורם אין מיין פֿעסטן באַשלוס נישט

צו גיין אין שול אַריין. ווען דער זיידע מיטן גאַנצן בני־בית זענען שבת אינדער־פרי געווען מוכן ומזומן צו גיין אין שול אַריין און איך האָב מיטן האַרבן וואָרט געזאָגט, אַז כ׳גיי נישט, איז געוואָרן אַזאַ טרעוואָגע, אַז די גוייִשע שכנים האָבן געעפנט די טירן און אַרויסגעקוקט. מיין מאַמע האָט מיך פעסט אָנגענומען ביי דער האַנט און איך בין מיט איר געגאַנגען ווי יצחק צו דער עקדה, אָבער אויף דער גאַס האָב איך זיך אַ ריס געטון פון איר און — ויברח אלי־חיים. דער יאַנואַר־פראָסט האָט געברענט, אָבער איך האָב אים נישט געשפּירט. איך בין געלאָפן, געלאָפן, געהערט הינטער זיך לויפנדיקע פיס, קולות, אָבער איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט, געטראָגן ווי פון עפּעס אַ מאָדנעם אימפעט, טאַקע ווי דער רוח וואָלט מיך געיאָגט.

איך האָב זיך דערנאָך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג איבער די גאַסן אַ הונגע־ריקער, אַ דורכגעפרוירענער. אַ געדיכטער שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן און נישט אויפגעהערט ביזן אָוונט, ביז איך האָב שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן פון הונגער און קעלט און זיך געלאָזט אַ היים גיין. באַדעקט מיט שניי און פאַר־שעמט האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין זיידנס שטוב. די מאַמע האָט זיך דער־פרייט, אָבער דער זיידע איז צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ געברומעריי ווי אַ חיה, וואָס גרייט זיך צו פאַרצוקן, אויפגעפּראַלט די טיר און מיטן גאַנצן אימפעט מיך אַרויסגעשטופּט. קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט.

ווידער אין דרויסן, האָב איך זיך געשלעפּט איבער די טונקעלע גאַסן און געטראַכט אַוועקצוגיין צו דער ווייסל און זיך אַריינוואַרפן, אויב זי איז נאָך נישט פאַרפרוירן... אָדער גאָר זיך אויפהענגען אין זיידנס „שעצקאַרניע״, אין דער היל־צערנער שטאַל אויפן הויף, ווו ס׳שטייט די שנייד־מאַשין, וואָס צעפּיצלט שטרוי פאַר די פערד. האָרט פאַר 11 ביינאַכט, איידער דער סטרוזש פאַרמאַכט ס׳טויער, בין איך אַריין אין הויף, אַרויף אויף אַ „פּלאַטפאָרמע״, איינער פון די וואָגנס, וואָס די פורמאַנעס לאָזן שטיין אין הויף ביז אינדערפרי, ווען זיי שפּאַנען־איין די פערד און לאָזן זיך אַרויס איבער דער שטאָט — זיך אויסגעצויגן און באַלד איינגע־שלאָפן. כ׳וויס נישט ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געשלאָפן ביז איינער פון די גוייִשע שכנים, וואָס איז שפּעט אַ היים געקומען, האָט דערהערט מיין שווער כראָפּען. דערוויסנדיק זיך פון מיר, אַז דער זיידע האָט מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב, איז ער מיט מיר אַרויף צום זיידנס דירה און מיט ביידע פויסטן געזבענקעט אין דער טיר. די אויפגעוועקטע דערשראָקענע משפחה מיט מיין זיידן פאָרויס, איז זיך צונויפגעלאָפן און וואַצעק, אַזוי האָט, דאַכט זיך, דער פּאָליאַק געהייסן, האָט דעם זיידן אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל דאָס ייִנגל אַרויסטרייבן, וועט ער זיי אַלע ממיתן און מאַכן אַ טיל־תל פון אַלץ אין שטוב...

נאָך דער דאָזיקער מעשה זענען מיר געווען ביים זיידן נאָך עטלעכע חדשים, ביז מיין טאַטע איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע. די גאַנצע צייט האָט דער זיידע מורא געהאַט אַפּילו אַ קרומען קוק צו טון אויף מיר — אַזוי אויך דער פעטער לייבל, — ווארעם ווי נאָר עפּעס האָב איך אַ סטראַשע געטון מיט וואַצעקן, וואָס מ'האָט גערעדט אויף אים, אַז ער איז אַ גנב, אַן איינברעכער..

מיר האָבן זיך צוריק אַריבערגעצויגן אין דער געדיכטער ייִדישער אָרעמקייט.

⁂

אינגיכן איז מיר באַשערט געווען צו ווערן אַ נייע מינאָריטעט — אַ ציוניסטיש־אַנאַרכיסטישע.

אַנאַרכיסטן זענען אין דעם קאָך פון די פּאַרטייאישע באַוועגונגען אין דעם פוילן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ קליינע מינאָריטעט בכלל און אין ייִדישן לעבן בפרט. אויך דער ציוניזם איז נאָך דעמאָלט בטל־בששים געוואָרן אין די סאָציאַליסטישע און האַלב־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס מיט זיי האָט געשוויבלט און געגריבלט אויף דער ייִדישער גאַס.

אָבער זיין אַ ציוניסט, אָדער זיין אַן אַנאַרכיסט איז געווען אַ נאָרמאַלע זאַך. ס'איז שוין דעמאָלט אויך געווען נאָרמאַל די פאַרבינדונג פון ציוניזם מיט מאַרקסיזם — פּועלי־ציון; אָדער סאָציאַליזם מיט טעריטאָריאַליזם — ס. ס. ביידע צדדים זענען דאָ געווען אַנהענגער פון שטאַט, פון מלוכה — בויט מען די ייִדישע מלוכה, אָדער די ייִדישע טעריטאָריע ווו זי זאָל נישט זיין — אויף סאָציאַליסטישע, צי מאַרקסיסטישע יסודות — און פאַרטיק.

אָבער פאַרבינדן ציוניזם מיט אַנאַרכיזם איז געווען ווי פאַראייניקן פייער מיט וואַסער — דער אַנאַרכיזם פאַרברענט דעם שטאַט, ווי דאָס וואַסער פאַרלעשט דאָס פייער... וואָס־זשע איז שייך ציוניסטישער אַנאַרכיזם, אָדער אַנאַרכיסטישער ציוניזם, אַז בעת דער ציוניזם שטרעבט צו אַ מלוכה, שטרעבט דער אַנאַרכיזם אומצוברענגען די מלוכה?

בקיצור, אַזאַ קאָמבינאַציע איז פשוט משוגע מטורף כי לעולם חסדו. אָבער ביי מיר, אין מיין קינדערשן מוח, האָט די קאָמבינאַציע געהאַט אַ לאָגישע באַרעכטיקונג — אויף וויפל איך האָב דעמאָלט בכלל תופס געווען די צוויי אידעאָלאָגיעס. מיין בר־מצווה־לאָגיק האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן: דער ציוניזם וויל אַ מלוכה פאַר ייִדן, ווייל אין גלות ווערן זיי געיאָגט און פאַרפאָלגט, מען וואַרפט זיך מיט זיי אַרום ווי מיט איבעריקע; דער אַנאַרכיזם איז אַ שיינע אידייע: אדרבא, נאָך וואָס דאַרף דער מענטש אַ בייטש איבער זיך, אַ הערשער מיט סאָלדאַטן און קאָזאַקן און פּאָליציי אויפצוהאַלטן זיין הערשאַפט? אָבער דער אַנאַרכיזם איז

חשבון און סך־הכל

אַ ווייטלויפיקע אידייע און איידער ער ווערט פאַרווירקלעכט, ווערט דערוויילי דאָס יידישע פאָלק אויסגעריסן און ווער ווייס צו וואָס ס׳קאָן נאָך פירן!

בקיצור: ווי לאַנג מלוכות עקסיסטירן, זאָלן אויך יידן האָבן אַ מלוכה, ווי אַלע פעלקער, און ווען דער אַנאַרכיזם וועט דורכגעפירט ווערן, וועט ער געפינען דאָס יידישע פאָלק ווי אַ פאַראייניקטע, איינהייטלעכע געמיינשאַפט — וועלן דאָך אַלע אומות בלייבן אויף זייערע ערטער ווי נאַציאָנאַלע איינהייטן, נישט צעמישן זיך אין אַ מישענינע, אין אַ כאַאָס. וועלן יידן דעמאָלט פּראָווען דעם אַנאַרכיזם ווי אַלע אַנדערע פעלקער — אויף זייער אייגענער טעריטאָריע און אויף זייער אייגן לשון.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעמאָלט נישט געטראַכט אין די אייגענע ווער־טער און טערמינען, מיט וועלכע איך גיב דאָס איצט איבער, אָבער דאָס איז דער תוך און דער תמצית פון מיין געדאַנקען־גאַנג אין יענע שפּעטע קינדער־יאָרן, אָדער פריִע יוגנט־יאָרן. פונדעסטוועגן האָב איך מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פון מויל אַזאַ סינטעז, ווי ציוניזם־אַנאַרכיזם — מען זאָל מיך נישט האַלטן פאַר אַ משוגענעם. נו, האָב איך דעם סינטעז „אַרומגעטראָגן" אין קאָפּ און איך האָב, באַנאַנד מיט אַ פּאָר חברים, אָרגאַניזירט צוויי באַזונדערע יוגנט־גרופּעס: אַ ציוי־ניסטישע: „תקות ציון" און אַן אַנאַרכיסטישע: „די רויטע האַנט" — נישט מער און נישט ווייניקער... פאַר יעדער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע מנינים ייִנגלעך אין מיינע יאָרן, האָב איך צונויפגעשטעלט בולעטינדלעך — האָט אין ציוניסטישן בלעטל געוועדט איין צד פון מיין דואַליזם, אָדער סינטעז, און אין אַנאַרכיסטישן בלעטל, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ מין פּראָקלאַמאַציע, האָט דער צווייטער צד געמאַכט דעם ריכטיקן תכלית פון דעם שטאַט...

כאָטש ביי מיר אין קאָפּ איז דער ציוניסטיש־אַנאַרכיסטישער שידוך לאָגיש באַרעכטיקט געווען, האָב איך פאָרט זיך געפילט עפּעס שולדיק. ס׳איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז איך טו עפּעס נישט קיין שיינע זאַך, אַז איך נאַר־אָפּ די ייִנגלעך אין יעדער גרופּע. וואָס וועט זיין, אַז די און יענע וועלן דערגיין דעם סוד, אַז איך טאַנץ אויף צוויי חתונות? כ׳האָב זיך דעריבער פשוט מחיה געווען, ווען כ׳בין אין אַ צייט אַרום געוואָר געוואָרן, אַז נישט קיין קלענערער ווי פּיאָטר קראָפּאָטקין, דער געוועזענער צאַרישער פּרינץ, וואָס איז געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון אַנאַר־כיזם, האָט אויף דער שאלה פון אַ יידישן סטודענט געענטפערט, אַז אַזאַ קאָמבי־נאַציע — אַנאַרכיזם־ציוניזם — איז אין אָרדענונג. ליידער האָב איך קיינמאָל נישט אויסגעפונען קראָפּאָטקינ׳ס מאָטיווירונג פון זיין הכשר, אָבער דער הכשר אַליין און דער פאַקט, וואָס אויך אין אַנדערע מוחות — ווי אין יענעם סטודענטס

— באַמבלט זיך אַזאַ סינטעז, זענען פאַר מיר געגנוג געווען מיך צו דערהויבן אין די אייגענע אויגן...

אָבער בשעת איך האָב זיך דערוווּסט פון קראָפּאָטקינ׳ס ענטפער, האָט שוין די אַנאַרכיסטישע יוגנט־גרופּע געהאַלטן נאָך נעילה. די יינגלעך זענען זיך צע־לאָפן, נאָכדעם ווי איינער פון אונדז, הערשל הימלפאַרב, איז אַרעסטירט גע־וואָרן. פון דער ציוניסטישער גרופּע זענען די אונטערגעוואָקסענע יינגלעך אַריבער צו פאַרשיידענע פאַרטייען — צווישן דערוואַקסענע — אָדער סתם געוואָרן פרייע פייגל, אָן וועלט־פּראָבלעמען. דער ציוניסטיש־אַנאַרכיסטישער סינטעז איז ווייטער געבליבן ביי מיר אין קאָפּ און איך האָב זיך אַלץ געפילט ווי אַ מינאָריטעט אויפן שלאַכטפעלד פון סאָציאַל־פּאָליטישע קאַמפן, אָבער זינט דאַן האָב איך זיך קיינ־מאָל נישט אידענטיפיצירט מיט וועלכן־ס׳איז פאַרטיי־פּראָגראַם, ווי כ׳האָב קיינ־מאָל נישט אָנגענומען וועלכע ס׳איז פילאָסאָפישע שיטה — און דאָס מחמת דעם אמת, אַז קיינער ווייס נישט דעם אמת...

✱

געווען אַזוי ווייניק איז פרייד
אין אונדזערע יינגלשע טעג —
ווען איך און מיין חבר מאָרק שווייד
האָבן היינען באַגעגנט אין וועג.

דורך פרעמד־ווייטער גאָטישער שריפט
האָט היינע אונדז היימיש באַגריסט;
זיין ליד האָט ווי האָניק געטריפט
און ביטערע שעהן פאַרזיסט.

צוויי יינגלעך אין פּאַרק אויף אַ באַנק —
געהערט ווי די לאָרעליי רופט;
און היינע׳ס פרעמד־שפּראַכיק געזאַנג
פאַרטייטשן אויף יידיש געפּרוּווט.

אין ריטם פון היינעשן ליד
האָבן טעג זיך און וואָכן באַוועגט;
און ליבשאַפט האָט זיך אין געמיט
לויט דער „ראָמאַנצעראָ״ גערעגט...

ווי שיין איז אין היינעשן בוך
געווען אונדזער וועלט אין איר גאַנג!
אַפילו דאָס שלעכטס און דער פלוך —
מעלאָדיש, ראָמאַנטיש געזאַנג...

כאַס און געשטאַלטונג

ערשטע יאָרן אין
אַמעריקע. — אַן אָר־
טאָדאָקסישע צייטונג אָן
אָרטאָדאָקסן. — אפּיקור־
סים און משומדים. — שלעכט
פאַרדייטער ראַדיקאַליזם. — די
„קריטישע” הערשאַפט פון אב
קאַהאַן און ש. יאַנאָווסקי. — רעוואָ־
לוציאָנערן אָן ליבע און אָן יושר. —
סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּראַ־
זן־דרעשערס. — מיין צוזאַמענשטויס מיטן
ראַבינער יאָנא ב. וויז. — מיין אָפענער בריוו
אין „אינזיך” צו די אויסגעלינקטע יידישע שריי־
בערס. — משה נאַדיר׳ס „מיסיע”. — עטיק און
עסטעטיק. — ברוטאַליטעט און רחמנות. — דער
אָנהייב פון דעם געראַנגל מיט זיך אַליין. — דאָס אי־
נערלעכע שלאַכטפעלד. — דאָס רעכט ניט געבוירן צו
ווערן. — לעבנס־ווילן און דראַנג צו זעלבסטמאָרד. — שריי־
בערישע אַקטיוויטעט און געזעלשאַפטלעכע פּאַסיוויטעט. —
מיין ווייב פראַדל. — אַ נאַכט פון טויט און פחד. — פרויען,
משוגעת און טויט. — מאַרטאַ. — דער משוגענער קאַבאַליסט אין
קעלער. — פלאָרענס — בילדונג און פּראָסטיטוציע. — אַדעלאַ — ליידנ־
שאַפט און רעאינקאַרנאַציע. — לאַוראַ בילינגס — די מאָדערנע רות. —
אידאַ מאַריני — די געשיכטע פון אַ ליגן. — די אומדאַנקבאַרע פיר און נאָך
עטלעכע. — דער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין גאָט. — דער
ייד, וואָס האַלט זיך פאַר גאָט. — מיינע ספּיריטואַליסטישע דערפאַרונגען. — פּרץ,
שרה פערלע און די מערקווירדיקע מיסטעריע פון פיישיענס וואָירט. — מיין
בוך „די צווייטע עקסיסטענץ”. — נחת און צער צו 60 און 65. — מיין בראָשור
וועגן ספּינאָזאַ׳ס טויט. — אומעט, אומעט, אומעט. — אַ צייטונגס־שפּיצל. — דער
לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. — זיגמונד פרויד און זיינע זעקס אַפּאָסטאָלן. —
לאָגישער פּאָזיטיוויזם. — וואָס איז פילאָסאָפיע? — „ווי ס׳ווערן לידער פאַרפאַסט”.
— וואָס איז פּאָעזיע? — ווער איז דער מחבר פון זוהר? — איוב ספּינאָזאַ און רב לוי
יצחק. — אהבת ישראל. — דאָס רעטעניש — זשיטלאָווסקי. — שלום אַש — אַ סך־הכל.

אין אַ פרומער צייטונג

איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע דעם 1טן יאַנואַר, 1913, און דעם אייגענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיין מיטאַרבעט אין דער ניו־יאָרקער צייטונג „דאָס יידישע טאָגעבלאַט", ווי איך דערצייל דאָס אין מיין זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן" *). לעאָן זאָלאָטקאָף איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר און יחזקאל שרהזאָן און לעאָן קאַמייקי, די אַרויסגעבער. נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע חדשים, צוליב דעם שטרייק פון די יידישע שרייבערס פון אַלע צייטונגען — אַ שטרייק, וואָס די שרייבערס האָבן פאַרשפּילט מחמת דעם פאַרראַט פון דער זעצערס־יוניאָן — בין איך ווידער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „טאָגעבלאַט", דאָסמאָל אַן אינעווייניקסטער.

די אַטמאָספערע אין „טאָגעבלאַט" — און זי איז געווען די אייגענע אין די אַנדערע יידישע צייטונגען, „פאָרווערטס", „מאָרגן זשורנאַל" און „װאַרהייט" — איז געווען אַ שווערע. פאַר מיר, פריש פון וואַרשע, פון דער וואַרעמער און האַרציקער סביבה אין „מאָמענט", איז עס ממש געווען אומדערטרעגלעך. קודם האָב איך זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו דער הפקרות אין דער יידישער שפּראַך. אין „מאָמענט" האָט דער רעדאַקטאָר אַכטונג געגעבן, סיי אַליין, סיי דורך דעם סעקרעטאַר — דורך מיר, הייסט עס, — אַז די אָרטאָגראַפיע זאָל זיין אַן אויסגעהאַלטענע אין דער גאַנצער צייטונג, און אַז ס'זאָלן אויסגעמיטן ווערן פרעמדווערטער, גערמאַניזמען און סלאַוויזמען.

אָבער דאָ האָט יעדער געשריבן ווי אים האָט זיך געוואָלט. נישט נאָר האָט יעדער שרייבער אויסגעלייגט אַנדערש, נאָר ביי איין שרייבער אין אַן אַרטיקל האָט מען געקענט געפינען כלערליי אויסלייגעכצן, דערצו אָנגעפּיקעוועט מיט גערמאַניזמען, אַנגליציזמען און סתם וואַנדאַליזמען. דער שטומער אלף צום סוף

---

*) אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1948.

פון ווי, ווּ, די און דו, וועלכע מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון אייראָפּעיִשן ייִדיש מיט פופציק יאָר פריִער, האָט נאָך דאָ געהערשט — אַפילו אין די נעמען פון צייטונגען („דיאווארהייט"). אין ייִדיש האָט געהערשט אַזאַ תוהו־ובוהו, אַז ס׳האָט פשוט ווי געטון דאָס האַרץ. און ס׳איז נישט געווען סתם נאָכלאָזיקייט, נאָר אַ באַוווּסטזיניק הפקרות. די מיטאַרבעטער פון די ייִדישע צייטונגען האָבן חוזק געמאַכט פון די יאָלדן, די ייִדישע לערערס און „דעקאַדענטישע" שרייבערס, וואָס דרייען אַ היטל מיט נייע אָרטאָגראַפישע כללים און מיט אַ ריין ייִדיש...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מיר ד״ר חיים זשיטלאָווסקי דערציילט, אַז אַ דעלעגאַציע פון ייִדישע לערערס און שרייבערס — דאַכט זיך, אויסגעקליבן פון אַן אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע ביים ראַט פון ייִדישע שולעס — איז געגאַנגען פון רעדאַקציע צו רעדאַקציע און פאָרגעשלאָגן די נייע אָרטאָגראַפישע כללים פאַר ייִדיש און דערביי, פאַרשטייט זיך, אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט פאַר אַ גע־לייטערט לשון, אָן די ווילדע גערמאַניזמען און אַנגליציזמען. ווען די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן פון אב. קאַהאַנען, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט קאַהאַן זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה. „די שפּראַך, — האָט ער גע־זאָגט, — איז בלויז אַ לעפל, מיט וועלכן צו קאָרמענען די לעזער". „נו, — האָט יעקב לעווין, וועלכער איז געווען דער ראש־המדברים פון דער דעלעגאַציע, אונ־טערגעכאַפּט, — אַ לעפל דאַרף דאָך זיין אַ ריינער".

אַפילו די פּונקטואַציע איז געווען אין גלות. מען האָט אָפּגעשריבן גאַנצע זאַצן אָן אַ פּונקטואַציע־צייכן און גאַנץ אָפט איז דער צייכן געווען נישט אויפן ריכטיקן אָרט. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער עפּיזאָד, וואָס מ. י. שעלובסקי האָט מיר אין יענע יאָרן איבערגעגעבן. ער האָט געבראַכט אַ לענגערע דערציילונג צו לואי מילערן, דעם רעדאַקטאָר פון „דיא ווארהייט". מילער האָט די דערציילונג אָנגענומען, אָבער... ער האָט אַוועקגעזעצט איינעם פון די מיטאַרבעטער, אַז ער זאָל אויסמעקן די פּונקטואַציע־צייכנס... ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מילער האָט אַזוי געטון מיט אַלע זאַכן, וואָס דרויסנדיקע „יאָלדן" האָבן אים געגעבן, אָדער צוגעשיקט. דאָס דערמאָנט מיך, אגב, אַז אַזאַ פיינער פּאָעט, ווי משה לייב האַל־פּערן, פלעגט אָנשרייבן אַ גאַנצע פּאָעמע אָן אַן איינציקן פּונקטואַציע־צייכן און דערביי פלעגט ערריידן מיט ביטול פון די „אינטעליגענטן", וואָס ווייסן אַקוראַט ווּ אַוועקצושטעלן אַ פּינטעלע. ער האָט, נעבעך, פּשוט נישט געוווּסט ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט די אַלע פּינטעלעך און שטריכעלעך און ער איז בייז געווען אויף יענע, וואָס ווייסן יאָ. מיט זיין חוזק פון „אינטעליגענטן", וואָס האָט אים שפּעטער דערפירט צו די קאָמוניסטן, האָט ער מיך דערמאָנט אָן י. מ. וויסנבערגן.

די הפקרדיקע באַציִונג צו ייִדיש מצד די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטערס

פון דער ייִדישער פּרעסע אין יענע יאָרן איז נישט דיקטירט געווען פון וועלכע־ס׳איז פּרינציפּן. דער קאַמף צווישן ייִדיש און העברעיִש איז זיי נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה, מיט דער אויסנעם פון אב. קאַהאַנען, וואָס פאַר אים, ווי פאַר די אַנדערע רוסיפיצירטע אינטעליגענטן און האַלב־אינטעליגענטן, איז ייִדיש געווען בלויז אַ מיטל צו אַ צוועק, נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין. דער צוועק איז געווען — „סאָציאַליזמוס״, ווי זיי האָבן דאָס דעמאָלט געשריבן און אַרויס־גערעדט, אָדער סתם „אויפקלערונג״, אָדער אַ צוגרייטונג צום איבערגאַנג צו ענגליש, וואָס דערמיט האָט קאַהאַן, למשל, באַרעכטיקט די אינוואַזיע פון ענגלישע ווערטער און גאַנצע אויסדרוקן אין דער ייִדישער שפּראַך. אין „טאָגעבלאַט״, „מאָרגן זשורנאַל״ און „וואַרהייט״ איז אַפילו אַזאַ טענדענץ, אָדער „פּרינציפּ״ נישט בנמצא געווען. זייער באַציִונג, אָדער אומבאַציִונג צו ייִדיש איז געווען דיק־טירט פון אַ מיאוסן ציניזם, וואָס האָט בכלל דאָמינירט זייער גאַנץ לעבן.

מיר דערמאָנט זיך אַזאַ פאַל. י. פּאָדרוזשניק, דער פיינער שריפטשטעלער, וועלכער איז, ליידער, שוין אַ סך יאָרן אַנטשוויגן געוואָרן ליטעראַריש, האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך אויפגעהאַלטן אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געקענט פון בעלגיע, וווּ ער איז אויפגעצויגן געוואָרן און שפּעטער פון לאָנ־דאָן, איז ער געקומען צו מיר אין „טאָגעבלאַט״ אַריין און ווײַסנדיק, אַז אין זיין פינצטערן מעבלירטן צימער, וווּ ער האָט געוווינט, קאָן ער נישט שרייבן, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער קאָן טון זיין ליטעראַרישע אַרבעט אין רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט״. איין אינדערפרי האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש פון „ישראל דער יענקי״ (פרידמאַן), וועלכער איז געווען דער טעאַטער־קריטיקער און אַ נייס־שרייבער, און אין געוויסע טעג פלעגט ער קומען שפּעט. פּאָדרוזשניק האָט אויף דעם יענקי׳ס שרייב־טיש געאַרבעט אויף אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מ. ל. האַל־פּערנ׳ס פּאָעמע „נאַכט״, ציטירנדיק סטראָפן פון דער פּאָעמע. דער „יענקי״, אַ מוראדיקער ציניקער, וועלכער האָט שרעקלעך פיינט געהאַט פּאָעזיע און די נײַ־ייִדישע ליטעראַטור, איז גראַד אָנגעקומען פריִער, ווי דערוואַרט, און דערזעענדיק, אַז אויף זיין שרייב־טיש שרייבט עמעצער פּאָעזיע, האָט ער געמאַכט אַ גאַנצן סקאַנדאַל. ער האָט אַפילו ברייט אויפגעמאַכט די פענצטער. כאָטש ס׳איז געווען אַ קאַלטער ווינטערדיקער טאָג — אויסצולופטערן דאָס צימער פון — פּאָעזיע...

אין דער רעדאַקציע פון דעם אָרטאָדאָקסישן „טאָגעבלאַט״ איז נישט געווען קיין איין אָרטאָדאָקס. ווען איך בין אָנגעקומען פאַר אַ מיטאַרבעטער, איז, ווי געזאָגט, דער רעדאַקטאָר געווען לעאָן זאָלאָטקאָף, אַ ציוניסט און סאָציאַליסט, אַ שטילער, ערלעכער מענטש. ער האָט געשריבן פיינע פעליעטאָנען אונטערן פּסעוו־דאָנים „זקן גדול״ און — וויסטע שונד־ראָמאַנען אונטער זיין אייגענעם נאָמען

און אונטער פּסעוודאָנימען. פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום איז ער געווען אַזוי ווייט, ווי מזרח פון מערב. נאָך זאָלאָטקאָפּ׳ס אָפּפאָר קיין שיקאַגע איז געוואָרן דער רע־דאַקטאָר גדליה בובליק, דער שפּעטערדיקער שטרענגער אָרטאָדאָקס און מזרחי־פירער, אָבער דעמאָלט איז ער געווען נישט מער אָרטאָדאָקס, ווי זאָלאָטקאָף.

איינמאָל בין איך אַריינגעקומען צו בובליקן אין קאַבינעט, וווּ ער איז געזעסן אַרומגערינגלט פון עטלעכע מיטאַרבעטערס, פּראָפ׳ ג. זעליקאָוויטש, ל. קעסנער, י. ל. דאַלידאַנסקי און תשר״ק, פאַרטיפט אין אַ שמועס. בובליק האָט זייער ליב געהאַט צו שמועסן וועגן פילאָסאָפיע, רעליגיע און וויסנשאַפט. יענער שמועס איז געווען מכוח גייסט און מאַטעריע. איך האָב אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז דער אוניווערס ווערט רעגירט און דאָמינירט פון אַ געטלעכן שכל. בובליק האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ חוזק־שמייכל און מיט שפּאָט אַ זאָג געטון צו די אַנדערע:

— דער פּרא־אָדם גלייבט עס טאָקע!...

זעליקאָוויטש, דאַלידאַנסקי און תשר״ק האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. גראַד קעסנער, אַ פיינער, טיפער עסייאיסט, פעליעטאָניסט און קריטיקער, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פּרעטענדירט אויף רעליגיעזיטעט, האָט געהאַלטן מיט מיר.

שבת נאָכמיטאָג פלעגן די מיטאַרבעטערס פון דעם אָרטאָדאָקסישן אָרגאַן, וואָס האָט עפנטלעך געקעמפט פאַר שמירת שבת, ייִדישע טראַדיציעס, ישיבות, קומען צו דער אַרבעט, צוצוגרייטן דעם זונטיקדיקן נומער. בובליק פלעגט טייל־מאָל אויך קומען, זיך פאַרמאַכן אין זיין צימער און שרייבן אַ לייט־אַרטיקל — אפשר טאָקע וועגן דער הייליקייט פון שמירת שבת... אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום איז אין בובליקן פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. ער איז געוואָרן אויפריכטיק רעליגיעז, פרום, ווי ס׳איז געווען צו זען, נישט נאָר פון זיין געענדערטער הנהגה, נאָר אויך פון זיין בוך „מן המצר״. און וואָס ווייטער איז ער אַלץ פרומער גע־וואָרן. וואָס ס׳האָט גורם געווען די איבערקערעניש אין אים, איז מיר נישט באַקאַנט. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם. אויב ער האָט מיט וועמען יאָ גערעדט מכוח דעם, בין איך נישט געווען דערביי.

די אַנדערע מיטאַרבעטערס — ווי דוד אײדעלסבערג, חיים ליבערמאַן, גרשום באַדער, מיכל אַראָנסאָן, ישראל דער יענקי, תשר״ק, מרדכי דאַנציס, י. י. פריד־מאַן, משה זייפערט, י. ל. דאַלידאַנסקי, יעקב פישמאַן, ש. ערדבערג, ד״ר מרדכי כ״ץ און ד״ר צבי כהן (די לעצטע דריי זענען צוגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה), זענען אַוודאי קיין אָרטאָדאָקסישע ייִדן נישט געווען. דער יענקי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „סאָציאַליסט״. די מיינסטע פון די אַנדערע זענען געווען ציו־ניסטן. אין שייכות צו ייִדישקייט קאָן מען וועגן איייניקע פון זיי זאָגן, אַז זיי זענען געווען טראַדיציאָנאַליסטן (אָבער בלויז אין טעאָריע, נישט אין פּראַקטיק)

אָן אמונה — דאָס איז אמת וועגן אַזעלכע קאָלעגן ווי דאנציס, וועלכער איז דער־ביי אַלעמאָל געווען אַ הייסער ציוניסט; ד״ר כ״ץ, דאַלידאַנסקי, דוד איידעלסבערג און חיים ליבערמאַן, דעמאָלט אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל, אָדער סאָציאַליסט־ציוניסט. די לעצטע צוויי זענען אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן אויסגעשפּראָכענע אָר־טאָדאָקסן — מיט יאַרמולקעס.

תשר״ק און משה זייפערט זענען געווען ציניקער. דער צווייטער איז אין זיין ציניזם דערגאַנגען צו עקסטרעמען. גאָרנישט איז ביי אים געווען הייליק. רע־ליגיע, ציוניזם, סאָציאַליזם — דאָס אַלץ איז ביי אים געווען חוזק. אַ היימישער משכיל און אַ פעלדשער פון יענע פעלדשערס, וואָס גלייבן נישט, אַז ס׳איז טאָקע דאָ אַ דופק, האָט ער אין גאָרנישט געגלויבט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בן־שמונים, אָבער נאָך פול מיט ענערגיע און — מיט ציניזישן אטעאיזם. איינמאָל, ווען כ׳האָב פאַר אים דערמאָנט ציוניזם, האָט ער דעם ציוניזם כאַראַקטעריזירט ווי אַ באַוועגונג צו „קנאַקן לייז אויף דער כותל מערבי״...

פאַר זאַלאָטקאָפּן איז דער רעדאַקטאָר פון „טאגעבלאט״ געווען יאָהאַן (יונה) פּאליי — בן אמיתי. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, איז ער שוין געווע[ן] טויט — דורך זעלבסטמאָרד, אָבער זיין אָנדענק איז נאָך געווען פריש, צוליב די מעשיות און אַנעקדאָטן, וואָס האָבן וועגן אים צירקולירט.

דער דאָזיקער רעדאַקטאָר פון דעם עלצטן און איינפלוסרייכסטן אָרגאַן פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום אין אַמעריקע איז אויך קיין אָרטאָדאָקס נישט געווען... אדרבא, ער האָט זיך מיט יאָרן פריִער געהאַט „אַביסל״ אונטערגעשמדט אין לאָנ־דאָן. דערצו איז ער געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קאָרטן־שפּילער און ער פלעגט אין רעדאַקציע גופא זיך אָפּט אַזוי פאַרשפּילן אין קאָרטן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער צייטונג און אַז ער דאַרף צושטעלן „קאָפּיע״ צו די זעצערס.

דערציילט מען, אַז איינמאָל, ווען ער איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אין קאָרטן, איז אַרויפגעקומען אַ זעצער און געמאָנט דאָס לייט־אַרטיקל. פּאַליי׳ס קאָפּ איז געווען מער אין די קאָרטן, ווי אין לייט־אַרטיקלען, האָט ער פּשוט איגנאָרירט דעם זעצער, אָבער אַז דער זעצער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, מחמת ס׳איז שוין געווען שפּעט, האָט פּאליי אַ כאַפּ געטון אַ נומער „פאָרווערטס״, שנעל אויסגעשניטן פון דאָרט דאָס לייט־אַרטיקל און צום סוף צוגעשריבן: „אָט אַזוי שרייבן די גנאָסן, די הפקר־יונגען — קיין פּירושים זענען נישט נייטיק!״...

און אַזוי איז עס געדרוקט געווען אויף מאָרגן אין „טאָגעבלאָט״.

אַז אויך אויף פּראָפ׳ זעליקאָוויצן האָט מען געמורמלט, אַז ער האָט זיך געהאַט געשמדט אין לאָנדאָן, האָב איך שוין דערציילט אין מיין בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן״. דאָס שטרענג־אָרטאָדאָקסישע „טאָגעבלאַט״ האָט, ווי מיר זעען

דערפון, געהאַט אַ באַזונדערן מזל צו משומדים, אָבער האָט נישט פאַרמאָגט קיין איין אמת־אָרטאָדאָקסישן שרייבער. דערפאַר האָט לעאָן קאַמייקי, איינער פון די „טאַגעבלאַט״־אַרויסגעבערס, זיך שוין נישט אָפּגעשראָקן פאַר משומדים. איינ־מאָל, ווען איך האָב ביי אים געבעטן אַ הוספה אויף מיינע שכירות און ער האָט מיר אָפּגעזאָגט, האָב איך אים, אין שפּאַס, אַ סטראַשע געטון:

— אויב איר גיט מיר נישט די הוספה, נעם איך און שמד זיך אָפּ. ווי וועט דאָס אָרטאָדאָקסישע „טאַגעבלאַט״ אויסזען מיט אַ מיטאַרבעטער אַ משומד?

קאַמייקי האָט מיט אַ שמייכל מיר אָפּגעענטפערט:

— שמדט זיך! שמדט זיך! דאָס „טאַגעבלאַט״ איז שוין געוווינט צו משומדים! מיר האָבן שוין אַפילו געהאַט אַ רעדאַקטאָר אַ משומד!...

סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קריטיקערס

די הויפּט־ראָל אויף דער ייִדישער גאַס האָבן דעמאָלט געשפּילט די ראַדיקאַלע באַוועגונגען, איבערהויפּט סאָציאַליזם (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע) און אַנאַרכיזם. איך דערמאָן זיך אָן אַזאַ אינצידענט. איך גיי אין גאַס און לייען דאָס „טאָגעבלאַט״ — ס׳איז געווען אין 1913, אָדער 1914. פּלוצלינג דערהער איך געלעכטערס פון אַלע זייטן. איך קוק זיך אַרום — דאָס לאַכט מען טאָקע פון מיר. מען לאַכט, מען טייטלט אויף מיר מיט די פינגער און מען מאַכט אַלערליי באַמערקונגען, ווי איך וואָלט געווען אַ משוגענער.

אַז אַ יונגער בחור, „מאָדערן״ געקליידט, אַ געגאָלטער — דאָס הייסט: נישט עפּעס אַ פרומאַק — זאָל לייענען דאָס „טאָגעבלאַט״ און נישט אַ „פאָרווערטס״, אָדער כאָטש די „ווארהייט״ — דאָס האָט דעם עולם אויף דער איסט־סייד, אָדער אין האַרלעם, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ געדיכטע ייִדישע געגנט — אויסגעזען אַזוי ווילד, אַז מען האָט אַזאַ איינעם באַהאַנדלט ווי אַ שטאָט־משוגענעם.

אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו ציִען אויפמערקזאַמקייט צו זיך, האָב איך זינט דעמאָלט מער נישט געלייענט דאָס „טאָגעבלאַט״, אָדער „מאָרגן זשורנאַל״, עפנטלעך אין גאַס...

ביי נאָך אַ געלעגנהייט האָט מען מיך באַהאַנדלט ווי אַ משוגענעם. דאָס איז געווען ווען מיינע אַ פריינדין האָט מיך מיטגענומען צו אירן אַ פריינד, אַן אַנאַרכיסט, אַ ברודער פון דעם ראָמאַנען־שרייבער לעאָן גאָטליב. די שטוב איז פול געווען מיט אַנאַרכיסטישע יונגעלייט און מיידלעך. חברה האָט דיסקוטירט אַנאַרכיזם, פרייע ליבע, רעליגיע, עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, יאַנאָווסקי, דערביי געשאָלטן רעליגיע און אַלע „פינצטערלינגע״, וועלכע גלייבן אין גאָט. איך האָב געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אַן אַנאַרכיסט מוז נישט דווקא זיין אַן אַטעאיסט. מען קאָן זיין אַ גוטער אַנאַרכיסט און גלייבן אין גאָט, אָדער גלייבן אין גאָט און זיין אַן אַנאַרכיסט.

גאָטליב האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע געסט. עטלעכע מינוט האָט קיינער גאָרנישט געזאָגט. טויט שטיל. פּלוצלינג האָבן אַלע מיטאַמאָל — ווי ס׳וואָלט געווען אויסגערעזשיסירט פון פריער — אויסגעשאָסן אין אַ הילכיק געלעכטער. מיין פריינדין איז געזעסן פאַרשעמט און פאַרלוירן. דערנאָך, אַז דאָס געלעכטער האָט אויפגעהערט, האָט מען ווייטער דעבאַטירט, נישט קוקנדיק אין מיין זייט, ווי איך וואָלט גאָרנישט געזאָגט, ווי איך וואָלט בכלל נישט געווען. איך האָב ווידער געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג, אָבער קיינער האָט זיך אַפילו נישט צוגעהערט, נישט געקוקט אין מיין זייט.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און געזאָגט אַ „גוטע נאַכט” און אַרויס. קיינער האָט נישט געענטפערט. מיין פריינדין איז מיר נאָכגעגאַנגען שווייגנדיק. נאָך איידער איך האָב רעכט פאַרמאַכט די טיר, האָב איך ווידער דערהערט אַ הילכיק געלעכטער. מיין פריינדין האָט מיר מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער דערציילט, אַז דער יינגערער גאָטליב האַלט מיך פאַר אַ צעדרייטן. אויב אַ מענטש קאָן משדך זיין גאָט מיט אַנאַרכיזם — איז ער זיכער אַ משוגענער.

דאָס זענען דעמאָלט געווען די באַגריפן פון גרויסע מאַסן אימיגראַנטן. וואָס האָבן זיך גענערט אויפן „פאָרווערטס”, ווו מען פלעגט אין יענע יאָרן דעבאַטירן, צי מען מעג אום שבועות עסן בלינצעס, נישט באַגייענדיק קיין פאַרברעכן קעגן קלאַסן־קאַמף און אַטעאיזם... אָדער וואָס האָבן זיך געשפּייזט אויף דעם שלעכטפאַרדייטן אַנאַרכיזם פון יאַנאָווסקי׳ס „פרייע אַרבעטער שטימע”.

וואָס פאַראַ אומגעהייערע רעוואָלוציע ס׳האָט דורכגעמאַכט דער „פאָרווערטס”, וואָס איז שפּעטער — צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה — געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־יידישע צייטונג, רייך אין אַ סך גוטן ליטעראַרישן מאַטעריאַל און אַ קעמפער קעגן דער שענדלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג! פּונקט אַזאַ עוואָלוציע, אָדער רעוואָלוציע, האָט דורכגעפירט די „פרייע אַרבעטער שטימע”.

***

די הויפּט־קריטיקערס פון ליטעראַטור און טעאַטער אויף דער יידישער גאַס זענען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און איבער אַ צענדליק יאָר שפּעטער געווען אב. קאַהאַן און ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע”, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. די ליטעראַרישע קריטיקן פון יואל ענטין און חיים ליבערמאַן, ביידע ראָמאַנטיקער, זענען געווען פאַר קליינע קרייזן ליטעראַרישע פיינשמעקער. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן די קריטיקן פון פ. ראָזענבלאַט (בן יקיר), כאָטש ער איז געווען, וואָס מען רופט, אַ רעאַליסט; אָבער קאַהאַנ׳ס און יאַנאָווסקי׳ס קריטיקן זענען געווען אַ מאַסן־פּראָדוקציע. די־

גרויסע מאַסן טעאַטער־גייערס און לייענערס פון יידישע ביכער, ווי די טעאַטער־לייט און די מחברים גופא, האָבן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויפן אָפּרוף פון אַט־די צוויי „גדולים"... פון זייער אָפּרוף איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון פּיעסן און ביכער.

קאַהאַן האָט כסדר מאַניפּולירט מיטן ווערטל „רעאַליזם" אין זיין באַגריף פון רעאַליזם איז געווען אַ פּרימיטיווער און צעשוווּמענער. אָבער לויט אַט־דעם מטושטשן „רעאַליזם" האָט ער, אין זיין סטיללאָזן און פאַרענגלישטן יידיש, גע־פּסקנט שאלות. האָט אַ בוך, אָדער אַ פּיעסע געשטימט מיט זיין השגה פון רעאַליזם, האָט ער געלויבט ביזן הימל; אויב נישט, האָט ער אַראָפּגעריסן מיט ממש רציחה.

ווי אַ ביישפּיל פון קאַהאַנ׳ס פאַרשטייעניש פון מענטשן און ווערק און פון זיין לשון, איז כדאי צו ברענגען איין קורצן זאַץ פון זיין אָפּשאַצונג פון — נאָמ־בערגן. אויף איינער פון זיינע נסיעות אין איראָפּע האָט ער זיך באַגעגנט מיט נאָמבערגן און אים פאַרבעטן צו שרייבן פאַרן „פאָרווערטס". האָט קאַהאַן, אין אַ רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ, דערציילט, אַז באַלד ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט נאָמבערגן, האָט ער דערקענט, אַז „דיעזער מאַן האָט געדאַנקען"...

***

ש. יאַנאָווסקי, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט אין „שלומ׳ס קאַפע" אויף קאַנאַל גאַס, אַ צוויי וואָכן נאָך מיין קומען קיין אַמעריקע, האָט אויף מיר, שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש, געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַ נידעריק־געוויק־סיקער, מיט אַ שפּיציק בערדעלע, אַ מעפיסטאָפעליש־ביטערע, קלוגיטשקע שמייכע־לע — אַ שמייכעלע, וואָס האָט אויסגעזען נישט נאַטירלעך, נאָר אומישנע אָנגע־שטעלט — האָט דער ציניקער און חוצפּהניק אַראָפּגעשריגן פון זיין פּנים, פון זיין גאַנצער דערשיינונג.

מיט זיין שרייבן בין איך שוין באַקאַנט געווען פון פריִער. זיין „אויף דער וואַך", די וועכנטלעכע רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן זיינע אין דער „פ. אַ. ש.", אַ צע־שוווּמענע, צעצויגענע פּלוידעריי, אין וויל־יונגערשן טאָן — אָן סטיל, פלאַך, טייטשמעריש, אָן שום רחמנות אויף גראַמאַטיקאַלישע כללים, סינטאַקסיס. אין זיין צווייטער וועכנטלעכער אָפּטיילונג, דעם „בריוו־קאַסטן", וואָס איז באמת גע־ווען אַ מיסט־קאַסטן, האָט ער זיך געלאָזט ווילגיין אויפן חשבון פון די יונגע־לייטלעך, וואָס האָבן אים צוגעשיקט זייערע זאַכן.

ער האָט די דאָזיקע קרבנות זיינע באַליידיקט, זיך ביליק געחכמהט אויף זייער חשבון, אַרויסגעזאָגט זיינע וואָזשנע מיינונגען, מיט דער זעלבסט־איינגעגלויבט־קייט פון אַ פּוסק־אחרון. זיין השגה פון ליטעראַטור און טעאַטער איז געווען אַ סך

ערגער — און פרימיטיווער — פון קאַהאַנ׳ס. קאַהאַן איז געווען געבילדעטער און ער איז, ווי געזאָגט, כסדר געריטן אויפן פערדל פון „רעאַליזם״, בעת יאַנאָווסקי האָט בכלל קיין פערדל נישט געהאַט, נאָר סתם געוואָרפן מיט פראַזן און אַרויס־געוויזן זיין וויסטע עם־הארצות, אין שפּראַך און אין מיינונג.

זיין פּאַרשטייעניש פון אַנאַרכיזם גופא איז געווען פונקט אַזוי פלאַך, סקאַר־באָווע און עם־הארצותדיק, ווי פון ליטעראַטור, אָבער דערפאַר איז זיין חוצפּה געווען אין לשער. כאָטש אהרן מינץ (דער בלינדער מינץ), וואָס ער איז דעמאָלט געווען, ווי מען האָט מיר געזאָגט, „די מאַכט הינטערן טראָן״ אין דער „פ.אַ.ש.״, האָט מיך כסדר געבעטן, אַז איך זאָל עפּעס געבן פאַר דער צייטונג און איינמאָל מיר אַפילו געמאָלדן, אַז ער האָט וועגן מיר גערעדט מיט יאַנאָווסקין און אַז יאַנאָווסקי וויל, אַז איך זאָל זיך זען מיט אים — האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געבן עפּעס פאַר דער „פ. אַ. ש.״ — כל־זמן יאַנאָווסקי איז רעדאַקטאָר.

ווען יאַנאָווסקי האָט זיך אין 1921, אָדער 1922, צוריקגעצויגן פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, ווען די צייטונג איז שוין פאַראָרעמט געווען און ער האָט געקריגן אַ גוט־באַצאָלטע שטעלע, ווי דער רעדאַקטאָר פון „גערעכטי־קייט״, אָרגאַן פון אַ יוניע, אונטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער השגחה — אַ באַ־וועגונג, וואָס ער האָט אַלעמאָל באַקעמפט — האָט ד״ר א. א. ראָבאַק דאַן גע־שריבן, אין אַן אָפּהאַנדלונג „צווישן קולטור און קולטורלאָזיקייט״, געדרוקט אין דער חודש־שריפט „דער קוואַל״, אונטער מיין רעדאַקציע (דעצעמבער — 1922):

„שטעלט זיך פאַר, אַז אַזאַ, ווי דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ (ש. יאַנאָווסקי) איז עס געווען אַ ליטעראַרישער טאָן־געבער אויף דער יידישער גאַס; אַז אָט־דער הפקר־ליטעראַט, אויף וועמענס עם־הארצות ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעוויזן — דער זעלביקער האָט עס געגאָלטן ווי אַ גדול ביי דער יידישער אינטעליגענציע״ (ד״ר ראָבאַק האָט אויך גענוצט אַזעלכע עפּיטעטן לגבי יאַנאָווסקין ווי „באַד־יונג״, אָבער איך האָב זיי נישט דורכגעלאָזט).

ד״ר ראָבאַק האָט דאָ געמאַכט בלויז איין פעלער: ביי דער אינטעליגענץ האָט יאַנאָווסקי נישט געגאָלטן פאַר אַ גדול — סיידן ביי דער אינטעליגענץ אין געגנדזנפיסלעך...

עכטער און פּראָפעסיאָנעלער אידעאַליזם

איך פלעג קוקן אויף יאַנאָווסקין און זיך וווּנדערן: ווי קומט אַזאַ מענטש צו רעוואָלוציע, פּראָלעטאַריאַט, גערעכטיקייט? גייט אָט־דעם ציניקער, וואָס כ'האָב געפילט בחוש, אַז ער גלייבט אין אַבסאָלוט גאָרנישט (אויסער אין זיך אַליין, אין זיין אייגענער ווּיכטיקייט) — אין לעבן דער פּראָלעטאַריאַט, זיינע ליידן, זיין באַפרייאונג, און נאָך אַזוי אין לעבן, אַז אַ „מאַרקסיסטישע באַפרייאונג" פון אַר־בעטער־קלאַס איז פאַר אים ווייניק?

איך האָב פּונקט אַזוי זיך געוווּנדערט אויף אב. קאַהאַנען און אויף אַנדערע, ווי ער און יאַנאָווסקי, וואָס האָבן ליב געהאַט מאַכט, פּאָפּולאַריטעט און זענען שטענדיק געווען מוכן ומזומן צו פאַרטיליקן, אויסראָטן קעגנערס, וואָס זענען זיי געשטאַנען אין וועג — איבערהויפּט, ווען איך האָב זיי פאַרגליכן מיט אַזעלכע קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייטן, ווי ד"ר זאמעטקין, וועמען קאַהאַן האָט דער־נידעריקט; ד"ר אב. קאַספּע, ד"ר א. י. מעריסאָן, מאָריס ווינטשעווסקי, העענריק ערליך, ווער שמועסט שוין פון אַזעלכע ליכטיקע פיגורן ווי פּעטר קראָפּאָטקין, אָדער אַלעקסאַנדער בערקמאַן, וואָס אין מיינע אויגן דערהייבט ער זיך ווי אַ היילינקער, דער עיקר זינט איך האָב איבערגעלייענט זיין בוך תפיסה־זכרונות.

דאָס זענען אַלץ מענטשן, וואָס איך האָב זיי פּערזענלעך געקענט — וועמען מער און וועמען ווייניקער. אָבער אויך מכוח שרייבערס און טוערס אין די רע־וואָלוציאָנערע רייען, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט באַגעגנט, האָב איך געקענט פילן בחוש — און נישט נאָר איך — ווער פון זיי ס'איז געווען אויפריכטיק, באמת באַזאָרגט פאַרן גורל פון די אונטערדריקטע און ווער — בלויז אַ רעוואָלוציאָ־נערער פּראַזעאָלאָג, אויב נישט דעמאַגאָג, אַ צופעליק־פאַרבלאָנדזשעטער אין די רעוואָלוציאָנערע רייען. ס'קאָן, למשל, דער מינדסטער ספק נישט זיין אין דעם אויפריכטיקן אידעאַליזם, טיפער ליבע צו אַלע אונטערדריקטע, פון אַ גרעגאָרי

גערשוני, אַ יוסף באַושאַווער, אַ ד״ר מיכל קאַהן *) און אַ דוד עדעלשטאַט, דעם רעוואָלוציאָנערן נזיר און ממש היילִיקן.

דער זעלביקער חידוש, וואָס אויף די יאַנאָווסקיס און קאַהאַנס, איז מיר אַלעמאָל געווען אויף רעוואָלוציאָנערע שטורמערס — אויף דער וועלט־אַרענע, אַזעלכע ווי לענין, טראָצקי, סטאַלין — מענטשן, וואָס ווי נאָר זיי האָבן אַריינגע־קריגן די מאַכט אין זייערע הענט, זענען זיי געוואָרן בלוטדורשטיקע טיראַנען, אונ־טערדריקערס, וואָס מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, די לעבנס פון אַרבעטער און פויערים, זענען פאַר זיי געווען — גאָרנישט. פאַרהאַרטעוועטע נאַטורן, מאַכט־דורשטיקע — ווער וועט מיר איינשמועסן, אַז זיי איז דער אַרבעטער, דער פויער געלעגן אַפילו אין דער לינקער פּאה? בלויז איינמאָל האָב איך געהערט טראָצקין ריידן — בעת זיין אויפהאַלט אין ניו־יאָרק — און זיין שטורמען, זיין גאַנצער אָראַטאָרישער טאַלאַנט האָט אויף מיר געלאָזט אַ בייגעשמאַק פון עפּעס נישט־אויפריכטיקס, פון רעוואָלוציאָנערע פראַזן, וואָס דרינגען נישט אַרויס פון דער נשמה, נאָר פון מוח; ווערטער, וואָס זענען נישט געוואָרעמט פון ליבע, אָדער רחמנות צו די אונטערדריקטע, נאָר פון שנאה צו יענע, וואָס זייער אָרט וויל ער פאַרנעמען. און דעמאָלט — פאַר דער רוסלענדישער רעוואָלוציע — איז דאָך נאָך טראָצקי געווען אַן אָרעמער רעוואָלוציאָנערער אימיגראַנט.

נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, ווען די דאָזיקע פאַרשוינען זענען גע־קומען צו דער מאַכט, האָט זיך ערשט ריכטיק אַרויסגעוויזן דער אומגעהייערער עגאָיזם, נקמה־דורשט, מאַכט־לוסט און מאָרד־לוסט פון די לענינס, טראָצקיס און סטאַלינס. די „באַפרייערס" האָבן נישט נאָר אומגעבראַכט מיליאָנען אַרבע־טער, פויערים און אינטעליגענץ, נאָר זיי האָבן אויך מיט חשק איינער דעם אַנ־דערן איבערגעשניטן די העלדזער, בעת די אמתע אידעאַליסטן, די אמתע רעוואָ־לוציאָנערן, וואָס זייער רעוואָלוציאָניזם איז דיקטירט געוואָרן נישט פון עגאָיס־טישע מאָטיוון, נאָר פון אויפריכטיקער ליבע און רחמנות צום אונטערדריקטן, זענען אָדער אַנטלאָפן, אָדער אַראָפּגעבויגן די קעפּ, רעזיגנירטע, אָדער אומגעקומען.

ווי־אַזוי, — האָב איך זיך געפרעגט, — קומען טאַקע אַזוינע צו רעוואָלוציע, צום קאַמף פאַר אַ גערעכטער, שיינער וועלט, אָן אונטערדריקערס און אונטער־דריקטע? מיר דאַכט זיך, אַז אַט־די, וואָס איך האָב זיי פריִער אָנגערופן „צופעליק פאַרבלאָנדזשעטע אין די רעוואָלוציאָנערע רייען", זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהין מחמת פאַרשיידענע סיבות, פּסיכאָלאָגישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע. רע־

*) זע וועגן אים — און די איבערקערעניש אין אים אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — אין „מאָמענטן פון אַ לעבן".

וואָלוציאָנער מיינט נישט דווקא — רעבעל קעגן אומרעכט און פאַר גערעכטיקייט. ס׳קאָן זיין דער ליידנשאַפטלעכער דראַנג אין געוויסע מענטשן צו קעמפן, צו שטרייטן, זיך צו קריגן. ס׳איז אַ פּסיכישע קריגס־לוסט, אָדער קאַמף־לוסט, ווי ס׳איז ביי אַנדערע דער דראַנג צו שאַפן, דורכצובורעכן נייע וועגן און שטעגן אין דער קונסט. אַזאַ קאַמפּס־באַזעסענער קאָן פאַרבלאָנדזשען אויף דער זייט פון די אונטערדריקער, ווי אויף דער זייט פון די אונטערגעדריקטע — ס׳ווענדט זיך אויף וועלכער זייט ס׳איז דאָ מער געלעגנהייט פאַר קאַמף און פאַר — דערגריי־כונג... פּסיכאָלאָגיש איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַלעקסאַנדער מוקדון, נאַפּאָלעאָן, ראָבעספּיער, טראָצקי און סטאַלין, נישט צו ריידן דאָ וועגן „גרויס" און „גרעסער", נאָר פון פּסיכישן איינשטעל.

ביי אַנדערע פון אָט־דעם מין איז די סטיכישע טרייב־קראַפט צום קאַמף אַ ריין־עגאָיסטישע — אַלציינס צי זיי אַליין באַגרייפן דאָס, אָדער נישט. אָרעמקייט און נויט אין דער פרי׳ער יוגנט נייגט זייער פּסיכישן קאַמף־לוסט צו דער זייט פון די אונטערדריקטע, אָבער ס׳איז נישט דאָס געפיל פון גערעכטיקייט און אַוודאי נישט פון ליבע און רחמנות צום אונטערדריקטן, נאָר דאָס געפיל פון אייגענער שפלות, פון אייגענער נויט. זייער קאַמף איז אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס זיי אַליין זענען אונטערדריקט, וואָס זיי אַליין ליידן, וואָס זיי אַליין זענען אונטן — און נישט אויבן, ווי יענע אין די „הויכע פענצטער", בעת זיי פּילן, אָדער גלייבן, אַז זיי וואָלטן גאָר געדאַרפט זיין אויבן. ס׳איז זייער פּערזענלעכער קאַמף, אויף וועלכן זיי האָבן אַרויפגעהאָנגען די שילד פון סאָציאַלן קאַמף, פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם. ביי טראָצקין האָט נאָך אפשר צוגעשפּילט, אַליין נישט באַגרייפנדיק, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, וואָס ער, אַ ייִד, איז באַזונדערס אונטערדריקט און כאָטש סאָציאַל שטייט ער אויף אַ העכערן שטאַפּל — אַ דאַנק זיינע רייכע עלטערן — איז ער, ווי אַ ייִד, באַשרענקט אין זיינע באַוועגונגען...

מיט דער צייט ווערט די רעוואָלוציאָנערע פראַזע אַזוי צוגעקלעפּט צו זיי, אַז זי ווערט זייער צווייטע נאַטור. זיי אַליין גלייבן שוין אין זייער אייגענער פראַ־זעאָלאָגיע און זיי זענען זיכער, אַז אַלץ, וואָס זיי טוען, איז באמת אין די בעסטע אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוו, פון די מאַסן האָרעפּאַשניקעס, און אַזוי פאַר־בלענדט ווערן זיי, אַז זיי זעען נישט דעם ווילדן ווידערשפּרוך צווישן זייערע רייד און זייערע מעשים, צווישן זייערע לאָזונגען און די קאָנסעקווענצן, וואָס זענען פּונקט דער היפּוך פון זיי...

ס׳איז זיכער דאָ אַ ן אמת אין דער באַהויפּטונג, אַז מאַכט פאַרשיכורט, אָבער איך גלייב נישט, אַז דאָס שיכרות זאָל קענען דערגריין צו אַזאַ עקסטרעם, וואָס קערט בפירוש איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף אַלץ, וואָס אַזעלכע

לייט האָבן אין משך פון יאָרן געפּרעדיקט. דער מענטש ווערט נישט דאָס, וואָס ער איז פריִער נישט געווען — אין דער פּאָטענץ. ראָבעספּיער, וואָס האָט נישט גע־וואָלט ווערן אַ ריכטער, מחמת אים וואָלט אויסגעקומען צו פאַרמשפּטן מענטשן צום טויט און איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די בלוטיקסטע טיראַנען און קעפּ־העקערס אין דער געשיכטע — איז שוין פּאָטענציעל געווען אַ דעספּאָט און אַ רוצח, נאָך איידער ער איז געקומען צו דער מאַכט, נאָר פריִער איז זיין דעספּאָטיזם און מערדעריי געווען פאַרדעקט און איינגעצוימט אין דעם קאָרסעט פון עטיק און מאָראַל, וואָס די דערציִונג האָט אויף אים אַרויפגעצווונגען.

דאָס איז אמת נישט נאָר וועגן יחידים, נאָר אויך וועגן פעלקער. די דייטשן — און זייערע מיטהעלפער — האָבן פּאָטענציעל פריִער געמוזט זיין מערדערס, איידער היטלער האָט זיי געגעבן אַ „הכשר" אויף דעם. קענט איר זיך פאָרשטעלן, אַז ייִדן זאָלן זיך אַרויסלאָזן שעכטן מענטשן, וואַרפן קינדער פון די פענצטער, איבעררייסן קינדער אין צווייען און אָפּטון אַנדערע אַזעלכע רציחות — בלויז דערפאַר, וואָס אַלע רבנים און אַלע ייִדישע פירערס פון דער וועלט, צי אַ ייִדישע רעגירונג, האָט זיי געזאָגט, אַז מען מעג? און קאָן זיך ווער פאָרשטעלן, אַז ייִדישע פירערס זאָלן אַזוינס הייסן? אַ הכשר מאַכט נישט קיין מערדער, נאָר באַפרייט דעם מערדער פון דער עטישער צאַם, גיט אים דעם אויסרייד, אָדער באַרעכטי־קונג, אַז זיין רציחה איז אַ מצווה, אַ פּאַטריאָטישער חוב.

די קאָמוניסטן, ווי די נאַציס, האָבן איבערגענומען דעם יעזואיטישן כלל, אַז דער „צוועק הייליקט די מיטלען", נישט צופעליק. אין תוך זענען זייערע באַ־וועגונגען, זייערע „איזמען" פון דעם אייגענעם טייג געקנאָטן און שטייען אויף דעם זעלביקן יסוד.

קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קאָמוניזם

ווען מיין קורצע מיטאַרבעטערשאַפט אין „טאָג", וווּ איך האָב פאַרעפנטלעכט צוויי פעליעטאָנען אַ וואָך (נאָכן אונטערגאַנג פון „טאָגעבלאַט" אין 1928), האָט זיך געענדיקט *) האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט מער נישט צו פאַרבינדן זיך מיט אַ צייטונג. אָבער איין פרימאָרגן, בעת איך בין געקומען אין „פאָרווערטס", זיך זען וועגן עפּעס אַן ענין מיט מיין פריינד לעאָן קרישטאַל, האָט מיך אב. קאַהאַן אַריינגעבעטן אין זיין קאַבינעט און מיר פאָרגעשלאָגן צו שרייבן אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס".

אויפן שעף־רעדאַקטאָר האָבן דעמאָלט געוואַרט עטלעכע „דרויסנדיקע" מיט־אַרבעטער, וועלכע זענען מיט זייער שטיקל שרייבערישער פרנסה אָפּהענגיק געווען פון „פאָרווערטס", אָבער קאַהאַן האָט זיי געלאָזט וואַרטן און מיך אַריינגערופן. ווי קומט עס? זייער פשוט. דער פאַקט אַליין, וואָס איך דאַרף נישט אָנקומען צום „פאָרווערטס" מיט פרנסה און אָט בין איך אין רעדאַקציע און פּרוביר אַפילו נישט זען אים, קאַהאַנען, איז געגנוג געווען, אַז דווקא מיך זאָל ער דעם ערשטן אַריינרופן און מיר פאָרלייגן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער...

איך האָב דעמאָלט שטריך אין קאַהאַנ'ס כאַראַקטער באַמערקט יעדעס מאָל, וואָס איך בין געקומען אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", סיי ווען איך בין געקומען מיט „טעמעס", אָדער מיט אַרטיקלען צום רעדאַקטאָר און ער האָט מיך דעם ערשטן אַריינגערופן אין זיין קאַבינעט, אַלצאיינס וויפל שרייבערס ס'האָבן געוואַרט אויף אים; סיי ווען איך בין געקומען צו עמעצן פון די אינעווייניקסטע מיטאַרבעטער. קאַהאַן פלעגט צוקומען צו מיר מיט אַ פראַגע:

— איר ווילט מיך זען?

*) דאָ רעדט זיך וועגן מיין ערשטער מיטאַרבעט אין „טאָג" נאָכן אָפּשטעל פון „טאָגעבלאַט". אין 1949 בין איך ווידער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג". מער וועגן דעם אין קאַפּיטל „די אומדאַנקבאַרע פיר".

עפּעס האָב איך נישט געהאַט דעם מוט אים צו זאָגן, אַז איך וויל אים נישט זען, האָב איך געענטפערט, אַז „יאָ“ און קאַהאַן איז באַלד אַריין מיט מיר צו זיך אין קאַבינעט, מיך געפרעגט, אויב איך האָב עפּעס אַ „טעמע“ און איך האָב שנעל אַ ראַיע געטון ביי זיך אין זכרון און אים פאָרגעלייגט איין טעמע, אָדער מער — און ער האָט ביי מיר באַשטעלט אַ מאמר...

אין אָנהייב פלעגט קאַהאַן מיר פאָרלייגן זיינע „טעמעס“, אָבער איך האָב אים אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז איך קאָן נישט שרייבן אויף אַ טעמע, וואָס מען גיט מיר. די טעמע מוז ביי מיר אַליין געבוירן ווערן... בלויז אין צוויי, אָדער דריי פאַלן האָב איך אָנגענומען קאַהאַנ׳ס טעמעס, איינע פון זיי איז געווען וועגן אליקום צונזערן. דאָס איז מיר געווען נאָענט צום האַרצן. ביי קאַהאַנען האָט זיך דערביי אויפגעוועקט די יוגנט, עפּעס אַ בענקשאַפט, עפּעס וואַרעם־מענטשלעכס און ער האָט פאַר מיר גענומען דעקלאַמירן און אונטערזינגען צונזער׳ס לידער, דערביי האָט ער אונטערגעטאַנצט. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער קאַהאַן. זיין „צונזער־קאָנצערט“ האָט געדויערט איבער אַ שעה און בעת־מעשה האָבן אויף דער אַנדערער זייט טיר געוואַרט, אין גרויסן רעדאַקציע־צימער, קאָלעגן, וואָס זענען מיט זייער שטיקל ברויט געווען אָפּהענגיק פון אים. זיי קענען וואַרטן! אָבער איך — איך האָב דאָך פּרנסה פון אַן אַנדער קוואַל און דאַרף צו אים נישט אָנקומען — בין איך דעריבער ביי אים אַן אָנגעלייגטער גאַסט...

יעדעסמאָל, ווען קאַהאַן פלעגט מיך אַריינרופן דעם ערשטן, איגנאָרירנדיק די אַלע שרייבערס, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אים שעהן־לאַנג, האָב איך זיך געפילט פאַרלוירן און שולדיק פאַר די קאָלעגן, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. איינמאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס“, האָבן דאָרט געוואַרט ש. צ. זעצער, חיים שויס און אַנדערע קאָלעגן. ווען די טיר פון קאַהאַנ׳ס קאַבינעט האָט זיך געעפנט און קאַהאַן איז אַרויסגעקומען, האָט איינער פון די וואַרטנדיקע קאָלעגן זיך אַ לאָז געטון צו אים. קאַהאַן האָט אים אָפּגעשטופּט און מיך אַריינגערופן. די סצענע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַ שטיק צוליב דעם האָב איך, נאָך אַ געוויסער צייט, אויפגעהערט קומען אין רעדאַקציע; שפּעטער פלעג איך איבערלאָזן אַ צעטל מיט „טעמעס“, אָדער פאַרטיקע אַרטיקלען, ביי די רעדאַקטאָרן פון די זונטיק־אויסגאַבן: אַמאָל איז דאָס געווען חיים ליבערמאַן, אַמאָל לעאָן קרישטאָל און אַ געוויסע צייט מ. אָשעראָוויטש, שפּעטער ה. לאנג. און זיי האָבן שוין דאָס אויפגענומען מיט דעם שעף־רעדאַקטאָר.

איך וויל דאָ אָבער זאָגן איין שבח אויף קאַהאַנען: ער האָט קיינמאָל נישט פאַרריכט מיין יידיש. ס׳איז אָנגענומען, אַז אב. קאַהאַן האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ אין „פאָרווערטס“ זאָל זיין געשריבן אין „פּליינע אידישע אידיש“. איך האָב

מיט אַזאַ יידיש נישט געקענט שלום מאַכן און איך האָב וועגן דעם אָפּן געזאָגט קאַהאַנען און די זונטיק־רעדאַקטאָרן, וואָס מיט די לעצטע, איבערהויפּט חיים ליבערמאַן, מענדל אָשעראָוויטש און קרישטאָל האָב איך קיין שוועריקייטן נישט געהאַט. איך האָב געשריבן: פאַלן, רעדאַקטאָרן, קוואַלן, אָנשטאָט פעלע, רעדאַקטערע, קוועלע; דאָס מיידל, אָנשטאָט די מיידל — און ס'איז אַזוי געדרוקט געוואָרן. איך האָב קיינמאָל אין „פאָרווערטס", ווי אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן, ווו איך האָב מיטגעאַרבעט, נישט געברויכט קיין אַנגליציזמען (און אויך נישט קיין ליטוויציזמען)...

סיידן... אויך דאָ האָט מיר צוגעשפּילט ביי קאַהאַנען דער פאַקט, וואָס איך בין נישט געווען אָפּהענגיק פון אים מיט פּרנסה און אפשר אויך דאָס, וואָס מיין פּרנסה האָב איך געצויגן פון רייכע יאהודים, פאַר וועלכע קאַהאַן האָט אַלעמאָל גרויס דרך־ארץ געהאַט. אמת, איך האָב אין די יאהודימשע אָרגאַניזאַציעס געטון יידישע אַרבעט, אָבער דאָס, וואָס איך בין „פאַני בראַט" מיט דער יידישער, אַסימילאַטאָרישער אַריסטאָקראַטיע, איז גענוג געווען... קאַהאַן האָט אויך עטלעכע מאָל מיר פאָרגעשלאָגן צו שרייבן ראָמאַנען פאַרן „פאָרווערטס". ער איז אַפילו גרייט געווען מיט טעמעס. צוויי מאָל האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן צו פאַרענדיקן ראָמאַנען, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעהויבן. איינמאָל האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ ראָמאַן פון מרים קאַרפּילאָוו, וועלכער איז נישט געווען לויט קאַהאַנ'ס געשמאַק, כאָטש דער ראָמאַן איז שוין „געגאַנגען" שיינע עטלעכע וואָכן. איך האָב קאַהאַנען צום וויפלטן מאָל דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין ראָמאַניסט און שרייבן שונד־ראָמאַנען — דאָס האָב איך נישט געטון אַפילו דעמאָלט, ווען מיין חיונה איז אָפּהענגיק געווען דורכויס פון צייטונגס־שרייבעריי.

איך שרייב דאָס, דעם אמת זאָגנדיק, מיט אַ געוויסן שטאָלץ, אָדער הנאה, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט, אין מיין גאַנצער שרייבערישער קאַריערע פון פופציק יאָר, נישט אַראָפּגעלאָזט זיך צו שונד, נישט וווּלגאַריזירט מיין יידיש, כדי צוצוטרעפן צום געשמאַק פון דעם, אָדער יענעם רעדאַקטאָר און — קיינמאָל נישט פאַרדונגען מיין פען צו פּאָליטיקאַנטן, אַפילו ווען מיין עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט געווען פויגלדיק, כאָטש יאָרן־לאַנג האָב איך, בעת די פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, געקריגן פאָרשלאָגן פון דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע מאַכערס, צו שרייבן „פּובליסיטי" פאַר זייערע קאַנדידאַטן אויף פאַרשיידענע אַמטן. איך האָב אויך קיינמאָל נישט פאַרקויפט מיינע מיינונגען און איבערצייגונגען — נישט אויף לינקס און נישט אויף רעכטס, אַפילו נישט ווען עס האָט געשטעלט אין געפאַר מיין חיונה. עס קלינגט ווי זעלבסט־באַרימעריי, אָבער מען מעג מיר פאַר־

גינען זיך אָפּצושטעלן אויף מיינער אַ מעלה דאָ און דאָרט, בעת איך גרייט זיך אויך אָפּן מודה צו זיין אויף מיינע גרויסע חסרונות און זינד...

ווען ס'האָט זיך ביי אונדז, אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט דער עקסטרעם־אַסימילאַטאָרישער „אַמעריקען קאָונסיל פאָר דזשודאַיִזם" (אַמעריקאַנער ראַט פאַר יודאַיִזם), פון וועלכן ראַבי דזשאנא ב. וויז איז געווען איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „קאָנגרעס וויקלי", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דעם „קאָונסיל", זיינע גרינדערס און פירערס. איך האָב זיי אָנגערופן „נאַקעטע יידן", וואָס שלעפּן אויף זיך אַרויף פרעמדע מלבושים, דערשראָקענע יידן און אַזוי ווייטער, נישט געקוקט דערויף, וואָס ראַבי וויז איז געווען מיין „באַלעבאָס", אַזוי צו זאָגן, איינער פון די דריי פאָרזיצערס פון פאַראייניקטן יידישן אפּעל (יונייטעד דזשואיש אַפּיל). ראַבי דזשאָנא ב. וויז איז טאַקע געוואָרן אש להבה. ער איז מיך באַפאַלן מיט אַ געשריי, פאָכנדיק מיט מיין אַרטיקל אין דער לופטן און סטראַשענדיק מיך, אַז ער קאָן ווייטער נישט אַרבעטן מיט מיר אין איין אָרגאַניזאַציע און אַז ער וועט שוין זען דעריבער, אַז מען זאָל מיך אַוועקשיקן...

איך האָב אים רויִק אָפּגעענטפערט, אַז איך בין אַרויסגעטרעטן נישט קעגן דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" און נישט קעגן איינעם פון זיינע פירערס, נאָר קעגן די פירערס פון אַן אַסימילאַטאָרישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז בתוך פּיינט־לעך צו די אויפגאַבן פון דעם פאַראייניקטן יידישן אַפּעל, דער עיקר צו זיין ציוי־ניסטישן עלעמענט — דעם פאַראייניקטן ארץ־ישראל אַפּעל (יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל), וואָס איז איינגעשלאָסן אין אים. דאָס הייסט, אייגנטלעך, אַז נישט איך, נאָר ער, ראַבי דזשאָנא ב. וויז, איז אויף דער נישט־ריכטיקער זייט פון דער גאַס. איך האָב אים פּאַקטיש געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז אויב ער איז פאַרבונדן מיטן אַנטי־ציוניסטישן „קאָונסיל", האָט ער נישט קיין מאָראַליש רעכט צו זיין אַ פּי־רער פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל".

איך האָב שפּעטער דערציילט ד"ר סטיפן ס. וויזן וועגן דעם צוזאַמענשטויס מיט ראַבי דזשאנא ב. וויזן און דער ציוניסטישער וויז, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, האָט לאַכנדיק באַמערקט: „איט איז'נט וויז טו פאַיט עי וויז" (ס'איז נישט קלוג זיך צו קריגן מיט אַ וויז)... און ער האָט מיך געפרעגט, אויב איך וועל שוין איצט זיין א „גוד באָי" און נישט זיך פאַרטשעפּען מער מיטן „קאָונסיל". מיין ענטפער איז געקומען אין דער נאָענ־טער צוקונפט, ווען איך האָב פאַרעפנטלעכט נאָך דריי שאַרפע אַטאַקעס אויף דעם אַסימילאַטאָרישן געזינדל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרעפנטלעכן מסירות אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע און מיט לויפן

מיט די זעלביקע מסירות קיין וואַשינגטאָן, אין די הויכע רעגירונגס־קרייזן. ראַבי דזשאָנאַ ב. ווייז האָט מיר מער קיינמאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט און ער האָט אַפילו נישט פּרובירט אונטערצוגראָבן מיין שטעלע ווי אַ יידישער פּרעסע־דירעק־טאָר פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל". ווייזט אויס, אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען די געשיכטע וועט אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט, וועט ער — און נישט איך — פאַרלירן...

איך האָב קיינמאָל נישט געלאָזט זיך אַריינגאַרן אין דער קאָמוניסטישער פּאַסטקע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַ גרויסער צאָל יידישע שרייבערס פון אַמעריקע, וועלכע האָבן אין איין צייט, אָדער אין אַן אַנדער צייט, זיך געלאָזט אויסנוצן פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און געדינט די מאָסקווער אינ־טערעסן. אין יאָר 1934 האָב איך פאַרעפנטלעכט אין דעצעמבער־נומער „אינזיך" (אונטער דער רעדאַקציע פון א. לעיעלעס) אַן אָפענעם בריוו צו אַ גאַנצער ריי יידישע שרייבערס, צווישן זיי ה. לייוויק, פּרץ הירשביין, י. אָפּאַטאָשו, ב. ריווקין, ל. שאַפּירא, מנחם באָריישאָ און ברוך גלאַזמאַן, ווו איך פרעג זיי ווי זיי קענען זיין מיט אַ באַוועגונג, וואָס איז דער סאַמע היפוך נישט נאָר פון אונדזערע עטישע אידעאַלן, פון פרייהייט, יושר און אמת, נאָר אויך פון זייערע אייגענע ווערק. לייוויק האָט מיר אָפּגעענטפערט אין אַ שפּעטערדיקן נומער „אינזיך" (און אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, 3טער מאַי, 1935) און גלאַזמאַן איז מיט כעס אַרויסגעטראָטן קעגן מיר אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער „פרייהייט". אויב איך ציטיר נישט זייערע ענטפערס איז עס דערפאַר, וואָס שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך באַפרייט פון קאָמוניסטישן „טשאַד", האָבן זיי ממילא איינגעזען, אַז גערעכט בין איך געווען מיט מיינע טענות און נישט זיי, מיט זייערע ענטפערס.

פון דער קאָמוניסטישער זייט האָט מען עטלעכע מאָל פּרובירט מיך אַריינ־צושלעפּן אין זייער פינצטער־רעאַקציאָנערער אַרבעט, אויב נישט דירעקט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, איז אין אַ פראָנט־אָרגאַניזאַציע. אַזוי האָט מען מיר כסדר געשיקט איינלאַדונגען צו פאַרזאַמלונגען פון „איקאָר" און שפּעטער פון „אַמבידזשאַן". משה אָלגין האָט מיך געוואָלט איבערצייגן, אין אַ לענגערן שמועס, אַז אַפילו קעגנער פון קאָמוניזם דאַרפן העלפן אין דער אַרבעט פאַר ביראָ־בידזשאַן. זיי האָבן אויך אונטערגעשיקט משה נאַדירן, וועלכער האָט דעמאָלט געשפּילט אַ ראָל פון אַ פייערדיקן קאָמוניסט, אָבער אין אמתן איז עס ביי אים געווען אַ נייע מאַסקע, אַ נייע פּאָזע; אים האָט מער אימפּאָנירט די רעקלאַמע, וואָס ער האָט ביי די קאָמוניסטן געקריגן, די לעקציעס, טומל און חניפות. ער איז נישט געווען דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס נישט וועלכע־ס׳איז איבער־צייגונג, אָדער גלויבן, נאָר די ליבע צו רעקלאַמע און טומל, האָט זיי געפירט צו

די קאָמוניסטן. משה נאַדיר האָט אָנגעהויבן זיין שמועס מיט שטראָפן מיך פאַר מיטאַרבעטן אין דער „פּאַשיסטישער“ „פרייע אַרבעטער שטימע“ און דערביי מיך געחנפעט, אַז אַזאַ מענטש, ווי איך, אַזאַ שרייבער (דאָס האָט אין מויל פון דעם גרויסן נישט־פאַרגינער און ציניקער געקלונגען אַזוי פאַלש!), דאַרף זיין מיט די מאַסן, מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די מאַסן.

איך האָב זיך מיט משה נאַדירן אַפילו נישט אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע, וויסנדיק, אַז אין פּאָליטישע פראַגן איז ער אומוויסנדיק, ווי אַ חדר־ייִנגל, און אַז ער וואָלט געגענעצט, ווען מען צווינגט אים איבערצולייענען אַפילו איין בלעטל מאַרקס. איך האָב אים פשוט געזאָגט, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל קומען צו מיר אין עטלעכע חדשים, העכסטנס אין אַ פּאָר יאָר אַרום — וויסנדיק, אַז אַזוי לאַנג וועט נאַדיר נישט אויסהאַלטן מיט זיין קאָמוניזם. און איך האָב זיך נישט טועה געווען. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז ער נישט נאָר אַוועק פון די קאָמוניסטן, נאָר ער איז אַרומגעלאָפן אין די ייִדישע רעדאַקציעס מיט „סחורה“ — צו פאַרקויפן סודות פון קאָמוניסטישן חדר און ס׳איז אים געראָטן דאָ און דאָרט אָפּצודרוקן מיאוסע מעשיות וועגן זיינע נעכטיקע חברים אין קאָמוניסטישן לאַגער.

איך האָב זיך, ביי מיין אויסגעשפּראָכענער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט מיטן קאָמוניזם, וועלכן איך באַטראַכט פאַר דער רעאַקציאָנערסטער באַוועגונג, נאָכן פאַשיזם, אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, פונדעסטוועגן אָפּגעהיט פון אַריינשפּילן אין די הענט אַריין פון יענע, וואָס זייער קאַמף קעגן קאָמוניזם איז נישט דיקטירט פון די ריינסטע מאָטיוון. איך האָב מיינע אַרטיקלען קעגן קאָמוניזם אַלעמאָל פאַרעפנטלעכט אין אָרעמע זשורנאַלן, פון וועלכע איך האָב קיין שום האָנאָראַר נישט באַקומען. אין „פאָרווערטס“ האָב איך צוויי מאָל פאַרעפנטלעכט לייכטע פעליעטאָנדלעך אויף „קאָמוניסטישע טעמעס“ און איינמאָל אַ בריוו אין רעדאַקציע קעגן דעם קאָמוניסטיש־„ייִדישן“־קולטור־קאָנגרעס — אַ בריוו, פאַר וועלכן איך האָב נישט געקענט קריגן קיין אָרט אין אַן אַנדער ייִדישער טאָג־צייטונג. איך האָב דעם אַרויסטריט געמאַכט אין דער פאָרעם פון אַ בריוו אין רעדאַקציע און נישט פון אַן אַרטיקל, מחמת פאַר אַ בריוו קריגט מען נישט קיין האָנאָראַר און קיינער וועט מיך דעריבער נישט קענען באַשולדיקן, אַז איך טו דאָס פאַר געלט...

אב. קאַהאַן האָט אייניקע מאָל טענות געהאַט צו מיר, פאַרוואָס געוויסע אַנטי־קאָמוניסטישע אַרטיקלען מיינע, וועלכע זענען דערשינען אין דער „פרייע אַרבע־טער שטימע“, האָב איך נישט בעסער געגעבן דעם „פאָרווערטס“. איך האָב אים אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז מיין קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם איז אויך אַ קעגנער־שאַפט צום מאַרקסיזם בכלל, טאָ ווי קאָן איך געבן אַן אַנטי־מאַרקסיסטיש אַרטיקל

אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „פאָרווערטס״?... קאַהאַן האָט סיי־ווי גוט געוווסט, אַז איך בין אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון תורת מאַרקס, אָבער עס האָט אים נישט געאַרט, ווי ס׳האָט אים, אייגנטלעך, דאַכט זיך מיר, דער גאַנצער מאַרקסיזם נישט געאַרט... אָבער מיין נישט געבן אין „פאָרווערטס״ מיינע אַנטי־קאָמוניסטישע מאמרים איז נישט נאָר געווען צוליב דעם פּריִער־דערמאָנטן מאָטיוו, נאָר אויך צוליב דער פּערזאָן אב. קאַהאַן.

מיר איז אויסגעקומען טראַגי־קאָמיש, וואָס אב. קאַהאַן, וועלכער איז בטבע געווען אַ פאַרביסענער דיקטאַטאָר אין דעם קליינעם וועלטל, ווו ער האָט געהערשט און ער האָט קיינעם נישט געלאָזט קיין קאָפּ אויפהייבן — זאָל באַקעמפן סטאַלינ׳ס דיקטאַטור. איך האָב אַלעמאָל געגלויבט, אַז ווען צו קאַהאַנען אין די הענט פאַלט אַריין די מאַכט איבער אַ לאַנד, וואָלט ער נישט געבליבן הינטער־שטעליק סטאַלינען... אָבער איך מוז מודה זיין, אַז ביי אַלע זיינע שווידערלעכע חסרונות, איז קאַהאַן מאָמענטנווייז געווען מענטשלעך — און דאָס דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ גוטן חוש פון הומאָר; ער האָט געקענט ווערן צוגעלאָזן, באַ־גייסטערט, זיך אָוועקלאָזן אין אַ טענצל, ווי אין דעם פאַל, ווען ער האָט, ווי איך האָב פריִער דערציילט, פאַר מיר אימפּראָוויזירט אליקום צונזערן — און איבער־הויפּט איז ער מענטשלעך געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן צו אים נישט געדאַרפט אָנקומען, ווי איך האָב דאָס דערציילט אין שייכות צו מיינע דערפאַרונגען מיט אים. ביי אַזעלכע האָט ער פאַרזען זאַכן, וואָס ער וואָלט ביי זיינע „אונטערטעניקע״ קיינמאָל נישט געדולדיקט.

אָט איז צווישן מיינע ערשטע אַרטיקלען, וואָס איך האָב קאַהאַנען געגעבן און וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אויף דער ליטעראַרישער זייט, געווען אַן אַר־טיקל וועגן דער יִדישער שפּראַך און קולטור. דאָס איז געווען אַ באַגייסטערטער מאמר וועגן דער יִדישער קולטור, יִדישער שפּראַך און אַ שאַרפע קריטיק אויף די אַלע, וואָס פאַרמיאוסן דאָס יִדישע לשון אויף אַזאַ, אָדער אַן אַנדער אופן. דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געדרוקט געווען וואָרט פאַר וואָרט, ווי איך האָב עס געשריבן. קאָלעגן האָבן אויסגעדריקט זייער חידוש און אַ גאָר גרויסע איבער־ראַשונג איז עס געווען פאַר די „פאָרווערטס״־מיטאַרבעטער אַליין, וואָס קאַהאַן האָט דורכגעלאָזט אַזאַ „אפּיקורסיש״ אַרטיקל, וואָס איז פאַקטיש אַן אומדירעקטע אַטאַקע אויף אים אַליין, אויף זיין באַציִונג צו דער יִדישער שפּראַך און קולטור. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַגעגנט דעם דעמאָלטיקן „פאָרווערטס״־פאַר־וואַלטער, ב. וולאַדעק, אין דער ווינדע (עלעוויטאָר) פון דער „פאָרווערטס״־געביי־דע. אַרויפפליִענדיק אַ האַנט אויף מיין אַקסל, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט: „איר פירט דעם פאָרווערטס אַראָפּ פון דרך־הישר״... אָבער איך באַטראַכט דעם פאַל

בשום־אופן נישט ווי אַ העלדישקייט פון מיין זייט, וואָרעם, ווי איר ווייסט שוין, האָב איך זיך נישט געגייטיקט אין די עטלעכע דאָלער האָנאָראַר פון „פאָרווערטס" און איך האָב זיך געקענט פאַרגינען צו זיין אַ שייגעץ...

מיט דער צייט האָב איך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו שרייבן פאַרן „פאָר־ווערטס". איין טאָג, מיטאָג־צייט, האָב איך זיך אין אַ רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי באַגעגנט מיט רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער פון די יידישע צייטונגען — מכוח אַן ענין אין שייכות צום „יונייטעד דזשואיש אַפּיל". מיט מיר איז געווען העגרי מאָנטאָר, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון „אַפּיל", און פון די צייטונגען זענען געווען: דוד שאַפּירא, דער דעמאָלטיקער אַרויסגעבער און ד"ר שמואל מאַר־גאָשעס, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „טאָג"; א. ל. מאַלקענסאָן, איינער פון די אַרויסגעבער פון „מאָרגן זשורנאַל" און אַלעקסאַנדער קאַהן, פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס". מיר האָבן געגעסן און דערביי געשמועסט וועגן דעם ענין. מיט־אַמאָל דערהערן מיר איבערן גאַנצן רעסטאָראַן אב. קאַהאַנ'ס קול:

— אַלמי, פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט צו ברענגען מיר אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס"?

מיר קוקן זיך אַרום און זעען ווי אב. קאַהאַן, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעקומען, שטייט אין דער אַנדערער זייט פון רעסטאָראַן און טוט זיך אויס דעם מאַנטל. אין רעסטאָראַן זענען געווען אַ סך זייטיקע מענטשן און די אומגעריכטע פראַגע, בקול־רם, האָט מיך אַביסל צעטומלט, אָבער אין האַרץ האָט מיר הנאה געטון, וואָס אַזוי פיל עדות האָבן געהערט ווי אב. קאַהאַן מאָנט ביי מיר אַרטיקלען.

און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געדאַרפט קיין פּרנסה פון „פאָרווערטס". ווען איך וואָלט יאָ געדאַרפט אָנקומען צו קאַהאַנען, וואָלט ער מיך אפילו נישט באַמערקט...

צום סוף אַזאַ קאָמישער עפּיזאָד.

איין פרימאָרגן קלינגט ביי מיר דער טעלעפאָן. יסכה פרענקל, אב. קאַהאַנ'ס דעמאָלטיקע סעקרעטאַרין, איז מיר מודיע, אַז קאַהאַן דאַרף מיך אומבאַדינגט באַלד זען. איך וויל זיך אַרויסדרייען. איך האָב דעמאָלט געוווינט העט אין מערב־בראָנקס, ביים וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק, און פון דאָרט צו איסט־בראָדוויי האָט מען זיך געדאַרפט שלעפּן איבער אַ שעה. איך דינג זיך מיט איר: אפשר מאָרגן... אפשר כאָטש שפּעטער, נאָכמיטאָג, אָבער זי טענהט, אַז עס ברענט ממש. קאַהאַן מוז מיך שוין זען. דאָ קומט קאַהאַן אַליין צו צום טעלעפאָן און באַשטייט דערויף, אַז איך זאָל שוין אַראָפּקומען צו אים.

ווי מיין שטייגער איז, האָט מיר אויסגעפעלט מוט אים צו זאָגן, אַז איך בין

נישט פּאַראינטערעסירט. אָט האָב איך, דאַכט זיך, אים דאָס געזאָגט, אָבער אַרויס־געקומען איז עפּעס אַנדערש: יאָ, איך פּאָר גלייך אַרויס.

אויפן גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט, וואָס אַזוינס קאַהאַן דאַרף מיך אַזוי דרינגלעך. פּאַראינטריגירט בין איך, הייסט עס, יאָ געווען. אָבער ס'האָט מיר גאָרנישט געקענט איינפאַלן. ענדלעך בין איך אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס". אויף זיין מאַיעסטעט, דעם רעדאַקטאָר, וואַרט, ווי געוויינטלעך, אַן עולם, שריי־בערס און סתם יידן, אָבער — ווידער ווי געוויינטלעך — רופט ער מיך אַריין דעם ערשטן, באַלד ווי די סעקרעטאַרין מעלדעט אים, אַז איך בין דאָ.

קאַהאַן בעט מיך זיצן. זעץ איך זיך. איך וואַרט שוין אומגעדולדיק, אַז ער זאָל מיר מגלה זיין דעם סוד וועגן דער פּלוצלינגער גרויסער איילעניש מיך צו זען, אָבער ער רעדט סתם אין דער וועלט אַריין, פרעגט מיך וועגן דעם און יענעם אין „יוניטעד דזשואיש אַפּיל", צי איך האָב אָנגעשריבן עפּעס נייע זאַכן און נאָך אַזעלכע קשיות. ער שפּאַנט איבערן צימער, שטעלט זיך אָפּביים פענצטער און קוקט אַרויס פאַרטראַכט. ס'שלעפּט זיך ווי פון פעך; ענדלעך גיב איך אים אַ פרעג:

— איר האָט געוואָלט מיט מיר עפּעס ריידן?

קאַהאַן קוקט מיך אָן, ווי אַ נעכטיקן, לאָזט זיך ווידער שפּאַנען איבערן צי־מער און רעדט ווי צו זיך אַליין:

— „איז... וואָס האָב איך אייך געדאַרפט? ס'איז אַ וויכטיקע זאַך"... ער רייבט זיך דעם שטערן. איך זע, אַז ער שטרענגט שטאַרק אָן דעם זכרון. אָבער... ער דערמאָנט זיך נישט... „געדאַרפט פאַרצייכענען!" — מורמלט ער — און פּלוצלינג צעשרייט ער זיך: „מיס פרענקל, מיס פרענקל!..." מיס פרענקל קומט אַריין. קאַהאַן פרעגט זי, צי זי ווייס אפשר נאָך וואָס ער האָט נאָך מיר געשיקט... פאַרשטייט זיך, אַז זי ווייס נישט. בקיצור, קאַהאַן קאָן זיך בשום־אופן נישט דערמאָנען. ער זעצט זיך אַנידער, הייבט זיך אויף, זעצט זיך ווידער אַנידער, נאָר דערמאָנען קאָן ער זיך אַלץ נישט. זיץ איך און קוק אויף אים און ער — ער רעדט. פּלוצלינג הער איך דעם נאָמען ניגער... ער וויל פון מיר וויסן מיין מיינונג וועגן ש. ניגערן, דער־ביי דריקט ער אויס זיין מיינונג, אַז ש. ניגער איז, אייגנטלעך, איינער פון יענע זייגערמאַכערס, וואָס גראַבלט זיך אין אַ זייגער, אין געווערק, פאַרקעט זיך — איז אַמאָל טרעפט ער, אָבער צום מיינסטן מאַכט ער קאַליע... איך בין זיכער, אַז דאָס איז עס... אַז ער האָט זיך דערמאָנט... אָבער פאַרוואָס דער ענין ניגער איז געוואָרן אַזוי דרינגלעך, אַז איך האָב אים געמוזט זען אָט־שוין, קאָן איך נישט פאַרשטיין. מילא, אַ קשיא אויף קאַהאַנען. צום סוף גיט ער מיר אַ זאָג, מעשה באַפעל:

— שרייבט וועגן דעם אַן אַרטיקל!...

הייסט עס, אַז דאָס איז עס טאַקע. ס׳וועדט מיר פּריקרע. איך האָב קיינמאָל נישט געשריבן אויף באַשטעלונג, בפרט אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. ביי זיך באַשליס איך, אַז כ׳וועל קאַהאַנען צוזאָגן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון אים, אָבער שרייבן וועל איך נישט. זאָל ער ברוגז ווערן. כ׳וויל סיי־ווי מער נישט שרייבן אין „פאָרווערטס״, אָדער אין וועלכער אַנדערער צייטונג.

איך הייב זיך אויף און ווי פון יוצא וועגן גיב איך אים אַ פרעג:

— ווען ווילט איר דאָס אַרטיקל?

— ווען איך וויל „דעם״ אַרטיקל? — קוקט מיך קאַהאַן אָן פאַרוואונדערט, — וואָס פאַלט אייך איין, אַז איך וויל „דעם״ אַרטיקל וועגן ניגערן? איר וועט „דעם״ אַרטיקל געבן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״...

איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַרויסשיסן אַ געלעכטער... הייסט עס, אַז קאַהאַן האָט זיך טאַקע נישט דערמאָנט וועגן וואָס ער האָט מיך געוואָלט אַזוי דרינגלעך זען און דער שמועס וועגן ניגערן איז געווען סתם שמועס...

***

ווען כ׳האָב מיט יאָרן שפּעטער זיך אָנגעפרעגט ביי קאַהאַנען, צי ער וועט נישט האָבן דאַקעגן מיין איבערדערציילן אָט־דעם קאָמישן עפּיזאָד אין מיינע זכרונות, איז זיין ענטפער געווען אַ נעגאַטיוווער...

וועט שוין דאָ כדאי זיין צו דערמאָנען דעם ענטפער פון אַן אַנדער רעדאַק־טאָר — מרדכי דאַנציס, בעת ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „טאָג״ — מכוח אַן אַנדער קאָמישן עפּיזאָד. זיין ענטפער אויף מיין פראַגע, צי אים וועט נישט אַרן, אויב איך וועל פאַרעפנטלעכן אַ געוויסע פּאַסירונג בשייכות צו אים, איז געווען אַ פּאָזיטיווער, אָבער... לאָמיך פריִער איבערגעבן די „פּאַסירונג״.

ס׳איז געווען נאָך אין יענע יאָרן, בעת מיר ביידע, — דאַנציס און איך, — האָבן געאַרבעט אין „טאָגעבלאַט״, שרייב־טיש לעבן שרייב־טיש. דאַנציס האָט דעמאָלט געדרוקט אין „טאָגעבלאַט״ אַ ראָמאַן „וועלף און שעפּסן״ (וועגן וואָל־סטריט, דער באַרימטער ניו־יאָרקער געלט־בערזע). זיין טבע איז געווען צו שרייבן אין דער לעצטער מינוט און די זעצערס פלעגן יעדן טאָג אים דאַרפן מונטערן און מאָנען פון אים דאָס קאַפּיטל פאַרן מאָרגנדיקן נומער.

איינמאָל, ווען דאַנציס האָט קוים אָנגעשריבן אַ האַלב בלעטל פון זיין ראָ־מאַן־המשך, האָט דער רעדאַקטאָר, גדליה בובליק, אים אַריינגערופן צו זיך. זיי האָבן זיך ביידע פאַררעדט — מסתמא זיך אַריינגעלאָזט אין פּראָבלעמען וועגן דברים ברומו של עולם, וואָס האָבן מיט דער באַלדיקער טאָג־טעגלעכער רעאַלי־טעט קיין שום שייכות נישט, ווי דאָס פלעגט, ווי פריִער דערמאָנט, אָפט פּאַסירן...

איך בין שוין געווען פאַרטיק מיט מיין אַרבעט, כאַפּ איך אַ קוק אויף דאַנציס׳עס בלעטל, פאַלט מיר איין אַ קונדסעריי — יונג איז מען דאָך געווען! — און איך זעץ זיך אַנידער ביי זיין שרייב־טיש און שרייב אָן אַ גאַנץ קאַפּיטל ראָמאַן...

איבעריק, דאַכט זיך, צו זאָגן, אַז איך האָב נישט געלייענט דאַנציס׳עס ראָמאַן, ווי איך לייען בכלל נישט קיין צייטונגס־ראָמאַנען פון דעם מין — נו, האָב איך אין מיין קאַפּיטל אַריינגעפּירט אייגענע „העלדן", „ערס" און „זיס", פאַרפּירט עפּעס אַן אינטריגע... און כ׳בין זיכער געווען, אַז ווען דאַנציס וועט דאָס זען, וועט ער זיך פאַנאַנדערלאַכן און אַריינוואַרפן אין פּאַפּיר־קאָרב.

אַ זעצער איז אַרויפגעקומען זוכן דאַנציסן. ער לויפט־אַריין אין רעדאַקטאָרס צימער און מאַכט קולות... דאַנציס לויפט אַרויס אַ פאַרשמאַיעטער: „וואַרט, וואַרט, — רעדט ער צום זעצער, — גייט נישט אַוועק, ביז כ׳שרייב־אָן ס׳קאַפּיטל". ער קומט־צו צו זיין שרייב־טיש, דערזעט די פאַרשריבענע בלעטלעך, לויפט זיי שנעל איבער מיט די אויגן און — צו מיין איבעראַשונג — דערלאַנגט ער זיי דעם זעצער:

— אָט איז דאָס קאַפּיטל!

דאַן דרייט ער זיך אויס צו מיר, כאַפּט מיין האַנט און דריקט זי: „כ׳וועל דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טובה!"

פון יענעם טאָג אָן האָט דאַנציס ממשיך געווען מיין קאַפּיטל, צונויפגעפירט מיינע נייע „העלדן" מיט זיינע אַלטע „העלדן" און — ס׳איז געגאַנגען ווי געשמירט...

ווען כ׳האָב אָנגעהויבן זיך גרייטן צו שרייבן מיינע זכרונות, האָב איך דאַנציסן אָנגעפרעגט, צי אַזאַ מעשה וועט אים נישט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט, איז ער דאָך שוין דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פון „טאָג". זיין ענטפער האָט מיך פונקט אַזוי איבעראַשט ווי זיין אַוועקגעבן דעם זעצער מיין קאַפּיטל ראָמאַן:

— אדרבא, אַלמי, אדרבא! דערצייל עס! זאָל מען זען וואָס פאַראַ הפקרות ס׳הערשט צווישן יידישע שרייבערס!...

צווישן מוט און פּחדנות

איך וויל זיך אַליין אָפּגעבן אַ חשבון, ווי ס׳קומט צו מיר אַזאַ עקשנות און ממש „העלדישע ריזיקאַלישקייט״ (מיט פּרנסה) אין אַזעלכע ענינים ווי שפּראַדפּוריזם, אָדער אין אַזאַ פאַל, וואָס איך האָב פריִער איבערגעגעבן וועגן מיין צוזאַמענשטויס מיטן ראַבינער יאָנאַ ב. וויז — און אַזעלכע אינצידענטן זענען געווען אַ סך מער — הגם בטבע בין איך דווקא נישט קיין העלד, נאָר, אדרבא, אַ שרעקעוודיקער, אַ נערוועזער, יעדע קלייניקייט באַאומרויִקט מיך און אויב „די שרעק האָט טויזנט אויגן״, ווי דאָס יִדישע שפּריכוואָרט גייט, האָט זי ביי מיר אַלעמאָל געהאַט אפשר אַ מיליאָן אויגן... מיר פעלט אויך אָפּט אויס מוט גלייך אָפּצוענטפערן אויף אַן עוולה. איך האָב אַלעמאָל זיך אַליין פאַראַכט צוליב דעם, זיך ממש פיינט געקריגן, זיך אַליין באַוויזן, אַז ס׳איז נישט נאָר פּחדנות, נאָר נאַרישקייט, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

איבערהויפּט טאַקע בין איך געווען ציטערדיק איבער דער שטעלע אין „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״, ווי פריִער אין קרן־היסוד און אין פאַראייניקטן ציוןאַפּעל, וועלכע האָבן זיך אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריינאַנטוויקלט אין „פאַראייניקטן יִדישן אַפּעל״ אַריין. דער געדאַנק צו פאַרלירן אָט־די שטעלע און אפשר ווידער גיין צו דער יִדישער פּרעסע, האָט מיך פּשוט באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. כאָטש איך בין כמעט אויפגעצויגן געוואָרן אין רעדאַקציעס און האָב די צייטונגס־מלאכה ליב געהאַט, איז מיר די צייטונגס־סביבה, ווי זי איז דאָ, אין אַמעריקע, נישט געווען צום האַרצן. דאָס מיינט נישט, אַז מיך האָט צופרידנגעשטעלט די „פּובליסיטי״־אַרבעט, אָבער אָט־די מלאכה, כאָטש בטבע אויך זשורנאַליזם, האָט זיך פונדעסטוועגן נישט „אַריינגעמישט״ אין מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, געלאָזט מיך ליטעראַריש פריי — צו שרייבן אַרטיקלען, פעליעטאָנען, עסייען; די מיינסטע ווערק מיינע האָב איך, — אין מיין פרייער צייט, — אָנגעשריבן אין די ביוראָס פון די דערמאָנטע יִדישע אָרגאַניזאַציעס. — און

איך האָב געשריבן פריי, וואָס איך האָב געוואָלט און ווי איך האָב געוואָלט, פון קיינעם נישט געשטערט, דערביי האָב איך געקענט זיין אומאָפּהענגיק לגבי רעדאַקטאָרן. דערפאַר האָט מיך געשראָקן דער געדאַנק פון פאַרלירן די דאָזיקע שטעלע און מוזן ווידער ווערן אַ „האַנט" אין אַ רעדאַקציע, כאָטש אין געוויסע מאָמענטן איז מיר מוראדיק נמאס געוואָרן די „פּובליסיטי"־מלאכה. אָבער גראָד ווען איך בין געווען מוכן ומזומן צוריקצוגיין צו דער פּרעסע, איז פאַר מיר קיין אָרט נישט געווען...

ווי־זשע האָב איך פאָרט פלוצלינג געפונען מוט צו שטעלן אין קאָן ביידע וועלטן, די צייטונגס־וועלט, צוליב פּוריזם פון יידיש, אָדער עפּעס אַנדערש, און די אָרגאַניזאַציע־וועלט, צוליב מיין אַרויסטריט קעגן דער פירערשאַפט? אויסער דעם פאַל מיט ראבי דזשאָנאַ ב. וויז און זיין „אַמעריקען קאָונסיל פאָר דזשודאַיזם", זענען געווען נאָך אַנדערע פאַלן — ווי, למשל, מיין שאַרפער אַרויסטריט — און נישט איינמאָל — קעגן דער ציוניסטישער פירערשאַפט, באַשולדיקנדיק זי אין אַסימילאַציע, מחמת זיי, די פירער, לעבן זיך אויס אין אַ נישט־יידישער שפּראַך און קולטור — און דורך דעם „יונייטעד פאַלעסטיין אַפּיל", מיט וועלכן איך בין אויטאָמאַטיש אַריבערגעגאַנגען אין „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" אַריין, בין איך געווען אָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן פון די ציוניסטישע פירערס. ב. צביון האָט נאָך דערצו צוגעגאָסן אייל צום פייער, קאָמענטירנדיק אויף מיין אַרטיקל. אָבער כאָטש מיין שטעלע האָב איך נישט פאַרלוירן, בין איך נישט פריי געווען פון שטראָף, ווען עס איז געקומען צו שכירות. מיינע שכירות זענען געווען זייער קליין אין פאַרגלייך צו די שכירות פון יענע, וואָס האָבן געטון די זעלביקע אַרבעט — און נישט אַזוי גוט ווי איך — אויף ענגליש.

האָט מיין מוט אין דעם פּרט מיך, ווי געזאָגט, אַליין געחידושט און נאָך אַ זעלבסט־אַנאַליז בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דאָס האָט צוטון נישט אַזוי מיט מיינע עטישע פּרינציפּן, ווי מיט מיינע עסטעטישע געפילן. דאָס קלינגט אפשר ווי אַן אבסורד, אָדער סתם פּידרעך, וועל איך דעריבער אַביסל מאריך זיין וועגן דעם. איך האָב באַמערקט, אַז פון קינדווייז אָן איז דאָס עסטעטישע ביי מיר שטאַרקער, דאָמינירנדיקער, ווי דאָס עטישע. איך קאָן אַמאָל „פאַרבייגן" אַן עטישן, אָדער מאָראַלישן פּרינציפּ, אָבער קיינמאָל נישט אַן עסטעטיש געפיל. דער עסטעטיזם איז מיין טבע איז פאַר מיר, וואָס איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין דער ערגסטער אָרעמקייט, חשכות און שמוץ, געווען פּונקט אַזאַ איבערראַשונג, ווי דער פאַקט, וואָס איך האָב אָנגעהייבן שרייבן לידער נאָך איידער איך האָב געוווסט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי פּאָעזיע. ווי־אַזוי זענען עסטעטיזם און פּאָעטיזם געקומען צו מיר אין אַזאַ סביבה? דערפאַר האָט אויף מיר

א. אַלמי

אין מיין פריִער יוגנט אַזאַ איינדרוק געמאַכט אברהם רייזענ׳ס אַ לידל, אויב נישט מיט דער דיכטונג, איז מיט דעם אמת, ווו ער דריקט אויס דעמזעלביקן חידוש:

ווי קום איך צו זינגען, פונוואַנען מיין קינד?
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט בלויז דער ווינט.
די קינדער, זיי פלעגן נאָר זינגען: האַם־האַם
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט, פונוואַנען, מיין קינד?
דער וועג צו די פעלדער דורך גויִים און הינט;
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
ביי איטלעכער טיר בלויז אַ בערגעלע מיסט.

אָבער אויף וועלכן פאַרבאָרגענעם וועג, אָדער אומוועג, דער שאַרפער עסטע־טיזם איז אויסגעוואַקסן אין מיר אין מיטן פון פינצטערן דלות און דחקות, — ער איז אַ פאַקט, וואָס האָט משפיע געווען מיין גאַנץ לעבן און טיילמאָל אַפילו דערגאַנגען צו אַ משוגעת. אַזוי האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן און פריִע יוגנט־יאָרן געמוזט האָבן מיין אייגענע געשיר און „זילבערוואַרג״, לעפל, מעסער און גאָפל, וואָס מיין מאַמע האָט געהאַלטן באַזונדער און קיינער האָט זיך נישט גע־טאָרט צו דעם צורירן. איך האָב זיך פשוט געמיאוסט צו עסן פון די זעלביקע טעלער און שיסלען און צו נוצן דאָס אייגענע „זילבערוואַרג״ פון די אַנדערע בני־בית. עס איז דערגאַנגען צו אַזאַ משוגעת, אַז אויב אַ שכנה, אָדער שכן, וואָס האָט זיך נישט געהאַלטן ריין, איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב, בעת איך האָב געגעסן, איז דאָס עסן געוואָרן טריף... איך האָב זיך פון אָט־דער שלעכטער „עסטעטישער״ טבע אָפּגעוווינט ערשט אין עלטער פון אַרום זעכצן יאָר, ווען איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויף מיין ערשטער רייזע „איבער דער וועלט״.

סוף־כל־סוף זענען דאָך די עטישע פרינציפן, די גאַנצע מאָראַל — דרויסנ־דיקע, אַרויפגעצוווּנגענע אויף אונדז; צווישן אָט־די עיקרים זענען דאָ גוטע און שלעכטע, קלוגע און נאַרישע; איינגעפלאַנצטע דורך רעליגיע, אָדער דורך מנהגים, אָדער דורך דעם געזעץ, בעת עסטעטיזם איז אוממיטלבאַר, אינטעגראַל, אַן עמאַ־ציע, ווי אַלע אַנדערע עמאָציעס. און אָט־די עסטעטישע עמאָציע האָט מיך באַ־הערשט דאָס גאַנצע לעבן. פונקט ווי איך בין געווען עסטעטיש סענסיטיוו ביז גאָר בנוגע דעם אויסזען פון מענטשן און זאַכן, אַזוי שאַרף סענסיטיוו בין איך אַלעמאָל אויך געווען צו ריחות. ווי שטאַרק פאַרליבט איך זאָל נישט האָבן געווען אין אַ פרוי, האָט איר נאַכלאַזיקייט אויפן עסטעטישן „געביט״ מיך אָפּגעשטויסן פון איר.

די גרעסטע פערזענלעכקייט האָט פאַרלוירן אין מיינע אויגן יעדע צוציִונג,



אויף אַ פּרעסע־לונטש אין ניו־יאָרק (אין 1948) ווען הענרי מאָרגענטוי (דזשוניאָר), געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע, איז געוואָרן גענעראַל־פאָרזיצער פון „פאַראייניקטן יידישן אַפּיל" (יונייטעד דזשואיש אַפּיל) — די פאַראייניקטע קערפּערשאַפט פון די אַמעריקאַנער יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווו אַלמי איז אין משך פון 35 יאָר געווען פּרעסע־דירעקטאָר (פאַר יידיש און העברעיש). ביים סוף פון 1957 האָט אַלמי זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט. פון רעכטס צו לינקס: מאַרטין פאַנצער, הענרי מאָנטאָר, ד"ר מ. ראָזענבליט, איזידאָר קונס, ד"ר לואי סאָבעל ע"ה (דעמאָלט פון „דזשאָינט") און א. אַלמי.

יעדן רעספּעקט, אויב אָט־די פּערזענלעכקייט האָט זיך נישט געהאַלטן פּיזיש ריין. אַ שווערע איבערלעבונג האָב איך געהאַט איין שבת אינדערפרי ביי פּרצן אין הויז. פּרץ האָט זיך געהאַלטן אויסערגעוויינלעך ריין און זיין פּיזישע ציכטיקייט האָט מיך, ווי זיין גייסטיקע ליכטיקייט, צוגעצויגן. אָבער יענעם שבת האָט עפּעס פּאַסירט. ווען איך האָב אַ דריק געטון דאָס טיר־גלעקל, האָט דעמאָלט פּרץ אַליין געעפנט די טיר און ער איז געווען — אין די גאַטקעס... איך האָב פּרצן איינציקע מאָל געטראָפן אין די שבתדיקע פּרימאַרגנס אין די גאַטקעס. אַזוי, אין די גאַט־קעס, פּלעגט ער זיצן ביי זיין גרויסן שרייב־טיש לעבן פענצטער, און שרייבן. אָבער יענעם שבתדיקן אינדערפרי איז געווען עפּעס אַנדערש — עפּעס, וואָס האָט מיך שאָקירט. זיינע גאַטקעס זענען געווען נישט אין אָרדנונג... ער האָט אויסגעזען מאָדנע אָפּגעלאָזן און צעקנייטשט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן זיין שרייב־טיש. איך בין געזעסן און ער האָט געשריבן, פּאַרטון גע־ווען אין אַ נייער באַאַרבעטונג, ווי איך האָב דערנאָך געזען, פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, אָבער זיין הילוך... איך האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ס׳האָט מיר וויי געטון, ס׳האָט מיך אַפילו באַליידיקט, וואָס אָט־די גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק פאַרערט און ליב געהאַט, זאָל זיין אין אַזאַ צושטאַנד. עס האָט מיר שפּעטער גענומען אַ היפּשע צייט, ביז איך האָב אָט־די סצענע פאַר־טריבן פון מיין זכרון...

טאַקע אין יענע יאָרן האָט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם געמאַכט אַ רעדע, וואָס אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערקע, אַ טעראָריסטקע, די טאָכטער פון אַ הויכן מלוכה־מאַן, דאַכט זיך, אַז אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט געהאַלטן אין געריכט אויף איר משפּט. זי איז געווען אַן אַנאַרכיסטין און איך האָב איר רעדע געלייענט אין אַ קליינער אומלעגאַלער בראָשור, געדרוקט אויף ביבעלע פּאַפּיר. אירע רייד האָבן אויף מיר אַ טיפן איינדרוק געמאַכט, ווייל זי האָט דעם אַנאַרכיזם אויפגענו־מען דער עיקר פון אַן עסטעטישן שטאַנדפּונקט, כאָטש אויך די עטישע פּרינציפּן, וואָס זענען פאַרוויקלט אין קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט, האָט זי נישט אויסגעלאָזט. אָבער דאָס עסטעטישע האָט ביי איר געהאַט די אויבערהאַנט. איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין אָרעמקייט, — האָט זי געזאָגט אירע ריכטער אין פּנים אַריין — ווייל אָרעמקייט איז שמוץ, אָרעמקייט איז מיאוס. עס באַליידיקט מיינע עסטעטישע געפילן. מיר דאַכט זיך, אַז זי איז געווען און געבליבן די איינציקע עסטעטישע אַנאַרכיסטין. איך האָב זינט דעמאָלט איבערגעלייענט אַ שלל פון אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור, ווו עס קומט צום אויסדרוק דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם, דער אינדיווידואַליסטישער אַנאַרכיזם, אָדער דער עגאָיסטישער, צי

עגאָ־צענטרישער אַנאַרכיזם פון אַ מאַקס שטירנער, אָבער קיינמאָל האָב איך מער נישט אַנגעטראָפן אויף אַן אויסדרוק פון עסטעטישן אַנאַרכיזם.

פונקט אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, איידער איך האָב גע־ווּוּסט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פּאָעזיע, אַזוי בין איך געוואָרן אַ וועגעטאַריער, נישט ווויסנדיק, אַז ס׳איז דאָ אַ וועגעטאַרישע באַוועגונג אויף דער וועלט... איך האָב איינמאָל — איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַרום 8 אָדער 9 יאָר (ווי איך דערצייל דאָס אין אַ פּריערדיק קאַפּיטל), געזען ווי ס׳בלוט קאַפּעט־אַראָפּ פון פליישׁ אויפן זאַלצברעטל — און כ׳האָב מער נישט געקענט קוקן אויף פליישׁ. צוליב דעם אייגענעם עסטעטישן דיבוק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיר נאָך אין מיין קינדהייט, האָב איך נישט ליב געהאַט קיין אָרעמקייט. איך האָב בפירוש פאַראַכט דאָס אָרעמקייט אַרום מיר, און די אַלע מענטשן, וואָס האָבן אָרעמקייט אָנגענומען באהבה, ווי אַ גאָט־זאַך, לעבנדיק ווי ווערעם אין כריין; דערפאַר איז מיר אויך געווען דערווידער די הלבשה פון די פוילישע יידן. איך וויל, אַז יידן זאָלן אויסזען שיין, עסטעטיש, אַרויסרופן צו זיך יראת־הכבוד.

אויב מיר קומט דערפאַר מלקות, בין איך גרייט!...

עטיק, עסטעטיק, רחמנות און אכזריות

איך גלייב, אַז די אמתע עטיק, דער עטישער איינשטעל, וואַקסט אַרויס פון עסטעטישן געפיל. דער מענטש ווערט געבוירן אָן אַן עטיש באַוווסטזיין, ווי אָן וויסן. ער איז נישט מאָראַליש, אָדער אוממאָראַליש. גיכער איז ער אַמאָראַליש, לויטער אינסטינקט, סטיכיע, חיהש. אין דעם פּרט איז פרויד גערעכט געווען מיט זיין אָנווייזן דערויף. אָבער פון אונדזער פריסטער יוגנט אָן פונקציאָנירט אין אונדז אַן עסטעטישער חוש, ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער; ביי וועמען ס׳אַנטוויקלט זיך ווייטער, ווי געוויסע אַנדערע גאָבן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און ביי וועמען — עס פאַרבלייבט אין אינפאַנטילן צושטאַנד, נישט אַנטוויקלענדיק זיך ווייטער, אָדער ווערט בכלל אַטראָפירט אונטער נישט־גינציקע, אומעסטעטישע באַדינגונגען. מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז עטיק איז די עסטעטיק פון געדאַנק, פון באַוווסטזיין, און אַז עסטעטיק איז די עטיק פון עמאָציעס, פון דער נשמה.

פון קינדוויי אָן שפּירן מיר וואָס עס איז גוט פאַר אונדזער גומען, אָדער וואָס ס׳איז נישט גוט; אָבער מיר ווייסן נישט, וואָס עס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט. דערפאַר זענען קינדער די גרעסטע אכזרים. איר זענט עס געווען און איך בין עס געווען — ווער אין אַ גרעסערער מאָס און ווער אין אַ קלענערער. די בר־מצווה איז אַ לאָגישער איינפיר, נישט נאָר פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, כאָטש מען קאָן נישט באַשטימט אָנווייזן, אַז ביז אָט־דעם יאָר האָט דער יוגנטלעכער נישט קיין אחריות פאַר זיינע מעשים און פון דעם דאָזיקן מאָמענט — יאָ — און דער פאָטער קאָן מיט אַ גרינג האַרץ זאָגן „ברוך שפּטרני״. דער יוגנטלעכער מוז נאָך אַ סך קעמפן מיט זיך, אַ סך לערנען, כדי זיך צו באַפרייען פון דעם אכזר, פון דער מאָראַלישער — אָדער אוממאָראַלישער — אינדיפערענץ אין אים, כדי פון אים זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער מענטש.

אויב די מאָראַלישע אויפוואַכונג אין אים ציט די יניקה פון עסטעטישן גע־

פיל, וועט ער מיט דער צייט ווערן אַן עכט־מאָראַלישער מענטש, ווייל — נאָכאַמאָל: עטיק מוז זיין באַזירט אויף עסטעטיק. זיי זענען אַפילו, ווי דערמאָנט, אידענטיש. אַפילו די „עטישע״ טערמינאָלאָגיע זאָגט עס אונדז: מיר באַצייכענען שלעכטע, אוממאָראַלישע מעשים מיט די ווערטער: „נישט שיין״, „מיאוס״, „עקלדיק״, „אָפּ־שטויסנדיק״ — אַלץ טערמינען, וואָס דערמאָנען אָן ציכטיקייט, אָדער אומציכ־טיקייט. אַ מאָראַל, וואָס איז באַזירט בלויז אויף „מען מעג״ און „מען טאָר נישט״, ווייל אַזוי לערנט אונדז די רעליגיע; אַז מען דאַרף זיין גוט, ווייל אַזוי וויל גאָט, וועלכער באַלוינט פאַר גוטע מעשים און באַשטראָפט פאַר שלעכטע מעשים — אַזאַ מאָראַל איז קיין מאָראַל נישט, נאָר שרעק, מורא, וואָס האַלט אונדז טאַקע געבונדן, אָבער זי ווערט לויז אַזוי שנעל ווי מיר פאַרלירן אונדזער רעליגיעזן גלויבן, אָדער ווען מיר פאַלן אַרונטער אונטער דער השפעה פון עפּעס אַ טעאָריע, וואָס לערנט, אַז מאָראַלישקייט איז שוואַכקייט. מיר האָבן געזען וווהין אַזעלכע לערעס פאַרפירן, צי זיי רופן זיך סאַניניזם, צי ניטשעיאַניזם, קאָמוניזם, אָדער נאַציזם.

ווען איך דערמאָן זיך אָן די אַכזריותן, וואָס איך בין באַגאַנגען אין מיינע קינדער־יאָרן און אין די פריִע יוגנט־יאָרן, שוידערט מיך. איין אינצידענט פון מיינע קינדער־יאָרן שטייט מיר בולט פאַר די אויגן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 11. איך קוק אַרויס פון פענצטער פון אונדזער דירה, ווו איך בין געווען אַליין, און איך זע ווי אין הויף שפּילט זיך יאָסל, יאַנקל שמוקלער׳ס זינדל. איך רוף אים אַרויף צו זיך. ער קומט אַרויף. ביי דער טיר באַגעגן איך אים מיט אַ שאַר־אייזן (דאָס איז אַזאַ אייזערנער שטאַנג, מיט וועלכן מען שאַרט די קוילן אין אויוון) און אָן וואָרנונג נעם איך אים שלאָגן איבערן קאָפּ און ווו נאָר איך האָב געטראָפן. ער איז אַנטלאָפן מיט אַ ווילד, פאַרצווייפלט געשריי.

פאַרוואָס האָב איך עס געטון? אפשר איז געווען עפּעס אַ סיבה דערפון, אַ באַליידיקונג, אָדער אפשר סתם אַן אויסדרוק פון געקריוודעטקייט, נישט דווקא פון זיין זייט — אָבער דער דאָזיקער אינצידענט איז געבליבן שטעקן אין מיין באַ־ווּסטזיין. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך יאָסלען געטראָפן דאָ, אין אַמעריקע. ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, פאַרשיקט געווען אין סיביר, שפּעטער זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַן אויסגעצייכנטן יידישן שרייבער, אַ דערציילער: יוסף וויס. דערנאָך איז ער געקומען קיין אַמעריקע, אין אַנהייב נאָך פאַרעפּנטלעכט דאָ און דאָרט אַ דערציילונג — אין קאָמוניסטישע אויסגאַבן. איידער איך בין געוואָר געוואָרן פון זיין קאָמוניזם און נאָך גערעדט צו אים, האָב איך איינמאָל אים געפרעגט, צי ער געדענקט

יענעם אינצידענט, מיין אַנפאַל אויף אים מיט אַן אייזן — ער האָט נישט אָנגעהויבן צו געדענקען.

איך האָב שטאַרק אויף זיך געאַרבעט, זיך צו ענדערן. דער באַדן פאַר גוטס איז גראַד אין מיר געווען פּרוכטיק — אַ ים מיט רחמנות. יאָ, רחמנות אויף מענטשן, אויף אָרעמע, אויף לײַדנדיקע, אָבער נישט קיין ליבע. איך וועל צוריקגיין אַ שטיק מהלך, אויב איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַן אָרעמאַן און נישט אַרײַנגעלייגט אַ מטבע אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, אָבער אין דער זעלביקער צייט בין איך פול מיט האַס און מיט נקמה־געפילן צו אַזעלכע, וואָס האָבן אומזיסט־אומנישט געקריוודעט מיך, אָדער אַפילו אַן אַנדערן; געוויינטלעך בין איך קאָרעקט מיט מענטשן, פּינקטלעך, האָב קיינמאָל קיינעם נישט משיג־גבול געווען, בין שטענדיק גרייט טון אַ טובה, האָב אָנגעלייגט כוחות — און אַפילו זיך געלאָזט קאָסטן געלט — כדי צו באַזאָרגן נויטבאַדערפטיקע קאָלעגן — מיט זוכן שטעלעס (און זיי האָבן מיר דערנאָך אָפּגעצאָלט מיט שטיינער, ווי איך דערצייל דאָס באַזונדער), אָבער אַז איך גיי אין גאַס, אָדער אין פּאַרק און זע די ווייבער מיט די קינדער־וועגעלעך, דעם יאַריד פון טומלדיקע אויסגעפּוצטע מענטשלעך, הער זיך צו צו זייערע נאַרישע שמועסן, באַפאַלט מיך אַ ווילדע שנאה צו זיי. שוואַנגערדיקע פּרוּוען עקלען מיך — און עקל גייט ביי מיר האַנט־אין־האַנט מיט האַס. אויב דער מאַן גייט נאָך דערביי, ווי ער וואָלט דעמאָנסטרירט פאַר דער וועלט, אַז דאָס איז זיין מלאכה, פאַלט מיין עקל אויך אויף אים.

אָבער דער גערעַנגל אין מיר צווישן גוטע און בייזע מחשבות הערט קיינמאָל נישט אויף. איך פּיל כסדר אַ ן ענדערונג צום גוטן, אָבער צייטווייז ברעכט דאָס בייזע אַרויס, קריגט די אויבערהאַנט. אַזאַ אויסברוך, וואָס איז געבליבן שטעקן אין מיין זכרון, ווי מיין אַנפאַל אויף יאָסלען — אין עלטער פון אַרום 11 יאָר — האָט נאָכאַמאָל פּאַסירט, בעת איך בין שוין געווען אַ רייפער, אַנטוויקלטער מענטש. דאָס איז געווען אין 1915, אָדער 1916 — און פּאַסירט האָט עס אין אַ סדר־נאַכט אין דער דירה פון דעם זעצער און קולטור־טוער, מאיר קאַסטאָף, ביי וועמען איך האָב דעמאָלט געוווינט אין בראַנזוויל.

די קאַסטאָפס האָבן פאַרבעטן עטלעכע פריינד צום סדר, צווישן זיי מיכל קאַפּלאַן, דער פאָלקסטימלעכער פּאָעט, וואָס ער האָט אין יענער צייט געהאַט אַן אַפּטייק אין בראַנזוויל. נאָך פּריש פון דער היים, פון וואַרשע, איז דער סדר פאַר מיר געווען אַ וויכטיקע איבערלעבונג. די שיינקייט פון סדר האָט מיך אַלעמאָל אימפּאָנירט און אויב אַ סדר, האָב איך געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַזאַ סדר איז טאַקע געווען ביי די קאַסטאָפס. איך האָב זיך געשמאַק געשאָקלט איבער דער הגדה. אַזוי די אַנדערע — אויסער מיכל קאַפּלאַן.

ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, ווי אַ זייטיקער, און חוזק געמאַכט פון אונדז, דער עיקר פון מיר. דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט, אָבער איך האָב זיך באַהערשט, נישט וועלנדיק פאַרשטערן דעם סדר.

ווען דער ערשטער טייל פון דער הגדה האָט זיך געענדיקט און מען האָט זיך געגרייט צום עסן, האָט מיין כעס אויף קאַפּלאַן געגרייכט דעם העכסטן פונקט. איך האָב באַמערקט ווי קאַפּלאַן איז אַריין אין קיך, מסתמא זיך צו וואַשן, אָדער נעמען אַ טרונק וואַסער. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. אין קיך איז קיינער נישט געווען און נישט באַרעכנענדיק זיך וואָס איך טו, האָב איך, אָן וואָרנונג, אומגעריכט פאַר אים, זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם קורץ־געוואָקסענעם קאַפּלאַן און אים מקיים־פּסק געווען אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן, אַז ס׳וואָלט זיך זייער טראַגיש געענדיקט, ווען פרוי קאַסטאָף קומט נישט אַריין אין קיך. זי האָט אַ געשריי געטון. איך בין ווי געקומען צו זיך און איך האָב קאַפּלאַנען אָפּגעלאָזט.

מיר זענען צוריק אַריין אין עס־זאַל און געגעסן, געטרונקען די כוסות, ווי גאַרנישט וואָלט פּאַסירט. קיינער האָט דעם גאַנצן אָוונט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט דעם אינצידענט. אָבער קאַפּלאַן איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ בלאַסער, אַ שטילינקער, אַ דערשראָקענער, מיט טראָפּנס שווייס אויפן שטערן, אָן איינגעקאָרטשעטער און מאָמענטנווייז האָט ער אויף מיר געוואָרפן אַ באַהאַלטענעם בליק. מיר זענען שפּעטער געוואָרן זייער גוטע פריינד. ווען ער האָט זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַריבערגעצויגן מיט זיין אַפּטייק קיין נוארק, אין ניו־דזשוירסי, פלעג איך פון צייט־צו־צייט צו אים אַראָפּפאָרן. ער פלעגט מיך אַלע־מאָל דערמאָנען אין דעם אינצידענט און יעדעסמאָל איבערחזרן זיין פאַרוווּנדערונג, וואָס איך, וועלכער זעט אויס אַזאַ שטילער, אַזאַ איידעלער, האָב אין זיך אַזאַ ווילדע רציחה...

צום גליק האָבן זיך אַזעלכע רציחהדיקע אויסברוכן מער נישט איבערגעחזרט. איך דערצייל עס ממש מיט פרייד, אַז איך האָב אין זיך גובר געווען אַ סך שלעכטס, אַ סך בייז — נאָך אַ לאַנגן און שווערן געראַנגל מיט זיך, בעת וועלכן איך האָב זיך געטובלט אין אַ סך ליטעראַטור וואַסערן פון פילאָסאָפיע, ספּיריטיזם, זעלבסט־אַנאַליז, חשבון־הנפש. נאַטירלעך איז עס ווייט פון שלמות, אָבער ווען איך פאַרגלייך זיך מיט אַנדערע, אין מיין אייגענער סביבה, מיט מיינע קאָלעגן, דעם רוב פון זיי — זע איך אויס אין מיינע אייגענע אויגן ווי אַ צדיק...

און צום געראַנגל מיט זיך האָט מיר דעם גרויסן שטויס געטון דאָס טיף־פאַרוואָרצלטע עסטעטישע געפיל אין מיר — טאָקע דערפאַר, וואָס כעס, שלעכטס, בייז זענען מיאוס. יאָ, כעס — און אַלע שלעכטסן, וואָס כעס איז גורם — איז עבודה זרה, און עבודה זרה איז אָפּשטויסנדיק, עקלדיק, סיי די געצן, סיי די

געצנדינער. פונקט אַזוי מיאוס איז פאַר מיר אַן אומריין לשון, אַ יידיש, וואָס איז דורכגעפּרעסן פון אַנגליציזמען, גערמאַניזמען, פאַלשער אויסלייג און אומגראַמאַ־טיקאַלישקייט. אַזוי מיאוס אין מיינע אויגן איז אויך אַסימילאַציע, זעלבסט־פאַר־לייקענונג — יעדע אַסימילאַציע. ס'האָט גאָרנישט צוטון מיט אַ ספּעציפישן נאַ־ציאָנאַליזם, מחמת מיך עקלט פונקט אַזוי אַן איטאַליענישער, אָדער סקאַנדינאַווי־שער אַסימילאַטאָר. ס'איז עפּעס דאָ אַ מיאוסע זעלבסט־דערנידערונג אין אָפּזאָגן זיך פון זיך אַליין און אונטערוואַרפן זיך דער שטאַרקערער מאַיאָריטעט.

דערפאַר האָב איך באַקומען אַזוי פיל מוט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידיש, אָדער וועגן אַסימילאַציע. דער ווידערווילן פון דעם עסטעט אין מיר צו דאָס מיאוסע און אָפּשטויסנדיקע האָט מיך געשטויסן צום קאַמף — און נישט בלויז אויף די דערמאָנטע צוויי געביטן.

*

בעטלערס זענען מיר, מיר אַלע, אַלע,
מיר וואַלגערן, ווי ווערעם, זיך אין שטויב —
און בעטלען נאָך אַ קרישקעלע לבנה־חלה,
נאָך אַן עיקץ זון, אַ דרויב.
האָב רחמנות, האַר, טרייב אונדז ניט אַוועק
פון דיינע שווערע טירן, פון דיין שוועל
און לאָז אַ טראָפּן טוי כאָטש דורך די וויסטע טעג
אַ טריף טון אויף דער זעל!

בעטלערס, בעטלערס, שפּלע, געמיינע —
אַן בושה שנאָרן מיר ביים גרויסן האַר:
שענק אונדז נאָך אין קליינעם טאָג, אַ שעה כאָטש איינע
מעג די שעה זיין פול מיט צער
און אונדזער גוף — אַ שלאַנגען־קנויל פון גרויל און וויי,
באַדעקט מיט אייטערדיקער וווּנד אויף וווּנד —
אַבי דאָס אויער קאָן נאָך האָרכן דאָס געשריי
פון דעם צוקיילטן הונט.

בעטלערס — און מיט הינטישער הכנעה
מיר לעקן ס'קלייד פון האַר און זיינע שיך —
פאַר נאָך אַ לעפל לופט, פאַר נאָך אַ ביס הנאה,
פאַר נאָך אַ בלעזל — איך.
און ס'קייקלען זיך די הימלען איבער אונדז'רע קעפּ,
אָנגעפּראָפּט מיט אייביקייטן, מיט אין־סוף,
און קוקן שפּאָטיש ווי די בעטלערס אויף די טרעפּ
פאַרזינקען מיד אין שלאָף.

די פארלוירענע שלאַכט

נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא,
עכשיו שנברא יפשפש במעשיו
(עירובין י"ג ב'.)

דער חכם, וואָס האָט אָנגעשריבן „איזה גבור הכובש את יצרו", האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די אומגעהייערע שווערקייט — און טראַגיזם — פון דעם געראַנגל מיט זיך אַליין. אין דער מלחמה מיט זיך אַליין — אָדער קעגן זיך אַליין, קעגן די איינגעבוירענע אַטאַוויזמען, אינסטינקטן, סטיכיעס, — מוז מען קודם אײַנזינען האָבן אַן אַנדער אָנזאָג: „דע את עצמך", דערקען, אָדער ווייס, זיך אַליין. און קענען־דערקענען זיך אַליין איז נישט קיין קלייניקייט. ס'איז גרינגער צו דערקענען הונדערט פרעמדע, ווי זיך אַליין, שוין צוליב דעם, וואָס די אַנדערע זענען אין דרויסן פון אונדז. מיר קענען זיי אַרומגיין פון אַלע זײַטן, זיי באַטראַכטן פון אַלע פּאָקוס־פּונקטן, און פון דעם דרויסן קענען מיר אַרײַנדרינגען אינעווייניק און מער־וויניקער זיי דערקענען, נאָך אַ לענגערער באַקאַנטשאַפט, שמועסן, מיינונגס־אויסטויש — אויב מיר זענען באמת פאַראינטערעסירט צו דערגיין זייער מהות און אויב יענע זענען אָפּנהאַרציק געבוג און פאַראינטערעסירט זיך צו לאָזן דערקענען.

דאָס מיינט נישט, אַז בנוגע אַנדערע קענען מיר, נאָך אַלע אונדזערע אָבסער־ווירונגען, אָפּשאַצונגען און פאַרטיפונגען, זיך נישט טועה זײַן. אַפילו דער פּסי־כאָאַנאַליטיקער, וואָס ציט זײַן סוביעקט ביי דער צונג, דורך אַלערליי פּסיכאָלאָגישע פאַרטלען, קריגט גאַנץ אָפט אַ פאַלש בילד, אַ נישט־ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק. דער שווערפּונקט איז דאָ, וואָס — אַליין נישט־באַגרייפנדיק — פאַזירן מיר, מאַכן אַן אומנאַטירלעכן אָנשטעל — טאַקע, בעת — און ווייל — מיר ווערן געפאָרשט, שטודירט; אָדער מיר פאַרדעקן מיט נישט־ריכטיקע ווערטער — אָדער וואָרט־בילדער — דעם אמתן מהות, וואָס דערין ווידער איז שולדיק אונדזער שוואַכע באַקאַנטשאַפט מיט זיך אַליין, דאָס נישט קענען זיך אַרויספּלאָנטערן פון דעם

אינערלעכן, וועזנטלעכן פלאָנטער, דאָס נישט קענען אָריענטירן זיך אין דעם קאָמפּלעקס פון זיך ווידערשפּרעכנדיקע עמאָציעס, סענטימענטן, אינסטינקטן, געדאַנקען, דראַנגען און פאַרלאַנגען.

ווי ס׳איז צו זען, געפינען מיר זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט. דאָך איז עס אַ סך לייכטער צו דערקענען יענעם, ווי זיך אַליין, וואָרעם צו זיך אַליין האָבן מיר, ווי געזאָגט, בלויז איין צוטריט: פון אינעווייניק. דאָס הייסט: בלויז אַ סוביעקטיוון צוגאַנג. קיין צוטריט פון דרויסן איז דאָ נישט שייך. קיין אָביעקטיווע אָבסערווירונג און אָפּשאַצונג איז דאָ נישט מעגלעך. מיר זענען אין שייכות צו זיך אין דער זעלביקער לאַגע, וואָס אין אונדזער שייכות צו דער וועלט, וואָס מיר קענען נישט זען איר פּנים, מחמת מיר זענען איינגעשלאָסן אין איר. און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט ריכטיק צו דערקענען זיך אַליין, זענען מיר דעריבער געשטערט אין קאַמף מיט זיך אַליין. דערפאַר האָבן אַפילו גרויסע פּערזענלעכקייטן — אפשר איבערהויפּט זיי — פאַרשפּילט די מלחמה מיט זיך אַליין, ווי דאָס איז, למשל, דער פאַל מיט לעוו טאָלסטאָיען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּשוטער דורכשניטלעכער מענטש ווייס נישט פון אַזעלכע ראַנגלענישן מיט זיך, זייענדיק פריי פון אינערלעכע קאָנפליקטן. ער נעמט־אָן די וועלט — און זיך — ווי עס איז, ווי „עס קומט״. אָבער אויך דאָ זענען דאָ אויסנעמען. דאָס זענען די רעליגיעזע און סענסיטיווע נאַטורן, וואָס פילן, אַז זיי זענען נישט דאָס — אַזוי ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין — און זיי באַמיִען זיך צו פאַרבעסערן זיך, צו פאַרריכטן די פעלערן. וואָס אינטעלעקטועלער אַ מענטש איז, אַלץ קאָמפּליצירטער, אַלץ רייכער אין קאָנפליקטן און אַלץ אָרעמער אין זעלישער רו און צופרידנקייט. טייל דענקענדיקע, אומרויִקע מענטשן ווערן, אין זייער פאַרצווייפלונג, וואָס דער הילפלאָזער קאַמף מיט זיך רופט אין זיי אַרויס און שטרעבנדיק צו גייסטיקער מנוחה, זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס אַ פּאַרטייליניע, אָן עפּעס אַ קולט, אָדער אָן „איזם״ און זיך האַלטן דערין מיט ציין און נעגל, כדי צו פילן וועלכן־ס׳איז זיכערן באָדן אונטער זייערע פיס. אָבער די מייסטע דענקענדיקע מענטשן קענען נישט שלום מאַכן מיט אַזאַ עסקייפּיזם און אויך אַ סך פון די, וואָס טוען דאָס יאָ, האַלטן זיך נישט לאַנג אָן אָט־דעם עסקייפּישן מקום־מקלט און קערן זיך צוריק אַ היים צו זיך, צו דער אייגענער פּערזענלעכקייט — און דאָס מיינט צו דער מלחמה מיט זיך אַליין.

וואָס ס׳איז שייך מיר אַליין, האָב איך אין דער ראַנגלעניש מיט זיך אַליין געצילט ראשית־כל צו באַפרייען זיך, ווי פריִער דערציילט, פון רשעותן, וואָס האָבן פאַראַלעל מיט מיינע מעלות טובות, געוואָרצלט אין מיר. איך דערצייל מכוח

כלערליי ברוטאַליטעטן אין מיין כאַראַקטער, וואָס האָבן זיך געריסן צום אויס־דרוק נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, און — פון דער מורא, אומזיכערקייט און פּחדנות, וואָס זענען פון וויגל אָן געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון מיין פּערזענ־לעכקייט. איך האָב אין דער דאָזיקער מלחמה געווונען אַ סך שלאַכטן, כאָטש צו קיין פולן נצחון איז עס, ליידער, נישט געקומען.

דאַקעגן אין קאַמף פאַר זיך — אין קאַמף צו זיין גלייך מיט אַלע, אַ „נאָר־מאַלער מענטש", לויט די אָנגענומענע נאָרמעס — האָב איך פולשטענדיק פאַר־לוירן. בלויז אין דער דאָזיקער איינגעפונדעוועטער נאָרמאַליטעט, וואָס מאַכט דעם יחיד פאַר אַן אינטעגראַלן טייל פון דער געזעלשאַפט און וואָס בייסטייערט צו דער געזעלשאַפט (דורך דער עלטסטער אינסטיטוציע: דאָס פאַמיליען־לעבן) נייע מיט־גלידער פאַר דעם פאַרבנרייכן לעבן און דעם סודות׳רייכן טויט — איז דאָ גייס־טיקע מנוחה. דור הולך ודור בא און איין דור טראַכט נישט וועגן דעם גורל פון דעם אַנדערן דור ביים דערפילן די נאַטירלעכע פונקציעס פון המשך, פון ווייטער־גאַנג. ווען ס׳פעלט אָט־דער „נאָרמאַלער", אוממיטלבאַרער ביאָלאָגיש־סאָציאַלער חוש, אומבאַרירט פון געדאַנק, פון ספקות — דער איז אויסגעשלאָסן, דורך דעם גורל, אָדער פון וואָס, אָדער ווען דאָס זאָל נישט זיין — פון דער מיליאָניקער מענטשן־סטאַדע. אים איז קיינמאָל נישט באַשערט קיין רו. טויזנטער אומגעזעענע כוחות נעמען נקמה אָן אים. דאָס געפיל פון זיכערקייט, פון פאַרוואָרצלטקייט, פון געהערן, איז אים פרעמד.

אָבער פונקט ווי ס׳זענען דאָ פאַלן פון קינדער, וואָס ווערן געבוירן אָן אַ געוויסן אבר, אָדער בלינד, צי טויב, זענען דאָ אויסנעם־פאַלן פון געבורט, ווו עס פעלט דעם קינד דער פונקציאָנעלער, ריין־פסיכישער חוש פון המשך, הגם סעקסועל און פיזיאָלאָגיש פולשטענדיק נאָרמאַל. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין איינער פון אָט־די יוצאי מן הכלל. כאָטש ראָמאַנטיש און אפשר צו־שטאַרק עראָטיש, האָט זיך אַ פאַמיליען־לעבן בשום־אופן נישט געקלעפּט צו מיר. דער פאַרלאַנג צו האָבן קינדער, „יורשים", איז מיר נישט נאָר פרעמד געווען, נאָר די אחריות פאַר לעבנס, וואָס וואַקסן אַרויס פון מיר, האָט אין מיר אַרויסגערופן ווידערווילן און אַפילו שרעק. ווי צו באַרעכטיקן אָט־דאָס געפיל, אָדער דאָס פעלן פון אַ געפיל, האָב איך עס אַרומגעצירט מיט אַ פילאָסאָפיע, וואָס איך האָב אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אויסגעדריקט אין אַן עסיי (אין ד״ר ב. ליבער׳ס זשורנאַל „דאָס ראַציאָנאַלע לעבן"), מיטן טשיקאַוון נאָמען: „דאָס רעכט נישט געבוירן צו ווערן"... און ווו איך רוק אַרויס דעם געדאַנק, באַגלייט פון אַלערליי אַרגומענטן און ציטאַטן, אַז דאָס ברענגען נייע לעבנס אויף דער וועלט — אַ וועלט פון רשעות, קראַנקהייטן און אַלערליי

צרות און ענדלעכן טויט — איז אַן אַקט פון עקסטרעמען עגאָיזם, באַגאַנגען איז שיכרות פון דער מאָמענטאַנער סעקסועלער הנאה.

איך האָב „געפירט ליבעס", אָבער די ראָל פון אַ באַלעבעסל, אַ פאַמיליען־מאַן, אַ פאָטער — דאָס, וואָס איז דער חלום פון אַלע „נאָרמאַלע" יונגעלייט, האָב איך זיך באַין־אופן נישט געקענט פאָרשטעלן. איך האָב בחוש געפילט, אַז איך געהער צו יענער קלענער מינדערהייט פון מענער און פרויען, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט חתונה, וואָס עפּעס קלעפּט זיך צו זיי נישט דער גאַנצער ענין. קאָן זיין, אַז אין מיין פאַל האָט אין אַט־דעם פּרט צוגעשפּילט דער פאַקט, וואָס מיר האָט בכלל אַלעמאָל געפעלט דער געזעלשאַפטלעכער חוש, דער פאַרבינד־שטריך צווישן דעם יחיד און דעם קאָלעקטיוו. פאַר יענע, וואָס זענען באַקאַנט מיט מיינע מאמרים אויף געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס, וועט דאָס דאָ־געזאָגטע אפשר זיין אַ חידוש. ס׳איז, אייגנטלעך, אַ חידוש און אַ רעטעניש פאַר מיר אַליין אויך אַט־דאָס, וואָס מיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן שרייבן אויף אַזעלכע טעמעס, בעת פּערזענלעך האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגער צו געהערן צו אַ גרופּע, צו זיין אַקטיוו אין סאָציאַלע, אָדער ליטעראַרישע באַוועגונגען. אויך דאָס משפחה־געפיל איז מיר פרעמד. פּסיכאָ־אַנאַליטיקער וועלן אפשר דערפאַר צוטראַכטן אַ דערקלערונג, אָבער ס׳וועט טאַקע זיין נישט מער ווי צוגעטראַכט. נישט אַלץ, וואָס איז טעאָרעטיש לאָגיש, איז אמת — אין שייכות צום יחיד־מענטש, ווי אין שייכות צו דער וועלט אַרום אונדז. טעאָריע און לעבן זענען צוויי באַזונדערע וועלטן.

האָט אויך דער געדאַנק צו זיין אַן איידעם, האָבן אַ פאַמיליע, קרובים, שוואָגערס, שוועגערינס, אויפנעמען געסט — מיך אָפּגעשטויסן און אָפּגעשראָקן. מיין אייגענע משפחה האָט אויף פאַרשיידענע אופנים געוואָלט אינטערפּרעטירן מיין צוריקהאַלטן זיך, מיין נישט „קרויוון" זיך. אויך מיט דער צאָל באַקאַנטע און פריינד, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן, האַלט איך נישט אָן דעם נאָרמאַלן קאָנטאַקט פון באַזוכן און אויפנעמען, מיט ווייניק אויסנעמען. אָבער יעדעסמאָל, נאָך אַ זעלטענעם באַזוך ביי באַקאַנטע, קרובים, אָדער פריינד, באַ־פאַלט מיך אַ מוראַדיקער אומעט און אומרו. אפּט וויל איך אַליין געפינען אַ סיבה, וואָס זאָל פאַר מיר אַליין אויפקלערן אַט־דאָס — און איך וואָלט מסתמא געקענט געפינען אַ סיבה, נישט קיין ערגערע ווי אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער. אָבער ווידער די אייגענע מעשה: ס׳וועט זיין נישט מער ווי אַ טעאָריע. דער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער וויל נישט, אָדער קאָן נישט, איינזען, אַז ס׳זענען דאָ קאָמפּלעקסן, וואָס זענען נישט קיין פּסיכישע, און אַפילו נישט קיין גענעטישע — דאָס הייסט:

אַזעלכע וואָס זענען צו אונדז איבערגעגאַנגען פון אַן אור־אור־זיידן, נייערט עלטער־מענטשישע, סיבות, וואָס הייבן זיך אפשר אָן פאַר די מעשי־בראשית, איידער דער מענטשלעכער מין האָט נאָך עקסיסטירט*)...

דערפאַר טאַקע, וואָס מיר זענען אַ פּראָדוקט נישט נאָר פון גענעטישער ירושה, נאָר אפשר אויך פון עלעמענטישער ירושה — דאָס הייסט: פון דער צייט, איידער די עלעמענטן האָבן זיך געפאָרמירט, געשטאַלטיקט — און דאָס איז, ווי ווייט איך ווייס, מיין אייגענע טעאָריע — איז אַזוי שווער, ממש אוממעגלעך זיך צו דערגרונטעוועון אין די פאַרשיידענע סטיכיעס, אינסטינקטן, אַטאַוויזמען, עמאָציעס און קאָמפּלעקסן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, איבערהויפּט אין דער קאָמפּליצירטער, וואָס דאָס מאַכט דעם גערעַנגל מיט זיך, אָדער קעגן זיך, צי פאַר זיך אַליין, אַזוי פיינלעך און האָפנונגסלאָז. אין מיין אייגענעם פאַל איז דער קאַמף אין מיין נשמה אומגעהייער פאַרשווערט געוואָרן דורך דעם פּעסימיסטיש־פאַטאַליסטישן געפיל, וואָס האָט מיך באַגלייט דורכן גאַנצן לעבן, אָדער פּשוטער: דאָס פאַרעקשנטע באַוווסטזיין פון הבל־הבלים און דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד. דערדאָזיקער צושטאַנד קאָן אילוסטרירט ווערן מיטן ביישפּיל פון אַ קנויל פאָדעם, וואָס איר שטרענגט זיך אָן אויפצופּלאָנטערן, אָבער דערביי ליגט אַ מעסער און בעת איר באַגיסט זיך מיט שוויס, מיִענדיק זיך אויפצופּלאָנטערן דעם קנופּ, טאַנצט אייך דאָס מעסער כסדר פאַר די אויגן און רייצט אייך — איבערצוהאַקן דעם קנופּ און — פּטור...

דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד האָט מיך באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן, ווי אַ געטרייער חבר, ביז ער איז געוואָרן אַזוי נאָטירלעך פאַר מיר, אַז איך האָב בפועל־ממש געפילט, אַז איך קאָן — אָדער געמיינט, אַז איך קאָן — צו יעדער צייט איבערהאַקן דעם קנויל. אויב איך בין פאַרט עד היום הזה נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, איז עס אפשר טאַקע דערפאַר, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, וואָס איך האָב געמיינט, אַז איך קאָן עס צו יעדער צייט טון — און דערפאַר מעג איך דאָך וואַרטן... אויב דאָס איז נישט אַזאַ שפּיצל, אָדער אַן אויסרייד פון דעם לעבנס־ווילן, וואָס שאָפּענהויער האָט אים באַצייכנט פאַר „בלינד" און וואָס איך האַלט פאַר זעענדיק און באַוווסטזיניק, איז עס אפשר נישט געשען דערפאַר, וואָס אונדזער וועלט איז אַ דעטערמיניסטישע און כ'האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט... ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט דער זעלבסטמאָרד־געדאַנק, וואָס האָט פון איין זייט פאַרשווערט דעם געראַנגל, פון דער אַנדערער זייט אָבער שטאַרק פאַרלייכטערט מיין מערכה אויף דער וועלט, מחמת אין יעדער

---

*) זע מיין בוך Our Unfinished World, אַרויסגעגעבן פון אַרקאַ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947.

צרה, אָדער אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג, האָב איך אַלעמאָל געהאַט די טרייסט פון דערלייזונג דורכן טויט. אויב נישט דורך זעלבסטמאָרד, קומט דאָך דער טויט סיי־ווי־סיי פריִער, צי שפּעטער — אומפאַרמײַדלעך!

דער טויט האָט מיך קיינמאָל נישט געשראָקן, נאָר, אַדרבא, ווי געזאָגט, געמוטיקט — אויפגעהאַלטן מײַן לעבן... געשראָקן האָט מיך אָבער אַלעמאָל — און וועט מיך שרעקן ביזן סאַמע סוף — דער „דערנאָך", דאָס רעטעניש פון „יענער זײַט קבר". דאָס ווידער האָט מיך געפירט צום ספּיריטואַליזם, צו מעדיור־מען, אָקולטיסטישע פאָרשונגען — צו מײַן בוך „די צווייטע עקסיסטענץ". און דאָ איז כדאי צו באַמערקן ווי פאַלש אַנדערע טײַטשן־אויס אייערע האַנדלונגען. מײַן בוך וועגן ספּיריטואַליזם האָט אייניקע קריטיקער אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז איך בין אַזוי פאַרליבט אין לעבן, אַז איך זוך אַזש אַ המשך נאָכן טויט — וואָס פּונקט דער היפּוך דערפון איז אמת. האַלטנדיק, אַז איין עקסיסטענץ איז די־והותר, האָב איך אין מײַנע ספּיריטואַליסטישע עקסקורסיעס געזוכט — אַן איבערצייגונג, אַז מײַן גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטערדיקער עקסיס־טענץ נאָכן טויט, האָט נישט קיין שום יסוד. לײַדער האָבן מיך מײַנע פאָרשונגען געפירט צו אַנדערע שלוסן, אָבער הלוואי זאָל דאָס זײַן אַ ווידסטער טעות. הלוואי פאַרענדיקט זיך מיטן פיזישן טויט יעדע באַוווסטזיניקע עקסיסטענץ. ווער קאָן וויסן? בלויז ציניקער און זעלבסט־פאַרגלויבטע „חכמים" זענען זיכער, אַז זיי ווייסן דעם אמת, אַז ס'איז אָט־אַזוי, אָדער אַנדערש.

השארת הנפש — אָדער רעאינקאַרנאַציע — וואָלט אויך געמיינט, אַז מיר לעבן אין אַ פאַרכישופטן קרײַז, וואָס איינמאָל אַרײַן אין אים, איז קיינמאָל נישטאָ קיין אַרויס. ווי שרעקלעך דער בלויזער געדאַנק דערפון איז!

✶

אַ שוואַרצער ים פון נאַכט נעמט מיך אַרום פון אַלע זײַטן
און ס'שווייגט די פינצטערניש עקשנותדיק און האַרט —
ווי ס'וואָלט דאָס שווײַגן און דאָס פינצטערניש פון אַלע צײַטן
מיט אָטעמס אײַנגעהאַלטענע געוואַרט — —
געוואַרט — אויף וואָס? אויף אָנהייב, אָדער סוף, צי אפשר נס?
קיין קול פון ערגעץ ניט, קיין שאָרך, קיין ווײַטער בליאַסק
פון ליכט — —
אַן אוניווערס — אַ פינצטערער, אַן אימהדיקער מת,
אַן צלם־אלוהים, אָן פאַרעס, אָן אַ געזיכט.
און ווער בין איך דאָ דער, וואָס זוכט און פרעגט אָן ווערטער, שטום?

א. אַלמי

איז דאָס דער טויט? איז דאָס דער גורל פאַרן מענטש באַשערט —
צו ווערן אַ שטיק פינצטערניש אין פינצטערן אַרום
נאָך זיין געפיייניקטער נסיעה אויף דער ערד?
און ס'קומט אויף מיר אַ קול אַזאַ, אַן קלאַנג, אַן מינדסטן פלאַטער,
ווי טיף פון זיך אַליין צו זיך אַליין געווענדט:
דו ביסט אַ חלומער אין שוואַרצן קאָסמישן טעאַטער — — —
האָסט אויפגעוואַכט און האָסט די וואָר דערקענט,
די וואָר פון גאָרנישט זיין — חוץ אייביק־שווייגנדיקע נאַכט,
אַ נאַכט, באַזייט מיט גייסט־אַטאָמען, זעלישע ווי דו — —
וואָס חלומען, דערוואַכן, שלאָפן־איין אין חושכדיקן טראַכט —
צו חלומען אויפסניי — אין מיטן גליווערדיקער רו —
פון וועלט־געשטאַלט און מענטש־געברויז און דורותדיקן גאַנג,
פון אייביקן געראַנגל, שאָטן־שפּיל און שטערן־שיין — — —
אַטאָמען־חלום בלויז אין ניט־געשטאַלטיקטן געדאַנק — — —
שלאָף־איין, שלאָף־איין און חלום נאָכאַמאָל — פון זיין.

**
*

פאַר דער מינדסטער אונטערנעמונג, אַ ליאַדע אַרבעט זוכט מען געניטע, קוואַליפיצירטע פאַכלייט. מען וועט נישט איינשטעלן דעם רעזולטאַט מיט אַבי־וועמען.

די גרעסטע אונטערנעמונג אין דער וועלט, דער אחריותדיקסטער אויפגאַב — דאָס פּראָדוצירן לעבן, דאָס אַריינברענגען אין דער עקסיסטענץ אַריין אַ מענטש — דאָס איז הפקר.

יעדער גאַרנישט, טויגענישט, לאַ־יוצלח, האַלט, אַז ער איז קוואַליפיצירט צו אָט־דעם אויפגאַב איבער אַלע אויפגאַבן. אייגנטלעך איז דאָ גאַרנישט קיין פראַגע פון האַלטן, פון טראַכטן־נאַכטראַכטן. ער טראַכט גאַרנישט. ער פאָלגט בלינד זיין אינסטינקט ווי אַ בהמה, ווי אַן אינזעקט.

דער גורל, וואָס וואַרט אויפן מענטש, די ליידן, אַנטוישונגען, קראַנקהייטן, עלטער — דאָס אַלץ קומט אים אַפּילו נישט אויפן זינען.

די פראַגע צי ס'איז גוט, אָדער שלעכט, רעכט, אָדער אומרעכט פאַרן מענטש געבוירן צו ווערן — דאָס פאַלט אים אַפּילו נישט איין; זאָל מען אַזאַ פראַגע פאַר אים אַוועקשטעלן, וועט ער מיינען, אַז יענער איז חסר־דעה.

דווקא דער, וואָס טראַכט יאָ וועגן דער אחריות, דער מוראַדיקער און גרעסטער אחריות, וואָס איינער נעמט אויף זיך מיט דער ראָל פון אַ טאַטן און ער טרייסלט זיך אָפּ פון אָט־דער ראָל — דווקא ער ווערט באַצייכנט פאַר אַן עגאָיסט...

א. אַלמי

זיי — די „זי“ און דער „ער“ — ריידן וועגן קינדער האָבן, ווי קינדער ריידן וועגן ליאַלקעס, צאַצקעס, שפּילצייג. ס׳איז היימלעך מיט קינדער אין הויז...

מען האָט קינדער און פּאַרטיק. ס׳פרייען זיך טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע. אַ גליק האָט זיי געטראָפן!

יענע, וואָס באַזינגען מוטערשאַפט, זענען אָדער טפשים, אָדער סתם פּלוידערזעק, וואָס ריידן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

זיי באַזינגען מוטערשאַפט, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ וואָזש־נער אויפטו, אָדער אַן אידעאַליסטישער אַקט, נישט ווי די דערפילונג פון אַן אינסטינקט, צו וועלכן ס׳פאָדערט זיך נישט — נישט קיין שכל, נישט קיין ספּעציעלער טאַלאַנט; אַן אינסטינקט, וואָס איז פּונקט אַזוי אייגן קי און קעץ.

מיין ווייב - פראַדל וויטמאַן

אויב כ׳האָב זיך פאָרט פאַרבונדן מיט אַ פרוי און געוווינט מיט איר קרוב צוויי צענדליק יאָר, איז עס געווען אַ „ריינער צופאַל" — אַ היפשע צייט פאַר אַ צופאַל, אויב אין לעבן זענען בכלל דאָ צופאַלן... אָבער ס׳האָט אַזוי פּאַסירט, אַז מיר האָבן ווי פריינד, אָן וועלכער־ס׳איז לעגאַליסטישער פאָרמאַליטעט — ציווילער, אָדער רעליגיעזער — גענומען בשותפות אַ דירה. אַזוי פּשוט! — און נישט בלויז דערפאַר, וואָס מיר ביידע האָבן געגלויבט, אַז די פאַרבינדונג צווישן מאַן און פרוי איז אַ פריוואַטער ענין, וואָס האָט אַבסאָלוט גאָרנישט צוטון מיט דער מלוכה, אָדער רעליגיע, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס מיר האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ צייטווייליק שותפות פון אַ דירה — צווישן פריינד...

אָבער ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס וווינענדיק צוזאַמען אין איין דירה, זענען מיר באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּאָרל, ווי מאַן און ווייב. ביסלעכווייז האָבן מיר אַליין אַזוי אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך, הגם ס׳איז פאָרט נישט געווען ווי ביי אַנדערע פאָרפאָלקן. צום סוף האָבן אַלערליי אומשטענדן אונדז געצוווּנגען צו לעגאַליזירן אונדזער צוזאַמענזיין, אָבער מיר זענען ווייטער געגאַנגען יעדער אויף אַ באַזונדערן וועג. מיר האָבן פאַר זיך רעזערווירט פולשטענדיקע פרייהייט פון באַוועגונג — אַזוי יעדנפאַלס איז עס געווען אין די ערשטע יאָרן — אַזוי אַז איך האָב נישט געפילט אויף זיך דעם עול פון אַ פאַמיליען־מאַן. דערצו האָט זי געטיילט מיין פילאָסאָפיע וועגן קינדער־האָבן — ריכטיקער: וועגן נישט־האָבן... דאָס הייסט: אַז ברענגען נייע לעבנס אויף דער וועלט איז פּשוט אַ פאַרברעכן. פונדעסטוועגן בין איך גרייט געווען צו פאַרבייגן אָט־די פילאָסאָפיע, אָדער פּרינציפּ, ווען איך האָב מורא געהאַט, אַז אַן אָבאָרט וועט זיין אַ סכנה פאַר איר לעבן. אָבער זי איז דאָ געווען אויסגעהאַלטענער פון מיר. ערשט ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט קענען ווערן אַ מוטער, האָט זי דווקא געוואָלט האָבן אַ קינד, זיכער געווען, אַז דאָס וועט לעזן אַלע אירע פּראָבלעמען. אַזוי איז זי געווען.

פראַדל, ווי מיין פרוי האָט געהייסן, איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ. דראָבנע, מיט אַ טונקעלער הויט, ווי אַן אַראַבערין, דינאַמיש, אויסערגעוויינטלעך פעיִק, אַ לינגוויסטין. און כאָטש זי איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע (פון קאָרעץ, אוקראַינע) אין עלטער פון 11 יאָר, האָט זי גערעדט רוסיש פּליסיק, אָן אַן אַקצענט, ווי ענגליש (און ווי שפּעטער שפּאַניש און פראַנצויזיש). זי איז געווען די בעסטע שילערין פון די ערשטע יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולעס אין ניו־יאָרק, אַ תלמידה פון יואל ענטין, חיים ליבערמאַן און קלמן וויטמאַן, אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זי געהאַט אַ ווידערווילן צו יידיש, יידישער ליטעראַטור און יידישן נאַציאָנאַליזם, ווי צו אירע געוועזענע לערערס, כאָטש זי איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ סעקרעטאַרין אין יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווו זי האָט געטון אַרבעט אין יידיש און ענגליש. איר יידיש איז געווען רייך און פאַרביק און ווען זי איז נאָך געגאַנגען אין שולע האָבן אירע קאָמפּאָזיציעס וועגן שלום עליכם, מענדעלע, אברהם רייזען און אַנדערע קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אַרויסגערופן באַגייסטערטע אָפּרופן נישט נאָר מצד אירע לערערס, נאָר אויך פון יהואשן, רייזענען, שלום אַשן און שלום עליכמען, ווען צוויי פון אירע קאָמפּאָזיציעס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. פאַר איין קאָמפּאָזיציע האָט זי געוווּנען אַ פּריז שלום עליכמס געזאַמלטע ווערק, און דער גרויסער הומאָריסט, וואָס ער האָט דעמאָלט געוווינט אין שווייצאַריע, האָט איר צוגעשיקט אַ האַרציק בריוול (וואָס איך האָב איבערגעגעבן דעם שלום עליכם אַרכיוו).

איר פלוצלינגער ווידערווילן צו יידיש, ווי אויך צו העברעיִש, וואָס זי האָט גוט באַהערשט, און צו יידישקייט בכלל, איז פאַר מיר אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש. איר ווידערווילן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט בפירוש נישט געוואָלט אַריינקוקן אין אַ יידיש בוך און אַפילו מיינע „זאַכן" האָט זי זעלטן געלייענט און זי פלעגט אַריינטענהן אין מיר, אַז איך זאָל איבערגיין צו ענגליש און נאָר דע־מאָלט וועט זי מיך לייענען. די אויסערלעכע סיבה פון איר אַסימילאַטאָרישער טענדענץ ליגט אין דער איסט־בראָדווייער סביבה, ווו זי האָט געזען בילִיקע פּאָ־ליטיק, קולטור־קרעמעריי, עם־הארצות; קליינע מענטשעלעך, קאָכלעפל און חונפים. ערלעך ביז גאָר, ראַפינירט, סענסיטיוו, מיט פאַרשאַרפטע חושים און אָנגעצויגענע נערוון, מיט אַ נייגונג איבערצוטרייבן, האָט דאָס מוראַדיק דער־דריקט איר געמיט און אויף אַ צייט זי אַפילו דערפירט צום קאָמוניסטישן לאַגער. אָבער די זעלביקע ערלעכקייט, וואָס האָט זי געפירט פון איסט־בראָדוויי אויף

יוניאָן־סקווער *), האָט זי שנעל אָוועקגעפירט פון קאָמוניסטישן קרייז, ווי באַר זי האָט איינגעזען, אַז דאָרט איז נאָך ערגער; אַז דאָרט שאַכערט מען, אויף אַ בלוטיקן און בלאָטיקן אופן, מיט האָפענונגען און חלומות פון פּראָלעטאַריאַט און פון דער מענטשהייט בכלל. בעת די מאָסקווער פּראָצעסן איז זי פון יוניאָן־סקווער אַנטלאָפן אַ צעבראָכענע און אַן אַנטוישטע.

אָבער דאָס אַלץ איז בלויז, ווי געזאָגט, די אויסערלעכע סיבה פון איר ווידערווילן צו ייִדיש און ייִדישער סביבה. דער עקסטרעם, צו וועלכן זי איז דאָ דערגאַנגען, האָט געוואָרצלט אין איר גאַנצן קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, וואָס איז פול געווען מיט סתירות און קאָנפליקטן. דער איבערגאַנג פון לוסטיקייט און שטיפעריי צו מעלאַנכאָליע איז אַלעמאָל געווען אַ דראַסטישער, ווי איר שנעלער איבערגאַנג פון אויסערגעוויינטלעכער גוטסקייט און רחמנות — צו אַלערליי רשעותן; אָדער פון אַ מערקווירדיקן ראַציאָנאַלן אַנאַליז פון סאָציאַלע, פּאָליטישע, אָדער קינסטלערישע פּראָבלעמען — צו אַ מין טראַנס־צושטאַנד, ווען זי פלעגט מורמלען צו זיך אַליין, אָדער צו איר מוטער, וואָס איז געשטאָרבן, בעת זי, אַ קינד נאָך, איז געווען מיט איר אַליין, אין אַ ווינטער־נאַכט, אין אַ שטיבל אין קאָרעץ. אירע שוועסטער און ברודער זענען שוין דעמאָלט געווען אין אַמעריקע און דער פאָטער איז געווען אָוועקגעפאָרן ערגעץ וועגן מסחר. אָט־דער פאַל האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן אָפּדרוק אין איר פסיכיק.

אונדזער צוזאַמענלעבן איז געווען אומגליקלעך ביז גאָר. איך בין שטענדיק ווי „געגאַנגען אויף גלאָז", אָבער הגם ס'פלעגט צווישן אונדז כמעט טאָג־טעגלעך קומען צו קריגערייען — און צו נאָך ערגערס — זענען מיר געווען אַזוי צוגע־בונדן איינער צום אַנדערן, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, מער ווי וועלכע אַנדערע צוויי מענטשן. אין איר הילפלאָזיקייט בין איך פאַר איר געווען אַן אָנ־שפּאַר, אַ יסוד, און זי פאַר מיר איז געווען מער ווי אַ ווייב — זי האָט אויך פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ מאַמען און אַ קינד. אָבער קיין ליבע איז מער נישט געווען, נישט קיין ראָמאַנטישע, נישט קיין עראָטישע — פון מיין זייט פון כמעט דעם סאַמע אָנהייב אָן, נאָך די ערשטע חדשים דערנענטערונג; פון איר זייט — אין די לעצטע יאָרן. דאָס איז געווען אפשר אַן איינציקאַרטיקע דערשיינונג — אַזאַ אומגעהייערער קעגנזייטיקער צובונד און אומגעהייערע געטריישאַפט פון צוויי מענטשן, וואָס האָבן ממש געפלאָטערט איינער פאַרן אַנדערנס געזונט און מערכה, דערביי אָן ליבע און שטענדיק אין קריג.

---

*) איסט־בראָדוויי, צענטער פון ייִדישע צייטונגען און אָרגאַניזאַציעס. יוניאָן־סקווער — וווּ ס'האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט די ייִדיש־קאָמוניסטישע באַוועגונג.

אָט־די מערקווירדיקע קעגנזייטיקע זאָרג האָט אונדז געהאַלטן צוזאַמען, אין איין דירה. זי איז געווען זיכער, אַז איך מוז זי האָבן, אַז איך וועל נישט קענען זיין אָן איר; און איך בין זיכער געווען, אַז ווי נאָר זי בלייבט אַליין, וועט זי באַגיין זעלבסטמאָרד. נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות האָב איך נישט געקענט. און מיין מורא איז נישט געווען אָן אַ יסוד. וועגן זעלבסטמאָרד האָט זי כסדר גערעדט — זינט איך האָב זי דערקענט. איך פלעג אויך ריידן פון זעלבסטמאָרד, אָבער בלויז אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער צוזאַמענלעבן, אַפילו עטלעכע מאָל געווען צו־געגרייט צו דעם, אָבער שפּעטער, ווען, ווען... דאַנק פון איר אַרויסשלאָגן אָט־דעם געדאַנק, האָב איך מער נישט גערעדט דערפון. זי האָט פאַקטיש געמאַכט עטלעכע פאַרזוכן צו באַגיין זעלבסטמאָרד — דאָס האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי עס איז איר געראָטן. דעמאָלט האָב איך עס אָנגענומען פאַר נערוועזע אַטאַקעס.

דערביי וויל איך דאָ באַטאָנען, אַז וועגן זעלבסטמאָרד האָט זי גערעדט נישט נאָר זינט איך האָב זי געקענט, נאָר אויך פריִער, ווי אירע שוועסטער האָבן מיר דאָס דערציילט — און איך באַטאָן דאָס דער עיקר, כדי צוצעקלאַפּן די אַלערליי מיאוסע רכילות פון מיאוסע מיילער, נאָך איר טראַגישן טויט שבת־צו־נאַכט, דעם 11טן יוני, 1938. צוויי ווערסיעס האָבן די רכילות־טרייבערס געלאָזט אין גאַנג: 1. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל איך האָב זי פאַרלאָזט און אַוועק מיט אַן אַנדער פרוי; 2. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב איר ליבע מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט זי איבערגעלאָזט און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. איבערהויפּט האָט זיך אין דער רכילות נומער 2 אויסגעצייכנט אַ ייִדישע דערציילונגס־שרייבערין און פּאָעטעסע.

איך וויל זיך דערביי דאָ מודה זיין, אַז אונדזער צוזאַמענלעבן איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז פון „יענער" מאַן־און־ווייב „לאָיאַליטעט" האָט דאָ קיין רייד נישט געקענט זיין. ביי מיר איז עס אָבער נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אונדזערע אָנגעשטרענגטע באַציִונגען. אַזוי בין איך, ליידער, אויף אָט־דעם „געביט"... דערין בין איך, נאַטירלעך, נישט קיין יוצא מן הכלל, אָבער נישט אַלע זענען גרייט זיך מודה צו זיין... איך האָב געהאַט ראָמאַנטישע (און נישט פּלאַטאָנישע) באַציִונגען מיט אַנדערע פרויען פון ערשטן טאָג פון אונדזער צוזאַמענלעבן (מיט פּראַדלען) ביזן לעצטן טאָג. אפשר דאַרף איך זיך שעמען דאָס צו דערציילן בפרהסיה, אָבער מיין איצטיק שרייבן איז ווי אַ ווידוי און אַ כוח שטויסט מיך צו דערציילן אַלץ — ביז אַ גרענעץ...

איך האָב אָבער — ביי פּראַדלס לעבן — זיך אויפגעפירט אַזוי דיסקרעט אין דעם פרט, אַז זי זאָל נישט אויסגעפינען, ווי כ'האָב בכלל זיך געהיט צו

צוויי בילדער פון פראַדל וויטמאַן־אַלמי

פֿאַרשאַפֿן איר װעלכע־ס׳איז עגמת־נפֿשן, אױב ס׳איז נאָר געװען אין מײַן יכולת. צי זי האָט מיך חושד געװען און צי ס׳װאָלט זי געאַרט, װען זי װײס דאָס — װײס איך נישט. און איך װיל נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך נישט געפֿילט שולדיק קעגן איר, בפֿרט אין די לעצטע יאָרן, װען מיר האָבן מער קײנמאָל נישט געלעבט װי מאַן און װײַב. אָבער איך האָב זיך נאָך שולדיקער געפֿילט קעגן זיך אַלײן. העלפֿן זיך האָב איך נישט געקענט — און קאָן װײטער נישט. דאָס איז אײנע פֿון די שלאַכטן אין געראַנגל מיט זיך אַלײן, װאָס איך האָב פֿאַרלױרן אױף די פֿולע הונדערט פּראָצענט.

פֿראַדל דאַקעגן איז אין איר װײַבלעכקײט געװען צוריקגעהאַלטענער, אָבער אינגאַנצן לעבן װי אַ נאַנע האָט זי נישט געקענט. איך האָב מיטן גאַנצן האַרץ געװוּנטשן, אַז זי זאָל זיך באַקענען מיט עמעצן, אַ „נאָרמאַלן״ מאַן, װאָס װיל אַ פֿאַמיליען־לעבן, קינדער. דאָס װאָלט געװען די בעסטע לײזונג — און אױסלײזונג — פֿאַר אונדז בײדן. זי איז אָבער װאָס װײַטער געװאָרן פֿאַרביסענער קעגן מענטשן, אַלעמאָל פֿאַרזונקען אין זיך און ממש אָפּגעשטױסן פֿון זיך. דערפֿאַר האָב איך זיך אמתדיק דערפֿרײט, װען זי האָט אָנגעהױבן אַרױסװײַזן פֿרײַנטשאַפֿט צו אונדזערס אַ בשותּפֿותדיקן באַקאַנטן, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן. נישט נע־מענדיק זי קײנמאָל אינערגעץ, בין איך צופֿרידן געװען, װאָס ער פֿלעגט צײַטנװײַז מיט איר גײן אין טעאַטער, צו אַ קאָנצערט, צי אין קינאָ. װי װײַט זײער פֿרײַנטשאַפֿט איז געגאַנגען, װײס איך נישט און ס׳האָט מיך, דעם אמת זאָגנדיק, קײנמאָל נישט פֿאַראינטערעסירט. אדרבא, איך האָב געהאַט צער דערפֿון, װאָס ביסלעכװײַז האָט זײער פֿרײַנטשאַפֿט זיך גענומען אָפּקילן. זי האָט בכלל פֿאַרלױרן דעם אינטערעס אין אַלצדינג און אַלץ אָפֿטער גערעדט פֿון זעלבסטמאָרד.

שבת, דעם 11טן יוני, 1938, איז געװען זײער אַ הײסער, שטיקנדיקער טאָג. אינדערפֿרי האָט געפּלײצט אַ מבול־רעגן. גראָד יענעם פֿרימאָרגן איז פֿראַדל גע־װען מונטער, אױפֿגעלעבט, לאַנג געשטאַנען בײַם שפּיגל און געפֿרעגט מײַן מײ־נונג װעגן איר נײַעם הוט. איך האָב איר אַפֿילו געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז זי זעט הײַנט אױס באַזונדערס שײן און זי האָט דאַנקבאַר געשמײכלט. זי איז אַראָפּ־געפֿאָרן אױף איסט־בראָדװײ און פֿאַרן אַרױסגײן פֿון הױז זיך געקלאָגט, אַז זי האָט געלאָזט איר רעגנשירעם אין דער ביוראָ. זי האָט אָנגענומען מײַן עצה צו נעמען אַ צײַטונג אױף פֿאַרדעקן דערמיט דעם קאָפּ. נאָך איר אַװעקגײן האָט מיר טעלעפֿאָנירט מײַן פֿרײַנד ישׂראל ראַבינאָװיטש, רעדאַקטאָר פֿון „קענעדער אָדלער״, אַז ער געפֿינט זיך אין ניו־יאָרק און שטײט־אײַן אין טאַפֿט־האָטעל. װען פֿראַדל איז מיטאָג־צײַט אַ הײם געקומען און כ׳האָב איר דערצײלט, אַז ראַבינאָװיטש

איז דאָ איין שטאָט און אַז איך וועל אים שפּעטער זען, האָט זי מיר אָנגעזאָגט — אים צו פֿאַרבעטן אויף מאָרגן, זונטיק, אויף מיטאָג.

פֿראַדל האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפֿן בעט און איינגעדרימלט. אַרום 5 פֿאַר־נאַכט בין איך אַראָפּגעפֿאָרן צום טאַפּט־האָטעל, אָבער עפּעס אַן אומרו האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיר. ראַבינאָוויטש האָט באַמערקט מיין נערוועזיטעט און מיך געפֿרעגט, וואָס מיר איז, אָבער איך האָב אַליין נישט געוווּסט. די שעהן לויפֿן און מיין אומרו וואַקסט. אין דרויסן גיסט ווידער אַ מבול. אַרום 11 שפּרינג איך אויף, וויל גיין, נאָר ראַבינאָוויטש האַלט מיך צוריק, בעט מיך, אַז איך זאָל איבער־וואַרטן דעם רעגן. איך זיץ ווי אויף שפּילקעס. 12 אַזייגער קאָן איך מער נישט אויסהאַלטן. איך געזעגן זיך שנעל. אָט לויף איך אויפֿן גאַס פֿון טאַפּט־האָטעל צו דער אָנטקעגנדיקער סאָבוויי־סטאַנציע. דער מבול פֿלייצט. די גאַס איז פּוסט, אָבער אָט שלאָג איך זיך אָן עפּעס אָן. איך הייב־אויף דעם קאָפּ און דערזע יעקב בן־עמי און בערטאַ גערסטין. ביידע שטייען אין מיטן גאַס־רעגן, פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס. איך לויף ווייטער, וויס אַפֿילו נישט, צי זיי האָבן מיך געזען. די אומ־געריכטע סצענע הייטערט מיך אַביסל אויף. איך לאָז צו זיך אַליין אין סאָבוויי, וועלנדיק פֿאַרטרייבן מיין אומרו. די סאָבוויי שלעפּט זיך אומענדלעך. ס'איז שוין נאָך 1, ווען איך קום פֿאַרט אָן. פֿון דאָרט איז נאָך אַ גאַנג פֿון אַ צען מינוט. איך לויף און דערזע אַ ליכט אין פֿענצטער פֿון דער קיך אין מיין דירה. איך בין שוין אין הויז. איצט באַפֿאַלט מיך אַן אומהיימלעכע שרעק. איך פֿאָר אַרויף צום פֿערטן שטאָק, ווו מיר האָבן געוווינט און — דערשפּיר גאַז.

איך קלינג אין טיר. קיינער ענטפֿערט נישט. דער שליסל ציטערט אין מיין האַנט. ענדלעך בין איך אינעווייניק. גאַז. פֿראַדל זיצט ביים קיך־טיש, דער קאָפּ פֿאַרלייגט אויף די הענט, ווי זי וואָלט געשלאָפֿן. לעבן איר אַ טעפּל קאַווע, האַלב ליידיק און אַן אָפֿן בוך: קאַרל מענינגדזשער'ס „מען עגעינסט הימסעלף" („דער מענטש קעגן זיך אַליין"). איך הייב זי אָן וועקן, בין זיכער, אַז זי לעבט — זי איז וואַרעם. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב נאָך אַפֿילו נישט אַ קוק געטון צום גאַז־אויוון. יאָ, איין גאַז־קראַן, פֿון די פֿיר, אָדער פֿינף, איז אָפֿן. אָבער אַלע פֿענצטער אין די דריי צימערן זענען אויפֿגעפּראַלט. זיכער לעבט זי. איך וועק זי. איך לויף אַרויס, שריי צום ווינדע־פֿירער (עלעווייטאָר־באָי), אַז ער זאָל רופֿן אַ דאָקטער, אַן אַמבולאַנס, פּאָליציי. אַלע קומען אין אַ צען מינוט אַרום. דער דאָקטער פּאָמפּט אין איר אַריין זויער־שטאָף, אָבער קיין שום רעפֿלעקס. זי איז טויט. ווייזט אויס, אַז זי האָט גענומען אויך גיפֿט.

די טיר איז אָפֿן. די שכנים, טייל אין פּידזשאַמעס, זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן אויפֿן בייזן וווּנדער. ס'הערן זיך הילכיקע געלעכטערס. די שכנים דערציילן זיך,

וויזט־אויס, וויצן... פראַדל ליגט אויף דר׳ערד. באַלד לייגט מען זי אַרויף אויפן בעט. אַ פּאָליציסט דעקט מיט עפּעס איבער איר פּנים. איך גלייב נאָך אַלץ, אַז זי לעבט, האָב איך מורא, אַז זי וועט דערשטיקט ווערן, דעק איך אָפּ. אַזוי עטלעכע מאָל. איך דעק־אָפּ. דער פּאָליציסט דעקט־צו. פאַרוואָס ס׳מוז זיין צוגעדעקט, ווייס איך נישט. באַלד גייען אַלע אַוועק. איך בלייב אַליין מיט פראַדלען. מיינע נערוון זענען אָנגעצויגן, צום פּלאַצן. איז עס דער טויט? ניין, דער טויט האָט שוין לאַנגע יאָרן אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאַכט און כ׳האָב קיינמאָל נישט באַדויערט די אַוועקגייענדיקע. ס׳איז דאָס לעבן, דאָס אומגליקלעכע, וואָס איז דאָ קאָנדענסירט, פאַרגליווערט געוואָרן און דריקט אויף מיר . אַרום 3 פאַרטאָג קאָן איך מער נישט אויסהאַלטן. איך טעלעפאָניר פראַדל׳ס חברטע, יסכה פרענקל. זי קומט אין אַ שעה אַרום. מיר זיצןביידע שווייגנדיקע. אַרום 6 אינדערפרי קומט אַ פּאָליציסט און זיצט מיט אונדז. איך הער ווי דער מילכמאַן שטעלט אַוועק אַ פלאַש מילך אין דרויסן ביי דער טיר. אַרום 9 נעמט מען אַוועק דעם קערפּער. איך לאָז איבער די דירה מיט אַלע זאַכן און לאָז זיך צו דער סאָבוויי־סטאַנציע, אַליין נישט וויסנדיק וווהין. מער בין איך דאָרט — אין יענער געגנט — נישט צוריקגעקומען.

★

היום קצר... די שעהן איילן
און אַרבעט איז נאָך דאָ אַ סך!
און אָט פאַרלעשן זיך שוין שטראַלן
אויפן קרומען דאַך.

לאַנגע שאָטנס לייגן זיך אויף שוועלן,
ווי היטער פון דער לעצטער שעה;
און דער באַלעבאָס און די געזעלן
זענען שוין נישטאָ.

מאַרטאַ

נאָך פראַדל׳ס טויט בין איך עטלעכע טעג ביי איר פריינדין יסכה פרענקל. דערנאָך קלייב איך זיך אַריבער אין אַ האָטעל אויפֿן 15טן גאָרן. איך שטרענג זיך אָן צו אָרגאַניזירן און קאָנטראָלירן זיך. דאָס גאַנצע לעבן מיינס גייט פאַר מיר פאַרביי, ווי דאָס פּאַסירט — לויט אַן אָבערגלויבן, אָדער אפשר איז עס טאַקע אַזוי — מיט איינעם, וואָס טרינקט זיך. מחשבות עגבערן דעם מוח און דאָס האַרץ: האָב איך מיט עפּעס באַעוולהט פראַדלען? אויב יאָ, האָט זי דען נישט מיך באַעוולהט אויף אַלערליי אַנדערע אופנים? האָט זי דען נישט אַזוי פיל יאָרן פון מיין לעבן מיך געהאַלטן אין שטענדיקער שפּאַנונג, אין נערוועזער אָנשטרענגונג? אפשר, ווען זי וואָלט אַנדערש געווען, וואָלט איך אויך אַנדערש געווען? איך באַגרייף אָבער, אַז דאָס קאָן קיינער קיינמאָל נישט וויסן.

איך פּייניק זיך מיט דערמאָנונגען — זכרונות — „ליבעס״ — און פאַר מיינע אויגן דערשיינט פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט אַרויס — מאַרטאַ.

מאַרטאַ... יאָ, מאַרטאַ... דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס פראַדל האָט אַרויסגעוויזן אָפענע אייפערזוכט און מיר אַפילו געמאַכט „סצענעס״ צוליב דעם. דאָס איז געווען בעת אונדזערע אָפטע אויפהאַלטן זיך אין מאָנטרעאַל — צווישן 1919 און 1922.

פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין קומט מיר אָן אַ בריוו, אונטערגעשריבן פון פּרעזידענט (דאַכט זיך, אַז א. זעלדין) און פון סעקרעטאַר, יוסף מאַרגאָשעס, מיט דער בקשה, אַז כ׳זאָל זיך באַמיִען צו שאַפן אין קאַנאַדע אַ סומע פאַרן שרייבער־פאָנד — פאַר די ייִדישע שרייבערס אין אייראָפּע, קרבנות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

איך רייד זיך באַלד צונויף מיט די קאָלעגן און חברים ישראל ראַבינאָוויטש, י. י. סיגאַל, ל. בענדזשאַמין, ח. מ. קייזערמאַן און אַנדערע — און מיר באַשליסן דורכצופירן פאַר דעם צוועק אַ טעאַטער־אונטערנעמונג. כדי צו פאַרזיכערן דעם

דערפֿאָלג פֿון דער זאַך, איז נייטיק צוצוציִען די פֿרויען, שאַפֿן אַ פֿרויען־קאָמי־טעט. עמעצער שלאָגט־פֿאָר מאַרטאַן.

ווער איז מאַרטאַ? איר קענט נישט מאַרטאַן? אויף מאָרגן באַקען איך זיך מיט איר. זי איז פֿיין געוואקסן, האָט אַ שיין, זוניק פּנים, פּרעכטיקע טונקל־בלאָנדע האָר, קאָקעטיש, קלוג און אינטעליגענט. דאַכט זיך, אַז אַלע מענער פֿון אונדזער קרייז זענען פֿאַרליבט אין איר.

די פֿרויען האָבן זי, פֿאַרשטייט זיך, נישט ליב. זיי אימיטירן אירע העוויות, איר רוסיש ריידן, איר „קינסטלערישקייט" — וואָרעם מאַרטאַ מאָלט און זי שרייבט לידער — אויף רוסיש. ס'איז קלאָר, אַז די פֿרויען פֿאַרגינען איר נישט, זענען אויף איר מוראדיק אייפֿערזיכטיק. טייל פֿאַרדעכטיקן זייערע מענער.

מען דערציילט מיר, אַז ווען ראובן בריינין האָט געוווינט אין מאָנטרעאָל, האָט ער מאַרטאַן אַדאָפּטירט, אַזוי צו זאָגן, פֿאַר זיין טאָכטער... ער פֿלעגט זי פֿאַר אַלעמען אין די אויגן לאַסטשען — אין זכות פֿון זיין עלטער און בכבודיקער גראָער באָרד — רופֿן זי „טאָכטער מיינע" און לויבן אין הימל אַריין אירע רו־סישע לידער און אירע מאָלערייען.

איר צוגעבונדנקייט צו בריינינען, — האָט זי מיר שפּעטער דערציילט, — איז געווען טאַקע ווי פֿון אַ טאָכטער צו אַ טאַטן. ס'האָט זי אימפּאָנירט, וואָס ער האָט שטענדיק גערעדט מיט איר רוסיש, וואָס זי האָט מוראדיק ליב געהאַט — און אין אַ שטאָט, וווּ די איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פֿון דער יידישער באַפֿעל־קערונג באַשטייט פֿון רומענישע יידן, איז דאָס פֿאַר איר, וואָס זי איז אויפֿגע־צויגן געוואָרן אויף רוסיש, געווען ממש אַ גליק. דערצו האָט דער „אַלטער" גע־ווּסט ווי אַפּצושעצן איר מאָלעריי און פּאָעזיע...

— זי איז אַ אײנע אין ערהאבענעס קינד! איין מערקווירדיקעס וועזן! — האָט ראובן בריינין אַנטציקט אויסגערופֿן, אין זיין טייטשמעריש, ווען איך האָב אַמאָל, אין ניו־יאָרק, דערמאָנט פֿאַר אים מאַרטאַ'ס נאָמען. און ער האָט זיך אַזוי צע־זונגען וועגן איר, אַז ס'איז קיין שום ספֿק נישט געווען ביי מיר, אַז ער איז שטאַרק־שטאַרק פֿאַרליבט אין מאַרטאַן...

מאַרטאַ האָט געהאַט אַ מאַן, אָבער שוין יאָרן נישט געוווינט מיט אים. איך האָב זיך מיט אים עטלעכע מאָל באַגעגנט און ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ שטילן, ערלעכן מענטשן, אַן אַרכיטעקט פֿון באַרוף, מיט אַ נייגונג צו גריבלעריי, צו מיסטיציזם. זיי האָבן געהאַט איין קינד, אַ ייִנגל, דעמאָלט אַ יאָר 9 אַלט, איז ער געווען מיט דער מוטער.

עטלעכע טעג נאָך מיין באַקענען זיך מיט מאַרטאַן, טעלעפֿאָנירט זי מיר.

איך מוז היינט אָוונט אַריבערקומען צו איר — איר איז איינגעפאַלן אַ פּלאַן ווי צו שאַפן אַ שיינע געלט־סומע פאַרן יידישן שרייבער־פאָנד. איך בין צופרידן...

זי וווינט אין אַ געגנט, וואָס זעט־אויס ווי אַ דערפל, פאַרזייט מיט קליינע פּילפּאַרביקע הייזעלעך, שטיבעלעך, צוויי און דריי שטאָקיקע. ס'איז ווינטער, און ווינטער אין מאָנטרעאַל דערמאָנט אָן אוקראַינע. די שטאָט איז איינגעהילט אין ווייסן. די קעלט נעמט דורך און אַ געדיכטער שניי פאַלט אָן אויפהער. שליטלעך קלינגען פון אַלע זייטן. לאַמטערנעס, באַהויכט פון שניי און פראָסט, וואַרפן אַ בלאַסע שיין אויף די גאַסן און שאַפן עפּעס אַ מיסטישע אַטמאָספערע.

אָט בין איך שוין ביים צוויי־שטאָקיקן הויז, ווו מאַרטאַ וווינט. דאָס הויז איז נישט אירס. ש. האָט עס איר איבערגעגעבן. ש. אָן אַלטער משכיל, למדן און קאַבאַליסט, האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער וועלט. זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט שוין לאַנג פאַרלוירן, זעט מען אים זייער זעלטן אין גאַס. איז עס זיין פאַרבאָרגענע ליבע צו מאַרטאַן, אָדער צום רבונו־של־עולם? קיינער ווייס נישט. ווו האַלט ער זיך אויף? ווייזט־אויס, אַז אין קעלער פון זיין אייגן הויז — נישט קיין קעלער־שטוב, נאָר פּשוט אַ קעלער, ווו מען האַלט קוילן און ווו עס האַלטן זיך אויף קעץ און שדים...

צי ער איז אַלעמאָל דאָרט — דאָס ווייס מען נישט. ווען מאַרטאַ שטעלט פאַר אים דאָרט אַוועק עסן, איז ער נישטאָ. מסתמא באַהאַלט ער זיך. דערנאָך נעמט זי צוריק די ליידיקע טעלערס. זי רופט אים. נאָר ער ענטפערט נישט. זי הערט בלויז — באַזונדערס אין די נעכט — זיין וואָיען, וואָס טראָגט זיך פון קעלער. יאָ, אַ וואָיען ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה. אַמאָל־אַמאָל — אַ חסידישער ניגון. זי האָט זיך צוגעוווינט דערצו.

אויבן, אין די ליכטיקע, געראַמע חדרים — מאַרטאַ. אונטן, אין קעלער, — ש. דער באַלעבאָס פון הויז, דער אומגליקלעכער קאַבאַליסט און נזיר. אויבן — פרייד. אונטן — ווער ווייס, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין האַרץ און מוח פון דעם גייסטיק־צערודערטן ש.?

איך קלינג־אָן, טרייסל אַראָפּ פון זיך דעם שניי און וואַרט. טריט, נייע, טריטעלעך. מאַרטאַ'ס זינדל עפנט די טיר און — פאַרשווינדט, אָבער אַזוי שנעל, ווי אַ שדל, אַז איך קאָן אַפילו נישט „כאַפּן" זיין אויסזען. איך געפין זיך אין געסט־זאַל. ס'ברענען טונקל־חלבנע ליכט, כאָטש אַרום און אַרום שטייען עלעקט־רישע לאָמפּן, מיט קאָלירדייכע אַבאַזשורן. אין אַ קאַמין טליען האַלב־אויסגע־ברענטע קוילן. אויף די ווענט וויגן זיך שאָטנס און שאָטנדלעך. איך וואַרט 10 מינוט, 15 מינוט. קיין קלאַנג, קיין שאָרך.

מיטאַמאָל דערהער איך לייכטע טריט אויף די טרעפּ, וואָס פירן פון די

איבערשטע חדרים צום אונטערשטן געסט־זאַל. איך הייב־אויף די אויגן. מאַרטאַ, אין אַ געבלומטער קימאָנאָ, די לאַנגע, פּרעכטיקע האָר צעלאָזן, פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן איבער אירע אַקסלען, שפּאַנט פּאַמעלעך, געלאַסן, טריט־ביי־טריט, מאַיעסטעטיש, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר מיר קומט אויפֿן זינען די מלכּה־שבֿא...

זי דערנענטערט זיך צו מיר. איך הייב זיך אויף. זי טראָגט מיר אונטער די באַק, אַ קוש צו טון. דאָס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, כאָטש ערגעץ אין מיר קיצלט אַ ציניש שרעטעלע...

זי זעצט זיך אויפֿן דיל, אויף די פּיל־קאָלירטע קישנס, וואָס ליגן דאָרט — אַלץ אין קאָלירן! — און זי גיט מיר אַ צייכן צו טון דאָס אייגענע. זיצן מיר אויף דער ערד, כאָטש זאָג קינות. דאָס קיצלט מיך אַלץ דאָס צינישע שרעטעלע, דאָס לצל, אָבער איך פֿיל, אַז אַנדערע מחשבֿות און עמאָציעס קריגן איבער מיר די אויבערהאַנט. פֿאַר יוצא ווערן — און כּדי עפּעס־וואָס צו זאָגן — פֿרעג איך זי וועגן דעם פּלאַן.

— אַ, דער פּלאַן פֿאַר די ייִדישע שרייבער־קרבנות פֿון קריג! — באַלד וועט זי קומען דערצו. פֿון קעלער דערטראָגט זיך אַ וואָיען, אַ יאָמערן, וואָס גייט־איבער אין עפּעס אַ ניגון. זי באַרויִקט מיך: שרעקט זיך נישט! ס'איז גאָרנישט!... זי שפּרינגט־אויף. איך מיין, אַז זי גייט אַראָפּלויפֿן צו ש. אָדער ברענגען דעם פּלאַן. זי פֿאַרשווינדט אין אַ זייטיק צימער און קומט באַלד צוריק מיט לייוונטן און פֿאַרשריבענע פּאַפּירן. „פֿאַרשטייט איר רוסיש?" און איידער איך ענטפֿער, לייענט זי מיר אירס אַ רוסיש ליד. ברייִנין איז אַנטציקט דערפֿון! — לאָזט זי מיר וויסן. ס'איז באמת דאָ אין דעם שטימונג, אָבער רוי.

פּלוצלינג וואַרפֿט זי אַוועק די געמעלן און די בויגנס פּאַפּיר, און דערציילט מיר וועגן עפּעס אַ פּלאַן ווי צו שאַפֿן געלט פֿאַר דעם שרייבער־פֿאָנד, אַ חוץ דער פֿאַרשטעלונג. פֿון קעלער טראָגט זיך ווידער דאָס וואָיען. ווייס ער, וואָס אויבן, איבער זיין קאָפּ, קומט־פֿאָר? איז ער אייפֿערזיכטיק? דער טעלעפֿאָן קלינגט. זי שפּרינגט־אויף. פֿון אירע ענטפֿערס פֿאַרשטיי איך, אַז ס'איז אַ פֿאַרליבטער מאַנס־ביל. ווו איז איר זינדל? שלאָפֿט ער שוין?

דער טעלעפֿאָן קלינגט ווידער. ער קלינגט יעדע עטלעכע מינוט. אַלץ פֿאַר־ליבטע מענער, וואָס ווילן זיך באַגעגענען מיט איר. זי זאָגט־אָפּ, וועמען מיט פֿריינטשאַפֿט און וועמען בייז, מיט כּעס, וואָרנט, אַז מען זאָל זי צורו לאָזן. פֿון איר שטראַלט אַראָפּ שיינקייט און קלוגשאַפֿט.

ש. יואָיעט פֿון קעלער, הערט־אויף און צעוואָיעט זיך ווידער און ווידער. ס'ווערט מיר אומהיימלעך. ס'ווערט שפּעט. מיר געזעגענען זיך, ווי אַלטע פֿריינד.

דערנאָך גייען וואָכן, חדשים. פאַרשיכורטע, פול מיט עקסטאַז. מיר טרעפן זיך עטלעכע מאָל אין וואָך. זומער פאַרברענגען מיר אָוונטן אויפן ראַיאַל באַרג (מאָונט־ראַיאַל), וואָס אַרום אים שפּרייט זיך מאָנטרעאַל. איך גיב פראַדלען אַלערליי תירוצים, אָבער זי פילט בחוש, אַז ס׳איז מאַרטאַ. אַלע מיינע שבועות העלפן נישט. ס׳איז מאַרטאַ! — כאָטש נישט זי און נישט קיינער האָט אונדז אַמאָל געזען צוזאַמען — אַזוי בין איך זיכער. אָבער — ווער ווייס?

ס׳קומט דער אָוונט פון דער טעאַטער־אונטערנעמונג. מיר האָבן אַ גאַסט פון איראָפּע — וולאַדימיר גראָסמאַן, וואָס ער האָט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך קונה־שם געווען מיט זיינע אויסערגעוויינטלעך־אינטערעסאַנטע און אינפאָרמאַטיווע בריוו וועגן דער יידישער לאַגע אין די מלחמה־לענדער — אין „טאָג״, אונטערן פסעוודאָנים א. י. מיר מאַכן אים פאַר דעם ערן־גאַסט און הויפּט־רעדנער פון אָוונט. ס׳איז אַ געראָטענע פאַרשטעלונג: זינגערס, שפּילערס, טענ־צערס, דעקלאַמאַציעס. גראָסמאַן, פריש פון איראָפּע, איז דער איינציקער, וואָס איז אָנגעטאָן פאָרמעל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פייערלעכער געלעגנהייט. מאַרטאַ דער־פרייט זיך: זי וועט ווידער האָבן מיט וועמען צו ריידן רוסיש.

מאַרטאַ האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט אויסגעזען. עס רעדט פון איר זעלבסט־גלויבן, זעלבסט־זיכערקייט און נצחון. אַלע מענערשע אויגן זענען אויף איר געווענדט מיט באַוווּנדערונג, אָדער פאַרליבטקייט. אויך די ווייבערשע אויגן דרינגען זי דורך, אָבער זיכער נישט מיט ליבע...

איך פאָר קיין ניו־יאָרק. איך פאָר אַהין יעדע עטלעכע וואָכן און פאַרבלייב דאָרט אַ וואָך אָדער צוויי. אָבער דאַסמאָל פאָר איך מיטן געדאַנק זיך צוריק צו באַזעצן אין דער ווונדערלעכער ריזן־שטאָט, וואָס איז אייגנטלעך, נישט אַ שטאָט, נאָר אַ מעטראָפּאָליע, אַ מדינה פאַר זיך. צווישן מיר און מאַרטאַן הייבן זיך אָן קריגערייען. איינמאָל דערציילט זי מיר, אַז פראַדל האָט זי אָפּגערופן און גע־וואָרנט, מיך צורו צו לאָזן. איך שפּרינג־אויף פון אויפרעגונג. איך ווייס, אַז דאָס איז אוממעגלעך. ס׳איז נישט אין פראַדל׳ס כאַראַקטער צו טון אַזאַ זאַך. זי איז צו שטאָלץ און צו קלוג אַזוינס צו טון, אָבער מאַרטאַ שווערט זיך.

איך פאַרברענג אַ שטיקל צייט אין ניו־יאָרק און קום צוריק קיין מאָנטרעאַל, צו פאַרפּאַקן די זאַכן. פראַדל איז שוין אין ניו־יאָרק. צווישן די פריינד, וואָס קומען אויפן ווינדזאָר־וואָקזאַל, זיך מיט מיר געזעגענען, דערזע איך מאַרטאַן. ניין, זי איז נישט געקומען מיך באַגלייטן. זי פאָרט אויך קיין ניו־יאָרק. ס׳איז ריינער צופאַל. אָבער אין ניו־יאָרק זע איך זיך מיט איר בלויז צוויי, אָדער דריי מאָל. אין אַ שטיקל צייט אַרום דערוויס איך זיך, אַז זי איז צוריק אין מאָנטרעאַל — אַפילו נישט געזעגנט זיך.

פון רעכטס צו לינקס: י. י. סיגאַל, א. אַלמי, פראַדל ווייטמאַן־אַלמי און ה. נאָוואַק.

פון רעכטס צו לינקס: ד״ר ש. מאַרגאָשעס, פראַדל ווייטמאַן־אַלמי, א. אַלמי, וויליאַם ז. שפיגעלמאַן.

פאָט׳ אין מאָנטרעאַל — אַרום 1920.

איך באַגעגן ראובן ברייניגען און דערציילט אים, אַז מאַרטאַ איז צוריקגע־פֿאָרן קיין מאָנטרעאַל. יאָ, ער ווייס עס. זי איז געווען ביי אים אין הויז פֿאַרן אָפּפֿאָרן.

— שאַדע! שאַדע! — זאָגט ער און איך ווייס נישט, וואָס די „שאַדע" איז, צי דאָס, וואָס זי איז אַוועקגעפֿאָרן; צי דאָס, וואָס ער איז צו־אַלט. — „איין טראַ־גישעס ווענזן!"

יאָ, דאָ איז ברייניגן גערעכט געווען: טראַגיש, טראַגיש ביי איר גאַנצער קאָקעטישקייט און טריאומף איבער מענער, וואָס זי האָט אפשר, ווי אַנדערע אַזעלכע טראַגישע פרויען, אָנגענומען ווי אַ טריאומף איבערן לעבן, איבער עלטער און טויט — און צום סוף זיך געכאַפּט, אַז בעת זי האָט געזיגט איבער מענער, האָט דער גורל געזיגט איבער איר.

איך ווייס נישט פֿון נאָך אַ פרוי, וואָס האָט געפֿירט אַזאַ טראַגישן געראַנגל, ווי מאַרטאַ, קעגן אַלט ווערן, אַנטקעגן דער אכזריותדיקער אומפֿאַרמיידלעכקייט, ווו ס'איז נישטאָ קיין זיג פֿאַר קיינעם.

— „איין טראַגישעס ווענזן!" — אַזעלכע טראַגישע ווענזנס זענען מיר אַלע — אַלע, וואָס ראַנגלען זיך קעגן זיך און קעגן דעם אומרחמנותדיקן גורל...

פלאָרענס

אין האָטעל, אויפֿן 15טן גאָרן, האַלט איך זיך איינגאַנצן אָפּגעזונדערט, זע נישט קיינעם, גיי אינערגעץ נישט. קיינער ווייס אַפֿילו נישט ווו איך בין. די נעכט שטיי איך אָפּ ביים פֿענצטער, קוק אין חושך אַריין און איין פֿראַגע עגבערט מיין מוח: שפּרינגען? ס׳איז נישט דאָס נאָר־וואָס געשעענע, נאָר דער גאַנצער אומזין. נאָך וואָס ווייטער? צוליב וואָס? אַזוי גייען אַריבער וואָכן. איך גיי צוריק צו דער אַרבעט אין ביוראָ. אָבער מיין געמיט איז דערדריקט, כאָטש גלייכצייטיק פֿיל איך זיך פֿריי, באַפֿרייט — אַ געפֿיל, וואָס כ׳האָב שוין יאָרן נישט געהאַט. עפּעס אַ משא איז אַראָפּ פֿון מיר, אָבער פֿאָרט זיך צוגעווווינט צו האָבן עמעצן אין הויז — אַזוי פֿיל יאָרן! אַ טיר ביי טיר אין האָטעל וווינט אַ יונגע דאַמע, אַן עלעגאַנטע, מיט אַ פֿיין געשניצט פּנים, אַ שווייגנדיקע, רעדט קיינמאָל נישט אויס קיין וואָרט צו קיינעם — אַ חוץ צו איר הינטל. ס׳איז אַ ווייס הינטל, ווי אויסגעבאָדן אין מילך. זי רעדט דערצו ווי צו אַ מענטש און ס׳זעט אויס, אַז ס׳פֿאַרשטייט זי. ווייזט אויס, אַז אַ מענטש מוז עמעצן האָבן, אויב נישט אַ מענטש, איז אַ חיה. זי טראָגט אָפֿט צו צום הינטלס מויל דאָס צלמל, וואָס באָמבלט זיך אויף איר האַלדז, אַז דאָס כּלבל זאָל עס קושן... און דאָס כּלבל איז, ווייזט אויס, אַ פֿרום קאַטויליקל און ס׳לעקט דאָס צלמל מיט חשק.

די איינזאַמקייט, וואָס האָט מיך אָנגעהויבן מוטשען זינט איך האָב געמאַכט מיט פֿראַדלען „שותּפֿות״ — פֿאַרשאַרפֿט זיך. צוקאָפּנס ביי מיר ליגט יעדע נאַכט — אַזוי ביזן היינטיקן טאָג — אַ טאָוול מיט אַ רשימה נעמען פֿון קרובֿים, באַקאַנטע, כּדי די פֿרעמדע אין האָטעל, אָדער שפּעטער אין אַפּאַרטמענט־הויז, זאָלן וויסן וועמען מודיע צו זיין, אויב עפּעס געשעעט מיט מיר. און יעדע נאַכט, ווען כ׳לייג זיך אין בעט אַריין, אָדער ווען כ׳שפּאַן אַן אומרויִקער איבערן שטוב, דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס וועט געשען. אינדערפֿרי בין איך פֿאַרמאַטערט, אויסגעשעפּט. איז איינמאָל קום איך אַ היים פֿרי, נאָכמיטאָג, מיט אַ שניידנדיקן קאָפּ־ווייטיק. אין

ווינדע (עלעווייטאָר) איז די פּרוי מיטן הינטל. זי זאָגט עפּעס און איך בין זיכער, אַז זי רעדט צום הינטל, אָבער, צו מיין גרעסטער איבערראַשונג, זענען אירע רייד געווענדט צו מיר: צי בין איך קראַנק? איך זע אויס אַזוי שלעכט! — יאָ, איך פּיל זיך נישט גוט. זי וועט מיר ברענגען עפּעס אַ רפואה צו קאָפּ־ווייטיק. איך גיי אַריין אין מיין צימער. זי קומט צוריק מיט אַ פּיל. איך דאַנק איר, טיף גערירט. זי הייסט מיך פּראָבירן צו שלאָפן. שפּעטער וועט זי מיר מאַכן הייסע לעמאָנאַדע. זי לאָזט מיך אַליין. אין אַ צוויי שעה אַרום קלאַפּט זי אָן און טראָגט מיר אַריין אַ הייס טעפּל טיי מיט לעמאָנע.

ס'הייבט זיך אָן אַ פריינטשאַפט. זי קומט צו מיר. איך — צו איר. זי פאַר־נעמט צוויי גרויסע צימערן. אַלע ווענט פאַרלייגט מיט שאַפעס ביכער — אין ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש. פילאָסאָפיע, רעליגיע, וויסנשאַפט, קונסט, בעל־לעטריסטיק. ווו אַ ליידיק שטיקל וואַנט — הענגט אַן איקאָנע, אַ הייליק בילד. זי איז העכסט אינטעלעקטועל, שאַרפזיניק, קאַטויליש־פרום, אָבער וויל איר פרומ־קייט קיינעם נישט אָנהענגען. נישט נאָר איז זי טאָלעראַנט, נאָר האָט בפירוש ליב צו הערן אַנדערע מיינונגען. דערביי האָט זי ליב דעם ביטערן טראָפּן. אַ גרויסע שאַפע איז איר פריוואַטער באַר, פול מיט אַלערליי געטראַנקען. איר נאָמען איז פלאָרענס און זי וויל, אַז אַזוי זאָל איך זי רופן, ביים ערשטן נאָמען און זי מיך רופט אויך ביים ערשטן נאָמען. אָבער כאָטש מיר ווערן היימיש, האָב איך נישט דעם קוראַזש אויף וועלכן ס'איז אינטימען זשעסט. איר פריינטשאַפט האָט אַ גוטע פעולה אויף מיר און איך וויל זי נישט צעשטערן, הגם איך באַגער זי. איך בין זיכער, אַז וועלכע ס'איז פרייהייט מיט איר וועט זי שאָקירן און זי וועט זיך פון מיר אָפּטרייסלען.

איין אָוונט ביי איר אין דירה, ווען זי האָט געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל, גיט זי מיך פלוצלינג אַ פרעג — מיט וואָס איך פאַרנעם זיך. דערביי גיט זי מיר דעם תנאי, אַז איך מוז נישט דווקא ענטפערן. אָבער איך האָב גאָרנישט צו באַהאַלטן און זאָג איר, אַז כ'בין אַ שרייבער. דאַן פרעג איך זי די אייגענע פראַגע, אַ פראַגע, וואָס איך האָב, אַ נייגעריקער, זי עטלעכע מאָל שוין געוואָלט פרעגן — פון וואָס זי ציט איר איינקונפט. און איך גיב איר די אייגענע ברירה — יאָ, אָדער נישט צו ענטפערן. אָבער זי ענטפערט יאָ. האָב איך שלעכט געהערט? איך קוק אויף איר פאַרחידושט: וואָס האָסטו געזאָגט? און זי חזרט איבער דעם זעלביקן ענטפער:

— אַ פראָסטיטוטקע!...

איך בין זיכער, אַז זי שפּאַסט, וואָרעם אַפילו דאָס וואָרט „פראָסטיטוטקע" קלעפּט זיך עפּעס נישט צו איר. איך בעט זי אויפצוהערן חוזק צו מאַכן פון

מיר. זי וווּנדערט זיך, פֿאַרוואָס איך גלייב איר נישט. זי זעט גאָרנישט אין דעם קיין אויסערגעוויינלעכס. צום סוף איבערצייגט זי מיך. זי איז פֿאַרבונדן מיט אַ „קאָל האוז" (וואָס איך איבערזעץ אין געדאַנק, אויף שפּאַס: בית־קול). דאָס איז אַזאַ פֿאַרמיטלונגס־ביוראָ צווישן זונות און קליענטן. אויב ס'איז עפּעס דאָ פֿאַר איר — און ס'מוזן זיין נאָר יונגע, עלעגאַנטע און פֿאַרמעגלעכע מענער — נעמט זי דאָס הינטל אין אירע אָרעמס און גייט אויף דעם באַשטעלטן אָרט.

אויף מאָרגן, באַלד אינדערפֿרי, פֿאַלט זי אַריין צו מיר אין צימער מיט אַ געוויין: זי האָט קאַליע געמאַכט אַזאַ פֿיינע פֿריינטשאַפֿט! איך פֿאַרזיכער איר, אַז ס'מאַכט מיר נישט אויס. ס'איז גאָרנישט קאַליע געוואָרן. אדרבא, מיר געפֿעלט אַזאַ פֿאַרבינדונג — ס'האָט אַלעמאָל געהאָט פֿאַר מיר — און נישט נאָר פֿאַר מיר — אַ רייץ: רעליגיע און זנות. זי ווישט זיך אויס די אויגן. זי איז גליקלעך, וואָס איך פֿאַרשטיי. זי צלמט זיך איבער און אירע ליפּן פּרעפּלען עפּעס. אונדזער פֿריינטשאַפֿט האָלט נאָך אָן עטלעכע וואָכן, ביז איך פֿאָר — אין יולי 1939, — קיין אייראָפּע. איך האָב איר בלויז איין קאָרטל געשריבן. געזען האָב איך זי מער קיינמאָל נישט.

*****

מיין 1939־רייזע איבער אייראָפּע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען אין מיין פּערזענלעכן לעבן, אָבער ס'איז, ווי מיר ווייסן, געווען ערב דער גרעסטער און מוראדיקסטער פּאַסירונג פֿאַר דער וועלט און באַזונדערס פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. אין יענעם געמיט־צושטאַנד זענען אין מיר פֿאַרבליבן נעפּלדיקע בילדער: ציוניסטישער קאָנגרעס אין זשענעווע... פּאַריז... לאָנדאָן... וואַרשע... אומעטום אַלטע פֿריינד, קאָלעגן, קרובים...

מיין האַרץ איז איבערגעלאָדן מיט שרעק און אומרו וועגן מיין מוטער און דער שוועסטער, וואָס זענען פֿאַרבליבן אין וואַרשע. איך האָב וואַרשע פֿאַרלאָזן בלויז געציילטע טעג פֿאַר היטלער'ס אָנפֿאַל און די מלחמה האָט מיך פֿאַרכאַפּט אין פּאַריז. אָבער איך בין הילפֿלאָז, ווי די גאַנצע וועלט. איך קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. אַ שטיקל צייט ווױן איך מיט מיינע פֿריינד, יצחק און חנה האָ־ראָוויץ, דאָן געפֿין איך אַ דירה. צוקאָפּנס ליגט ווידער די רשימה מיט נעמען פֿון קרובים און פֿריינד, וועמען מודיע צו זיין... דאָס אויסשניט־בוך, ווו איך קלעפּ יאָרן־לאַנג אַריין ציַיטונגס־מעלדונגען און נאָטיצן וועגן זעלבסטמאָרדן, ווערט פֿולער און פֿולער. אויב איך שלאָף־איין אויף אַ שעה, אָדער צוויי, באַפֿאַלן מיך קאָשמאַרן, מאָדנע חלומות, פֿאַנטאַסטישע. אָפֿט בין איך אויף „יענער וועלט", טרעף זיך מיט פֿאַרשטאָרבענע קרובים און פֿריינד, אָבער מיט נאָך מער אומ־

חשבון און סך־הכל

באַקאַנטע — און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין: איך האָב ליב חלומות, ווי ווילד און שרעקלעך זיי זאָלן נישט זיין. איך טראַכט אַמאָל, אַז אונדזערע חלומות זענען אַ געמיש פון קעגנוואַרטיקע אימפּרעסיעס מיט אימפּרעסיעס און געשעענישן פון פריערדיקע לעבנס. אפשר איז רעאינקארנאציע אַ פאַקט? וואָס ווייסן מיר? אַלץ איז מעגלעך.

✶

ס׳זענען קיינמאָל נישט געווען אַזוי פיל שטערן
ווי אין יענער ווייסער ווינטערדיקער נאַכט,
ווען איך, אַ דרייצן־יאָריקער, ווי נאָר־וואָס אויפגעוואַכט,
ווי אַ געקומענער — ווער ווייס פון וואַנען —
בין אַ פאַרכישופטער אין מיטן הויף געשטאַנען,
אַ קליינינקער, אַן עלנטער, צווישן אַלע שטערן —
און געוואָלט פאַרשטיין,
וואָס קיינער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען.

אַרומגעהילט פון נאַכט און שניי און שלאָף און שווייגן,
האָט זיך געריסן אַ געשריי פון מיר, אַ רוף,
נאָר שטיל ווי אַלץ אַרום פאַרבליבן איז מיין קליינער גוף — —
און מיטאַמאָל האָב איך בחוש באַנומען,
אַז כ׳בין אַמאָל־אַמאָל שוין דאָ אַזוי געשטאַנען,
אַ קליינינקער, אַן עלנטער צווישן אַלע שטערן —
און געוואָלט פאַרשטיין,
וואָס קיינער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען.

אַדעלאַ

רעאינקאַרנאַציע — און דאָס דערמאָנט מיך אָן אַדעלאַן. דאָס איז נישט איר נאָמען, אָבער אַזוי וועל איך זי רופן.

אין אַ פּריוואַט־פּאַרנאַכט האָב איך אָפּגעשטאַט איינעם פון מיינע זייער־זעלטענע וויזיטן אין קאַפע „ראָיאַל". איך באַגריס זיך מיט צוויי פריינדינס: לינאַ און יהודית (אויך נישט די ריכטיקע נעמען. איינע אַ שרייבערין און איינע — אַ זינגערין). זיי שטעלן מיך פאָר פאַר אַן אומבאַקאַנטער יונגער דאַמע, וואָס זיצט מיט זיי — אַ שלאַנק מיידל, מיט אַ דין, איידל, איינדרוקספול פנים, פול מיט חן. אויגן, וואָס נעמען דיך דורך.

— אַדעלאַ!

זי קומט מיר פאָר באַקאַנט. איך זאָג עס איר. מיר רעכענען אויס פאַרשיי־דענע ערטער, געלעגנהייטן, פריינד, ווו מיר האָבן זיך אפשר אַמאָל באַגעגנט.

— ניין, זעט־אויס, אַז מיר האָבן זיך קיינמאָל פריִער נישט געטראָפן, סיידן — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס — סיידן אין אַ פריִעריק לעבן...

גיי ווייס, אַז אָט־די אומשולדיקע באַמערקונג וועט ווערן אַ וויכטיקער פאַק־טאָר אין אַ מענטשנס גורל.

אַדעלאַ׳ס אויגן בליצן־אויף. יאָ, דאָס איז עס!... זי פאַרגעסט אירע פריינדינס, די „ראָיאַל", אַלץ אַרום. זי רוקט זיך צו נענטער צו מיר, עסט זיך אַריין אין מיר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן: רעאינקאַרנאַציע! זי איז שוין יאָרן טיף פאַראינטע־רעסירט דערין. זי צערעדט זיך וועגן טעאָסאָפיע, איז גליקלעך, וואָס איך בין באַהאַוונט אין דעם... מאַדאַם בלאַוואַצקי... אַנאַ בעזאַנט... אַלקאָט... זי מוז מיט מיר ריידן, אַ סך ריידן, אָבער — נישט דאָ. אַליין ערגעץ. מיר טוישן זיך מיט די טעלעפאָן־נומערן. זי פאַראינטריגירט מיך, אָבער אַז זי נעמט ערנסט מיין אומ־שולדיקע באַמערקונג — אַ וויץ — אַז מיר האָבן זיך אפשר באַגעגנט אין אַ פריִעריק לעבן — דאָס פאַלט מיר נישט איין.

אויף מאָרגן טעלעפאָנירט זי מיר. מיר באַגעגענען זיך. זי וויל עפּעס טרינ־קען. מיר גייען אַריין אין אַ באַר — און זי טרינקט און זי רעדט. יאָ, זי איז שוין זיכער, אַז מיר האָבן זיך געקענט אַמאָל, אין אַן אַנדער לעבן, אפשר אויך אין אַן אַנדער וועלט. זי דערמאָנט זיך... איך לאַך... בין זיכער, אַז פון איר רעדט אָדער דער שנאַפּס, אָדער — הומאָר... ס׳הוערט שפּעט. איך פיר זי אָפּ אַ היים און מוז איר צוזאָגן צו קומען צו איר אויף מיטאָג — און טאַקע מאָרגן. זי מוז מיך באַקענען מיט איר מאַן.

איר מאַן, אַ פּראָפעסיאָנעלער טענצער, איז זייער פריינטלעך. אין זיין קעגנ־וואָרט דערמאָנט זי נישט קיין וואָרט וועגן רעאינקאַרנאַציע. זי איז בכלל ווי אַן אַנדערע, שטיל, אַריינגעצויגן אין זיך. קוקט דאָ אויף מיר מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, דאָ אויפן מאַן און באַלד — סתם פאַר זיך, אין דער וועלט אַריין, ווי זי וואָלט עפּעס געזען. ס׳ווערט מיר אומהיימלעך. איך שמועס מיטן מאַן און — ס׳קלעפּט זיך נישט. איך געזעגן זיך. אויף מאָרגן, שפּעט אין אָונט, קלינגט דאָס טיר־גלעקל. איך עפן און — פאַר מיר שטייט אַדעלאַ.

קודם בעט זי אַ טרונק — שנאַפּס. ווידער רעאינקאַרנאַציע. דער טעלעפאָן אין צווייטן צימער קלינגט. איך גיי אַריין. ס׳פאַרציט זיך אַ לאַנגער שמועס. ווען איך קום צוריק אַריין אין מיטל־צימער, דערוואַרט מיך אַן איבעררעאַשונג: אַדעלאַ ליגט אויסגעצויגן אויף דער סאָפע — אין דער מוטער חוה׳ס טראַכט.

אויך ביי איר איז אַ געמיש פון סעקס און — טעאָסאָפיע, מיסטיציזם. זי ברענט און אירע ווערטער ברענען. זי איז שוין איצט זיכער, אַז מיר זענען אַמאָל־אַמאָל געווען מאַן און ווייב, אפשר מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

איר אויפפיר, באַנעמונג, רייד וואַרפן אויף מיר אַן אַ פּחד. איך טענה אַריין אין איר, אַז דאָס איז אומזין, אַז איך האָב בלויז געמאַכט אַ שפּאַס, אָבער זי הערט אַפילו נישט וואָס איך רייד. זי מורמלט עפּעס שטילערהייט צו עמעצן.

איך וויל זיך פון איר וואָס שנעלער אָפּטרייסלען, זי אויסמיידן, אָבער זי קומט ווידער. איך מוז זיך פשוט אויסבאַהאַלטן, ענטפער נישט דעם טעלעפאָן, דאָס טיר־גלעקל. און ענדלעך ווערט זי ווי אויסגערונען, פאַרשוווּנדן. ס׳ווערט מיר גרינגער אויפן האַרץ.

וואָכן, חדשים פאַרגייען. איינמאָל, נאָך האַלבער נאַכט, רופט מיך לינאַ אויפן טעלעפאָן. איך מוז גלייך אַריבערקומען צו איר. וואָס איז געשען? זי קאָן מיר נישט זאָגן אויפן טעלעפאָן. איך כאַפּ אַ טאַקסי און פאַר אַראָפּ. לינאַ און יהודית וואַרטן אונטן, אין גאַס. זיי פירן מיך אַרויף אין הויז. עטלעכע פרעמדע מענטשן באַגעגענען מיך.

די מיסטעריע ווערט אויפגעקלערט.

אַדעלאַ׳ס מאַן, דער טענצער, איז אַנגאַזשירט אין באָסטאָן. ער האָט עטלעכע מאָל געשריבן אַדעלאַן, זי זאָל אַרויסקומען צו אים. ער האָט לאַנג געוואַרט. ענדלעך קומט זי — אָבער אין מיטן ביינאַכט, לייגט זיך גלייך שלאָפֿן. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ געוואַלד, אויף די העכסטע טענער:

— אַרויס פֿון דאַנען! איך האָב דיך נישט ליב! איך האָס דיך! — און זי טרייבט דעם דערשראָקענעם מאַן. ער וויל זי באַרויקן. שרייט זי נאָך העכער. שכנים לויפֿן זיך צונויף. מען רופֿט פּאָליציי. דער מאַן מוז טאַקע אַוועקגיין, כּדי זי צו באַרויקן.

זי ווערט געלאַסענער, אָבער זי האַלט אין איין בעטן, אַז מען זאָל באַלד ברענגען אַלמין. זי כאַפּט דעם טעלעפֿאָן — מיר צו טעלעפֿאָנירן.

די פּאָליציי שטעלט זיך אין פֿאַרבינדונג מיט אירע עלטערן און קרובים אין קליוולאַנד, איר היים־שטאָט. זיי קומען נאָך איר און פֿירן זי צו אַן אַנשטאַלט פֿאַר גייסטיק־קראַנקע. אויפֿן גאַנצן וועג שרייט זי: אַלמי! זי רייסט זיך פֿון אויטאָ, מיר צו טעלעפֿאָנירן, מיך זוכן. אַזוי אויך אין שפּיטאָל — צו די דאָקטוירים און „קראַנקן־שוועסטער": ברענגט אַלמין! רופֿט אַלמין! און זי טוט כּסדר תּפֿילה צו גאָט — אייגענע תּפֿילות, אויף ענגליש. און מער הערט מען נישט פֿון איר ווי גאָט און אַלמי...

ווילן די דאָקטוירים וויסן ווער און וואָס דער אַלמי איז, וואָס ס׳האָט פּאַסירט צווישן אונדז. הייסט מען די קרובים אָראָפּפֿאָרן קיין ניו־יאָרק און אויסגעפֿינען פֿון מיר דעם אמת, דעם גאַנצן, פֿולן אמת — אפֿשר וועט זיי דאָס געבן אַ שליסל צו איר נשמה.

איך דערצייל זיי. אפֿשר מיט זיי פֿאָרן קיין קליוולאַנד, זיך זען מיט איר? זיי ווען זיך מיישב־זיין מיט די דאָקטוירים. די דאָקטוירים באַשליסן, אַז ס׳קאָן נאָך אפֿשר ערגער מאַכן. בעסער לאָזן אַזוי — אפֿשר וועט זי פֿאַרגעסן. און זי האָט טאַקע פֿאַרגעסן. ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן, איז זי נאָך אַלץ — שוין עטלעכע יאָר — אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר גייסטיק־קראַנקע, אָבער זי דערמאָנט מער נישט מיין נאָמען, פֿרעגט זיך אַפֿילו נישט אויף מיר.

ווייזט־אויס, אַז מיין אומשולדיקע באַמערקונג איז געווען דער פֿונק, וואָס האָט אויפֿגעריסן דאָס פּולווער־פֿאַס אין איר שוין קראַנק־געוועזענער נשמה.

און אפֿשר — — —

לאָורא בילינגס

איך גרייט זיך נישט צו דערציילן סתם וועגן פּרויען, וואָס זענען געקומען אין מיין וועג, נאָר דער עיקר וועגן יענע, וואָס זייערע ראָלן האָבן זיך אַריינגעוועבט אין דעם גורלדיקן און פּאַטאַליסטישן געוועב פון מיין לעבן. כאָטש דער שרייבער שרייבט קודם פאַר זיך אַליין, טאָר ער פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן דעם לעזער. אמת, דער לעזער וויל וויסן. יעדער מענטש האָט ליב צו וויסן וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך, אַביסל רכילות — און ליטעראַטור איז סוף־כל־סוף רכילות, קינסטלעריש פאַרשלייערט, און אַוודאי איז דאָס די מעמואַרן־ליטעראַטור, כאָטש דאָ ווערן דערציילט אמתע פּאַסירונגען, איבערלעבענישן. פונדעסטוועגן פרעג איך זיך אָפט ביים שרייבן מיינע זכרונות: צוליב וואָס דערציילן? וועמען וועט עס פאַראינטערעסירן? און אויב יאָ פאַראינטערעסירן — מוז איך דערפאַר דערציילן?

יאָ, איך מוז — אין איצטיקן בוך. אַלע, וואָס קענען מיך, אַפילו די, וואָס זענען מיר נישט קיין פריינד, וועלן מודה זיין אויף איין פונקט: אַז איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַרימט מיט פרויען, אָדער סתם דערציילט וועגן זיי. איך האָב געהאַט דערפאָלגן און מיסדערפאָלגן, גליקלעכע מאָמענטן און אַנטוישונגען. אָבער אין מיין באַנד זכרונות „מאָמענטן פון אַ לעבן" דערצייל איך פונדעסטוועגן בלויז וועגן איין ליבע — אַ יוגנטלעכע, אַן אומשולדיקע... מיינע איצטיקע זכרונות זענען אָבער מער ווי סתם מעמואַרן — זיי זענען חשבון־הנפש און ווידוי. איך שרייב מיטן געפיל, אַז דאָס איז נישט בלויז מיין לעצט בוך, נאָר אויך סוף בכלל, פּערזענלעכער, ערב סוף... אַזוי פיל איך. אַזוי, אייגנטלעך, וויל איך.

איך וויל זיך דעריבער אַראָפּריידן פון האַרץ, אויסליידיקן זיך פון שווערע משאות און לייטערן דאָס געמיט.

אַט שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן לאָורא בילינגס.

דעם נאָמען האָב איך דערזען אויף אַ שכנותדיקער טיר פון מיינער אַ גייער

דירה — אין אַ מעבלירט הויז, 312 וועסט 75סטער גאַס, מאַנהעטן, ווו איך האָב געוווינט אַ צוויי יאָר נאָך מיין לעצטן צוריקקער פון אייראָפּע.

אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געוווּסט ווער די לאַוראַ בילינגס איז — אַ יונגע, אַן אַלטע, אַ בלאָנדע, אַ ברונעטע. איך הער אָבער אירע טריט, זע איר שאָטן אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, ווען זי שפּאַנט אין איר וווינונג אַהין און צוריק און שעה נאָך שעה — נאַכט נאָך נאַכט.

מיך טיילט־אָפּ פון איר אַ דינע וואַנט. ווייזט אויס, אַז אונדזערע דירות זענען אַמאָל געווען איין אַפּאַרטמענט. איך פיל בחוש, אַז זי איז אַן עלנטער מענטש, אַן איינזאַמע. קיינמאָל קיין קול נישט פון איר דירה, נישט אירס, נישט פון געסט... קיינער קומט נישט צו איר. זי גייט נישט אינערגעץ. צייטנווייז, אויב כ׳בין בייטאָג אין הויז, הער איך דאָס קול פון אַ שיק־יינגל פון אַ שפּייז־קראָם, וואָס ברענגט איר שפּייז־פּראָדוקטן.

נאַכט נאָך נאַכט קלינגען־אָפּ אירע איינזאַמע טריט אין דער שטילקייט און אין מיין געמיט. איר שאָטן אויף דער וואַנט אַנטקעגן אירע פענצטער מאַכט אַלערליי קונצן — אַט ציט ער זיך אויס מוראדיק־לאַנג און אַט ווערט ער איינגע־שרומפּן, קליין, באַלד פאַרשווינדט ער — און פלוצלינג וואַקסט ער ווידער אויס.

מיר פאַלט־איין, אַז ווען־ס׳איז אין אַ נאַכט וועט זי באַגיין זעלבסטמאָרד. אויף מאָרגן וועט מען זי געפינען טויט. דאָס געפיל וואַקסט ביסלעכווייז אויס אין אַ זיכערקייט.

איך פאָר־אָפּ קיין וואַשינגטאָן צו אַ קאָנפערענץ. איינמאָל, אין דער האָטעל־לאָבי, דערזע איך בילד־קאַרטלעך פון דער אַמעריקאַנער רעזידענץ־שטאָט. כמעט נישט טראַכטנדיק, נאָר ווי געשטויסן פון אַן אימפּולס, קויף איך אַזאַ קאַרטל. שרייב־אויף אַ וואָרעמען גרוס, צייכן עס מיט אַ געציקלטן נאָמען, זי זאָל אים נישט קענען איבערלייענען — און שיק עס אַוועק צו לאַוראַ בילינגס.

זאָל אין איר איינזאַמקייט זי הייטערן דער געדאַנק, אַז ערגעץ האָט זי ווער אין זינען, טראַכט פון איר, געדענקט זי.

צוריקגעקומען — ווידער דאָס אייגענע. זי שפּאַנט דורך די נעכט. איר שאָטן באַגריסט מיך... איינמאָל, שפּעט בייַנאַכט, הער איך צום ערשטן מאָל, ווי זי זינגט־אונטער. אַ פלושקען פון וואַסער. דאָס באָדט זי זיך. אונדזערע באָד־צימערן גרענעצן זיך. איז איר געזאַנג צוליב דעם קאַרטל פון דעם אומבאַקאַנטן?

אַ שטיקל צייט גייט אַריבער. איך כאַפּ זיך אויף נאָך אַ קורצן, לייכטן דרימל, ווי מיין שטייגער איז און — איך דערשפּיר גאַז. דאַכט זיך מיר? ניין, ס׳איז טאַקע גאַז. איך לויף אַרויס אין קאָרידאָר, קלאַפּ אַן מיין שכנהס טיר. איך רייס די טיר מיט אַלע כוחות. קיין ענטפער. איך רוף דעם הויז־פאַרוואַלטער (סופּעראינ־

טענדענט). ער עפנט די טיר מיט אַ נאָכשליסל. איך דערזע אַ פּראַקטיק מיידל פון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק — אויפן בעט, אין אירע קליידער, ווי זי וואָלט געשלאָפן.

איין גאַז־קראַן אין אויוון איז אָפן. פון אויבן אַ קריגל קאַווע. מיר דערמונטערן זי. לאָורא קוקט אויף אונדז מיט חידוש און שרעק. זי דערציילט, אַז זי האָט צוגעשטעלט קאַווע, זיך דערוויייל צוגעלייגט אויפן בעט. ווייזט־אויס, אַז זי איז איינגעשלאָפן. די קאַווע איז איבערגעלאָפן און פאַרלאָשן דעם גאַז.

איז עס באמת אַזוי געווען?

דער סופּעראינטענדענט לאָזט אונדז איבער. איך מאַך פאַר לאָוראַן קאַווע. בין־אויף מיט איר אַ גאַנצע נאַכט, האָב מורא זי צו לאָזן אַליין.

אינדערפרי גייען מיר אַריין אין מיין דירה. איך גרייט פאַר איר צו פרישטיק, גיי אין ביוראָ אַריין, לאָז זי איבער אין מיין וווינונג. און זינט דעמאָלט איז זי מער ביי מיר, ווי ביי זיך.

זי איז אַ געבוירענע אין באָסטאָן. אירע עלטערן שטאַרבן, ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע, און לאָזן איר אַ קליין הויז, וואָס ברענגט איר אַריין אַ מאָגערע הכנסה. דערפון לעבט זי. אויפגעצויגן האָט זי אַ מומע. צו 16 יאָר קומט זי קיין ניו־יאָרק און בלייבט דאָ.

קיין שום בילדונג באַזיצט זי נישט. אַן אמת נאַטור־קינד, אַ שטיק רויע נאַטור, שטענדיק ווי פאַרוווּנדערט, אָפנהאַרציק און זי ווייס אַפילו נישט, אַז מען דאַרף זיך שעמען מיט געוויסע זאַכן... ווען זי שרייבט אַ בריוו צו איר מומען אין באָסטאָן, מוז איך איר אַרויסהעלפן מיט דעם אויסלייג פון די ענגלישע ווערטער.

זי האָט נישט קיינעם, אַפילו נישט קיין חברטעס, אַ חוץ עפּעס איין מיידל, אויך אַ באָסטאָנער, וואָס זי קומט צו איר אפשר איין מאָל אין יאָר. זי אַליין גייט אין ערגעץ נישט. זי איז פאַר מיר אַן איבעררעשונג, אַן אַנטפּלעקונג. כ׳האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין מיטן ניו־יאָרק, אין דער ריזיקער מעטראָפּאָליע, איז דאָ אַזאַ טיפּ, וואָס נאָר אין די פאַרוואָרפענע בערג־געגנטן געפינט מען אַזעלכע.

פון ערשטן מאָמענט אָן בינדט זי זיך צו מיר צו. זי שפּאַצירט אַריין צו מיר ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. קומט אַ באַזוכער צו מיר, — מאַן צי פרוי — ווערט זי באַלד היימיש, פרעגט דעם ערשטן נאָמען. זי קאָן פשוט נישט קיינעם רופן ביים לעצטן נאָמען.

שבת און זונטיק מוז איך דורכויס פאַרברענגען מיט איר. דאַרף איך ערגעץ גיין, וויינט זי. זי לערנט זיך אויס צוגרייטן פאַרשיידענע שאַלאַטן און וועגעטאַ־

רישע מאכלים, דערוויסנדיק זיך, אַז איך האָב דאָס ליב. און זי וויל דווקא, אַז איך זאָל אַ היים קומען עסן מיט איר, אַנשטאָט גיין אין רעסטאָראַן.

זי קאָן עטלעכע ייִדישע ווערטער. איך ווער געוואָר, אַז מיט אַ צוויי יאָר פריִער איז זי געווען פאַרקנסט צו אַ ייִדישן יונגנמאַן, אַן אַגענט פון דער „עף־בי־אי״ (פעדעראַלע געהיים־פּאָליציי), נאָר זיינע עלטערן זענען געווען קעגן דעם שידוך — ווייל זי איז אַ שיקסע. זי קאָן בשום־אופן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַ שיקסע איז אַ חסרון. איר זענען פרעמד די אַלע איינטיילונגען צווישן מענטשן. און זי איז נישט בייז אויף זיינע עלטערן. זי קאָן נישט בייז זיין, האַסן. זי וווּנדערט זיך בלויז. זי האָט ליב פּלוצלינג מיך אַ פרעג צו־טון — אויף ייִדיש:

— איך שיינע שיקסע — יאָ?

און אַז איך זאָג איר „יאָ״, כאַפּט זי מיך אַרום, אַ ווילדע פון פרייד, גלייך ווי זי וואָלט עס געהערט צום ערשטן מאָל. זי לאַכט, זי שטיפט. זי האָט זיך אינגאַנצן געביטן — זינט מיר האָבן זיך באַקענט.

אָבער מיר ווערט שווער. איך קאָן זיך קיין פרייען ריר נישט טון. זי פרעגט מיך עטלעכע מאָל, צי איך וואָלט מיט איר חתונה געהאַט. אויב נישט — קאָן זיין אַזוי... איך באַגרייף, אַז ס׳וועט ערגער און ערגער ווערן. זי וועט זיך אַזוי צובינדן צו מיר, אַז ס׳וועט צום סוף פירן צו טראַגישע קאָנסעקווענצן.

איין אָוונט, ווען כ׳קום אַ היים, טרעף איך אַן אומבאַקאַנט מיידל מיט לאָוראַן. דאָס איז איר באַסטאָנער פריינדין — לוסי. איך פיר זי שפּעטער אָפּ צו דער סאַבוויי־סטאַנציע און האָב מיט איר אַ שמועס וועגן לאָוראַן. איך לייג־פאָר, אַז זי זאָל מיט איר נעמען אַ שותפותדיקע דירה. ס׳וועט ביידן היימלעכער זיין. זי זאָגט מיר, אַז זי טראַכט שוין לאַנג דערפון. זי פאַרזיכערט מיר, אַז זי וועט זען וואָס שנעלער דאָס דורכצופירן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום ווערט דאָס פאַרווירקלעכט. לאָוראַ האָט קיין חשק נישט, אָבער אַז איך זאָג, אַז ס׳איז גוט פאַר איר און פאַרזיכער איר, אַז איך וועל קומען צו איר יעדן טאָג, איז זי מסכים, אָבער מיט טרערן אין די אויגן. די וווינונג איז אין 38סטער גאַס, נישט ווייט פון „איסט ריווער״, אַן אָפּגעלעגענע געגנט.

איך האַלט וואָרט, קום דאָרט יעדן אָוונט. לאָוראַ לויפט מיר אַלעמאָל אַנטקעגן מיט פרייד. זי טאַנצט, רעדט אויפן קול. און אַז זי ווערט מיד, זעצט זי זיך לעבן מיר, שפּאַרט אַן איר קאָפּ אָן מיין אַקסל און באַוואַרפט מיך מיט אַלערליי קשיות — טיילמאָל יעגע קשיות, וואָס קינדער און פילאָסאָפן פרעגן: איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? ווו געפינט ער זיך? לעבט מען נאָכן טויט? און אַז איך

א. אַלמי און לאַוראַ בילינגס

זאָג „יאָ״, גלייבט זי מיר. זי גלייבט בכלל אַלץ, וואָס איך זאָג איר. זי קאָן קיין ליגן נישט זאָגן און שטעלט זיך נישט פאָר, אַז איך זאָל זאָגן אַ ליגן...

דערפאַר האָט זי מיר אויך געגלויבט, ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז ס'וועט זיין בעסער פאַר איר צו נעמען אַ דירה מיט לוסין. איז עס טאַקע בעסער? איך פיל אין אירע רייד און לייען אין אירע אויגן, אַז ס'איז נישט בעסער. זי בענקט נאָך 75סטער גאַס...

איך הייב־אָן קומען זעלטענער צו איר, היפּער־איבער אָונטן — זי זאָל זיך ביסלעכווייז אָפּגעוווינען פון מיר. איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, רופט זי מיך אויפן טעלעפאָן. איר קול ציטערט. זי איז היסטעריש. איך מוז שוין אַריבערקומען. וואָס איז געשען? שטיל. איר קול איז אָפּגעהאַקט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום בין איך ביי איר. זי פאַלט מיר אין די אָרעמס און שלוכצט. קוים איך באַרויִק זי — און געפין אויס: נייע שכנים — אַ טיר ביי אַ טיר. פאַרדעכטיקע מענטשן. די שכנה, אַ שיינע שפּאַניערין, האָט זיך מיט איר באַפריינדט, געבעטן זי קומען צו איר אין דירה. לאַורא, ווי נאַיִוו און אומ־דערפאַרן זי איז, פילט אָבער מיט איר אינסטינקט — געפאַר.

איר אינסטינקט האָט זי נישט אָפּגענאַרט. די שפּאַניערין האָט אָנגעהויבן ריידן צו איר אָפענע דיבורים: ביסט יונג, ביסט שיין. קענסט פאַרדינען אַ סך געלט, לעבן ווי אַ פּרינצעסין. בקיצור — אַ פריילעך הייזל. און היינט ביינאַכט קלינגט איר טיר־גלעקל. לאַורא עפנט און צוויי שיכורע מענער רייסן זיך אַריין. זי שרייט — און די שכנה קומט אַרויס און שלעפּט זיי קוים אַוועק.

— ווו איז לוסי?

לאָזט זיך אויס, אַז יענע האָט פּלוצלינג פאַרפּאַקט אירע זאַכן און אַוועקגע־פאָרן קיין באָסטאָן — חתונה האָבן. לאַורא איז, הייסט עס, ווידער אַליין.

איך וויל מעלדן דער פּאָליציי. לאַורא לאָזט נישט. זי האָט מורא פאַר נקמה. איך בלייב שוין מיט איר. אויף מאָרגן אינדערפרי, אָן איר וויסן, קלינג איך אָן ביי דער שכנה. די שפּאַניערין עפנט די טיר, אַ פאַרשלאָפענע און זאָגט מיר, אַז ס'איז נאָך צו־פרי...

— איך בין נישט קיין גאַסט! — זאָג איך איר... און איך פאָדער פון איר, אויף אַ העפלעכן, אָבער קלאָרן און שטרענגן אופן, אַז זי זאָל לאַוראַן צורו לאָזן און זען, אַז אַזעלכע אינצידענטן, ווי נעכטן ביינאַכט, זאָלן מער נישט פּאַסירן. אויב נישט! — איך פאַרענדיק נישט די פראַזע און גיי אַוועק.

זי האָט טאַקע מער נישט באַלעסטיקט לאַוראַן. אדרבא, געוואָרן צו איר צוקער־זיס. אָבער לאַורא איז אומרויִק. איך פאָר אַוועק אויף צוויי וואָכן, שרייב

לאָראַן בריוו. און ווי נאָר איך קום צוריק, רוף איך זי אויפֿן טעלעפֿאָן. די טע־לעפֿאָניסטין ענטפֿערט מיר, אַז דער נומער איז אָפּגעשטעלט.

אַ צערודערטער פֿאָר איך אַריבער צו לאָראַן. איך קלינג. קיינער ענטפֿערט נישט. מיין אומרו וואַקסט. אַ שווער פֿאָרגעפֿיל. איך זוך אויף דעם הויז־פֿאַרוואַלטער.

— אָ, מיס בילינגס? זי איז טויט!

און ער דערציילט מיר, אַז זי איז אַוועקגעפֿאַלן אין קאָרידאָר, וווהין זי איז, ווייזט־אויס, אַרויסגעלאָפֿן נאָך הילף. אַ דאָקטער איז געקומען, אַן אַמבולאַנס האָט זי אַוועקגעפֿירט אין אַ שפּיטאָל. אויפֿן צווייטן טאָג איז זי אויסגעגאַנגען ווי אַ הינדל, דאָס וווּנדערלעכע, פּשוטע און האַרציקע פֿאָלקס־קינד.

— אַן אינערלעכער בלוט־שטורץ!

אַ צאַרטע בלום — איך ווייס, אַז ס׳קלינגט סענטימענטאַל! — וואָס האָט נישט געקענט לעבן אין דעם קלימאַט פֿון ציוויליזאַציע, טומל, פֿאַלשקייט און איבערגעשפּיצטע חכמה. אַן אוניקום אין גרויס־שטאָטישן מענטשן־וואַלד.

איך האָב אָפֿטמאָל געטראַכט, אַז אַזאַ האָט געמוזט זיין רות, די מואב׳עריך. אויך לאָראַ האָט געקענט זאָגן: דיין גאָט איז מיין גאָט; ווו דו וועסט גיין וועל איך גיין.

און אַז זי האָט נישט געהאַט וועמען נאָכצוגיין, איז זי יונג — אין עלטער פֿון עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר — אַוועק אין לאַנד פֿון אייביקן סוד, אין דער גרעסטער דעמאָקראַטיע — די דעמאָקראַטיע פֿון טויט.

אידאַ מאַריני

אידאַ מאַריני — דאָס איז די געשיכטע פון אַ ליגן, וואָס איז געוואָרן אַן אמת.

לויטן נאָמען — אַן איטאַליענערין. געבוירן אין ניו־יאָרק. לויט איר בילדונג נענטער צו דער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור, ווי צו דער לאַטיינישער. איר טעמפּעראַמענט — אַ ראָמאַנישער און איר נאַטור — אַ ציגיינערישע.

זי איז אַ פּראָפעסיאָנעלע זינגערין, אָבער איר זינגען איז מער טעמפּעראַמענטפולע זשעסטיקולאַציע, אָדער אינטערפּרעטאַציע, ווי קול נגינה. זי שטרענגט אָן אירע שטים־בענדער און ס׳זינגען גאָר — אירע גלידער.

מיין פריינד ר. ק. — אַ מוזיק־קריטיקער פון אַן ענגלישער צייטונג, — נעמט מיך מיט צו אירס אַ געזאַנג־קאָנצערט אין אַ קליינעם זאַל אַרום „טיימס״־סקווער. נאָכן קאָנצערט באַקענט ער מיך מיט איר. מיר גייען אַריין אין אַ רעסטאָראַנדל עפּעס איבערצוכאַפּן. דערנאָך שפּאַצירן מיר. שפּעטער געזעגנט זיך אונדזער פריינד מיט אונדז. איך בלייב אַליין מיט אידאַן.

זי דערציילט מיר וועגן אירע קאָנצערטן איבערן לאַנד. זי גלייבט אין זיך זייער שטאַרק. איז זיכער, אַז זי וועט נאָך אָנשפּאַרן אין „מעטראָפּאָליטאַן אָפּעראַ־הויז״...

אונדזער באַקאַנטשאַפט הייבט זיך אָן מיט אַ ליגן: איך רים איר זינגען, דריק־אויס באַגייסטערונג. און זי איז באַגייסטערט פון מיין באַגייסטערונג... אַזוי באַגייסטערט איז זי, אַז ווען איך געזעגן זיך מיט איר ביי דער טיר פון איר דירה, גיט זי מיר אַ שנעלן קוש און זאָגט מיר אָן, אַז מאָרגן אָוונט עסן מיר צוזאַמען. זי גיט מיר איר טעלעפאָן־נומער.

איך באַגעגן זי. פון איר האַלדז באַמבלט זיך אַ מגן־דודל. איך קוק זי אָן מיט חידוש. און זי דערציילט מיר, אַז זי איז אַ ייִדישע. אַ ייִדישע? יאָ, איר מאַמע איז אַ ייִדישע. דער טאַטע — אַ קאַטויליק. פאַר דער חתונה — אַ ציווילע, נאַטירלעך — האָבן זיי אויסגענומען אַ תנאי: די מיידלעך, וואָס וועלן געבוירן ווערן

זאָלן אויפגעצויגן ווערן אין דער יידישער רעליגיע. די ייִנגלעך — אין דער קאַטוילישער.

מאָדנע!... סיי־ווי האָבן זיינע קרובים און פרומע פריינד זיך דערוויטערט פון אים — אין די ערשטע יאָרן. ביסלעכווייז האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט און זיך גענומען צו דער מאַמען, זי זאָל ווערן קאַטויליש, אָבער זי האָט דאָס בשום־אופן נישט געוואָלט.

ווערסט דו אַמאָל חתונה האָבן? — פרעג איך זי. אפשר... אויב דער מאַן וועט זי לאָזן פריי, אַרומפאָרן, זינגען, טון, וואָס זי וויל. זי מוז זיין פריי! אָבער אויב חתונה האָבן, מוז עס זיין אַ ייד, אָט אַזאַ — ווי דו! — קוקט זי מיר אין די אויגן אַריין און שמייכלט. — דו וואָלסט מיך פאַרשטאַנען. מיר וואָלטן ביידע פריי געווען.

מיר טרעפן זיך כמעט יעדן טאָג.

איך וווין דעמאָלט אין אַ הויז לעבן צענטראַל־פּאַרק, וואָס איז באַוווינט פון מוזיקערס, קאָמפּאָזיטאָרן און צוויי שרייבערס: אַרטור סטעטל און איך.

אין אָט אַזאַ הויז דאַרף זי וווינען! — זאָגט אידאַ. ווו זי וווינט איצט, האָט זי צרות פון די שכנים, פון הויז־ווירט — צוליב איר זינגען.

איינמאָל, אַ שבת אינדערפרי, שטעלט זיך אידאַ אַריין מיט צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס... „איך בין געקומען וווינען מיט דיר!" — מעלדעט זי מיר זייער פשוט, ווי ס'וואָלט געווען די זעלבסטפאַרשטענדלעכסטע זאַך אין דער וועלט. און זי וווינט טאָקע.

— ווערסט נישט באַדויערן, — לאַכט זי, — סיידן מיינע ברידער וועלן דיך דערהרגענען, אָבער זיי וועלן נישט וויסן...

אַזוי וווינט זי מיט מיר אַרום אַנדערהאַלבן יאָר. דאַן פאָרט זי אַרויס אויף אַ טורנע איבערן לאַנד.

מיך מאַכט אומרויק עפּעס אַנדערש. כ'האָב זיך באַקענט מיט ג. זי איז אַ ווילע, אַן איבערגעגעבענע ביז גאָר. בין טיף געריַרט פון איר געטריישאַפט. זי וויל חתונה האָבן — אומבאַדינגט חתונה האָבן. איך דערצייל איר וועגן אידאַן, אָבער נישט אַלץ און נישט אַז מיר וווינען צוזאַמען...

זי באַטראַכט עס פאַר אַ לייכטן פלירט, וואָס וועט איבערגיין.

באַלד ווי אידאַ פאָרט אַוועק קלייב איך זיך איבער אין אַן אַנדער דירה, לעבן ריווערסייד־דרייוו. מיט ג. טרעף איך זיך אָפט. ס'קומען־פאָר סצענעס. מיר דאַרפן חתונה האָבן. מיר זענען צוגעפאַסט איינער צום אַנדערן. אַזוי גלייבט זי; איך וואָלט געווען באמת גליקלעך, ווען איך פיל אויך אַזוי און מיר האָבן חתונה. ליידער איז עס נישט אַזוי...

א. אַלמי און אידאַ מאַריני

וואָס טוט מען? איך וויל איר נישט ווי טון. איך פיל זיך באמת אין גאַר־נישט שולדיק. אָבער כ׳בין איר איבערגעגעבן. ס׳טוט מיר דערביי אויך ווי, וואָס מיין וועלט איז איר אַזוי פרעמד. אַ יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אימיגראַנטן, און וויס אַבסאָלוט גאָרנישט פון יידישן לעבן, יידישער ליטעראַטור, קאָן נישט איבערלייענען קיין „אלף״.

אָבער דאָס אַליין וואָלט נישט געווען קיין אָפּהאַלט. דער עיקר איז, וואָס מיינע געפילן טרעפן זיך נישט מיט אירע. און דער געדאַנק פון חתונה האָבן איז פון מיר ווייטער ווי דער שטערן מאַרס. איך מוז אָפּהאַקן, אָבער מוט דאָס איר צו זאָגן האָב איך נישט. ווי אַזוי מאַכט מען עס?

מיין פריינד ר. ק. האָט זיך באַזעצט אין וואַשינגטאָן. איך שרייב אים וועגן מיין פאַרלעגנהייט. ער האַלט, אַז איך טאָר נישט איבעררייסן מיט אידאַן. איינמאָל קומט־אָן אַ בריוו פון באַלטימאָר — ס׳איז פון אידאַן. די עטלעכע שורות (געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין, וואָס דאָס חידושט מיך), זענען אָנגעזאַפּט מיט צער. אַן אומגליק! זי איז אין אַנדערע אומשטענדן. זי מוז קומען קיין ניו־יאָרק און חתונה האָבן!

איך ווער צעטומלט. איך וויז דעם בריוו צו ג. אַ היסטערישע סצענע. זי באַרויקט זיך אָבער: פאַרפאַלן. זי וועט וואַרטן און זען וואָס דאָ וועט ווערן.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ר. ק. קיין ניו־יאָרק און ער איז זיך פאַר מיר מודה, אַז דאָס בריוול כלומרשט פון אידאַן, איז געווען זיינס אַ שפּיצל — כדי ג. זאָל זיך אָפּטשעפּען פון מיר. אַ ליגן! — הייסט עס. מיר ווערט איצטער קלאָר דאָס רעטעניש פון דער שרייב־מאַשין. ער איז פּשוט צוגעפאָרן פון וואַשינגטאָן צום נאָענטן באַלטימאָר און דאָרט באַלייגט דעם בריוו — צו טון אַ פריינד אַ טובה... ס׳ווערט מיר לייכטער אויפן האַרץ. כ׳דערצייל דאָס ג. אָבער זי גלייבט בעסער דעם ליגן.

אָבער אײדער וואָס־ווען — ווערט דער ליגן אַן אמת. מיר קומט־אָן אַ בריוול פון אידאַן — פון אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, וווּ זי האָט זיך דעמאָלט געפונען — איז איר אמתדיק בריוול ווי אַ קאָפּיע פון דעם אויסגעטראַכטן בריוול. זי האָט „פאַר־נאַכלאַזיקט" צוליב אירע קאָנצערטן... זי מוז צוריקקומען קיין ניו־יאָרק.

זי קומט. מיר האָבן חתונה, אָבער זי איז אומגליקלעך. זי וויל נישט קיין קינד, דאָס קינד וועט זי בינדן און זי מוז זיין פריי. כאָטש דער דאָקטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז צו־שפּעט עפּעס צו טון און זי געוואָרנט נישט צו נוצן קיין שום מיטלען, טוט זי יאָ. זי שלינגט פּילן, האַלט אין איין טאַנצן און שפּרינגען פון טיש.

איך וואָרן זי, בין אומרויק, אָבער זי טוט ס׳איריקע. איינמאָל, אין מיטן

ביינאַכט, קריגט זי מוראדיקע יסורים. מען כאַפּט זי אַוועק אין שפּיטאָל אַריין. די דאָקטוירים שאָקלען פאַרדעכטיק די קעפּ.

ס׳ענדיקט זיך פאַטאַל פאַר מוטער און — קינד.

פאַר מיר עפנט זיך ס׳גיהנום. אויסער מיין צער — לויערט אויף מיר סכנה. אידאָס יינגערע שוועסטער ראָזעטאַ פאַלט אַריין צו מיר אַ פאַרסאַפּעטע: אירע ברידער זאָגן, אַז זיי וועלן זיך מיט מיר אָפּרעכענען. זי איז זיכער, אַז זיי וועלן מיך דערשיסן.

ראָזעטאַ׳ס אַלע טענות, אַז ס׳איז נישט מיין שולד, האָט אויף זיי נישט קיין ווירקונג. זי הייסט מיך ערגעץ אַוועקפאָרן אויף אַ צייט, ביז זיי וועלן זיך אָפּקילן.

איך באַקום אַ בריוו פון זיי, אַז זיי וועלן מיך אָפּראַמען פון וועג. ג. ראָט מיר איבערצוגעבן דעם בריוו צו דער פּאָליציי. איך וויל דאָס נישט טון, אָבער איך באַהאַלט דעם בריוו, אַז אויב מיט מיר זאָל עפּעס פּאַסירן, זאָל מען וויסן ווער...

וואָכן־לאַנג שלאָף איך נישט אינדערהיים. נאָך גוט, וואָס זיי ווייסן נישט, ווו איך אַרבעט. אַ יאָר גייט־אַריבער און ענדלעך לאָזט מיר ראָזעטאַ וויסן, אַז אירע ברידער האָבן שוין איינגעזען, אַז איך בין נישט שולדיק.

אפשר זאָגן זיי אַזוי, כדי איך זאָל זיך מער נישט היטן און זיי וועלן מיך פּאַקן? אָבער איך בין שוין מיד. און, אייגנטלעך, איז מיר אַלצאיינס... ווען נישט ראָזעטאַ און ג. וואָלט איך זיך לכתחילה נישט אויסבאַהאַלטן.

און אַזוי פאַרענדיקט זיך נאָך אַ קאַפּיטל פון ליבע און טויט — אַ קאַפּיטל פון אַ ליגן, וואָס איז געוואָרן אַן אמת.

און איז נישט מיין גאַנץ לעבן — אפשר אַלעמענס לעבן — אַ ליגן, וואָס איז געוואָרן אַן אמת, אָדער אַן אמת, וואָס איז געוואָרן אַ ליגן, — אַ טעאַטער־שפּיל, ווו מיר טרעטן־אַרויס אין ראָלן, וואָס אַן אומבאַקאַנטער „עמעצער" האָט פאַר אונדז אויסגעטראַכט און מיר מיינען, אַז מיר שפּילן זיך אַליין?

שעקספּיר איז אין דעם פּרט גערעכט געווען: די וועלט איז אַ בינע און מיר אַלע זענען אַקטיאָרן.

★

דער טרויעריקסטער מענטש —
דער אַלטער, איינזאַמער אַקטיאָר:
אין פרעמדע לעבנס אויסגעשפּילט,
פאַרשפּילט זיין וואָר.
געוויינט, געלאַכט, געצאָרנט

חשבון און סך־הכל

מיט פרעמדן טרויער, פרייד, פּאַרדראָס — — —
אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן —
אין הילכיקן אַפּלאָוז.

איצט, אַז אַלע לאָמפּן
זענען אויסגעלאָשן, קאַלט,
דערשרעקט אים אין דער פינצטערניש
ס׳אייגענע געשטאַלט.
מיט בלינדע שטייפע פינגער
באַטאַפּט ער ס׳בעט, זיין לייב, די קני —
און פרעמד און אומפאַרשטענדלעך
זעט אויס אים די רעזשי.

די ברעמען פאַלן־צו,
אַ פאַרהאַנג איבערן אויג;
דער ווייסער קאָפּ — אַ ציטער,
ווי אין פאַרנויג;
אַ לאָמפּ לייכט־אויף אין נעפל,
פון ווייט — ווי אַן אַפּלאָוז,
און באַלד — ווי פליגל־פלאַטער,
ווי ווייכע טריט אין גראָז.

א. אַלמי

**
*

דער מענטש האָט, אין זיין הילפלאָזיקייט, באַשאַפן אַ גאָט פון ליבע און רחמנות, הגם די געטלעכע מעשים, ווי זיי דערשיינען פאַר אונדז אין דער גאַנצער נאַטור, מאַניפעסטירן רשעות און אכזריות.

די רשעים — טיראַנען, רוצחים, דיקטאַטאָרן — האָבן מער רעכט צו באַהויפּטן, אַז זיי קאָפּירן, אָדער אימיטירן, גאָט, אָדער אַז דורך זיי מאַניפעסטירט זיך גאָטס ווילן, ווי די צדיקים.

די ערשטע קענען אָנווייזן אויף דער אומאויפהערלעכער רציחה אין דער לופט, אין די וואַסערן און אויף דער יבשה, וווּ די שטאַרקערע פאַרצוקן די שוואַכערע; אויף פאַרפלייצונגען, וווּלקאַנישע אויסברוכן, טאָרנאַדאָס, אוראַגאַנען, מגפות, קראַנקהייטן און טויט, אויף דער קאָס־מישער דיקטאַטור, וואָס האָט נישט די מינדסטע איינזעעניש מיט מענטשלעכע לעבנס, וואָס איז גלייכגילטיק צו די ליידן פון יחידים און פעלקער.

אויף וואָס קענען אָנווייזן די צדיקים, וואָס זיי פּרעפּלען כסדר וועגן אַ גאָט פון ליבע און רחמנות? ווּ איז ער? מיט וואָס און דורך וואָס האָט ער זיך פאַרדינט די באַצייכענונג פון ליבע און רחמים?

דאָס קלינגט פּעסימיסטיש — דעפּיטיסטיש — אָבער אַזוי דער־שיינט פאַר אונדז די געטלעכע וועלט. אפשר איז דאָ אַן אַנדער ענטפער, אָבער מיר קענען אים נישט וויסן.

די פיר כוחות

די הויפּט־כּוחות, וואָס דאָמינירן — האַלטן־אויף און פאַרגרינגערן — מיין לעבן — זענען: סעקס; טויט (דער געדאַנק פון טויט, וואָס פּילט מיך אָפּט אָן מיט פרייד); דער כּסדרדיקער שרייב־דראַנג און — הומאָר. אָט־די פיר כּוחות מישן זיך אָפּט אויס איינע מיט די אַנדערע, ווערן איינס. ס'טרעפט אָבער אויך, אַז איינער פון די כּוחות ווערט אויף אַ ווייל ווי איינגעשלאָפן: אַמאָל איז עס דער סעקסועלער באַגער; אַמאָל — דער חשק צו שרייבן און אַמאָל — דער הומאָריסטישער חוש. פּשוט, עס שמייכלט זיך נישט...

קיינמאָל פּאַסירט עס נישט מיטן געדאַנק פון טויט, ווי דער ענדלעכער דערלייזער. ער איז מיר דער געטרייסטער פריינד. ער איז אַלעמאָל מיט מיר. ער טרייסט מיך תּמיד: וואָס פאַראַ חילוק? דער טויט פאַרענדיקט אַלץ. צום באַדויערן טויכט דערביי שטענדיק אויף די פראַגע: פאַרענדיקט ער טאַקע, אָדער ס'איז אַ נייער אָנהייב?

ווען דער סעקסועלער באַגער שלאָפט־איין (הגם דאָס טרעפט נישט אָפט), דערשרעק איך זיך: אויס? ס'וואָלט געוואָרן אַ גרויסער בלויז, אַ ליידיקייט אין מיין לעבן. ווען דאָס פּאַסירט, איז מיר דערווידער יעדע פּרוי:

פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי חזק געמאַכט פון דעם מענטש, אַז דער אַקט פון דעם העכסטן עקסטאַז; דער אַקט, וואָס האַלט־אויף די מענטשלעכע וועלט, דער אַקט פון המשך — זאָל פאַרקומען אויף אַזאַ אופן?

איך שטעל זיך פאָר משה, ישעיה, רמב"ם, רבי יצחק אלחנן, ד"ר הערצל — מענטשן מיט הדרת־פּנימער און גרויסע שליחותן — אין געשלעכטלעכן אַקט... און ס'קומט מיר פאָר אי מיאוס, אי קאָמיש.

די גרעסטע, די וויכטיקסטע, די שענסטע פּערזענלעכקייט ווערט אין געשלעכטלעכן אַקט — ווי אין אויספיר פון אַנדערע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן — דערנידעריקט, מיאוס געמאַכט, אויסגעלאַכט.

שוין אין די פריִע יוגנט־יאָרן געטראַכט דערפון און זיך געפרעגט: אפשר האָט גאָט עס געטון בכיוון — דער מענטש זאָל נישט צופיל איבערנעמען זיך, צופיל גרויס ווערן ביי זיך און אַז ער זאָל אויך געדענקען, אַז ער קומט אַרויס פון אַ „פאַרשטונקענעם טראָפּן", ווי קהלת זאָגט עס?

ס'איז אַלצאיינס ווער דו ביסט, מענטש — משה, בודאַ, עמוס, קאָנפוציוס, ר' ישראל בעל־שם־טוב, ספינאָזאַ — גאָט לאַכט פון דיר! און דאָך איז דער מענטש דער ציל פון דעם באַשאַף. קיין אַנדער ציל איז נישט צו זען. דער מענטש איז גאָטס שליח.

גאָט... אפשר זענען דאָ אַ סך געטער, אונטערגעטער, וואָס יעדער פון זיי הערשט, לויט זיינע פּלענער און קאַפּריזן, איבער אַ טעריטאָריע פון אַ פּלאַנעט, אָדער מער פּלאַנעטן — אַן אימפּעריע פון פּלאַנעטן?

אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ ראַסע פון מענטשן, אַזוי קאָן גריילעך זיין אַ ראַסע פון געטער — און איבער זיי דער מלך מלכי המלכים... דער געדאַנק פון פּאָליטעאיזם איז גאָרנישט אַזאַ קרומער — ווען נישט דער מאַטעריאַליסטישער גאָט־באַגריף פון די גריכן, עגיפּטער, כאַלדעער, אינדיער, מיט אַזוי פיל פאַרמענטשלעכטע געטער. האָט זיך דאָך דווקא דער פּראַגמאַטיקער וויליאַם דזשיימס דערשלאָגן צום רעיון פון עטלעכע געטלעכע פאַקטאָרן אין דער וועלט...

אַלץ איז מעגלעך — אַפילו שדים און רוחות. מיר וויסן דאָך אַזוי ווייניק, כמעט גאָרנישט. ווער ווייס וואָס אויף די אַנדערע מיליאַרדן פּלאַנעטן טוט זיך, פון וועמען — און פון וואָסערע ברואים — מענטשלעכע, געטלעכע? — זיי זע־נען באַזעצט!

***

צום גליק האַלט נישט לאַנג אָן דער דרימל פון געשלעכטלעכן טריב. ער כאַפּט זיך אויף האַסטיק, אַ הונגעריקער.

די אומגליקלעכע וועלט אַרום, דאָס באַוווסטזיין פון דער אייגענער הילפ־לאָזיקייט — העלפט־צו. איך טענה זיך אויס מיט זיך אַליין, אַמפּער זיך, דינג זיך און קום אַלעמאָל צום אויספיר: דאָס איז די בעסטע, די גרעסטע הנאה — פאַרוואָס זיך באַהערשן? וואָס וועסטו געווינען דערפון?

יאָ, דאָס רעדט אַזוי דער צעפלאַקערטער יצר־הרע מיט מיין געדאַנק, מיט מיינע רייד — און ער קומט תמיד אַרויס דער זיגער.

אַמאָל דערשרעק איך זיך פאַרן „תהום פון זינד" — אָבער איך פאַרהוליע די שרעק אין נאַכט־לאָקאַלן, קאַבאַרעטן. דאָ העלפט שוין מיין אינסאָמניאַ. סיי־ווי, הייסט עס, קאָן איך דאָך נישט שלאָפן, אָדער שלאָף שלעכט, מיט כסדרדיקע

איבעררייסן. די אינסאָמניאַ פירט מיך אַפילו צו אַן אייגענער טעאָריע וועגן שלאָף און שלאָפלאָזיקייט.

די צוויי הויפּט־פּונקטן פון דער טעאָריע זענען בקיצור אַזוי:

1. מענטשן שלאָפן נישט — ווייל זיי ווילן נישט שלאָפן. דאָס הייסט, אַז הגם באַוווּסטזיניק ווילן מיר שלאָפן און טוען אַלץ, כדי צו שלאָפן — אַרבעט אָבער אונדזער באַהאַלטענער געדאַנק, אָדער אונטערבאַוווּסטזיין, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: נישט צו שלאָפן. מיר ווילן נישט שלאָפן, מחמת נאָך אַ טאָג פאַרנומענקייט, אַרבעט, עסקים, דאגות, עול־פּרנסה, האָבן מיר ערשט אין דער שטילקייט און רו פון דער נאַכט אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן, פאַנטאַזירן, צו דערפילן און דערקענען דעם אייגענעם „איך", די אייגענע פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט אין בייטאָגיקן קאָך און יאָך בטול ומבוטל.

2. דער צווייטער כוח, וואָס לאָזט נישט — איבערהויפּט סענסיטיווע מענטשן — שלאָפן איז אַן אַטאַוויזם, וואָס מיר האָבן געירשנט פון אונדזער אור־זיידן, דעם פּרימיטיוון מענטש, וואָס האָט, לעבנדיק אין היילן און אויףביימער, זיך געפונען אין כסדרדיקער שרעק פאַר דער אַרומיקער פינצטערניש, ווו ס'האָבן געלויערט ווילדע חיות, ווי אויך פיינטלעכע מענטשן — און אַלערליי רוחות, שדים, בייזע גייסטער. דער שלאָף האָט טאַקע זיין שורש אין יענער פּרע־היסטאָרישער צייט, ווען אַן אַ מעגלעכקייט צו באַלייכטן די געדיכטע דזשונגל־פינצטערניש, האָט דער מענטש זיך אָוועקגעלייגט, גלייך ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, אומבאַוועגלעך און ליגנדיק אַזוי לאַנגע שעהן, ביסלעכווייז אַריינגעפאַלן אין אַ לעטאַרגיע, אָדער אַ טראַנס־צושטאַנד — אַ צושטאַנד, פון וועלכן דער שלאָף האָט זיך אַנטוויקלט. אָבער דער שלאָף איז צוליב די לויערנדיקע געפאַרן געווען אַן אומרויִקער, אַ צעריסענער.

פאַרשטייט זיך — זאָג איך אין מיין עסיי, ווו איך ברענג אַרויס די דאָזיקע טעאָריע — אַז מיין טעאָריע, אַפילו ווען זי וואָלט אַנגענומען ווערן פאַר ריכטיק, האָט זי נישט קיין שום רפואה פאַר די איבער 52 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, וואָס ליידט פון פולער אינסאָמניאַ, אָדער פון אַן אומרויִקן נערוועזן שלאָף. און פאַרשטייט זיך, אַז אויך צרות, דאגות און קראַנקהייטן זענען „גוטע" אורזאַכן פון שלאָפלאָזיקייט, אָבער ס'זענען דאָך פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס הגם זיי זענען באַלאָדן מיט דאגות, אָדער מיט קראַנקהייטן, שלאָפן זיי געשמאַק.

דאָס ווענדט זיך אין דער סענסיטיווקייט פון מענטשן. פּונקט ווי אַ סך מענטשן זענען אַלערגיש צו פאַרשיידענע שפּייז, אָדער פּרוכט, אָדער שטויב, צי פלאַנצן, אַזוי זענען פאַראַן גרויסע צאָלן מענטשן, וואָס זיי זענען „אַלערגיש" צו

אַטאַוויזמען, אָדער וואָס ביי זיי איז דער אונטערבאַוווסטזיניקער געדאַנק פון נישט וועלן שלאָפן, שטאַרקער ווי ביי אַנדערע.

דאָ וועט שוין, אַגב, כדאי זיין צו דערציילן, אַז מיין אייגענע שלאָפלאָזיקייט־פּראַגע האָב איך יאָרן־לאַנג געלייזט דורך — אַ לענגערן דרימל בייטאָג, נאָך עטלעכע שנעפּסלעך. אַ שעה, אָדער אַנדערהאַלבן שעה שלאָף בייטאָג פרישט־אָפּ און מאַכט אַפילו דערנאָך בעסער שלאָפן ביינאַכט — מחמת מען איז שוין נישט אַזוי נערוועז, וויסנדיק, אַז איר האָט שוין געכאַפּט אַ דרימל בייטאָג און אַז איר וועט עס אויך מאָרגן טון. שוין אָט־די באַרויִקונג מאַכט אייך בעסער שלאָפן.

דערמיט לעז איך די מיסטעריע פון מיין פאַרשווינדן יעדן טאָג צווישן 11־12 און 3־4 בייטאָג, מכוח וועלכן מיינע קאָלעגן און ביוראָ־מיטאַרבעטער האָבן זיך יאָרן־לאַנג געוווּנדערט...

**
*

נאָך די הולאַנקעס אין אַ פּריוואַט הויז, אָדער אין קאַבאַרעטן, צי ערגעץ אַנדערש — אַזאַ מוראדיקע פּוסטקייט. איך פיל ווי איך וואָלט געזונקען אין אַ טיפן אָפּגרונט. ס׳פאַרדריקט ביים האַרץ. ס׳ווילט זיך שטאַרבן, שטאַרבן. איך דערמאָן זיך אָן מיין צוואה — מען דאַרף זי איבערשרייבן, צושטעלן נייע פּונקטן, אַרויסנעמען פריִערדיקע.

שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעשריבן די צוואה, אַז כ׳שעם זיך שוין פאַרן אַדוואָקאַט, לויף איך צו אַן אַנדער אַדוואָקאַט — און ווידער די אייגענע מעשה...

מיר דאַכט זיך, אָפּט, אַז כ׳לעב שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. און ווי לאַנג נאָך? אַז כ׳טראַכט פון יאָרן שפּעטער, באַפאַלט מיך אַ שרעק. ניין, כ׳מוז שוין פאַרענדיקן. אָבער פריִער מוז איך פאַרשרייבן, אַראָפּריידן זיך פון האַרץ, אויס־זאָגן אַלץ, אַלץ — אָפן, פאַר אַלעמען. פאַרוואָס? צוליב וואָס? וואָס טויג עס? איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך מוז.

**
*

דער הומאָר העלפט מיר אַלעמאָל אַרויס — פון מיין פריִער יוגנט אָן. הומאָר איז די אַנדערע זייט פון פּעסימיזם. זיי זענען אַ סיאַמער צווילינג. ביידע זעען דאָס לעכערלעכע, דאָס נישטיקע אין לעבן. נאָר דער פּעסימיזם וויינט דערביי, בעת דער הומאָר לאַכט דערביי.

ווען כ׳בין אַ יונג יִינגל געווען און געזען אַ מת, אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, מיט ליכט צוקאָפּנס — פלעג איך זיך נישט קענען איינהאַלטן פון לאַכן. בשום־

אופן נישט געקענט זיך קאָנטראָלירן. דער אויסגעצויגענער מענטש, ווי אַ גולם, איז מיר פאַרגעקומען אַזוי נאַריש, אַזוי קאָמיש, אַז ס׳האָט מיך געשטופּט צום לאַכן.

איך האָב נישט איין מאָל געכאַפּט פּעטש צוליב דעם. געקרעכצט פּעטש, כאָטש שולדיק בין איך נישט געווען. האָב איך דען געוואָלט לאַכן? האָב איך דערפון הנאה געהאַט? האָב איך דען נישט באַגריפן די טראַגעדיע פון מענטש, פון זיין גורל? אָבער ס׳האָט זיך פאַרט געריסן אַ געלעכטער פון מיר. דאָס איז אפשר געווען דער אָנהייב פון מיין הומאָר, וואָס ער גייט האַנט־ביי־האַנט מיט מיין פעסימיזם און מרה־שחורה. ער ראַטעוועט מיך פון פינצטערן אָפּגרונט. מיטאַמאָל דערזע איך דאָס נישטיקע, דאָס לעכערלעכע פון דעם טראַגישן — און איך צע־לאַך זיך. דאָס אַלטע ווערטל, אַז פון דעם טראַגישן ביז דעם לעכערלעכן איז בלויז איין שריט, איז אמת.

ווען איך בין נישט איך...

איך טראַכט אָפט, אַז ווען איך בין נישט איך, נאָר אַן אַנדערער און איך שטויס זיך אָן אויף אַזאַ, ווי איך, וואָלט ער מיך מוראדיק פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט. אָט זע איך אַ מענטש, אַ שרייבער, וואָס שרייבט ערנסטע לידער, דערין רעליגיעזע; עסייען וועגן רעליגיע, בודיזם, קאָנפוציאניזם, אָריענטאַליזם, אָקולטיזם, פילאָסאָפיע, און גלייכצייטיק — שאַרזש, הומאָרעסקע, פעליעטאָן, קופלעטיש ליד; אַ גלויביקער און אַ סקעפטיקער, געזעלשאַפטלעכע טעמעס און צוריקגעצויגן פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאָך.

וואָס פאַראַ מענטש איז דאָס? זענען דאָס אַלץ ווידערשפרוכן, אָדער טענער־דיסאָנאַנסן פון איין סימפאָניע, פון האַרמאָניע?

איך קלאָג זיך נישט. מען האָט גאַנץ היפש וועגן מיר געשריבן — מער פאָזיטיוו, ווי נעגאַטיוו, אָבער אין די מיינסטע פאַלן — איינזייטיק. די מערסטע שרייבער־קריטיקערס זענען צו מיר געגאַנגען אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. אָנשטאָט צו פרוון אַרומנעמען דאָס גאַנצע בילד, געפינען שייכותן, אַריינטיפן זיך אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט און אָנטאַפן דאָס גאַנצע, דאָס איינהייטלעכע, האָבן זיי אויסגעקליבן איין מאָטיוו, איין טאָן; אָדער גערעדט וועגן יעדן זשאַנר באַזונדער — לויט דעם בוך, וואָס כ׳האָב גראָד פאַרעפנטלעכט; אָדער די פאַרשיידנאַרטיקייט אָפגעפטרט מיט דער פאַלשער, גאָרנישט־זאָגנדיקער, אָדער לייכטזיניקער, אומריכטיקער און אומגערעכטער באַמערקונג: „צעוואָרפנקייט!”*).

מען פאַרזעט דערביי אַפילו, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם אָריענט, אָריענטאַלישע רעליגיע, פילאָסאָפיע.

---

*) אויסנעמען אין דעם פרט זענען געווען אין זייערע אָפהאַנדלונגען וועגן מיר — ח. פרידלאַנד, ש. ניגער, לייבוש לעהרער, א. לעיעלעס, צבי כהן, חיים ליבערמאַן, מרדכי יפה, ש. ל. שניידערמאַן, נ. סומער, ד״ר א. מוקדוני, ש. טענענבוים און אין ענגליש — לודוויג לואיסאָן.

איך זאָג דאָס אָן ביטערניש. איך האָב אַמאָל אפשר געהאַט טענות. מער נישט. איך האַלט בכלל, אַז אַ שרייבער האָט נישט קיין מאָראַליש רעכט טענות צו האָבן צו קריטיקערס, אָדער צו די לעזערס. ווען אַ שרייבער גיט אַ זאָג, אַז ער האָט זיך מקריב געווען, אָדער אָפּגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן דעם פאָלק — איז ער אַ ליגנער. אַן אמתער שרייבער, אַ געבוירענער שרייבט — נישט ווייל ער וויל עמעצן אַ טובה טון, נאָר ווייל ער מוז, ווייל ער וויל דאָס, ווייל דאָס איז זיין באַרוף און אינערלעכער רוף. ס׳מעג אים פאַרדריסן, אויב ער קריגט נישט די געהעריקע אָנערקענונג פון קאָלעגן, צי פון פאָלק, אָבער טענות האָבן, אַז ער האָט זיך מקריב געווען — דאָס איז נישט קלוג און נישט אמת.

אויב איך האָב טענות צו קאָלעגן, איז עס פאַר זייערע פּערזענלעכע באַציִונ־גען, אָדער אומבאַציִונגען; מיך שאָקירט די היפּאָקריטישקייט און אומדאַנקבאַר־קייט פון געוויסע שרייבערס, וואָס אין זייער שרייבן פּרעדיקן זיי מאָראַל, יושר. דאָס זענען די, וואָס צאָלן־אָפּ מיט שלעכטס פאַר גוטס, מיט „שטיינער פאַר בלו־מען״, ווי דאָס ווערטל גייט. מכוח איי נ׳קע ביישפּילן אַזעלכע וועל איך שפּעטער דערציילן. ס׳איז כדאי צו דערציילן.

***

פונדאַמענטאַל — אין מיין גייסטיקן און אידעאָלאָגישן איינשטעל — האָב איך זיך כמעט נישט געביטן אין משך פון די יאָרן — פון מיין פריִער יוגנט ביז איצט. איך האָב אַלעמאָל געגלויבט אין דער גייסטיקייט פון דעם באַשאַף, אין אַ געטלעכער קראַפט; אָבער פון קינדווייז אָן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן פאַר־מאַליזם, מיטן דאָגמאַטיזם און ריטואַל פון דער רעליגיע, הגם ס׳האָט מיך דווקא יאָ געצויגן צו פאַנטאַסטישער, סימבאָלישער רעליגיעזיטעט, באַזונדערס אין יענע יונגע יאָרן, בעת איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער פאַנטאַזיע פון שאַפן אַ נייע רעליגיע, ווי כ׳דערצייל עס אין „מאָמענטן פון אַ לעבן״. אָבער פּאַקטיש פּראַקטיצירן ריטואַל, דאָס האָב איך ביי זיך נישט געקענט פועלן. ס׳וואָלט פאַר מיר געמיינט פורים־שפּיל, פאַלשער אָנשטעל. (זע דאָס קאַפּיטל „מינאָריטעט״ אין אָנהייב בוך).

איך האָב אַלעמאָל געגלויבט אין אַ שטאַטלאָזער געזעלשאַפט, אָבער ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איינגעזען, אַז דער מענטש וועט גרייט זיין צו דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל אפשר אין אַ סך טויזנטער יאָרן אַרום — אויב ער, דער מענטש, וועט נאָך אַזוי לאַנג עקסיסטירן... הגם מיר איז אַלעמאָל פרעמד געווען דער פּזמון פון ליב האָבן אַ קאָלעקטיוו — וואָס ביי אונדז, ייִדן, הייסט עס „אהבת ישראל״, האָב איך פונדעסטוועגן געגלויבט אין דעם אתה בחרתנו פון

דעם קליינעם פאָלק אין דעם קליינעם לאַנד, וואָס האָט אַזוי אומגעהייער משפּיע געווען די גאַנצע וועלט — לאָמיר זאָגן: די קריסטלעך־איסלאַמישע, וואָס זי איז עס טאַקע אונטער אונדזער השפּעה געוואָרן.

כאָטש די טעאָריע פון העכערע ראַסן איז געוואָרן אַ בלוטיקע בייטש, וואָס האָט אונדז געשלאָגן מיט אַזאַ ווילדער רציחה, גלייב איך, ווי שרעקלעך דאָס זאָל נישט קלינגען אין עמעצנס אויערן, אַז עס זענען דאָ העכערע און נידעריקערע ראַסן — אין אַ גייסטיקן זין — ווי עס זענען אָפט דאָ אין איין משפּחה גאונים און אידיאָטן, צדיקים און רשעים.

זעען מיר דאָך, אַז אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן אין אַזיע, אַפריקע, דרום־אַמעריקע און אויסטראַליע זענען געבליבן ווילד, פּרימיטיוו, אַפילו קאַניבאַליסטיש און בלויז יענע מיטגלידער פון יענע שבטים, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע לענדער, האָבן זיך אַנטוויקלט צו אַ העכערער מדרגה. אייראָפּע האָט גענומען איר קולטור און ציוויליזאַציע, איר רעליגיע, אירע עטישע עיקרים פון דעם קליינעם גריכנלאַנד און פון די קליינע יהודה און ישראל.

פון די פעלקער מיט הויכע קולטורן — רוים, בבל־פּרס, מצרים און גריכנלאַנד — איז בלויז ישראל געבליבן — געבליבן, כדי ווידער אויפצושטיין פון די חורבות. דאָס הייסט, אַז צווישן די אויסדערוויילטע זענען מיר — די אויסדערוויילטסטע: אתה בחרתנו, אַלצאיינס, ווי מיר זאָלן דאָס נישט טייטשן. אַנטראָפּאָלאָגיש און ביאָלאָגיש איז טאַקע נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש, פאָלק און פאָלק, ראַסע און ראַסע, אָבער פּסיכאָלאָגיש — פּסיכיש, גייסטיק — יאָ.

ווען איך האָב די דאָזיקע געדאַנקען אויסגעדריקט אין אַ גרעסערער בראָשור: „פּאַן־אָריענטאַליזם", האָט ש. דובנאָוו מיך אויסגעמוסרט אין אַ בריוו פון ריגע, ווי איך דערצייל דאָס פאַרבייגייענדיק אין מיין בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן", ער איז מסכים מיט מיין אַלגעמיינער אָפּשאַצונג, אָבער איז שאָקירט פון מיין אויספיר... וואָס זאָלן מיר טון, אויב געוויסע פאַקטן שאָקירן אונדז? — האָב איך אים געפרעגט אין מיין ענטפער און דערביי קלאָר געמאַכט מיין טיפן גלויבן, אַז ראַסן־אומגלייכהייט גיט קיינעם נישט קיין מאָראַליש רעכט אומגלייך צו באַהאַנדלען די אומגלייכע. דיסקרימינאַציע, די מינדסטע באַרויבונג פון דעם מינדסטן מענטשלעכן רעכט אויפן גרונט פון ראַסע, איז אַ פאַרברעך, וואָס שטעלט אַוועק דעם אויספירער דערפון אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון מאָראַלישער געזונקענקייט.

מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען אַן אָנהענגער פון ציוניזם — מיט אַ קורצן איבערריס פון עטלעכע יאָר, ווען מיין ווילן צו נאַציאָנאַלער איינהייט האָט מיך דער־

פירט צום רעיון פון אייניקייט דורך שפּאַלטונג. איך האָב דאַן אָנגעשריבן אַ בראָשור, ווו איך פּרעדיק די איבערגרופּירונג פון ייִדישן פאָלק אין צוויי פעלקער: ייִדן מיט ייִדיש ווי זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך, מיט אַ טעריטאָריע ערגעץ־ווו; און עברים, מיט העברעיִש ווי זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך — אין ארץ־ישראל. קיין אַנדער אויסוועג פון דעם „ויתרוצצו" אין אונדזער פאָלק האָב איך נישט געזען. איך באַקרעפטיק מיין אידייע מיט ביישפּילן פון די נייע נאַציעס אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווו ענגלענדער און אַנדערע זענען געוואָרן אַ ניי פאָלק — אַמעריקאַנער; שפּאַניער און פּאָרטוגעזער זענען געוואָרן — מעקסיקאַנער, טשילענער, אַרגענטינער, בראַזיליאַנער. פאַרוואָס, פרעג איך, קאָן עס נישט ביי אונדז פּאַסירן?

צום גליק האָב איך קיינמאָל די דאָזיקע בראָשור — וועגן אייניקייט דורך שפּאַלטונג — נישט פאַרעפנטלעכט, אָבער אַ רעזומע פון איר האָב איך אָפּגעדרוקט אין אַ זשורנאַל, וואָס איז מיט היפּשע יאָרן צוריק אַרויס אין ניו־יאָרק, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב לעווין. און לעווין האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט צוליב דעם געקריגן אַ סך פאָרוורפן. אינטערעסאַנט איז, אַז דער איינציקער, וואָס האָט באַמערקט מיין עקסטרעמען ייִדישיזם אין יענער צייט, איז געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי (אין „צוקונפט").

א. אַלמי

**
*

מען האָט מיך אַ סך מאָל באַשולדיקט אין זינד און עוולות, וואָס איך בין נישט באַגאַנגען און מען האָט מיך געשטראָפט פאַר דעם, וואָס איך בין נישט.

מען האָט מיך קיינמאָל נישט באַשולדיקט אין זינד און עוולות, וואָס איך בין יאָ באַגאַנגען און מען האָט מיך קיינמאָל נישט געשטראָפט פאַר דעם, וואָס איך בין יאָ.

אָבער קיינער האָט מיך אַזוי שאַרף נישט באַשולדיקט און אַזוי שווער נישט געשטראָפט, ווי איך אַליין — און פון קיינעם האָב איך נישט אַזוי פיל געלערנט, ווי פון זיך אַליין.

די אומדאַנקבאַרע פיר

גברא דרחיצנא עליה, אדייה לגזיזיה וקם
(סנהדרין ז׳ — ע״ב)

דאָ קום איך צו דער מעשה מיט די אומדאַנקבאַרע פיר. זיי זענען: אפרים אויערבאַך, י. ל. זלאָטניק (יהודה עלזעט), ס. דינגאָל און יוסף קאַהאַן.

איך האָב אין אַ פריערדיק קאַפּיטל געזאָגט, אַז בדרך־כלל האָב איך נישט קיין טענות צו די קאָלעגן, ייִדישע שרייבערס. פון אַ סך ייִדישע שרייבערס, על־טערע און ייִנגערע, סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע, זענען מיר פאַרבליבן ליכטיקע דערינערונגען. צווישן זיי זענען געווען י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן, הלל צייטלין, מרדכי ספּעקטאָר, ש. י. סטופּניצקי, נח פּרילוצקי, יהואש, ד״ר נתן בירנבוים, אין אַ געוויסן זין אויך ח. נ. ביאַליק, וואָס מיט אים האָב איך זיך בלויז אייניקע מאָל באַגעגנט אין אייראָפּע, אָבער אין ניו־יאָרק אַ סך שעהן מיט אים פאַרבראַכט; אברהם רייזען און דוד פּינסקי — נישט צו דערמאָנען די שרייבער־חברים פון די יוגנט־יאָרן.

און ווער נאָך? כ׳האָב שיער נישט דערמאָנט אברהם ליעסינען, מחמת ליעסין האָט מיר אַ סך קאָמפּלימענטן געמאַכט, כסדר מיך פאַרבעטן צו שרייבן פאַר דער „צוקונפט", אָבער עפּעס איז דערפון קיינמאָל גאָר נישט אַרויסגעקומען... ליעסין, אַ טיפער ייִדישער דיכטער, עסייאיסט און פּובליציסט, איז געווען אַ טראַגישע פיגור — אין זיין פאַמיליען־לעבן. דאָס איינציקע קינד, אַ טאָכטער, אַן אומהיילבאַרער קריפּל, וואָס האָט זיך אַפילו נישט געקענט אַליין באַוועגן. אָבער בעת טייל טראַגישע מענטשן ווערן געלייטערט פון ליידן, גענייגט צו גוטסקייט, פריינטלעכקייט און פאַרשטייעניש פון זייערע מיט־מענטשן, ווערן אַנדערע פאַר־ביטערט, בייז, מיזאַנטראָפּיש. ליעסין האָט געהערט צו די לעצטע.

איך וויל אויף אים מלמד־זכות זיין — טאָקע צוליב זיין פּערזענלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט זיין היים אָנגעפילט מיט אַן אומהיימלעכער אַטמאָספערע.

יעדער באַזוך ביי אים האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה — אַזאַ שטימונג האָט געהערשט אין זיין היים; דערביי האָט מיך אויך צערודערט זיין טבע צו באַריידן די שרייבערס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „צוקונפט" אונטער זיין רעדאַקציע. דעם דרוקט ער, ווייל יענער איז קראַנק און מען האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אויף יענעם מרחם זיין; אַן אַנדערן דרוקט ער, ווייל ער האָט אים פּשוט געסטראַשעט מיט זעלבסטמאָרד... אַ דריטן — מחמת עפּעס אַן אַנדער סיבה. דערביי נעמט ער אַרויס פּעקלעך כתבים — דערציילונגען און לי־דער — פון באַוווסטע יידישע שרייבערס און באַרימט זיך, אַז דאָס האָט ער אויסבראַקירט... דאָס באַריידעניש און באַרימעניש מאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. כאָטש מיר מאַכט ער קאָמפּלימענטן, האָב איך קיין חשק נישט אים עפּעס צו געבן. זעלטן־זעלטן גיב איך אים אַ ליד.

אָבער איינמאָל רופט מיך אָפּ יַעקב קרעפּליאַק, ליעסינ'ס סעקרעטאַר, און בעט מיך צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט ליעסינען. ער האָט עפּעס איבער־צוריידן מיט מיר. איך טעלעפאָניר ליעסינען און אין אָוונט פון דעם זעלביקן טאָג בין איך ביי אים אין דירה. נאָך זיינע געוויינטלעכע באַריידענישן און באַ־רימענישן, קומט ליעסין צום פּסוק: „מען האָט מיר געזאָגט" (דאָס הייסט, אַז ער אַליין ווייס נישט און ווער דער „מען" איז, אָדער זענען, זאָגט ער מיר נישט אויס) — אַז אַלמי איז דער פּאַסיקסטער מענטש צו שרייבן אין „צוקונפט" וועגן ביכער... איך זאָג אים: „וועגן ביכער שרייבט דאָך ביי אייך ש. ניגער!". נו־נו, נעמט ער „דעקן" ניגערן... חוצדעם דאַרף די „צוקונפט" מער ווי איין קריטיקער. דאָס „געשעפט" ווערט געשלאָסן: איך וועל שרייבן. און דאַן שטעלט מיר ליעסין אַ קשיא:

— וועלכע ביכער האָט איר אין זינען?

איך רוף־אָן אַ בוך. ליעסין איז תיכף מבטל דאָס בוך און דעם מחבר... איך דערמאָן נאָך אַ בוך. דער אייגענער סוף. אַזוי בוך נאָך בוך — ליעסין מאַכט פון זיי אַלע אַש און בלאָטע...

דעמאָלט איז נאָר־וואָס געהאַט אַרויס ב. עפּעלבוים'ס ראָמאַן „אויפברויז". איך שטאַמל אומזיכער אַרויס דעם נאָמען פון בוך און מחבר, זייענדיק זיכער, אַז ס'איז אַ ברכה־לבטלה... אָבער צו מיין איבערראַשונג כאַפּט זיך ליעסין אָן: גוט, שרייבט.

מילא, גוט! כאָטש איין בוך־צדיק אין גרויסן ביכער־סדום... קיין חשק אָנצו־הייבן שרייבן וועגן ביכער אונטער אַזעלכע תנאים האָב איך שוין, אייגנטלעך, נישט. פונדעסטוועגן באַשליס איך צו פּראָבירן. אין עטלעכע טעג אַרום שיק איך צו ליעסינען אַ רעצענזיע — אָדער אָפּהאַנדלונג — וועגן ב. עפּעלבוים'ס „אויפ־

פון רעכטס צו לינקס: שמואל ראָזשאַנסקי פון אַרגענטינע; דוד פּראַס פון דרום־אַפריקע; ש. ל. שניידערמאַן; דינה האַלפּערן; א. אַלמי און מ. י. נירענבערגער (ניו־יאָרק).

ברויז״. ס׳דאַרף אַריין נאָך אין קומענדיקן נומער „צוקונפט״. קרעפּליאַק שיקט מיר צו די קאָרעקטור. איך פאַרריכט און שיק צוריק.

אין נאָענטן נומער „צוקונפט״ איז מיין אַרטיקל נישטאָ. ס׳איז אויך נישטאָ — נישט אויפן צווייטן חודש און נישט אויפן דריטן חודש. איך טעלעפאָניר ליעסינען און ער דערקלערט מיר, אַז ער קאָן די רעצענזיע נישט דרוקן. פאַר־וואָס? מחמת גראָד וועגן מיין רעצענזיע האָט געזאָלט אַריין, איז אַרויס אַ נומער פון דעם קאָמוניסטישן חודש־זשורנאַל „דער האַמער״ — און דאָרט איז דאָ עפּעל־בוימ׳ס אַ דערציילונג. נו, איז עפּעלבוימס שוין פּסול. ליעסין האָט אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נייטיק מיר מודיע צו זיין דעם גזר־דין...

איך בעט אים מיר צוצושיקן די קאָרעקטור, מחמת כ׳האָב נישט קיין קאָפּיע פון דער רעצענזיע. קרעפּליאַק שיקט מיר די קאָרעקטור. איך גיב זי אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ און דאָרט ווערט געדרוקט די רעצענזיע, וואָס ליעסין האָט ביי מיר באַשטעלט. דערמיט ענדיקט זיך מיין קאַריערע ווי אַ קריטיקער פון „צוקונפט״, אונטער ליעסינ׳ס רעדאַקציע...

אָבער דאָס איז אגב־אורחא. דער עיקר בין איך דאָ אויסן צו דערציילן וועגן אומפאַרשטיילעכע רשעותן פון קאָלעגן, וואָס האָבן מיר אָפּגעצאָלט מיט שטיינער פאַר גוטס. און בלויז צו אַזעלכע קאָלעגן האָב איך טענות.

אָט איז דער פאַל אויערבאַך.

מיט אפרים אויערבאַכן בין איך באַפריינדט געוואָרן אין די ווייטע יונגע יאָרן, ווען ער איז פון בעלץ, בעסאַראַביע, אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע. ביידע יונגע ייִנגלעך, אָבער איך בין פאַרפונדעוועט אין וואַרשע און אַרבעט אין „מאָמענט״, בין איך אים מקרב, דרוק זיינע לידער. מיר זענען חברים.

אין 1914 — אין ניו־יאָרק — קריג איך, אויפן אַדרעס פון „טאָגעבלאַט״, אַ טעלעגראַמע פון אויערבאַכן, אַז ער איז אָנגעקומען פון ארץ־ישראל, וווּ ער האָט געדינט אין ייִדישן קעמל־באַטאַליאָן און — ער איז דאָ פאַרהאַלטן געוואָרן אויף עליס־איילאַנד. איך מוז אים ראַטעווען! איך אַליין בין נאָך דאָ אַ „גרינער״, שטיי איך צו צום דעמאָלטיקן פאַרוואַלטער פון „טאָגעבלאַט״, סעמיועל מייסאָן, אַז ער זאָל מיט מיר מיטפאָרן אויף עליס־איילאַנד און מיטנעמען אַביסל געלט. מייסאָן טוט מיר צוליב. אויערבאַך איז פריי און האָט שוין אויך אָן אַוואַנס אויפן האָנאָראַר, וואָס ער וועט קריגן פאַר זיינע אַרטיקלען אין „טאָגעבלאַט״.

איך וווין ביי יענעם אין אַ צימער מיט איין בעט, טייל איך אַ שטיק צייט מיט אויערבאַכן מיין געלעגער און אויך מיינע מאָלצייטן. ביסלעכווייז אָרדנט זיך אויערבאַך איין. ער דערשמעקט, אַז איך בין נישט קיין קרייזל־קלייזל־מענטש און ער איז ליטעראַריש אַמביציעז, דערווייטערט ער זיך פון מיר — און ער

דערציילט וועגן מיר אַלערליי מעשיות — אַפילו, אַז איך האָב אים עקספּלואַטירט, גלייך איך וואָלט געווען דער אייגנטימער פון „טאָגעבלאַט" — ווו, אַגב, אַלע מיטאַרבעטער האָבן געקריגן זייער וויניק באַצאָלט.

אָבער דאָס ערגסטע איז געקומען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. די יידישע שרייבערס, וואָס וווינען אין בראָנקס, אָרגאַניזירן אַ מין ליטעראַרישן קלוב. איך וווין דעמאָלט אויך אין בראָנקס, פאַרבעט מיך א. לעיעלעס, אַז איך זאָל אויך ווערן אַ מיטגליד פון קלוב. איך קווענקל זיך — מחמת, ווי איר ווייסט שוין, בין איך בכלל נישט קיין „געהערער", אָבער — אפשר יאָ ווערן? לעיעלעס פירט מיך אַהין. ווי נאָר איך באַווייז זיך, ווערט אויערבאַך „ביזי", ווי מען זאָגט עס אויף ענגליש. ער שושקעט זיך מיט אַנאַ מאַרגאָלין (ראָזאַ לעבענסבוים). זיי שושקען זיך מיט אַנדערע. איך פיל, אַז ס'איז וועגן מיר — און איך דערפיל זיך אומהיימ־לעך, האָב צו זיך אַליין טענות, פאַרוואָס איך האָב זיך געלאָזט „פאַרפירן" פון לעיעלעס־גלאַנצן...

איך בין אַ „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ", סיי צוליב מיין זעלבסט־וויליקער איזאָ־לאַציע פון ליטעראַרישן יאַריד; סיי צוליב מיין שריפטלעכן איינרייסן זיך...

נאָכן מיטינג, שוין אויפן גאַס, פאַרבעט אויערבאַך אַלעמען צו זיך אין הויז אַריין (ער איז שוין דעמאָלט געווען באַווייבט) אויף טיי — אַלעמען, בפירוש אַלע־מען — אויסער מיך!

איך בלייב אַליין, קוק־נאָך די אַוועקגייענדיקע. איך פיל זיך געקרענקט, באַליידיקט און פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס מיר קומט אַזאַ פּאַטש אין פּנים פון איינעם, פאַר וועלכן איך האָב אַזוי פיל געטון.

**
*

און אָט איז ס. דינגאָל.

אין 1917 פאַרלאָזט חיים ליבערמאַן דאָס „טאָגעבלאַט" און גייט אַוועק שטו־דירן אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. ס'בלייבט אַ וואַקאַנץ. גדליה בובליק, דער רעדאַקטאָר, פרעגט מיך, צי איך קאָן אים אפשר רעקאָמענדירן אַן אַנדערן אויף ליבערמאַנ'ס אָרט. איך דערמאָן זיך אָן אַ יונגנמאַן, וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן און גייט אין ניו־יאָרק אַרום פאַרקויפן ביכער. ער איז אויך געווען אין „טאָגע־בלאַט" מיטן „בוק אָוו נאָולעדזש"*), דערנאָך באַקומען אַ שטעלע אין דער פילאַדעלפיער „יידישע וועלט".

בובליק ווייס גאָרנישט וועגן אים, וויל ער אויף זיך נישט נעמען קיין אחריות.

---

*) „דאָס בוך פון וויסן" אַן ענציקלאָפּעדיע פאַר יונגוואַרג.

בלייבט, אַז איך זאָל שרייבן דינגאָלן אין מיין אייגענעם נאָמען און אויב ער קומט, מאַכן מיט אים אַ פּראָוויזאָרישע אַראַנזשירונג. טויג ער, איז מה־טוב. טויג ער נישט, איז דער רעדאַקטאָר נישט פאַראַנטוואָרטלעך און ער קאָן אים אָוועקשיקן.

דינגאָל, וואָס האָט געהאַט זשורנאַליסטישע דערפאַרונג פון לאָנדאָן, טויג זיך אויס און ער פאַרבלייבט אַ „טאָגעבלאַט"־מיטאַרבעטער. ס'גייען אַריבער עטלעכע יאָר. די נייע צייטונג, „דער טאָג", וואָס אַלע האָבן איר געגעבן העכסטנס זעקס חדשים, פאַרפעסטיקט זיך. איין נאָכמיטאָג באַגעגן איך זיך מיט מאָריס וויינבערגן, דעם גרינדער און אַרויסגעבער פון „טאָג". ער וויל וויסן ווער ס'מאַכט אין „טאָגעבלאַט" די אויסשניט־אַרטיקלען (באַאַרבעטונגען פון פּאָפּולערע אַרטיקלען אין דער ענגלישער פּרעסע). איך זאָג, אַז דינגאָל. אָט אַזאַ מענטש דאַרף ער האָבן. וויינבערג בעט מיך, אַז איך זאָל אים צושיקן דינגאָלן, פון וועמען ער האָט נאָר וואָס דאָס ערשטע מאָל געהערט פון מיר, אָבער איך דערקלער אים, אַז ווי אַ „טאָגעבלאַט"־מיטאַרבעטער וועט עס נישט זיין עטיש פון מיר אים צו פאַרשדכנען צו אַן אַנדער צייטונג. אַלץ, וואָס איך קאָן טון, איז — זאָגן דינגאָלן, אַז וויינבערג האָט זיך געפרעגט אויף אים...

איך טו טאַקע אַזוי. איידער איך פאַרענדיק דעם זאַץ, האָט דינגאָל שוין אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און דעם הוט און — ער איז שוין נישטאָ.

אין עטלעכע טעג אַרום זיצט שוין דינגאָל אין „טאָג"... ס'הייסט, אַז אומדירעקט האָב איך אויך גורם געווען זיין מיטאַרבעט אין יענער צייטונג, וואָס איז פאַר אים געווען זייער מזלדיק. מיט קיין רעה דערפאַר, אויב נישט מיט קיין טובה, דאַרף ער מיר זיכער נישט אָפּצאָלן.

ווען דאָס „טאָגעבלאַט" פאַרמאַכט זיך, איז ב. צ. גאָלדבערג דער אָנפירר־רעדאַקטאָר (מענענדזשינג־עדיטאָר) פון „טאָג". מיר זענען צעקריגט געווען אַ לענגערע צייט, ריידן נישט צווישן זיך — צוליב אַ פּאָלעמישער מחלוקה.

דערפאַר גלייב איך פשוט נישט, ווען יואל סלאָנים מעלדעט מיר, אַז גאָלדבערג זוכט מיך. אָבער אַזוי איז עס געווען. איך ווער אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג", „אַ דרויסנדיקער": צוויי פעליעטאָנען אַ וואָך. כך־וכך — אָנשטענדיק.

אין אַ דריי חדשים אַרום פאָרט גאָלדבערג אויף אַ לענגערער רייזע קיין סאָוועט־רוסלאַנד. דינגאָל פאַרנעמט זיין אָרט. און ווי נאָר ער ווערט אָנפירררעדאַקטאָר, ווערן מיינע פעליעטאָנען משוגע, שפּרינגען אַהין און אַהער, באַהאַלטן זיך — אַמאָל צווישן די ראָמאַנען, אַמאָל צווישן די רעקלאַמעס און אַמאָל — ערגעץ אַנדערש.

איך שווייג. די פעליעטאָנען נעמען שטאַרק אויס, אַזוי דערציילן די רייזנדיקע „טאָג"־אַגענטן. אַזוי זאָגט מיר מ. י. שעליובסקי, דער צירקולאַציע־פאַרוואַלטער.

אפשר איז די וואַנדערונג פון מיינע פעליעטאָנען אַ צופאַל, אַן איבערגאַנג? איך וואַרט.

און איך דערוואַרט זיך טאַקע... דינגאָל דערציילט מיר, מיט ממש אַ צעבראָכן קול, אַז דוד שאַפּיראָ, דער נייער אַרויסגעבער, וויל עקאָנאָמיזירן. בכן... בקיצור... אויס!... נו, און דאָס וואַנדערן פון די פעליעטאָנען? אויך שאַפּיראָ׳ס עקאָנאָמיע? ס׳אַרט מיך נישט דאָס אויפהערן פעליעטאָנעווען. איך האָב דאָך אַ גוטע שטעלע ביים קרן־היסוד און האָב אַפילו קיין מאָראַליש רעכט נישט צו קעמפן פאַר דער „טאָג״־שטעלע. ס׳אַרט מיך אָבער דינגאָל — זיין דאַנקבאַרקייט...

אפשר פּאַרט שאַפּיראָ? אין אַ יאָר אַרום טרעף איך שאַפּיראָן אויף אַ ציוניסטישן צוזאַמענפאָר. מיר שמועסן. פּלוצלינג גיט ער מיך אַ פרעג:

— פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט שרייבן ביי אונדז? וואָס איז — ס׳פּאַסט אייך נישט צו זיין אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג״?

הייסט עס, אַז ס׳איז טאַקע דינגאָל. אפשר האָבן אַנדערע קאָלעגן צוגעהאָלפן — אַז מען שמועסט קאָלעגיאַליטעט! צבי הירש רובינשטיין, דער נייס־רעדאַקטאָר פון „טאָג״, הייבט־אָן אין דער אייגענער וואָך אַ נייעם איינפיר אין „טאָג״: „גוט שבת, גוט יאָר״, וואָס האָט געזאָלט זיין הומאָר...

פאַרוואָס האָט דינגאָל אַזוי געהאַנדלט? איך וויל קריגן אַ דירעקטן ענטפער. אָבער ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום טעלעפאָניר איך דינגאָלן, באַשטעל זיך צו טרעפן מיט אים אין אַ רעסטאָראַן — אין אַן אָוונט. מיר עסן און שמועסן. כ׳דערמאָן אַלץ, וואָס כ׳האָב געטון פאַר אים. אָ, ער געדענקט זייער גוט. ווי קאָן ער עס פאַרגעסן? פאַרוואָס־זשע האָט איר אַזוי געהאַנדלט?

— שאַפּיראָ!... וואָס שאַפּיראָ האָט אייך געזאָגט, איז גאָרנישט. ער וויל בלייבן דער פיינער מענטש.

דער פאַל דינגאָל האָט באַזונדערס שאַרף פאַר מיר אונטערגעשטראָכן דאָס רעטעניש פון דער „מאָדנער״ באַציִונג צו מיר מצד די „הויפּטן״ אין דער ייִדישער צייטונגס־וועלט פון אַמעריקע — זינט דאָס „טאָגעבלאַט״ האָט זיך פאַרמאַכט.

איז דאָך דינגאָל געווען, ווי דער אָנפיר־רעדאַקטאָר פון „טאָג״, פאַראינטערעסירט צו פאַרבעסערן דעם „טאָג״ — און מיינע פעליעטאָנען האָבן, ווי געזאָגט, שטאַרק אויסגענומען, האָט ער, על־פּי שכל הישר, געדאַרפט מיך דערנעענטערן. אַפילו מיינע שונאים האָבן נישט געלייקנט מיינע זשורנאַליסטישע פעיִקייטן. בין איך דאָך כמעט אויפגעצויגן געוואָרן אין רעדאַקציעס, אויף זשורנאַליזם און בין באַהאַוונט אין יעדן זשאַנר און אויף יעדן געביט פון צייטונגס־אַרבעט, אויסער אין צייטונגס־ראָמאַנען, וואָס איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שרייבן. צום סוף האָט ער מיך פאַרשטויסן.

פונקט ווי די פריִער־דערמאָנטע ייִדישע שריפטשטעלער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע און אויך די קאָלעגן אין דער אייראָפּעיִש־ייִדישער צייטונגס־וועלט האָבן מיך פון מיין פריִער יוגנט אָן מקרב געווען — וגם די קאָלעגן אין אַמעריקע, אין מיינע ערשטע 10—15 יאָר דאָ — אַזוי האָט מען זיך דאָ מיר געשטעלט אין וועג זינט דאָס „טאָגעבלאַט" האָט זיך פאַרמאַכט און מיך בשום־אופן נישט גע־וואָלט צולאָזן צום עמוד פון דער ייִדישער פּרעסע, מיט דער אויסנעם פון ב. צ. גאָלדבערג, וואָס ער האָט, ווי דערציילט, מיך תיכף, נאָכן אונטערגאַנג פון „טאָגעבלאַט", צוגעצויגן צום „טאָג", נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר זענען געווען ברוגז, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז איך וועל זיין אַ געווינס פאַר זיין צייטונג. אָן אויסנעם איז אין דעם פּרט אויך געווען אב. קאַהאַן, אָבער צוליב מאָדנע פּסיכאָלאָגישע סיבות, מכוח וועלכע איך האָב שוין געשמועסט.

ווען איך האָב אין די יאָרן 1933 און 1939 באַזוכט פּוילן, האָבן קאָלעגן זיך פּשוט נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין נישט אָנגעשטעלט אין אַ צייטונג... די וואַרשעווער ייִדישע פּרעסע האָט זיך געריסן איבער מיר. דער „היינט" און „עקספּרעס" האָבן מיך כסדר געוואָלט אָפּרייסן פון „מאָמענט", סיי ווי אַן אַמערי־קאַנער קאָרעספּאָנדענט, סיי ווי אַן אַלגעמיינער מיטאַרבעטער. און דאָ, אין מיין היים, אין אַמעריקע, לאָזט מען מיך נישט צו צום עמוד... דער וואַרשעווער „מאָמענט" האָט זיך געגרויסט מיט מיר — אַפילו אין מיינע ערשטע שרייבעריש־יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג בחורל.

איך דערמאָן זיך וויפל פריידן מיר האָט פאַרשאַפט ווען דער „מאָמענט" האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסן יום־טובדיקן נומער לכבוד דעם 10טן יובילייִ פון דער צייטונג (19טער נאָוועמבער, 1920, איך בין שוין דעמאָלט געווען אַן „אַלטער אַמע־ריקאַנער") און אויף דער ערשטער זייט געגעבן די בילדער פון בלויז עטלעכע פון די ערשטע און וויכטיקסטע מיטאַרבעטער זיינע, האָט מען צווישן די פּאָרט־רעטן פון שלום עליכם, הלל צייטלין און מרדכי ספּעקטאָר אַוועקגעשטעלט מיין פּאָרטרעט, דעם פּאָרטרעט פון אַ יונג בחורל צווישן די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס דאָס האָט דעמאָלט געמיינט פאַר מיר, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. אויף ווי ווייט אָנגעלייגט איך בין געווען אין דער וואַרשעווער ייִדישער פּרעסע קאָן מען זען פון נאָך אַ פאַקט: אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די רעוויזיאָניסטן איבערגענומען דעם „מאָמענט". איך האָב תיכף אָפּגעשטעלט מיינע אַרטיקלען, אָבער די נייע פירער פון „מאָמענט" האָבן מיך באַוואָרפן מיט בריוו און דעפּעשן, אַז איך זאָל אומבאַדינגט ווייטער מיט־אַרבעטן. איך האָב דערויף מסכים געווען, נאָכדעם ווי מען האָט מיר געגעבן אַ

שריפטלעכע פאַרזיכערונג, אַז איך וועל ווייטער האָבן אַ פרייע האַנט — אַפילו צו קריטיקירן דעם רעוויזיאָניזם...

אָבער דאָ, אין אַמעריקע, האָבן אַפילו קאָלעגן, וואָס האָבן געוואַלטיק הנאה געהאַט פון מיינע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, פון די עסייען, פון מיינע פּאַראָדיעס און פעליעטאָנען, זיך ווי פאַרשווירן צו שטיין אין וועג צווישן מיר און דער יידישער פּרעסע. געוויסע קאָלעגן, וואָס זענען געווען די ערשטע מיר אונטערצושטעלן אַ פיסל, אויב זיי האָבן נאָר פאַרדעכטיקט, אַז ס'האַלט ביי אַ שידוך צווישן מיר און אַ צייטונג. האָבן געהאַט די פאַרשטאָכענע אויגן מיר פאַר־צוואַרפן פאַרוואָס איך גיב אַרטיקלען — אַ שטיקל צייט — אין אַ זשורנאַל, וואָס איז זיי נישט געווען צום האַרצן. ס'פאַרשאַפט מיר נישט קיין כבוד, האָבן זיי געטענהט. פּלוצלינג אַזאַ זאָרג פאַר מיין כבוד...

פאַרוואָס אַזאַ באַציִונג? אפשר אַ מורא, אַז איך וועל פאַרכאַפּן מאַכט?... נו, אַפילו מיין ערגסטער שונא קאָן אויף מיר נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך וועגן־ס'איז געשטופּט, געוואָלט פאַרכאַפּן פּאָזיציעס, אָדער עמעצן משיג־גבול זיין. אדרבא, ס'איז גוט באַוווּסט געווען, אַז בעת איך האָב געאַרבעט אין אַ רעדאַקציע און געהאַט אַ געוויסע השפעה, האָב איך געהאָלפן אַרבעטסלאָזע קאָלעגן אַריינ־קריגן אַרטיקלען, אָדער באַקומען אַ גאַנצע שטעלע. ס'איז דעריבער נישטאָ קיין שום שכלדיקע סיבה פאַרוואָס מען זאָל קעגן מיר אַזוי האַנדלען, סיידן פּשוטע רשעות און נישט־פאַרגינעריי...

אין 1948 ווענדט מען זיך צו מיר פון „מאָרגן זשורנאַל", דאָרט צו שרייבן צוויי פעליעטאָנען אַ וואָך. מיינע דערפאַרונגען מיט דער טעגלעכער יידישער פּרעסע האָבן מיך אַזוי פאַרביטערט, אַז איך האָב פאַרלוירן יעדן חשק צו ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אַ טאָג־צייטונג. אָבער אַז דער נייער אָנפיר־רעדאַקטאָר און איינער פון די אַרויסגעבערס חזרן־איבער זייער ווענדונג וואָכן־לאַנג, בין איך, ענדלעך, מסכים און איך פיר איין אַ „קאָלום" — „מיט אַ שמייכל". דער פעליעטאָן נעמט שטאַרק אויס. איך שיק די פעליעטאָנען צו מיט דער פּאָסט, אָדער מיט אַ שליח. אין רעדאַקציע גיי איך זייער זעלטן, אָבער יעדעסמאָל, וואָס איך קום דאָרט, כאַפּט מיך אַרום אַ קעלט, וואָס יאָגט און טראָגט פון די קאָלעגן — מיט דער אויסנעם פון יעקב גלאַטשטיין, וועלכער גראַטולירט מיר האַרציק.

מיין מיטאַרבעט אין „מאָרגן זשורנאַל" האָט קורצע טעג. ס'קומט צו אַ סכסוך מיט דעם נייעם אָנפיר־רעדאַקטאָר, נירענבערגער. סוף 1949 הער איך אויף דאָרט צו שרייבן. איך טראָג דאַן אַריבער דעם „קאָלום" אין „טאָג", וווּ מיין פריינד מרדכי דאַנציס איז דער רעדאַקטאָר. אויך דאָ די אייגענע קאַלטע, אומ־פריינטלעכע באַציִונג. אויך דאָ זענען דאָ אויסנעמען: א. לעיעלעס, מ. נודעלמאַן,

דער פעליעטאָן („מיט אַ שמייכל") ווערט שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט. און דאָך — מאָדנע שיקאַנעס. עפּעס פאַרגעסט מען כסדר צו דערמאָנען אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש מיין נאָמען. ס׳קומען־אָן מאַסן לויב־בריוו, אָבער קיין איינער ווערט נישט פאַרעפנטלעכט, בעת ס׳ווערן כסדר געדרוקט בריוו פון לעזערס וועגן יעדן מינדסטן אַרטיקל.

איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז דאָס איז דאַנציס׳עס שולד — האָט ער דאָך אַזוי ברייט רעקלאַמירט, עטלעכע טעג כסדר, מיין אָנקומען אין „טאָג". ווער־זשע איז שולדיק? איך פרעג דאַנציסן, שמייכלט ער: כ׳וועל דיר אפשר אַמאָל דער־ציילן... אפשר פאָרט דאַנציס? געהאַט אַזעלכע דערפאַרונגען יאָרן־פריִער מיט ס. דינגאָל, בעת ער איז געווען דער רעדאַקטאָר... ווי קליינלעך!

דערפאַר מאַכן אויסנעם־פאַלן פון קאָלעגיאַלער וואַרעמקייט אַ גרויסן רושם אויף מיר, אָט ווי דער פאַל מיט ריקליס־ליריקן, איינמאָל, גייענדיק אויף טיימס־סקווער, הער איך רופן מיין נאָמען. ס. ליריק לויפט מיר אַנטקעגן:

— אַלמי, — רעדט ער באַגייסטערט, — איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגן וויפל הנאה אייערע פעליעטאָנען אין „טאָג" פאַרשאַפן מיר! פאַרוואָס האָט איך דער „מאָרגן זשורנאַל" אָוועקגעלאָזט?

איך בין טיף גערירט.

***

אויך אין דער ליטעראַטור האָב איך זיך קיינמאָל נישט געשטופּט, נישט געיאָגט זיך נאָך כבוד, קיינמאָל נישט צוגעשטאַנען צו קריטיקערס, אָדער סתם קאָלעגן, אַז מען זאָל וועגן מיר שרייבן. ד״ר א. מוקדוני האָט אַמאָל באַמערקט, שרייבנדיק וועגן מיינס אַ בוך (אין „מאָרגן זשורנאַל"), אַז אַלמי דאַרף זיצן ביים אויבנאָן אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער ביי אונדז איז שוין אַזוי — איז ער מוסף — אַז ווו איינער זעצט זיך אַליין אַוועק, דאָרט זיצט ער...

דאָס איז אמת. איך וויל נישט זיין אומבאַשיידן און זאָגן — אין יענעם גדולס, אָדער „גדלנס" ווערטער: „ווו איך זיץ, דאָרט איז דער אויבנאָן". אָבער מיר איז דער גאַנצער ענין פון זיצן דאָ, אָדער דאָרט, פון ליטעראַרישער פּאָלי־טיק בכלל, אַלעמאָל געווען פרעמד. די גרעסטע פרייד לעב איך איבער, ווען איך שרייב און ווען — ביז נישט־לאַנג צוריק — איך גיב אַרויס אַ בוך. ס׳הייבט זיך ביי מיר אָן און ס׳ענדיקט זיך מיטן שרייבן.

קהלן זיך — באַטאָן איך נאָכאַמאָל — איז נישט אין מיין טבע.

***

און שרייבן איז ביי מיר מער ווי אַ פּראָפעסיע. ס'איז מיין צווייטע נאַטור. איך קאָן נישט לעבן אָן שרייבן, ווי אַ מענטש קאָן נישט לעבן אָן שפּייז, אָן וואַסער, אָן לופט. ס'איז מוזע און מוז — אַפילו אין מיין פּובליציסטיק. ס'זענען דאָ געבוירענע שרייבערס און געוואָרענע שרייבערס. די צווייטע קענען אויפהערן שרייבן אַזוי פּלוצלינג און צופעליק, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן. די ערשטע הערן־אויף צו שרייבן, ווען זיי הערן־אויף צו אָטעמען...

ווען דאָס „טאָגעבלאַט" האָט זיך פאַרמאַכט, באַגעגן איך איינמאָל צביונען (ד"ר ב. האָפמאַן). ער טרייסט מיך:

— איר זענט נאָך יונג און איר קענט זיך לייכט נעמען צו עפּעס אַנדערש...

און ער דערציילט מיר, אַז ווען ער איז אַרויס פון „פאָרווערטס", בעת דער שפּאַלטונג צווישן די „רעכטע" און „לינקע" און דערנאָך אויך אַוועק פון דער „פרייהייט", אָן אַנטוישטער, האָט ער אַ שטיק צייט זיך פאַרנומען מיט הייזער־מסחר (רעיל עסטייט).

איך זאָג אים:

— דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס איר זענט אַ געוואָרענער שרייבער. איך אָבער בין אַ געבוירענער שרייבער. איך קאָן נישט אויפהערן שרייבן און טון עפּעס אַנדערש... איבעריקנס האָב איך אַ שטעלע — און „פּובליסיטי" איז אויך שרייבעריי...

צביון האָט זיך, דאַכט זיך, באַליידיקט.

דאָס אייגענע האָב איך אַמאָל געזאָגט ד"ר א. קאַראַלניקן — און ער האָט זיך טאַקע שטאַרק באַליידיקט. דאָס האָט מיר שטאַרק באַנג געטון, מחמת קאַראַל־ניק איז מיר, ווי אַ מענטש און אַ שרייבער, געווען נאָענט און טייער.

אָבער אַז קאַראַלניק האָט מיר געזאָגט, אַז ער שרייבט בלויז דעמאָלט, ווען ער ווייסט ווו און ווען ס'וועט געדרוקט ווערן און ער קאָן נישט פאַרשטיין ווי־אַזוי איך שרייב סתם אין דער וועלט אַריין — פאַרן שופלאָד — האָט זיך יענער ענט־פער, וואָס איך האָב פריער געהאַט געגעבן צביונען, פון מיר אַרויסגעריסן.

און איך שרייב טאַקע אין דער וועלט אַריין. איך בין שטענדיק איבערגע־לאָדן מיט טעמעס, מיט אידייען — עסייאיסטישע און פּעליעטאָניסטישע — און זיי רייסן זיך פון מיר און מאָנען פון מיר — געבוירן צו ווערן... איך מוז זיי זען שוואַרץ אויף ווייס. איך שרייב מיט אימפּעט. כ'ווער אָנגעפילט מיט פרייד בעתן שרייבן — פון יעדן איינפאַל, יעדן געדאַנק, יעדן וויץ...

מיינע שופלאָדן זענען אַלעמאָל איבערפולט מיט כתבים, מיט אַפילו פּוב־ליציסטישע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס, וואָס ווערן כסדר עובר־זמן און

Der Moment

דער מאמענט

יובילעאום-נומער.

18 XI 1920

1910

יובל-נומער פון „מאָמענט".

איך צערייס זיי. אַנדערע „זאַכן" פאַרלירן סתם דעם חן אין מיינע אויגן — און איך צערייס זיי אויך. אָבער כ׳האָב מיינס אָפּגעטון — אָנגעשריבן...

טיילמאָל פיל איך, אַז איך אַליין וואָלט געקענט אויספילן צוויי־דריי טעג־לעכע צייטונגען יעדן טאָג — פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה. ווען איך הער, אַז אַ קאָלעגע ליידט פון מאַנגל אין טעמעס, פאַרשטיי איך פּשוט נישט. וואָס הייסט: אַ מאַנגל? די וועלט איז דאָך פול מיט טעמעס. ווו דו גיסט זיך אַ ריר — טעמעס, אידייען, געדאַנקען.

טייל טעג און נעכט וועל איך שיער דערשטיקט פון טעמעס. זיי יאָגן זיך און טראָגן זיך איינע נאָך דער אַנדערער. און אַז איך זעץ זיך אַנידער שרייבן, ווייס איך נישט צו וועלכער טעמע זיך פריִער צו נעמען. ס׳איז, אייגנטלעך, מער ווי טעמע. ס׳איז פאַר מיר אַ לעבעדיק באַשעפעניש. ווען איך נעם דאָס פּאַפּיר אין האַנט אַריין, איז עס שוין פיקס־און־פאַרטיק. כ׳דאַרף בלויז פאַרשרייבן.

און גראַד איך בין אַזוי פיל יאָרן אינדרויסן פון דער פּרעסע...

דאָך האָב איך, ווי פריִער געזאָגט, צו די קאָלעגן־שרייבערס אין אַלגעמיין קיין טענות נישט. איך האָב זיי קיינמאָל נישט געפרעגט און איך ווייס נישט זייע־רע מאָטיוון — אפשר האָבן זיי אַזעלכע, אויב נישט פּאַקטישע, איז פּסיכאָלאָגישע, אָדער פּאַטאָלאָגישע... אַז ס׳קומט צו פּסיכיק און פּאַטאָלאָגיע, איז דאָך נישט שייך קיין טענות...

טענות האָב איך בלויז צו אַזעלכע, ווי די פיר, וואָס אויף זיי שטעל איך זיך באַזונדער אָפּ: אויערבאַך, דינגאָל, זלאַטניק און יוסף קאַהאַן. איך וואָלט אפשר דאָ געדאַרפט צושטעלן אַ פינפטן, א. לוצקין, וואָס איך בין געווען זיין ערשטער אַדרעס אין אַמעריקע, נישט לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַהערגעקומען (דעמאָלט נאָך אהרן צוקער) מיט אַ בריוו צו מיר פון נח פּרילוצקין. איך האָב אים דערנענטערט, אים אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור, אים געדרוקט, געפירט מיט אים שמועסן, וואָס האָבן אים, ווי ער אַליין האָט מיט יאָרן שפּעטער מודה געווען, אָנגערעגט צו זיינע פילאָסאָפירנדיקע לידער — אָבער ער האָט דערפאַר מיר אָפּגעצאָלט מיט אומדאַנקבאַרקייט.

אָבער ווען איך זאָל נעמען אויסרעכענען אַלע, וואָלט די רשימה געווען צו לאַנג. חוצדעם זענען די זינד, וואָס אַנדערע זענען באַגאַנגען לגבי מיר, אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך צו די זינד פון די „פיר", אַז ס׳איז נישט כדאי באריכות זיך אַריינצולאָזן אין זיי. איך שטעל זיך דעריבער באַזונדערס אָפּ אויף די „פיר" — אויערבאַך, דינגאָל, זלאַטניק און יוסף קאַהאַן, — וואָס זיי האָב איך אין זייער נויט געהאָלפן, אויסגעשטרעקט זיי אַ וואַרעמע האַנט — איבערהויפּט די ערשטע דריי — בעת אין דעם פאַל פון קאַהאַנען איז עס געווען בלויז ליטעראַרישע הילף,

אָבער דאָך האָב איך פון אים, ווי פון אַן אידעאַליסט־אַנאַרכיסט, דערוואָרט, חי איך וועל עס באַלד דערציילן, אַ שענערע האַנדלונג.

איצט קום איך צו הרב זלאָטניק.

***

י. ל. זלאָטניק איז אַן אָרטאָדאָקסישער רב פון גרויסן יחוס. דערצו איז ער אַ שריפטשטעלער אין יידיש און אין העברעיש, אַ פאָלקלאָריסט, אַן איבער־זעצער. זיין פסעוודאָנים: יהודה עלזעט.

בעת איך האָב געוויילט אין מאָנטרעאָל, קומט זלאָטניק פון פוילן. ער זוכט מיך אויף און דערציילט מיר, אַז אַ שטיק צוליב מיר איז ער געקומען קיין מאָנט־רעאָל. אין וואַרשע האָבן אים צבי פרילוצקי, ראַבינער פּראָפ׳ מ. שאָר און הלל צייטלין געזאָגט, אַז איך קאָן — און וועל — אַ סך אויפטון פאַר אים.

פריער גאָט, דערנאָך — אַלמי...

ער האָט אַ הדרת־פּנים, אַ פיינע גוט־דערצויגענע באָרד, קלוגע אויגן און ער מאַכט אויף מיר און פראַדלען אַ זייער גוטן איינדרוק.

וואָס קאָן איך טון פאַר אים? אין וואַרשע האָט ער געאַרבעט פאַר דער „מזרחי״. איז אפשר עפּעס דאָ פאַר אים ביי דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, וווּ איך בין אָנגעשטעלט ווי אַ יידישער אינפאָרמאַציע־דירעקטאָר?

איך הייב־אָן צו כלאָפּאָטשען, רייד מיט לעאָן גאָלדמאַן, דעם עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, לויב פאַר אים זלאָטניק־עלזעטן אין הימל אַריין. גאָלדמאַן גלייבט, אַז מען קאָן אים מאַכן פאַר דירעקטאָר פון קרן־קימת — אַ נייער אַמט אין דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. גאָלדמאַן שפּאַנט זיך איין, גייט מיט מיר צו די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. אַלץ גייט גוט. דאָס לעצטע וואָרט האָט אָבער „אַרטשי״ (אַרטשיבאַלד) פרימאַן, פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע. איך פאָר אַראָפּ קיין אָטאַוואַ, וווּ פרימאַן וווינט (אויף מיינע אייגענע הוצאות) און — איך פועל. זלאָטניק ווערט אָנגעשטעלט.

אַ צוויי־דריי וואָכן נאָך זיין קומען קיין קאַנאַדע האָט זלאָטניק אַ גוטע שטע־לע. דער רב מאַכט אויף אַלעמען אַ גרויסאַרטיקן איינדרוק מיט זיין הדרת־פּנים. בלויז פיר האָבן נישט קיין צופיל סימפּאַטיע פאַר אים: פּערלמוטער, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע; שערמאַן, דער הויפּט־בוכהאַלטער; גאָלדע האָפּמאַן, גאָלד־מאַנ׳ס סעקרעטאַרין און איר חתן, בארני דזשאָזעף, דער פירער פון די קאַנאַדער „יאַנג דזשודיא״ (יונג־יהודה), וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטערן יידישן נאָמען ד״ר דוב יוסף, מיניסטער אין דער רעגירונג פון מדינת ישראל.

און זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ בעסערן פּסיכאָלאָגישן חוש ווי מיר...

זלאָטניק טיילט מיט מיר מיין קאַבינעט — צייטווייליק. שוין אויפן דריטן טאָג פון זיין אָנגעשטעלט ווערן פאַר קרן קימת־דירעקטאָר טרעף איך אים ביי מיין שרייב־מאַשין. וואָס שרייבט ער? אַ באַריכט וועגן קאַנאַדער ציוניסטישע ענינים.

איך גלייב נישט מיינע אויערן און אויגן. דאָס איז דאָך מיין אַרבעט. ער פאַרענטפערט זיך, אַז ער פּרוווט בלויז, צי ער קאָן אַזוינס שרייבן...

אין עטלעכע טעג אַרום קומט מיר לעאָן גאָלדמאַן אַנטקעגן, אַן אויפגע־רעגטער, אַ בייזער:

— אַ שיינעם פריינד האָט איר! — און ער דערציילט מיר, אַז זלאָטניק איז געקומען צו דער עקזעקוטיווע און דערקלערט, אַז ער קאָן דער אָרגאַניזאַציע איינבררענגען געלט. ווי אַזוי? דורך טון מיין אַרבעט אויך... וואָס דאַרפט איר אַלמין?

איך האָב שוין דעמאָלט סיי־ווי געהאַלטן ביים צוריקפאָרן אויף שטענדיק קיין ניו־יאָרק, איז די שטעלע אָרט מיך נישט, אָבער די טרויעריקע האַנדלונג פון דעם אָרטאָדאָקסישן רב מיט דער פיינער באָרד!

בקיצור המעשה: זלאָטניק האָט ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט — דער עיקר דורך פאַרזיכערן „עקאָנאָמיע": לעאָן גאָלדמאַנען — און ער, זלאָטניק, האָט טאַקע פאַרנומען זיין אָרט, ווי דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר. איך האָב שוין געהאַט רע־זיגנירט און געוועזן צוריק אין ניו־יאָרק, ווו דער אַלטער גאָלדמאַן האָט מיך אויפגעזוכט — אַ צעבראָכענער מענטש.

זלאָטניק האָט אַפילו אַרויסגעשטופּט שערמאַנען, דעם הויפּט־בוכהאַלטער — אויך בוכהאַלטעריע קאָן ער, זלאָטניק... און אַפילו די מיידלעך, צווישן זיי גאָלדע האָפמאַן, פּטרט ער אַרויס. און ער שטעלט־אָן אַנדערע, וואָס זאָלן זיין לאָיאַל צו אים...

רעקלאָמע האָט ער ליב ביז משוגעת. ווען זיין פרוי קומט־אָן קיין מאָנט־רעאָל, דערלאַנגט ער דעם נייס־רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", לייזער מעל־צער, אַ לאַנגע מגילה וועגן איר אָנקומען. דערביי רעכנט ער אויס זיין אייגענעם יחוס ביז אדם־הראשון און דערציילט, אַז ער האָט אַ ביבליאָטעק אין צוועלף שפּראַכן. מעלצער לייענט מיר פאָר די מגילה. מיר לאַכן — און ער וואַרפט זי אַריין אין פּאַפּיר־קאָרב.

איינמאָל גייען מיר צוזאַמען אַריין אין אַ בוכהאַנדל, ווו מען פאַרקויפט אַלטע ביכער. ער גראַבלט זיך דאָרט אין רומל און געפינט אַ האַלב־צעריסן ביכל: „פאַר־צייטישע רוימישע און ידישע געזעצן" (אין ענגליש). אין צוויי וואָכן אַרום איז אין „קענעדער אָדלער" רעקלאַמירט, אַז דער באַרימטער ידישער געלערנטער

יהודה עלזעט־זלאָטניק וועט האַלטן אַ סעריע רעפעראַטן וועגן אַלט־רוימישן און אַלט־ייִדישן געזעץ...

אויף אַן אומדירעקטן אופן האָב איך זיך מיט דעם דאָזיקן הדרת־פּנימדיקן און צוויי־פּנימדיקן רב אָפּגערעכנט.

אין מערץ פון 1923 איז געשטאָרבן ש. אַבעל, דער עקזעקוטיווער דירעקטאָר פון קרן קימת אין ניו־יאָרק. אויף מאָרגן אינדערפרי איז זלאָטניק שוין דאָ אין ניו־יאָרקער נאַציאָנאַל־פאָנד־ביוראָ. ער האָט חשק צו קריגן אַזאַ וויכטיקע שטעלע אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע!

און ער וואָלט זי געקריגן אויך — ווען נישט איך. י. ה. רובין, איינער פון די עלצטע און וויכטיקסטע באַאַמטע פון קרן קימת לישראל אין אַמעריקע, ווייס, אַז איך קען זיך מיט זלאָטניקן, קומט ער צו מיר נאָך אינפאָרמאַציע וועגן אים. איך לויב זלאָטניקן אין הימל אַריין, זיינע פעיִקייטן, זיין וויסן, זיין פלייסיקייט.

— הייסט עס, אַז ער איז, לויט אייער מיינונג, דער פאַסיקער מענטש צו זיין דירעקטאָר פון היגן קרן קימת! — איז רובין צופרידן. ער דאַנקט מיר און לאָזט זיך אַרויסגיין, אָבער איך האַלט אים אָפּ:

— יאָ, גאָר פאַרגעסן צו דערמאָנען נאָך אַ מעלה זלאָטניקס: אַזוי שנעל ווי ער קומט־אָן אין אַן אָרגאַניזאַציע, באַזייטיקט ער אַלעמען און קודם־כל די, וואָס האָבן אים אַריינגענומען...

רובין צעשמייכלט זיך, דאַנקט מיר נאָכאַמאָל און גייט אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז זלאָטניק איז צוריקגעפאָרן קיין מאָנטרעאַל מיט גאָרנישט. אָבער איידער ער ווייס נאָך רובינס תשובה — און רובין האָט פריִער געדאַרפט באַריכטן צו דער עקזעקוטיווע — כאַפּט זיך עלזעט אַריין צו מיר — ער ווייסט דאָך נישט, אַז איך האָב זיינע אויסבליקן שוין געקוילעט, ווייל ער זיך באַוואָרענען... ער שטייט טאַקע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דערוועגט זיך נישט מיר אויסצושטרעקן אַ האַנט, שפּירנדיק, אַז זי וועט בלייבן הענגען אין לופטן — און ער בעט ביי מיר אַן עקזעמפּליאַר פון מיין בוך „די רייד פון בודאַ". ער וויל שרייבן וועגן דעם.

און ער האָט טאַקע געשריבן, פול מיט סופּערלאַטיוון, סיי אין „קענעדער אָדלער", סיי אין וואַרשעווער „מאָמענט", כאָטש ער האָט שוין געוווּסט, אַז ניו־יאָרק איז פאַר אים פאַרשלאָסן, אָבער מסתּמא געוואָלט זיך איינקויפן ביי מיר אין לאַסקע — אויף שפּעטער. ער איז נישט אָפּגעקומען מיט שרייבן וועגן מיין בוך. ער האָט אויך געהאַלטן אין מאָנטרעאַל אַ סעריע רעפעראַטן וועגן בודיזם, אָבער אין די רעפעראַטן האָט ער מיין נאָמען נישט געדאַכט, ווי מאָנטרעאַלער קאָלעגן האָבן מיר געשריבן, כאָטש ער האָט פאַקטיש איבערגעזאָגט מיין בוך.

***

מילא, זענען די ערשטע דריי נישט קיין געשווירענע, פּראָפעסיאָנעלע אידעאַליסטן, הומאַניסטן. יוסף קאַהאַן איז עס יאָ. אַזאַ הומאַניסט איז ער, אַז דער שטאָט טויג אים נישט — שטאָט איז צוואַנג, ברוטאַליטעט, אומרעכט. און יוסף קאַהאַן איז עטלעכע יאָר דער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבע־טער שטימע" — נאָך ש. יאַנאָווסקין און נאָך משה כצן, דעם שפּעטערדיקן קאָמו־ניסט און סטאַר־מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער „פרייהייט".

יעדע וואָך איז אין דער „פ. אַ. ש." דאָ מיינס אַן אַרטיקל, אַן עסיי, אַ רע־צענזיע. אָבער קאַהאַן בעט מיך כסדר טובות: אַן עקסטרע אַרטיקל, אַ פעליעטאָן, אָדער עפּעס אַנדערש, אונטער איניציאַלן, אָדער אַ פּסעוודאָנים.

און אָט עפן איך אַ נומער „פרייע אַרבעטער שטימע" און דערזע אַ בריוו אין רעדאַקציע פון ד"ר יעקב שאַצקי. ער באַשולדיקט מיך, אַז אַ רעצענזיע אויף מיין בוך „די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע", וואָס איז געדרוקט אין אַ ווינקל־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון פּוילישע יידן אין אַמעריקע — איז געשריבן געוואָרן פון מיר אַליין. דער באַווייז: די רעצענזיע איז אונטערגע־שריבן פון אַ ד"ר גאָרדאָן־מאַניס און ער גיט זיך אַן ווי אַ געוועזענער פּראָפעסאָר פון דער פּאַריזער סאָרבאָנע. האָט ער, שאַצקי, נאָכגעזוכט און נישט געפונען אַזאַ פּראָפעסאָר.

איז דאָס אַ סימן — נישט, אַז דער גאָרדאָן־מאַניס האָט וועגן זיך געגעבן פאַלשע אינפאָרמאַציע, געגרויסט זיך מיט אויסגעטראַכטן יחוס, ווי דאָס טרעפט ביי אונדז גאַנץ אָפט, נאָר — אַז אַזאַ מענטש איז נישטאָ. און ווי־באַלד אַזאַ מענטש איז נישטאָ, איז אַלמי אַליין ד"ר גאָרדאָן־מאַניס...

דאָס איצטיקע בוך מיינס איז — ווי איך האָב שוין עטלעכע מאָל אונטער־געשטראָכן — חשבון־הנפש און ווידוי. כ'דערצייל אין רשות הרבים אויף זיך אויך דאָס ערגסטע — זאָג איך דאָ איצט, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, אַז ווען ד"ר שאַצקי'ס בריוו איז דערשינען, האָב איך אַפילו נישט געהאַט געזען יענעם זשורנאַל — „דער פאַרבאַנד" — מיט דער רעצענזיע. און דערנאָך, ווען איך האָב די רעצענזיע ,ענדלעך, איבערגעלייענט, איז מיין פאַרדרוס — צוליב דער נאַרישער „באַשולדיקונג", שאַצקי'ס שרייבן זי און יוסף קאַהאַנ'ס דרוקן זי — נאָך שטאַרקער געוואָרן. די רעצענזיע איז געשריבן אַזוי לויז, אַזוי סטיללאָז, אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז באַשולדיקן מיך אין אַזאַ סאָרט שרייבעריי איז נאָך מער חוצפּה און באַליידיקונג, ווי באַשולדיקן מיך אין שרייבן וועגן זיך אַליין.

מיר איז אַפילו דעמאָלט איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט שאַצקי אַליין אונטער־געשיקט די רעצענזיע, כדי ער זאָל מיך דערנאָך קענען באַשולדיקן... פאַרשטייט זיך, אַז עפנטלעך אַרויסזאָגן אַזאַ חשד האָב איך נישט געקענט, ווייל איך וואָלט

אים, דעם חשד, געקענט באַווייזן פּונקט ווי שאַצקי האָט געקענט באַווייזן, אַז איך בין דער אויטאָר פון דער רעצענזיע...

איך פאָר אַראָפּ אין דער רעדאַקציע פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע". יוסף קאַהאַן, מיטן פּנים פון אַ מאַסקע, ווי ב. עפּעלבוים האָט אים כאַראַקטעריזירט, זיצט אַריבערגעבויגן ביים שרייב־טיש און — שרייבט.

— ס'טייטש, ווי דרוקט איר אַזוינס? — פרעג איך אים, — איר האָט דאָך כאָטש מיך געדאַרפט פריִער פרעגן... כ'בין דאָך אַ יאָרן־לאַנגער מיטאַרבעטער פון דער „פ. אַ. ש." האָט איר נישט געקענט פריִער אויסגעפינען, וואָס איך האָב צו זאָגן? אַזוי פירט זיך אין אַלע לייטישע ציַיטונגען, קאַפּיטאַליסטישע און פּראָלעטאַרישע — און נישט נאָר בנוגע אַן אייגענעם מיטאַרבעטער.

און ער, דער אַנאַרכיסט, דער אידעאַליסט, וואָס ער איז קעגן שטאַט, ווייל דער שטאַט באַגייט אומגערעכטיקייטן קעגן דעם יחיד און קעגן דעם כלל — ער הייבט אַפילו נישט אויף דעם קאָפּ, נאָר זיפּט אַרויס פון צווישן די ציין:

— ס'איז טאַקע נישטאָ קיין גערעכטיקייט!...

זיין ציַנישער ענטפער צינדט מיך אָן. איך פיל ווי אַ שפּיי צו געבן אים אין דער מאַסקע אַריין, אָבער איך באַהערש זיך. איך בין געצוווּנגען צו פאַרעפנטלעכן אַן ענטפער. שאַצקי איילט זיך מיט אַן ענטפער אויף מיין ענטפער. קאָלעגן ווערן שטאַרק באַשעפטיקט מיט פּאַטשטשן, רכילות. אַנדערע טענהן, אַז איך האָב גאָר נישט געדאַרפט ענטפערן. מיין פריינד לעאָן קרישטאָל זאָגט, אַז איך האָב געדאַרפט עפנטלעך דערקלערן: יאָ, איך האָב עס געטון און — פאַרטיק אַן עסק...

איז עס דאָך אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, אַז ענגלישע פאַרלעגערס באַשטעלן ביי די מחברים אַליין רעצענזיעס וועגן זייערע ווערק, אונטער פּסעוודאָנימען, און שיקן עס פאַנאַנדער צו הונדערטער ציַיטונגען. טייל דרוקן עס, איבערהויפּט אויף דער פּראָווינץ.

אָבער ווי קאָן איך זיך מודה זיין אויף עפּעס, וואָס איך האָב נישט געטון? חוצדעם: וואָס וועט ד"ר גאָרדאָן־מאַניס זאָגן? ער קאָן דאָך אַרויס מיט אַ פּראָטעסט, אַז איך נעם זיך „קרעדיט" פאַר זיינס אַ שאַפונג...

איך פרעג ז. טיגלען, דעם רעדאַקטאָר פון „פאַרבאַנד": ווער האָט דיר געגעבן דאָס אַרטיקל? קיינער נישט. ס'איז אָנגעקומען מיט דער פּאָסט. גדליה בובליק געדענקט דעם ד"ר גאָרדאָן־מאַניס און מרדכי דאַנציס געדענקט אים. ער איז געקומען אין רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט", געבעטן אַ קאָרעספּאָנדענץ־קאָרטע פאַר צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע, ווו ער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ נסיעה. ערשטער אָפּשטעל אין מעקסיקע. איך פרעג זיך אָן אין דער ציוניסטישער

„קדימה"־ביבליאָטעק אין מעקסיקאָ־סיטי. דער ענטפער איז: געווען און שוין נישטאָ.

גיי כאַפּ אַ ווינט אין פעלד. און שאַצקי האָגלט מיט בריוו. ס'גייט אים ממש אין לעבן. אָבער סוף־כל־סוף ווערט דער שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער — וואָס ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַרהעלטענישן אויף אונדזער ליטעראַרישער גאַס — איינגעשטילט.

צוויי יאָר גייען אַריבער, שיקט מיר משה שטאַרקמאַן צו אַן אויסשניט פון אַ פּראָווינצער צייטונג מיט אַ מאמר פון דעם זעלביקן ד"ר גאָרדאָן־מאַניס — באַצירט מיט זיין בילד: אַ ייִד מיט אַ פּיין קיילעכיק בערדל, גאָרנישט ענלעך אויף אַלמין...

איך שיק דעם אויסשניט צוריק צו שטאַרקמאַנען און בעט אים דאָס גלייך אַריבערצושיקן צו שאַצקין. כ'בין זיכער געווען — אַזוי נאַיִוו קאָן איך נאָך אַמאָל זיין! — אַז שאַצקי וועט תיכף אַרויסקומען אין דער יידישער פּרעסע, אָדער כאָטש אין דער „פּ. אַ. ש.", מיט אַ דערקלערונג, אויב נישט מיט אַן אַנטשולדיקונג.

דאָס איז קיינמאָל נישט געשען. און איך? מיר איז דער גאַנצער ענין שוין אַזוי דערעסן געווען, אַז כ'האָב אים נישט געוואָלט אויפפרישן, באַנייען. אַזוי נמאס איז מיר דאָס געווען — און די גאַנצע סביבה — אַז אַ היפּשע צייט נאָכדעם האָב איך קיין וואָרט נישט געשריבן. און אין דער „פּ. אַ. ש." האָב איך אָפּגע־שטעלט מיין מיטאַרבעט ביז יוסף קאַהאַן איז מיט מזל אַוועק פון דאָרט.

***

ס'איז נאַטירלעך, אַז ווען איך דערצייל מכות אַט־דעם אינצידענט מיט שאַצקין, זאָל אַרויסקומען דער שפּעטערדיקער, פיל־וויכטיקערער ענין, וואָס טייל קאָלעגן האָבן באַטראַכט ווי אַ המשך, אָדער אַ פּועל־יוצא פון שאַצקי'ס אַרויס־טריט קעגן מיר — מיין אַרויסטריט קעגן אים.

משפטים מיט ד״ר שאַצקין

מיין אַרויסטריט קעגן שאַצקין האָב איך געמאַכט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ פון 11טן אָקטאָבער, 1935. אין וואָס איז דער אַרויסטריט באַשטאַנען? אָנשטאָט אַריינצוגיין אין אַ באַריכותדיקער דערקלערונג און באַלייכטונג, וועל איך דאָ ליבערשט ברענגען אַן אויסצוג פון אַ „קאָלום״ — „טאָג־איין טאָג־אויס״ פון מ. א. כ. (משה כץ) אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער „פרייהייט״ פון 31סטן אָקטאָבער, 1935 — דאָס הייסט אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון אַ שרייבער און אַ ציימונג, וואָס זענען אַלעמאָל געווען פיינטלעך צו מיר און דאַרפן איך זיין פיינטלעך צו שאַצקין. מ. א. כ. שרייבט:

...„א. אַלמי האָט פאַרקאָכט אין דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ אַ קאַשע: פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, און אַן, דאַכט זיך, אַ וועלכן עס איז אויסערלעכן אויסרייד, איז ער דאָרטן אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם טוער פון דער אַמעריקאַ־נער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ד״ר יעקב שאַצקי, מיט אַן אָנקלאַגע. קאָנקרעט אין וואָס ד״ר שאַצקי ווערט אָנגעקלאָגט, איז פון א. אַלמי׳ס אַרויסטריט נישט קלאָר. ספּעציפיש רופט ער נישט אָן קיין שום פאַרברעכן. אָבער פון די אָנצוהערענישן און האַלב־נישט־דערזאָגטע אויסדרוקן זיינע קומט אויס, אַז ד״ר שאַצקי איז אין די יאָרן 1919־1920, אין דער צייט פון דער פּויליש־סאָוועַ־טישער מלחמה און פון די האַלער־פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין פּוילן, געווען אַ פּוילישער באַאַמטער; אַז ער האָט דעמאָלט געאַרבעט, אַלס רעפערענט אין פּוילישן אויסלענדישן, אָדער אין קריגס־מיניסטעריום, און אַז אָדער דאָס גופא איז פון זיין זייט געווען נישט פיין, אָדער ער האָט זיך ביי דער אויספירונג פון זיינע פליכטן אויפגעפירט נישט עטיש, צי קעגן די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

***

„מיר ווידערהאָלן: קאָנקרעט קאָן מען פון א. אַלמי׳ס בריוו נישט זען אין וואָס אייגנטלעך ער באַשולדיקט ד״ר שאַצקין. דער דירעקטער רעזולטאַט פון

דעם בריוו איז, וואָס ער וואַרפט אויף ד״ר שאַצקין אַ פּאָליטישן שאָטן. מיר וועלן צוגעבן, אַז קלאַנגען, קיינמאָל נישט קיין קלאָרע און נישט קיין באַשטימטע, וועגן ד״ר שאַצקי׳ס אַרבעט אַלס באַאַמטער ביי דער פּוילישער רעגירונג האָבן זיך געטראָגן שוין מיט עטלעכע יאָרן צוריק. מיר געדענקען נישט וואָס ד״ר שאַצקי האָט דעמאָלט געטון וועגן אָט־די קלאַנגען. אונדז דאַכט זיך, אַז די בעסטע זאַך, וואָס ער וואָלט געדאַרפט טון, איז, אויב ער האָט זיך נישט צו שעמען מיט דעם, וואָס ער האָט געטון, אַרויסטרעטן מיט אַן עפנטלעכער דערקלערונג און דערמיט מאַכן אַ סוף צו די אומבאַשטימטע קלאַנגען, וואָס ווערן וועגן אים פאַרשפּרייט דורך זיינע קאָלעגן.

„אונדז דאַכט זיך אויך, אַז דער מיטל, וואָס ער פּרוווט איצט אָנווענדן אויף צו מאַכן אַ סוף צו די קאָמפּראָמעטירנדיקע קלאַנגען, — דאָס אָנקלאָגן א. אַלמין אין געריכט אויף הונדערט טויזנט דאָלער „דעמעדזשעס״ (שאָדנלוין), — איז אַ פיל ערגערער וועג, ווי אַ פּשוטע אָפענע דערקלערונג, וועלכע ד״ר שאַצקי וואָלט געדאַרפט מאַכן אין דער פּרעסע.

***

„מיר דערמאָנען זיך אָן דער געשיכטע אַנטקעגן דעם, וואָס, ווי מע גיט אונדז איבער, האָט די שאַצקי־אַלמי אַפערע געמאַכט אַ שטיקל טומל צווישן די יידישע זשורנאַליסטישע און קולטור־קרייזן, וועלכע האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: אויף אַזעלכע, וואָס נעמען אַלמי׳ס באַשולדיקונגען ערנסט און אויף אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז ד״ר שאַצקי איז וואַרשיינלעך קיין שום עטישן פאַרברעכן נישט באַגאַנגען, און אַז מען טשעפּעט זיך צו אים אומזיסט.״

***

איך בין מודה, אַז אין אַלגעמיין האָט כ״ץ איבערגעגעבן דעם תמצית פון מיין אַרויסטריט גאַנץ ריכטיק, הגם אין אַזאַ אומפּריינטלעכן טאָן. אָבער אין זיין אַרטיקל זענען דאָ צוויי אומפּינקטלעכקייטן: 1. — מיין אַרויכטריט איז נישט געווען פון דער העלער הויט. ס׳איז געווען ביי דער געלעגנהייט, וואָס דער ניו־יאָרקער יידישער „פּען״־קלוב האָט שאַצקין גערופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַ ייוו״אָ־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, פון וואַנען ער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקערט און ווו ער האָט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע רעדוצירט צו אַ צוויי־דריי נעמען. איך האָב דעריבער געפרעגט, פאַרוואָס יידישע שרייבערס זענען אַזוי סענסיטיוו בעת

ס׳האַנדלט זיך מכּוח ליטעראַטור און זיי ווייזן נישט אַרויס קיין שום פּאַראינ־טערעסירונג אין עטישע זינד.

2. — איך האָב נישט געמאַכט קיין שום באַשולדיקונגען קעגן שאַצקין. איך האָב אין מיין אַרטיקל, וואָס האָט געטראָגן די איבערשריפט: „פּאַרוואָס זוכט מען נישט אונטער די באַשולדיקונגען קעגן דעם ד״ר שאַצקין?״, אויפגעפאָדערט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, דער עיקר דעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אונטערצוזוכן די באַשולדיקונגען, קלאַנגען און חשדים, וואָס האָבן צירקולירט וועגן שאַצקין. דערביי האָב איך ציטירט צייטונגען, פּריוואַטע בריוו און שמועסן.

בעת איך האָב געמאַכט מיין אַרויסטריט קעגן שאַצקין, בין איך ביי זיך אַבסאָלוט זיכער געווען, אַז ער איז מאָטיווירט פון די ריינסטע עטישע — אָביעק־טיווע — מאָטיוון. אָבער פרויד איז מיט מיר נישט מסכּים. פרויד וויל האָבן, אַז דער אונטערבאַוווסטזיניקער מאָטיוו מיינער איז געווען — אָפּצוצאָלן שאַצקין פאַר זיין אַרויסטריט קעגן מיר, דער עיקר אפשר צוליב דעם, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט שוין געקענט האָבן דעם מינדסטן ספק, אַז איך בין נישט ד״ר מאַניס און אַז ס׳איז טאַקע דאָ אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען, וואָס האָט געשריבן די רעצענזיע אויף מיין בוך — האָט ער זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט. הגם איך ביר נישט קיין מאמין אין פרויד׳ס טעאָריעס, וועל איך אין דעם פּרט זיך מיט אים נישט דינגען. אפשר...

איך מאַך דאָ אַ קאָנצעסיע פרוידן אויך צוליב דעם, וואָס מיר אַליין איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אַ ריכטער פון אַן אויספאָרשונגס־געריכט, אָדער ערן־געריכט, מכּוח אַן ענלעכער באַשולדיקונג ווי די, וואָס ס׳איז געמאַכט געוואָרן אויף שאַצקין.

געווען איז דאָס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין אַמעריקע איז גע־קומען דער יידיש־העברעיִשער זשורנאַליסט מ. פּ. זיידמאַן, איז ש. יאַנאָווסקי אַרויס אין דער „פ. אַ. ש.״ מיט דער באַשולדיקונג, אַז זיידמאַן האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן, געדינט זיי, שפּיאָנירט פאַר זיי. זיידמאַן האָט זיך געווענדט צום דעמאָלט נאָך יונגן י. ל. פרץ שרייבער־פאַריין מיט אַ פאָדערונג „צוצוציִען יאַ־נאָווסקין צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט״. די ווענדונג איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע, דעם פאַריינס ערשטע עקזעקוטיווע, פון וועלכער איך בין געווען אַ מיטגליד. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אויספאָר־שונגס־קאָמיטעט פון פינף מיטגלידער: יוסף מאַרגאָשעס, חנן י. מיניקעס, ח. גאָ־טעספעלד, ש. יודסאָן און איך.

ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דריי זיצונגען — מיט ש. יאַנאָווסקין און זייד־מאַנען — צוויי אין יוסף מאַרגאָשעס׳עס היים און איינע ביי מיר, אין מיין בחורשן

צימער, אין וויליאַמסבורג. יאַנאָווסקי האָט כסדר איבערגעחזרט די זעלביקע טענות וועגן חשדים, אָבער קיין שום פאַקטישן באַווייז האָט ער נישט געהאַט. איך האָב זיך באמת געוווּנדערט ווי אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג קומט אַרויס מיט אַזאַ שווערער באַשולדיקונג קעגן אַן אָנגעזעענעם זשורנאַליסט אויפן סמך פון סתם חשדים. דער אונטערזוכונגס־קאָמיטעט האָט דעריבער בהסכם כולם ריינגעוואַשן זיידמאַנען, אויסגעמוסרט יאַנאָווסקין און אים „פאַרמשפּט" צו פאַר־עפנטלעכן אין דער „פ. אַ. ש." סיי אונדזער דערקלערונג, סיי אַן אַנטשולדיקונג צו זיידמאַנען. זיידמאַן האָט אונדז באַדאַנקט און — דערמיט האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט. זיידמאַן איז העכסט צופרידן געווען.

שאַצקי וואָלט אויך געדאַרפט צופרידן זיין, וואָס צוליב מיין אַרויסטריט — און איך באַטאָן נאָכאַמאָל, אַז ס׳איז נישט געווען קיין באַשולדיקונג, נאָר אַן אויפפאָדערונג צום ייִוואָ, אונטערצוזוכן די קלאָגנגען און אָנצוהערעניש — אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אין אייראָפּע, וועלכע איך האָב ציטירט — וועגן זיין טעטיקייט אין פּוילן — האָבן זיך אָפּגעשטעלט די מעשיות וועגן אים. אָבער שאַצקי האָט נישט געהאַנדלט ווי זיידמאַן און ער האָט זיך אויך נישט, ווי ער, צופרידנגעשטעלט מיטן פּסק־דין פון אויספאָרשונגס־קאָמיטעט, ווי מיר וועלן דאָס זען.

פאַרוואָס מען האָט קעגן שאַצקין אַרויסגעבראַכט אַזעלכע חשדים — פון וואַרשעווער „היינט" ביז פּראָפ׳ זאַרעצקין אין „אָפּן ווייסנשאַפטלעכן פּראָנט" (פון ייִדסעקטאָר ביי דער ווייסרוסישער אַקאַדעמיע, 1932) — נעם איך זיך נישט אונטער צו זאָגן, אפשר דערפאַר, וואָס די פּוילישע ייִדן, נאָר־וואָס אַרויס פון דער צאַרישער הערשאַפט, אונטער וועלכער קיין ייִד האָט אפילו נישט געקענט זיין אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ באַן, האָבן זיך נאָך נישט געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ייִדן זאָלן פאַרנעמען מלוכה־אַמטן. שאַצקי איז געווען רעפערענט פאַר ייִדישע ענינים ביים פּוילישן אויסלענדישן מיניסטעריום. דערצו איז עס געווען בימי די טרויעריקע עקסצעסן (ווי מען האָט איידל גערופן די פּוילישע פּאָגראָמען) אויף ייִדן — האָט מען אַוודאי געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף ייִדן, וואָס האָבן געדינט ביי אַזאַ רעגירונג.

וואָלט שאַצקי געווען אַ וואַרעמער ייִד, וואָלט מען אפשר אויסגעטייטשט, אַז ער האַלט אַן אַמט ביי דער רעגירונג, כדי צו טון — אָדער כאָטש באַמיִען זיך צו טון — טובות פאַר ייִדן. איז אָבער שאַצקי נישט קיין וואַרעמער ייִד, דערצו איז ער דער מחבר פון אַ פּוילישער בראָשור וועגן „קאָסציושקאָ און די ייִדן" (אַרויסגעגעבן פון די ייִדן־פּאַליאַקן, וואַרשע, 1917), וווּ ער ווייזט אַרויס אַסימי־לאַטאָרישע טענדענצן, באַשליסט שוין דער און יענער, אַז אַן אַנדער פּוילישע

א. אַלמי

בראָשור, אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישע, פון פּ. שאַצקי, איז אויך פון אים געשריבן. דאָס, וואָס זיין נאָמען איז גאָר יאַקאָב און יענער שרייבער איז פּ. — דאָס איז קיין אָפּהאַלט נישט. און אַזוי ווי שאַצקי איז אַן אַרומרייסער, שושקעט מען זיך. און אַזוי ווערן געבוירן חשדים, מעשיות.

***

ענדלעך האָב איך דערהאַלטן פון ייִוו״אָ די מעלדונג, אַז אַן אונטערזוכונגס־קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן. אין בריוו, געשיקט רעגיסטרירט, ווערט געזאָגט:

געזעלשאַפט: פריינד פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

ניו־יאָרק, 28סטער אָקטאָבער, 1935

חשובער פריינד אַלמי,

אין פאַרבינדונג מיט אייער אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ דעם 11טן אָקטאָבער, 1935, אונטערן „קעפּל״: „פאַרוואָס זוכט מען ניט אונטער די באַשולדיקונגען קעגן דעם ד״ר שאַצקי?״, האָט די עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל פון „ייִוואָ״ אויף איר זיצונג, שבת דעם 19טן אָקטאָבער, אויפן פאַרלאַנג פון ד״ר שאַצקי, פאַרהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע און באַשלאָסן די באַשולדיקונגען צו אונטערזוכן.

די עקזעקוטיווע האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון 5 חשובע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס שטייען מחוץ דער עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל, וועלכער וועט זיך מיט דער אונטערזוכונג פאַרנעמען.

דער ספּעציעלער קאָמיטעט באַשטייט פון: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, דוד פּינסקי, יוסף באַסקין, ב. צ. גאָלדבערג און א. מראַטשני.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך, איר זאָלט קומען צו אַ זיצונג פון דעם קאָמיטעט און מיטברענגען אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר דער אונטערזוכונג.

ווי נאָר מיר וועלן דערהאַלטן אייער תשובה וועלן מיר באַשטימען אַ זיצונג פון דעם קאָמיטעט.

מיר בעטן אייך ניט צו פאַרציִען אייער ענטפער, ווייל מיר ווילן דערליידיקן דעם ענין וואָס שנעלער.

מיט פריינטלעכע גרוסן
פאַרן אינסטיטוט:
נ. פיינערמאַן, סעקרעטאַר.

די אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום „ענין אַלמי־שאַצקי״, ווי דאָס איז באַצייכנט געוואָרן, איז געווען אַ פּיינלעכע, אַ טיף־דערשיטערנדיקע פאַר מיר — אַזוי דערשיטערנדיק, אַז חדשים לאַנג נאָך דער דערליידיקונג פון דעם „ענין״, האָב איך נישט געקענט נעמען די פעדער אין האַנט אַריין. פאַר אַ סך קאָלעגן און געזעלשאַפטלעכע טוערס איז דאָ כלל נישט וויכטיק געווען דער עצם־הענין, ווער ס׳איז דאָ גערעכט, אָדער אומגערעכט — גערעכט איז דער, מיט וועמען איך בין חבר־לאַפּ, פערזענלעך, אָדער געזעלשאַפטלעך פאַרבונדן — און קיין פאַרשונגען־שמאַרשונגען זענען לחלוטין נישט נייטיק.

אָט זענען צוויי ביישפּילן פון דערדאָזיקער מאָדנער — און פאַר מיר, דעם געזעלשאַפטלעך־אומעטיקן — איבערראַשנדיקער באַציִונג:

זלמן רייזינען האָב איך געקענט נאָך פון די יאָרן, איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. שפּעטער האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אויף זיינע באַזוכן אין אַמעריקע און צענדליקער יאָרן האָבן מיר געפירט צווישן זיך אַ פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ. ווען ער האָט מיך איינמאָל פאַרבעטן מיטצואַרבעטן מיטן ייִוואָ אין אַמעריקע, האָב איך אים געענטפערט, אַז ערשטנס בין איך נישט קיין טוער; צווייטנס וואָלט איך סיי־ווי נישט געאַרבעט מיט שאַצקין, איידער מען אונטערזוכט נישט די מעשיות וועגן אים.

אויף דעם האָט מיר ז. רייזין געענטפערט — נישט אָנרופנדיק שאַצקי׳ס נאָמען: „איר זענט פאַראַנטוואָרטלעך וואָס צו דער אַרבעט זענען נישט צוגעצויגן געוואָרן די פּאַסיקע מענטשן. פאַרפאַלן! ביי אונדזער דלות מוז שוין זיין אַזוי, אַז ווער ס׳האָט דעם שטאָק גענומען, יענער איז קאַפּראַל״.

אָט־דעם ציטאַט פון ז. רייזינ׳ס בריוו האָב איך געבראַכט אין מיין אַרטיקל וועגן שאַצקין, נישט אָנרופנדיק רייזינס נאָמען. איך זאָג בלויז, אַז דאָס האָט מיר געשריבן איינער פון די פירער פון ייִוואָ אין ווילנע.

ווען איך בין געקומען צו דער ערשטער זיצונג פון אונטערזוכונגס־קאָמיטעט, האָט דער פאָרזיצער, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, פאָרגעלייענט אַ בריוו פון זלמן רייזינען — אַן ענטפער אויף אַן אָנפראַגע, וואָס דער אַמעריקאַנער ייִוואָ האָט ביי אים געמאַכט, נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון מיין אַרטיקל. אין זיין בריוו לייקנט רייזין, אַז עמעצער פון די ווילנער ייִוואָ־טוער האָט ווען־ס׳איז אַזוינס געשריבן צו מיר וועגן שאַצקין... דערביי רופט ער אויס: „וואָס האָט דער הער אַלמי געטון פאַרן ייִוואָ!״ לויט דעם קומט אויס, אַז בלויז דערפאַר, וואָס „דער הער אַלמי״ (פון זיין שטענדיקן „ליבער אַלמי״ איז מיטאַמאָל געוואָרן „דער הער אַלמי״) האָט גאָרנישט געטון פאַרן ייִוואָ, האָט ער קיין רעכט נישט געהאַט אַרויסצוקומען מיט אַזאַ אַרטיקל וועגן שאַצקין... באַלד ווי ד״ר זשיטלאָווסקי האָט

געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָב איך פאַר אים אַוועקגעלייגט „יענעם" בריוו: רייזינ'ס, וווּ ער שרייבט וועגן שאַצקין די פריִער־ציטירטע ווערטער. דער פאַר־זיצער לייענט־פאַר אויך אַט־דעם בריוו און, מיט קענטיקער אויפרעגונג, פסקנט ער, מיט דער הסכמה פון די אַנדערע קאָמיטעט־מיטגלידער, אַז ביידע בריוו ווערן געפּסלט...

אָבער ביי מיר אין קעשענע איז געלעגן נאָך אַ בריוו רייזינ'ס (ווילנע, 1טער דעצעמבער, 1935), אַן ענטפער אויף מיינס אַ בריוו צו אים, וווּ איך דערמאָן אים, אַז דער ווילנער יִוואָ"אַ־טוער, וואָס זיינס אַ בריוו ציטיר איך אין מיין אַרטיקל, איז טאַקע ער — ז. רייזין. מיין בריוו האָט ער, ווייזט־אויס, באַקומען נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אַוועקגעשיקט זיין ענטפער צום אַמעריקאַנער יִוואָ"אַ...
אין זיין ענטפער אויף מיין בריוו שרייבט ער צווישן אַנדערעס:

„אייער בריוו איז מיר אָנגעקומען גראָד ווען איך האָב זיך גע־קליבן אָנשרייבן אַן אַרטיקל קעגן אייער אומדערלאָזלעכן אָנפאַל אויף ד"ר יעקב שאַצקי. — ד"ר יעקב שאַצקי איז איינער פון אונ־דזערע וויכטיקסטע מענטשן, אַקטיוו, מיט וויסן, מיט פאַרנעם, און דער עיקר — איבערגעגעבן מיט ליב און לעבן דער יִדישער קול־טור און וויסנשאַפט". אאַז"וו, א"וו.

***

און דער צווייטער ביישפּיל:

יוסף באַסקין, גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אַרבעטער־רינג", וועלכער האָט אָנ־גענומען צו זיין אַ מיטגליד פון אונטערזוכונגס־קאָמיטעט, קומט אַריין צו דער ערשטער זיצונג. ער באַגריסט זיך מיט אַלעמען, אַ חוץ מיט מיר, ווען ער וואַרפט־צו אַ בייזן בליק. ער כאַפּט שנעל אַ קוק אויפן אויסשניט פון מיין אַרטיקל אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", וואָס ליגט אויפן טיש, לויפט עס שנעל איבער מיט די אויגן און, נישט פרעגנדיק זיך, צי ס'זענען דאָ נאָך אַנדערע דאָקומענטן, אָדער עדות, שרייט ער אויס: „אַט דאָס אַלץ?!" און ער לאָזט זיך מיט אימפּעט צוריק צו דער טיר. ד"ר זשיטלאָווסקי כאַפּט אים אָן ביי אַן אַרבל און זאָגט אים העפלעך: „פריינד באַסקין, איר האָט אָנגענומען צו זיין אַ מיטגליד פון פאַרש־קאָמיטעט. זייט־זשע מוחל, טוט זיך אויס דעם מאַנטל און זעצט זיך אַנידער". באַסקין האָט אַזוי געטון.

נאָך איידער, הייסט עס, ער האָט אַפילו אָנגעקוקט מיין אַרטיקל, איז ער שוין געווען אין כעס אויף מיר... און ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטון אויפן אַרטיקל, איז ער שוין פאַרטיק געווען מיט זיין אורטייל. אַט־די שטעלונג פון קאָלעגן און

געזעלשאַפטלעכע טוערס האָט מיך פאַרווונדערט און פאַרווונדעט. מען איז מיך באַפאַלן פון אַלע זייטן, נאָך איידער מען האָט זיך באַקענט מיט די פאַקטן, איידער מען האָט נאָך אַן אויספאָרשונג געקענט באַווייזן, אַז די חשדים אויף שאַצקין זענען פאַלש. י. אָפּאַטאָשו, אַן עדות אויף שאַצקי׳ס זייט, האָט אויף די זיצונגען גע־שטורעמט, געוווען מלא־רציחה אויף מיר. פון מיין זייט איז געקומען איין עדות, ש. ערדבערג, וועלכער האָט אויך געהערט די מעשיות וועגן שאַצקין, דער עיקר פון הערמאַן בערנשטיין, ערשטער רעדאַקטאָר פון „טאָג" און שפּעטערדיקער אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין אַלבאַניע (געשטאָרבן אַ שטיקל צייט פאַר דעם „ענין אַלמי־שאַצקי").

די אַנדערע עדות מיינע — דאָס הייסט יענע, וועלכע האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אויך געהערט וואָס הערמאַן בערנשטיין האָט דערציילט — אין פאַר־בינדונג מיט זיין, בערנשטיינ׳ס באַזוך אין פוילן נאָך די „עקסצעסן", — זענען נישט געקומען. איינער פון זיי, מיין לאַנג־יאָריקער פריינד, דער פובליציסט דוד דרוק ע״ה, האָט מיר געמאָלדן אין אַ קאָרטל, אַז גראָד דעמאָלט האָט ער געמוזט פאָרן אויף וואַקאַציע קיין לייקווּד; און אַן אַנדער עדות, ד״ר יהושע בלאָך, האָט מיר געמאָלדן, אַז זיין קינד איז קראַנק געוואָרן.

נאָך עטלעכע זיצונגען האָט דער קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אין דער ייִדי־שער פּרעסע אַזאַ דערקלערונג:

דערקלערונג פון קאָמיטעט וועגן די באַשולדיקונגען פון א. אַלמי*) קעגן ד״ר יעקב שאַצקי

אויף דער איניציאַטיוו פון אַמאָפּטייל פון ייִוו"אָ איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפט אויס־הערן ביידע צדדים, דעם באַשולדיקער און באַשולדיקטן, אונטערזוכן אַלע קלאַגעס און דאָקומענטן און אַרויסטראָגן אַן אורטייל. נאָכדעם ווי דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר זיצונגען, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

דער ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן צו אורטיילן וועגן די באַשולדיקונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון א.

---

*) פרייגט מראַטשני האָט פאַרלאַנגט, אַז אין די פּונקטן (ב) און (ג) זאָל זיךריידן אין אַלגעמיין וועגן די חשדים, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף ד״ר שאַצקין און אַלמי׳ס נאָמען זאָל פון זיי אַרויסגעלאָזן ווערן.

אַלמי קעגן ד״ר יעקב שאַצקי אין דעם „וואָכנבלאַט״, האָט אויסגעהערט געניי אַלע חשדים און קלאַגעס, וואָס א. אַלמי האָט פאַרעפנטלעכט קעגן ד״ר יעקב שאַצקי, האָט אויך אויסגעהערט עדות און נאָכגעקוקט אַלע מעגלעכע דאָקומענטן אין פאַרבינדונג מיט אָט די חשדים און איז גע־קומען צו דעם פאָלגנדיקן באַשלוס:

א) אַז די אַנטיסעמיטישע בראָשורע, געשריבן אין פויליש פון פּ. שאַצקי, איז ניט געשריבן געוואָרן פון ד״ר יעקב שאַצקי. עס איז פעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז דער באַטרעפנדער פּ. שאַצקי איז אַ מיטגליד פון דער פויליש־היסטאָרישער געזעלשאַפט אין ווילנע און אַז ער איז דאָס דער מחבר פון דער אויבן־דערמאָנטער בראָשורע.

ב) עס איז ניטאָ קיין שום גרונט אין די אַנדערע חשדים און קלאַג־געס, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון א. אַלמי, סיי אין זיין אַרטיקל אין דעם „וואָכנבלאַט״ און סיי אין זיין פּערזענלעכן אויפטריט פאַר דעם ספּעציעלן קאָמיטעט.

ג) דער קאָמיטעט דריקט אויס זיין גרויסן פאַרדרוס און טיפסטן באַדויערן, וואָס אַ שרייבער האָט זיך דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן אַזעל־כע חשדים און קלאַגעס קעגן אַ קאָלעגע, נישט האָבנדיק דערויף קיין שום באַווייזן און קיין שום גענוגנדיקן גרונט.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי,
יוסף באַסקין,
ב. צ. גאָלדבערג,
מ. מראַטשני.

ווי ס'איז צו זען האָט בלויז מ. מראַטשני (דעמאָלט דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״) פאַרלאַנגט, אַז אין דער דערקלערונג פון אונטער־זוכונגס־קאָמיטעט זאָל זיך ריידן וועגן חשדים בכלל און נישט וועגן „מיינע באַשולדיקונגען״ — ווייל איך האָב אין מיין אַרטיקל, ווי פריִער באַטאָנט, נישט געמאַכט קיין שום באַשולדיקונגען, נאָר אויפגעפאָדערט דעם יִדיש־וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט, אַז ער זאָל אונטערזוכן קלאַגעס און חשדים, וואָס זענען וועגן שאַצקין פאַרשפּרייט געוואָרן פון אַנדערע אין משך פון יאָרן. אָבער איך האָב אָנגענומען — אָן פּראָטעסט — די דערקלערונג פון קאָמיטעט (דוד פּינסקי, וועל־כער האָט געזאָלט זיין איינער פון די מיטגלידער, האָט זיך צוריקגעצויגן) הגם דער טעקסט אין דער פּרעסע איז נישט געווען געניי ווי דער נוסח, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער לעצטער זיצונג. אָבער איך בין העכסט צופרידן

געווען, וואָס די אומאָנגענעמע אַפּערע האָט זיך פאַרענדיקט. אַלע זענען זיכער געווען, אַז אויך שאַצקי וועט צופרידן זיין, וואָס אַ דאַנק מיין אַרויסטריט האָט ער געהאַט די געלעגנהייט אַראָפּצוטרייסלען פון זיך די אַלע חשדים, וואָס האָבן צירקולירט וועגן אים.

אָבער שאַצקי האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט... דעם 15טן מאַי, 1936, האָב איך באַקומען אַ „סאַמאָנס" — אַ מעלדונג פון העכסטן געריכט, אַפּטיילונג פאַר דעם בראָנקסער געביט, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, אַז יעקב שאַצקי פאַר־קלאָגט מיך אויף דער קיילעכיקער סומע פון 100.000 (הונדערט טויזנט) דאָלער שאָדן־פאַרגיטיקונג פאַר — „פאַרלוימדונג"...

איך האָב באַלד טעלעפאָנירט ד״ר זשיטלאָווסקין, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט ביי זיין פריינד אהרן סטעף אין בראָנקס, און אים דערציילט וועגן דעם. ד״ר זש. האָט מיך חושד געווען, אַז איך שפּאַס, בין איך אַראָפּגעפאָרן צו אים און אים געוויזן די געריכט־מעלדונג. ד״ר זש. איז געוואָרן אויסער זיך פון אויפ־רעגונג: „דאָס איז אַ שפּיי אין פּנים דעם גאַנצן אונטערזוכונגס־קאָמיטעט!" — האָט ער אויסגערופן. „אויב ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אונדז, אויף אונדזער משפט, פאַרוואָס איז ער נישט גלייך געגאַנגען צום מלוכהשן געריכט?"

ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז שאַצקי האָט מיך פאַרקלאָגט אויף 100.000 דאָלער, האָט עס אַרויסגערופן אַן אויפריר אין די ליטעראַרישע קרייזן. אַלע האָבן רעאַגירט דערויף, ווי ד״ר זשיטלאָווסקי. אַפילו ד״ר א. מוקדוני, וועלכער איז זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מיר פאַר מיין אַרטיקל וועגן שאַצקין, איז געווען אויפגעבראַכט. פאַר אַנדערע קאָלעגן איז עס געוואָרן אַ גוטע טעמע פאַר קיבעץ און הלצה — און ס'איז דאָך באמת געווען אַ גוטער וויץ — אַ יידישער שרייבער ווערט פאַרקלאָגט אויף אַ סומע פון הונדערט טויזנט דאָלער...

איך בין זיך מודה, אַז די נייע צרה האָט מיך שטאַרק צעטודערט, נישט דערפאַר, פאַרשטייט זיך, וואָס כ'האָב מורא געהאַט, אַז שאַצקי וועט ביי מיר צו־נעמען הונדערט טויזנט, צי אַפילו צען טויזנט דאָלער, נאָר צוליב גאַנץ אַנדערע טעמים. ערשטנס דאַרף איך גלייך אַריינלייגן אַ שיינע סומע געלט פאַר אַן אַדוואָקאַט און אַנדערע הוצאות, — אַ זאַך, וואָס ס'איז פאַר מיר זייער שווער געווען; צווייטנס — און דאָס איז געווען דער עיקר — האָב איך מורא געהאַט, אַז ווען די זאַך וועט דערגיין צו פּראָצעסן, מיין פרוי, וואָס אירע נערוון זענען שוין דעמאָלט געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז דער מינדסטער פונק האָט געקענט אויפרייסן דעם פּולווער־פאַס, וועט עס זיך פאַרענדיקן זייער טרויעריק. צום גליק האָט זי, אין איר שווערן געמיט־צושטאַנד, נישט אַריינגעקוקט אין קיין יידישער צייטונג און חוצדעם האָב

איך געבעטן ביי די אַלע, וואָס האָבן זיך מיט איר באַגעגנט, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן פאַר איר מיט אַ וואָרט.

דאָך האָב איך געלעבט אין איין שרעק, אַז זי זאָל נישט געוואָר ווערן. איך פאַנטאַזיע האָט אַזוי געאַרבעט, אַז ווען זי וועט עפּעס וועגן דעם ענין, וואָלט זי זיך שוין אויסגעמאָלן, ווי מען שמידט מיך אין קייטן און מען זעצט מיך אויף דעם „עלעקטרישן שטול". צום גליק האָט זי קיינמאָל נישט אויסגעפונען. און נאָכ־דעם ווי איך האָב דעם ענין איבערגעגעבן דעם אַדוואָקאַט סעמועל מאַרקאָוויטש, אַ געוועזענער געהילף־פּראָקוראָר, וועמען איך האָב גוט געקענט, איז שנעל געקו־מען צו אַן אויסגלייך — אויסערן געריכט. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ סומע פון 200 דאָלער, וואָס איך האָב באַצאָלט שאַצקי׳ס אַדוואָקאַט, פאַר האָנאָראַר און אויסגאַבן, און מיט אַ דערקלערונג אין דער פּרעסע, ווו איך דריק אויס באַדויערן פאַר מיין אַרטיקל אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט".

אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָב איך, ווי פריִער דערציילט, ממש נישט געקענט נעמען די פעדער אין האַנט אַריין אויס טיפער פאַרביטערונג, נישט צו־ליב דעם עצם ענין, נאָר צוליב דער פאַרגיפטעטער אַטמאָספערע אַרום דעם ענין.

דער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין גאָט...

אין דער מיטאָלאָגיע ווערט דערציילט וועגן געטער, וואָס זענען געוואָרן מענטשן, אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד אין אַ מענטשלעך געשטאַלט, כדי אויסצולייזן די וועלט, ווערן אַ כפרה פאַר דעם זינדיקן בשר־ודם.

איבערהויפּט די מיטאָלאָגיעס פון אינדיע זענען פול מיט אַזעלכע מענטש־געטער, אָדער גאָט־מענטשן. קרישנאַ — אָדער קרישנאַ־אַוואַדאַטאַ, אויך שרי־קרישנאַ — איז געווען אַזאַ מענטש־גאָט. אַזעלכע מענטש־געטער זענען אויך געווען ווישנו און קאַלקי־אַוואַדאַטאַ. אויך בודאַ ווערט פון געוויסע בודיסטישע סעקטעס באַטראַכט פאַר אַ גאָט, וואָס איז אויף אַ צייט געוואָרן אַ מענטש. בודאַ גאָטאַמאַ, דער שעפער פון אַ פאַנטעאיסטישער סיסטעם, וווּ ס׳איז — ווי ביי ספּינאָזאַן מיט איבער צוויי טויזנט יאָר שפּעטער — נישטאָ קיין פּערזענלעכער גאָט, נאָר אַלץ איז איינס, אַלץ איז גאָט און גאָט איז אַלץ — ער אַליין איז „געזאַלבט געוואָרן" פאַר אַ גאָט...

יעזוס איז, אייגנטלעך, אַ קאָפּיע פון קרישנאַן, אָדער פון די אַנדערע מענטש־געטער — סיי לויט זייער ניסימדיקער געבורט, סיי לויט זייערע לערעס. יעזוס, ווי שאול איש תרשיש האָט אים באַשאַפן, איז מער הינדו, ווי ייִד. טייל פאָרשערס האָבן דעריבער אַרויסגערוקט די השערה, אַז יעזוס אַליין איז געווען אַן אָנהענגער פון בודיזם, אָדער פון איינער פון די אַנדערע בודיסטישע רעליגיעס. ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז שוין אַ הונדערט יאָר פאַר יעזוס׳עס געבורט האָבן אינדישע מיסיאָנערן אָנגעשפּאַרט אין אַלעקסאַנדריא של מצרים און אין — קאַווקאַז. אויב יעזוס אַליין איז נישט געווען קיין תלמיד פון אינדישער חכמה — האָט אים שאול, אָדער פּוילוס, געמאַכט פאַר אַזעלכן. דאָס הייסט, אַז ישו איז אַן איבערזעצונג פון סאַנסקריט, אָדער פּאַלי...

מיין פריינד ד״ר ב. דובאָווסקי, וואָס ער האָט, אונטערן פסעוודאָנים בען־דזשאַמין דאַניעל, פאַרעפנטלעכט אַ זייער־וויכטיק ווערק וועגן קריסטנטום: „דזשיזוס, דזשוס ענד דזשענטאילס״ (יעזוס, ייִדן און גוייִם), האָט פאַר מיר, אין אַ שמועס, אויסגעדריקט די מיינונג, אַז ס׳זענען געווען צוויי יעזוסעס: איינער, דער ייִד ישו, וואָס ער האָט געלעבט און געשטאָרבן — טאַקע אויפן קרייץ — ווי אַ פרומער, געטרייער ייִד; און דער אַנדערער — שאול׳ס איבערזעצונג פון אינדישן קרישנאַ... די פראַגע איז, נאַטירלעך, צי ס׳איז באמת געווען אַזאַ געשטאַלט, ווי יעזוס, אַפילו איינער, אָדער ער איז דורכויס די שאַפונג פון שאול׳ס פאַנטאַזיע...

יעזוס, ווי קרישנאַ, ווי ווישנו, ווי בודאַ און ווי קאַלקי־אַוואַדאַטאַ, דאַרפן נאָכאַמאָל דערשיינען אויף דער ערד, אין אַ ניי מענטשלעך געשטאַלט, כדי ענד־גילטיק און פולשטענדיק אויסצולייזן די וועלט, צו ברענגען גאָט׳ס קיניגרייך אויף דער ערד. און דאָ קום איך צו קרישנאַמורטין, דעם מענטש, וואָס האָט געזאָלט און געוואָלט ווערן אַ גאָט; דער מענטש, וואָס איז, לויט דעם גלויבן פון זיינע אַנהענגער — טאַקע גאָט, אין אַ מענטשלעכן קערפער. אָבער קרישנאַמורטי האָט צום סוף חרטה געקריגן און באַשלאָסן צו פאַרבלייבן — אַ מענטש. אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָבן גורם געווען זיין באַשלוס, וואָס האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון ווערן אַ גאָט, — וויל איך דערציילן וועגן אים.

שוין זיין נאָמען — קרישנאַמורטי — איז אַן אָנדייט אויף זיין אָפּשטאַם, אַז ער איז אַ גלגול פון קרישנאַן — קרישנאַ אין אַ נייער מענטשלעכער אויפלאַגע... קרישנאַמורטי, אָדער ווי זיין פולער נאָמען איז: דזשעדי קרישנאַמורטי — איז פון זיין פריִער קינדהייט אָן צוגעגרייט געוואָרן צו זיין געטלעכער שליחות — אויסצולייזן די וועלט. ד״ר אַנאַ בעזאַנט, די באַגאַבטע ענגלישע שריפטשטעלערין, אַ געוועזענע מאַרקסיסטין, אַ מיטגליד פון דער באַרימטער פאַביאַן־געזעלשאַפט אין לאָנדאָן, אַ נאָענטע פריינדין פון דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו, — זי, וועלכע איז, אַן אַנטוישטע אין מאַרקסיסטישן מאַטעריאַליזם, אַריבער צו טעאָסאָפיע און מיסטיציזם, האָט אויף זיך גענומען דעם אויפגאַב צו דערציִען קרישנאַמורטין אין די געטלעכע דרכים.

כדי צו פאַרזיכערן אַ פולע הצלחה פאַר קרישנאַמורטי׳ס שליחות, האָט זי געזען, אַז די לערערס, וואָס זי, ד״ר בעזאַנט, האָט פאַר אים אָנגעשטעלט, זאָלן אים לערנען נישט בלויז די וועגן פון גאָט, נאָר אויך די וועגן פון דעם מענטש. בעת טייל לערערס האָבן זיך מיט אים פאַרטיפט אין מיסטיציזם, מיטאָלאָגיע, אַלטער חכמה, האָבן אַנדערע לערערס אים געלערנט אייראָפעיִשע שפראַכן, מוזיק, טאַנצן, שפילן טעניס. דער מענטש־גאָט טאָר ניט זיין קיין בטלן. ער דאַרף זיך קענען צונויפקומען מיט אַלע סאָרטן מענטשן און אויף זיי ווירקן. פאַרוואָס מען דאַרף

איינעם, וואָס איז גאָט׳ס פאַרקערפּערונג, לערנען — דאַרף דאָך אַ גאָט, דער גלגול פון קרישנאַן, אַליין אַלץ קענען און אַלץ וויסן — דאָס איז אַ רעטעניש, וואָס איך נעם זיך נישט אונטער צו פאַרענטפערן.

עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ד״ר אַנאַ בעזאַנט, די פירערין פון דער טעאָסאָפּישער וועלט־באַוועגונג, ענדלעך קרישנאַמורטין עפנטלעך פּראָקלאַמירט אַלס דעם גואל־המשיח, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד אויסלייזן די וועלט. דאָס איז פאַרגעקומען אויף אַ פייערלעכער צערעמאָניע אין דער הייליקער אינדישער שטאָט דעלהי. נאָר עפּעס האָט די מענטשהייט, די פּאַרזונקענע אין מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן, אויפגענומען די דערשיינונג פון גואל־המשיח גאַנץ גלייכגילטיק. זי האָט זיך נישט אַ וואָרף געטון צו זיינע פיס, ווי אַנאַ בעזאַנט און אירע מיטאַרבעטער האָבן דערוואַרט. איז דאָ געשען דאָס אייגענע, וואָס צווישן מחמדן און דעם באַרג. אַז די מענטשהייט איז נישט געקומען צו קרישנאַמורטין, איז קרישנאַמורטי אַוועק צו דער מענטשהייט. קודם־כל איז ער געקומען קיין אַמעריקע. די רעקלאַמע, וואָס די טעאָסאָפּישע געזעלשאַפט האָט אים געמאַכט, איז געווען גרויס. אַ שיינער יונג איז ער געווען, איז געווען צו דערוואַרטן, אַז מיליאָנען מענטשן וועלן זיך אַ לאָז טון צו אים. אָבער מער ווי זיינע אייגענע אָנהענגער — און אַביסל נייגעריקע אַריסטאָקראַטישע דאַמען — זענען צו אים נישט געקומען. און קרישנאַמורטי אַליין האָט באמת געגלויבט אין זיך, אין זיין געטלעכקייט און אין זיין שליחות. דאָס איז צו זען פון זיינע שריפטן *).

אין זיין „תורה״ — „ביי די פיס פון דעם מייסטער״ **), וואָס איז אים דיקטירט געוואָרן פון הימל — זאָגט קרישנאַמורטי קיין נייעסן נישט. ס׳איז אַן איבערזאָגונג וועגן לייטערן זיך, גוטע מידות, פריינטשאַפט, ליבע, וואָס איז צו געפינען אין אַלע מאָראַל־לערעס. דער טאָן איז באמת אַ פרישער, אַ פיינער, נאָר נתפּעל ווערן איז נישטאָ פון וואָס און עס איז כלל נישט נייטיק, אַז אַזעלכעס זאָל דיקטירט ווערן פון אַן אַנדער וועלט. זיינע מאמינים זענען אָבער דערין נאָר גרויסע חדושים און זענען גרייט פאַר דעם צו שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער.

ס׳איז פונדעסטוועגן כדאי צו הערן, וואָס קרישנאַמורטי אַליין האָט וועגן זיך געהאַט צו זאָגן, ווי ער אַליין „נעמט זיך״. גענוג איבערצולייענען זיין צווייטע שריפט „דהי פּאַטה״ (דער וועג), כדי זיך איבערצוצייגן, אַז ער האָט זיך באמת באַטראַכט ווי דער משיח, דער וועלט־דערלייזער. ער האָטווירקלעך געגלויבט,

---

*) זע מיין לענגערע עסיי „פון בודאַ ביז לענין״ אין מיין בוך „מענטש און וועלט״, וואַרשע, 1928.

**) J. Krishnamurti, At the Feet of the Master.

אַז ער האָט שוין געלעבט אַ סך לעבנס אויף דער זינדיקער וועלט. ער איז דאָס געווען נישט נאָר קרישנאַ, נאָר אויך בודאַ און ער איז דאָס געקרייצט געוואָרן פאַר יעזוסן. איצט איז ער ווידער געקומען צו ברענגען גאָטס וואָרט אויף דער וועלט. די דאָזיקע שריפט זיינע פאַרענדיקט ער מיטן אויסרוף: „איך בין גאָט!".

„איך האָב געפירט — שרייבט ער — אַ געלייטערט לעבן אין הסכם מיט די הייליקע דינים פון אַ סך פעלקער. איך האָב געטון דערהויבענע טואונגען, וואָס די וועלט האָט זיי געפּרייזט און געערט, און איך בין באַשאָנקען געווען מיט ערדישער גלאָריע. איך האָב קיינמאָל נישט געבויגן מיין בלוטנדיקן קאָפּ פאַר טרויער אָדער ליידנשאַפט און כ'האָב עולה־רגל געווען צו דער ערדס הייליקע ערטער. אָבער קיינמאָל און אין ערגעץ האָב איך נישט געפונען קיין דויערנדיקע באַקוועמלעכקייט. איך האָב געחלומט אין די טעמפּלען פון ננוה, בבל, מצרים און אין די געהייליקטע טעמפּלען פון הייליקן אינדיע. זייערע געטער האָב איך געדינט. זיך אָפּזאָגנדיק פון ערדישע פריידן, פאַרלייקנט פאָטער און מוטער, ווייב און קינד, געבראַכט קרבנות, גרויסע און קליינע, דערהויבענע און נישטיקע, מקריב געווען מיין גוף און מיין נשמה גופא — פאַרן ליכט, וואָס זאָל מיך פירן".

און ווייטער:

„אַ סך און פאַרשיידנאַרטיק זענען געווען מיינע דערפאַרונגען, מחשבות און עמאָציעס; אומצאָליקע ליידנשאַפטן, חיהשע און דערהויבענע, אייד׳עלע סימפּאַטיעס און גרויסע ליבעס, אַלערליי ליבעס, לויטערע און זעלבסטזיכטיקע. פיל סאָרטן תענוגים, פיינע גלאָררייכע געפילן, אַ סך הויכע אינטעליגענץ און נידעריקע חיהשקייט איז מיר אייגן געווען. דורך אַ סך דורות און דורך אַ סך יאָרהונדערטער, דורך פאַרשיידענע נאַציעס און ראַסן, דורך יעדער מעגלעכקייט בין איך דורכגעגאַנגען. איך בין דער צאָרן און דאָס אומענדלעכע רחמנות; די זינד און דער זינדער. איך בין דער געליבטער און די סאַמע ליבע גופא. איך בין דער הייליקער, דער פאַרערער, דער מתפלל און דער נאָכפאָלגער. איך בין גאָט!"

„איך בין גאָט!" — דאָס איז נישט סתם אַ מליצה, נאָר אַ טיפע איינגעגלויבטקייט אין זיך, דערמוטיקט פון די מאמינים, וואָס פאַררייסן העכט און אויגן צו אים, אין זייער בענקשאַפט נאָך אַ משיח, אַ דערלייזער. מיט אַזאַ דרייסטקייט וועגן זיך האָט אויך גערעדט דער נוצרי, וועלכער האָט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דעם נייעם טעסטאַמענט (מאַטיוס און יוחנן), ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געזאָגט אויף זיך: „איך בין דער זון פון גאָט, דער משיח". מיט אַזאַ זיכערקייט האָט גערעדט וועגן זיך שרי קרישנאַ, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער „בהאַגאַוואַד גיטא" (דאָס געזאַנג פון גאָט) — כמעט קרישנאַמורטי׳ס רייד — און קרישנאַמורטי איז דאָך, הייסט עס, טאַקע קרישנאַ אַליין...

חשבון און סך־הכל

איך בין דער גוטער זיסער ריח
פון דער דופטיקער ערד; איך בין דעם פייערס רויטע ליכט,
די לעבנסקרעפטיקע לופט, וואָס באַוועגט זיך
אין אַלץ, וואָס איז באַוועגלעך;
דער שורש, וואָס איז אומשטאַרבלעך;
די חכמה פון די חכמים, דאָס וויסן פון די לומדים;
דאָס גרויסקייט פון די גרויסע;
דאָס גרויסאַרטיקע פון די דערהויבענע.

אַ פאָרשער פון רעליגיעזע באַוועגונגען און קולטן, אָנשפּאַרנדיק כמעט אין יעדער רעליגיעזער גרופּע — מכוח וועלכע איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַר־טיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע און עטלעכע ביכער — בין איך, פאַרשטייט זיך, שטאַרק נייגעריק זיך צו באַגעגענען מיט קרישנאַמורטין. איך לייג־פאָר גדליה בובליקן, דעם רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט", צו האָבן אַן אינטערוויו מיט דעם אינדישן משיח, אָבער בובליק טרייסלט זיך אָפּ דערפון: „אונדזערע לעזער זענען נישט פאַראינטערעסירט אין עבודה־זרה"... בובליק האָט זייער מורא פאַר די אָרטאָדאָקסישע לייענערס פון „טאָגעבלאַט", איבערהויפּט פאַר די רבנים. איינמאָל האָב איך אים איינגערעדט אַן אינטערוויו מיט סער אָליווער לאָדזש, דעם גרויסן פיזיקער, וועלכער איז געווען דער פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ספּירי־טואַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער ווען איך האָב געהאַט דעם אינטערוויו און אָנ־געשריבן אַ לענגער אַרטיקל, האָט בובליק זיך דערשראָקן. ער האָט זיך מיישב געווען מיט רבנישע פריינד זיינע — און ס׳איז געבליבן בהסכם כולם, אַז — ניין. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט בובליק זיך געענדערט און מיך געלאָזט שרייבן אין „טאָגעבלאַט" וועגן ספּיריטואַליזם. אויך דער אינטערוויו מיט לאָדזשן האָט געקריגן זיין תיקון — אין וואַרשעווער „מאָמענט".

איך האָב זיך אָבער סיי־ווי באַגעגנט מיט קרישנאַמורטין — אויף אַ קבלת־פּנים פאַר אים, איינגעאָרדנט דורך דער „וואָרלד פעלאושיפּ אָוו פעיטס" (וועלט־חברשאַפט פון אמונות), פון וועלכער איך בין געווען אַ מיטגליד. ראַבינער סטיפן ס. וויז איז געווען איינער פון די וויצע־פּאַרזיצערס פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. מיין פריינד קעדאַר ג. דאַס־גופּטאַ, דער אינדישער געלערנטער און עקזעקוטיווער דירעקטאָר פון דער „פעלאושיפּ", האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם גאָט־משיח, קרישנאַמורטין, און דערביי אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג וועגן מיר, אַז איך בין אַ ייִדישער שרייבער און בין באַהאַוונט אין די רעליגיעזע און פילאָסאָפישע סיסטע־מען פון מזרח... מען עסט און מען טרינקט ווי ביי אַלע באַנקעטן. איך לאָז ניט אַראָפּ

די אויגן פון קרישנאַ׳ס גלגול. ער עסט ווי אַ מענטש און ער רעדט ווי אַ מענטש. נאָכן עסן — דער געוויינטלעכער קלאַפּ אין טיש, אַז דאָס „רוחניותדיקע" — דאָס רעדעריי — הייבט זיך אָן. דאָס־גופאַ איז דער פּאָרזיצער. קודם לייענט ער פּאָר טעלעגראַמעס פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן, ליידער, נישט געקענט קומען — צווישן זיי אַ טעלעגראַמע פון ד"ר סטיפן ס. וויז.

די רעדעס — די געוויינטלעכע, סקאַרבאָווע. ווען ס׳קומט ־עם ערנגאַסטס ריי, שטעלט ער זיך אויף — און אַלע שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער. דער גואל קריגט אַ שטורמישן אַפּלאָוז... אָנשטאָט אַ רעדע, זאָגט ער אַ תפילה — און אַלע זאָגן אים נאָך. צו וועמען איז גאָט מתפלל? צום סוף — אַלערליי פּראַגעס. ווען דער עולם צעגייט זיך, שאַר איך זיך צו צו קרישנאַמורטין און זאָג אים, אַז איך וואָלט וועלן האָבן אַ שמועס מיט אים — פאַר אַ ייִדישער צייטונג. דאָס איז געווען אַ בפירושער ליגן, מחמת בובליק, ווי איר ווייסט שוין, וויל נישט, אָבער דאָס אימפּאָנירט קרישנאַמורטין. אין צוויי טעג אַרום — אין אַן אָוונט — קום איך צו אים אין האָטעל. אָבער ער איז נישט אַליין. אַ גרופּע מענער און פרויען זיצט אַרום אים, אין שטילער פאַרערונג — צווישן זיי די באַרימטע אַמעריקאַנער טענצערין, רוט סט. דעניס, וועלכע איך קאָן פון פריִער, ווען זי האָט איבערגעגעבן אירע איינדרוקן פון אינדיע, אויף אונטערנעמונגען פון דער „וואָירלד פעלאָושיפּ אָוו פעיטס". מיט איר וווּנדער־שיין פּנים, ווייסע האָר און דינער פיגור, זעט זי אויס געטלעכער פון דעם מענטש־גאָט...

קרישנאַמורטי אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר. אין אַ פּופצן מינוט אַרום בלייבן מיר אַליין. ער הייבט דער ערשטער אָן ריידן. ער וויל וויסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, ייִדיש לעבן, ייִדישער רעליגיע. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז וועגן ייִדנטום, תורת־משה, ייִדישער עטיק, ווייס ער זייער ווייניק. אָבער ער ווייסט, אַז די ייִדן האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם נוצרי, הגם ער איז געווען אַ זון פון ייִדישן פאָלק. ער וויל גריילעך וויסן — פאַרוואָס... און אַזוי פאַרפירט זיך אומגעריכט אַ שמועס, וואָס איז אים — און זיין מיסיע — שטאַרק נוגע... איך דערקלער אים דעם ייִדישן שטאַנדפּונקט, וואָס קאָן בשום־אופן נישט אָננעמען אַזאַ ווילדן געדאַנק, אַז גאָט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מענטש, לעבט און שטאַרבט ווי אַ מענטש. איך באַקען אים, לויט מיינע כוחות, מיט דעם ייִדישן משיח־באַגריף — און איך פאַרגעס נישט אויף קיין איין רגע, אַז דאָס רייד איך צו איינעם, וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ גלגול פון גאָט, אַ משיח. פּלוצלינג הייבט ער זיך אויף. איך בין זיכער, אַז ער איז באַליידיקט און ער וויל מער נישט הערן. אָבער — ניין! — ער נעמט פון אַן אַנדער טישל אַ ביכל פּאַפּיר און מאַכט נאָטיצן...

די גאַנצע צייט, וואָס איך רייד, שלאָגט ער מיר נישט איבער. און ווען איך



ד״ר מ. וויינרייך און א. אַלמי — אויף דער שיף
„מאַדזשעסטיק״ — פון ניו־יאָרק קיין אייראָפּע
אין 1933.

שטעל זיך אָפּ, דיסקוטירט ער נישט מיט מיר. ער דריקט בלויז אויס אַ חשק זיך צו באַקענען נענטער מיטן יידנטום און ער בעט מיך אים צו רעקאָמענדירן ווערק אויף אָט־דער טעמע. איך לייג אים פאָר אַ ריי ווערק — צווישן זיי דעם רמב״ם, וואָס ס'איז נאָר דאָ אויף ענגליש — און ער פאַרצייכנט זיך. אָבער דער־מיט איז אונדזער שמועס נישט געענדיקט. פון רעליגיע גייט מען איבער צו פילאָסאָפיע. דאָס גיט מיר אַ געלעגנהייט אַרויסצורוקן דעם געדאַנק, אַז דער פילאָסאָפיש־דענקנדיקער מענטש קאָן בשום־אופן נישט שלום מאַכן מיט אַן אידייע, אַז פון די מיליאַרדן וועלטן אין דעם אומענדלעכן אוניווערס זאָל גאָט אויסקלייבן גראַד אונדזער קליינעם ערדישן פּלאַנעט פאַר זיין לאַבאָראַטאָריע, ווי די טעאָ־סאָפן גלייבן. ס'לאָזט זיך אויס, אַז קרישנאַמורטי איז אויבערפלעכלעך באַקאַנט מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע, אָבער ער ווייס גאָרנישט פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. פון ספּינאָזאַן האָט ער געהערט, אָבער אים נישט געלייענט. איך ראָט אים צו לייענען ספּינאָזאָ'ס „עטיק". ער פאַרצייכנט עס אין ביכל...

דער טעלעפאָן קלינגט. דעם גואל'ס סעקרעטאַרין קומט אַריין און דערלאַנגט אים אַ צעטעלע. איך הייב זיך אויף, גרייט צו גיין. קרישנאַמורטי דריקט שטאַרק מיין האַנט און דאַנקט מיר פאַרן וויזיט. אין דרויסן כאַפּ איך זיך, אַז ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. אפשר האָב איך צופיל — און אומטאַקטיש — גערעדט? איך טראַכט־נאָך און מיר דאַכט זיך, אַז מיינע רייד האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דאָס איז געווען אפשר דאָס ערשטע מאָל, וואָס עמעצער האָט צו אים אַזוי גערעדט, אַנשטאָט צו קוקן אים מיט באַוווּנדערונג אין די אויגן אַריין. ווען איך האָב מיט עטלעכע טעג שפּעטער וועגן דעם דערציילט דאָס־גופא טאַן, איז ער אויפ־געשפּרונגען מיט כעס — דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דעם גוטמוטיקן זקן געזען אין כעס — און ממש געשריגן, אַז איך האָב דאָס נישט געטאָרט טון. ער האָט זיך שנעל באַרויִקט, זיך אַנטשולדיקט און שמייכלדיק מיר אַ זאָג געטון:

— איר זענט נישט דער ערשטער, וואָס האָט קרישנאַמורטין געוואָלט אַראָפּ־פירן פון וועג. אייער אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן! אָבער... אויף אייך, אַלמי, האָב איך זיך דאָס נישט גערעכנט, בין זיכער געווען, אַז איר זענט אַ גלויביקער...

**
*

פון אַמעריקע איז קרישנאַמורטי געפאָרן קיין אייראָפּע, לאָנדאָן, דאַן פּאַריז. פון פּאַריז זענען שפּעטער געקומען „שלעכטע" ידיעות וועגן קרישנאַמורטי'ס אויפפיר. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ליבעס מיט פּאַריזערינס, פאַרנעמט זיך מער מיט טאַנצן און מיט טעניס־שפּילן, ווי מיט זיין געטלעכער שליחות. איך

קריג זיין פּאַריזער אַדרעס און שרייב אים אַ בריוו, וויל פון אים אויסגעפינען, ווי ס׳האַלט מיט זיין שליחות. אָבער ער ענטפערט נישט. האָט זיין סעקרעטאַרין פון אים באַהאַלטן מיין בריוו, אָדער ער איז בייז אויף מיר?

זומער פון יאָר 1933 פאָר איך קיין אייראָפּע. דאָס נייע גרויסע וועלט־אומגליק האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אין בערלין הערשט שוין היטלער און גרייט־צו זיינע פינצטערע פּלענער. דערוויל זעט קיינער נישט. יעדער איז פאַרנומען מיט זיך. איך אַליין בין איבערגעלאָדן מיט אומרו. איך האָב אַן אָנפאַל פון מעלאַנכאָליע. מיינע באַציִונגען מיט פראַדלען דערגייען צו אַ שטופּע, אַז זי אַליין בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל מאַכן אַ רייזע, זיך צעשטרייען, און אויב איך וועל וועלן — שיקן נאָך איר. איך מאַך דעריבער צוויי באַזונדערע פּאַספּאָרטן.

ס׳איז די שיף „מאַדזשעסטיק״ — טוריסטן־קלאַס. איך טייל אַ קאַבינע מיט ד״ר מאַקס ווינרייך — און דאָס האָט מיך אפשר געראַטעוועט, הגם ווינרייך האָט נישט געוווּסט דערפון, ווייל נישט אין מיין האַלטונג און נישט אויף מיין פּנים קאָן מען דערקענען וואָס אינעווייניק, אין מיר, שפּילט זיך אָפּ. ביינאַכט, ווען מיר ליגן שוין אין אונדזערע בעטן, לייענט ער מיר פאַר שטיקער פון אַ ראָמאַן, געשריבן פון אורקע נאַכאַלניק. אורקע, דער גנב, דער יִדישער אונטערוועלט־מענטש פון פּוילן, איז אין תפיסה געוואָרן אַ בעל־תשובה און שרייבער. האָבן די יִדישע צייטונגען זיך אַ וואָרף געטון צו אים פון אַלע זייטן, אַז ער זאָל פאַר זיי שרייבן. איז דאָס, וואָס ער האָט אין תפיסה געשריבן וועגן זיין אייגן לעבן, אַרויס אינטערעסאַנט, אָבער זיינע ראָמאַנען — דאָ איז שוין אַן אַנדער מעשה, פּיקאַנט, פּאָרנאָגראַפיש, רוי. ווינרייך לייענט און קייכט פון געלעכטער. מיר ביידע קייכן. ווינרייכן האָב איך פריִער ווייניק געקענט, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער, אַ פילאָלאָג, דערצו אַ ליטוואַק, איז אַ טרוקענער הומאָרלאָזער מענטש. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אַ פיינעם חוש פון הומאָר. ער איז פאַר מיר ממש אַן אַנטפּלעקונג און איך טראַכט, אַז אַ מענטש, וואָס קאָן אַזוי האַרציק לאַכן, איז נישט קיין טרוקענער און קיין שלעכטער קאָן ער אויך נישט זיין.

זיין געלעכטער, וואָס רופט אַרויס מיין געלעכטער, מאַכט מיר גרינגער. איך שלאָף דערנאָך איין. אָבער אין אַ צוויי שעה אַרום כאַפּ איך זיך אויף. אויפן האַרץ אַזאַ מוראַדיקע משא. איך גנבע זיך אַרויס שטילערהייט פון דער קאַבינע, שפּאַן אויפן דעק, קוק אין ים אַריין. די שטורמישע כוואַליעס ציִען צו זיך. אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. איין נאַכט, ווען איך שטיי אַזוי אויפן דעק ביי דער „נאָז״ פון דער שיף און קוק אין דעם ברויזנדיקן ים אַריין, דערהער איך הינטער זיך אַן אויסרוף אין ענגליש:

— טוט דאָס נישט!

איך דריי זיך אויס. הינטער מיר שטייט ד״ר ג. אַ הינדו, רעדאַקטאָר פון אַן ענגלישן זשורנאַל אין ניו־יאָרק, אַ זשורנאַל וועגן אינדיע. איך האָב דעם ד״ר ג. באַמערקט שוין דעם ערשטן טאָג אין עס־זאַל, אָבער געמאַכט זיך נישט זעענדיק. ער איז געווען פאַרהייראַט צו אַ וווּנדערלעך און זעלטן־שיין וואַרשעווער ייִדיש מיידל, ז. — מיינע אַ געוועזענע סעקרעטאַרין (אין „פאַראייניקטן ציון־אַפּיל״). מיינע פריינד פלעגן זי רופן: „די שכינה״, אַזוי שיין און ליכטיק־בלאָנד איז זי געווען און דערצו איידל, אינטעליגענט. אָבער ד״ר ג. — האָט מען מיר דערציילט — פלעגט זי שלאָגן מכות־רצח. זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. איצט איז ער אויף דער שיף מיט אַן אַנדער ייִדיש מיידל, אויך אַ בלאָנדע, אָבער נישט אַזוי שיין. ער אַליין איז אַ הויכער, שיינער יונג, כאָטש שוין מיט אַ היפּשן פּליך — און בלאָנדע ייִדישע מיידלעך ווערן צוגעצויגן צום שוואַרץ־הויטיקן הינדו, ווי שמעטערלינגלעך צו אַ פלאַם. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרדעכטיקט, אַז איך האָב אים נישט געוואָלט זען און ער האָט זיך מסתמא אָנגעשטויסן — פאַרוואָס.

אָבער די נאַכט, דער קאָכנדיקער ים און מיין שווער געמיט מאַכן שלום מיט אים. מיר שפּאַנען אויפן דעק אַרום אַ שעה אין אַ שמועס וועגן אַלץ אין דער וועלט — אָריענט, מוזיק, אַמעריקע, אייראָפּע — אויסער וועגן פרויען... אויף מאָרגן באַגריסן מיר זיך שוין כמעט פריינטלעך, אָבער ער שטעלט מיך נישט פאָר פאַר זיין ניי בלאָנד ייִדיש מיידל. ער זאָגט מיר, אַז ער גייט אַריבער אין ערשטן קלאַס אַריין, זיך מיט וועמען באַגעגענען, און פרעגט מיך, צי איך וויל מיטגיין. איך גיי גערן.

אין ערשטן קלאַס לאָזט ער זיך אַוועק עמעצן זוכן. איך באַמערק אין דער שיף־ביבליאָטעק אַ גרופּע אינדיער, שווערע, בערדיקע, מיט ווייסע טורבאַנען אַרום זייערע קעפּ. איך זעץ זיך נישט ווייט פון זיי — צוויי פון דער גרופּע קומען מיר פאָר באַקאַנט און איך וויל זיך דערמאָנען. אַביסל שפּעטער זוכט מיך ד״ר ג. אויף. ער באַגריסט זיך מיט דער גרופּע אינדיער. ס׳לאָזט זיך אויס, אַז די צוויי, וואָס זענען מיר באַקאַנט, זענען אַלטע ניו־יאָרקער תושבים און איך האָב זיך מיט זיי עטלעכע מאָל באַגעגנט. די אַנדערע פון דער גרופּע זענען נישט לאַנג געקומען פון אינדיע קיין אַמעריקע, אויפן וועג קיין פּאַריז — זיך צו טרעפן מיט קרישנאַמורטין.

איך וויל פון זיי אַרויסקריגן, נאָך וואָס זיי פאָרן אַזוי ווייט, כדי זיך צו טרעפן מיט קרישנאַ׳ס גלגול. זיי דרייען זיך אַרויס פון אַ דירעקטן ענטפער. אָבער ביסלעכווייז ווערט מיר קלאָר — פון האַלבע רייד און אָנצוהערענישן: דאָס פאָרן זיי מיט אַ שליחות פון דעלהי צו פאַרהאַנדלען מיטן „גואל״, וואָס ער איז אַראָפּ פון דרך־הישר... גאָט האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אַ מענטש... איז עס געווען

מיין השפּעה? ניין, דאָס־גופא האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אַנדערע האָבן שוין דאָס פּריער פּראָבירט. איך האָב אפשר דערלאַנגט דעם לעצטן קלאַפּ זיין געטלעכקייט...

אין פּאַריז קומט מיר אָן זייער שווער זיך צו באַגעגענען מיט דזשעדי קריש־נאַמורטין. מען לאָזט צו אים נישט צו. אָבער איך ווער געוואָר, אַז די דעלעגאַציע פון דעלהי סטראַשעט אָפּצושטעלן דאָס גרויסע געהאַלט, וואָס מען שיקט אים און ער פון זיין זייט סטראַשעט מיט אַ פּראָצעס, מחמת גרויסע „מאַיאָנטקעס" אין אינדיע זענען אויף זיין נאָמען. די שליחים טענהן: אָדער בלייב אַ גאָט, אָדער מיר לאָזן דיך אָן אַ גראָשן און דו וועסט נישט קענען לעבן ווי אַ מענטש!... אָבער ער דערשרעקט זיך נישט. ער ווייסט, אַז זיינע מאמינים ווילן נישט קיין עפנט־לעכן סקאַנדאַל. ער ווייס, אַז די הכנסה פון זיינע גרויסע פּאַרמעגנס און אינוועס־טירונגען וועט מען אים מוזן שיקן — און ער וועט ווייטער קענען לעבן ווי גאָט אין פּאַריז...

ענדלעך געלינגט מיר צוצוקומען צו אים. ער דערקענט מיך נישט, אָבער ווען איך דערמאָן אים ווער איך בין, דערפרייט ער זיך. מיר הייבן־אָן שמועסן, נאָר ס'איז אוממעגלעך. מענטשן גייען און קומען, קומען און גייען. ער פילט זיך אומבאַקוועם און בעט מיך, זיך צו באַגעגענען מיט אים אין אַ צוויי טעג אַרום — ער און איך, ווייטער קיינער. אָבער איך האָב אים מער נישט געזען. איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן קיין פוילן שנעלער, ווי איך האָב דערוואַרט. ווען איך בין אין צוויי וואָכן אַרום צוריקגעקומען קיין פּאַריז, איז קרישנאַמורטי שוין דאָרט נישט געווען. ווו איז ער? אויף דער ריוויעראַ, ווו ער לעבט אַ גוטן טאָג — און נאַכט — מיט די שענסטע פּאַריזער פרויען.

דער מענטש, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ גאָט, איז פּאַרבליבן אַ מענטש.

***

זומער 1939 בין איך ווידער אין פּאַריז, אויפן וועג צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע. ס'איז עטלעכע וואָכן פאַר היטלערס אָנפאַל אויף פוילן. איך זיץ אין קאַפע „קופּאָל" אויפן מאָנפּאַרנאַס, מיט אַ גרופּע קאָלעגן: ד"ר ש. מאַרגאָשעס, יעקב פישמאַן, מאָריס סעמיועל און פיער וואַן־פּאַאַסען. ביים נאָענטן טיש ריידן אַמעריקאַנער טוריסטן וועגן אַ קלוב — „ספינקס" — טאָקע אויפן מאָנפּאַרנאַס — און וואָס פאַראַ וווּנדערלעכער אָרקעסטער ס'שפּילט דאָרט. מיר באַשליסן אַהינצוגיין.

אָבער מאָדנע: ווען מען פרעגט אויפן וועג ווו דער קלוב „ספינקס" איז, שמייכלט ער פאַרדעכטיק. מיר קומען אָן. ס'איז אַ פינף־עטאַזשיקע, שיינע גע־

ביידע. מיר קומען אַריין אונטן, אין הויפּט־זאַל. העל באַלויכטן, פּראַכטיק דעקאָ־רירט און באַכ׳ס כישופדיקע טענער פלאַטערן אונדז אַנטקעגן פון אָרקעסטער.

אינווייניק — טישלעך אויף טישלעך. און ביי די טישלעך — אָנגעזעצט טוריסטן פון אַלע לענדער, מענער און פרויען, יונג און אַלט, אויך אַ סך פראַנ־צויזן, גאַנצע פאַמיליעס. אָבער די אַטראַקציע איז — נאַקעטע שיינקייט: מיידלעך פון אַלע ראַסן און קאָלירן, אַלע ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, בלויז גאָלדענע און זילבערנע פאַנטאָפּעלעך אויף זייערע פיס. זיי דרייען זיך אַרום, אָדער טאַנצן, ווען דער אָרקעסטער שפּילט־אויף אַ וואַלץ, אָדער אַן אַנדער טאַנץ. אויב אַ גאַסט רופט איינע פון זיי צו צום טיש, קומט זי צו און טרינקט מיט אים, אָדער מיט זיי.

מיר זעען שוין איין, וואָס פאַראַ „קלוב“ דאָס איז. מען זאָגט אונדז, אַז אַ מיטגליד פון פראַנצויזישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, דאַכט זיך, אַז דער שוץ־מיניסטער, איז איינער פון די באַלעבאַטים פון „ספינקס“. מיר זיצן אַ ווייל און גייען אַרויס. אָבער אויף מאָרגן ביינאַכט בין איך ווידער אין „ספינקס“ — איינער אַליין. איך באַשטעל אַ טרונק, קוק אין אַלע זייטן, באַטראַכט די געסט — און די „אונטערהאַלטערינס“. באַזונדערס אינטערעסירן מיך פראַנצויזן, וואָס קומען מיט זייערע ווייבער, אָדער געליבטע. ווי אַנדערש די פראַנצויזי׳שע מאָראַל איז! זיי פאַרבעטן אַפילו איינע, אָדער מער פון די מיידלעך צום טיש, טרינקען מיט זיי.

פלוצלינג... וועמען זע איך? איז עס טאַקי ער? אין אַ ווינקל זיצט קרישנאַ־מורטי, דער „גואל המשיח“, דער מענטש־גאָט. ער זופּט פאַמעלעך אַ קאָקטעיל און זיינע אויגן פאָלגן־נאָך די טאַנצנדיקע חוהס... זיין פּנים איז מאָגערער גע־וואָרן. די געזיכט־מוסקולן צוקן נערוועז.

צוגיין צו אים? ניין, ער וועט זיין אין אַ פאַרלעגנהייט. ווען איך פאַרלאָז דעם „ספינקס“ אין אַ צוויי שעה אַרום, זיצט ער נאָך, אין דער זעלביקער פּאָזע — ווי אַ ספינקס, זופּט נאָך אַלץ אַ קאָקטעיל. — דעם וויפלטן?

מיך נעמט אַרום אַ רחמנות אויפן מענטש, וואָס האָט געזאָלט — און דערנאָך נישט געוואָלט — ווערן אַ גאָט.

ווו איז ער אַצינד?

★

א.

דאָס מלכות פון דער נאַכט פאַרוויגט, באַזיגט אין שלאָף
דעם קנעכט און האַר, דעם חכם, ווי דעם נאַר.
דער וועלט־באַצווינגער

א. אַלמי

און דער אָרעמער זינגער,
די גלאָריע און דער צער —
געצאַמט אין דלד־אמותדיקע בעטן.
בלויז סילועטן,
באַפרייט פון מידע גופן —
באַוועגן זיך, נאָך ווייטע רופן.

ב.

מיד פון טאָג־געפּלאַפּל שלאָפן אַלע שפּראַכן
פון מענטשן און פון זאַכן.
בלויז די שפּראַך פון שווייגן
רעדט ביינאַכט אַרויס אָן רייד פון וואַסערן,
פון גראָזן און פון צווייגן,
פון ווייטע פייערלעך און רויכן,
פון אַלע נידערן און הויכן
און דאָס שלאָפנדיקע האַרץ קאָן הערן
דאָס ציטערן פון שטערן.

דער ייִד, וואָס האַלט זיך פאַר גאָט

די פאָרשונגען פון פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס, קולטן און סעקטעס, וואָס איך האָב געפירט אַ סך יאָרן, האָבן מיך איבערגעצייגט, אַז ייִדן זענען דאָ נישט קיין מחותּנים. אַ ייִדיש פּנים איז אַ גרויסע זעלטנקייט אויף די פאַרזאַמלונגען און סעאַנסן, וואָס די אַלע גרופּעס, קרייזלעך און קלייזלעך האַלטן־אָפּ אין די הונדערטער כּמעט יעדן טאָג פון דער וואָך, אָבער דער עיקר שבת און זונטיק, אין ניו־יאָרק. צו די „קריסטשן סייענס״ (קריסטלעכע וויסנשאַפט) צוזאַמענקונפטן קומען יאָ, ווי מען זאָגט מיר, אַ סך ייִדן, איבערהויפּט פרויען, אָבער צו קריסט־לעכע סעקטעס בין איך קיינמאָל נישט געגאַנגען, אַ חוץ צו די מאָרמאָנען, צוליב זייער גלויבן אין אַ ייִדישער „משיח־צוקונפט״ און זייער יראת־הכּבֿודיקע באַציִונג צו ייִדן אין דער קעגנוואַרט...

ביי די מיטינגען פון די אָריענטאַלישע סעקטעס, ווי די אינדישע וועדאַנטאַ־געזעלשאַפט, בודיסטן, יאָגיס, „וועלט־חברשאַפט פון אמונות״, ווי ביי די באַהאַ־איסטן, זאָראָאַסטיאַנער, טעאָסאָפן און ספּיריטואַליסטן האָב איך אַלעמאָל גע־טראָפן אַ גרויסע צאָל רייכע אַמעריקאַנער דאַמען, וואָס זיי לויפן אומעטום, ווי צו אַנטלויפן פון זייער פוסטקייט, אָדער כּדי זיך צו באַפרייען פון דעם צוואַנג פון עטיקעט, קאָדעקסן און טאָג־טעגלעכן רוטין. אפשר זענען צווישן זיי אויך דאָ ייִדישע פרויען, אָבער זיכער נישט פיל.

איך האָב די דאָזיקע רייכע פרויען געזען טאַנצן אַרום אַ פייער אויף זאָ־ראָאַסטיאַנישע צערעמאָניעס; מאַכן אַלערליי משונהדיקע העוויות ביי די בו־דיסטן; זינקען אין מעדיטאַציע און קאָנצענטראַציע ביי די יאָגיס; אַריינפאַלן אין ווילדן עקסטאַז ביי די וועדאַנטיסטן און באַקומען היסטעריקע ביי ספּיריטואַליס־טישע סעאַנסן. איך האָב אַלעמאָל געזוכט ייִדישע פּנימער, ייִדישע אויגן, אָבער זעלטן האָב איך וועמען פון די שטאָם־געסט, אָדער אַפילו צופעליקע באַזוכערס חושד געווען אין ייִדישקייט. ייִדן זענען בטבע סקעפּטיקער און האָבן נישט קיין

אינטערעס אין קולטן. די ווייניק יידן, וואָס מען באַגעגנט יאָ אויף אַזעלכע צוזאַ־מענקונפטן, זענען אַזעלכע יידן, וואָס זיי לעבן זיך אויס אין אַ פּרעמדער שפּראַך און קולטור. נישט נאָר האָבן זיי נישט קיין יידיש וויסן, נאָר אַפילו נישט קיין יידיש געוויסן. ס'פעלט זייער לעבן וועלכער־ס'איז גייסטיקער אינהאַלט און אַזוי ווי ביי אונדז זענען נישטאָ קיין קולט־מיטינגען, גייען זיי אַהין, וווּ זיי קענען פאַרברענגען עטלעכע שעה אין אַ מיסטישער, פאַרביק־ריטואַליסטישער אַט־מאָספערע.

אָבער די צאָל פון אַפילו אַזעלכע יידן איז אַזאַ נישטיקע אין די פאַרשיידענע סעקטעס און קולטן, אַז בדרך־כלל קאָן מען אָננעמען, אַז יידן זענען אין אַזעלכע באַוועגונגען נישט פאַראינטערעסירט. לשם גערעכטיקייט צו די אויסנעמען צווישן יידן דאַרף מען באַטאָנען, אַז ביי זייער גאַנצער אומוויסנקייט אין יידישקייט, זע־נען זיי פונדעסטוועגן געגנוג יידיש, כדי נישט צו שטילן זייער הונגער נאָך רי־טואַל און פעגאַניסטישן צערעמאָניאַל אין קאַטוילישע קירכעס, אָדער צענטערס, ווו זיי וואָלטן געקריגן איבערגעגנוג פון דעם מין.

דערפאַר איז פאַר מיר געווען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערראַשונג, ווען איך האָב זיך אין מיינע פאָרשונגען אָנגעשטויסן אויף אַ יידישער באַוועגונג, וואָס איז ענלעך צו דער באַוועגונג אַרום „פאָטער דיוואַין", דעם נעגער, וואָס האָט זיך פּראָקלאַמירט פאַר אַ גאָט... איך האָב דאָ אין זינען די באַוועגונג אַרום דעם אָדעסער יידל משה גיבורי, וואָס ער האָט זיך דערקלערט פאַר גאָט, פאַר יעהאָווע — נישט מער און נישט ווייניקער. אָבער שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז הגם דער גאָט איז דאָ אַ יידישער און זיין נביא, משיח און מלאך מיכאל, דוד האַראָוויץ, איז אויך אַ ייד, אַ זון פון אַ שוחט אין ראָטשעסטער, זענען אָבער זייערע אָנהענ־גערס גאָלע גוייִם, צווישן זיי אַ סך פּראָמינענטע קריסטן. אַז אַ יידישער „גאָט" זאָל נישט קריגן קיין מאמינים צווישן יידן איז, ווי מיר ווייסן, קיין נייס נישט...

אָבער די מעשה מיט אַ „גאָט", וואָס האָט פאַרפאַסט אַ נייע תורה און וועל־כער האָט אַן אַמעריקאַנער יידישן יונגנמאַן געזאַלבט פאַר זיין משיח, האָב איך זיך דערוווסט אַ סך שפּעטער. דוד האַראָוויץ האָט דאָס געהאַלטן בסוד, ווי איך וועל דאָס שפּעטער דערציילן. אין אָנהייב איז דער איינדרוק געווען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גאַנץ אומשולדיקער רעליגיעזער גרופּע. ס'איז געווען אין 1938, ווען איך האָב געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען (פאַרן „מאָרגן זשורנאַל") וועגן די „בריטיש איזראַעליטס" (בריטישע איזראַעליטן) — אַ גרויסע קריסטלעכע סעקטע אין ענגלאַנד, מיט אָפּטיילונגען אין אַ סך אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס גלייבט, אַז די בריטן (בריט־ברית), די אירלענדער, סקאָטלענדער און די סקאַנדינאַווישע פעלקער שטאַמען פון די עשרת־השבטים. די אָנהענגערס

פון דער סעקטע, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען רידיארד קיפּלינג, לאָרד אַרטור באַלפור און אַנדערע פּראָמינענטע קריסטן, זענען, למשל, זיכער, אַז דענעמאַרק (דאַנמאַרק), דניעפּר, דניעסטער, דאָנוי, וואָס אין זיי אַלע איז דאָ דער נאָמען דן, זענען נעמען, וואָס דער וואַנדערנדיקער שבט דן האָט נאָך זיך געלאָזט אומעטום, ווו ער איז געקומען. חוצדעם געפינען זיי אַלערליי פּסוקים, רמזים און סימנים, וואָס באַשטעטיקן — פאַר זיי — זייער טעאָריע.

די דאָזיקע טעאָריע איז באמת אַן אינטערעסאַנטע און טשיקאַווע און זי האָט מיך אַזוי פאַראינטריגירט, אַז איך האָב געמאַכט אַ גענויע שטודיע פון איר. מיין סעריע אַרטיקלען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דרוקן, ווען איך האָב אין אַן ענגלישער צייטונג באַמערקט אַ נאָטיץ וועגן אַ צוזאַמענקונפט פון אַ ייִדישער גרופּע, אונטער דער פירערשאַפט פון איינעם אַ דוד האַראָוויץ, וואָס גלייבט אין דער זעלביקער טעאָריע. ייִדישע אָנהענגערס פון דער „בריטיש־איזראַעליטישער״ באַוועגונג? דאָס איז פאַר מיר געווען אַזאַ נייס, אַז איך האָב זיך תיכף געשטעלט איר פאַרבינדונג מיט דעם האַראָוויצן און זיך באַשטעלט צו טרעפן מיט אים.

איך האָב אַפילו חושד געווען, אַז דאָס איז אַ קריסטלעך־מיסיאָנערישע גרופּע. אָבער ווען איך בין געקומען צו האַראָוויצן אין הויז, איז מיין חשד צערונען. דער באַלעבאָס, דעמאָלט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, איז געזעסן מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אַרומגערינגלט פון עטלעכע ייִדן מיט שיינע בערד און יאַרמולקעס אויף די קעפּ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ייִדן זענען געווען אַ דעלעגאַציע פון אַ ישיבה, וועלכע האַראָוויץ העלפט אַרויס. ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט האַראָוויץ מיר געגעבן אַן אויפקלערונג וועגן זיין באַוועגונג און דערביי באַטאָנט, אַז כאָטש ער גלייבט אין דער בריטיש־איזראַעליטישער טעאָריע, איז אָבער זיין גרופּע נישט קיין אָפּטייל פון דער בריטיש־איזראַעליטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר גאָר אַ מין „אתה בחרתנו״־באַוועגונג, וואָס איז אויסן צוריקצוקערן די אָפּגעריסענע קינדער פון ייִדישן פאָלק — די עשרת־השבטים, הייסט עס — צו יעקב׳ס געצעלט...

דעמאָלט האָט מיר דוד האַראָוויץ אויך דערציילט וועגן אַ נזיר, אַ מיסטיקער, אַ קאַבאַליסט, מיטן נאָמען משה גיבורי, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין דער הייל פון די סנהדרין ביי ירושלים, ווו ער האָט אָנגעשריבן אַ נייעם פּירוש אויף דער תורה. אַז דער דאָזיקער גיבורי האַלט זיך פאַר דעם רבונו־של־עולם און אַז ער, האַראָוויץ, וואָס ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט, איז דורך גיבורין געזאַלבט געוואָרן, בעת זיין באַזוך אין ירושלים, פאַר דעם מלך־המשיח — דאָס האָט דוד האַראָוויץ פאַרשוויגן.

האַראָוויץ האָט מיר אויך געוויזן אַ בריוו פון דעם רעליגיעזן דענקער, הלל

צײַטלין, מיט װעמען ער האָט זיך באַקענט אין װאַרשע — אויף זײַן װעג צוריק פון ארץ־ישראל קײן אַמעריקע. פאַרשטײט זיך, אַז אויך צײַטלינען האָט האַ־ ראָוויץ נישט אויסגעזאָגט, אַז דער גיבורי באַטראַכט זיך פאַר אַ גאָט און אַז זײַן נײַער פּירוש אויף דער תורה איז נישט קײן נײַער פּירוש, נאָר אַ נײַע „תורה"... צײַטלין האָט פון אים געהערט די אײגענע מעשה, װאָס איך — װעגן אַ נזיר, אַ מיסטיקער — און דער רעליגיעזער דענקער האָט דעריבער אַרויסגעװיזן אַ באַ־ טירלעכן אינטערעס. הלל צײַטלינען האָט אַפילו נישט געקענט אײַנפאַלן אַזאַ װילדער, אַזאַ משוגענער געדאַנק, אַז דער מיסטיקער און נזיר, מכוח װעלכן דער גאַסט פון אַמעריקע האָט אים דערצײלט, זאָגט אויף זיך, אַז ער איז דער רבונו־ של־עולם, װאָס ער האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ, װאָס אויף זײ און צװישן זײ — און אַז דער אַמעריקאַנער יונגערמאַן, װאָס שטײט פאַר אים, איז נישט קײן אַנדערער װי דער מלאך מיכאל און דער לאַנג־דערװאַרטער מלך המשיח... און װעלכן ייִד װאָלט אַזאַ חשד געקענט קריכן אין קאָפּ אַרײַן? מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע געהאַט גענוג פאַלשע משיחים, באמת אײַנגעגלויבטע אין זיך, װי שבתי צבי, און באַװוסטזיניקע שאַרלאַטאַנעס, װי יעקב פראַנק. אָבער אַז אַ ייִד זאָל זאָגן אויף זיך, אַז ער איז דער גאָט־כביכול אַלײן — אַזױנס איז נאָך נישט גע־ הערט געװאָרן.

מענטשן, װאָס זאָגן אויף זיך אַביסל װײניקער — אַז זײ זענען נאַפּאָלעאָן, אָדער יוליוס צעזאַר — ליגן אין משוגעים־הײַזער. טאָ װי קאָן עס געמאָלט זײַן, אַז אײנער, װאָס שרײַט אויף זיך, אַז ער איז אל־שדי, אַז ער האָט באַשאַפן די װעלט, זאָל אַרומגײן פראַנק און פרײַ איבער די גאַסן פון ירושלים און אַז אַן אַנדער ייִד, אַן אַמעריקאַנער, װאָס ער זעט אויס װי אַ ביזנעסמאַן, זאָל אַרומפאָרן איבער דער װעלט װי דער מלאך מיכאל און משיח פון יענעם אָדעסער רבונו־ של־עולם?

אָבער האָראָוויץ האָט װײַט און ברײַט אויסגענוצט צײַטלינס בריװ און אַזױ װי ער האָט קײנעם נישט אויסגעזאָגט, יעדנפאַלס די ייִדישע פערזענלעכקײטן, צו װעלכע ער האָט זיך געװענדט נאָך פינאַנציעלער און מאָראַלישער שטיצע, די אמתע מאָטיװן פון דער באַװעגונג, איז מען זיכער געװען, אַז דאָ האַנדלט זיך װעגן אַרויסגעבן אַ גאָר טיפזיניקן פּירוש אויף דער תורה פון אַ גרויסן צדיק, אַ בעל־ מקובל, ר' משה גבורי... און האָראָוויצן איז טאַקע געראָטן אַרײַנצושלעפּן אין זײַן קאָמיטעט אָנגעזעענע ייִדן, װי הירש מאַנישעװיצן, דעם אָרטאָדאָקסישן מצה־פאַב־ ריקאַנט און עסקן און דעם באַקאַנטן ציוניסטישן טוער לעאָ װאָלפסאָן און אַנדערע. מאַנישעװיץ האָט אַפילו אײנמאָל איבערגעגעבן האָראָוויצן זײַן רײַכע הײם — פאַר אַן אונטערנעמונג — קאָנצערט און פאַרלעזונג. איך בין געװען צװישן די געלאַ־

דענע געסט און הנאה געהאַט פון דעם עכט־ייִדישן פּראָגראַם, געזאַנג, חזנות און רעציטאַציעס.

מײַן ערשטער אינטערעס אין דער דאָזיקער חברה איז, ווי איך אָנהייב געזאָגט, געווען סײַ דער אינטערעס פון אַ פאָרשער פון רעליגיעזע באַוועגונגען, סײַ אַ זשורנאַליסטישער. נאָך איידער איך האָב אויסגעפונען דעם אמתן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, ווען כ׳האָב נאָך געמיינט, אַז זי איז בלויז אַן עשׂרת־השבטים־דיקע, האָט מיר הנאה געטון, ווען איך האָב איינגעזען, אַז צווישן די מיטגלידער און אָנהענגער זענען נישטאָ קיין ייִדן, אַ חוץ די עטלעכע, וואָס האָראָוויץ האָט זיי „אַרײַנגעלאָקט״ אויף אַ שטיקל צײַט, ביז זיי האָבן דערשמעקט דעם אמת. ווײַטער זענען אַלע אַנדערע מיטגלידער, שטיצער און מאמינים — גויִים, צווישן זיי פּראָמינענטע לײַט, סענאַטאָרן, שריפטשטעלער, ווי באוק קארטער, דער באַוווסטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט (פון סקאָטישן אָפּשטאַם), ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר און הויפּט־מעצענאַט בײַם אַרויסגעבן משה גבורי׳ס נײַע „תורה״. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

דאָ וויל איך בלויז מוסיף זײַן, אַז צו דער פריִער־דערמאָנטער סעריע אַרטיקלען וועגן די „בריטיש איזראַעלײַטס״ האָב איך צום סוף צוגעגעבן אַ קורצן מאמר וועגן דוד האָראָוויץ׳ס גרופּע. איך בין זיכער געווען, אַז דערמיט האָט זיך עס געענדיקט — יעדנפאַלס האָט זיך דערמיט געענדיקט מײַן פאָרשערישער און זשורנאַליסטישער אינטערעס אין דער גרופּע.

אָבער מײַן מאמר האָט אַרויסגערופן אַ נאַטירלעכע פאַראינטערעסירונג אין דער דאָזיקער גרופּע. ייִדישע צײַטונגען האָבן געשיקט מיטאַרבעטערס צו האָראָוויצן, איבערהויפּט שפּעטער, ווען האָראָוויץ האָט געעפנט אַ ביוראָ אין דער ביזנעס־געגנט פון ניו־יאָרק. דאָס האָט געגעבן האָראָוויצן אַ געלעגנהייט אָפּצוענטפערן אין דער ייִדישער פּרעסע אויף נאָטיצן און אַרטיקלען, וואָס זענען, ווערדליק אים, געווען אומגערעכט, אָדער שלעכט אינפאָרמירט לגבי זײַן באַוועגונג. דאָס אמתע פּרצוף פון דער באַוועגונג איז נאָך אַלץ נישט אַנטפּלעקט געווען, האָבן די צײַטונגען געדרוקט האָראָוויצ׳ס ענטפערס, גלייבנדיק, אַז אַנדערש קאָן ער קלאָגן פאַר „פאַרלוימדונג״ און פאָדערן שאָדן־פאַרגיטיקונג. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען ווייסט, אַז מען האָט דאָ צוטון מיט צוויי ייִדן, וואָס איינער פון זיי האַלט זיך פאַר דעם רבונו־של־עולם און דער אַנדערער — פאַרן מלך המשיח — וואָלט מען זיך פון האָראָוויצן אויסגעלאַכט. אדרבא, זאָל ער קלאָגן און אין געריכט באַווײַזן, אַז משה גבורי איז דער כביכול און האָראָוויץ — משיח...

אין 1943 פאַרטרויט מיר דוד האָראָוויץ אַ „סוד״, אַז באָוק קאַרטער האָט זיך מגייר געווען. קאַרטער, וועלכער איז יאָרן־לאַנג באַוווסט געווען ווי אַ רע־

אַקציאָנער און אַ שטיקל אַנטיסעמיט, איז, הייסט עס, געוואָרן אַ ייִד, מאחינו בני ישראל... דאָס איז זיכער געווען טשיקאַווע נייס. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין סאַמע מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת היטלער׳ס אייראָפּע איז געווען פאַרפלייצט פון ייִדיש בלוט און די וועלט בכלל — פון פינצטערסטן אַנטיסעמיטיזם. די פרייע לענדער, מיט דער אויסנעם פון אַזעלכע קליינע און אומבאַהאָלפענע מלוכות, ווי דענעמאַרק און שוועדן, האָבן צוגעקוקט ווי היטלער שעכט אויס מיליאָנען ייִדן און — גאָרנישט געטון צו ראַטעווען. אין אַזאַ צייט האָט געמוזט מאַכן אַן איינדרוק, ווען אַ קריסט, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין אַנטיסעמיטיזם, ווערט אַ בעל־תשובה און דערנאָך — אַ ייִד. אויף מיר האָט דאָס אַן איינדרוק געמאַכט, בפרט, אַז איך האָב זיך גלייכצייטיק דערוווּסט, אַז אויך קאַרטער׳ס פרוי, דאָראַטי, איז איבערגעגאַנגען צום ייִדנטום און אָנגענומען דעם נאָמען בתיה און אַז הינטער זיי שטייט אַ גרויסע גרופּע פּראָמינענטע קריסטן, ווי האָראָוויץ און קאַרטער האָבן מיר פאַרזיכערט, גרייט זיך מגייר צו זיין...

איך בין אַוועק צו קאַרטערן — און ער האָט באַשטעטיקט, וואָס האָראָוויץ האָט מיר דערציילט. דאָראָטי איז געווען דערביי און פון איר האַלדז האָט זיך געבאָמבלט אַ מגן־דוד... איך האָב געפרעגט קאַרטערן, צי איך מעג פאַרעפנטלעכן אין דער ייִדישער פּרעסע דעם פאַקט פון זיין איבערגיין צום ייִדנטום און ער האָט תיכף מסכים געווען. פונדעסטוועגן האָב איך פון אים פאַרלאַנגט אַ שריפטלעכע דערלויבעניש און ער האָט דאָס מיר געגעבן. די קאַרטערס האָבן מיך דערביי פאַרבעטן אויף קומענדיקן פרייטיק־צו־נאַכט צו קומען צו זיי קיין נאָרוואָלק, קאָנעטיקוט.

איך האָב די פאַרבעטונג גערן אָנגענומען. זייער פּרעכטיקע היים האָט זיך ממש געבאָדן אין שבת. באַוק קאַרטער איז געזעסן אין אַ יאַרמולקע ביים שבתדיקן טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געשטאַנען ליכט. ס׳איז געווען אַ שבת מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי ביי עכט־אָרטאָדאָקסישע ייִדן. ווי דאָראָטי האָט זיך אַזוי שנעל אויסגעלערנט צוגרייטן אַן עכט, שבתדיקן שבת — דאָס ווייס איך נישט. איך האָב דורכגעלעבט אַן אמתן עונג־שבת, דערצו אַזאַ אינטערעסאַנטן און קוריאָזן...

בעת איך האָב געבעטן קאַרטער׳ס דערלויבעניש צו געבן פרסום זיין איבערגאַנג צום ייִדנטום, האָב איך נאָך נישט געוווּסט ווו איך וועל דאָס פאַרעפנטלעכן. אָבער ווען כ׳האָב וועגן דעם דערציילט הלל ראָגאָפן, דעמאָלט דער אָנפיר־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, האָט ער באַגייסטערט אויסגערופן: וואָס פאַראַ סענסאַציע! און ער האָט מיך געבעטן אָנצושרייבן די געשיכטע. וואָס איך האָב אָנגעשריבן איז געווען ריינער רעפּאָרטאַזש און איך האָב מיין נאָמען נישט אַרויפגעשטעלט.

אָבער ווען די געשיכטע איז דעם 8טן אויגוסט, 1943, דערשינען אין „פאָרווערטס‟, איז איבער איר געשטאַנען מיין נאָמען. איך ווייס ניט, צי דאָס איז געווען אַ צופאַל, אָדער ראַגאַף, צי עמעצער אַנדערש, האָט געמיינט, אַז איך האָב פאַרגעסן צוצו־שטעלן מיין נאָמען און דאָס געטון פאַר מיר. דאָס האָט באַוויזן ב. שעפּנערן אַרויסצוקומען מיט אַן אַטאַקע אויף מיר אין דעם בונדישן זשורנאַל „דער וועקער‟ — און זיין אַטאַקע איז אין אַ טאָן, ווי אַלמי וואָלט קיינמאָל עפּעס אַנדערש נישט געשריבן, נאָר זיך ספּעציאַליזירט אין אַזעלכע סענסאַציעס...

די רעוואָלאַציע פון קאַרטער׳ס ייִדישקייט האָט ערשט אַרויסגערופן די אמתע סענסאַציע אין דער ייִדישער און דער עיקר אין דער ענגלישער פּרעסע. רעפּאָרטערס פון די ענגלישע צייטונגען האָבן זיך אַ לאָז געטון צום „פאָרווערטס‟, צו האָראָוויץ׳ס ביוראָ, צו קאַרטערן און אויך מיך אַרומגעזוכט, אָבער איך בין אין יענער צייט אַוועקגעפאָרן אין אַ דאָרף אויף וואַקאַציע. מיין וואַקאַציע איז צע־שטערט געוואָרן דורך דער ראַדיאָ און דער פּרעסע, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן אינטערוויוען מיט קאַרטערן — אינטערוויוען, ווו ער האָט דערקלערט, אַז אייגנט־לעך איז ער געוואָרן אַ קאַראַימער, נישט קיין ייִד... דאָס איז געווען פּונקט דער היפּוך דערפון, וואָס קאַרטער און האָראָוויץ האָבן מיר געזאָגט, אויך דערפון, וואָס איך האָב געזען ביי די קאַרטערס אין הויז — אַ ייִדישן, נישט קיין קאַראַימישן שבת... איך האָב געשיקט האָראָוויצן און קאַרטערן אַ טעלעגראַמע, פאָדערנדיק פון זיי אַ דערקלערונג. זייער ענטפער איז געווען אַזוי דיפּלאָמאַטיש, אַז מען האָט אים געקענט טייטשן אַזוי און קאַפּויער...

ענדלעך איז — אין 1944 — דערשינען משה גבורי׳ס נייער „פּירוש‟ אויף דער תורה, וואָס איז, ווי פריִער געזאָגט, אין אמתן געווען אַ מין „נייע תורה‟. דאָס איז אַ בוך פון אַרום טויזנט גרויסע זייטן אין העברעיִש און ענגליש. ווען איך האָב גענומען לייענען אָט־די „תורה‟ האָב איך פּשוט נישט געגלייבט מיינע אויגן. דאָס אָדעסער ייִדל שרייבט אויף זיך טאַקע, אַז ער איז דאָס דער וועלט־באַשאַפער, „יהוה האחרון‟, דער לעצטער יעהאָווע, הייסט עס, מחמת ס׳זענען, לויט זיין „פּירוש‟, געווען אַ סך יעהאָוועס: אברהם אבינו איז געווען יעהאָווע, משה איז געווען יעהאָווע, דבורה הנביאה איז געווען יעהאָווע און — ווער קאָן דען אויסרעכענען די אַלע יעהאָוועס?... אָבער משה גבורי פון אָדעס, וועלכער האָט זיך אין דער ירושלימער הייל אַזוי אויפגעפירט מיט אַ בוכאַריש־ייִדישער פרוי, וואָס פלעגט אים ברענגען עסן, אַז אַ המון האָט אים געוואָלט לינטשן — ער איז שוין דער לעצטער יעהאָווע.

גבורי סטראַשעט אויך אין זיין „תורה‟, אַז אויב מען וועט אים נישט אָנער־קענען פאַר דעם רבונו־של־עולם, פאַר דעם לעצטן יעהאָווע, וועט ער חרוב ומוחרב

מאַכן די וועלט... זיין „תורה" איז אַזאַ ווילדער און אומזיניקער מיש־מאַש, אַזאַ ווילדער אומזין, אַז ס'כאַפּט פּשוט אַן עקל און אַ שוידער — אַ שוידער, וואָס ס'געפינען זיך מענטשן, צווישן זיי גאַנץ אינטעליגענטע, ווי באָוק קאַרטער, וואָס קענען גלייבן אין אַזאַ אומגלייבלעכן אומזין. וואָס דאַרף מען זיך שוין וווּנדערן, ווען ס'געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע גלייבן אין די ווילדע מעשיות פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", אין די פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע בלבולים, אין דער מעשה, אַז ייִדן באַנוצן קריסטלעך בלוט צו די מצות?

איינמאָל רופט מיך האָראָוויץ אויפן טעלעפאָן און זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז משה גבורי איז שוין אויפן וועג קיין אַמעריקע. איך פרעג אים, צי ער גלייבט, אַז מען וועט אים אַריינלאָזן און האָראָוויץ חידושט זיך:

— פאַרוואָס זאָל מען אים נישט אַריינלאָזן?

— וואָס הייסט? — ענטפער איך: — אַ מענטש, וואָס זאָגט און שרייבט אויף זיך, אַז ער איז גאָט, איז אָדער אַ געפערלעכער משוגענער, אָדער אַ געפערלעכער שאַרלאַטאַן — אין יעדן פאַל אַן אומגעווינטשטער גאַסט, ווען אַפילו אויף אַ ווייל.

האָראָוויץ האָט מיט כעס אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

מען האָט אים טאַקע אַריינגעלאָזט. די אימיגראַציע־באַאַמטע זענען זייער שטרענג. ס'ווערן פאַרהאַלטן נאָרמאַלע, געזונטע און ערלעכע מענטשן, צוליב דער מינדסטער פּריטשעפּקע, אָבער אַזאַ חברה־מאַן האָט מען, אָן שוועריקייטן, אַריינגעלאָזט אויף אַ וויזיטאָר'ס וויזע — און ער איז שוין געבליבן אין אַמעריקע...

***

אָבער איידער גבורי איז אַהערגעקומען — און אַ שטיקל צייט, איידער ס'איז דאָ אַרויס די „נייע תורה", האָט זיך באַוויזן אליהו הנביא, אַ שוואַרצער אליהו הנביא, אַ נעגער, הייסט עס... ביי די קאַרטערס איז געווען אַ שוואַרצער באַדינער, אַ זייער פּראָסטער פאַרשוין, וואָס די קאַרטערס קענען קוים פאַרשטיין די ענגלישע ווערטער, וואָס ער רעדט אַרויס אויף אַ מאָדנעם פאַרקריפּלטן און אומפאַרשטענדלעכן אופן.

אָט־דער אומוויסנדיקער נעגער האָט זיך ביי זיינע באַלעבאַטים און ביי זייערע טשיקאַווע געסט אָנגעהערט אויסטערלישע רייד וועגן יעהאָוועז, אַ נייע ביבל, משה גבורי, עשרת השבטים — און ביסלעכווייז איז עס אים אַריין אין דער נאָז. דער פּראָסטער, אומגעהובעלטער נעגער האָט אינסטינקטיוו באַגריפן, אַז ער שטייט פאַר אַ שמאַלץ־גרוב, אַז ער וועט קענען אַריבערכיטרעווען זיינע געבילדעטע באַלעבאַטים, עקספּלואַטירן זייער מוראדיקע נאַרישקייט, אָבערגלויבן און לייכט־גלייביקייט.

דער שוואַרצער האָט זיך גענומען גרייטן צו זיין ראָל — נתגלה צו ווערן פאַר עפּעס אַ הייליקן, אַ גאָט־מענטש. ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט וואָס און ווער ער זאָל ווערן. אָדער אפשר האָט ער מיט זיין פּרימיטיוון שכל אויסגערעכנט, אַז ער זאָל דאָס איבערלאָזן צו זיינע באַלעבאַטים און זייערע יאָלדישע פריינד, ווי דוד האַראָוויץ, אַז זיי זאָלן טרעפן ווער ער איז...

און דער פּראָסטער נעגער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן קלוגער פון די געבילדעטע לייט, קלוגער און כיטרער און אַ בעסערער פּסיכאָלאָג.

קודם דאַרף ער פאַר זיין ראָל זיין אַ ייִד. נו, זאָגט ער די קאַרטערס, אַז ער איז אַ ייִד — און זיי גלייבן אים. זענען דאָך דאָ שוואַרצע ייִדן, די פאַלאַשן פון עטיאָפּיע, וואָס אַ סך פון זיי זענען געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרקער נעגערשן קוואַרטאַל, ווו זיי האָבן זייערע סינאַגאָגן.

אָבער אַ ייִד מוז דאָך האָבן אַ ייִדישן נאָמען. גאָלדבערג איז אַ גוטער ייִדישער נאָמען. ער האָט אַ סך מאָל געהערט דעם נאָמען. דערציילט דער שוואַרצער, אַז זיין נאָמען איז אָבער גאָלדבערג... דער אומוויסנדיקער נעגער ווייס נישט, אַז ביי די שוואַרצע ייִדן פון אפריקע איז נישטאָ אַזאַ נאָמען ווי גאָלדבערג... דאָס ווייסן אויך נישט די געבילדעטע קאַרטערס. דאָס דאַרף יאָ וויסן דער ייִד האַראָוויץ, בפרט, אַז ער איז דער מלך המשיח — אָבער אויך ער שלינגט דאָס אַראָפּ.

דאָס איז דעם שוואַרצנס ערשטער שריט צו זיין התגלות... דערנאָך גייט עס שוין ווי געשמירט.

ער הייבט אָן ריידן מאָדנע רייד, וואָס די קאַרטערס און האַראָוויץ פאַרשטייען קוים. ער פּלאַפּלט וועגן יעהאָוועז, עבירות, מצוות, משיח. ס׳קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. אָבער וואָס אומפאַרשטענדלעכער ער פּלוידערט, אַלץ אין אַ גרעסערן עקסטאַז פאַלן אַריין די קאַרטערס און דוד האַראָוויץ.

דער שוואַרצער גאָלדבערג ווערט ביי זיך אַלץ זיכערער. ער זעט שוין, אַז די ווייסע נאַראָנים קריכן אין זיין נעץ אַריין. אַלץ, וואָס ער זאָגט און טוט, איז שוין פון יעהאָוועז. אַפילו ווען ער ברענגט האַראָוויצן אַ טישל, מעלדעט ער אים: „יעהאָווע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל דיר ברענגען דאָס טישל. יעהאָווע וויל, אַז דו זאָלסט עס האָבן!“...

איינמאָל, ווען דער נעגער פירט אַ שמועס, אויף זיין אומגעלומפּערטן שטייגער, מיט האַראָוויצן, נעמט ער אַרויס פון דער קעשענע אַ שלענגל און שפּילט זיך דערמיט... „איך האָב אויפגעשווידערט“, שרייבט האַראָוויץ אין אַ בוך, וואָס ער רופט „דריי און דרייסיק ליכט“ *) און וואָס איז די געשיכטע פון דער משה

*) Thirty-Three Candles, World Union Press, New York, N. Y.

גבורי־באַוועגונג. און האָראָוויץ האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז אויך משה רבינו האָט אין מדבר אויפגעצויגן אַ שלאַנג...

אין אַמעריקע כאָוועז קינדער שלאַנגען און אַלערליי שרצים — אין קעסטלעך, אין פלעשלעך — און גאָרנישט. פאַרשטייט זיך, אַז די שלאַנגען זענען נישט קיין גיפטיקע. אָבער האָראָוויץ פאַלט אַריין אין אַ געוואַלטיקער התפּעלות, ווען ער דערזעטביים שוואַרצן די שלאַנג. אין אַזאַ התפּעלות איז ער דאָך אַריינגעפאַלן, ווען ער האָט מיט עטלעכע יאָר פריִער באַזוכט משה גבורין אין דער ירושלימער הייל און גבורי האָט פאַר אים געמאַכט אַלערליי קונצן, וואָס דער קלענסטער האָקוס־פּאָקוסניק אין אַ צירק, אָדער אין אַ וואָדעוויל קאָן זיי באַווייזן — און נאָך גרעסערע. איינע פון די קונצן, וואָס האָט האָראָוויצן ממש פריטשמיעלעט, איז געווען מיט דריי און דרייסיק ליכטלעך, וואָס האָבן געברענט אין דער הייל אין דער פאָרם פון שם־המפורש, ווי האָראָוויץ פאַרזיכערט — און די דריי און דריי־סיק ליכטלעך האָט ער טאַקע געמאַכט פאַר דעם נאָמען פון זיין בוך. ווען האָראָוויץ וואָלט אַמאָל געזען די קונצן, וואָס דער געניאַלער מאַגיקער הודיני פלעגט באַ־ווייזן, ווייס איך שוין נישט, וואָס מיט האָראָוויצן וואָלט געשען...

גבורי האָט, ווי שפּעטער דער שוואַרצער גאָלדבערג, ריכטיק אָפּגעשאַצט האָראָוויצ׳ס מענטאַליטעט. ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דעם ייִד האָראָוויץ און דעם גוי קאַרטער קאָן מען לייכט פאַרקויפן יעדע סחורה... און זיי האָבן זיי נישט געקאַרגט. דער נעגער וואַקסט מיט יעדן טאָג העכער און גרעסער אין קאַרטער׳ס און האָראָוויצ׳ס אויגן. איינמאָל, דאָס איז געווען דעם 7טן דעצעמבער, 1942, קומט קאַרטער צולויפן אַ פאַרסאַפּעטער צו האָראָוויצן, קלאַפּט ביי אים אין טיר און שרייט מיט באַנומענע קולות:

— עפן, דוד, עפן שנעל! — און ווען דער דערשראָקענער האָראָוויץ עפנט די טיר, פאַלט קאַרטער אַריין און שרייט אין משוגענעם עקסטאַז:

— אַבער (דער נעגער) איז משה רבינו! אַבער איז משה רבינו!

האָראָוויץ נעמט זיך דינגען מיט אים. ער טענהט אַריין אין קאַרטערן, אַז... אַן אליהו הנביא־טיפּ — דאָס איז דער נעגער יאָ. אָבער משה רבינו אַליין — דאָס איז שוין צופיל, כאָטש — איז ער דערביי מוסיף — ביי יעהאָוועז איז אַלץ מעגלעך.

נאָר קאַרטער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע, אַז דער נעגער איז משה רבינו. „איך זאָג דיר, דוד, — שרייט ער, — אַז ער איז משה. די זאַכן, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, קאָן בלויז משה רבינו. אָ, דוד, וואָס זאָלן מיר טון?”

דער נעגער זאָגט פאַר זיי „תורה” — און זיי ביידע און קאַרטער׳ס ווייב, דאָראָטי, שלינגען ממש די סלינע. דער שוואַרצער מוסרט עמעצן, פאַרוואָס ער רויכערט פּאַפּיראָסן און טרינקט קאַווע, זאָגט ער דערביי אַזאַ שטיק „תורה”:

„מיט פינף טויזנט פינף מיליאָן יאָר צוריק האָבן זיי נישט געהאַט אַזעלכע שלעכטע שפּייז, ווי מיר האָבן איצט".

אין פרימאָרגן קומט דער שוואַרצער צו האָראָוויצן אין דער ביוראָ אַריין. האָראָוויץ קוקט איבער די פּאָסט, נעמט אַרויס אַ קאָנווערט, ווו ס'ליגן הונדערט דאָלער — אַ נדבה פון אַן אַנהענגער. דער שוואַרצער ווייזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס אין דעם פאַרזיגלטן קאָנווערט מיטן געלט. האָראָוויץ טראַכט ביי זיך, ווי ער אַליין דערציילט, אַז אויב דער נעגער נעמט דעם קאָנווערט מיטן געלט, איז עס אַלצאיינס ווי ער זאָל זאָגן, אַז ער איז משה (אין דעם פאַל איז נישט קלאָר, צי ער מיינט משה רבינו, צי, להבדיל, משה גבורין)...

ער דערלאַנגט אים דעם קאָנווערט און דער שוואַרצער נעמט אים טאַקע, זאָגנדיק דערביי, אַז דאָס דאַרף צוריקגיין צו די אָרעמע. „דאָס האָט דערליידיקט דעם ענין", — שרייבט האָראָוויץ: „ער האָט געטון די טואונג! און איך האָב גע־ווּוסט, אַז בלויז אליהו הנביא וואָלט געטון דאָס, וואָס אָבער האָט געטון. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט דערוועגט אים צו שטעלן קשיות"...

דער שוואַרצער באַפעלט דאַן האָראָוויצן נישט אויסצוזאָגן קיינעם ווער ער איז. „מיר מוזן דאָס האַלטן בסודו!"... האָראָוויץ פאַרזיכערט, אַז דער שוואַרצער און דאָראָטי קאַרטער האָבן פאַר דעם געלט טאַקע געקויפט שפּייז און דאָס פאַ־נאַנדערגעטיילט צווישן אָרעמע אין ברוקלין... אַזאַ זאָרג פאַר אָרעמע! אָבער אין דערזעלביקער צייט קויפט מען פאַר דעם שוואַרצנס הונט (יאָ, ער האָט אַ הונט) אַ גאָלדענע קייט פאַר אַכט הונדערט דאָלער. אליהו הנביא וועט דאָך נישט פירן זיין הונט אויף אַ פּראָסטער קייט!

אויך די קאַרטערס האָבן שפּעטער מסכים געווען, אַז דער נעגער איז אליהו הנביא. זיי פירן זיך דערנאָך מיט אים אַרום, מאַכן אַ נסיעה קיין יוטיקאַ, ווו דער שוואַרצער אליהו־הנביא־גאָלדבערג טרעט־אויף אויף אַ פאַרזאַמלונג ווי אַ היילער. האָראָוויץ רעדט מכוח דעם מיט גרויס התלהבות, כאָטש ער דערציילט נישט, אַז ער האָט בפועל־ממש עמעצן געהיילט. דער שוואַרצער פאַרזיכערט בלויז יעדן, אַז יעהאָווע וועט שוין אויף אים אַכטונג געבן און ער דאַרף זיך דעריבער נישט זאָרגן. פּלאַי־פּלאַים! אויף די צוזאַמענקונפטן טרומייטערט קאַרטער אויף אַ טראָמפּייט, וואָס דאַרף זיין במקום, אָדער בבחינת שופר... און נישט נאָר טרומייטערט ער, קאַרטער. פון צייט־צו־צייט זאָגט ער אויך „תורה" פאַר אַן עולם: אין איינעם אַזאַ זאָגעכץ זאָגט קאַרטער, אַז ס'זענען געווען דריי גרויסע ביכער, וואָס האָבן משפיע געווען די מענטשהייט. דאָס ערשטע בוך איז די העברעיִשע ביבל; דאָס צווייטע — דער „נייער טעסטאַמענט" (ברית חדשה); און דאָס דריטע — היטלער'ס „מיין קאַמף". דאָס פערטע בוך, וואָס וועט ענדערן דאָס פּנים פון די פעלקער און פאַר־

טיליקן עבודה־זרה, איז איצט אַרויס. דאָס דאָזיקע בוך איז, נאַטירלעך, משה גבורי׳ס „תורה״.

און דאָס דערציילט דער ייִד האָראָוויץ מיט אַנטציקונג (ז׳ 453). ער דער־ציילט אויך, אַז ווען גבורי איז שוין געווען אין ניו־יאָרק, האָט ער, גבורי, איינמאָל — בעת מען האָט קאָרטערן זיבן מאָל אָפּגעטובלט אין טייך, עטלעכע טעג נאָכדעם ווי מען האָט אים מל געווען — פאַרלייגט די הענט אויף אַן אופן ווי דער שוואַר־צער גאָלדבערג פלעגט דאָס טון, האָט אין האָראָוויץ׳ס מוח אויפגעלויכטן דער קלוגער געדאַנק, אַז דער נעגער פון ניו־יאָרק און משה גבורי זענען איין־און־דער־זעלביקער מענטש...

קאָרטער שרייבט־איבער זיין אויטאָמאָביל אויפן שוואַרצנס נאָמען — אליהו הנביא זאָל נישט דאַרפן גיין צופוס, אָדער פאָרן מיט דער סאָבוויי, צי מיטן אוי־טאָבוס. ער עפנט פאַר אים אַ „טעמפּל״ אין ברוקלין. זיין ווייב, דאָראָטי, ווערט דעם נעגערס דינסט. זי פירט די באַלעבאַטישקייט פון „טעמפּל״, קאָכט פאַר אים, טוט פאַר אים אַלץ. און נישט נאָר זי אַליין, נאָר אויך אַ יונג מיידל, וואָס פריינד האָבן פון דער פּראָווינץ צוגעשיקט צו די קאָרטערס, אַז זיי זאָלן אויף איר אַכטונג געבן.

דאָראָטי איז מער ווי אַ דינסט. זי איז פאַקטיש דעם שוואַרצנס שקלאַפין. זי קאָן זיך קיין ריר נישט טון אָן זיין דערלויבעניש. אין אַ שטיקל צייט אַרום פאַרטרויט דאָס מיידל קאָרטערן, אַז דער שוואַרצער האָט מיט איר באַציִונגען. ער האָט איר איינגערעדט, אַז דאָס איז געזונט פאַר איר... אויך דאָראָטי איז זיך מודה, אַז זי לעבט מיט דעם „הייליקן נעגער״, ווי מיט אַ מאַן... קאָרטער איז אויסער זיך. זי לאָזט אים איבער אַן אויפגערעגטן און גייט אַוועק. שפּעטער רופט זי קאָרטער אויפן טעלעפאָן און פרעגט זי נאָכאַמאָל, צי דאָס איז אמת. יאָ, ס׳איז אמת! און ערשט, ווען זי איז זיך מודה פאַר אים אויך טעלעפאָניש, ווערט קאָרטער אמתדיק ווילד, היסטעריש. ער וויינט, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, לויפט אַוועק אין ברוקלינער „טעמפּל״ און צעברעכט דאָרט אַלץ. האָראָוויץ טרייסט אים, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט אַרויס גבורי׳ס „תורה״.

שפּעטער קומט אַהין דאָראָטי און — ווי אין די נאַרישע האָליוודער שונד־מאַכאַרייקעס — פאַלן זיך מאַן און ווייב אין די אָרעמס... אַלץ איז פאַרגעסן און פאַרגעבן. האָראָוויץ דערציילט דאָס אַלץ אָן חרפה, אָן בושה, אָן אַ קרום וואָרט וועגן דעם שוואַרצן און אין אַ טאָן, ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך. וויזט אויס, אַז האָראָוויץ׳ס גלויבן אין דעם שוואַרצן אליהו הנביא איז נאָך אַלע־מען נישט צעטרייסלט געוואָרן. ער דערציילט מיט אַ סך פּרטים און אין אַ גאַנ־

צער ריי קאַפּיטלען, כאָטש מען וואָלט געקענט דעם עפּיזאָד אָפּפּטרן אין איין קורץ קאַפּיטל.

איר לייענט און איר גלייבט פּשוט נישט אייערע אייגענע אויגן. די אַלע פאַקטן זענען באַקאַנט געווען מיר — און אַנדערע פּערזאָנען — אַ לאַנגע צייט פריִער און כאָטש מיר האָבן דאָס אַלץ געוווּסט און אויך געוווּסט וואָס פאַרא פאַרשוינען די גבורי־מאַמינים זענען, האָבן מיר פונדעסטוועגן אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי. דער שכל האָט זיך פּשוט אָפּגעזאָגט דאָס אָנצונע־מען. סיי־ווי האָבן מיר גאַרנישט געקענט טון. הגם ס׳פלעגט זיך צייטנווייז אַדורכ־רייסן אין דער פּרעסע אַ קוריאָזע שטיקל נייס וועגן זיי, וואָלט קיין צייטונג נישט געוואָלט דרוקן די פולע פאַקטן, אויס מורא פאַר אַ פאַרלוימדונג־פּראָצעס.

קומט דער הויפּט־פירער און גרינדער פון דער גבורי־באַוועגונג, דוד האָראָ־וויץ, און ער דערציילט אַליין די אַלע פאַקטן — און אַ סך אַנדערע — אין זיין דערמאָנטן בוך. אָבער ער דערציילט זיי, ווי געזאָגט, נישט ווי אויסטערלישע, אומנאָרמאַלע, אידיאָטישע פּאַסירונגען און האַנדלונגען, נאָר ווי מען דערציילט וועגן גאַנץ געוויינלעכע און נאַטירלעכע זאַכן...

***

נאָך דעם סקאַנדאַל צוליב דעם נעגערס באַציִונגען מיט דאָראָטין, איז אליהו־הנביא־גאָלדבערג פאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין.

באַלד איז אָנגעקומען משה גבורי אַליין. ווען גבורי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם שוואַרצן, איז ער געוואָרן מלא רציחה, פּאַרוואָס האָראָוויץ, אויף וועמען ער האָט געוואָרפן די גאַנצע שולד, האָט געלאָזט דעם שוואַרצן באַלעבאָטעווען. ווייזט אויס, אַז דער כיטרער גבורי האָט זיך דערשראָקן פון דעם געדאַנק, אַז אָט־די כאָפּטע חכמים קאָן נאָך, חלילה, זיך פאַרליבן אין אַן אַנדער „גאָט"...

גבורי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, געהעריק אָפּגעשאַצט די סיטואַציע און די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. האָראָוויצן האָט ער דאָך שוין געקענט פּערזענלעך פון ירושלים און אויך פון קאַרטער׳ס יאָלדישקייט האָט ער שוין געהאַט אַ באַגריף פונדערווייטנס. איצט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיי זענען נאָך גרעסערע חכמים, ווי ער האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז ער קאָן טון, וואָס זיין האַרץ גלוסט. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער שיינער דאָראָטין, אויף קאַרטער׳ס רייכער היים און אויף זיין פאַרמעגן.

די פּאַסירונגען לויפן שנעל:

גבורי קריגט אַרויס פון דאָראָטי־בתיהן אַ קאָנפעסיע, אַז זי איז נישט פאַר־ליבט אין קאַרטערן. ער באַפעלט איר דאָס צו זאָגן איר מאַן און פאָדערן אַ גט

פון אים. זי טוט עס. קאַרטער מוז עס אָננעמען באהבה, ווי יעהאָווע׳ס ווילן. ער בעט בלויז ביי גבורין אַ דערלויבעניש, אַז דאַראָטי זאָל נאָכן גט מעגן פאַרבלייבן וווינען אין אַן אַנדער פליגל פון זייער היים, וואָס זיי רופן „טעמפּל־ווילע״ — ווייל זייער אָרגאַניזאַציע דאַרף זי האָבן...

גבורי גיט גנעדיק די דערלויבעניש. נאָכן גט ווערט גבורי, וועלכער האָט אַ ווייב מיט קינדער אין ירושלים, איר אומאָפּיציעלער מאַן. ער ווערט אויך דער פולשטענדיקער באַלעבאָס פון קאַרטער׳ס רייכער היים און פאַרמעגן. קאַרטער ריכט־אָפּ גלות... אָבער ער פאַרבלייבט פונדעסטוועגן ווייטער אַ הייסער מאמין אין דעם אָדעסער יידל, הגם ער האָט צוגענומען זיין ווייב, זיין היים, זיין אייגנטום און פאַר די אַלע קרבנות, ווי אויך פאַר די ריזיקע געלט־סומען, וואָס קאַרטער האָט גבורין איבערגעשיקט קיין ירושלים, האָט ער אים אַפילו נישט געמאַכט כאָטש פאַר אַ שטיקל מלאך, בעת האָראָוויצן האָט ער געמאַכט, ווי מיר ווייסן שוין, סיי פאַר אַ מלאך, סיי פאַר דעם גואל־המשיח...

אָבער האָראָוויץ פאַרבלייבט נישט לאַנג מלאך און משיח. גבורי האַלט זיך אין איין טשעפּען צו אים צוליב דעם, וואָס ער האָט געלאָזט דעם שוואַרצן באַלע־באַטעוועץ, ווי אויך צוליב דעם, וואָס האָראָוויץ באַרויבט אים כלומרשט פון די פּראָפיטן, וואָס די „נייע תורה״ ברענגט אַריין — און דאָ איז האָראָוויץ גאָט די נשמה שולדיק. ענדלעך רייסט גבורי אַראָפּ האָראָוויצ׳ס שליפעס און ער מוז אַוועק פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ פשוטער בשר־ודם. גבורי פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע אַ באַצאָלטע דערקלערונג, אַז דוד האָראָוויץ רעפּרעזענטירט מער נישט זיין חברה — אויס!...

באָוק קאַרטער, איינזאַם, צעבראָכן, אַ פאַרבענקטער נאָך דאַראָטין, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער האָט חתונה מיט איינער, אַפּאָלאָ ניקאָלס. שפּע־טער פאָרט קאַרטער מיט משה גבורין קיין קאַליפאָרניע. ס׳פאָרן־מיט ביידע פרויען, דאַראָטי און פּאָלאָ. אין לאָס־אַנגעלעס שטאַרבט פּלוצלינג באָוק קאַרטער — דער קרעפטיקער, שטענדיק־געזונטער מאַן — אין פריִען עלטער פון 42 יאָר. ער ווערט געבראַכט צו קבר־ישראל. אַן אָרטאָדאָקסישער רב איז אים מספּיד.

**
*

דוד האָראָוויץ דערציילט אין זיין בוך, וואָס פאַרנעמט איבער 500 זייטן, וועגן די פאַרשיידענע פּאַסירונגען מיט די קלענסטע דעטאַלן, אַפילו וויפל האָט־געלט ער האָט געגעבן דעם דרוקער, וואָס האָט געדרוקט גבורי׳ס „תורה״ און ווער עס האָט געדרוקט און וויפל ער האָט שפּעטער דערצאָלט און נאָך אַזעלכע פּרטים און פּרטימלעך, אָבער אַ סך וויכטיקע פאַקטן, וואָס ער ברענגט אַרויס, ווערן

איבערגעגעבן אָדער נישט ריכטיק, אָדער נישט קלאָר, אָדער מיט כוונה צו מאַכן אַ פאַלשן איינדרוק אויף דעם לעזער. אַזוי דערציילט ער נאָכאַמאָל וועגן זיין באַגעגעניש מיט הלל צייטלין און דרוקט אַ פאַקסימיל פון צייטלינ׳ס בריוו, אָבער ער פאַרשוויגט דעם פאַקט, אַז ער האָט צייטלינען נישט אויסגעזאָגט די אמתע כוונה — און כאַראַקטער — פון גבורין און דער באַוועגונג אַרום אים. ער פאַרשוויגט דאָס, ווי ס׳זעט אויס, מיט דער כוונה, צו לאָזן אויפן לעזער דעם איינדרוק, אַז צייטלין איז געווען אַן אַנהענגער פון דער גבורי־אַוואַנטורע.

ער דערציילט, אַז נאָכדעם ווי ד״ר א. ראָזמאַרין האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער גבורי־האַראָוויץ שייקע, האָט הירש מאַנישעוויץ זיך צוריק־געצויגן פון קאָמיטעט. ער זאָגט אָבער נישט אויס וואָס ד״ר ראָזמאַרין האָט גע־שריבן און אַז דאָס אַרטיקל איז געדרוקט געווען אין „דזשואיש ספעקטייטאָר״ (כדי מען זאָל נישט קענען נאָכקוקן) און ער זאָגט אויך נישט אויס פאַרוואָס מאַנישעוויץ האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער דאָזיקער כנופיא.

ער דערציילט, אַז אַלמי איז אין זיין באַשרייבונג פון קאַרטער׳ס איבערגאַנג צו ייִדישקייט „באַגאַנגען איין טעות, ווען ער זאָגט, אַז קאַרטער איז געוואָרן אַ ייִדי, אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד״. אָבער האָראָוויץ ווייס גאַנץ גוט, אַז נישט איך בין באַגאַנגען אַ טעות, נאָר אַז סיי ער, האָראָוויץ, סיי קאַרטער אַליין, סיי קאַרטער׳ס געוועזענע פרוי, דאָראָטי, האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז זיי זענען געוואָרן אמתע ייִדן, און ער גערעדנקט זיכער, אַז אויך ער אַליין, האָראָוויץ, האָט מיר דערציילט דעם פאַקט, וואָס ער באַשרייבט טאָקע אין זיין בוך, אַז זיין פאָטער, דער חזן און מוהל, אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישער ייִדי, האָט קאַרטערן מל געווען. אויך דער שבת ביי די קאַרטערס אין הויז איז געווען, ווי פריִער דערציילט, אַן עכט־ייִדישער, ליכ־טיקער שבת, לויט אַלע טראַדיציעס פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום. ווי אַזוי איז מען אַ גוי מל אויף קאַראַיִמיש?... און ווי מיר ווייסן שוין אויך, האָט מען קאַרטערן געבראַכט צו קבר־ישראל, נישט צו קבר הקראיִם...

***

אין 1946 האָבן צוויי אַמעריקאַנער שרייבערס, סטואַרד ראָב און לינדאַ פאָלאַרד, אַרויסגעגעבן אַ ביכל: „דער אויסטערלישער טויט פון באָוק קאַרטער״ *), ווו זיי וואַרפן אויף משה גבורין די אחריות פאַר קאַרטער׳ס פלוצלינגדיקן טויט. די מחברים האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט גבורין, סיי אין זיין ביוראָ,

(* The Strange Death of Boake Carter, by Steward Robb And Linda Folard, New York 1946.

סיי אין זיין היים אין נאַרוואַלק — וואָס איז פריִער געווען קאַרטער׳ס היים. זיי דערציילן משונהדיקע זאַכן, צווישן זיי אַזאַ פאַקט: ביי גבורין אין שלאָפצימער הענגט אַ בילד, וואָס ווייזט ווי משה גבורי איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים... ס׳הייסט, אַז ער איז איינמאָל געשטאָרבן און דאַן איז ער, ווי אין דער עוואַנגעליע יעזוס, אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

דערביי איז געשטאַנען גרייט אַ פאָטאָגראַפיסט, וואָס האָט אָראָפּגעכאַפּט די סצענע ווי גבורי איז געשטאָרבן און ווי ער האָט צוריק אויפגעלעבט, ווי גאָר־נישט וואָלט געווען...

איז דאָ מערקווירדיק, וואָס גבורי, וואָס אין זיין „תורה״ שעלט ער יעזוסן מיט טויטע קללות, זידלט אים מיט די ערגסטע אויסדרוקן — און סטואַרד ראָב ציטירט די אַלע שטעלן — וויל פונדעסטוועגן נאָכמאַכן יעזוסן.

אין דעם ביכל ווערט דערציילט נישט נאָר וועגן ביגאַמיע — האָט דאָך גבורי אַ פרוי מיט קינדער אין ירושלים און דערפאַר קאָן ער נישט געזעצלעך חתונה האָבן מיט דאָראָטין, — נאָר אויך וועגן אָרגיעס פון נאַקעטע מענער און פרויען. די שכנים אין נאַרוואַלק פּראָטעסטירן צו דער פּאָליציי, אָבער — גאָרנישט.

גבורי איז אַריינגעקומען אין לאַנד אויף פאַלשע פּרעטענציעס, נישט דער־ציילנדיק, אַז ער האַלט זיך פאַר אַ גאָט — און ווידער גאָרנישט.

דאָס זענען בלויז עטלעכע פון די מעשים, פאַר וועלכע מען וואָלט יעדן אַנדערן אַרעסטירט און אַ נישט־בירגער דערנאָך אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

אָבער נישט גבורין. איז אפשר קיין וווּנדער נישט, וואָס דוד האָראָוויץ האָט נאָך אַלץ מורא פאַר גבורין, כאָטש ער האָט אים אזוי געמיין באַהאַנדלט און אים פשוט אַרויסגעוואָרפן. אויב די געזעצן פון לאַנד זענען אוממעכטיק קעגן גבורין, מוז דאָך דערין עפּעס זיין! — טראַכט מסתמא האָראָוויץ — און דעריבער פילט זיך פון די שורות פון זיין בוך, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ מאמין אין גבורין...

און אַ רעטעניש איז עס. די דערמאָנטע מחברים, סטואַרד ראָב און לינדאַ פּאָלאַרד, וווּנדערן זיך אויך, זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ שטיקל האָפענונג, אַז גבורי וועט זיי אָנקלאָגן פאַר „פאַרלוימדונג״ און דאַן וועט דאָס גאַנצע שמוץ אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער עפנטלעכקייט, אָבער גבורי האָט אַפילו נישט געטראַכט פון צוליב טון זיי און זיי אָנקלאָגן.

ער איז צו כיטרע צו טון אַזאַ זאַך. ער ווייס, אַז דאָס וואָלט געווען זיין סוף...

**
*

איך האָב דאָס אַלץ פאַרשריבן — ווי אַ דאָקומענט, וואָס ווייזט אונדז, אַז אַפילו אין דער אַטאָמישער עראַ זענען נאָך מעגלעך אַזעלכע זאַכן. דאָס וועט אונדז

חשבון און סך־הכל

געבן אַ בעסערן אַריינבליק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווען אַלערליי משונהדיקע רעליגיעזע סעקטעס זענען אויפֿגעקומען; און אין דער קעגנוואַרט, ווען אַזוי פֿיל מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי אינטעלעקטואַלן, געלערנטע, שריפֿטשטעלערס, קינסטלערס, האָבן זיך געוואָרפֿן כורעים פֿאַר די גבורים פֿון וועלט־פֿאַרנעם — די היטלערס, מוסאָליניס און סטאַלינס.

אַזאַ בילד, אַזאַ צושטאַנד לאָזט זיכער נישט קיין סך אָרט פֿאַר אָפּטימיזם אין דער נאָענטער דערלייזונג פֿון דער וועלט.

א. אַלמי

***

דער פּיעטעט, דער איבערטריבענער יראת־הכבוד, וואָס מען ווייזט אַרויס פאַרשטאָרבענע, וואָלט געווען באַרעכטיקט, אויב דער טויט וואָלט געווען די פּריווילעגיע פון יחידים. אַזוי ווי דער טויט איז אָבער אַן אומפאַרמיידלעכער מוז פאַר אַלץ און אַלעמען, איז דער „אחרי־מות — קדושים״־קולט — אַ נאַרישער.

נחום סאָקאָלאָוו האָט ריכטיק געענטפערט איינעם, וואָס האָט גע־האַט טענות צו אים פאַר אַרויסזאָגן שאַרף־קריטישע באַמערקונגען אויף אַ פאַרשטאָרבענעם. „נו, אַז ער איז געשטאָרבן — האָט סאָקאָלאָוו אויס־גערופן — איז ער דערמיט געוואָרן אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר!״...

דער טויט איז אַ מיסטעריע, וואָס פילט אונדז אָן מיט אַן אומ־היימלעכן פחד. אָבער דאָס לעבן איז נישט קיין קלענערע מיסטעריע. קאָנפוציוס האָט געענטפערט אַ תלמיד: „אויב מיר ווייסן נישט וואָס לעבן איז, ווי קענען מיר ווּיסן וואָס טויט איז?״

איז דאָס לעבן אַן אינדזל אינעם אומענדלעכן ים פון טויט, אָדער איז דער טויט אַן אינדזל אינעם אומענדלעכן ים פון לעבן?

איז טויט טאַקע דער סוף, אָדער, חלילה, אַ נייער אָנהייב?

סיי־ווי האָט עס גאָרנישט צוטון מיט אונדזער באַציִונג צו גע־שטאָרבענע. דער קאַנדידאַט אויפן אומפאַרמיידלעכן טויט האָט אַזאַ רעכט צו „קריטיקירן״ אַ פאַרשטאָרבענעם און זיינע פאַרענדיקטע מעשים, ווי ער האָט עס בנוגע צו לעבעדיקע.

אין ביידע פאַלן דאַרף די באַציִונג דיקטירט זיין פון גערעכטיקייט, — דאָס הייסט: מיר דאַרפן פּרוּוון גוט חוקר־ודורש זיין — סוביעקטיוו, אין אייגענעם האַרץ, אין די אייגענע כוונות; און אָביעקטיוו, אין די דרויסנדיקע אומשטענדן, באַדינגונגען און פאַקטן — איידער מיר קומען אַרויס מיט באַהויפּטונגען.

***

פונקט אַזוי נאַריש איז אונדזער איבערטריבענער יראת־הכבוד פאַר עלטער, פאַר זיקנה, ווי דאָס וואָלט געווען די פּריווילעגיע פון

יחידים, אָדער דערין וואָלט געשטעקט עפּעס אַ חכמה, צי אַן אידעאָ־ליסטישער אויפטו...

די פראַגע דאַרף פאַר אונדז זיין — אין אונדזער צוגאַנג צום מיט־מענטש, — צי ער איז גערעכט, אָדער אומגערעכט, קלוג, אָדער נאַריש, אַ צדיק, צי אַ רשע — נישט ווי אַלט ער איז.

דערפון דרינגט שוין ממילא, אַז אויך דאָס שטאָלצירן מיט יוגנט איז נאַריש און לעכערלעך: „מיר, די יוגנט!" איז אַ רוף, וואָס איז בלויז אַ פּוסטע פראַזע, אַן באַוואָרעניש אויף חכמה, אויף יושר, אויף ערלעכ־קייט. אַז יוגנט איז אַפילו נישט קיין גאַראַנטיע אויף רעוואָלוציאָנע־רישקייט האָבן מיר זיך איבערהויפּט איבערצייגט אין די יאָרן פון די צוויי וועלט־מלחמות (1914 — 1939), בעת און נאָך זיי, זעענדיק ווי דווקא די יוגנט מאַרשירט פאָרויס אין אַלע פאַשיסטישע רייען.

יוגנט איז נישט קיין פּראָגראַם, נאָר איין צושטאַנד, וואָס גייט־איבער אין אַן אַנדער צושטאַנד (עלטער).

***

בעת איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקין פאַר זיינע שווידערלעכע מאַמריסטישע מעשים, זיין באַרעכטיקן — על־פּי „לאָגיק" און „היסטאָרישער אָביעקטיוויטעט" — פריִער היטלער׳ס בלוטיקן מאָרש, דערנאָך סטאַלין׳ס „ליניע" — האָב איך פון זיינע פאַרטיידיקער אויך געהערט דעם אויסרוף:

— דרך־ארץ פאַר זיין זיקנה! זקן הסופרים! זקן הדענקערס!

אַז איך האָב, נאָך זשיטלאָווסקי׳ס טויט, דערמאָנט די דאָזיקע מעשים זיינע, האָט מען מיר געוואָרפן אין פּנים אַריין:

— דרך־ארץ פאַרן טויט! פאַר פאַרשטאָרבענע!

וויען־זשע — האָב איך געפרעגט, — מעג מען קריטיקירן זשיט־לאָווסקין, אָדער וועמען־ס׳איז, אויב נישט אויף זיינע עלטערע יאָרן און נישט נאָכן טויט? קומט־אויס, אַז קריטיקירן מעג מען בלויז צו יענעמס בר־מצווה... נו, אַזוי ווי איך בין נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען, הייסט עס, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין שאַנס — און מיין רעכט — צו קריטיקירן דעם בעל־דבר, ווער ער זאָל נישט זיין און וואָס יענער זאָל נישט האָבן אָפּגעטון.

טשיקאַווע לאָגיק!...

מיינע ספּיריטואַליסטישע דערפאַרונגען

אין מיין בוך „די צווייטע עקסיסטענץ", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1921, רייד איך וועגן ספּיריטואַליזם בכלל, וועגן זיין וויסנשאַפטלעכער, רעליגיעזער און פילאָסאָפישער באַגרינדונג און זיין פּראַקטישער אָנווענדונג — קאָמוניקאַציע מיט דער וועלט פון גייסטער, מעדיומען, העלזעאונג און מאַטעריאַליזאַציע. איך גיב־איבער די אַרגומענטן און דערפאַרונגען פון אַנדערע, דער עיקר פון אַזעלכע פּראָמינענטע וויסנשאַפטסלייט, ווי סער אָליווער לאָדזש און אַרטור היל, ביידע גרויסע פיזיקער.

אַזוי ווי מיין בוך איז געווען די ערשטע גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג פון ספּי־ריטואַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך קודם געוואָלט דעם לעזער באַקענען מיט דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס האָט הונדערטער טויזנטער, אויב נישט מיליאָנען, מאמינים אין אַלע טיילן פון דער וועלט, צווישן זיי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און קונסט. איך האָב נישט דערציילט פון קיין אייגענע דערפאַרונגען און אַפילו זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסשטעלן זיך ווי אַ מאמין אין ספּיריטואַליזם. אפשר האָט דאָ גורם געווען דער פּעסימיסט אין מיר, וואָס האָט בשום־אופן נישט געוואָלט נאָך אַן עקסיס־טענץ... איך האָב אָבער אין מיין בוך אַרויסגעבראַכט — און דאַכט זיך, באַוויזן — די מעגלעכקייט און „וואַרשיינלעכקייט" פון אַ לעבן נאָכן טויט און פון קאָמו־ניקאַציע מיט די פאַרשטאָרבענע.

די, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם בוך, האָבן אָבער דאָס נישט איינגעזען און זיי האָבן דווקא געוואָלט דערין אַריינטייטשן אַ מוראדיקע פאַרליבטקייט אין לעבן, וואָס זוכט לעבן אַפילו אין טויט. און געשריבן געוואָרן וועגן אָט־דעם בוך איז זייער אַ סך. אין דעם ענגליש־ספּיריטואַליסטישן זשורנאַל „לאיט", וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן, האָט מען מיט גרויס לויב קאָמענטירט אויף מיין ווערק. אויף יידיש האָט זיך באַזונדערס צעשריבן וועגן דעם בוך ב. ריווקין. אונטער

דעם פסעוודאָנים מאַרק טאַלעראַז האָט ער אין דער טעגלעכער „צייט“, וואָס די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט דאָ אַרויסגעגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי, פּאַרעפנטלעכט איבער אַ צענדליק אַרטיקלען וועגן דעם.

אין יעדן אַרטיקל האָט ריווקין־טאַלעראַז פאַרזיכערט, אַז אין קומענדיקן אַרטיקל וועט ער צעשלאָגן די אַרגומענטן אין מיין בוך, ווייל ריווקין האָט געגלויבט, אַז אַ סך פון די מאַניפעסטאַציעס, וואָס ווערן דורך די ספּיריטואַליסטן צוגעשריבן צו די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע, זענען גאָר מאַניפעסטאַציעס פון די גייסטער פון די לעבעדיקע. אָבער ער האָט זיין פאַרזיכערונג קיינמאָל נישט מקיים געווען — און דאָס צוליב דעם, וואָס די „צייט“ האָט זיך אָפּגעשטעלט...

דער פאַקט, וואָס איך האָב אין דעם בוך נישט איבערגעגעבן קיין אייגענע דערפאַרונגען, מיינט נישט, אַז איך האָב אַזעלכע נישט געהאַט. אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז די לעזער וועלן זיין סקעפּטיש, אָדער קומען צום אויספיר, אַז איך לייד פון האַלוצינאַציעס. אין מיין קינדהייט און פריִער יוגנט האָב איך טאַקע געליטן פון האַלוצינאַציעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן בין איך אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן דערפון — און מיט מעדיומען בין איך געווען זייער פאָרזיכטיק. דער אמת איז, אַז די מייסטע מעדיומען, וועלכע איך האָב באַזוכט, זענען געווען אָדער באַוווסטזיניקע שאַרלאַטאַנעס, אָדער זעלבסט־איינגעגלויבטע נאַראָנים. איך בין געווען באמת איבערראַשט צו זען ווי אַזוי פיל מענטשן, צווישן זיי גאַנץ אינטעליגענטע מענער און פרויען, זענען אַזוי פאַרגלייבט אין יעדן מעדיום, אַז זיי באַגרייפן אַפילו נישט, אַז זיי אַליין העלפן אים, אָדער איר, אַרויס.

דערפאַר זענען געווען עטלעכע מעדיומען, וואָס האָבן מיך אַזוי איבערראַשט, אַז הגם איך האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות מבטל צו זיין, וואָס איך האָב געזען און געהערט, האָב איך דאָך נישט געקענט געפינען קיין ראַציאָנאַלע דערקלערונג פאַר דאָס איבערגעלעבטע. איינמאָל איז דאָס געווען אַן עלטערע קריסטלעכע פרוי, אַן אירלענדערין, מכוח וועלכער ב. ריווקין האָט מיר דערציילט. איך בין צו איר אַוועק, אַריינגעלייגט אַ קנעפּל, וואָס איך האָב אָפּגעריסן פון מיין וועסטל, אין אַ שיסל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טיש. די אירלענדערין האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן יעדעסמאָל אַרויסגענומען אַן אַנדער חפץ פון שיסל (מען האָט געקענט אַריינלייגן וואָס־ניט־איז פון פּערזענלעכן באַזיץ) און דאַן דעם אייגנטימער פון דעם חפץ געבראַכט אַ גרוס פון „יענער וועלט“.

ווען זי האָט אַריינגעקריגן אין איר האַנט מיין קנעפּל, האָט זי געשוויגן עטלעכע מינוט. זי איז געווען אין טראַנס. פּלוצלינג האָב איך זיך אינגאַנצן אַ טרייסל געטאָן פון אויפרעגונג, ווען איך האָב דערהערט איר קול, וואָס האָט געמאָלדן:

— יצחק לייבוש פרץ איז היער! — און אין דעם זעלביקן מאָמענט האָב איך

דערזען פֿאַר זיך פּרצן. דאָס איז געווען אַרום צוויי יאָר נאָך זיין טויט. איך האָב אינסטינקטיוו זיך אַ הייב געטון פֿון אָרט און עפּעס אויסגעשריגן. דאָס האָט נישט געטויגט. די קאָמוניקאַציע איז איבערגעריסן געוואָרן. אַזוי האָט מיר דערקלערט דער מעדיום — און ס׳האָט דערביי איר פֿאַרשאַפֿט יסורים. איך האָב געזען ווי אַ שווייס האָט באַדעקט איר שטערן.

ב. ריווקין, ווען איך האָב דערציילט פֿון דער דאָזיקער דערפֿאַרונג, איז אויף מיר שטאַרק אין כעס געווען — פֿאַר מיין אומפּאַרזיכטיקער האַנדלונג...

דאָס איז געווען אַ פֿאַל פֿון דירעקטער קאָמוניקאַציע, פֿון מאַטעריאַליזאַציע — ווען דער גייסט באַווייזט זיך אין קאָנקרעטער פֿאָרם און מען קאָן דאָן הערן אויך זיין שטים און פֿילן זיין באַריר. דאָס וואָלט פֿאַסירט יענעם אָוונט, אויב איך וואָלט נישט אַלץ קאַליע געמאַכט מיט מיין אויפֿשפּרינגען און אויסשרייען... פֿאַרשטייט זיך, אַז די זעאונג קאָן דערקלערט ווערן מיט האַלוצינאַציע. און דער אירלענדערינס אויסרופֿן פּרצ׳ס נאָמען? און וואָס, אייגנטלעך, איז אַזוינס האַלוצינאַציע?...

איך האָב געהאַט אַ סך דערפֿאַרונגען פֿון „זעאונגען״, סיי דורך אַ מעדיום, סיי ווען איך בין געווען אַליין אין הויז, אין אָוונט און אין מיטן־נאַכט; אויך אַ סך אַנדערע דערפֿאַרונגען מיט מעדיומען, אָבער איך וויל נישט צופֿיל עקספּלואַטירן דעם סקעפּטישן לעזער, וועל איך דערפֿאַר אַריבערשפּרינגען צו אַ דערפֿאַרונג פֿון אַ מעדיום אין 1945, אַ דערפֿאַרונג, וואָס איך האַלט פֿאַר איינעם פֿון די מערקווירדיקסטע. פֿאַרוואָס? ווייל דער פֿאַל איז פֿאָרגעקומען אין מיטן העלן טאָג, אין אַ צימער, וואָס האָט זיך געבאָדן אין זונשיין. דערצו איז דער מעדיום נישט געווען אין קיין טראַנס, נאָר בלויז פֿאַרמאַכט די אויגן אויף אַ מינוט און עפּעס געשעפּטשעט, ווי זי וואָלט געזאָגט אַ תּפֿילה.

ס׳איז געווען אַ שבת נאָך מיטאָג, זומער. איך בין געווען אויפֿן וועג צו פֿריינד אין וועסט 84סטער גאַס. על־פּי טעות בין איך אָבער אַריין אין 83סטער גאַס. ווען איך האָב איינגעזען דעם טעות און זיך אויסגעדרייט צוריקצוגיין, האָב איך דערזען אויף אַ פֿענצטער אַ שילדל: „ספּיריטשואַליסט מידיום״. נישט טראַכטנדיק בין איך אַהין אַריין.

אַ גרויס, לייִדיק צימער, אָנגעשטעלט מיט בענקלעך ביי די זייטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פֿאַרזאַמלונג. קיינער איז דאָרט נישט געווען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פֿון אַן אַנדער צימער אַרויסגעקומען אַ הויכע, ברייטע פֿרוי, מיט אַ סימפּאַטיש פּנים און גראָלעכע האָר. זי האָט מיך געבעטן זיצן, מיר דערלאַנגט אַ ביכעלע פּאַפּיר און אַ בליישטיפֿט, צו מאַכן נאָטיצן, דערביי מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל צופֿרידן זיין, זאָל איך איבערלאָזן אַ דאָלער. אויב נישט

— קאָן איך אַרויסגיין, גאַרנישט לאָזנדיק. איך בין אָבער באַשטאַנען אויף באַצאָלן איר אין יעדן פאַל, ווי־באַלד איך פאַרנעם איר צייט.

דאָס צימער האָט, ווי געזאָגט, זיך געבאָדן אין ליכט. זי האָט אַפילו נישט אַראָפּגעצויגן די ראָלעטן. זי האָט עפּעס געפּרעפּלט מיט די ליפּן, דאַן, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין, אַ זאָג געטון:

— איר זענט אַ שרייבער!

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ ווײַלע און ווי גערעדט צו זיך אַליין:

— איך זע צוויי מענער — איינעמס נאָמען איז שלמה זלמן. דעם אַנדערנס — לייזער.

זי האָט מיר געשילדערט זייער אויסזען. שלמה זלמן איז מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער. אַלץ האָט געשטימט. אָבער לייזער? מיין איינציקן ברודערס נאָמען איז געווען לייזער און ער איז שפּורלאָז פאַרשווונדן אין לאָס־אַנגעלעס, קאַליפאָרניע אין 1929, און איך האָב מער קיינמאָל נישט געהערט פון אים. אָבער די שילדערונג פון זיין אויסזען האָט נישט געשטימט.

זי האָט מיר שפּעטער אויך געזאָגט, אַז מיין ברודער איז פאַרשווונדן, אַז ער לעבט ערגעץ, נאָר ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין טויט... טאָ ווער איז דער לייזער לעבן מיין פאָטער? זי האָט אויסגעדריקט איר השערה (שוין נאָכן סעאַנס), אַז דאָס איז אפשר געווען דער לייזער, נאָך וועלכן מען האָט מיין ברודער אַ נאָמען געגעבן...

זי האָט אויך געשילדערט דאָס אויסזען פון מיינע זיידעס און באָבעס און זייי אָנגערופן ביי זייערע יידישע נעמען. זי האָט די נעמען קלאָר אַרויסגערעדט, כאָטש קיין יידיש האָט זי נישט געקענט — זי איז, ווי זי האָט מיר דערנאָך דערציילט, פון אונגאַרן. איר נאָמען איז ווייז און זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ קרובה פון ראַבינער סטיפען ס. ווייז.

אָבער די גרעסטע איבערראַשונג זענען פאַר מיר געווען צוויי נעמען: הורדוס און מאָטל. זוכט דעם נאָמען הורדוס אין ניו־יאָרקער טעלעפאָן־בוך — נישטאָ. ווען זי רופט־אָן אַ פּאָפּולערן יידישן נאָמען, וואָלט איך זיך נישט געוווּנדערט. ביי דעם נאָמען האָב איך, וועלנדיק אויספּראָבירן זי, אַ מורמל געטון:

— קעניג הורדוס!

— ניין, נישט קיין קעניג! — האָט זי שנעל געענטפערט, — ס׳איז אַ פרוי.

דאָס האָב איך, נאַטירלעך, געוווּסט, ווייל הורדוס, ראָזע הורדוס, אַ שיין וואַרשעווער מיידל, איז געווען מיינע אַ פריינדין באַלד נאָך מיין קומען קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען דער איינציקער לעבעדיקער מענטש, וואָס פרוי ווייז האָט דערמאָנט אין פאַרלויף פון סעאַנס. אָבער ווער איז מאָטל?

— מאָטל... מאָטל גאמרע... גראַמאַ... גמ... — עפּעס האָט זיך דאָ פאַרהאַקט.

איך האָב זיך בשום־אופן נישט געקענט דערמאָנען צו קיין מאָטל. ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ביינאַכט, חלומט זיך מיר: אַ יונג בחורל שווימט פון ערגעץ אַרויס. ער שמייכלט צו מיר און פרעגט מיך:

— איר ווייסט נישט ווער איך בין? איך בין מאָטל, מאָטל גמרא... — און ער פאַרשווינדט.

איך כאַפּ זיך אויף: יאָ, איך ווייס שוין. אין מיינע פריִע יוגנט־יאָרן אין וואַרשע האָט דאָס פּאַסירט. אין די ייִדישע צייטונגען איז געווען אַ שטיקל כראָניק: אַ יונגער בחור, מאָטל גמרא, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און אין אַ בריוו, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, דערציילט ער, אַז פאַרן טויט האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אַ ליד פון א. ח. שעפּס: „פאַר וועמען?".

דאָס ליד, דעמאָלט נאָך אונטער מיין אייגנטלעכן נאָמען, איז פאַרעפנטלעכט געווען אין א. ליטוויג'ס חודש־זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט", וואָס איז אַרויס אין ווילנע. ס'איז געווען אַ יוגנטלעך־אומבאַהאָלפן ליד, אָבער דעמאָלט האָב איך עס, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן פאַר אַ מייסטערווערק...

זעלבסטמאָרדן צווישן דער יוגנט זענען אין יענע יאָרן געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, אַ מין עפּידעמיע — אַזאַ עפּידעמיע, אַז די ייִדישע פּרעסע איז פול געווען מיט אַרטיקלען וועגן דעם און דוד דרוק האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע מאמרים, ווו ער רופט דאָס יונגוואַרג, אַז איידער איינער באַשליסט זיך אויף אַזאַ שריט, זאָל ער קומען צו אים, אין רעדאַקציע פון „מאָמענט", און מיט אים האָבן אַ שמועס.

און איך בין זיך מודה, אַז דעמאָלט בין איך שטאָלץ געווען — ממש אַ הנאה געהאַט — וואָס דער מאָטל גמרא, וואָס איך האָב אים קיינמאָל נישט געקענט, איז געשטאָרבן מיט מיין ליד אויף זיינע ליפּן...

אָט דאָס איז דער מאָטל, וועמען אַ מעדיום האָט מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער צוריקגעבראַכט אין ניו־יאָרק.

זי האָט מיר נאָך עטלעכע זאַכן געזאָגט, די פרוי ווייז, ווי, למשל, אַז אויב איך וועל זיך קאָנצענטרירן — אין געדאַנק, הייסט עס, — אַ האַלבע שעה אין טאָג, וועל איך אין משך פון זעקס חדשים מאַכן אַ דערפינדונג, וואָס וועט רעוואָלוציאָניזירן די מעדיצינישע וויסנשאַפט.

נו, איך האָב זיך קיינמאָל נישט קאָנצענטרירט... און איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט אויפגעטון, אויב איך וואָלט זיך יאָ קאָנצענטרירט.

נאָך אַ דערשיטערנדיקע איבערלעבונג האָב איך געהאַט ביי אַן אַנדער מעד־יום, אַ מאַן. זיין נאָמען איז געווען מיטשל און ער איז געווען אַנגעזעען ביי די

ספּיריטואַליסטן אין מאָנטרעאַל. אין דעם פֿאַל איז עס געווען מאַטעריאַליזאַציע און דירעקטע שטים.

מיטשל האָט מיר געגעבן אַ פּריוואַטן סעאַנס, דאָסמאָל אין אַ פֿולשטענדיק פֿינצטער צימער. ער האָט מיך גאָרנישט געפֿרעגט און איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט. ער האָט פֿריִער רעציטירט קאַפּיטלעך תהילים, אויף ענגליש, נאַטירלעך. דערנאָך איז ער שטיל געוואָרן. ס׳איז געווען אַן אומהיימלעכע שטילקייט, אַ שטיל־קייט, וואָס רעדט, דאַכט זיך. איך האָב פֿאַרנומען אַ שאָרכערייַ, אַ פֿלאַטערניש. פּלוצלינג האָט פֿון דער טונקלקייט אויפֿגעטויכט אַ געשטאַלט. פֿריִער — ווי אַ רויך, דערנאָך אַלץ קאָנקרעטער. איך בין פֿאַרציטערט געוואָרן:

פֿאַר מיר איז געשטאַנען שרה קאָרנבייסער, שרה פּערלע — מיין בעסטן חברס, יהושע פּערלע׳ס פֿרוי. זי האָט ווי געשוועבט אין דער פֿינצטערניש און אַלץ נענטער און נענטער געוואָרן און מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ שטים — שרה׳ס שטים, אין איר קלינגעוודיק־זינגעוודיקן ייִדיש:

— דו ביסט נישט שולדיק...

און די דערשיינונג איז פֿאַרשוווּנדן... „מאַכט ליכטיק!" — האָב איך אויס־געשריִען. מיטשל איז אָבער נאָך, ווייזט אויס, געווען אין טראַנס. „מאַכט ליכטיק!" — האָב איך נאָכאַמאָל אויסגעשריִען. איך האָב דייטלעך געהערט ווי מיטשל האָט זיך אַ טרייסל געטון אויפֿן בענקל. באַלד איז ליכטיק געוואָרן.

איך האָב געוווּסט, וואָס שרה האָט געמיינט. איר „דו ביסט נישט שולדיק" האָט, אייגנטלעך, געהאַט אַ דאָפּלטן מיין: וועגן איר לעבן און וועגן איר טויט.

שרהן האָב איך געקענט אַ לענגערע צייט, איידער איך האָב זי באַקענט מיט יהושע פּערלען. זי האָט זיך באַטייליקט אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס י. ל. פּרץ האָט אָרגאַניזירט. קיין אַנדערע סענטימענטן, ווי פֿריינטשאַפֿט, האָב איך פֿאַר איר נישט געהאַט.

ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט יהושע פּערלען, בין איך אמתדיק גליקלעך געווען, וואָס צוויי פֿון מיינע בעסטע חברים זענען פֿאַראייניקט געוואָרן. זייער היים איז דערנאָך געווען מיין צווייטע היים.

אָבער בייזע צינגער האָבן גענומען פֿאַרשפּרייטן רכילות, אויסטראַכטן מעשׂיות וועגן מיר מיט שרהן. דערצו האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז שרה האָט אויף זומער געדונגען אַ צימער אויף דאַטשע אין יוזעפֿאָוו (אַ שעה רייזע פֿון וואַרשע), וווּ צבי פּרילוצקי האָט פֿאַרבראַכט די זומערס און וווּ אויך איך פֿלעג, ווי דער סעקרע־טאַר פֿון דער „מאָמענט"־רעדאַקציע, פֿאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג ביי די פּרי־לוצקיס און אַמאָל אויך דאָרט פֿאַרבלייבן איבער נאַכט.

ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיין פֿרייע צייט זאָל איך פֿאַרברענגען

אין דער געזעלשאַפט פון שרהן, אַנשטאַט פון מיין אַלטן רעדאַקטאָר... האָט מען אָפּגעטראָגן פּערלען, וועלכער איז געזעסן אין שטאַט, איבער די ביכער אין דער באַנק, ווו ער האָט געאַרבעט — גאָט ווייס וואָס.

אינגיכן בין איך געפאָרן קיין אַמעריקע און קומענדיק קיין אַנטווערפּן, בעלגיע, האָב איך אָפּגעטון אַ יינגלישע אומטאַקטישקייט. אין דעם זשורנאַל „דער יידישער סטודענט", וואָס איז דאָרט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון י. פּאָדרוזשניק און חיים שאָשקעס, האָב איך פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער, צווישן זיי אַ ליבעס־ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „איך ווייס, אַז דו וועסט קיינמאָל צו מיר ניט געהערן" — און איך האָב די דאָזיקע לידער געווידמעט שרה פּערלען...

אַז די דאָזיקע אומטאַקטישקייט אין דעצעמבער, 1912, האָט געגעבן נייעם הייץ־ און העץ־מאַטעריאַל די רכילותניקעס און אַז עס האָט מיין חבר פּערלען געקאָסט אַ סך געזונט, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אין 1950, אין ניויאָרק, פון לעאָ פינקלשטיינען ע"ה. פינקלשטיין האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פּערלע האָט עטלעכע מאָל גערעדט מיט אים וועגן מיר און שרהן און דערביי דערמאָנט מיין ווידמונג.

אָבער פּערלע אַליין האָט קיינמאָל נישט דערמאָנט וועגן דעם אין זיינע בריוו צו מיר — וואַרעמע, חברשע בריוו. דאָך האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שווערן שולד־געפיל. באַלד ווי איך בין אַוועק פון אַנטווערפּן, האָב איך זיך געכאַפּט וואָס איך האָב אָפּגעטון און אַז מיין אומשולדיקע, אָבער שלעכט־אויסגערעכנטע, ווידמונג קאָן פּערלען און שרהן פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש.

אָבער נאָך שווערער איז געווען מיין שולד־געפיל אין שייכות צו שרה'ס זעלבסטמאָרד. כמעט אין דער אייגענער צייט, וואָס פון וואַרשע איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז שרה פּערלע האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אירע לאַנגע און פּרעכטיקע צעפּ, האָב איך באַקומען פון איר אַ בריוו, ווו זי דערציילט מיר, אַז מיין בוך וועגן ספּיריטואַליזם, „די צווייטע עקסיסטענץ", האָט אויף איר געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם.

אפשר האָט מיין בוך זי באַוויזגן צו איר שריט! — האָט מיר כסדר געעגבערט אין מוח און איך האָב זיך געפילט שולדיק, שולדיק — ביז איך האָב אין מיטשלס פינצטערן צימער, אויפן סעאַנס, דערהערט איר קול: „דו ביסט נישט שולדיק!".

איך מאַך נישט קיין קאָמענטאַרן אויף מיינע ספּיריטואַליסטישע דערפאַרונגען — צוויי פון אַ היפּשער צאָל. מעגלעך, אַז זיי קענען דערקלערט ווערן אויף אַזאַ, אָדער אַנדער אופן. אפשר... איך ווייס נישט... איך וויל נישט... אדרבא, איך וועל זייער שטאַרק דאַנקבאַר זיין יעדן, וואָס וועט מיר קענען באַווייזן, אַז

חשבון און סך־הכל

דאָס האָט גאָרנישט צו־טון מיט דעם פאַקטישן אָנטייל פון גערסט פון „יענער וועלט" — מחמת איך וויל נישט, ווי איך האָב עס שוין אין אָנהייב געזאָגט, קיין צווייטע עקסיסטענץ, קיין המשך פון לעבן אויף דער אַנדערער זייט פון קבר. אַין עקסיסטענץ איז, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, די־והותר, אויב נישט צופיל...

אָבער איידער איר געפינט אַן אַנדער דערקלערונג פאַר דעם, וויל איך דאָ איבערדערציילן אַ פּאַסירונג, וואָס איך האָב בקיצור איבערגעגעבן אין מיין עסיי „טויט און אומשטאַרבלעכקייט" („מענטשן און אידייען") און איבער וועלכן ס'האָבן זיך געבראָכן — און ברעכן זיך נאָך — די מוחות פון די גרעסטע שריפטשטעלער, פילאָזאָפן, פּסיכאָלאָגן און היסטאָריקער פון אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער.

דאָס איז די געשיכטע פון פּיישיענס וואָירט.

אין אַ יולי־אָוונט פון יאָר 1913 זענען אין סיינט לואיס, מיזורי, אַמעריקע, געזעסן צוויי פּשוטע פרויען, איינפאַכע באַלעבאָסטעס, פרוי פּוירל לענאר קאָרען און פרוי עמילי האָטשינגס, און זיך געשפּילט מיט אַ „ווידזשי־ברעטל". דאָס איז אַ קיילעכיק ברעטל מיט לאַטייניש אותיות אַרום און אַרום. צום ברעטל איז צוגעגעבן אַזאַ טייטל, וואָס אַז איר פירט דערמיט איבער די בוכשטאַבן, שטויסט אייך אַ געהיימער כוח, ווי אָקולטיסטן און אויך אַ סך אַנדערע מענטשן גלייבן, אויסצולייגן ווערטער אין גאַנצע זאַצן.

געוויינטלעך אָבער נעמט דער עולם דאָס „ווידזשי־ברעטל" נישט ערנסט אַמאָל איז עס געווען שטאַרק אין מאָדע און אויך איך האָב פאַרמאָגט אַזאַ ברעטל, אָבער ביי מיר האָט קיין געהיימער כוח נישט געשטויסן מיין האַנט. ס'איז גאָר־נישט אַרויסגעקומען און איך האָב, אייגנטלעך, גאָרנישט דערוואַרט. מיר האָבן זיך בלויז אַמוזירט דערמיט, ווען איך האָב געהאַט געסט.

אָבער ווען די דערמאָנטע צוויי פרויען האָבן זיך געשפּילט מיט דעם „ווידזשי־ברעטל", האָט פרוי קאָרען פּלוצלינג דערפילט ווי אַ שטאַרקער כוח דריקט איר האַנט און דער טייטל האָט אויסגעלייגט די דאָזיקע ווערטער: „מיט אַ סך לבנות צוריק האָב איך געלעבט. איצט בין איך ווידער דאָ. מיין נאָמען איז פּיישיענס וואָירט".

די פּשוטע פרוי, פּ. ל. קאָרען, איז פאַרבליבן סקעפּטיש, האָט זי דעריבער פאַרלאַנגט מער אינפאָרמאַציע פון דער גייסטיקער דאַמע, פּיישיענס וואָירט און — דער טייטל האָט אויסגעלייגט די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציע, דערציילנדיק, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין דאָרסעטשייר, ענגלאַנד, אין יאָר 1694 און זי האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין אַ שרייבערין.

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער מערקווירדיקסטער שותפות אין דער

געשיכטע פון פסיכישע פענאָמענס און אין דער ליטעראַטור — אַ שותפות צווישן אַ לעבעדיקער פּערזאָן און אַ גייסט פון אַ טויטער פרוי.

אין משך פון פופצן יאָר האָט דער גייסט פון פרוי פּיישיענס וואָירט אָנגעשריבן, דורך איר מעדיום, פרוי קאָרען, פיר לאַנגע ראָמאַנען און אַרום 2.500 לידער און פּאָעמעס. דער ערשטער ראָמאַן — אַ „טרויעריקע געשיכטע" — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אָנגעזעענעם און קאָנסערוואַטיוון פאַרלאַג פון „הענרי האָלט און קאָמפּאַניע". אין דער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז וועגן דעם ראָמאַן געדרוקט געוואָרן אין דער „ניו־יאָרק טיימס" פון 8טן יולי, 1917, ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „די דאָזיקע לאַנגע און שפּאַנענדיקע דערציילונג פון יידישן און רוימישן לעבן אין דער צייט פון קריסטוסן איז קאָנסטרויִרט מיט דער פּרעציזקייט און גענויקייט פון אַ מייסטער־האַנט. ס'איז אַ וווּנדערלעך, אַ פּרעכטיק און אַ נאָבל בוך".

דער צווייטער ראָמאַן — „האָופּ טרויבלאָד" — איז די געשיכטע פון אַ פּויעריש מיידל אין ענגלאַנד, אין 17טן יאָרהונדערט, און די קריטיקער אין דער לאָנדאָנער פּרעסע זענען אַריין אין עקסטאַז. אין „בייטוועיטס אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע" (1918) זענען אַריין פינף פון פּיישיענס וואָירטס לידער, בעת אַזעלכע באַרימטע אַמעריקאַנער פּאָעטן ווי איימי לאָועל, עדגאַר לי מאַסטערס און וויטשל לינדסי זענען דאָרט פאַרטראָטן ווער מיט דריי און ווער מיט צוויי לידער.

בילי ראָוז, דער יידיש־אָמעריקאַנער טעאַטראַל און זשורנאַליסט, וועלכער האָט באַרירט אָט־די מערקווירדיקע געשיכטע אין זיינס אַן אַרטיקל, האָט דערביי ריכטיק באַמערקט, אַז סקעפּטיקער קענען דאָ געבן אַ לייכטע דערקלערונג. זיי קענען זאָגן, אַז די סיינט־לואיסער פרוי, פּ. ל. קאָרען, איז אַ טאַלאַנטפולע שרייבערין און זי האָט אויסגעטראַכט די מעשה מיטן גייסט, כדי צו קריגן רעקלאַמע פאַר אירע ווערק. אָבער אַ גענויע שטודיע פון דעם ענין באַווייזט אונדז, אַז דאָס איז נישט אַזוי, קאָן אַזוי נישט זיין.

אַ גענויע און טיכטיקע אויספאָרשונג פון פילאָלאָגן, עטנאָלאָגן, היסטאָריקער און קריטיקער האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז פרוי קאָרען איז אַ זייער פּשוטע פרוי. איר ענגליש איז אַ זייער איינפאַכער, אַ באַשרענקטער; זי באַזיצט נישט קיין שום העכערע בילדונג. זי איז ווי אַ קינד געגאַנגען אין דער פאָלקס־שול (פּאָבליק סקול) און נישט ווייטער. אַ סך ווערטער, וואָס זי האָט באַנוצט אין די דערציילונגען און לידער, וואָס זענען איר דיקטירט געוואָרן, האָט זי אַפילו נישט פאַרשטאַנען. די שפּראַך, וואָס זי האָט באַנוצט אין די דערציילונגען און לידער איז געווען דאָס ענגליש פון 17טן יאָרהונדערט — דורכויס אַזוי!

די אויספאָרשערס זענען געקומען צום איינשטימיקן באַשלוס, אַז כדי צו

שרייבן אַזעלכע דערציילונגען און לידער, וואָלט פרוי קאָרען געמוזט זיין אַ העכסט־געבילדעטע פּערזאָן, מיט אַן אומגעהייער קענטעניש, נישט נאָר פון דעם ענגליש, ווי עס איז גערעדט געוואָרן אין 17טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד, נאָר אויך פון געשיכטע און פון דער לאַנדשאַפט אין די ערטער אין ענגלאַנד, וואָס זי האָט געשילדערט. נאָך עפּעס: אַ טיכטיקע אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז די לאַנדשאַפט, וועלכע האָט אין משך פון דורות זיך געביטן אין יענע מקומות, איז אין יענער צייט — אין 17טן יאָרהונדערט — געווען אַקוראַט, ווי דאָס איז גע־שילדערט געוואָרן אין די דערציילונגען, וואָס פרוי קאָרען האָט אויפגעשריבן.

אין אָנהייב האָט זי נאָכגעשריבן איינצלנע ווערטער, ווי זיי זענען איר דיק־טירט געוואָרן דורך דעם גייסט פון פּיישיענס וואָירט; אָבער דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן זען גאַנצע זאַצן און פרוי קאָרען, וועלכע איז אַזוי אומגעריכט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מעדיום, האָט דאַן דיקטירט איר מאַן די פּראָזע און פּאָע־זיע, וואָס זי האָט געזען. ס׳האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז אַ גאַנץ קאַפּיטל — דאָס איז געווען פון דעם ראָמאַן „אַ טרויעריקע געשיכטע״ — איז פאַרלוירן געוואָרן און פּיישיענס וואָירט — דער גייסט, הייסט עס, — האָט איבערדיקטירט דאָס קאַפּיטל וואָרט פאַר וואָרט. דער גייסט האָט אויך דיקטירט אַ סך פון אירע ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער קעגנוואָרט פון שרייבערס, וויסנשאַפטסלייט און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך פאַר דעם צוועק פאַרזאַמלט אין לאָקאַל פון דער „ארטיסטישער גילדע״ אין סיינט לואיס.

די אויספאָרשערס האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געוואָלט אויסגעפינען ווער ס׳איז פּיישיענס וואָירט, צי אַזאַ פּערזאָן האָט טאַקע אַמאָל געלעבט. און זיי האָבן טאַקע אויסגעפונען, אַז אַ מיידל, פּיישיענס וואָירט, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1694, אין דאָרסעטשייר, ענגלאַנד; אַז אין עלטער פון דרייסיק יאָר האָט זי אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און איז געהרגעט געוואָרן בשעת אַן אינדיאַנישער אַטאַקע אין קעניג פיליפּ׳ס מלחמה.

אין 1928 האָט פּיישיענס וואָירט אויפגעהערט צו קאָמוניקירן מיט פרוי קאָרען אַזוי פּלוצלינג, ווי זי האָט אָנגעהויבן. אַ סך פּסיכאָלאָגן, צווישן זיי ד״ר וואָלטער פרענקלין פּרינס פון דער באָסטאָנער „געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג״, האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אָדער אונדזער קאָנצעפּציע וועגן דעם, וואָס מיר רופן „אונטערבאַוווסטזיין״ מוז ראַדיקאַל אויסגעברייטערט ווערן, אַז עס זאָל איינשליסן אויך אַזעלכע פּאָטענציעלע כוחות, וואָס מיר האָבן ביז־אַהער נישט געהאַט קיין שום קענטעניש פון זיי, אָדער צוגעבן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ כוח, וואָס ער איז נישט אַנטשטאַנען אין דער פרוי קאָרען — דאָס הייסט: אַ דרויסנדיקער כוח — אָבער ער האָט אָפּערירט דורך איר״.

א. אַלמי

פּרוי קאָרען איז געשטאָרבן אין 1937. אין דער „געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג" זענען פאַראַן אַ סך ענלעכע פאַקטן. סער אָליווער לאָדזש איז זיכער געווען, אַז סוף־כל־סוף וועט דורכגעבראָכן ווערן די וואַנט צווישן לעבן און טויט. די פּסיכישע פאָרשערס אויף דער ערדישער זייט און אויף „יענער זייט", די פאַרשטאָרבענע געלערנטע, הייסט עס, גראָבן פון ביידע זייטן „טונעל" — האָט לאָדזש מוסיף געווען — און ענדלעך וועלן זיי זיך באַגעגענען.

הלוואי זאָל זיין אַן אַנדער דערקלערונג פאַר די פּסיכיש־פענאָמענאַלע דערשיינונגען! אין לעבן, זאָג איך נאָכאַמאָל, איז די־והותר.

★

אַז אַ קלויזניק גייט אַרויס אויפן פעלד,
איז פאַר אים די גאַנצע וועלט
חומש און רש"י און גמרא.
אין רוישן פון ווינט הערט ער בפירוש
אַ פּירוש,
אַ סברה.
אַרום און אַרום אים איז — לויטער חידושים
פאַר זיינע חושים,
דעם מוח צו שאַרפן.
אַן אַלטער טאָפּאָל צווישן פעלד און וואַלד
נעמט־אָן ס׳געשטאַלט
פון רב טרפון.
פון בלעטער־געשאָרך, פון וואַסער־קוואַל
דערטראָגט זיך צו אים אַ מאמר־חז"ל —
און ס׳גאַנצע פעלד איז ביי אים אַזוי גלאַט
ווי פּשט —
און אויפן פּשט האָט ער אַ פּשטל,
אַ האַרבע סוגיא — אין יעדן בלעטל.
אין יעדן שאַרפל גראָז —
יקנה"ז.
אין די כריזאַנטעמעס
זעט ער אַ רמז

חשבון און סך־הכל

כי אמת
מארץ תצמח —
דער אמת שפּראָצט אַרויס
פון ערדישער שויס
און אין אַלצדינג, וואָס ווערט און וואָס איז,
אין מענטש און אין ווערעמל אונטער די פיס,
אין פלאַטערן, פליסטערן, שפּראָצן —
כביכול׳ס רצון.

נחת און צער צו 60 און 65

אָט האָב איך שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם זעקסטן צענדליק יאָר פון מיין מיזעראַבל לעבן. מיטוואָך, דעם 2טן יאַנואַר, 1952, בין איך אַלט געוואָרן 60 יאָר. ס'קלינגט מיר פשוט אומגלויבלעך: איך — אַ בן ששים? נישט אין מיינע פיזישע כוחות, נישט אין מיין געמיט פיל איך זיך אַ האָר אַנדערש, ווי מיט אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר פריִער. ווען עמעצער וואָלט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וועל דערלעבן צו זיין אַ בן ששים, וואָס אין מיינע ייִנגערע יאָרן האָט עס מיר אויסגעזען אַזוי מוראדיק אַלט, וואָלט איך יענעם אויסגעלאַכט; און ווען יענער וואָלט מיר געזאָגט, אַז צו 60 וועל איך זיך פאַרפּלאָנטערן אין אַ ראָמאַן מיט אַ 25־יאָריק מיידל (אַן ענגלענדערין, אין די ערשטע וואָכן פון איר באַזעצן זיך אין אַמעריקע), וואָלט איך זיכער געוווּסט, אַז יענער איז אַ לץ, וואָס טרייבט לצנות.

צו מיין זעכציקסטן לעבנס־יאָר, וואָס אַ גרופּע פריינד האָט דווקא געוואָלט אויסנוצן פאַר אַ גרויסער יובילײ־פייערונג און פון וועלכן איך האָב זיך, ווי געווײנטלעך, אָפּגעטרייסלט, איז מיר באַשערט געווען אַביסל — אָדער אפשר זאָגן: אַ היפּש ביסל — נחת — איך מיין דאָ דעם רושם, וואָס מיין ספּינאָזאַ־בראָשור האָט אַרויסגערופן אין די אינטעלעקטועלע קרייזן. אין דער אייגענער צייט בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער פילאָסאָפישער געזעלשאַפט.

די ספּינאָזאַ־עסיי, ווו איך ברענג אַרויס די — ווי איך בין איבערצייגט גוט־באַגרינדעטע — השערה, אַז דער אַמסטערדאַמער ייִדישער פילאָסאָף איז נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך קריסטלעכע „פריינד", איז פריִער געדרוקט געווען אין „הדואר" און איז דערנאָך אַרויס אין אַ סעפּעראַטן אָפּדרוק, אין אַ בראָשור. אויך אויף ענגליש איז די אַרבעט אַרויס, אין אַ בראָשור־פאָרעם (אין פאַרלאַג „סי־אַרט פּאַבלישערס").

דער ערשטער אָפּרוף איז געקומען פון פּראָפ' אַלבערט איינשטיין. דער געניאַלער מאַטעמאַטיקער, וואָס ער האָט זיך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דעק־

לאַרירט פאַר אַ ספינאָזיסט און געשריבן דעם אַריינפיר צו דער „ספינאָזאַ־דיק־שאָנערי", אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר רונעס, שרייבט מיר אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 30סטן יאַנואַר, 1952:

„איך בין אויפריכטיק באַגייסטערט פאַר אייער בראָשור וועגן ספינאָזאָ׳ס טויט. עס זעט מיר אויס קלאָר און איבערצייגנדיק".

בעת אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס אויף איסט־בראָדוויי איז דאָס פאַר געוויסע ליבע קאָלעגן געווען אַ טעמע פאַר הלצה, ווי מען האָט מיר אָפּגעטראָגן, מחמת זיי קענען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אַן אייגענער מענטש זאָל עפּעס וויסן, איז אין וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און אין בריוו צו מיר פון געלערנטע אויסגע־דריקט געוואָרן באַגייסטערונג. אַפילו אַזוינע, וואָס זענען נישט גרייט אָנצונעמען מיינע באַווייזן, אָבער אָנערקענען די ערנסטקייט פון דער אַרבעט, זענען זיכער, אַז די ספינאָזאַ־פאָרשערס וועלן מוזן שטאַרק אין באַטראַכט נעמען מיינע קשיות און אַרגומענטן.

מיט דער השערה פון ספינאָזאַ־מאָרד האָב איך זיך אַרומגעטראָגן יאָרן־לאַנג, ביז איך האָב זיך, ענדלעך, אַנטשלאָסן אַרויסצוקומען מיט איר עפנטלעך. צווישן די מאָטיוון, וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן אָפּגעהאַלטן מיין פען פון אַרויס־ברענגען די השערה שוואַרץ אויף ווייס, איז דער הויפּט־מאָטיוו געווען די מורא פאַרן חשד אין סענסאַציאָנאַליזם — דער עיקר טאַקע אין די נאַר־וואָס דערמאָנטע אייגענע יידיש־ליטעראַרישע קרייזן; אָבער די השערה, וואָס, ווי איך אַליין בין איבערצייגט, איז מער ווי אַ השערה, האָט מיך צייטנווייז פשוט געפּייניקט, און אין געוויסע מאָמענטן פון מעדיטאַציע האָב איך טיילמאָל געהאַט דאָס געפיל ווי ספינאָזאָ׳ס גייסט אַליין וואָלט מיך געשטויסן מפרסם צו זיין מיין השערה... פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ שרייבערישע אילוזיע...

***

פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי מיין ספינאָזאַ־בראָשור איז דערשינען, האָט זיך ביי אַ סך, אויב נישט ביי אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אַזוינע ענינים, געשאַפן דער איינדרוק, אַז איך בין אַ ספינאָזיסט, בפרט, אַז מיט אַ פאָר יאָר פריער האָט דער ספינאָזאַ־אינסטיטוט פון אַמעריקע אַרויסגעגעבן מיינס אַ ביכל „מאַי קרעדאָ" (מיין „אני מאמין"). אָבער דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק. איך בין נישט קיין ספינאָזיסט, ווי איך בין נישט — און קאָן נישט זיין — קיין פּלאַ־טאָניסט, אַ קאַנטיאַנער, אָדער אַ העגעליאַנער. איך קאָן נישט אָנגעמען קיין שום פילאָסאָפיע, אָדער רעליגיע, אָדער פּאָליטיש־סאָציאַלע דאָקטרין ווי זי שטייט און גייט. באַגרייפנדיק מיט מיין גאַנץ וועזן דעם אמת, אַז ס׳איז נישטאָ קיין

אַבסאָלוטער אמת, איז מיר אוממעגלעך צו פאַרשטיין ווי אַ זוכנדיקער, פאַרשנ־דיקער גייסט קאָן אָננעמען אַ באַשטימטע לערע און זיך אַריינגלייבן אין איר, ווי אַ פרומער ייִד אין תורת משה. איך בין אַ פאַרפאַלענער עקלעקטיקער, וואָס נעמט־אַרויס פון יעדער פילאָסאָפישער, רעליגיעזער, עטישער און סאָציאַלער לע־רע בלויז דאָס, וואָס אַפּעלירט צו מיין שכל, מיין געפיל און מיין געוויסן — דאָס, וואָס זעט מיר אויס דאָס בעסטע, דאָס שענסטע און דאָס לאָגישסטע.

וואָס ס׳איז שייך ספּינאָזאַן, האָט ער מיך אַלעמאָל אימפּאָנירט מיט זיין קאָלאָסאַלן געדאַנק, הגם נישט אַלץ, וואָס דער דאָזיקער טיטאַנישער גייסט האָט אַרויסגעבראַכט, אַפּעלירט צו מיר; אָבער דער עיקר מאַכט אויף מיר אַ רושם זיין קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייט, זיין מוסטערדיק לעבן, וואָס הלוואי וואָלט איך געהאַט דעם כוח, קוראַזש און ווילן צו קאָפּירן עס... קיין אַנדער פילאָסאָף האָט נישט געגרייכט, ווי מיר דאַכט זיך, אַזעלכע הויכן און טיפן, ווי ספּינאָזאַ, מעגן מיר אַפילו אַ סך דערפון, וואָס ספּינאָזאַ האָט אין די הויכן און טיפן געזען, באַ־טראַכטן ווי הוילע אילוזיעס, אָדער געדאַנקלעכע ספּעקולאַציעס — און געדאַנק־לעכע ספּעקולאַציעס זענען דאָך אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען — ווי־באַלד מיר געדענקען, אַז קיין אַבסאָלוטער אמת איז נישטאָ — פאַר אונדז שטאַרבלעכע, קליינינקע ערדישע ברואים!

אין אַנדערע ווערטער: ספּינאָזאַ האָט מיך מער אינטריגירט, ווי וועלכע־אַנדערער פילאָסאָף. דערמיט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיין ספּינאָזיזם!

**
*

איך האָב אַפילו נישט געקענט פאַרוואַנדלען אין פלייש און בלוט ספּינאָזאַ׳ס אָנזאָג: „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין". דער פאַקט איז, אַז ספּינאָזאַ אַליין האָט זיין אָנזאָג נישט אַלעמאָל געקענט מקיים זיין און פלעגט ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן, אויב נישט וויינען, איז שרייען, צאַרנען פּראָטעסטירן.

אַלע באַמיִונגען אויפצונעמען סטאָיִש די סביבה, זאַכן, געשעענישן און אַפילו די גרעסטע עוולות קעגן מיר און לעבן רויִק, אין שלום מיט זיך און מיטן אַרום, — זענען אַרויסגעוואָרפן. איך שריי טאַקע נישט, פּראָטעסטיר נישט, טראָג אַפילו אַריבער מיט פאַרביסענע ליפּן דעם „גלות ביי ייִדן", וואָס איך מוז ליידן צוליבן שטיקל ברויט — אָבער אין מיר שטורעמט עס מיט ווייטיק, מיט כעס, מיט באַ־ליידיקונג. וואָס מער איך טראָג עס אין זיך, דריק עס אונטער, אַלץ פאַרביטערטער און אינערלעך־צעבראָכענער ווער איך.

מיין איינציקע רעטונג איז, ווי כ׳האָב שוין דערציילט — הומאָר. דער הומאָר „אַנטשפּאַנט" מיך, אַזוי צו זאָגן. ער באַפרייט מיך פון דער דריקנדיקער משא.

לייכט־אויף — און לאַכט־אויף — מיין געמיט. ס'באַפרייט מיך פון זיך אַליין... אָבער ווי ס'איז אַלעמאָל ביי מיר, אַז יעדעס ביסל פרייד, וואָס איז מיר אַמאָל באַשערט, פאַרענדיקט זיך שנעל, ווערט פאַרשאַטנט פון אַ טראַגישער פּאַסירונג, אָדער אַן אַנטוישונג — אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיטן דערמאָנטן ביסל נחת צו מיין 60סטן לעבנס־יאָר. אומגעריכט האָט מען פאַר מיר ווידער פאַרקלאַפּט די טיר פון „טאָג" — פאַר מיר און נאָך אַנדערע „דרויסנדיקע", צוליב די שלעכטע געשעפטן פון דער צייטונג, עקאָנאָמיע. אַ סוף צו מיינע פעליעטאָנען „מיט אַ שמייכל". דער גורל פון אַ ייִדישן פעליעטאָניסט! אַ פעליעטאָן, וואָס נעמט אַזוי אויס, וואָס אויף ענגליש וואָלט ער דעם מחבר אריינגעבראַכט פיינע אַפּותיקאָס, ווערט אָפּגעשטעלט צוליב אַ נישטיקן האָנאָראַר. עקאָנאָמיע!...

דער טעגלעכער רוטין, די סביבה, דאָס אַליינזיין נאָך אַלע געררישן — פאַלט אַזוי שווער, אַזוי שווער! איך מוז לאַכן, זיך אויסלאַכן, זיך אויסלאָדן פון דער משא! איך מוז! איך מוז! — — — דער דאַזיקער מוז זוכט אַן אַנדער אויסוועג. אַ זייטיקן, — הלצות, אַ שפּיצל... ס'איז אַלעמאָל אַזוי, ווען כ'הער־אויף הומאָריזירן, פעליעטאָניזירן... און ס'פאַלט מיר איין אַ שפּיצל — אַזאַ שפּיצל, וואָס ס'וועט סיי מיך אַביסל „אַנטשפּאַנען", סיי אויך אויסלאָדן כאָטש אַביסל פון מיין שנאה צו די קאָמוניסטן. איך שיק דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרייהייט" אַ לידל „דער שונא", אַן אַקראָסטיך, וואָס אַז מען לייענט די ערשטע אותיות פון די שורות פון אויבן־אַראָפּ, באַקומט זיך: „סטאַלין רוצח". פאַרשטייט זיך, אַז כ'שטעל אַוועק אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, דוד אַרנאָלד, און בעט דעם רעדאַקטאָר: אויב ער גלייבט, אַז מיין אמתער נאָמען אין אַ קאָמוניסטישער צייטונג קאָן מיר שאַטן, ווי אַ נישט־לאַנג־געקומענעם, זאָל ער אַוועקשטעלן אַ פּסעוודאָנים: דוד ווילער...

דאָס ליד ווערט אָפּגעדרוקט. בלויז אַ צוויי־דריי נאָענטע פריינד האָבן געוווּסט דערפון און — ס'דערגייט צו דער ייִדישער פּרעסע. ס'ווערט דער וויץ פון דער וואָך. אויך די „ניו־יאָרק טיימס" כאַפּט עס אויף, אויך די פּרעסע אין אייראָפּע און אין ישראל. די גאַנצע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע רוסישע פּרעסע אין „גלות" איז פול דערמיט. דער חשד פאַלט אויף דעם און יענעם דיכטער, אָבער דער עיקר אויף מיר... דאָס איז ביי מיר קיין נייס נישט. ווען־נאָר עפּעס אַ שפּיצל, אַ הלצה, איז מען חושד — מיך... איך לייקן. פאַרוואָס? ס'איז מיר אַליין נישט קלאָר. יאָ, די קאָמוניסטן זאָלן זיך ברעכן די קעפּ. און זאָל מען נישט מיינען, אַז כ'האָב עס געטון לשם רעקלאַמע. נאָך עפּעס: אַן אָנווייז פאַר אַזאַ הלצה־קאַמף קעגן וועלט־קאָמוניזם — דורך חוזק, דורך לעכערלעך מאַכן זיי...

יאָ, אַזוי איז עס. אַזוי — אָבער נאָך מער. ס'איז נאָך נישט אַלץ, אפשר איז דער עיקר דאָס אונטערשעמען זיך — נישט מיט דעם עיקר־המעשה, נאָר —

פּאַרט... אַט נאַר־וואָס אַן אַרבעט וועגן ספּינאָזאַ׳ס טויט און דאָ — אַזאַ שפּיצל... איך קריג זיך מיט זיך: הלמאי בערנאַרד שאָו — פּלעגט ער נישט כסדר אָפּטון אַזעלכע שפּיצלעך? פּאַרוואָס־זשע זאָלסט דו זיך באַהאַלטן דערמיט? איך בלייב זיך שולדיק אַן ענטפער. איך ווייס, אַז ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן איך עס געמוזט. יאָ, געמוזט ווי ס׳איז באַפרייען זיך פון אַ שווערער משא... איך לאַך, האָב הנאה. ווי לאַנג וועט עס דויערן? ביינאַכט, ווען כ׳בלייב מיט זיך אַליין, פאַלט די משא סיי־ווי צוריק אויף מיר. אומעטיק. דערביי פּלאָגט מיך נאָך די שווערע סוגיא: וואָס פאַראַ מאָדנער פּלאָנטער איז עס פאַרט אין מיר — אַט־דער כסדרדיקער געראַנגל צווישן אַלערליי כוחות, וואָס אַמאָל האָט דער כוח די אויבערהאַנט און אַמאָל אַן אַנדער כוח?

נישטאָ קיין ענטפער. נישטאָ.

***

ביים סוף 1952 פירט מאָריס וויינבערג (אַרויסגעבער פון „טאָג״) פאַרהאַנדלונגען מיט מיר וועגן איבערנעמען די אָפּטיילונג פון „לכבוד שבת״, וואָס מרדכי דאַנציס (וועלכער איז נאָך אַ קורצער קראַנקהייט געשטאָרבן) האָט אָנגעפירט. דאָס איז אַזאַ שמועס מכוח אַלערליי ענינים, באַפּעפערט מיט תורה־ווערטלעך, מעשה־לעך און אַנעקדאָטן — און דאָס נעמט זייער אויס ביים עולם. וויינבערג וויל, אַז ס׳זאָל זיין „פונקט ווי דאַנציס׳עס״... אָבער איך האָב זיך מיינע חשבונות. ס׳וועט מיר געבן אַ וועכנטלעכע טריבונע און אַ געלעגנהייט — זיך אַליין אויסצודריקן...

אָבער פּלוצלינג שטעלט וויינבערג אָפּ די פאַרהאַנדלונגען. וויינבערג זאָגט מיר אָן, אַז היות ס׳האַלט, אַז דער „מאָרגן זשורנאַל״ זאָל זיך פאַרשמעלצן מיטן „טאָג״, וועט ער מוזן אַריבערנעמען אַ צאָל מיטאַרבעטער אין „טאָג״ אַריין, וועט דאָך זיין אויסן וועג — און אַן איבעריקע הוצאה — אָנצושטעלן אַ „דרויסנדיקן״ שרייבער... און כך־הוה...

אין אמתן בין איך צופרידן געווען, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, כאָטש איך וואָלט דעם לכבוד שבת „פאַר׳אַלמי׳זירט״, איז מיר אָבער די דאָזיקע שבת־דיקע רובריק נישט געווען צום האַרצן...

***

איך האָב אַן אויסגעצייכנטן סיוזשעט פאַר אַ קאָמעדיע, אָדער טראַגי־קאָמעדיע: „דער 100־יאָריקער יובילי פון אַ זעלבסטמערדער״. ס׳וואָלט אָבער נאָך מער אויסגעקומען ווי די קאָמעדיע „דהי מען הו קעים טו דינער״ („דער מענטש, וואָס איז געקומען אויף מיטאָג״) — וועגן דעם ליטעראַרישן גדול דעם בעל־גאוה,

טומלער און פֿאַראַדאָקסן־שיסער אַלאַ דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו, וואָס בעת ער קומט אין אַ שטעטל אויף אַ לעקציע, ווערט ער פֿאַרבעטן אין אַ באַלעבאַטיש הויז אויף מיטאָג. ער קומט און — ער בלייבט. מען קאָן פֿון אים חדשים־לאַנג נישט פּטור ווערן.

דער „העלד“ פֿון דער טראַגי־קאָמעדיע וועגן דעם „100־יאָריקן יובילייִ פֿון אַ זעלבסטמערדער“ וואָלט געוועזן — טאַקע דער שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות... מיטן זעלבסטמאָרד־געדאַנק פֿון דער פֿריִער יוגנט אָן — אַ געדאַנק, וואָס טרעט נישט אָפּ פֿון מיר אויף קיין איין טאָג און קיין איין נאַכט, בין איך שוין אַזוי אַריבער די 65 און — ווער ווייס? דאָס רופֿט אַרויס אין מיין געמיט אַ שמייכל, הגם דער דאָזיקער געדאַנק איז דורכגעווייטיקט פֿון טאָג־טעגלעכע יסורים, ניט נאָר גייסטיקע, נאָר אויך פֿיזישע.

די פֿינף יאָר פֿון 60 ביז 65 זענען אַריבער מיט דער שנעלקייט פֿון פֿינף חדשים אין די יִינגערע יאָרן. מען דאַרף נישט זיין באַהאַוונט אין איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, כדי צו באַגרייפֿן די רעלאַטיוויטעט פֿון צייט ווען מיר פֿאַרגלייכן די פֿריִע יאָרן מיט די שפּעטערדיקע יאָרן. וואָס עלטער מיר ווערן, אַלץ שנעלער לויפֿט פֿאַר אונדז די צייט. ווי לאַנג אַ יאָר האָט זיך פֿאַר אונדז געצויגן אין דער יוגנט! וואָס מיר האָבן אַלץ אין דעם יאָר אָפּגעטון! ווי קורץ זענען צען יאָר אויף די עלטערע יאָרן! איידער מיר קוקן זיך אַרום, איז אַריבער אַ דעקאַדע. דערביי איז עס באמת מערקווירדיק, וואָס איך פֿיל זיך אַבסאָלוט נישט אַלט און זע עס נישט אויס, אויב איך זאָל גלייבן דעם שפּיגל און וואָס מענטשן זאָגן מיר. ס׳רופֿט ביי מיר אַרויס אַ שמייכל, ווען מען זאָגט מיר וועגן עמעצן „אָט־דער אַלטער!“ בעת איך ווייס, אַז „דער אַלטער“ איז יִינגער פֿון מיר מיט שיינע עטלעכע יאָר...

איך האָב זיך צוריקגעצויגן פֿון מיין שטעלע אין „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל“. גענוג! פֿינאַנציעלער מעמד? אויב איך זאָל האָבן דאָס אומגליק אַריינצולעבן נאָך אַ צענדליק יאָר, וועט זיין ווייניק, אויב בלויז עטלעכע יאָר — וועט זיין צופֿיל, פֿינאַנציעל מיין איך... ס׳פּלאָגט מיך דער געדאַנק, וואָס אויב די צייט איז קורץ, איז אַפֿילו נישטאָ קיין יורש, עמעצער, וואָס איז מיר נאָענט, אָבער נאָך ערגער איז, וואָס ס׳וועט אַפֿילו נישט זיין ווער ס׳זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט מיין ליטעראַרישער ירושה, מיט מיין ביבליאָטעק, מיט די אייגענע ביכער, מאַנוסקריפּטן — סיידן פֿריינד, קאָלעגן וועלן זיך דערמיט מתעסק זיין. דאָס איז אפשר נאָך אַ סיבה, וואָס האַלט־אָפּ מיין האַנט, וואָס צווינגט מיך צו שלעפּן דאָס נודנע, איינזאַמע און יסורימפֿולע לעבן. ווי גוט איז דעם סטאָיִקער, וואָס טוט זיך אויס פֿון אַלע דאגות, ווי פֿון אָפּגעטראָגענע קליידער!

פאַרוואָס זאָל מיך טאַקע אַרן, וואָס ס'וועט זיין „דערנאָך"? אין דעם פּרט בין איך נישט קיין אויסנעם פון די מיינסטע מענטשן, וואָס פאַרזאָרגן זיך מיט צוואות, שרייבן זיי כסדר איבער — ס'איז דאָך דאָ נישט שייך דער „דערנאָך", דאָס דאגהט דאָך דער נאָך־לעבעדיקער מענטש, וואָס קאָן זיך נישט באַפרייען פון די ערדישע אינטערעסן, תאוות, אינסטינקטן, כל־זמן זיין דופק שלאָגט נאָך... נאָך שטאַרקער באַאומרויקט מיך דער „דערנאָך" בשייכות יאָ אָדער נישט השארת־הנפש, ווי כ'האָב עס שוין פריער דערציילט און וואָס די נייגונג צו גלייבן אין אַ המשך אויף יענער זייט קבר, איז אפשר דער שטאַרקסטער כוח, וואָס האַלט מיך צוריק פון יענעם „המשך"...

***

דאָס 65סטע לעבנס־יאָר איז צוזאַמענגעפאַלן מיט מיין 50־יאָריקן ליטעראַרישן יובל — דאָס הייסט: זינט דאָס ערשטע געדרוקטע ליד מיינס אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג" (אין 1907). דער אָפּרוף אויף מיין טאָפּלטן יובילֵיי אין דער יידישער (און יידיש־ענגלישער) פּרעסע פון צפון־אַמעריקע, ווי אין דרום־אַמעריקע, אייראָפּע און ישראל (אויך אין העברעיִשע זשורנאַלן) איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. די אַלע אָפּרופן און דער ספּעציעלער נומער, וואָס די „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט לכבוד אָט־דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן (17טער מאַי, 1957) האָבן מיך אָנגעוואַרעמט, אויפגעהייטערט, הגם ס'האָט מיר דערביי ווי געטון, וואָס גוטמיינענדיקע פריינד אויז קאָלעגן האָבן מיין אָפּזאָגן זיך פון אַ באַנקעט, פון עפנטלעכע פייערונגען, אויסגעטייטשט ווי עקשנות און ווי ממש אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג און זיך געפילט געטראָפן.

איך האָב זיך ווידער געמוזט פאַרענטפערן פאַר עפּעס, פאַר וועלכן איך בין אַזוי שולדיק, ווי דער פאַרבנבלינדער אין זיין איינגעבוירענעם חסרון. נאָכן יום־טוב איז דער אומעט געוואָרן נאָך שווערער און געדיכטער. די טאָטאַלע איינזאַמקייט האָט מיך נאָך פעסטער אַרומגענומען, ווי מיט שטאָלענע רייפן. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס צוריקציִען זיך פון דער שטעלע, דאָס געפיל פון פולשטענדיקער פרייהייט, פון טעג אָן פליכטן, וועט גרינגער מאַכן ס'געמיט, אָבער, ווייזט אויס, אַז אַנדערש קאָן נישט זיין.

ס'איז מערקווירדיק — און קיין נייס נישט — ווי קיין מענטש קאָן זיך אַליין נישט העלפן. איבער מיין טעלעפאָן־טישל הענגט אַ געדרוקט צעטעלע, וואָס ס'האָט מיר ווער צוגעשיקט:

Why worry? — You'll never get of this world alive!

„פאַרוואָס זאָרגן? ווערסט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער דאָזיקער וועלט אַ לעבע־דיקער!״ דער אומזין פון לעבן (ווי ס׳דערשיינט פאַר אונדז) און די נישטיקייט און קורצווייל פון אַלץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום, פון אַלץ, וואָס מיר טוען און פון אַלצדינג, וואָס געשעט מיט אונדז — דאָס אַלץ איז פאַר מיר אַזוי קלאָר ווי אַלף־בית, און אַזאַ קוק אויפן לעבן וואָלט געדאַרפט אַרויסרופן אין מיר אַ סטאָישן גלייכגילט. פאַרוואָס־זשע געשעט דאָס נישט? פאַרוואָס נעם איך זיך צום האַרץ אַפילו קלייניקייטן? פאַרוואָס ווער איך געפייניקט פון אַלערליי פּינצטערע מחשבות?

נישט לאַנג צוריק איז געקומען צו מיר אַ פריינד, אַ באַוווּסטער מעדיקער, אַ פּסיכיאַטער מיט אַ וועלט־נאָמען, און פאַר מיר געעפנט זיין האַרץ — אַ פאַרביטערט האַרץ. איך האָב אים אויסגעהערט און גערעדט צו אים, אַנאַליזירט זיינע דאגות און זיי אַנטקעגנגעשטעלט מיין וועלט־באַנעם, על־פּי וועלכן ס׳איז נישט כּדאַי צו מאַכן אַ וועזן פון וואָס ס׳זאָל נישט זיין. ער איז אַוועק אַ באַרויקטער, מיר גע־דאַנקט פון גאַנצן האַרץ. „איר האָט מיך יענעם אוונט פּשוט געראַטעוועט!״ — האָט ער מיר שפּעטער געזאָגט.

אָבער ווען נאָר איך האָב אָט־דעם פריינד, דעם באַוווּסטן פּסיכיאַטער, געבעטן — אַז ער זאָל מיך אויסהערן און זען, וואָס ער קאָן טון פאַר מיר, האָט ער זיך ווי דערשראָקן אָפּגעטרייסלט דערפון: „אָ, נישט אייך!״ אַז איך האָב אים, נאָך זיין באַזוך ביי מיר, געפרעגט ווי כ׳קומט, וואָס איך אים האָב יאָ געקענט העלפן און ער מיר — וואָס ער איז דאָך אַ באַרופענער נשמה־דאָקטער — נישט, האָט ער מיר דערויף זייער אָפנהאַרציק און זייער פּשוט געענטפערט:

— ווייל איך גלייב אין אייך און איר גלייבט נישט אין מיר, אין מיין פּסי־כאָלאָגיע...

יאָ, ס׳גייט דאָ אין גלויבן — נישט דערפאַר, וואָס איך בין אַזאַ חכם. דאָס, וואָס איך האָב אים יענע נאַכט געזאָגט, האָט ער אַליין געוווּסט, אָבער אַז מען הערט עס פון אַן אַנדערן, כאָטש מען ווייס עס אַליין, האָט עס גאָר אַן אַנדער פּעולה. מיר האָבן אָפט דיסקוסיעס וועגן פרוידן, וועגן פּסיכאָ־אַנאַליז און ער ווייס וועגן מיין סקעפּטיציזם אויף אָט־דעם געביט. מיין פריינד האָט דעריבער מורא געהאַט זיך צו „פאַרנעמען״ מיט אַזאַ סוביעקט, ווי איך (זע מיין אָפּהאַנדלונג: „פרויד און זיינע זעקס אַפּאָסטאָלן״).

***

מיין געמיט־צושטאַנד ווערט ערגער מיטן טאָג. דאָס באַוווּסטזיין פון אַליינקייט, פון פאַרלאָזנקייט דערשלאָגט מיך און רופט מיך נאָך שטאַרקער צו באַפרייאונג — „אָט ווי דו האָסט זיך ענדלעך באַפרייט פון דער שטעלע!״... נו, איך וועל פרי̇ער

פאַרענדיקן די און יענע אַרבעטן, דער עיקר צוגרייטן דעם נייעם באַנד זכרונות!
— טענה איך אין זיך, ווי איך וואָלט זיך פאַר עמעצן פאַרענטפערט. איך באַגרייף די נאַרישקייט דערפון, אָבער דערווייל בין איך דאָ... און איך באַמי זיך צו באַפרייען זיך פון דער שווערער משא, וואָס דריקט אויף מיר. אַ צופעליק גוט וואָרט, אַ גע־זאָגטס, צי אַ געשריבנס, אַ צופעליקער שמייכל הייטערט מיך אויף, ווי אַ צוגאָב צו די נייע באַרויקונגס־ רפואות („טכאַנקווילייזערס"), וואָס דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן.

איך טראַכט אָפט, אַז ווען מיינע ערגסטע שונאים וואָלטן געוווסט וועגן מיינע מאַטערנישן, עלנט, שלאָפלאָזע, געפּייניקטע נעכט, וואָלטן זיי מיך צורו געלאָזט, באַגרייפנדיק, אַז כ'האָב סיי־ווי גענוג — איבערגענוג אויף מיין חלק... אָבער — נאָך יעדן גוטן וואָרט, נאָך יעדן שמייכל, וואָס רעפלעקטירט אַביסל ליכטיקייט אויף מיין שווער געמיט, קומט אַ גרויסע דאָזע סם פון ערגעץ — אַזוי פריִער און אַזוי איצט, אַזוי אַלע מיינע יאָרן — בעת איך זוך ממש מיט פאַרצווייפלונג אַ טראָפּן נחמה, מעג עס זיין אַפילו מער אילוזאָריש, ווי רעאַל. דאָסמאָל האָבן אויף מיר אַ פלוכע געטון צוויי שנאהדיקע שטראָמען — איינע פון דער נאָענט, פון קיימברידזש, ביי באָסטאָן, און די אַנדערע — פון מעלבורן, אויסטראַליע, וויאַ בוענאָס־איירעס.

דעם ערשטן גיפטיקן שטראָם האָב איך אַליין, בין איך זיך מודה, גורם געווען מיט אַ רעצענזיע אין דער פ. אַ. ש. אויף ד״ר א. ראָבאַקס אַ קיצור־געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (אין ענגליש), וואָס די בריטישע סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן. קענענדיק ד״ר ראָבאָקן אַרום פערציק יאָר, האָב איך שוין געדאַרפט וויסן, אַז אַנהייבן זיך מיט אים, מיינט קיינמאָל נישט אַרויסקריכן פון אַ קלעפּיקער נעץ. ווי נאָר איינער זאָגט אַרויס די מינדסטע קריטיק אויף זיינס אַ בוך, אַן אַרטיקל, אָדער אַ וואָרט, וואָס איז אים צופעליק איינגעפאַלן, עסט ער זיך אין יענעם אַריין אויפן גאַנצן לעבן, ביזן קבר אַריין. איך געדענק נישט קיין איין פאַל, ווען ער האָט מודה געווען אויף אַ טעות. אויב איינער וויזט אים אָן אויף אַ טעות, ווער שמועסט שוין אויף אַ פאַלשן געדאַנק, צי אויף זיינע כסדרדיקע באַרימערייען, באַטראַכט ער יענעם פשוט פאַר אַ פערזענלעכן שונא.

דער קוריאָז מיט זיין הקדמה צו מיין ענגלישער ספּינאָזאַ־בראָשור, וואָס האָט זיך געדרוקט אין זיין פאַרלאַג (סי־אַרט פּאַבלישערס) גיט די בעסטע כאַראַקטעריס־טיק פון זיין עקשנות. די הקדמה האָט ער געשריבן אָן מיין דערלויבעניש, אָדער הסכמה, אָבער ער האָט מיר צוגעשיקט אַ קאָרעקטור און איך האָב באַשלאָסן נישט צו מאַכן קיין ווענן דערפון — זאָל זיין אַ הקדמה... פאַרריכטנדיק דעם זעצערס גרייזן, האָב איך אויך פאַרריכט דעם בעל־הקדמהס אַ טעות, ווו ער דערציילט, אַז איך האָב אין דער פריִער יוגנט אָנגעהויבן ווי אַ זשורנאַליסט. איך האָב אויס־

געמעקט דעם זשורנאַליסט און אַוועקגעשטעלט: פאַקט — ווי דער פאַקט איז און ווי ס׳וועט אָנגעגעבן אין אַלע ביאָגראַפישע אָנווייזונגען וועגן מיר, אַז מיין ערשטע געדרוקטע „זאַך״ איז געווען אַ ליד (אין 1907) און אין די נאָכקומענדיקע דריי יאָר — אַלץ לידער, ביז דער אַנטשטייאונג פון „מאָמענט״ (אין 1910), ווו כ׳האָב אָנגעהויבן מיין זשורנאַליסטישע אַרבעט. אַן אומשולדיקער טעות, פון וועלכן ס׳שטאַרבן נישט קיין קימפעטאָרינס, אָבער פאַרט אַ טעות.

צו מיין גרעסטער איבעררעשונג איז מיר אָנגעקומען אַ לאַנגער בריוו פון ראַבאַקן מיט אַלערליי „פּסיכאָלאָגישע״ חקירות, אַז געוועכט איז ער, דאָס הייסט: כ׳האָב אָנגעהויבן ווי אַ זשורנאַליסט... ס׳איז געווען צו לעכערלעך זיך צו דינגען וועגן דעם און — ס׳איז געבליבן זשורנאַליסט... אַט־דאָס איז ראַבאַק: ער איז זיך קיינמאָל נישט טועה. דער טעות, וואָס ער באַגייט, ווערט אויס טעות. ס׳ווערט אַ נאַטור־געזעץ. אויב אים איז איינגעפאַלן אַריינצושטעלן אַ טית אינעם נאָמען שווייצער (שוויטצער), איז פאַרפאַלן. מעג די וועלט זיך אויפן קאָפּ שטעלן, בלייבט ער ביי ס׳זייניקע. ס׳איז אַ חוק ולא יעבור.

ווער שמועסט, אַז ס׳דערוועגט זיך ווער צו קריטיקירן זיינס אַ גאַנץ ווערק, ווי דאָס האָט געטון פריער אפרים אויערבאַך אין „טאָג־מ׳ זש״ און דערנאָך איך, אין דער פ. אַ. ש. — דעמאָלט איז הימל עפּן זיך! איך האָב אָנגעוויזן אויף זיין אויסלאָזן די וויכטיקסטע נעמען פון דער יידישער ליטעראַטור, אויף זיין נישט דערמאָנען, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור זענען אויך דאָ וויסנשאַפטלעכע און פּילאָסאָפישע ווערק און אויף זיינע פאַלשע, אָפּט קאָמישע כאַראַקטעריזאַציעס פון יידישע שרייבערס. אַנשטאָט צו ענטפערן אויף די דאָזיקע טענות און אַרויסברענגען זיין שטאַנדפּונקט, האָט ער אויף אויערבאַכן און דאַן דער עיקר אויף מיר אַ פלוכע געטון אַזאַ ברודיקן שטראָם פון פערזענלעכע באַליידיקונגען און אינסינואַציעס — אין אַ פּאָר אַרטיקלען — אַז אַפילו יענע, וואָס ווייסן שוין וואָס מען קאָן פון ראַבאַקן דערוואַרטן, זענען נבהל ונשתומם געוואָרן.

אַזעלכע זלזולים זענען נאָך נישט געהערט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. ראַבאַק האָט זיך דאָ אַליין איבערגעטראָפן. פאַרוואָס האָט דער רעדאַקטאָר פון דער פ. אַ. ש. — ש. לינדער — אַזוינס געדרוקט? אויפן יסוד פון פרייער פּרעסע... אָבער ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן קעגן אַזאַ הפקרות, סיי אין בריוו צו דער רעדאַקציע, סיי אין אַרטיקלען, אין דער פּרעסע, ווי ד״ר י. בערנפעלד׳ס אַרויסטריט אין פּאַריזער „אונדזער וואָרט״, וולאַדימיר גראָסמאַנ׳ס אין דער לאָנדאָנער „יידישע שטימע״, א. לעיעלעס־גלאַנצ׳ס אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ פון ניו־יאָרק און אין אַנדערע צייטונגען.

אָבער די ווילדע זלזולים פון דעם געוועזענעם פּסיכאָלאָגיע־פּראָפעסאָר האָבן

אויף מיר געמאַכט אַזאַ דערדריקנדיקן רושם, אַז כ׳האָב, ווי מיט יאָרן פריִער בעת דעם שאַצקי־פּאַל, אַ לאַנגע צייט פּשוט נישט געקענט נעמען די פּעדער אין האַנט. אַ קאָלעגע, איינער פון אונדזערע פיינסטע עסייאיסטן און איידלסטע פּערזענלעכ־קייטן, האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין אַ בריוו צו מיר, אַז אויף ענגליש וואָלט ד״ר ראָבאַק קיינמאָל זיך נישט דערלויבט אַזוי צו שרייבן וועגן זיינעם אַ נישט־יידישן קריטיקער. און דאָס איז דער ריינער אמת.

פאַרוואָס דערלויבט ער זיך אין יידיש דאָס, וואָס ער וואָלט אַפילו נישט פּראָבירט צו טון אין ענגליש? דאָס איז דערפאַר, וואָס ראָבאַק, ביי זיין גאַנצן הײ־פּער־יידישיזם, ליידט, ווי ס׳זעט מיר אויס, פון אַ (פאַרבאָרגענעם) סנאָביזם לגבי דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט — אַ סנאָביזם, וואָס קריכט אַרויס ווי אַן אָל פון זאַק, יעדעסמאָל, וואָס אַ יידישער שרייבער איז מיט אים אין עפּעס נישט מסכים, אָדער זאָגט אים אַ קרום וואָרט. אין זיין ענטפער אויערבאַכן האָט עס זיך פון אים בפירוש אַרויסגערעדט: איך מאַך זיי באַרימט ביי די גויים און זיי בריקען זיך נאָך!... מיינען מיינט עס אַזוי: איך שרייב ביכער אויף גוייִש, בין געוועזן אַ פּראָ־פעסאָר ביי די גויים — טאָ דרך־ארץ פאַר מיר! ווער זענט איר דען אַזעלכע? ווי דערוועגט איר זיך נישט מסכים צו זיין מיט מיר? אין ענטפער אויף אויערבאַכ׳ס אַרויסטריט טענהט ער, אַז זיינע „אַנגלאָסאַקסישע קאָלעגעס" זענען אָביעקטיוו. ס׳הייסט, אַז די יידישע „קאָלעגעס" זענען נישט אָביעקטיוו. און אָביעקטיוו זיין מיינט ביי אים — מסכים זיין מיט אַלץ, וואָס דער געוועזענער פּראָפעסאָר טוט און זאָגט. מען טאָר זיך קיין קרים נישט טון ווען ער ווידמעט אַ בוך די „יידיש־ריידנדיקע היטלער־קרבנות" — בלויז די יידיש־ריידנדיקע! — און דאָס איז, אייגנטלעך, ביי אים אַזאַ „פּסיכאָלאָגישער" אָנשטעל, אויסצונעמען דערמיט, ווי ער מיינט, ביי די יידישיסטן...

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָט מיך אימפּאָנירט דער פאַקט, וואָס אַ פּראָפעסאָר און אַ מחבר פון ענגלישע ביכער, איז אַזוי פאַרקאָכט אין יידיש, און איך האָב מיין באַוווּנדערונג אַרויסגעזאָגט אין אַן אַרטיקל. אָבער ביסלעכווייז האָב איך געלערנט אַ לעקציע סיי וועגן זיין פּערזענלעכקייט, סיי וועגן זיינע ענגלישע ווערק, וואָס ער אַליין האָט זיי אַלע אַרויסגעגעבן דורך זיין פּער־זענלעכן פאַרלאַג (סי־אַרט פּאָבלישערס). זיין שטענדיק אַרומטראָגן זיך מיט אַ פּאָרטפעל, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט בריוו, קאָפּיעס פון בריוו, פאָטאָסטאַטן פון בריוו, וואָס אַלערליי מענטשן האָבן צו אים געשריבן — פון פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין ביז אַראָפּ צו ז. ווײַנפּער — און מיט צייטונגס־אויסשניטן, ווו זיין נאָ־מען ווערט דערמאָנט, באַרימענדיק זיך מיט דער דאָזיקער סחורה פאַר יעדן איי־נעם, מיט וועלכן ער באַגעגנט זיך — דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער

פון רעכטס צו לינקס (אויף אַ שמחה ביי מרדכי יפה): די מיינסטע פון זיי ווערן דערמאָנט דאָ אין בוך. 1טע ריי (אונטן): פּנחס יאַסינאָווסקי, א. לוצקי, אברהם רעגעלסאָן. 2טע ריי: ב. ריווקין, מרדכי יפה, א. גלאַנץ־לעיעלעס, אַברהם רייזען, ה. לייוויק. 3טע ריי: א. ניסענזאָן, אהרן צייטלין, נ. ביסטריצקי, א. אַלמי, א. אויערבאַך, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער), יעקב גלאַטשטיין, חיים ליבערמאַן. (דאָס בילד איז גענומען אין 1940 אין ניו־יאָרק).

שווערן איינדרוק און כ׳האָב אים אַפּילו באַדויערט. אָבער אין זיין אַרויסטריט קעגן אויערבאַכן און מיר מיט אַזאַ לשון, וואָס גראָסמאַן רופט־אָן אין זיין אַרטיקל — „מאַרק־שפּראַך״, האָט ער, ווי געזאָגט, איבערגעשטיגן זיך אַליין און ס׳האָט אין מיר אַרויסגערופן אַזאַ עקל, אַז ס׳האָט, ווי דערמאָנט, פּשוט פּאַראַליזירט מיין פּעדער...

כ׳האָב מיטן גאַנצן האַרץ באַדויערט, וואָס כ׳האָב זיך מיט ראָבאַקן פאַר־טשעפּעט און דערמיט גורם געווען, אַז אַלע לויב־געזאַנגען, וואָס ער האָט פריער געזונגען אויף מיין חשבון, זאָל ער, ווי דורך אַ כישוף, פאַרוואַנדלען אין מיאוסע באַליידיקונגען... נאָך וואָס האָט עס מיר געטויגט? דער אמת? צום טייוול מיטן אמת! איך בין מיד. איך וויל מער נישט קעמפן מיט קיינעם — ס׳איז גענוג, אַז איך קעמף מיט זיך אַליין. איך דאַרף גייסטיקע מנוחה און אַ גוט וואָרט, וואָס זאָל אויפהייטערן אַביסל מיין געמיט.

אָבער אויב איך האָב, מיט מיין קריטיק אויף ראָבאַק׳ס ווערק, אַליין גורם געווען דעם ברודיקן שטראָם מיט זלזולים פון קיימברידזש ביי באָסטאָן, האָט דער צווייטער ברודיקער שטראָם — דער פון מעלבורן, אויסטראַליע, וויאַ בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, אַ פלוכע געטון אויף מיר אָן וועלכער־ס׳איז סיבה, נאָר סתם אַזוי פון „ריינער״ רשעות. בעת ראָבאַק איז נאָך קיינמאָל קיינעם נישט באַפאַלן, סיידן יענער פאַרטשעפּעט אים אויף דאָס מינדסטע, איז עס ביי דעם „קריטיקער און פיינשמעקער״ י. ראַפּאָפּאָרט רשעות צוליב רשעות — אָט ווי, להבדיל, ביי אַנדערע, קונסט צוליב קונסט... ס׳איז דאָ אַ טעאָריע וועגן אַנטיסע־מיטיזם, אַז ער איז דער פּועל־יוצא פון שולד־געפיל ביי די אומות לגבי ייִדן, אַנטקעגן וועלכע זיי זענען אין משך פון יאָרהונדערטער באַגאַנגען די ערגסטע געמיינהייטן און רציחות. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ מין „וויסנשאַפטלעך״־טעאָ־רעטישע באַרעכטיקונג פון די אַלע אומרעכטן: נישט די פאַרפאַלגער זענען שול־דיק, נייערט די פאַרפאָלגטע, וואָס האָבן מיט זייער סאַמע עקסיסטענץ פּראָוואָצירט זייערע שכנים צו רשעות...

אָט־די טעאָריע וואָלט מען אפשר געקענט אָנווענדן אויף אַזעלכע ווי י. ראַפּאָפּאָרט, אויב ס׳קאָן ביי זיי געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי אַ שולדיק געוויסן. אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער דאָזיקער י. ראַפּאָפּאָרט זייער שווער געזינדיקט קעגן מיר — און בעת און נאָך דעם אימהדיקן ייִדישן חורבן, ווען י. ר. אַליין איז, ווי מיליאָנען אַנדערע, אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, געלאָפן פון טויט איבער רוסלאַנד קיין כינע און צום סוף פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אויסטראַליע, בין איך זיכער געווען, אַז צרות רבים און זיינע אייגענע צרות האָבן אים געליי־

טערט און ער איז אַ חוזר בתשובה אויף זיינע זינד קעגן מיר, קעגן מלך ראַוויטשן און אַנדערע. יעדנפֿאַלס האָט ער זיי, אין גרויליקן אַנבליק פֿון דעם ייִדישן חורבן און וועלט־חורבן — פֿאַרגעסן. ווייזט זיך אַרויס, אַז טויזנט פֿייערן זענען נישט אימשטאַנד צו לייטערן אַזעלכע ווי ראַפּאַפּאָרט.

איז עס אפשר פֿאַרט זיין שולדיק געוויסן פֿאַר זיינע זינד קעגן מיר און קעגן אַנדערע אין יענע גליקלעכע צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, וואָס שטויסן אים צו וויטערדיקע רשעותן קעגן זיינע „קרבנות", ווי צו באַרעכטיקן זיינע אַמאָליקע זינד? דערמאָנט ער אפשר דערפֿאַר כסדר „אונדזער פֿאָלעמיק אין די דרייסיקער יאָרן"? וואָס איז געשען אין די דרייסיקער יאָרן? בעת די ייִדישע שרייבערס אין ניו־יאָרק האָבן אַנגעפֿירט אַ קאַמפּאַניע פֿאַר דעם וואַרשעווער זשורנאַל „ליטעראַרישע בלעטער", פֿון וועלכן נחמן מייזיל איז געווען רעדאַקטאָר, האָב איך אין פּ. א. ש. פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פֿריינטלעכע נאָטיץ וועגן יענעם זשורנאַל. נאָך אַ פֿאַרברעכן: ווען די וואַרשעווער „וואָכנשריפֿט", פֿון וועלכן ראַפּאַפּאָרט איז געווען איינער פֿון די דריי רעדאַקטאָרן, האָט פֿאַרפֿאָלגט יהושע פּערלען און אַן איינזעעניש פֿאַרצאַפּט זיין בלוט, באשר ער שרייבט אין „מאָמענט" שונדראָמאַנען, האָב איך אין אַן אַרטיקל, טאַקע אין „וואָכנשריפֿט", אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז דאָס איז נישט קיין שונד, נאָר לייכטע פֿאָלקסטימלעכע ראָמאַנען.

פֿאַר אָט־די צוויי „חטאים" האָט ראַפּאַפּאָרט אַנגעפֿירט אַזאַ ווילדע העצע קעגן מיר וואָך־איין און וואָך־אויס, סיי אונטער זיין אייגנטלעכן נאָמען, סיי אונטער זיין פּסעוודאָנים י. ריגער, אַז קאַזדאַן, איינער פֿון די „וואָכנשריפֿט"־רעדאַקטאָרן, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אין ניו־יאָרק, האָט מיר געזאָגט: „זיי זענען דאָרט אַראָפּ פֿון זינען". ראַפּאַפּאָרט האָט קודם איבערגעדרייט מיינע ווערטער. פֿון מיין מיינונג, אַז די ראָמאַנען זענען נישט קיין שונד, איז ביי אים געוואָרן, אַז „אַלמי פֿאַרטיידיקט שונד". פֿאַר מיין קורצער נאָטיץ וועגן די „ליטעראַרישע בלעטער" האָט ער מיך אַנגערופֿן „געבעלס, נחמן מייזיל'ס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער", בעת ער אַליין האָט געהאַנדלט און געשריבן מיט גיפֿט און אינסינואַציעס אַלאַ געבעלס. די וואַרשעווער „וואָכנשריפֿט" איז אים ווייניק געווען, האָט ער זיינע גיפֿט־אַרטיקלען פֿאַנאַנדערגעשיקט בכל תפֿוצות ישראל, צווישן זיי צו י. ל. גרוזמאַנ'ס „שפּיגל" אין בוענאָס־איירעס.

די גרעסטע ייִדישע קהילות אין אייראָפּע זענען אָפּגעווישט געוואָרן פֿון פּנים פֿון דער ערד. זעקס מיליאָן ייִדן זענען אומגעקומען. י. ראַפּאַפּאָרט האָט אַנגעשפּאַרט אין מעלבורן, אויסטראַליע — און יאָרן שפּעטער! — קומט פֿון דאָרט קיין ניו־יאָרק אַן אַרטיקל וועגן מלך ראַוויטשן — נישט קיין נעגאַטיווע קריטיק פֿון ראַוויטש'ס שאַפֿן, נאָר אַ געשריבענער אַטענטאַט אויף אַ מענטש,

אויף אַ שרייבער — אין בעסטן סטיל פון די קאָמוניסטישע און נאַציסטישע שרייבערייען פון דעם מין. מען האָט מיר דערציילט, אַז אַן אַנגעזעענער יידישער שרייבער אין ניו־יאָרק האָט געוווינט בעת ער האָט געליענט דעם דאָזיקן שענד־לעכן געשריבענעם אַטענטאַט. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, אַז ראַפּאַפּאָרט, וואָס זיין גאַליקע פּאַרביסנקייט און רשעות זענען אַ שם־דבר, איז דער זעלביקער ראַפּאַפּאָרט וואָס פּאַר דעם חורבן.

אַוודאי האָט ער אויך אַן מיר נישט פאַרגעסן. דאָ און דאָרט אַ גיפטיקע פייל אין מיין זייט. און דאַן זיין שענדלעכער „אָפּרוף" אויף מיין לידער־זאַמלונג „לעצטע געזאַנגען", וואָס איז צו אים אַריינגעפאַלן — שענדלעך, ווייל אַנשטאָט רעצענזיע, איז דאָרט אַ וויסטע שדימשע הוליאַנקע פון ציניש־סאַדיסטישער הפקרות איבער דעם מחבר און איבער דער הקדמה צום בוך, באַגלייט פון ליגנס און אינסינואַציעס און אַן דעם מינדסטן פּאַרזוך צו באַרעכטיקן זיינע מיאוסע רייד מיט ציטאַטן פון בוך — אַ חוץ עטלעכע שורות פון צוויי באַזונדערע לידער, צונויפגעמישט און צעדרייט מעשה חוזק. דער „אָפּרוף" ראַפּאַפּאָרט'ס אין זיין מעלבורנער „יידישע פּאָסט" האָט אַרויסגערופן אַזאַ עקל — נישט בלויז אין מיר — אַז ענטפערן אים איז נישט שייך געווען. ס'איז פשוט נישט געווען אויף וואָס צו ענטפערן.

איך בין דעריבער דערשטוינט און דערשיטערט געוואָרן, ווען מיט צוויי יאָר שפּעטער — אויף דער שוועל פון 1958 — איז דער דאָזיקער ברודיקער „אָפּרוף" פלוצלינג מגולגל געוואָרן אין די „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער" פון בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע. אָט־די אומגעריכטע „מתנה" (וואָס האָט געגרייכט ניו־יאָרק אין מיטן פעברואַר, 1958) האָט מיך באמת אויפגעטרייסלט — נישט אַזוי ראַפּאַפּאָרט'ס שמוציקער פּאַסקוויל, ווי דער פּאַקט וואָס דער רעדאַקטאָר פון די „איל' ליט' בל' " — משה קנאַפּהייס, אויך אַ געראַטעוועטער פון היטלער־חורבן, האָט געהאַלטן פּאַר נייטיק צו דרוקן (אויב נישט איבערדרוקן) אַזאַ שריי־בעריי מיט צוויי יאָר שפּעטער, וועגן אַ בוך, וואָס איז אַרויס אין 1954.

***

אויב מיר אַליין — דער שארית הפליטה פון גרעסטן יידישן חורבן — האָבן זיך נישט געלייטערט און אונדזער לעבן האָט זיך אויף קיין האָר נישט געענדערט, ווי גאָרנישט וואָלט געשען און אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט, ווו די קלאַ־גערס אויפן חורבן און די אָנקלאַגערס פון אונדזערע פּאַרטיליקערס און פון דער גלייכגילטיקער וועלט בכלל, פירן איצט, ווי ביז 1939, די זעלביקע קלייזלדיקע פּאָליטיקעריי, פול מיט קנאה־שנאה — מיט וואָס זענען מיר בעסער און שענער?

א. אַלמי

אין דער פּאַגאַניסטישער וועלט, ווו אָט האָבן פּאַרענדיקט זייער בלוטיקע חתונה וואַטאַן און טאָר און ווו פּערזאָנען־קולט, לעניניסטיש־סטאַליניסטישע און כרושטשאָוויזם, בושעוועט איבער די קערפּערס, טויטע און כמעט־טויטע, פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן — שטייט אויך אונדזער עגל — דאָס געצנדינסט פון קונסט און קולטור, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך פּערזאָנען־קולט, ביי וועמען נישט דער מענטש, דאָס מענטשלעכע איז ביי איר דער עיקר. אויב איינער האָט הינטער זיך אַ סטאַזש פון קולטור־טועריי, אָדער קונסט־שאַפעריי, איז אים אַלץ דער־לויבט, נישט נאָר ווען ער איז אַ ד״ר זשיטלאָווסקי, אָדער אַ שלום אַש, נאָר ווען ער איז אַפילו בלויז אַזאַ ליטעראַרישער אביון ווי אַ ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט אויף זיין „קרעדיט״ אַ צאָל דורכשניטלעכע ליטעראַרישע עסייען. דער פּזמון, אַז אונדז דאַרף בלויז אָנגיין דער שרייבער אין מענטש, נישט דער מענטש אין שרייבער, איז אוממאָראַליש, געפּערלעך, דורך און דורך שעדלעך, ווי ס'וואָלט געווען אַ פּזמון, אַז אונדז דאַרף אָנגיין בלויז די מילך און נישט די קו, אַפילו ווען זי ליידט פון טובערקולאָז...

***

איך ווייס, אַז מיינע רייד זענען אַ קול קורא אין מדבר, אָבער זיי רייסן זיך פאָרט פון האַרץ, פון דער פּען. איך ווייס פאָרויס, אַז ציניקערס וועלן זיך לאָזן ווילגיין איבער מיינע ווערטער, ווי זיי האָבן עס געטון איבער מיין אינטימען אַראָפּריידן זיך פון האַרץ אין דער הקדמה צו מיין לידער־זאַמלונג „לעצטע געזאַנגען״.

דאָס אָפענע מויל פון תהום וואַרט סיי־ווי אויף אונדז אַלעמען גלייך.

לעצטע עסייען

קריטישע, פּאָלעמישע, פּאָלעמישע, פּעליעטאָניסטישע

דער לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור*)

דער „לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור", וואָס דער ערשטער באַנד זיינער (א־ב) איז דעדיקירט צום אָנדענק פון זלמן רייזענען און דער נייער לעקסיקאָן דאַרף דאָס זיין אַ המשך פון ז. רייזענ׳ס לעקסיקאָנען (1914 — 1926 — 1929). אָבער איך בין שטאַרק מסופק, צי דער פּיאָנער פון דער לעקסיקאָגראַפיע פון ייִדישע שרייבערס וואָלט געווען צופרידן פון אַזאַ המשך.

דער לעקסיקאָן עפנט זיך מיט אַ הקדמה פון קולטור־קאָנגרעס, אונטערגע־שריבן פון יעקב פּאַט, פּאַרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט און ח. בעז, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר. דאַן קומט נאָך אַ הקדמה, אונטערגעשריבן פון ד״ר יעקב שאַצקי, איינער פון די צוויי רעדאַקטאָרן (דער צווייטער איז געווען ש. ניגער — ביידע שוין אויפן עולם האמת).

אין ביידע הקדמות ווערן אָנגערירט אַ סך פּונקטן — סיי וועגן די שוועריקייטן ביים זאַמלען ביאָ־ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל, סיי וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם נייעם ווערק, אָבער וועגן איין פּונקט, איין וויכטיקן ענין, מאַכט מען זיך נישט וויסנדיק: פאַרוואָס אין ערשטן באַנד פון לעקסיקאָן פעלן אַ צאָל שרייבערס, וואָס זייערע נעמען הייבן זיך אָן מיט אלף־בית און פאַרוואָס ס׳וועלן אויך אין די ווייטערדיקע בענד פעלן די נעמען פון אַנדערע שרייבערס.

איז דאָס גאָרנישט וויכטיק פאַר אַ ווערק, וואָס איז אויסגערעכנט אויף דורות?

---

*) איך נעם דאָ אַריין מיין איבערבליק איבערן „לעקסיקאָן" (געדרוקט אין פ. אַ. ש. פון 16טן נאָוועמבער, 1956), מיט דער כוונה צו פאַרייביקן דאָ דאָס רשעות פון ד״ר שאַצקי און פון די שאַצקי־באַאיינפלוסטע „לעקסיקאָנערן" — דער עיקר קעגן מיר — ווי זיי האָבן געוואָלט פאַרייביקן דורכן לעקסיקאָן דאָס געפעלשטע ביאָ־ביבליאָגראַפישע בילד פון מיר. זאָל מען וויסן און געדענקען! א. אַל.

די נעמען, וואָס פעלן און וואָס וועלן פעלן אין די אַנדערע בענד, זענען דאָך דאָרט נישטאָ — נישט דערפאַר, וואָס מען האָט זיי נישט געקענט גרייכן, נאָר מחמת זייערע אייגנטימער האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין דעם־אָ לעקסיקאָן — ווייל דער נייער לעקסיקאָן ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דייטשע רעפּאַראַציע־געלטער. די שרייבערס האָבן וועגן דעם פּאַרעפנטלעכט דערקלערונגען אין דער פּרעסע. איז אַזאַ אויפברויז אין דער יידישער קולטור־וועלט נישט ווערט רעגיסטרירט צו ווערן אין אַ לעקסיקאָן פון און פאַר דער יידישער ליטעראַטור?

אין דער ערשטער הקדמה ווערט דערציילט, אַז אַ קאָמיסיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס האָט זיך געווענדט מיט „די דאָזיקע פּראָגראַם" (אַרויסצוגעבן דעם לעקסיקאָן און אַנדערע אויסגאַבעס) צו דער „קאָנפערענץ וועגן די יידישע מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד" און אַז נאָך אַ ריי פאַרהאַנדלונגען „זענען אונדזערע פּראָיעקטן אָנגענומען געוואָרן". דאָן ווערט געבראַכט אַ רשימה פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, מדינת ישראל און אייראָפּע, וואָס גייען אַריין אין דער „תביעות־קאָנפערענץ". דערביי ווערט נישט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש אויף דער טענה פון אַ היפשער צאָל יידישע שרייבערס, אַז אויב שוין יאָ אָננעמען די דייטשע מטבעות, דאַרפן פון זיי געניסן בלויז די לעבנגעבליבענע קרבנות פון היטלער־אומגליק. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אָבער איז נישט קיין היטלער־קרבן.

דאָס פאַרשוויגן דעם גאַנצן ענין מאַכט דעריבער דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געשעמט. צו אַזאַ אויספיר מוז קומען יעדער איינער, אָפּגעזען פון זיין אייגענער מיינונג אין דער פראַגע פון די דייטשישע געלטער. איך בין זיך מודה, אַז איך אַליין, ווי איינער, וואָס איז יאָ אַריין אין לעקסיקאָן, האָב דווקא צוליב דער פאַרשוויגעניש זיך דערפילט עפּעס מאָדנע אומהיימלעך — הגם איך קאָן זיך פאַרענטפערן פאַר מיין געוויסן, אַז בעת איך האָב געענטפערט דעם פרעגבויגן פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, איז מיר אויף דער מחשבה נישט געקומען אַפילו אַ שאָטן פון אַ חשד וועגן באַנוצן דייטשישע געלטער. שפּעטער, ווען ס'האָט זיך וועגן דעם אויפגעהויבן אַ טומל, וואָלט מיין צוריקצוג (דאָס הייסט: אויב איך וואָלט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון די קאָלעגן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ לעקסיקאָן), אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַן אויסרייד. פאַרוואָס? מחמת אין דער צווישן־צייט האָט עפּעס פּאַסירט:

ס'האָבן זיך צו מיר דערטראָגן „קלאַנגען", אַז ד"ר שאַצקי, מיט וועמען איך האָבן אַמאָל געהאַט, כידוע, ביטערע סכסוכים, רעכנט זיך אָפּ מיט מיין ביאָגראַפיע... אַ לעקסיקאָן־טוער האָט די קלאַנגען קאַטעגאָריש געלייקנט און מיר אַפילו פאַרזיכערט, אַז אין מיין פאַל איז ש. באַזונדערס אָפּגעהיטן — טאַקע כדי מען זאָל

אים נישט חושד זײַן אין „אָפּרעכענען זיך". ווי אַ בײַשפּיל פֿון ספּעציעלן גנאָד, האָט מיר דער טוער דערציילט, אַז ש. ניגער האָט צו מײַן ביאָגראַפֿיע צוגעשטעלט אַ לענגערן אויסצוג פֿון זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן מײַנע לידער. וואָס דאַרף מען מער?

***

זלמן רייזען האָט אויף זײַנע אייגענע פּלייצעס גענומען די גאַנצע קאָלאָסאַלע אויפֿגאַבע, איז קיין חידוש נישט, וואָס ער האָט אָפּט אַרײַנגעגעבן מאַטעריאַל ווי ס'שטייט און גייט, צי איינער האָט באַשיידן אָנגעוואָרפֿן עטלעכע קורצע ראשי־פּרקים פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע, צי אַן אַנדערער — אָפּט מיט אַ קליינעם ליטעראַרישן באַגאַזש — האָט וועגן זיך אָנגעליאַפּעט אַ לאַנגע מגילה. טייל ביאָגראַפֿיעס, איבערהויפּט פֿון די עלטערע שרײַבערס, האָט רייזען פֿאַרוואַנדלט אין קריטישע אָפּהאַנדלונגען מיט קאָנסערווירטע מיינונגען לדורות... דערפֿאַר איז אָבער בײַ אים דאָ איין גרויסע מעלה, וואָס וועגט אַריבער אַלע חסרונות — ליבשאַפֿט.

דער נײַער לעקסיקאָן האָט געהאַט צוויי רעדאַקטאָרן, אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר (משה שטאַרקמאַן) און אַ רעדאַקציע־פּערסאָנאַל — גענוג הענט, גענוג צײַט אויף שרײַבן, איבערשרײַבן, רעדאַגירן, רעווידירן. אָבער ס'פֿילט זיך נישט אין דער אַרבעט קיין באַציִונג, איבערהויפּט צום רוב לעבעדיקע שרײַבערס, ווי אויך צו טייל פֿאַרשטאָרבענע, פֿון ליבשאַפֿט איז שוין אָפּגערעדט!...

אין דער הקדמה גומער צוויי זאָגט זיך: „דער איצטיקער לעקסיקאָן קאָנצענטרירט זיך קודם־כּל אויף ריין ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע פּרטים... אין דער ביבליאָגראַפֿיע ווערט געגעבן אַ מינימום פּאָזיציעס. עס ווערן אָנגעוויזן אַלע ווערק פֿון אַ שרײַבער, אָבער נאָר אַ טייל פֿון דעם, וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן אים... אָבער פּונקט ווי מען דאַרף נישט אורטיילן דעם ווערט פֿון אַ שרײַבער לויט דער צאָל שורות, וואָס ער פֿאַרנעמט, אַזוי דאַרף מען אויך נישט אורטיילן לויט דער צאָל ביבליאָגראַפֿישע פּאָזיציעס וועגן אים".

אַ יישר־כּוח!... גלײַך ווי עמעצער וואָלט חושד געווען, אַז די לעקסיקאָן־צונויפֿשטעלערס זענען בכּוח — מיט דער צאָל שורות, אָדער אויף וועלכן אַנדערן אופֿן — צו באַשטימען די מאָס שטאַרבלעכקייט און אומשטאַרבלעכקייט פֿון אַ שרײַבער... דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש: וואָס פֿאַראַ פּרינציפּ, אָדער מעטאָד האָט געווירקט בײַם באַשטימען די צאָל שורות, אָדער ביבליאָגראַפֿישע „פּאָזיציעס" (אָנווײַזונגען, רעפֿערענצן)? אין אַן ערלעכער — שוין נישט צו ריידן פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער — אַרבעט איז דאָך נישט שייך קאַפּריז, אָדער צופֿאַל. פֿאַרוואָס גיט מען בײַ איינעם ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען מיט דער פֿולער האַנט און בײַ אַן אַנדערן — אַ פּעניצל? פֿאַרוואָס פֿאַררעגיסטרירט מען בײַ טייל אויך זייערע

ווערק אין אַנדערע שפּראַכן און ביי אַנדערע דערמאָנט מען אַפילו נישט, אַז אַזעל־כע זענען דאָ? פאַרוואָס ברענגט מען אין טייל ביבליאָגראַפיעס אויך קוואַלן מחוץ יידיש און אין אַנדערע — נישט? אין דער הקדמה 2 ווערט באַטאָנט, אַז „ציטאַטעס פון מיינונגען פון קריטיקער זענען, מיט קליינע אויסנעמען, נישט אַריינגענומען געוואָרן”. פאַרוואָס די „קליינע אויסנעמען”? וועלכער וויסנשאַפטלעכער פּרינציפּ האָט זיי נייטיק געמאַכט?

דער אמת איז, אַז נישט נאָר „ציטאַטעס פון מיינונגען פון קריטיקער” ווערן געבראַכט, נאָר די רעדאַקציע אַליין ווערט דאָרט אַ קריטיקער און זי פאַרפיקסירט „אויף דורות” איר פסק־דין איבער שרייבערס. דער שאַרפסטער ביישפּיל דערפון איז דאָס אָפּמשפּטן דעם באַקאַנטן יידיש־ענגלישן שרייבער קאָנראַד בערקאָוויטש, אַז זיינע דערציילונגען זענען „שונדיסטיש־סענסאַציאָנעל”. מיר האָבן אַ סך טענות צו ק. ב. — גערעכטע טענות — אָבער אָנרופן זיינע סענטימענטאַל־ראָמאַנטישע געשיכטעס „שונדיסטיש־סענסאַציאָנעל” — דאָס איז מוראדיק אומגערעכט.

**
*

דער גרעסטער זכות אין לעקסיקאָן פון דער „נייער יידישער ליטעראַטור” איז — פּאַרטיי, בונד, פּאָליטיק, נישט ליטעראַטור. צוויי ביישפּילן: רפאל אַבראַמאָוויטש איז אַ טייערער ייד, אַ ווילער מענטש, אַ מוטיקער רעוואָלוציאָנערער קעמפער. אין אַ לעקסיקאָן פון פרייהייט־קעמפערס, אָדער אין אַן ענציקלאָפּעדיע, פאַרדינט ער אַן אָרט אויבנאָן. ווי אַ יידישער שרייבער איז ער אַ זייטיקער. איז נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער פאַרנעמט אין דעם ליטעראַטור־לעקסיקאָן פולע צוויי זייטן מיט אַ סמיטשיק אַריבער. פּאַוועל ראָזענטאַל אַנמאַן, דער רעוואָלוציאָנער, דער בונדיסט, האָט זיין גאַנץ לעבן געשריבן אין רוסיש און בלויז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אויסגעלערנט און געשריבן אַביסל יידיש, פאַרנעמט ער אין לעקסיקאָן נאָך אַ גרעסער אָרט פון אַבראַמאָוויטשן, בעת ראובן אייזלאַנדן, וואָס שוין צוליב זיין ראָל אין דעם אויפשטייג פון די „יונגע”, איז ער באַרעכטיקט צו אַ בעסערער מערכה, ווערן געגעבן 38 (אייך־שפּאַלטיקע) שורות; יעקב באַבינ־סקי און ראובן אָגושעוויטש, ביידע מחברים פון וויכטיקע־געוויכטיקע פילאָסאָ־פישע און עטיש־רעליגיעזע ווערק אין יידיש, קריגן צו 20 שורות יעדער.

באָריס אייסוראָוויטש האָט געקענט קלעטערן אויף בערג (דערציילט דער לעקסיקאָן), געווען אַ פּאַרטיי־טוער, אַן אָרט־טוער, אָבער — אַ יידישער שרייבער? אין שייכות מיט זיינע טעטיקייטן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן „פּובליסיטי”־אַרטיקלען, קריגט ער אַזאַ אָרט ווי נפתלי הערץ אימבער (דער בעל־התקוה),

מחבר פון אַ שיינער צאָל לידער אין יידיש און אַ גרעסער אָרט ווי מיכל אַראָנסאָן, אַ פּיאָנער פון דער יידישער פּרעסע און פּאָעזיע אין אַמעריקע (22 שורות).

אויך וואָס ס'איז שייך אינפאָרמאַציע וועגן שרייבערס, איז דער לעקסיקאָן מכולה. ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן אין דעם פּרט קיין געהעריקע אָנשטרענגונג, וואָס דאָס באַווייזט אויבנאויפיקע באַציִונג. עטלעכע ביישפּילן: א. אלפּערט, אַ באָסטאָנער יידישער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר, איז דער מחבר פון אַ בוך „דער אוצר", ווערט דערביי אָנגעמערקט: „אָרט, כאַראַקטער — אומבאַקאַנט". צענדליקער יידן אין באָסטאָן, צווישן זיי שרייבערס, וואָלטן געקענט מגלה זיין דעם „כאַראַק־טער" פון בוך, וגם דעם פולן ערשטן נאָמען פון מחבר... דאָס נאָטיצל וועגן אליהו איזגור, אַ וויכטיקער יידישער פּאָעט פון ווילנע, פאַרענדיקט זיך מיט זיין לידער־בוך אין 1910. אַביסל מי וואָלט געפירט צו זיין וויטערדיקן גאַנג דורך שוועדן און צו אַן איבערזעצונג פון זיינע ווערק אויף עספּעראַנטאָ. אַ קאַפּיטשקע מי וואָלט קלאָר געמאַכט, אַז בר־דרורא (י. ד. פרייער) האָט אָנגעהויבן דרוקן נישט אין העברעיִש, נאָר אין יידיש, ווי דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד" אין פּעטערבורג און — אַז א. ד. אָגוז האָט איבערגעזעצט דעם „חובת הלבבות" אויף יידיש.

אויב אַזאַ פאַל ווי דאָס געבן צוויי מאָל די ביאָגראַפישע נאָטיץ וועגן דעם סאָוועטישן דיכטער איציק בראָנפמאַן (וואָס אויף ז' 443 איז ער בראָנפמאַן און אויף ז' 448 — בראָפמאַן), דעמאָנסטרירט פּשוטע נאָכלאָזיקייט, ווי דאָס איז אויך דער פאַל מיטן גרייזיקן אויסלייג פון געוויסע נעמען, ווי (אין ביבל. ז' 445) י. סיגעל, אָנשטאָט י. י. סיגאַל, זענען די אַנדערע „מוסטערן", וואָס אויף זיי האָב איך אָנגעוויזן, כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער אויבנאויפיקער באַציִונג און אָנפלאַניקייט. גוט אויסגעפּלאַנירט זענען בלויז די פאָראורטיילן און די חשבונות, וואָס אַ רשעותדיקע האַנט האָט געפירט איבערן לעקסיקאָן. מיין אייגענע דער־פאַרונג קאָן דעריבער נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסנעם. זי איז מער ווי אַ פּערזענלעכער ענין און קאָן אַרויסגעשטעלט ווערן ווי אַ ביישפּיל.

די מעשה, וואָס כ'האָב פריִער דערמאָנט וועגן צושטעלן ש. ניגערס אַן אויסצוג פון זיין גרעסער אַרטיקל אין „טאָג", איז געווען נישט מער ווי אַ בבא־מעשה. אפשר האָט ניגערס האַנט דאָס טאַקע געטון, אָבער אַן אַנדער האַנט האָט אויס־געמעקט. אָנשטאָט דעם איז פאַרשריבן געוואָרן אויף דורות (ווי זיי מיינען) אַ ליגן, אַז די „לידער זענען אָפּט סאַטיריש און הומאָריסטיש". ביי יעדן דיכטער, פון קלענסטן ביזן גרעסטן, זענען דאָ שיחת־חולין, געגראַמטע בריוו, איינשריי־בונגען אין אַלבומען אאַז"וו. וועט מען דווקא אַזוינס אַרויסשטעלן ווי אַ כאַראַק־טעריסטיק פון זיין דיכטונג? אַוודאי און אַוודאי זענען נישט־כאַראַקטעריסטיש

הומאָריסטישע לידער פון איבער פערציק יאָר צוריק. וואָס פאַראַ שייכות האָבן זיי מיט די אַנדערע פינף בענד לידער? וואָס ס׳איז שייך די עסייען, ווערט דאָרט קלאָרער. לויטערער סטיל פאַרצייכנט דורך סטיליסטישע קאַליקעס ווי „פּאָפּולער געשריבן״.

דאָס אויסלאָזן ווערק מיינע אין ענגליש, בעת ביי אַלע אַנדערע ווערן אָנגעגעבן אויך זייערע ווערק אין אַנדערע לשונות, איז אַוודאי נישט קיין צופאַל... די מאַכינאַציעס מיט מיין ביבליאָגראַפיע זענען אַזוי קליינלעך־חשבונדיק, אַז ס׳ווערט אַזש קאָמיש. זיכער דערוואַרט נישט קיינער קיין פולע ביבליאָגראַפישע אויס־שפרייטונג, כאָטש פאַרוואָס ביי איינעם מער און ביי אַן אַנדערן ווייניקער ביב־ליאָגראַפישע „פּאָזיציעס״; פאַרוואָס ביי איינעם אויך קוואַלן מחוץ יידיש און ביי אַנדערע נישט, איז, ווי פריִער געזאָגט — אַ „מיסטעריע״... אָבער אין מיין פאַל (און נאָר אין מיינעם?) האָט מען בכיוון אַרויסגעלאָזט ס׳רוב וויכטיקע רעפערענצן, ווי מרדכי יפה׳ס „רינגען אין דער קייט״; אברהם רייזען׳ס זכרונות; קיסין׳ס מלחמה־אַנטאָלאָגיע; ז. זילבערצווייג׳ס טעאַטער־לעקסיקאָן א״אַ; ש. טענענבוים׳ס אַ בוך מיט אַ גרעסערער עסיי וועגן דעם שרייבער אויסגעלאָזט און אַוועקגעשטעלט זיינס אַן אַרטיקל אין „קאַנאַדער אַדלער״, ס׳זאָל אויסזען ווייניקער וויכטיק... אַלע ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען אויף ד״ר מוקדוני׳ס פּאָזיטיווע, סופּערלאַטיווע אָפּ־רופן אין משך פון אַ סך יאָרן, וואָס איך האָב זיי יאָ אָנגעגעבן — אַרויסגעוואָרפן. מען האָט אָבער דווקא אַריינגעשטעלט ד״ר מ׳ס איינציקן נעגאַטיוון אָפּרוף, וואָס איך האָב נישט דערמאָנט.

נאָך וואָס ביבליאָגראַפיע בכלל? אויב עמעצער זאָל אַמאָל וועלן אויסגעפינען וועגן אַ שרייבער — אַ חוץ טרוקענע אינפאָרמאַציע — זאָל ער וויסן ווו צו זוכן און ס׳זאָל זיין וואָס צו געפינען. איז דעריבער אַן אומזין אָנצוגעבן בלויז דערמאָנונגען, פון וועלכע מען קאָן גאָרנישט לערנען. האָב איך אויסגעלאָזט ד״ר מ׳ס קורצע, פאַרבייגייענדיקע באַמערקונג (אַריינגעקוועטשט צווישן עטלעכע אַנ־דערע רעצענזיעס) אין „צוקונפט״, פּונקט ווי איך האָב אויסגעלאָזט קוטשער׳ס פריינטלעכע דערמאָנונג אין בוך „געווען אַמאָל וואַרשע״. אויך קוטשער׳ס נישט־דערמאָנט בוך האָט מען אַריינגעשטעלט — מסתמא צו באַווייזן אומפּאַרטייאישקייט...

אַן אויספאָרש־אַרבעט וועגן ספּינאָזאַ׳ס לעבן און געהיימנישפולן טויט, וואָס האָט געמאַכט אַ „שטיקל״ רושם אין אַקאַדעמישע קרייזן און וואָס דער ערשטער באַגייסטערטער אָפּרוף אויף דעם איז געקומען פון נישט קיין קלענערן ספּינאָזיסט ווי פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין — ווערט פאַרשוויגן, כאָטש דאָס איז דאָך, דאַכט זיך, אַ וויכטיקע דאַטע אין אַ שרייבער׳ס לעבן. איך בין, נאַטירלעך, נישט חושד, אַז די פאַרשווייגעניש איז מחמת דעם, וואָס איינער פון די לעקסיקאָן־רעדאַקטאָרן

האָט אַמאָל צונויפגעשטעלט אַ ספּינאָזאַ־ביאָגראַפיע און דערפאַר האָט נישט גע־טאָרט געדאַכט ווערן אַ ספּינאָזאַ־אַרבעט פון אַן אַנדערן, בפרט, אַז דער אַנדערער האָט מיט אים געהאַט סכסוכים. חלילה־וחס! מסתמא איז אַזוינס סתם נישט וויכטיק. מסתמא איז אייסוראָוויטש׳ס קלעטערן אויף בערג וויכטיקער און האָט מער שייכות צו דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַזאַ אַרבעט און ווי דאָס אַריינפירן דעם אָריענטאַלישן געדאַנק אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַריין.

ווי שטאַרק ס׳זאָל אַ שרייבער נישט זיין איבער דער טבע צו ריידן מכוח אַזעלכע זאַכן און זיי אַרויסברענגען אין רשות הרבים אַריין, איז מען געצוווּנגען דאָס צו טון, בפרט, אַז אַזעלכע פאַלן זענען, ווי געזאָגט, מוסטערן פון דעם „גייסט (וואָס שוועבט) איבער די בלעטער פון דעם בוך"...

**
*

זלמן רייזען׳ס לעקסיקאָן הייסט: „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע".

דער איצטיקער לעקסיקאָן הייסט: „לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטע־ראַטור" — כאָטש אויך דאָ וועלן די מיינסטע ביאָגראַפיעס זיין, ווי ביי רייזענען, פון דער פּרעסע, פון זשורנאַליסטן — פּשוט, ווייל זייער צאָל וועגט אומגעהייער אַריבער די „פּען" (פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן).

אָדער — נייער. אין דער צווייטער הקדמה ווערט צוויי מאָל באַטאָנט, אַז דער איצטיקער לעקסיקאָן „נעמט אַרום אַ ביאָגראַפיש־כראָנאָלאָגישן שטח פון 150 יאָר — האָט זיך די נייע ייִדישע ליטעראַטור אָנגעהויבן מיט 150 יאָר צוריק?

דאָס זענען אפשר נישט־וויכטיקע פּרטים, אָבער זיי זענען כאַראַקטעריסטישע צייכנס פון אַ שיף אָן אַ רודער, אָדער מיט צופיל רודערס, פון אַן אומקלאָרקייט ביי די לעקסיקאָן־קאַפּיטאַנען וועגן זייערע פּלענער און פליכטן (אויסער, ווי גע־זאָגט, אין פּאָליטיק און אין פּערזענלעכע חשבונות).

אַ נייער לעקסיקאָן איז זיכער נייטיק — אָבער נישט אַזאַ לעקסיקאָן. אפשר וועט דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס זיך פאַרט שאַפן אַ פאָלקס־פאָנד פאַר די ווייטערדיקע בענד. אַזוינס וואָלט ממילא געבראַכט דערצו, אַז אַ גרעסערע, אומ־פּאַרטייאישע, נייטראַלע קאָמיסיע זאָל איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבער דעם אָנפיר פון דעם ווערק און פאַרהיטן פון אַן איבערחזרונג פון די עוולות און זינד, וואָס אויף אַ טייל פון זיי איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן.

זיגמונד פרויד און זיינע זעקס אַפּאָסטאָלן...

1

בשייכות מיטן פרויד־נומער „דווקא" ווילט זיך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן פרוידיאַניזם. דער פרויד־נומער איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג. כ'האָב דערוואַרט, אַז ווי באַלד דער נומער איז דעדיקירט צו פרוידן, איז ער מסתמא כולו לויב, אַ שירה ותשבחות צו דעם באַרימטן נשמה־טעאָרעטיקער, אויב נישט אויף די פולע הונדערט פּראָצענט, איז אויף 95, אָדער 90 פּראָצענט. אַזוינס וואָלט פאַר אַ מתנגד לגבי דעם פרוידיאַנישן חסידיזם געווען ממש שווער אַראָפּצושלינגען...

אָבער ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די מחברים פון די פרויד־אָפּהאַנד־לונגען אין דעם „דווקא"־נומער טיילן־איין פרוידן כמעט גלייך אויף גלייך — לויב און פאַרוואורף. ש. סוסקאָוויטש, למשל, נעמט פשוט אָן פרוידן ביי די טעאָרעטישע הערנער און שלעפּט אים אַרויס פון דער וויסנשאַפט — אין דער פילאָסאָפיע אַריין. פרויד געהערט, לויט זיין מיינונג, נישט צו דער עקזאַקטער וויסנשאַפטלע־כער פאָרשונג, נאָר צו דער ספּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע.

וואָס קאָן מען, אייגנטלעך, האָבן צו פרוידן? דאָ איז נייטיק אַ שטיקל דער־קלערונג. ווען אַ דיכטער, אַ דערציילער, אָדער אַן עסייאיסט, דריקט אויס אומ־גינציקע מיינונגען וועגן אַ קאָלעגע פאַ פאַכו, שרייבט מען עס אָפּט צו (גערעכט, צי נישט גערעכט) צו קנאת סופרים. אויב אָבער אַ שרייבער „קריטיקירט" פרוידן, איז שוין נישט שייך שרייבערשע איפּערזוכט, אָבער מען זאָגט: חוצפּה!... ס'טייטש, אַ נישט־פּראָפעסיאָנעלער פּסיכאָלאָג, דערצו אָן אַ דאָקטער־טיטל, זאָל זיך דער־וועגן צו קריטיקירן פרוידן! מען הערט דאָס אייגענע, ווען אַ נישט־מאָלער שרייבט וועגן מאָלעריי, אָדער אַ נישט־מוזיקער וועגן מוזיק. ווודליק דער דאָזיקער לאָגיק קומט־אויס, אַז מאָלערס מאָלן בלויז פאַר מאָלערס, מוזיקערס מוזיצירן בלויז פאַר

מוזיקערס, טענצערס טאַנצן בלויז פאַר טענצערס און טעאָרעטיקערס שאַפן טעאָ־ריעס בלויז פאַר טעאָרעטיקערס...

דער אמת איז דאָך, אַז זיי אַלע שאַפן פאַר אונדז — פאַר מיר, פאַר אייך, פאַר זיי. און יעדער פון אונדז, איבערהויפּט די מער־ווייניקער אינטעליגענטע צווישן אונדז, וואָס קענען זיך אָריענטירן אין אַזעלכע ענינים, מעגן און דאַרפן אויסדריקן זייערע מיינונגען, נעגאַטיווע ווי פּאָזיטיווע, און איבערהויפּט טאַקע וועגן אַ טעאָריע, וואָס רירט־אָן יעדן איינעם פון אונדז אויף מער ווי איין אופן. די צרה באַשטייט דווקא אין דעם, וואָס על־פּי רוב נעמט דער גרויסער עולם אָן אידייען און איזמען אָן קשיות, אָן אַ קריטישן אַנאַליז. זיי גלייבן אויפן וואָרט די עטלעכע „אויסדערוויילטע״, וואָס דריקן־אויס זייערע מיינונגען בכתב, אָדער בעל־פּה. אַזוי האָבן מיליאָנען מענטשן אָנגענומען דעם מאַרקסיזם, למשל, נישט פּרובירנדיק אַפילו אים „צוצעקייען״ מיטן אייגענעם שכל.

**
*

זיגמונד פרויד איז געווען אַ געניאַלער מענטש, אַ גרויסער פאָרשערישער און שאַפערישער גייסט. אָבער בלויז גרויסע מענטשן זענען אימשטאַנד צו באַגיין גרויסע טעותן... מען קאָן אָנפילן ממש צענדליקער ביכער מיט איינגעפאַלענע טעאָרעטישע בנינים אויף די געביטן פון פילאָסאָפיע, אַסטראָנאָמיע, כעמיע, פיזיק, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און מעדיצין. אַ צייט לאַנג — איינע מער, איינע ווייני־קער — זעט אַ טעאָריע אויס לאָגיש און אייזנפעסט, ביז ס׳קומט אָן אַרכימעדעס, וואָס געפינט דעם צענטראַל־פּונקט פון דעם טעות, אָדער פאַלשער הנחה אין דער טעאָריע און ער קערט זי איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

אָן אמת, וואָס אַ טעאָרעטיקער האָט אויף אים אויפגעבויט אַ קאָלאָסאַלן בנין, ווייזט זיך אָפט אַרויס — אין ליכט פון שפּעטערדיקע פאָרשונגען — ווי אָן אילוזאָרישער אמת, אַ מיראַזש פון אמת. אָבער ס׳איז די טבע פון כמעט אַלע טעאָרעטיקערס, אַז ווי נאָר זיי שטויסן זיך אָן אויף עפּעס, וואָס זעט זיי אויס ווי דער אמת, צי אַפילו אויף אַ קערנדל אמת, לאָזן זיי שוין דאָס נישט אָפּ. זיי ווערן אַזוי פאַרשיכורט פון זייער געפינס, אַז זיי ווערן בפירוש טויב און בלינד צו אַלץ, וואָס קומט אין קאָנפליקט מיט דער טעאָריע, וואָס זיי בויען דערויף. זיי בויען אַזוי־אַרום — אויב נישט טעות אויף טעות, איז טעות אויף פאַקט און פאַקט אויף טעות.

די פּאָפּולאַריטעט פון אַ טעאָריע איז בשום־אופן נישט קיין גאַראַנטיע פאַר איר ריכטיקייט. יענע, וואָס באַטאָנען כסדר פרויד׳ס השפעה אויף כמעט אַלע געביטן פון לעבן און שאַפן, אַפילו אויף שפּראַך, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט

„פסיכאָ־אַנאַליטישער" טערמינאָלאָגיע, באַווייזן דערמיט אַבסאָלוט גאָרנישט, ווי דער פאַקט, וואָס אונדזער גייסטיקע וועלט איז ביז נישט־לאַנג צוריק נאָך געווען אונטער דער אַריסטאָטלשער השפעה, באַווייזט נישט די ריכטיקייט פון אַריס־טאָטל׳ס אָפּגעלעבטע וויסנשאַפטלעכע אידייען, און ווי דער פאַקט וואָס די מי־טאָלאָגיע פון די אור־צייטן האָט אַרויפגעלייגט אַזאַ שטאַרקן חותם אויף אונדזער לעבן עד היום און וואָס אונדזערע טעג און חדשים טראָגן מיטאָלאָגישע נעמען, באַווייזט נישט דעם אמת פון דער מיטאָלאָגיע...

אויף דעם יונגן פרויד האָבן געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן: דאַרווין און געטהע. דער ערשטער האָט געוועקט אין אים דעם חשק אַליין צו פאָרשן די נאַטור און קודם־כל די נאַטור פון דעם מענטש. געטהע׳ס אַ ליד אין פּראָזע — אָדער אַן עסיי — ווו ס׳ווערט באַזונגען די רחבות, פילקלאַנ־גיקייט און פילפאַרביקע שיינקייט פון דער נאַטור, האָט אים באַוויגן אויסצו־קלייבן מעדיצין פאַר זיין באַרוף (ערנסט טראַטנער) און ער האָט זיין גאַנץ שאַפע־ריש לעבן זיך געוואַקלט צווישן דאַרווין און געטהע — צווישן וויסנשאַפטלעכן נייגיר און פּאָעטישער פאַנטאַזיע... אָבער ס׳זעט אויס, אַז נאָך שטאַרקער ווי דאַר־ווין און געטהע האָט אים משפיע געווען — די מיטאָלאָגיע, וואָס דאָס דערקלערט נישט בלויז זיין ליידנשאַפטלעך צוכאַפּן זיך צום מיטאָס, נאָר אויך דעם פאַקט, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן מיטאָסן — אַ פסיכאָ־אַנאַליטישע מיטאָלאָגיע.

זיין גאַנצער גאַנג איז געווען גיכער פון אַ פּאָעטיש־פּראָפעטישן רעליגיע־גרינדער, ווי פון אַ וויסנשאַפטלער. ער קלייבט, למשל, אויס זעקס פון זיינע בעסטע תלמידים און שענקט יעדן איינעם פון זיי אַ רינג, אַלע אויסגעגאָסן לויטן מוסטער פון אַ רינג, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן פינגער. דאָס איז רעליגיעזער ריטואַל — און אָט האָט איר זעקס אַפּאָסטאָלן, אַ העלפט פון דער צאָל, וואָס האָבן אַרומגערינגלט יעזוסן. ער פאַרזאַמלט די זעקס אויסדערוויילטע, וואָס האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע שטעט און ער לייגט פאַר זיי אויס אַ פּלאַן ווי יעדער איינער זאָל „געהיים אַרבעטן" אויף פאַרשפּרייטן דעם פסיכאָ־אַנאַליז.

זעקס אַפּאָסטאָלן צו פאַרשפּרייטן אַ נייע רעליגיע! אייניקע פון די אַפּאָסטאָלן (ווי אַדלער און יונג) האָבן שפּעטער רעוואָלטירט קעגן דעם דעספּאָטיזם פון דעם פסיכאָ־אַנאַליטישן משיח, קעגן זיין נישט דולדן מינדסטע קריטיק אויף זיינע טעאָריעס — און געגרינדעט אייגענע „סעקטעס"...

פרויד׳ס גרעסטער אויפטו באַשטייט דער עיקר אין דעם, וואָס ער האָט „געצוויגן די אויפמערקשאַפט" צו דער קאָמפּליצירטער פערזענלעכקייט פון דעם בן־אדם, איבערהויפּט צו די פאַרבאָרגענע קאַמערן אין זיין נשמה, צום געראַנגל צווישן כלערליי כוחות אין אים. און וואָס ער האָט זיך דערוועגט אַרויסצוברענגען

אין דער עפנטלעכקייט ענינים און פּראָבלעמען, וואָס זענען ביז דאַן געווען טאָבו אין אָנשטענדיקער געזעלשאַפט. אמת, זיינע טעאָריעס האָבן אויך געעפנט אַ ברייט פעלד פאַר אַלערליי שאַרלאַטאַנעס און פאַר סעקסאָלאָגן־סענסאַציאָנאַליסטן, וואָס דער שרייענדיקסטער ביישפּיל פון זיי איז געווען דער דאָקטער קינזי, אָבער פאַר זיי איז פרויד געווען אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך ווי דער ערנסטער מעדיקער איז פאַר מעדיצינישע שאַרלאַטאַנעס.

פון פרויד׳ס גרעסטע זינד שניידן זיך אַרויס באַזונדערס שאַרף — צוויי: 1. זיין טבע צו גענעראַליזירן, צו מאַכן אויסנעמלעכע אַבנאָרמאַליטעטן פון יחידים (דערין זיינע אייגענע) פאַר אַ כלל; 2. זיין באַהאַנדלען אור־אַלטע געשיכטע און מיטאָלאָגיע אויף דעמזעלביקן שטייגער ווי אַ פּאַציענט, וואָס ליגט פאַר אים אויף דער סאָפע. אין מה־דאַך, אַז ער האָט זיך געקענט ביטער טועה זיין מיט אַ פּאַציענט, ווי, למשל, מיטן 14־יאָריקן מיידעלע, וואָס פרויד האָט איר היסטעריע און בויך־ווייטיקן געהיילט מיט פּסיכאָ־אַנאַליז, בעת אַלע צרות זענען געקומען פון אַ געשוויר אין בויך און דאָס מיידעלע איז ממש אונטער זיינע הענט געשטאָרבן — אַ פּשיטא שוין געשיכטע און מיטאָלאָגיע פון די אור־אַלטע צייטן. זיין טעאָריע האָט פאַר אים פאַרשטעלט נישט נאָר אַ געשוויר אין מאָגן, נאָר אַלץ, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום רומל פון זיינע טעאָריעס. נישט נאָר דאָס 14־יאָריקע מיידעלע, נאָר אויך משה רבינו איז אומגעקומען אונטער זיינע הענט...

מען ווערט נתפּעל פון פרויד׳ס אַרבעטסזאַמקייט, פון דעם שלל מאַטעריאַלן, פון די הונדערטער פאַקטן, וואָס ער פּאַקט אַריין אין יעדער אָפּהאַנדלונג זיינער. איז טאַקע דאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערן, אָבער אויך דאָס איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר אמתדיקייט פון אַ ווערק. פּיטאַגאָראַס האָט אַריינגעלייגט אַ וועלט מיט מאַטעריאַל אין זיין ווערק צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין נומערן־טעאָריע — נו, איז באשר בכן? חוץ־דעם איז דאָס, וואָס אַ טעאָרעטיקער דערלאַנגט אונדז ווי אַ פאַקט, גאַנץ אָפט נאָר אַ כלומרשטער פאַקט, אָדער וואָס ער נעמט־אָן פאַר אַ פאַקט. אויב אַפילו יאָ אַ פאַקט, ווענדט זיך ווי מען טייטשט אים אויס. איינער פון די פאַקטן, וואָס ער ברענגט, צו באַווייזן, אַז משה איז געווען אַן עגיפּטער, איז טאַקע דער נאָמען משה. נו, איז עס אַ פאַקט, אַז משה איז אַן עגיפּטישער נאָמען, אָבער דרינגען דערפון — צווישן אַנדערע אַרגומענטן — אַז משה איז געווען אַן עגיפּטער, איז פּונקט אַזוי לאָגיש ווי דרינגען פון דעם נאָמען זיגמונד, אַז פרויד איז געווען אַ דייטש. אין חומש גופא ווערט דאָך דערציילט, אַז משה איז אויפגעצויגן געוואָרן אין פּרעה׳ס הויף — איז וואָס פּאַרא נאָמען זאָל מען אים דאָרט האָבן געגעבן, אויב נישט קיין עגיפּטישן?

אַ קריטיקער פון פרוידיאַניזם האָט געבראַכט אַזאַ פאַקט, טאַקע פון אַן

אמתער פּאַסירונג: באַלד נאָך דער מלחמה איז אַ פּאַסאַזשיר־שיף אַרויף אויף אַ מינע. אַ פרוי צווישן די פּאַסאַזשירן, וועלכע איז געווען „אויף דער צייט״, איז אַזוי אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם מינע־אויפרייס, אַז זי האָט געהאַט איר קינד — אָן ווייטיקן, אָן אַנעסטעזיע, אָן דער הילף פון אַן אַקושאָר. דער אויפרייס איז אַ פאַקט, — האָט געשריבן דער פרויד־קריטיקער — איצט האָט אַ געשיקטער טעאָרעטיקער אַ גוטע געלעגנהייט אויפצושטעלן אַ טעאָריע, אַז בכדי פרויען זאָלן האָבן קינדער אָן אַנעסטעזיע, אָן ווייטיקן, אָן דער הילף פון אַן אַקושאָר, דאַרף מען אויפרייסן מינעס אונטער זייערע בעטן...

**
*

פרויד האָט אויפגעשטעלט אַ ריזיקן בנין אויף דעם עדיפּוס־מיטאָס — דעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס, וואָס וועדליק אים זענען אַלע ייִנגלעך איינגעליבט אין זייערע מוטערס און אַלע מיידלעך — אין זייערע פאָטערס. ווי איז אַזאַ שרעקלעכער אומזין געקומען צו פרוידן? פון זיין טבע צו גענעראַליזירן. פון איינצלנע אבנאָר־מאַלע דערשיינונגען (און ס׳זעט־אויס, אַז ער אַליין האָט אין זיינע קינדער־יאָרן דערפון געליטן) האָט ער געדרונגען אַ כלל גדול פאַר אַלעמען. עמיל לודוויג איז אין דעם פרט גערעכט געווען (אין זיין בוך „דאָקטאָר פרויד״), אַז פרויד האָט מיט זיין עדיפּוס־קאָמפּלעקס אַריינגעברענגט אַן אומהיימלעכקייט אין דער פאַמי־ליען־שטוב — צווישן עלטערן און זייערע זין און טעכטער.

פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך דעם היפּוך דערפון. אָט זענען צוויי פאַלן פון אַ סך: אין כאָר פון וואַרשעווער „הזמיר״ (אין 1911) איז אָנגעקומען אַ נייע זינגערין. כמעט אַלע יונגע שרייבערס זענען געווען פאַרליבט אין איר — נישט איך. פאַרוואָס? מחמת איר ענלעכקייט צו מיין מאַמען. דאָס אַליין, וואָס איר פנים האָט געהאַט מיין מאַמעס שטריכן, איז, הייסט עס, גענוג געווען, אַז דאָס מיידל זאָל נישט וועקן אין מיר קיין ראָמאַנטישע געפילן.

איך זיץ אויף אַ באַנק אין די קראָקעווער „פּלאַנטן״ (1908) מיט ש. י. אימבערן און אַ מיידל. ס׳גייט פאַרביי אברהם וויעוויאָרקע (וועלכער האָט דעמאָלט זיך אויפגעהאַלטן אין קראָקע). איך רוף אים צו, נאָר ס׳מיידל איז אומצופרידן. וואָס האָט איר צו אים? „כ׳ווייס... מורמלט זי, — ער... דערמאָנט מיך אָן מיין טאַטן!״. איר קענט אים דען? „יאָ, כ׳האָב אים עטלעכע מאָל געזען אין דער ביב־ליאָטעק (עזרא) און ער האָט מיך געוואָלט נעמען אויף אַ שפּאַציר״...

כ׳וואָלט געקענט דערציילן און דערציילן פון אַ סך אַנדערע פאַלן אַזעלכע. נו, וויבאַלד די „פאַרליבטקייט״ אין טאַטעס און מאַמעס, וואָס פרויד שרייבט־צו — מיט דער הילף פון עדיפּוס־מיטאָס — צו די זין און טעכטער פון דער פאַמיליע,

איז נישט מער ווי אַן אויסדאַכטעניש, אָדער אַן אויסטראַכטעניש, קאָן שוין ממילא קיין רייד נישט זיין פון אייפערזוכט און האַס מצד די „פאַרליבטע" צום „קאָנ־קורענט אין ליבע" — צו די טאַטעס מצד די טעכטער און צו די מאַמעס מצד די זין.

די אָבסערוואַציעס פון דעם אַרומיקן לעבן — מיינע און מיינע פריינדס — ביי שכנים, קרובים, באַקאַנטע — האָבן אַנטפּלעקט אַ גאַנץ אַנדער בילד, ווי דאָס, וואָס פרויד מאָלט. בדרך־כלל האַלטן די טעכטער מיט דער מוטער, וואָס איר גורל פון דעם באַוווּסטזיניק זיך אַוועקגעשטעלט, צו שטעלן אויפן טאַטנס זייט, אויב דער טאַטע איז נאָכגיביקער צו זיי ווי די מאַמע. אויב די מאַמע ווייזט־אַרויס מער צאַרטלעכקייט און שטעלט זיך איין פאַר זיי ביים פאָטער, וועלן זיי זיין צוגעלאָזטער צו איר — אויס באַדאַנקלעכקייט, נישט מחמת ראָמאַנטישע, אָדער סעקסועלע געפילן צו איר... אויב דער פאָטער איז דער שוואַכער און גוטמוטיקער, בעת די מוטער איז אַ ברייגדעלע קאָזאַק, וועלן סיי די זין, סיי די טעכטער זיך איינשטעלן פאַרן באַוווּלהטן טאַטן, ווי זיי וועלן זיך איינשטעלן פאַר דער מאַמען, אויב זייער פאָטער טיראַניזירט זי.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ וועגדט זיך שוין אויך אויף ווי ווייט דאָס יושר־געפיל איז אין די קינדער אַנטוויקלט. אויסנעם־פאַלן — ווו דאָס נאַר־וואָס גע־מאָלענע בילד נעמט־אָן גראָטעסקע פאָרמען — זענען זייער זעלטן. און עדיפּוס? — די אַלע מענער און פרויען, אייגענע און פרעמדע, וואָס איך שמועסן מיט זיי אין משך פון אַ סך יאָרן, האָב איך פאַרזיכטיק אַרויפגעברענגט דעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס, האָבן קיינער נישט אַרויסגעוויזן אַפילו אַ רמז פון פּערזענלעכן אינ־טערעס, וואָס אַזאַ איבערלעבונג וואָלט ווי־ס'איז געמוזט פאַרראַטן און זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט פון קיין רכילות אויף דעם געביט וועגן אַנדערע. דאָס לייקנט, נאַטירלעך, נישט אָפּ אַזעלכע אַבנאָרמאַלע טרעפעניש, עס באַווייזט בלויז די שוואַך־שוואַכע השפעה פון עדיפּוסן... מיר אַליין זענען אָבער יאָ באַקאַנט דריי פאַלן פון „ברודער־שוועסטער־ליבע" — צוויי קעגנזייטיקע און איינער — אַן איינזייטיקער, מיט אַ טראַגישן סוף: ווען די שוועסטער האָט חתונה געהאַט, איז דער פאַרליבטער ברודער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין אַלגעמיין גענומען זענען אַזעלכע פּסיכישע פאַרזעענישן אַזאַ זעלטענע זעלטנקייט ווי אַ האַנט מיט זעקס פינגער, אָדער אַ סיאַמער צווילינג.

מאַכן פון אַזעלכע אויסנעם־פאַלן אַ כלל, אַ טעאָריע — קאָן בלויז איינער, וואָס איז אַליין אַבנאָרמאַל און ער זעט אַלץ און אַלעמען דורך זיינע שפּאַקולן, אָדער איינער, וואָס זיין אינטעלעקט איז אַזוי גרויס, אַז ער פאַרדעקט אַזש דעם פּשוטן

שכל־הישר. די הויפּט־צרה פרויד׳ס איז, האַלט איך, באַשטאַנען דער עיקר דעריז, וואָס ער האָט אָבסערווירט און שטודירט דאָס לעבן אין שפּיטאָל־קליניק, נישט אין דער גרויסער און אָפענער גאַס. פרויד האָט געקוקט אויף דער וועלט דורך אַ שפּיטאָל־פענצטער.

2

נישט מער האַפּט האָט די מעשה מיטן שולד־קאָמפּלעקס אין אונדז — זינט די זין האָבן אין ווייטן אור־אַלטער געהרגעט דעם טאַטן און אים אויפגעגעסן. אין אונדז איז, על־פּי פרויד, פאַרבליבן דאָס שולד־געפיל פון אַ פאַטער־מערדער... אַ בבא־מעשה! אין יענע אור־צייטן איז אַזאַ אַקט געווען אַזוי נאַרמאַל און נאַטירלעך ווי ס׳איז איצט צו שעכטן און אויפעסן אַן עוף — איז דעריבער לכתחילה נישט געווען קיין שולד־געפיל, קיין געוויסן־ביס און ס׳איז דעריבער נישט געווען וואָס ס׳זאָל אַריבערגיין בירושה פון דור צו דור אין משך פון אַזוי פיל טויזנטער יאָרן.

ס׳זענען נאָך אַפילו איצט דאָ אַזעלכע ווילדע שבטים, וואָס לאָזן זייער אַלטן טאַטן (וועלכער איז הילפלאָז און קאָן זיי מער קיין נוצן נישט ברענגען) — ערגעץ אויף אַן אָפּגעלעגן אָרט, אָדער אויף אַ באַרג — אויסצוגיין. ס׳איז אַ מנהג, אַ טראַדיציע און אַזוי נאַטירלעך ביי זיי, אַז ווען אַ ציוויליזירטער גאַסט זאָגט זיי מוסר, פאַרשטייען זיי אַפילו נישט וואָס ער בעבעט... חוצדעם איז נאָך כלל נישט באַוויזן געוואָרן, אַז געפילן — ווי שולד־געפיל וכדומה — גייען גענעטיש איבער פון דור צו דור. פרויד באַזירט דאָ ווידער אויף אַ הנחה, וואָס איז אין ספק, אויף אַ יסוד, וואָס איז קיין יסוד נישט, ווי דאָס איז דער סקאַרבאַוער מגידישער נוסח: „ס׳איז דאָך ידוע״, הגם ס׳איז לגמרי נישט ידוע...

פרויד בויט אַזוי גאַנצע טעאָריעס אויף אונדזער מינדסטן קער און ריר, גלייך ווי דעם מענטש וואָלט אָנגעשריבן געווען פון אויבן צו זיין אַ ליימענער גולם אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע. ווי נאָר דער מענטש נעמט זיך באַוועגן, ווערט ביי פרוידן אַ טעאָריע. אויב אַ מענטש פאַרגעסט עפּעס, האָט ער עס נישט פאַר־געסן צוליב דעם דרוק פון אַנדערע ענינים, נאָר מחמת אומבאַוווסטזיניק, אָדער אונטערבאַוווסטזיניק האָט ער געוואָלט פאַרגעסן אַן אומאָנגענעמע זאַך. יעדער „צעטראָגענער פּראָפעסאָר״ וועט דאָס לייקענען. ער פאַרגעסט אָנצוטון די זאָקן, אָדער עפּעס אַנדערש — ווייל זיין מוח איז באַשעפטיקט מיט טויזנט אַנדערע פּראָבלעמען. נו, אַז אַ כירורג פאַרגעסט אַמאָל אַ צווענגל ביי זיין פּאַציענט אין בויך? מיר פאַרגעסן אָפט אַ קוק צו טון אויפן צעטעלע, וווּ מיר האָבן ביינאַכט פאַרשריבן וואָס צו געדענקען אינדערפרי, כאָטש דאָס פאַרשריבענע איז בפירוש

אַנגענעם און וויכטיק. מיר פֿאַרגעסן אין געוווימל פֿון ענינים זאַכן, ווי מיר דער־הערן נישט די אַנגענעמסטע מוזיקאַלישע טענער צוליבן געטומל פֿון דרויסן.

דאָס אייגענע מיט טעותן אין ריידן, אָדער אין שרייבן. ס'קאָן אויך אַמאָל זיין ווי פֿרויד טייטשט, מחמת דעם, וואָס דאָס וואָרט, וואָס מיר וואָלטן באמת געוואָלט זאָגן, פֿאַרלויפֿט דעם וועג דעם וואָרט, וואָס מיר זאָגן געוויינטלעך אויס העפֿ־לעכקייט, אָבער דאָס טרעפֿט זעלטן און מאַכן דעם אויסנעם פֿאַר אַ כּלל, ווי פֿרויד טוט כּסדר, איז פּונקט אַזוי פֿאַלש ווי דאָס ייִדישע שפּריכוואָרט „אַז ס'רעגנט, רעגנט אויף דער גאַנצער וועלט". ווען ס'כאַפּט זיך אַרויס פֿון מויל „שוטים" אַנשטאָט „שופֿטים" (ריכטערס) — צו ניצן עסטרינ'ס אַ ביישפּיל — קאָן אַמאָל טאַקע זיין, אַז ס'איז דערפֿאַר, וואָס ביי זיך ווייסן מיר (נישט דווקא אונטערבאַ־וווסטזיניק), אַז די שופֿטים זענען שוטים; אָבער אין די מייניסטע אַזעלכע פֿאַלן איז עס דערפֿאַר, וואָס דאָס „נישט־ריכטיקע" וואָרט הערן מיר אָפֿטער אַרום זיך.

אין דער סאַמע ערשטער שורה פֿון לייבוש לעהרער'ס עסיי אין פֿרויד־נומער „דווקא" („זיגמונד פֿרויד און פּסיכאָ־אַנאַליז") איז דאָס זיבעטע וואָרט אַ גרייז. אַנשטאָט געדאַנק שטייט געדנאַק. דער זעצער האָט אַזוי אויסגעזעצט. דער קאָ־רעקטאָר האָט געליינט, אפֿשר האָט דער רעדאַקטאָר אויך געכאַפּט אַ קוק אויף דער קאָרעקטור, אָבער ס'איז געבליבן „געדנאַק"... „געדנאַק" מיינט גאָרנישט. אָבער לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַנשטאָט געדאַנק וואָלט אַריינגעפֿאַלן נישט געד־נאַק, נאָר געקנאַק, וואָלט מען לפֿי פֿרוידן געדאַרפֿט דרינגען, אַז אונטערבאַוווסט־זיניק האָט דער זעצער געהאַלטן, אַז לעהרער'ס אָפּהאַנדלונג איז אַ געקנאַקעריי. דערנאָך האָט דער קאָרעקטאָר מסכּים געווען (אויך אונטערבאַוווסטזיניק) מיטן זעצער און מחמת דעם געוואָרן בלינד צום גרייז...

אָט איז מיינע אַ „בודיסטישע" דערפֿאַרונג. כּמעט אַלעמאָל, וואָס איך שרייב וועגן בודיזם, ווערט ביים זעצער פֿון בודיסטן — בונדיסטן. זאָל מען דערפֿון דרינ־גען על־פּי פֿרויד, אַז די זעצערס האָבן (אונטערבאַוווסטזיניק) פֿיינט בודאַן און דערפֿאַר פֿאַרוואַנדלען זיי בודיסטן אין בונדיסטן; אָדער אָננעמען על־פּי שׂכל־הישר, אַז דער גרייז איז צוליב דעם, וואָס בונדיסטן זענען זיי נענטער ווי בודיסטן?...

מיינער אַ פֿריינד דערציילט מיר וועגן אַזאַ פֿאַל: ער האָט איין טאָג געדאַרפֿט דורכפֿירן צוויי שליחותן: קריגן צוויי בילעטן צו דער אָפּערע און קויפֿן אין אַ געוויסער בעקעריי אין דער געגנט, וווּ זיין געשעפֿט איז, אַ „היימישן" קעז־קוכן (ווי זיין פֿרוי האָט אים געבעטן). נאָכן טאָג שמאַיעניש אין זיין געשעפֿט, איז ער קודם אַוועק צו דער אָפּערע, צוגעקומען צו דער קאַסע און אויסגערופֿן:

— גיט מיר אַ קעז־קוכן!

זאָל איך דאָס טייטשן על־פּי פרויד, אַז ס׳האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט „קעז־קוכן״, אָנשטאָט „בילעטן״ מחמת אָפּערע איז אים נישט ניחא (ער איז גראָד אַ ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון אָפּערע און מוזיק בכלל), אָדער „טייטשן״ לויטן שכל־הישר, אַז אין די געשעפטלעכע האַווענישן דורכן טאָג זענען ביי אים צעמישט געוואָרן די יוצרות?

מיר האָבן נאָך נישט אויפגעקלערט דאָס ווונדער פון גדענקען — טאָ ווי קענען מיר שאַפן טעאָריעס וועגן פאַרגעסן? אָבער — זעט איר דאָך! פרויד שאַפט! פרויד האָט אַזוי אַריינגעאַרבעט, אָדער זיך אַריינגעשיכורט אין זיינע טעאָריעס, אַזוי זיך איינגעוווינט צו פּילפול, אַז אַפילו ווו אַן ענין איז קלאָר, מאַכט ער פון אים אַ סכאָלאַסטישן פּלאָנטער. אַז ס׳פאַלט אַריין צו פרוידן אַ קעסטעלע, שאַפט ער אַ טעאָריע ווי דאָס קעסטעלע צו עפענען — נאָך איידער ער פּרוווט עס צו עפענען אָן אַ טעאָריע. און דאָס קעסטעלע עפנט זיך גראָד זייער פשוט. ס׳איז ווי אין דעם פאַבל (דאַכט זיך, אַז קרילאָוו׳ס) מיטן פויערס וואָגן, וואָס איז פאַרקראָכן אין אַ זומפּ און חכמים זענען געשטאַנען און זיך געפּלפּולט ווי אַרויסצושלעפן דעם וואָגן — מיט חכמה, על־פּי פיזיקע. „נאַ טשטאָ מניע פיזיקאַ, — רופט אויס דער אומגעדולדיקער פויער, — מען שפּאַנט זיך איין און מען שלעפּט!״...

פרויד האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מאָדיפיצירט דעם „ענין״ סעקס אין אונדזערע האַנדלונגען און חלומות, אָבער סעקס איז אַלץ ביי אים געבליבן די סיבה פון אַלע סיבות, די עיקרדיקע טרייב־קראַפט פון לעבן, דער הויפּט־כוח, וואָס רעגט און באַוועגט אונדזערע מחשבות און מעשים פון וויגל ביזן קבר — בפועל־ממש פון וויגל אָן, וואָרן אויך אין דעם אומשולדיקן עופעלע אַרבעט שוין כעקס מעשים און מאַניפעסטירט זיך אויף פאַרשיידענע אופנים. אַזאַ אַריינרייסן זיך מיט סעקס אין קינדער־צימער האָט שאָקירט אַלע פיינע לייט ווי אַ פרעכע פאַרשוועכונג פון דער קינדערשער אומשולד. אָבער אין אמתן דאַרף מען דאָ שאָקירט ווערן פון דעם אומזין — מחמת אַפילו אַ קינזי קאָן נישט אינטערוויואירן אַ קינד אין וויגל. דאַרף מען דאָ אָנווענדן סכאָלאַסטישן פּלפּול — און אויף דעם זענען טעאָרעטיקערס גרויסע בריות! — אינטערפּרעטירן דעם קינד׳ס יעדע באַוועגונג (ווי דאָס אַריינכאַפּן אַ פוס־פינגערל אין מויל אַריין און זויגן עס) ווי אַ סעקסועלן רעפלעקס. דערביי מוז דער סעקס־זוכער פאַרגעסן צוויי וויכטיקע פונקטן: 1. אַז ס׳איז די טבע פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש צו מאַכן אַלערליי באַוועגונגען; 2. אַז אַ קינד כאַפּט אַלץ אין מויל אַריין — אַפילו שמוץ.

פרויד׳ס סעקס־טעאָריע בכלל איז פון אַ פאַרנעם, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין אַ געהעריקער דיסקוסיע וועגן דעם און איך וועל זיך בלויז באַנוגענען מיט אַ ציטאַט פון מיין עסיי „טויט און אומשטאַרבלעכקייט״ (אין מיין

בוך „אין גערּאַנגל פון אידייען"): „דער געדאַנק, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט מיט יאָרן צוריק... אַז נישט סעקס, נאָר דער טויט איז די טרייב־קראַפט פון לעבן, דער כוח, וואָס באַוועגט אונדז צו זוכן אייביקייט דורך ממשיך זיין זיך אין קינדער, אין קינסטלערישע ווערק און אויף אַנדערע אופנים — דאָס הייסט, אַז סעקס איז נישט די סיבה, נאָר דער פועל־יוצא פון אַ גרעסערער קראַפט — אָט־דער געדאַנק בעט זיך ממש פאַרטיפט און אויסגעברייטערט צו ווערן".

שאָפּענהויער רופט־אָן דעמדאָזיקן כוח, וואָס סעקס איז זיין אינסטרומענט, אָדער אַטראַקציע אין המשך־פּראָצעס: „בלינדער לעבנס־ווילן"; אָבער אַ ווילן, וואָס אָפּערירט אויף אַן אופן, וואָס רייסט ממש די אויגן מיט באַוווסטזיניקן ציל, איז שוין גאָר קיין בלינדער נישט!

וואָס ס'איז שייך דעם סעקס־איינפלוס אויפן חלום, מאַכט ערנסט ר. טראַטנער (אין זיין בוך וועגן די גרויסע טעאָרעטיקערס) אַזאַ רעזומע: אין חלומות, וואָס די וויסנשאַפט האָט באַטראַכט פאַר אַ מיש־מאַש, האָט פרויד אַנטדעקט אַ זין. אין ווייטן פאַרצייטנס האָט מען געמיינט, אַז די געטער זאָגן־אָן דורך די חלומות — די צוקונפט; אין מיטלאַלטער האָט מען אין חלומות באַשולדיקט די מכשפות... איז געקומען פרויד און געפונען אַ וועלט מיט זין אין דעם חלום... טראַטנער'ס רעזומע ליידט סיי פון גוזמא, סיי פון גענעראַליזאַציע. אויך אין ווייטע צייטן האָט מען שוין אַריינגעטייטשט טיפן אינהאַלט אין חלומות. מיר געפינען דאָס סיי ביי די גריכן, סיי ביי יידן, ווי ס'זאָגט עדות דערויף דער מאמר אין תלמוד ירושלמי (מעשר שני, פ"ד, ה"ו): כמה דבר נש הו חלום (וואָס דער מענטש איז אין זיך, דאָס חלומט ער), און אויך אין אונדזער צייט אַנטדעקט מען אין חלום אַנדייט אויף דער צוקונפט. דזשיימס וויליאַם דאַן האָט אויפגעבויט אַן אומגעהייער־אינ־טערעסאַנטע טעאָריע (אין זיין בוך „אַן עקספּערימענט וויט טיים") אויף פּראָפע־טישע חלומות און פּראָפ' דזשיי. ב. רהיין, דירעקטאָר פון דער פּאַראַפּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע ביים דיוק־אוניווערסיטעט האָט אָנגעזאַמלט אַ שלל מיט דאָקומענ־טירט מאַטעריאַל וועגן פּראָפעטישע חלומות, וואָס זענען רעאַליזירט געוואָרן.

בקיצור: ס'זענען דאָ אַלערליי חלומות און פון פאַרשיידנאַרטיקן באַטייט, ווי אויך פּוסטע — און פּותר זיין אַלע חלומות לויט איין טעאָריע, על־פּי פרויד, אָדער על־פּי וועלכן־אַנדערן טעאָרעטיקער, איז דעריבער דורכויס פאַלש. אָט דערציילט מיר אַ פריינד מיינעם, ד"ר ג. — אַ באַוווסטער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער — אַ חלום: איך שפּאַציר אין גאַס. פּלוצלינג ווערט אַ געלאַף, אַ געשריי: אַ לייב! איך נעם זיך יאָגן מיט אַלע כוחות, לויף אַריין אין אַ געביידע און אַרויף אויף שטיגן. מיטאַמאָל דערזע איך ווי אַ וואָלף טוליעט זיך צו מיר. איך קוק אַראָפּ אונטן און באַרויק דעם וואָלף: דער לייב איז שוין נישטאָ! ווי וועט איר פּותר זיין

דעם חלום? ד״ר נ. פרעגט מיך קודם, צי איך האָב אַ ייִנגערן ברודער מיטן נאָמען וואָלף (וועלכער זוכט ביי מיר שוץ). מיין נעגאַטיווער ענטפער נעמט אים ממש אַפּ דאָס לשון. איך פאַרלייכטער זיין פאַרלעגנהייט מיט מיין אייגענעם „פּתרון״: מיט אַ וואָך פריִער האָט מען אין צענדליקער קינאָ־טעאַטערס געוויזן אַ בילד: „עז לייאַן אין דהי סטריטס״ (אַ לייב אין די גאַסן). פון צענדליקער שילדן האָט עס געשריגן — און אַריינגעשריגן דעם לייב אין מיין חלום אַריין.

און וואָס איז מיטן וואָלף? דער טייוול ווייס אים: אפשר האָט מיר אַמאָל אַ פרוי געזאָגט, אַז איך בין אַ וואָלף... און אפשר האָט דער וואָלף פאַרבלאָנדזשעט פון די דזשאָנגל־בילדער, וואָס מען ווייזט אַזוי אָפט אויפן עקראַן פון די קינאָ־טעאַטערס. דער עיקר איז, אַז עס זענען, ווי געזאָגט, דאָ כלערליי חלומות — סיי אַזעלכע, וואָס שפּילן־אויס אונטערגעדריקטע באַגערן; סיי אַטאַוויסטישע (פאַלן, פליִען); סיי פּראָפעטישע, סיי סעקסועלע, סיי סתם אומזיניקע. און וואָס איז מיט סימבאָלישע חלומות? ס׳איז זיך שווער פאַרצושטעלן, אַז דער חלום־שפּינער זאָל אָפּגעבן צייט אויף אויסטראַכטן סימבאָלן, וואָס דאָס איז שוין אַן ענין פון געדאַנק־לעכער, באַוווסטזיניקער פּלאַנירונג. דאָס, וואָס מיר טייטשן־אויס חלומות־בילדער ווי סימבאָלן, באַווייזט גאָרנישט — אַלץ לאָזט זיך טייטשן? אָבער זיכער זיין אין דעם פּרט אַזוי, אָדער אַנדערש, קאָן מען נישט.

***

איך האָב דאָ דערמאָנט אַ פריינד, אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, ד״ר נ. ער איז נישט דער איינציקער „נשמה־דאָקטער״ אין מיין קרייז, אָבער וויפל מאָל איך בין נישט צוגעשטאַנען צו דעם און יענעם פון זיי, אַז ער זאָל מיך פּסיכאָ־אַנאַליזירן, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט, ממש אַ דערשראָקענער:

— אָ, ניין, נישט איידך!

פאַרוואָס נישט מיך? ווייל זיי ווייסן, פון מיינע דיסקוסיעס מיט זיי, מיין מיינונג וועגן די טעאָריעס פון פרויד, אדלער, יונג און די אַנדערע — און זיי זענען גערעכט, מיינע פריינד: אויב איר קאָאָפּערירט נישט מיטן פּראַקטיצירער פון פּסיכאָ־אַנאַליז, וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון דעם סעאַנס. אַפילו אין היפּ־נאָטיזם איז עס אַזוי. כדי צו קענען קאָאָפּערירן, מוזט איר, פאַרשטייט זיך, גלייבן. אויב איר גלייבט באמת אין דעם אמת — אָדער כוח — פון פּסיכאָ־אַנאַליז, וועט אייך אַפילו אַ שאַרלאַטאַן העלפן. דאָס הייסט: נישט דער פּסיכאָ־אַנאַליז ווירקט דאָ, נאָר אייער גלויבן. אויפן גלויביקן וועט פונקט אַזאַ פּעולה האָבן דער „קריסטשן סייענטיסט״, דער בעל־מופת, ייִדישער, אָדער גויִישער און אַפילו דער זנאַכער. ד״ר אַלעקסיס קארעל דערציילט (אין זיין בוך „מען דהי אַננאָון״)

פון צענדליקער פאַלן (וואָס ער האָט אָבסערווירט), ווו אַ שווער־קראַנקער, וואָס די מעדיצין האָט אים מער נישט געקענט העלפן, איז געגעזן געוואָרן דורך תפילות. דער גלויבן, וואָס דאָס צעבראָכענע האַרץ פון דעם חולה האָט אַריינגעטון אין דער תפילה, האָט אים געהיילט.

דערפאַר האָט אַזאַ שטאַרקע פעולה געהאַט ד״ר קוע מיט זיין אויטאָ־סוגעסטיע און מיטן פסוק: „יעדן טאָג און אויף יעדן שטייגער ווערט מיר אַלץ בעסער און בעסער". דאָס אַלץ איז גוט און ווויל, אַז מען פאַרגייט נישט צו ווייט — צו פאַרזען אַן אמתן בלאָטער, אַ נישט־איינגערעדטן בלאָטער. דערציילט מען וועגן ד״ר קוען (וואָס ער האָט זיך דער עיקר באַרימט געמאַכט דורך אויסהיילן דעם בריטישן מלוכה־מאַן לאָרד קורזאָן), אַז ווען ער, קוע, איז געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ לעקציע־טורנע, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן אַלטן ייִדישן פריינד זיינעם, לאָמיר אים רופן פינקלשטיין, האָט קוע זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין ווייב — געזונט; די קינדער? — געזונט; די שוויגער? — געזונט. נו, און דיין טאַטע? דער טאַטע, — קלאָגט זיך פינקלשטיין, — איז, נעבעך, זייער קראַנק! „עט! — איז קוע מבטל, — ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז קראַנק!"...

קוע איז עטלעכע חדשים אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, צוריקקומענדיק קיין ניו־יאָרק, באַגעגנט ער ווידער פינקלשטיינען און ווידער די אייגענע קשיות: דיין פרוי? — געזונט. די קינדער? — געזונט. די שוויגער? — געזונט. אָ, יאָ, וואָס מאַכט דיין טאַטע? „מיין טאַטע, — זיפצט פינקלשטיין, — מיין טאַטע האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז געשטאָרבן"...

יאָ, נישט אַלץ איז אַן איינריידעניש. עס זענען דאָ רעאַלע געשווירן, רעאַלע וויטיקן, רעאַלע צרות און — אַ רעאַליטעט — אַ סימן: זי טוט אונדז וויי. מיר לעבן אין אַ צערודערטער וועלט און אונדזער אייגן לעבן איז אַזוי דורכגע־שניטן פון יסורים, אַז אויב איינער פאַרבלייבט גלייכגילטיק, אומבאַריִרט פון די טראַגישע און פאַרברעכערישע פּאַסירונגען און קוויקט זיך אין זיין „גייסטיקער מנוחה" — איז אַזוינער אָדער אַן אידיאָט, אָדער אַ רשע מרושע. ער — וואָס בלייבט אַזוי נאָרמאַל אין דער בלוטיק־פאַרפלאָנטערטער וועלט — דאַרף געהיילט ווערן, נישט דער „אומנאָרמאַלער", וואָס קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערער ענין.

3

אין 1884, ווען פרויד איז געווען אַ יונגער געהילף־דאָקטער אין ווינער אַלגעמיינעם שפּיטאָל, האָט ער געפאָרשט די אַנעסטעזיע־מעגלעכקייטן פון קאָ־

קאָין. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ נאָטיץ פֿאַר אַ באַריכט: „מיר מעגן אָננעמען, אַז דער אַנעסטעזירנדיקער עפעקט פון קאָקאַין קאָן אויסגענוצט ווערן אויף פאַר־שיידענע אופנים". אָבער איידער ער האָט פאַרענדיקט זיין אויספאָרשונג, האָט ער געדאַרפט אָוועקפאָרן זיך צו זען מיט זיין כלה. זיין נאָטיץ איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ יונגן סטודענט — קאָהלער — וועלכער האָט זיך פאַראינטערעסירט דערין, ממשיך געווען די אַרבעט, געלייענט וועגן דעם אַ רעפעראַט און זיך דערוואָרבן אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער מעדיצינישער פּראַפעסיע.

פאַרזיכערן פרויד'ס ביאָגראַפן, אַז ווען פרויד פאַרט דעמאָלט נישט צו זיין כלה, נאָר פאַרענדיקט זיין אויספאָרשונג פון קאָקאַין, וואָלט ער אַוועק אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג און געשטיגן אויף אַן אַנדער געביט. אויב דאָ קאָן מען נישט זיכער זיין, צי ס'וואָלט טאָקע אַזוי געווען, וויל פרוידן האָט, לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, געצויגן צו ברייטערע פעלדער ווי אַנעסטעזיע, קאָן מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אויב פרויד וואָלט באַזעסן היפּנאָטישע פעיִקייטן, וואָלט די פסיכאָ־אַנאַליטישע שיטה קיינמאָל נישט אויפגעקומען.

ד"ר פרויד האָט, אונטער דער השפעה פון דריי עלטערע קאָלעגן, ד"ר שאַרקאָ אין פּאַריז, ד"ר בערנהיים אין נאַנסי און ד"ר יאָזעף ברויער אין ווין, זיך פאַר־אינטערעסירט אין היפּנאָטיזם. ער האָט עטלעכע מאָל אַליין אָנגעווענדט היפּנאָטיזם אויף פּאַציענטן, ווי די דריי האָבן געטון, בכדי אויפצעבינדן די צונגען ביי די פּאַציענטן און אַזוי־אַרום דערגיין וואָס עס קוועטשט זיי אונטערן פּסיכישן לע־פעלע, אָבער ס'איז אים נישט געראָטן. ער האָט זיך אַפילו אָנגעשטרענגט צו אַנטוויקלען זיינע היפּנאָטישע כוחות, אונטער דער השגחה פון ד"ר בערנהיימען, אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען זייער שוואַכע. ער האָט געמוזט אָנקומען מיט זיינעם אַ פּאַציענט צו ד"ר בערנהיימען, אַז ער זאָל יענעם היפּנאָטיזירן. דאָ איז פרוידן איינגעפאַלן צו פּרוּוון אויף אַן אַנדער אופן לויז מאַכן דעם פּאַציענטס צונג — דורך ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל ריידן — אָן היפּנאָז — וואָס נאָר אים קומט אויף דער לונג און אויף דער צונג. ער האָט דערמיט געהאַט אַ פּעולה, ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן — און דאָס איז געווען דער בראשית פון פּסיכאָ־אַנאַליז.

דערפון איז קלאָר, אַז אויב פרויד וואָלט באַזעסן אַ היפּנאָטישן כוח אין דער געהעריקער מאָס, וואָלט נישט געווען קיין פּסיכאָ־אַנאַליטישע שיטה. אָבער פרויד, דער מייסטער אין קאָנסטרויִרן ליטעראַריש אַ טעמע — וואָלט ביים היפּנאָטיזם מסתמא נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ער וואָלט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַרומגעבויט די היפּנאָטישע קראַפט אין בן־אדם מיט אַזעלכע טעאָרעטישע גע־בייען, וואָס וואָלטן דעם היפּנאָטיזם אַ שטופּ געטון מיט אַזאַ פאַנטאַסטישער קראַפט

פאַרויס, אַז קינד און קייט, פּראָפעסאָר און פּויער, וואָלטן פאַרקאָכט געוואָרן אין היפּנאָטיזם, ווי זיי זענען איצט אין פּסיכאָ־אַנאַליז.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס אַפילו טייל פון פרויד׳ס שאַרפסטע קריטיקערס פאַרענדיקן אָפט זייערע נעגאַטיווע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פרוידישע טעאָריעס מיט דעם פּזמון, אַז דאָך איז פרויד געווען אַ געניאַלער אויפטוער! זיי באַטאָנען געוויינטלעך פרויד׳ס דערוועגערישקייט אין אויפדעקן תהומות און אַריינ־קוקן אַהין, ווהין קיינער האָט זיך פריִער נישט דערוועגט — אָדער נישט געווען פאַראינטערעסירט — אַריינצוקוקן, צי פּשוט נישט פאַרדעכטיקט, אַז אַזעלכע תהומות און געהיימע לאַבירינטן זענען בנימצא אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. און פרויד האָט נישט בלויז אַריינגעקוקט, נאָר געטייטלט מיטן פינגער אויף די פּסיכישע קאָנפליקטן, קאָמפּלעקסן, אויף די אַלערליי „ויתרוצצו׳ס״. דאָס הייסט, אַז זיי ווערן נתפּעל פון פרויד׳ס ווייטן קוק, אָבער נישט פון זיינע אויספירן. אַוודאי איז דאָס אַליין אַ זייער גרויסער אויפטו, אָבער צי ער האָט דערפאַר פאַרדינט דעם הילכיקן „הללויה״, וואָס מען זינגט צו אים, איז אַן אַנדער פראַגע.

טייל פון די קריטיקערס — סיי צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגן, סיי צווישן די „דרויסנדיקע״, וואָס פאַרענדיקן מיטן פּזמון „און דאָך!״ — זאָגן דאָס פּשוט אויס מורא פאַר אַנגענומענער אויטאָריטעט, בפרט פאַר אַן אויטאָריטעט מיט אַזאַ אומגעהייערער פּאָפּולאַריטעט אין דער אינטעלעקטועלער וועלט, ווי צווישן גרויסן המון־עם, וואָס מער ווי דעם נאָמען פרויד און עפּעס טונקעלע צעמישטע מעשיות וועגן סעקס, חלומות, פּסיכאָ־אַנאַליז אויף אַ קאַנאַפּע, ווייסט ער נישט. דאָס הייסט, אַז נישט פאַר פרוידן האָבן זיי מורא, נייערט פאַר דער וועלט — די וועלט, וואָס גרייכט אַזש ביז האָליוווד און ביז אַפילו אין יענע מדינות, ווו ס׳איז נישטאָ קיין „ריש״ אין זייערע לשונות און „פרויד״ איז ביי זיי — „פלויד״. מען דאַרף האָבן דעם קוראַזש פון אַ פּויער, אָדער די אומשולד פון אַ קינד — אַ געשריי צו טון:

— אָבער דער קעניג איז דאָך נאַקעט!

צום גונסטן פרוידן ווערט אַרויסגעבראַכט דער פאַקט, וואָס ער האָט שפּעטער מאָדיפיצירט געוויסע מסקנאָס זיינע — למשל, אין שייכות צו דער אינטערפּרע־טאַציע פון חלומות, צו דער ראָל פון סעקס און צו דער פּעולה פון פּסיכאָ־אַנאַליז ווי אַ הייל־מעטאָדע. דאָס זאָל הייסן, אַז נאָכאַלעמען איז פרויד נישט געווען אַזאַ פאַרעקשנטער דעספּאָט, אַזוי אומטאָלעראַנט צו קריטיק, צו די „אָפּנויגערישע״ מיינונגען פון זיינע אייגענע תלמידים — אַן אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט, ווי שוין דערמאָנט, פאַרטריבן זיינע „בעסטע נאָכפאָלגערס״ און יעדער פון זיי האָט גע־מאַכט שבת פאַר זיך מיט אַן אייגענער טעאָריע...

אָבער דער איינדרוק איז, אַז די מאָדיפיקאַציעס און קאָנצעסיעס פרויד׳ס זענען גיכער געווען אַ רעזולטאַט פון מורא פון אומגינציקע, אויב נישט געפער־לעכע קאָנסעקווענצן, איידער אָביעקטיווע איבערשאַצונג פון אידייען. זיין געענ־דערטע מיינונג, למשל, וועגן פסיכאָ־אַנאַליז ווי אַ מעטאָדע צו קורירן פּאַציענטן, איז געווען דער פועל־יוצא פון דער פּריער דערמאָנטער טראַגישער דערפאַרונג מיטן מיידעלע, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ בלאָטער אין בויך, בעת ער האָט גע־וואָלט „פּאַררייִדן" אירע יסורים מיט פסיכאָ־אַנאַליז.

דאָס איז געווען אַ באַלדיקע סכנה, וואָס האָט אים דערשראָקן און ער האָט מאָדיפיצירט זיין מיינונג אין דעם פרט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט רעווידירט יענע טעאָריעס זיינע, ווו קיין לעבנס־געפאַר איז נישטאָ, ווי די טעאָריעס פון עדיפּוס־קאָמפּלעקס, שולד־געפיל און אַנדערע, וואָס שפּאַרן־אָן העט־העט אין ווייטן גרויָ־אַלטער אין זיי טראָגן מיט זיך נישט קיין טויט־געפאַר, קיינער קאָן פון זיי נישט קריגן אַפילו קיין צאָן־ווייטיק — סיידן אפשר אַ קאָפּ־שווינדל. אַפילו זיין טעאָריע וועגן משה רבינו קאָן קיינעם נישט פאַרשאַטן צום געזונט. אָבער... דאָ קאָן שוין איינער, וואָס איז באַהאַוונט אין די שוואַרצע פינטעלעך און איז נאָך דערצו אַ בקי אין דער געשיכטע פון מאָנאָטעאיזם — לייכט נאָכקאָנטראָלירן און באַווייזן די לעכערלעכקייט פון דער גאַנצער מעשה, וואָס פרויד האָט דאָ אָנגע־ברייעט — מיטן וואַזשנעם אָנשטעל פון וויסנשאַפטלעכער עקזאַקטקייט.

**
*

מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ שכל־הישרדיקע מאָס צו מעסטן דעם וויסנ־שאַפטלעכן ווערט פון אַ טעאָריע, ווי ס׳איז דאָ אַ מאָראַלישע מאָס צו מעסטן ערלעכקייט. די דערפאַרונג האָט כסדר באַוויזן דעם כלל, אַז איינער, וואָס קריוודעט אַ יחיד, וועט אויך באַגיין אומרעכט קעגן גרופּעס, אָדער גאַנצע פעלקער, ווי נאָר ער קריגט די מאַכט; און איינער, וואָס גנבעט גראָשנס, וועט ווערן אַ גנב אויפן גרויסן פאַרנעם, ווי נאָר ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט.

אין דער אינטעלעקטועלער וועלט קענען מיר, דאַכט זיך, שאַצן דעם ווערט פון אַ טעאָרעטיקערס קאָמפּליצירטע שיטות לויט אַן אידייע זיינער אין שייכות צו אַן ענין, וואָס איז אונדז באַקאַנט און נאָענט און מען קאָן אונדז דאָ נישט איינריידן, אָדער אָפּנאַרן. קאַרל מאַרקס, למשל, האָט בלויז גענזען די יידישע באַנ־קירן און לויט זיי פאַרמשפּט דאָס גאַנצע יידנטום, אַז מאַמאָן איז דער איינציקער גאָט, וואָס עס אָנערקענט און צו נאָך אַנדערע אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען — מוזן מיר שוין קוקן מיט חשד אויף דעם ווערט פון דעם גאַנצן מאַרקסיזם. אויב ער האָט נישט דערזען די מאַסן אָרעמע יידן אונטער זיין סאַמע נאָז — סיי אין

דייטשלאַנד גופא, סיי אין די שכנותדיקע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער — וואָס פּאַראַ צוטרוי קענען מיר האָבן צו זייַנע וויַיטע טעאָרעטישע נסיעות אין דער היסטאָריע אַריין?

פרויד פאַרראַט זיך מיט זיין לייכטזיניקייט ביים אויפשטעלן טעאָריעס — אין זיין בוך „משה”. אין יידישן הומאָר איז דאָ אַ שפּאַס וועגן אַ קליינשטעטלדיקן אַפּיקורס, וואָס לויפט אַריין אין בית המדרש מיט אַ גדולה: „יידן, מען וויס שוין אויף זיכער, אַז ס׳איז נישט געווען קיין משה!” נעמען דאָך יידן טענהן: ס׳טייטש, ווער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים? ווער האָט געשפּאָלטן דעם ים? ווער האָט אַראָפּגעבראַכט די תורה? — דאָס האָט געטון, — מאַכט דער אַפּיקורס, — אַן אַנדער ייד מיטן נאָמען משה...

איז דאָס אַ וויץ. ס׳רופט אַרויס אַ געלעכטער. אָבער פרויד דערציילט אַזאַ מעשה מיט אַן ערנסט וויסנשאַפטלעך פּנים. משה איז גאָר געווען אַן עגיפּטער. ער איז געוואָרן אַ פירער ביי יידן. צום סוף זענען די יידן מיד געוואָרן פון דעם עגיפּטישן משה און אים דערהרגעט. איז ווער האָט דערנאָך געטון די אַלע זאַכן, וואָס ווערן צוגעשריבן צו משה רבינו? מסתמא אַן אַנדער ייד, אָדער אַן אַנדער עגיפּטער, מיטן נאָמען משה... דערביי וויַיזט פרויד אַרויס אַן איבערראַשנדיקע אומוויסנקייט אין דעם אַנטשטיי פון מאָנאָטעאיזם און ער חזרט איבער דעם אַנטי־יידישן פּזמון, אַז נישט יידן, נאָר די עגיפּטער האָבן געשאַפן דעם מאָנאָטעאיזם — דורך דעם פּרעה אכנאַטאָן, דעם גרינדער פון דעם אַטאָניזם — הגם יעדער אָביעקטיווער פאָרשער וויס, אַז דער אַטאָניזם איז געווען נישט מער ווי זון־געצנדינסט.

האָבן מיר דאָ אַזאַ סך־הכל: קריסטן זאָגן, אַז יידן האָבן געהרגעט יעזוסן; דזשאָן פאָסטער דאַלעס, אייזנהויער׳ס הויפּט־מיניסטער, האָט (בשייכות דער אַראַבישער שנאה צו יידן) געזאָגט, אַז יידן האָבן געהרגעט מחמדן; זיגמונד פרויד זאָגט, אַז יידן האָבן געהרגעט משהן; פּראָפעסאָר יהודה האָט געזאָגט, אַז פרויד האָט געהרגעט זיך אַליין. פון די אַלע מאָרדן איז דער לעצטער דער איינ־ציק רעאַלער. פּראָפ׳ יהודה, וועמען פרויד האָט געגעבן צו לייענען דעם משה־מאַנוסקריפּט, האָט מיט טרערן אין די אויגן געוואָרנט פרוידן, אַז ער וועט זיך אַליין דערהרגענען, אויב ער וועט לאָזן דרוקן אַזאַ נאַרישן חיבור וועגן משהן. אָבער פרויד, דער זעלבסט־איינגעגלייבטער עקשן, האָט אים נישט געפאָלגט און... ער האָט זיך אַליין — ווי אַ טעאָרעטיקער — דערהרגעט...

נישט די מעשה, אַז משה איז געווען אַן עגיפּטער, נישט דער בילבול, אַז יידן האָבן אים אומגעבראַכט, האָבן וועלכן־ס׳איז יסוד. ס׳איז אויסגעזויגן פון פינגער. ס׳איז פרוידן איינגעפאַלן אַ טעמע אַזאַ און ער האָט זי באַאַרבעט, אויפ־

געבויט אויף איר אַ דערציילונג, אָדער אַ טעאָריע — אפשר האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָל זיין חשק זיך צו באַווייזן אויף נאָך אַ געביט — אָבער אַזוי זענען אַלע זיינע טעאָריעס: שרייבערישע טעמעס. ס׳פאַלט אים עפּעס איין, לאָזט ער שוין נישט אָפּ, ביז ער מאַכט עפּעס דערפון, מיטן גרויסן אָנשטעל פון וויסנשאַפטלעכקייט, מיט דער געהעריקער טערמינאָלאָגיע און מיטן גאַנצן פּסיכאָ־אַנאַליטישן קלאָפּערגעצייג.

וואָס ווייס די פּסיכאָלאָגיע בכלל פון דעם מין מענטש? ס׳איז דאָ טעאָריע אויף טעאָריע, סברות און בויך־סברות. לעת־עתה טאַפּן אַלע אין דער פינצטער. ס׳זענען נאָך נישט אָנגעצייכנט די פּסיכישע גרענעצן און קיינער ווייס נישט ווו ס׳ענדיקט זיך דאָס נאָרמאַלע און ווו ס׳הייבט זיך אָן דאָס אומנאָרמאַלע. נישטאָ קיין מאָדעל־מענטש, וואָס לויט אים זאָל מען קענען שאַצן: אָט דאָס — און אַזוי — איז דער מענטש! אויב איינער איז אַביסל אַנדערש, דאַרף מען אים אויסגלייכן. בלויז אין די דיקטאַטאָרישע לענדער, ווו דאָס לעבן איז רעגימענטירט, ווייס מען עס יאָ... דאָרט איז שטענדיק דאָ דער מאָדעל־מענטש. אין רוסלאַנד איז עס אייערנעכטן געווען — לענין, נעכטן — סטאַלין; דאַן — כרושטשעוו. זיי באַשטימען די פּאַרטיי־ליניע, וואָס די, וואָס גייען אויף איר, זענען נאָרמאַל; די, וואָס גייען־אָפּ, זענען אויסער אָרדענונג.

מוראַשקעס האָבן, ווי פאַשיסטן און קאָמוניסטן, אַ „ליניע“. מוראַשקעס מאַרשירן אַלעמאָל אין אַ גראָדער, אויסגעצויגענער ריי. אויב אויפן וועג שטייט אַ דראַנג, אָדער אַ וואַנט, גייען זיי נישט אַרום, נאָר אַרויף, ווי הויך ס׳זאָל נישט זיין, און אַראָפּ אויף דער אַנדערער זייט. אַן ענטימאָלאָג האָט אַמאָל באַמערקט ווי איין מוראַשקע איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, אַוועק אויף אַ זייט, האָט ער זי געכאַפּט און אונטערגעזוכט — זי האָט געהאַט אַ געשוויר אויפן מאַרך. ווען זי פאַלט אַריין צו אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, וואָלט ער די מוראַשקע פּסיכאָ־אַנאַליזירט, וואָלט זי געבליבן ביי דער געשוויר און ווייטער געגאַנגען אויף קרומע וועגן...

וואָס פאַראַ טרויעריקן ספּעקטאַקל די פּסיכאָלאָגיע שפּילט פאַר אונדז אויס אין שייכות צו פאַרברעכנס, איבערהויפּט מאָרדן, ווו די נאָרמאַליטעט, אָדער אומנאָרמאַליטעט איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט.ביידע צדדים שטעלן־אָן פּסיכאָלאָגישע עקספּערטן און ס׳פּאַסירט תמיד, אַז די פּסיכיאַטערס פון דער פאַרטיידיקונג דערקלערן דעם אָנגעקלאָגטן פאַר אַ צעדרייטן (וואָס דאָס וועט אים ראַטעווען פון טויט־שטראָף) און די פּסיכיאַטערס פון שטאַט דערקלערן דעמזעלביקן מענטש פאַר פולשטענדיק קלאָר, נאָרמאַל (און ער טראָגט דעריבער די אחריות פאַרן באַגאַנגענעם פאַרברעך). די פּסיכאָלאָגן מכל המינים קענען זיך, ווי ס׳איז צו זען, פאַרגינען צו מאַכן וועלכע־ס׳איז באַהויפּטונג, וואָס זיי פאַלט איין.

נישט געבונדן פון געזעצן ווי די עקזאַקטע וויסנשאַפטן — ווי פיזיק, מאַטעמאַטיק, כעמיע — זענען זיי פרייע פייגל און זיי האַלטן אין איין זאָגן — אין פרויד׳ס נאָמען, אין אייגענעם נאָמען אָדער אין וועלכן אַנדערן נאָמען...

איך עפן דאָס פּאָסט־קעסטל, נעם אַרויס בריוו און פּאַקעטן, שטעק דאָן אַריין די האַנט און טאַפּ־אַרום די ווענטלעך. אַ פריינד מיינער (מיט אַ פינגער אין פּסיכאָלאָגיע) שמייכלט: איר ווייסט וואָס פרויד זאָגט וועגן דעם? מיך אַרט נישט וואָס ער זאָגט! — ווער איך בייז. איך האַנדל לויט דערפאַרונג, ווייל ס׳האָט עטלעכע מאָל געטראָפן, אַז אַ דינער בריוו, אָדער אַ קאַרטל איז געבליבן קלעפּן צום ווענטל פון בריוו־קעסטל. וואָס איז דאָ פאַראַן צו פשטלען זיך? איך פאַרשליס די טיר און גיב זי דערנאָך אַ שטופּ, זיכער צו זיין, אַז זי איז טאַקע פאַרשלאָסן. איר ווייסט וואָס פרויד זאָגט וועגן דעם? לאָזט מיך גערמאַך מיט פרויד׳ס זאָגענישן! — ווער איך שוין ריכטיק אין כעס, — איך טו דאָס אויס דערפאַרונג. אַ פּאָר מאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָכן פאַרשליסן די טיר, איז זי געווען אָפן, ווייל אַ שרייפל איז לויז געוואָרן — נישט ביי מיר אין מוח, נאָר אין שלאָס.

אַוודאי זענען דאָס קליינִיקייטן, אָבער הונדערטער אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס דערגייען די יאָרן. דאָס זענען פּרטים, וואָס באַנאַנד מיט די גרויסע קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגישע טעזיסן, זענען זיי ווי די קליינע מצוהלעך, וואָס פאַרקייטלען זיך מיט די סאַמע עיקרים אין דער רעליגיע — אין אַן אָפּגעשלאָסן סיסטעם. נו... דאָס אַוועקשטעלן דאָס וואָרט רעליגיע לעבן פרוידן, בפרט נאָך באַגלייט מיטן זאָג, אַז פרויד׳ס גאַנג איז געווען פון אַ רעליגיע־גרינדער און „תורה״־שרייבער, נישט פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, וועט שאַקירן זיינע חסידים — וואָרן ס׳איז דאָך ידוע פרויד׳ס נעגאַטיווע באַציִונג צו רעליגיע. פון אויבנאויף זעט עס אויס, אַז נישט בלויז דער פאָרמאַליסטיש־דאָגמאַטישער לבוש פון רעליגיע איז אים געווען דער־ווידער, נאָר אַז ער האָט אויך נישט געהאַט קיין שום חוש פאַר רעליגיאָזיטעט ווי אַ פילאָסאָפיש וועלט־באַנעם, אָדער ווי אַ פּאָעטישע איבערלעבונג.

אָבער דער איינדרוק איז פאַרט, אַז פרויד, דער פאַרניינער פון רעליגיע, איז געווען רעליגיעז „אַנגעשטעקט״ — אפשר טאַקע פון די רעליגיעזע „מיקראָבן״ אין די מיטאָלאָגישע און טעאָלאָגישע קוואַלן, פון וועלכע ער האָט כסדר געשעפּט מאַטעריאַל פאַר זיינע טעאָריעס. אַז דאָס איז נישט קיין סתם „פּסיכאָלאָגישע איבּ־טערפּרעטאַציע״ אלא פרויד פון פרויד׳ס „אומבאַוווסטזיניקע פּניות״, איז קענטיק סיי דערפון, וואָס ער אַליין האָט, ווי שוין באַמערקט, געשאַפן „מיטאָסן״, איינגע־הילט אין פּסיכאָ־אַנאַליטישער טערמינאָלאָגיע; סיי אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע שוואַכקייט צום ריטואַליסטישן צערעמאָניאַל — אָט ווי טאַקע דער

פייערלעכער רעליגיעזער צערעמאָניאַל ביים פאַנאַנדערטיילן די רינגען צו די זעקס בעסטע תלמידים זיינע.

פון וואַנען קומען צו אים די רינגען? אין לעסינג׳ס דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע" איז דאָ אַ מעשה (גענומען פון באָקאַטשיאָ׳ס „דעקאַמעראָן") וועגן איינעם, וואָס האָט פאַרמאָגט איין טייערן רינג און — דריי זין. כדי די יורשים זאָלן זיך נישט, נאָך זיין טויט, אַרומרייסן צווישן זיך, האָט דער פאָטער געלאָזט אויסגיסן נאָך צוויי רינגען — גענוי ווי דער אָריגינאַל. אָט־די מעשה, וואָס לעסינג האָט פאַרוואַנדלט אין אַ משל כנגד די דריי הויפּט־רעליגיעס — ייִדנטום, קריסטנטום און איסלאַמיזם — האָט געראַטעוועט פון אַ גרויסער געפאַר זיין העלד, נתן החכם, בעת ער האָט געדאַרפט ענטפערן דעם סולטאַן אויף דער קשיא וועלכע רעליגיע ער האַלט פאַר דער אמתער. מען קאָן, הייסט עס, נישט וויסן וועלכע איז דער אָריגינאַל, אָבער אין אַלע דריי אמונות אַנטפּלעקט זיך איין גאָט.

ס׳קאָן זיין, אַז די דאָזיקע מעשה האָט משפיע געווען פרויד, אַז ער זאָל, ווי דער פאָטער אין משל לאָזן אויסגיסן זעקס רינגען לויטן מוסטער פון דעם רינג, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן פינגער — און דער סימבאָל פון איינציקן פאָטער אין הימל, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין מער ווי איין רעליגיע, איז אַזוי־אַרום טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ סימבאָל פון דעם איינציקן פאָטער פון פּסיכאָ־אַנאַליז, וואָס אויך ער אַנטפּלעקט זיך אין מער ווי אין איין טעאָריע... און אפשר האָט פרויד גענומען די רינגען־אידייע דירעקט פון ריטואַל אין פאַרצייטישע אינדישע און פּערסישע רעליגיעזע קולטן, אָדער אין דער מאָדערנער סעקטע פון דעם אינדישן מיסטיקער און שותק מעהער באַבאַ, וואָס איז מיטן סימבאָל פון זיבן רינגען אַריינגעדרונגען אין דער מערב־וועלט.

***

פאַרשטייט זיך, אַז מיט די פּונקטן אין פרויד׳ס טעאָריעס, וואָס איך האָב באַרירט, שעפּט זיך ווייט נישט אויס דער „פרוידישער ים" — אַפילו נישט דאָס מאַטעריאַל אין מיינע צוגעגרייטע נאָטיצן... איך בין נישט אויסן געווען, ווי אָנגעמערקט אין אָנהייב, קיין אויסשעפּלעכע קריטיק (לויט מיינע באַשיידענע כּוחות) פון פרויד׳ס תורה, נאָר בלויז געוואָלט מאַכן עטלעכע באַמערקונגען אין שייכות צום פרויד־נומער „דווקא". איך האָף, אַז די עטלעכע באַמערקונגען וועלן זיין אַן אָנרעג פאַר אַנדערע נאָכצוטראַכטן וועגן אַ „תורה", וואָס איז געוואָרן כמעט אַ מוז פאַרן מאָדערנעם מענטש צו גלייבן אין איר, אויב ער וויל נישט געשטעמפּלט ווערן פאַר אַ הינטערשטעליקן מענטש...

לאָגישער פּאָזיטיוויזם

דער נומ׳ 26 „דווקא״ (1957) פאַרנעמט זיך מיט אַ קאָלעקטיווער פילאָסאָפישער שיטה — לאָגישער פּאָזיטיוויזם. אָבער דערדאָזיקער ספּעציעלער נומער האָט ביי מיר — ווי מסתמא ביי אַנדערע פילאָסאָפיש־פאַראינטערעסירטע לייענערס — אַרויסגערופן אַ חידוש: מיר האָבן דאָ דערוואַרט צו הערן ביידע צדדים — סיי די אָנהענגערס, סיי די קעגנערס פון דער יונגער באַוועגונג; אויך פון די, הייסט עס, וואָס זעען אין דער נייער אַגרעסיווער באַוועגונג, ווי פריִער אין פראַגמאַטיזם, פון וועלכן זי איז אַרויסגעוואַקסן, אַ פאַרזוך צו פּענטען, אויב נישט אינגאַנצן אָפּצו־האַקן, די פליגל פון מענטשלעכן גייסט, אין נאָמען פון צוויי־מאָל־צוויי איז פיר פּראַקטישקייט און כלומרשטער נוצלעכקייט.

אין אמתן מאַניפעסטירט דער ספּעציעלער נומער „דווקא״ אַ פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע צום פּראַקטיש־פּראַגמאַטישן לאָגישן פּאָזיטיוויזם. פון די זיבן אָפּ־האַנדלונגען מכוח דעם ענין זענען, אייגנטלעך, בלויז דריי דירעקט וועגן לאָגישן פּאָזיטיוויזם — פון שלמה עסטרין, פיליפּ פראַנק, איינער פון די „גרינדער און באַגרינדער״ פון דערדאָזיקער נייער „פילאָסאָפישער״ לערע, און שלמה סוסקאָ־וויטש. ד״ר א. א. ראָבאַק שרייבט וועגן אָפּעראַציאָניזם ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם און וויליאַם נאַטאַנסאָן — וועגן פּראַגמאַטיזם ווי אַ פאַר־גייער פון אַט־דער לערע. איבער דעם קורצן רעדאַקציאָנעלן אַריינפיר שטייט די פראַגע: „פאַרוואָס לאָגישער פּאָזיטיוויזם?״ — און אָט זענען עטלעכע אַרויסגע־כאַפּטע שורות פון דעם ענטפער:

„דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם קעמפט פאַר קלאָרקייט און ריינקייט פון די באַגריפן, ווי אויך פאַר קלאָרקייט און ריינקייט פון שפּראַך. אַט־דער קאַמף איז נישט קיין היינטיקער. ביי ייִדן איז דער בעסטער ביישפּיל פאַר דעם געווען דער רמב״ם... ווי עס שיינט אָבער איז ביי מענטשן די טונקעלע עמאָציאָנעלע בילדע־רישקייט אַ סך שטאַרקער ווי די קלאָרקייט פון באַגריפן. אַזוי האָבן מיר אויך

הײנט אַזאַ מיסטיפיצירטע דיאַלעקטיק, ווי מען האָט עס געהאַט אין טיפן מיטל־אַלטער. מיר זעען עס אין די הײנטיקע אידעאַלאָגישע באַגרינדונגען פון רעכטס, ווי פון לינקס... די פילאָסאָפיע קאָן שוין מער נישט זײן קײן פרײַע שאַפונג, ווי זי איז געווען ביז איצט. יעדער לאָגישער אַנאַליז, אָדער לאָגישער אויספיר, מוז זיך סומך זײן אויף קאָנקרעטער דערפאַרונג, פּונקט ווי דאָס ווערט געטון אין דער ווּיסנשאַפט. „דער מקור פון דער דערקענטעניש — זאָגט זיך דאָרט ווײטער — קאָן אויך נישט זײן דאָס ספּעקולאַטיווע דענקען. דער אײנציקער קוואַל איז די ווּיסנשאַפט. די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע איז אויפצוקלערן און אַנאַליזירן דעם לאָגישן זינען פון די ווּיסנשאַפטלעכע דערגרײכונגען"... אַז די פילאָסאָפיע, פון וועלכער די ווּיסנשאַפט איז אַרויסגעוואַקסן, אָן וועלכער זי, די ווּיסנשאַפט, וואָלט כלל נישט מעגלעך געווען, דאַרף איצט ווערן די נעבעכדיקע און אונטערטעניקע משרתטע פון דער ווּיסנשאַפט, אויפכאַפּן די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון איר טיש, ווערט איבערגעחזרט אויך אין די אַרטיקלען. אָבער אַז דאָס קומט פון פעדער פעדער פון אײנעם, וואָס האָט נאָר־וואָס געשריבן מיט אַזאַ התלהבות און טיפער פאַרשטענדעניש וועגן די מעטאַפיזישע לערעס פון ספּינאָזאַ און בערגסאָן, ווי פון די אַנדערע גדולי הפילאָסאָפיע, איז עס ממש אַ רעטעניש. אַ רעטעניש איז אויך ווי דאָ קומט אַרײַן דער רמב"ם, וואָס ער האָט זיך דאָך פאַרנומען מיט אַזעלכע ספּעקולאַטיווע מעטאַפיזישע פּראָבלעמען ווי די עקסיסטענץ און מהות פון גאָט, וואָס זײ זענען בײַם לאָגישן פּאָזיטיוויזם, ווי בײַם פּראַגמאַטיזם, טריף, ווי אַלע פּראָבלעמען, אויף וועלכע „מיר קענען נישט קריגן קײן ענטפער".

אומפאַרשטענדלעך זענען אויך די רמזים, אין דער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ, וועגן דער הײנטצײטיקער „מיסטיפיצירטער דיאַלעקטיק" און דער „טונקעלער מיסטיק" אין די „הײנטיקע אידעאַלאָגישע באַגרינדונגען פון רעכטס, ווי פון לינקס", בעת דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דידאָזיקע אידעאַלאָגיעס איז גראָד זײער „האַרט־בײ־ערד" רעאַליזם, מאַטעריאַליזם, פּראַקטישקײט, נוצלעכקײט... איז דען דער מאַרקסיזם נישט קײן פּראַגמאַטישע באַוועגונג? קאַרל מאַרקס האָט באַנוצט ממש דאָס אײגענע לשון, וואָס די פּראַגמאַטיקערס און לאָגישע פּאָזיטיוויסטן. אין זײן „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע" שרײַבט מאַרקס — אין נאָמען פון דער מענטשהײט (לײען: מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטע): „די מענטשהײט שטעלט זיך בלויז די רעטענישן, וואָס זי קאָן פאַרענטפערן — ווען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם ענטפער עקסיסטירן שוין, אָדער זענען כאָטש אויפן וועג פון געבוירן ווערן".

***

דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם איז, ווי דער פּראַגמאַטיזם. פון וועלכן ער איז, ווי געזאָגט, אַרויסגעוואַקסן און לויט וועלכן ער האָט זיך מאָדעלירט — נישט די שאַפונג פון אַ יחיד, ווי דאָס זענען די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, קלאַסישע און מאָדערנע, נאָר דער אויפטו פון אַ קאָלעקטיוו און נישט בלויז פון דער פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעכער וועלט. אין אים גייען אויך אַריין (לויט עסטרינ׳ס אַרטיקל) אַן עקאָנאָמיסט, אַ יוריסט, אַ סאָציאָלאָג. עס פעלט נאָך אַן אַקושאָר...

דער אויפשטייג פון דערדאָזיקער לערע דערמאָנט גיכער אָן דער גרינדונג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, ווי פון אַ פילאָסאָפישער שיטה — אויף אַ צוזאַמענפאָר אין ווין (אין 1929), מיט קאָנגרעסן, קרייזן, ווי „ווינער קרייז״, „וואַרשעווער קרייז״, „אַמעריקאַנער קרייז״, מיט „פאָנען־טרעגערס״ און שליחים, וואָס „פאָרן זיך באַקענען״, און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג און הו־האַ פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג. כאָטש די פירערס פון דערדאָזיקער באַוועגונג (ווי זיי רופן זי טאַקע) זענען ערנסטע און וויכטיקע געלערנטע, קאַבינעט־מענטשן, וואָס האָבן געוויינטלעך ליב רו, שטילקייט, האָבן זיי דאָ אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם לא ברעש...

„דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם איז אַ באַוועגונג, וואָס זוכט צו פאַרטרייבן פון דער פילאָסאָפיע יעדן סימן פון מעטאַפיזיק, דיכטונג, אָדער טעאָרעטישע קאָנסט־רוקציע״, — שרייבט שלמה עסטרין. „ער זוכט אַרויסצוברענגען און פאַרצייכענען בלויז דאָס, וואָס לאָזט זיך פּאָזיטיוו דערקענען... דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם וויל מאַכן פון דער פילאָסאָפיע אַ וויסנשאַפט. זיין הויפּט־אָנשפּאַר איז די דערפאַרונג. די לאָגיק נוצט ער אויף צו אַנאַליזירן דאָס, וואָס די דערפאַרונג ברענגט אונדז״.

„ווען דער פילאָסאָף פרעגט: ווער זענען מיר? פון וואַנען קומען מיר? וואָס איז די וועלט? וואָס איז איר ציל? איז זי ענדלעך אָדער אומענדלעך? — זענען דאָס פראַגן, וואָס אַ מענטש איז אויף דעם, דורך ריינער חקירה, נישט בכוח צו ענטפערן. בכן, האָט נישט קיין זינען דאָס צו פרעגן, ווייל דאָס זענען פסעוודאָ־פּראָבלעמען, וואָס געהערן צו דער דיכטונג, אָבער נישט צו דער שכלדיקער דערקענטעניש״... אַזאַ פינצטערן גזר־דין אויף די העכסטע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן גייסט — ווי אומענדלעכקייט, אומשטאַרבלאַכקייט און פרייהייט פון ווילן — אַז זיי זענען „פסעוודאָ־פּראָבלעמען״, באשר דער מענטש קאָן זיי נישט לייזן, האָט נאָך פריִער אַרויסגעטראָגן פּ. וו. ברידזשמאַן, אַן אַפּאָסטאָל פון דעם אָפּעראַציאָניזם און אַ פאָרגייער פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם, ווי דאָס ווערט איבער־געגעבן אין ד״ר א. א. ראָבאַק׳ס אָפּהאַנדלונג.

ליקווידירן אָט־די פּראָבלעמען ברומו של עולם — און דאָס מיינט דעם יסוד פון דער גאַנצער פילאָסאָפיע פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטל ביז ספּינאָזאַ און פון ספּינאָזאַ ביז קאַנט און בערגסאָן, אַלץ דערפאַר, וואָס זיי זענען כלומרשט נישט

פּראַקטיש, נישט באַווייזלעך — דאָס איז דער עיקר שבעיקרים פון דער לאָגיש־פּאָזיטיוויסטישער באַוועגונג. דערפאַר חזרט זיך איבער דער פּזמון וועגן די „פּסעוודאָ־פּראָבלעמען" כמעט אין יעדן רעפעראַט און אָפּהאַנדלונג, וואָס אַ מיט־גליד פון דער יונגער אַגרעסיווער באַוועגונג האַלט, אָדער שרייבט. שלמה סוס־קאָוויטש באַטאָנט עס באַזונדערס שאַרף אין זיין עסיי „די סתירות אין לאָגישן פּאָזיטיוויזם": „די פילאָסאָפיע, — שרייבט ער, — האָט זיך ביז איצטער אָפּגעגעבן דאָס רוב מיט ספּעציעלע טעמעס און מיט שאַפן וועלט־אַנשויאונגען. מען האָט געגלויבט, אַז די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע איז ענטפערן אויף שאלות, וואָס האָבן קיין ענטפער נישט, ווי: ווער זענען מיר? פון וואַנען קומען מיר? וווהין גייען מיר? אָדער סתם אַזוי: וואָס מיינט זיין, ווערן, סובסטאַנץ, אין־סוף, צייט, שטח."

אָבער סוסקאָוויטש'ס עסיי הייסט דאָך: „די סתירות אין לאָגישן פּאָזיטיוויזם", מיינט עס דאָך, אַז ער גייט־צו קריטיש צו דערדאָזיקער באַוועגונג. הייבט זיך נישט אָן! באַלד אין ערשטן פּאַראַגראַף דערקלערט ער, אַז „מען האָט דעם איינדרוק אַז די זעלביקע חסרונות, וואָס ער (דער ל. פּ.) געפינט ביי יענעם, געפינט מען אויך ביי אים. דערפון קומען־אויף סתירות. די סתירות זענען אָבער ס'רוב בלויז אויבנאויפיקע. אין תוך ווערן זיי פאַרענטפערט און אַפילו אויס־געגלייכט". בקיצור: אויס סתירות. און אייגנטלעך איז דאָ קיין חילוק נישט צי יאָ סתירות, צי נישט סתירות, אַז די גאַנצע באַוועגונג איז איין גרויסע סתירה — אַ סתירה צום פרייען מענטשלעכן גייסט, צום אָדלער־געדאַנק, וואָס רייסט זיך צו די העכסטע הויכן, צו די עולמות עליונים.

***

יעדער דענקנדיקער מענטש האָט אַ רעכט צו זאָגן צו זיך אַליין: היות איך זע נישט קיין שום מעגלעכקייט זיך צו דערשלאָגן צו אַן ענטפער אויף די אייביקע פראַגן מכוח דעם מהות און תכלית פון דעם באַשאַף, וועל איך זיך באַשרענקען אויף די קשיות, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער באַלדיקער רעאַליטעט און פון דער דערפאַרונג. דאָס איז אַן ערלעכער און פאַרשטענדלעכער באַשלוס.

אויב אָבער ער שטעלט אַוועק אַזאַ באַשלוס ווי אַ כלל גדול, ווי אַ געבאָט פאַר די זוכנדיקע, פאָרשנדיקע גייסטער פון דער מענטשהייט און ער פּראָקלאַ־מירט ווי דעם סאַמע לעצטן אמת, אַז בלויז די פּראָבלעמען, וואָס זענען, וועדליק זיין איינזעעניש, פּראַקטיש, נוצלעך און באַווייזלעך, זענען אמתע פּראָבלעמען און אַלע אַנדערע עקסקורסיעס פון דעם מענטשלעכן געדאַנק זענען פּסעוודאָ־פּראָב־לעמען — איז דאָס חוצפּה און שטות. חוצפּה איז די איינגעגלייבטקייט פון די באַגרינדערס פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם אין דער אייגענער לאָגיק, וואָס נעמט זיך

אונטער צו ליקווידירן די לאָגיק און דעם וווּנדערלעכן שווּנג פון דעם מענטשלעכן געדאַנק אין משך פון יאָרהונדערטער; שטות איז זייער איינגעגלייבטקייט, אַז מיט אַ באַשלוס, אַ רעזאָלוציע, אַן אוקאַז קאָן מען אָפּשטעלן דעם מענטשלעכן געדאַנק אין זיין פלי.

דער מענטש פרעגט זיך די פראַגן, וואָס דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם איז מבטל, נישט מחמת ער האָט סתם באַשלאָסן זיי צו פרעגן, נאָר ווייל עס פרעגט זיך, ווייל ער מוז פרעגן, ווייל דאָס איז די סאַמע טבע פון אונדזער שכל, פון אונדזער גייסט; עס איז דאָס טיף־איינגעבוירענע שטרעבן צו פרעגן, צו פאָרשן, צו שוועבן אין די פרייע רוימען און זוכן צו דערגיין צום תוך פון זאַכן.

איז טאַקע טשיקאַווע, אַז גראָד די פּראַקטישע, רעאַליסטישע דענקערס, וואָס נעמען־אָן בלויז דאָס, וואָס קאָן, לויט זייער איינזעעניש, אָדער איינריידעניש, דערוויזן ווערן, דערטראַכטן זיך צו אַזעלכע אַבסורדן, אַז ס'איז ממש צו שטוינען. בערטראַנד ראָסעל, דער נעאָ־רעאַליסט און נעאָ־אַגנאָסטיקער, וואָס די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן האַלטן אים פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַ וויכטיקער באַזע פון זייער לערע, האָט זיך נישט לאַנג צוריק דערדעדט (אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל) צו אַזאַ שטות, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַן אַמאָליקן קליינשטעטלדיקן להכעיס־אפיקורס: „אויב, — שרייבט ער, — איך זאָל דערהערן גאָטס דירעקטע שטים, זאָגנדיק מיר וואָס ס'וועט מאָרגן געשען, וועל איך גלייבן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט". דאָס וואָלט פאַר אים געווען אַ רעאַליסטישער, אַ פּראַגמאַטישער באַווייז, אָבער דעם נעאָ־רעאַליסטישן לאָגיקער איז בעת־מעשה אַפילו נישט איינגעפאַלן: ראשית, אַז אַ גאָט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט אים, אָדער מיט וועמען־עס־איז, כדי אים אין עפּעס איבערצוצייגן, איז עפּעס גאָר קיין גאָט נישט; ושנית וואָלט אַזוינס — אויב ס'זאָל טרעפן ראָסעלן, — געווען אַ גוטער באַווייז, אַז דער בריטישער מאַטעמאַטיקער ליידט, נעבעך, פון האַלוצינאַציעס.

ראָסעל איז אויך גאָרנישט קיין שטאַרקער מאמין אין דער „וויסנשאַפטלעכער" סטאַביליטעט פון די נאַטור־געזעצן. נאָך מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָט ער דעקלאַרירט, אַז פון אונדזערע דערפאַרונגען (וואָס אויף זיי הענגט דער לאָגישער פּאָזיטיוויזם) קאָן מען גאָרנישט דרינגען אויף שפּעטער. הגם פון אונדזער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז די זון גייט־אויף יעדן באַגינען און אַז אַ טשייניק וואַסער אויפן פייער זידט, איז עס בשום־אופן קיין גאַראַנטיע נישט, אַז אויך מאָרגן וועט די זון אויפגיין און דער טשייניק וואַסער וועט זידן אויפן פייער. ער וועט אפשר גאָר געפרוירן ווערן...

וויליאַם דזשיימס, איינער פון די אַפּאָסטאָלן פון פּראַגמאַטיזם, וואָס אויך אים האַלטן די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן פאַר אַ גייסטיקן ברודער, האָט זיך דערדעדט צו

נישט קיין סך קלענערן אַבסורד אין זיין רעפּעראַט „דער ווילן צו גלייבן״, וואָס וויליאַם נאַטאַנסאָן דערמאָנט אין זיין עסיי: „דזשיימס באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז פון אַלע שטאַנדפּונקטן לוינט זיך (נאַטירלעך אין בעסטן זין פון וואָרט) צו גלייבן אין גאָט״... מעג אונדזער לאָגיק זיך שטעלן קעגן דעם, „זענען מיר דאָך באַרעכ־טיקט צו גלייבן״ — ווייל ער גיט אונדזער גייסט מער ווי דאָס נישט־גלייבן אין גאָט״. און אויפן יסוד פון אַזאַ נאַרישן פּלפּול האָט דזשיימס אַרויפגעלייגט אַ וויזע אויף גאָטס פּאַספּאָרט — אַריינצוקומען אין פּראַגמאַטיזם אַריין. ווי אַזוי גלייבט מען עפּעס דערפאַר, ווייל ס׳לוינט זיך, ווייל ס׳איז בעסער? מחמת פּראַקטישע אויסרעכענונגען — ווייל ס׳לוינט זיך — טוט מען אַמאָל אַ שידוך, אָבער צום ליב האָבן קומט עס נישט. אָדער מען האָט ליב, אָדער נישט; אָדער מען גלייבט, אָדער מען גלייבט נישט. ליב האָבן און גלייבן קאָן קיינער נישט לויט אַ באַשלוס, אָדער אַ באַפעל!

נאָך עפּעס: אויב עס גייט בלויז אין לוינען זיך, אין איינריידן זיך אַ גלויבן, אַפילו ווען זייער לאָגיק אַקצעפּטירט אים נישט — וואָס האָבן די לאָגישע פּאָזי־טיוויסטן צו די אידייען פון די מעטאַפיזישע פילאָסאָפיעס? לוינט זיך נישט בעסער זיי אָנצונעמען?...

***

די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן, וואָס ווילן די פילאָסאָפיע פאַרוואַנדלען אין אַן אונטערטעניקער דינסט פון דער וויסנשאַפט, האָבן אויך „אַדאָפּטירט״ נישט קיין קלענערן וויסנשאַפטלעכן גאון ווי אַלבערט איינשטיין.

אָבער איינשטיין, וואָס איז סאַמע פּראָגראַם־אַרטיקל פון דעם „ווינער קרייז״ ווערט ער אַרויסגעשטעלט ווי דער לייכט־טורעם פאַרן לאָגישן פּאָזיטיוויזם — ער, איינשטיין, דער גרעסטער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלער, האָט גאָר אַרויסגע־רוקט ווי די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש — אינטואיציע און פאַנטאַזיע, צוויי באַגריפן, וואָס ביי די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן זע־נען זיי טריף־פּסול און זיי אַנטלויפן פון דער פילאָסאָפיע צו דער וויסנשאַפט, כדי פּטור צו ווערן פון זיי. „ווען דער ליקוי־חמה פון 1919 האָט באַשטעטיקט מיין אינטואיציע, — שרייבט איינשטיין (ציטירט לויט טראַטנער׳ס „אַרכיטעקטן פון אידייען״) — האָט עס מיך אויף קיין האָר נישט איבערגעראַשט. אדרבא, איך וואָלט געווען דערשטוינט, אויב ס׳לאָזט זיך אויס אַנדערש. פאַנטאַזיע איז אַ סך וויכטיקער ווי וויסן, מחמת וויסן איז באַשרענקט, בעת די פאַנטאַזיע נעמט־אַרום די גאַנצע וועלט, סטימולירנדיק פּראָגרעס. די פאַנטאַזיע איז, גענוי גערעדט, אַן אמתער פאַקטאָר אין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג״.

די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן האָבן „אַדאַפּטירט" איינשטיינען. איך בין מסופק, צי איינשטיין וואָלט אַדאַפּטירט דעם לאָגישן פּאָזיטיוויזם פאַר זיין פילאָסאָפיע. זיין פילאָסאָף איז גאָר געווען — ספּינאָזאַ...

אַז ס'האַלט ביי פאַנטאַזיע, איז דאָ כדאי צו דערמאָנען אַ „פאַנטאַזיע" פון דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק: דעמאָקריט'ס אַטאָמישע לערע. ווען דעמאָקריט איז אַרויסגעקומען מיט זיין לערע, אַז דער גאַנצער באַשאַף איז אַ קאָמפּאָזיציע פון אַטאָמען, איז דאָס געווען ריינע אינטואיציע און פאַנטאַזיע, נישט באַזירט אויף דערפאַרונג, אָן וועלכער־ס'איז פּראַקטישקייט און נוצלעכקייט. און ס'איז דעמאָלט נישט געווען דער מינדסטער אויסבליק, אַז דער אַבסטראַקטער געדאַנק וועגן אַטאָם זאָל ווען־ס'איז קענען קאָנקרעט דערוויזן ווערן. וואָלטן אין יענער ווייט־גראָער צייט געווען לאָגישע פּאָזיטיוויסטן, וואָלטן זיי מיט שווידער זיך אָפּגעטרייסלט פון דעמאָקריט'ס „ספּעקולאַטיווער מעטאַפיזיק".

אָבער... ווען נישט דעמאָקריט'ס אומפּראַקטישע, אַבסטראַקטע אידייע, וואָלטן מיר איצט אפשר נישט געהאַלטן אין מיטן בראשית פון דער אַטאָמישער תקופה, וואָס וועט איבערקערן דעם סדר־העולם אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן און שאַפן.

די נעכטיקע מעטאַפיזיק איז די היינטיקע פיזיק. די נעכטיקע אַבסטראַקציע איז די היינטיקע רעאַליטעט. דער היינטיקער חלום איז מאָרגנדיקע וואָר. ערשט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָט ראָבערט מיליקאַן, דער „פאָטער פון די קאָסמישע שטראַלן", פאַרזיכערט, אַז „ס'איז נישטאָ די ווייטסטע וואַרשיינלעכקייט, אַז דער מענטש וועט אַמאָל אימשטאַנד זיין צו שפּאַלטן דעם אַטאָם". און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טיפזיניקער וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג — פאַרוואָס מיר וועלן קיינמאָל־קיינמאָל נישט קענען אויסנוצן די אַטאָמישע ענערגיע... דעמאָקריט האָט נישט געהאַט קיין לאַבאָראַטאָריעס און נישט געמאַכט קיין עקספּערימענטן. מיליקאַן האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין לאַבאָראַטאָריעס, כסדר עקספּערימענ־טירט. אָבער דעמאָקריט'ס אינטואיציע און פאַנטאַזיע האָבן געגרייכט ווייטער און העכער, ווי מיליקאַן מיט זיינע לאַבאָראַטאָרישע מכשירים.

וועט דער מענטש ווען־ס'איז אימשטאַנד זיין זיך צו דערשלאָגן צו אַן ענטפער אויף די תוכיקע און אמתע קשיות, וואָס די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן באַ־צייכענען פאַר „פּסעוודאָ־פּראָבלעמען"? אויב אונדז באַפרידיקן נישט די ביז־איצטיקע ענטפערס פון דער פילאָסאָפיע, אָדער פון אונדזער אייגענער לאָגיק און אינטואיציע — געפינען מיר פרייד און דערהויבונג אין זוכן גופא, אין דעם פרייען פליען פון אונדזער געדאַנק, פון אונדזער כוח־הדמיון.

ערגעץ־ווו וואַרטן ענטפערס. מיר דאַרפן נאָר פאַרעקשנט זיך רייסן צו זיי,

אוימאויפהערלעך ווערן זייער אַנטפּלעקונג. „דער אויסגעשטערנטער הימל איבער מיר און דאָס מאָראַלישע געזעץ אין מיר״ האָבן נישט בלויז אין עמנואל קאַנט׳ס נשמה באַהאַפטן די טיפסטע טיפעניש פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט מיט די העכסטע הויכן פון דער קאָסמישער מיסטעריע; און דאָס וווּנדערן זיך איז געווען די רעליגיע נישט בלויז פון אַלבערט איינשטיין.

ס׳איז דאָס שטרעבן העכער און העכער פון דעם מענטשלעכן גייסט בכלל. פון דעם מענטשנס באַוווּנדערנדיקן, בייגעריקן און פאָרשערישן געדאַנק, וואָס דערשרעקט זיך נישט פאַר צאַמען און גרענעצן. אויב מיר ווילן כסדר עקשנותדיק קלאַפּן אין די טויערן, וועלן זיי זיך סוף־כל־סוף עפענען. אויב אָבער דער מענטש זאָל זיך לאָזן אָפּשרעקן פון די פּראַגמאַטיקער און זיך באַגנוגענען בלויז מיט די פּראַקטישע, נוצלעכע פראַגן, וועלכע די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן פאַרשרייבן אים, וועט ער נישט נאָר קיינמאָל אינערגעץ נישט גרייכן, נאָר זיין געדאַנק וועט בהדרגה אַטראָפירט ווערן.

ס׳גלייבט זיך אָבער נישט, אַז דער רעוואָלט מצד די פּראַגמאַטישע באַוועגונגען קעגן דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון דער פילאָסאָפיע וועט מצליח זיין. דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס האָט אין משך פון אַזוי פיל יאָרהונדערטער אַזוי פריי געפלאַטערט אין די ווייטסטע ווייטן, וועט זיך נישט לאָזן דעגראַדירן צו דער מדרגה פון אַ הונט אויף דער קייט.

וואָס איז פילאָסאָפיע?

דער ייִדישער פאָלקלאָר באַציט זיך מיט ביטול צום „פילאָסאָף", ווי צו אַ שלימזל, אַ קבצן, אַ אָפּגעריסענעם נאַר, וואָס דרייט אַ היטל... און אַ פילאָסאָף איז ביים פאָלקס־מענטש יעדער איינער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ביכלעך, באַנוצט זיך מיט „הויכע ווערטער", אָדער האָט זיך פאַרלאָזט לאַנגע האָר. דניאל טשאַרני דערציילט אין אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן זיין ברודער שמואל ניגער, אַז ווען ער, דניאל, האָט אָנגעשריבן, אָדער אָפּגעדרוקט, זיין ערשטע זאַך, האָט זיך זיין מוטער געחידושט: מילא, שמואל איז אַלעמאָל געווען אַ פילאָסאָף, אָבער — דו?...

אויב דאָ איז דאָס וואָרט „פילאָסאָף" אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט דער מאַמע־שער צאַרטלעכקייט, איז די באַציִונג צום „פילאָסאָף" מצד עמך בכלל געווען, ווי פריִער געזאָגט, אַ ביטולדיקע, אַן אָפּלאַכערישע, און דער באַגריף פילאָסאָף — אַ צעשוווּמענער. אַפילו דער למדן, וואָס האָט פון דער גמרא איבערגענומען דעם דרך־ארץ פאַר די „חכמי אתונא", האָט, פונקט ווי „עמך", געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויפן „פילאָסאָף". חכם און פילאָסאָף זענען ביי אים געווען צוויי פאַר־שיידענע באַגריפן: דער חכם איז אַ — חכם און דער פילאָסאָף איז — אַ שוטה...

מיר אַלע געדענקען דאָס ווייט־פאַרשפּרייטע סאַטירישע פאָלקס־ליד וועגן דעם רבין און דעם פילאָסאָף, וואָס האָט „אויסגעטראַכט אַ דאַמף־מאַשין" און אַן אייזנבאַן... דאָ ווערט פאַרמישט דער וויסנשאַפטלעכער דערפינדער מיטן פילאָסאָף:

דער רבי טראַכט, דער רבי לאַכט,
דער רבי גיט אַ שמייכל:
קום נאָר אַהער, דו פילאָסאָף,
מיט דיין נאַרישן שכל...

אין ייִדישן פאָלקס־הומאָר וועגן פילאָסאָפן איז דער גרעסטער וויץ די מעשה מיטן איישישאָקער שניידער, ווו אַ חוץ ביטול קומט צום אויסדרוק אַביסל

אַ בעסערער באַגריף פון פילאָסאָפיע. דעם איישישאָקער שניידערס בן־יחיד איז אַ היים געקומען אויף יום־טוב פון שווייצאַריע, ווו ער האָט שטודירט, און דער אָרעמער טאַטע, וואָס האָט זיך צוליב דעם פאַרבאָדן איבערן קאָפּ אין חובות, וויל כאָטש וויסן וואָס דער זון זיינער שטודירט דאָרט אַזוינס.

ווען דער זון ענטפערט אים, אַז פילאָסאָפיע, איז דער טאַטע נייגעריק געוואָר צו ווערן וואָס אַזוינס ס'איז פילאָסאָפיה. דאָס איז נישט קיין לייכטע עובדה פאַרן בחור, טראַכט ער, קווענקלט זיך און שטאַמלט צום סוף אַרויס, אַז... מיט פילאָסאָפיע קאָן מען אַלץ באַווייזן. כדומה למשל? נו, איך קאָן דיר, טאַטע, באַווייזן, אַז דו ביסט נישטאָ אין איישישאָק... אַזוי? פלאַי פלאַים!... אַ יאָ, טאַטע, דו ביסט אין איישישאָק? אַוודאי! איז אויב דו ביסט אין איישישאָק, ביסטו דאָך נישט אין וואַרשע... און אויב דו ביסט נישט אין וואַרשע, ביסטו דאָך ערגעץ אַנדערש... און ווי־באַלד דו ביסט ערגעץ אַנדערש — ביסטו דאָך נישט אין איישישאָק, אַ יאָ, טאַטע?... אָבער דער טאַטע ענטפערט אים מיט אַ פּאַטש. און אַז דער איבערגעראַשטער בן־יחיד וויל וויסן פאַרוואָס דער טאַטע פּאַטשט אים, מאַכט דער שניידער זיך כלומרשט תמעוואַטע: ווער? איך פּאַטש דיך? איך בין דאָך גאָרנישט דאָ אין איישישאָק?...

אין אָט־דעם פאָלקס־וויץ טריאומפירט דער פשוטער גראָדער שכל איבער דעם ספּעקולאַטיוון געדאַנק פון דער פילאָסאָפיע. ס'איז אַ פּאַטש דער פילאָסאָפיע — אין מהות אַריין...

טשיקאַווע איז דערביי, וואָס פּונקט אַזאַ ברייטער — און צעשוומענער — באַגריף פון פילאָסאָפיע, ווי ס'אַנטפּלעקט זיך אין יידישן פאָלקלאָר, הערשט אויך אין אַמעריקע — און נישט בלויז ביים ברייטן עולם, נאָר אויך אין די געבילדעטע קרייזן.

„פילאָסאָפער" — פילאָסאָף — איז דאָ אַ באַצייכענונג, וואָס מען וואַרפט זיך דערמיט ווי מיט אַ „באָל". אויף דענקמאָלן זעט מען אָפט אויסגעקריצט „סטייטסמען ענד פילאָסאָפער", אָדער „דזשענעראַל ענד פילאָסאָפער" — מלוכה־מאַן און פילאָסאָף, גענעראַל און פילאָסאָף. אויך צו די שבחים אויף זשורנאַליסטן, הומאָריסטן, אינדוסטריאַליסטן שטעלט מען צו דעם טיטל „פילאָסאָפער".

אַפילו וויל ראָדזשערס, דער אַמעריקאַנער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, דער „קאו־באָי", וואָס האָט געקענט קונציק דרייען אַ שטריק און בעת־מעשה בראָקן וויצן, איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „פילאָסאָפער". אָבער אויב איר וועט זוכן זייערע נעמען אין דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע, אָדער אין אַ פילאָסאָפישער ענציקלאָפּעדיע, וועט איר אַנטוישט ווערן. מיט פילאָסאָפיע בשייכות די אַלע „פילאָסאָפערס" ווערט געמיינט: „קאָמאָן סענס" (שכל הישר), צי אַביסל חכמה

אויף דעם, אָדער יענעם געביט פון סאָציאַלע, פּאָליטישע, ליטעראַרישע, אָדער מיליטערישע טעטיקייטן...

אין אוניווערסיטעטן אומעטום דיפּלאָמירט מען מיט פילאָסאָפישע דאָק־טאָראַטן נישט נאָר פאַר פילאָסאָפיע, נאָר אויך פאַר פּסיכאָלאָגיע, פאַר מוזיק, פאַר ליטעראַטור און אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן אין פלוג קיין שייכות נישט צו פילאָסאָפיע. זיי געהערן אָבער אַלע צו דער אידייען־וועלט. דאָ, ווי מיר זעען, ווערט דער פילאָסאָפיע געגעבן אַ זייער ברייטער — און עלאַסטישער — אויס־טייטש: דעם געדאַנקס יעדע פאַרטיפונג, פאַרשונג, זוכעניש איז פילאָסאָפיע. די האָריזאָנטן פון דער פילאָסאָפיע זענען נישט, אָדער דאַרפן נישט זיין, באַשרענקט, לויט דערדאָזיקער דעה. מיר קענען, הייסט עס, פילאָסאָפירן אויף מוזיקאַלישע, ליטעראַרישע, פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, פּונקט ווי מיר פילאָסאָפירן וועגן סוף און אין־סוף, גאָט און אומענדלעכקייט, מאַטעריע און גייסט.

***

ווען מיר באַקענען זיך מיט דער פילאָסאָפישער ליטעראַטור, זעען מיר אייך, אַז די, וואָס גיבן אַזאַ ברייטע אינטערפּרעטאַציע פון פילאָסאָפיע, זענען נישט אויסן וועג. די פילאָסאָפן, די גרויסע און די קלענערע, די קלאַסישע און די מאָ־דערנע, האָבן זיך פאַרנומען נישט בלויז מיט מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, נאָר אויך מיט „ערדישע" ענינים, עטישע, עסטעטישע און אַפילו פּאָליטישע.

די כינעזישע פילאָסאָפן קאָנפוציוס און מענציוס האָבן זיך געהאַלטן האַרט ביי דער ערד. זייער לערע פאַרנעמט זיך מיט מאָראַל, מיט עטיק, מיט די באַ־ציִונגען בין אדם לחברו. אַפילו לאַאָ־צע און טשואַנג־צע, די מיסטיקערס, שטעלן דעם טראָפּ אויף דער מאָראַלישער ריינקייט פון דעם מענטש. קאָנפוציוס וויל אַפילו נישט אַריינגיין אין אַ וויכוח וועגן טויט. און ווען אַ תלמיד פרעגט אים וועגן דעם, פּטרט ער אים אָפּ מיטן לאַקאָנישן ענטפער: „אַז מיר ווייסן נישט וואָס דאָס לעבן איז — ווי קענען מיר וויסן וואָס דער טויט איז?".

גאָט, געטלעכקייט איז ביי די כינעזער זעלבסטפאַרשטענדלעך. דורך מאָראַ־לישער און עטישער דערהויבונג ווערט דער מענטש ממילא נענטער צו גאָט. און ס'איז גאָרנישט שייך צו פילאָסאָפירן וועגן דעם. גוטע מידות זענען די שטאַפּ־לען צום מקור המקורות. לאַאָ־צע רופט דעם וועג־אַרויף „טאַאָ".

און די גריכן?

קסענאָפאַנעס, דער גרינדער פון דער עלאַטישער שולע, גלייבט אין דער איינהייט פון אַלץ. „העָן טו פּאַן". איינס איז אַלץ. אָבער זיין אחד־באַגריף איז אַן

ערדישער. „אַלע זאַכן קומען פון דער ערד און אַלע זאַכן קערן זיך צוריק צו דער ערד". דאָס דערמאָנט אָן אונדזער אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

סאָקראַטעס, ווי ער איז אַריין אין דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע (אַלצאיינס וועראון וואָס ער זאָל נישט האָבן געוועזן), איז פונקט אַזוי האַרט ביי דער ערד ווי קאָנפוציוס און ווי יענער איז ער דער עיקר אַ מאָראַל-פילאָסאָף. ס'איז בכלל דאָ אַ סך ענלעכקייט צווישן די צוויי, סיי אין זייערע אידייען און געדאַנקען, סיי אין זייער „גיין אין פאָלק אַריין" מיט זייערע לערעס. ס'איז מיר אַ חידוש וואָס ביז איצט, אויף וויפל ס'איז מיר באַקאַנט, האָט נאָך קיינער נישט דורכגעפירט אַן אַנאַלאָגיע צווישן זיי אין אַ שטודיע.

צו דערזעלביקער קאַטעגאָריע מאָראַל-פילאָסאָפן האָבן געהערט רוסאָ, טאָל־סטאָי, און אין אַ געוויסן זין עמערסאָן און דזשאָן דיואי. פּלאַטאָן און מיט יאָרהונ־דערטער שפּעטער ספּינאָזאַ האָבן זיך אין זייערע פילאָסאָפישע חקירות אָפּגעגעבן סיי מיט מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, סיי מיט די פּראָבלעמען פון עטיק, מאָראַל און פּאָליטיק. די צאָל פילאָסאָפן, וואָס האָבן געשוועבט דורכויס אין די עולמות העליונים און די באַלדיקע רעאַליטעט מיט אירע ענינים איז זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, איז זיכער נישט גרעסער פון דער צאָל חכמי הפילוסופיה, וואָס זייער אינטערעס איז געווען אַ פּאַרקערטער, וואָס די „וועלט מחוץ אונדזער דערפאַרונג" איז זיי נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה.

ס'וואָלט נייטיק געווען צופיל אָרט, כדי דאָ צו ברענגען אַ לענגערע רשימה פון די ביידע — אָדער עטלעכע „צדדים" אין דער פילאָסאָפיע און באַרירן כאָטש פון אויבנאויף זייערע אידייען. און ס'איז אין דעם פאַל סיי־ווי נישט וויכטיק. דאָ וויל איך בלויז אָנווייזן, אַז פילאָסאָפיע איז נישט קיין אָפּגעצאַמטער, באַשרענקטער סאָד, ווו ס'וואַקסט בלויז איין מין פּרי.

דערפאַר איז ביז גאָר פאַלש און אומגערעכט די באַהויפּטונג, וואָס מיר הערן אַזוי אָפט פון געלערנטע, ייִדישע ווי נישט־ייִדישע, אַז דאָס ייִדנטום איז הויל פון פילאָסאָפישן געדאַנק, נישט קענענדיק, אָדער נישט וועלנדיק, באַגרייפן, אַז די ייִדישע פילאָסאָפיע איז אין דער ייִדישער רעליגיע, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אַנדערע אָריענטאַלישע פעלקער. די פילאָסאָפין ל. אַדאַמס בעק (ע. באַרינגטאָן), אפשר די בעסטע קענערין פון די אָריענטאַלישע פילאָסאָפיעס און רעליגיעס, פאַר־דינט דעריבער אַ קאָמפּלימענט פאַר איר טיפער פאַרשטענדעניש פון דעם ענין. זי שרייבט:

„ס'איז בכלל שווער צו ציִען אַ זיכערע ליניע צווישן פילאָסאָפיע און רעלי־גיע. דאָס איז אַלעמאָל אַזוי געווען, אַפילו אין אונדזערע צייטן, און ס'איז באַזונ־דערס שווער אין שייכות צו אינדיע, ווו רעליגיע איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז

זי מאָדעלירט די גאַנצע אויסערלעכע פאָרעם פון לעבן, אפשר נאָך דאָמינירנדיקער ווי ביי יידן. בעת מיר שרייבן וועגן אינדישער פילאָסאָפיע, קענען מיר זי דערפאַר נישט אָפּשיידן פון רעליגיע".

די קשיא, וואָס ס'איז אַזוינס פילאָסאָפיע — און ממילא ווער ס'איז אַ פילאָ־סאָף — בלייבט נאָך אַלץ, ווי מיר זעען, אָפן, כאָטש זי איז שוין אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות אַ סך מאָל פאַרענטפערט געוואָרן, אָבער אַ סך ענטפערס, האָבן מיר אַ כלל, איז קיין ענטפער נישט... פונדעסטוועגן איז כדאי דאָ צו ברענגען אַזוי בקיצור, ווי מעגלעך, עטלעכע — היינטצייטיקע — ענטפערס אויף דערדאָזיקער קשיא.

סוזאַנע ק. לאַנגע, אַ פילאָסאָפין, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער פי־לאָסאָפישער וועלט מיט איר בוך „פילאָסאָפי אין עי ניו קי", איז דווקא געניגט צו אַ ברייטער אינטערפּרעטאַציע פון דעם טערמין פילאָסאָפיע און איר נייע מוזיקאַלישע מעטאָדע אין פילאָסאָפישן דענקען שאַפט אַ מין סינטעז צווישן די קונסטן מיט דער פילאָסאָפיע; אָבער אַז מען טראַכט זיך אַריין אין איר מעטאָדע, זעט מען איין, אַז זי האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם וועג פון דער פילאָסאָפיע. וואָס „דאָס כאַראַקטעריסטישע אין איר איז (לויט איר מיינונג) מער אין דער פאָרמולירונג פון אירע פּראָבלעמען, ווי אין לעזן זיי. אירע ענטפערס שטעלן־אויף אַ בנין פון פאַקטן, אָבער אירע פראַגן שאַפן די ראַם פאַר דעם בילד פון פאַקטן... אין אונדזערע פראַגן ליגן אונדזערע פּרינציפּן פון אַנאַליז".

פּראָפעסאָר סי. די. בוירנס זאָגט אין זיין ווערק „דהי סענס אָוו האָרייזאָן", אַז „פילאָסאָפן פון יעדער תקופה האָבן געשטרעבט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון אַזוי פיל דערפאַרונג וויפל ס'איז פאַר זיי מעגלעך געווען. טייל פון זיי האָבן גע־וואָלט איינשמועסן, אַז דאָס, וואָס זיי קענען נישט דערקלערן, עקסיסטירט נישט. אָבער אַלע גרויסע פילאָסאָפן האָבן זיך פאַרנומען מיט מער ווי זיי האָבן געקענט דערקלערן, און דערמיט האָבן זיי לכתחילה געחתמעט דעם טויט־אורטייל אויף זייערע פילאָסאָפיעס"...

האַלי עסטיל קאָנינגהאַם באַטאָנט (אין זיין בוך „אַן אינטראָדאָקשאָן טו פי־לאָסאָפי"), אַז „פילאָסאָפיע איז אַ באַוווסטזיניקער פּאַרזוך זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון דעם פענאָמען פון דערפאַרונג — אין טערמינען פון וועלכן־ס'איז פּרינציפּ, וואָס ער העפט צונויף די אויגנשיינלעכע אונטערשיידן אין אַן איינהייט. זי, די פילאָסאָפיע, באַמיט זיך ערנסט צו געפינען פּרינציפּן און איז געדולדיק אין זוכן סתירות, וואָס זענען נישט אין הסכם מיט דעם פּרינציפּ, וואָס ווערט כסדר און באַוווסטזיניק אָנגעווענדט — וואָרעם דורך דער פאַראיינהייטלעכונג פון אויגנ־שיינלעכע ווידערשפּרוכן אין אַ העכערן און מער אינקלוזיוון פּרינציפּ, ווערן סיס־

טעמען קאָנסטרויִרט. דער ציל איז: צו פאַרזיכערן אַ האַרמאָנישן אויסבליק פון דער וועלט, אַזוי אַז מיר זאָלן וויסן ווו מיר האַלטן מיט די דערשיינונגען, ווי אָפּצו־שאַצן זיי און ווי זיך צו באַנעמען אין זייער קעגנוואַרט״.

הענרי דייוויד טהאָראָ האָט געהאַלטן, אַז „כדי צו זיין אַ פילאָסאָף איז נישט גענוג צו האָבן סובטילע געדאַנקען, אָדער אַפילו צו גרינדן אַ שולע. מען דאַרף אַזוי שטאַרק ליב האָבן חכמה, אַז מען זאָל לעבן לויט אירע דיקטאַטן — אַ לעבן פון פשטות, אומאָפּהענגיקייט, גייסטיקע דערהויבונג און צוטרוי״.

ס׳הייסט: נאה דורש ונאה מקיים... אויב מיר זאָלן טהאָראָ׳ס מיינונג מאַכן פאַר אַ פאָרבאַדינג פאַרן פילאָסאָף, וואָלט מען אַ היפּש ביסל פילאָסאָפן, צווישן זיי גאָר גרויסע און קודם־כל פראַנציס בייקאָנען, געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון פי־לאָסאָפישן פּאַנטעאָן...

שלמה סוקאָוויטש, רעדאַקטאָר פון „דווקא״ (בוענאָס־איירעס) און איינער פון אונדזערע פיינסטע פילאָסאָפישע עסייאיסטן, פּרוווט ענטפערן אויף דער פראַגע „וואָס איז פילאָסאָפיע?״ אין אַ לענגערער עסיי (אין זיין זשורנאַל) און אין די לעצטע צוויי שורות פון דער עסיי רעזומירט ער: „פילאָסאָפיע איז אַזאַ מענטאַלע פונקציע, וואָס שטרעבט אויסצודריקן די מענטשלעכע חשיבות, ווי זיין גייסטיקע פרייהייט״ — אַ זייער און וויכטיקע עובדה, אָדער עבודה, אָבער ס׳נעמט אַרום — אָדער אפשר וועט זיין ריכטיקער צו זאָגן, אַז ס׳לאָזט אָפן — אַן אומ־געהייער, ממש אומענדלעך, פעלד...

וואָס איז פאָרט פילאָסאָפיע? ווען איך זאָל דאָ ציטירן נאָך טויזנטער מיי־נונגען, וועט די פראַגע אַלץ בלייבן אַ פראַגע. וועט אפשר דער בעסטער ענטפער זיין אין אַ פאַראַפראַזע פון אַ קינדישן ענטפער: פילאָסאָפיע איז אַלץ, וואָס איז — פילאָסאָפיש. (ווי פּאָעזיע איז אַלץ, וואָס איז פּאָעטיש)...

דער „קינדישער ענטפער״ פירט צוריק דעם ענין פילאָסאָפיע צום פאָלקלאָר, מיט וועלכן איך האָב אָנגעהויבן.

אָט איז, למשל, דער שפּאַס מיט די צוויי ייִדן ביי אַ גלעזל טיי. „ס׳לעבן איז ווי אַ גלאָז טיי״, קרעכצט איינער אַרויס מיט הנאה. און אַז דער צווייטער פרעגט אים מיט חידוש: ווי אַזוי? — קוועטשט דער ערשטער מיט די פּלייצעס: וואָס פרעגסטו מיך? וואָס בין איך — אַ פילאָסאָף?... און ביי פילאָסאָפיע קאָן דאָס גלאָז טיי טאַקע ווערן אַן ענין: ס׳איז געגליכן צום מענטשלעכן לעבן: מיט יעדן זופּ ווערט אַלץ ווייניקער אין גלאָז, ווי מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ ווייניקער לעבן...

איין פילאָסאָף וועט זיך דער עיקר אַריינטראַכטן אין הייסן וואַסער; אַן אַנדערער — אין עסענץ, וואָס מאַכט דאָס וואַסער פאַר טיי, בעת אַ דריטן פילאָ־סאָפס געדאַנק וועט אַרומנעמען דאָס גלאָז גופא. אָן אַ גלאָז, אָן אַ געפעס צו

האַלטן די טיי, איז דאָך קיין טיי כלל נישט מעגלעך, מעג דער עסענץ זיין דער סאַמע בעסטער. אָדער אפשר איז דאָס גלאָז אינגאַנצן אַן אילוזיע? — האָט דאָך טאַקע אַזוי געהאַלטן דזשאָרדזש בוירקלי, אַז מאַטעריע איז נישט מער ווי אַן אויסדאַכטעניש. אַלץ איז גייסט...

פילאָסאָפירן לאָזט זיך אויך וועגן — אַ בייגל. ביי משה לייב האַלפּערן איז דאָ אַ סאַטיריש ליד, באַזירט אויף אַ פאָלקס־וויץ, וועגן אַ הונגעריקן פילאָסאָף, וואָס קריגט אַריין אַ בייגל. אָבער אָנשטאָט זיך צוצוכאַפּן צו דער בייגל און שטילן זיין פיזישן הונגער, צעשפּילט זיך זיין גייסטיקער הונגער אין ער צעפילאָסאָפירט זיך מכוח דער בייגל: וואָס מאַכט די בייגל פאַר אַ בייגל — די ליידיקייט, דער חלל אין מיטן, אָדער דאָס קיילעכדיקע טייגעכץ, דער צירקל אַרום דעם לאָך? דער סוף איז, אַז דער פילאָסאָף שטאַרבט פון הונגער מיט דער בייגל אין האַנט. אָבער דאָס פּראָבלעם מיט דער בייגל איז אַלץ נישט געלעזט. און מען וועט מסתמא קיינמאָל נישט קענען ענטפערן אויף דער קשיא, וואָס ס׳מאַכט זאַכן פאַר זאַכן, די פאַרגליווערטע שטיקער מאַטעריע, וואָס מיר זעען, הערן און טאַפּן־אָן, אָדער דער ליידיקער אַרום, דאָס אומגעזעען־גייסטיקע...

בקיצור: מיר האָבן טאַקע נישט קיין ענטפער אויף די קשיות מכוח דברים ברומו של עולם, אָבער אין פרעגן אַליין דערהייבט זיך דער מענטש, און טריט־ביי־טריט, אָדער פלי־ביי־פלי דערגרייכן מיר ערגעץ און ס׳עפענען זיך פאַר אונדז אַלץ ברייטערע האָריזאָנטן. מעג דאָס פאָלק גוטמוטיק שפּאַסן פון דעם פילאָסאָף, דעם בטלן — און האָבן אַ מטושטשן באַגריף פון פילאָסאָפיע — אָבער אָן דעם פילאָסאָף וואָלט דאָס לעבן געווען אַזוי גראָ, איינטאָניק און פלאַך.

„ווי ס'ווערן לידער פאַרפאַסט"...

ווי שטאַרק י. ל. פּרץ האָט געהאַלטן פון יהואשן, ווייס איך נישט. אויב ער האָט ערגעץ געשריבן וועגן אים, האָב איך נישט געלייענט. אין אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער דיכטונג, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן אין וואַרשע, נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט ער אים דערמאָנט צווישן די בעסערע יידישע דיכטער, בעת מאָריס ראָזענפעלדן האָט ער אינגאַנצן פאַרשוויגן און וועגן מנחמן און משה טייטשן האָט ער געזאָגט, אַז דאָס זענען צוויי יונגע אָדלערס, וואָס אָדער זיי וועלן פאַרפליען זייער הויך, אָדער — אַראָפּפאַלן...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע — אָדער דאָס צווייטע — מאָל, וואָס איך האָב געהערט פון פּרצן דעם נאָמען יהואש. דערדאָזיקער דיכטער איז מיר דעמאָלט נאָך געווען אומבאַקאַנט. אויף איינער פון מיינע שבת־פרימאָרגנדיקע באַזוכן ביי פּרצן האָב איך דערזען ביי אים אויפן שרייב־טיש אַ באַנד לידער פון יהואשן. ווען פּרץ האָט זיך פאַרטיפט אין אַ מאַנוסקריפּט, האָב איך אַן עפן געטון דאָס בוך און דערזען אויפן שער־בלאַט אַ בילד פון אַ געגאָלט, אויסגעצערט פּנים.

דאָס בוך איז געלעגן אויף פּרצ'ס שרייב־טיש אַ לענגערע צייט. כ'האָב שטאַרק געוואָלט איבערלייענען די לידער, נאָר מיר, דעם יונגן בחורל, האָט אויסגעפעלט מוט צו פאַרפירן מיט פּרצן אַ שמועס וועגן דעם. איין שבת־אינדער־פרי, ווען יעקב דינעזאָן איז געווען ביי פּרצן, האָבן ביידע געבלעטערט יהואש'ס בוך און פּלוצלינג האָט פּרץ אַ זאָג געטון, מיט אַ טאָן, וואָס האָט מיר געקלונגען ווי מיט ביטול:

— ווי ס'ווערן לידער פאַרפאַסט!

דינעזאָן האָט אויף אים אַ קוק געטון, ווי פאַרחידושט. מער איז קיין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן. נאָך עמעצער איז אָנגעקומען און דינעזאָן האָט דאָס בוך אַוועקגעלייגט.

איך בין איצט נישט זיכער, צי דאָס איז פאָרגעקומען פאַר דעם דערמאָנטן

רעפּעראַט, אָדער שפּעטער. אָבער פּרצ׳ס באַמערקונג, וואָס האָט זיך באַצויגן אויף יהואש׳ס ליד „ווי ס׳ווערן לידער פאַרפאַסט״, איז מיר קלאָר געוואָרן אין אַ שטיקל צייט אַרום, ווען איך האָב פּרצן אָנגעזאָגט די בשורה־טובה, אַז איך האָב געמאַכט נאָך עטלעכע לידער...

— לידער מאַכט מען נישט! — האָט פּרץ מיר שאַרף איבערגעשניטן.

— איך מיין... פאַרפאַסט... — האָב איך געשטאַמלט.

— פּונקט אַזוי שלעכט ווי געמאַכט! — האָט פּרץ מיר ווידער אָפּגעהאַקט.

איך בין נאָך צעטומלטער געוואָרן — אַזוי צעטומלט, אַז איך געדענק אַפילו נישט, צי פּרץ האָט מיר אויסגעזאָגט — ווי אַזוי יאָ...

אויף דער פאַרלעזונג וועגן יידישער דיכטונג, וווּ פּרץ האָט פון זיין רעפעראַט אויסגעלאָזט מאָריס ראָזענפעלד׳ס נאָמען, האָט עמעצער פון עולם אים איבער־געפרעגט וועגן דעם און פּרץ האָט אים לאַקאָניש אָפּגעענטפערט:

— מאָריס ראָזענפעלד שרייבט לידער צום זינגען און אויף מוזיק בין איך קיין מבין נישט!...

צי פּרץ האָט געהאַט אַזאַ מיינונג וועגן ראָזענפעלד׳ס לידער אויך פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איידער די צוויי בערג האָבן זיך באַגעגנט און געקו־מען צו אַ צוזאַמענשטויס, צוליב וועלכן ראָזענפעלד האָט אַ ברוגזער פאַרלאָזן די קאָנפערענץ — ווייס איך נישט.

איך ווייס אָבער, אַז פּרץ האָט טאַקע געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן לידער און געדיכטן — אַזוי האָט ער מיר עטלעכע מאָל באַטאָנט אין זיינע געדולדיקע אָנווייזונגען וועגן דעם ענין פּאָעזיע.

לידער זענען צום זינגען. געדיכטן — צו לייענען, צו זאָגן, אַריינצואָטעמען.

וואָס פּרץ וואָלט וועגן דעם געזאָגט אַצינד, ווען דאָס וואָרט „געדיכט״ איז אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן פון יידיש־פּאָעטישן לעקסיקאָן, הגם דאָס וואָרט „דיכטונג״ איז פאַרבליבן — איז, פאַרשטייט זיך, שפּעקולאַטיוו.

פאַרוואָס פּרץ האָט געצויגן אַזאַ ליניע צווישן ליד און געדיכט און ווי־אַזוי מען קאָן דערקענען וואָסער ליד ס׳איז — אַ ליד און וואָסער ליד ס׳איז אַ געדיכט — דאָס האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען נישט קיין איבערצייגונג פּרצ׳ס, נאָר איינער פון זיינע קאַפּריזן.

אָבער אַז לידער מאַכט מען נישט — איז דעם גלייב איך מיטן גאַנצן האַרץ.

איך געהער נאָך צו יענע, וואָס גלייבן אין רוח הקודש, אין אינספּיראַציע, אין מוזע!

ווען אַ דיכטער זעצט זיך אַנידער איבער אַ בויגן פּאַפּיר מיטן באַשלוס אָנצו־שרייבן אַ ליד אַרום עפּעס אַ געדאַנק, אָדער אַן אידייע, וואָס איז אים איינגעפאַלן

— איז דער דיכטער אפשר אַ קינסטלער, אויב ער קאָן אויפשטעלן אַ פערזנדיקע קאָנסטרוקציע אויף אַ ריין־מעכאַנישן, אָדער טעכנישן, אופן. נאָר קיין וואָרער דיכטער איז ער נישט. זיין ליד וועט זיין אַ טויטע, קינסטלעכע בלום, מעג זי ווי שיין זיין פאַרן אויג, אָבער אָן דופט, אָן אָטעם.

דאָס מיינט בשום־אופן נישט, אַז אַ דיכטער דאַרף נישט אַרבעטן אויף אַ ליד, פיילן עס, שלייפן עס, איבערטוישן ווערטער — אָבער ווען? ווען דאָס ליד האָט שוין ספּאָנטאַן אַרויסגעשטראָמט פון דעם דיכטערס געמיט, פון זיין נשמה; נאָכדעם ווי דער רוח־הקודש, אָדער אינספּיראַציע, אָדער מוזע — אָדער ווי איר זאָלט עס נישט רופן — האָט אים אין מיטן נאַכט אַרויסגעריסן פון בעט; אָדער איז אים „באַפאַלן" אין מיטן טאָג אין גאַס, אָדער אין באַן, צי אין געשעפט און אים „געצוווּנגען" צו שרייבן.

איך בין נאָך אַ יונג בחורל געווען, אָן אָנהייבער אין דער ליטעראַטור, ווען איך האָב איבערגעלייענט מרדכי ספּעקטאָרס „מאָמענט פאָטאָגראַפיעס" — ווי יידישע שרייבערס שרייבן. ביאַליק׳ס אופן שרייבן האָט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק געמאַכט. ביאַליק פלעגט — לויט ספּעקטאָרן — שווער האָרעווען אויף אַ ליד, ממש קאַטאָרזשנע אַרבעט! אָנשרייבן אַ שורה, אויסמעקן, איבערלאָזן די שורה, זיך צו איר צוריקקערן שפּעטער, אַמאָל אין טעג אַרום — און ס׳האָט אים גענומען אַ לאַנגע צייט ביז זיינס אַ ליד איז פאַרטיק געוואָרן...

אַזאַ האָרעווען אויף אַ ליד איז מיר פאָרגעקומען ווי מלאכה — אַ קינסטלערישע מלאכה, ווי אויסאַרבעטן אַ טעפּיך, אָדער אַ פיינע וואַזע — אָבער נישט קיין דיכטונג.

קאָן זיין, אַז דער איינדרוק, וואָס ספּעקטאָר׳ס שילדערונג האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט, איז שולדיק — טיילוויז, אָדער אינגאַנצן — דערין, וואָס ביאַליק׳ס לידער האָבן מיך קיינמאָל נישט באַגייסטערט, וואָס איך האָב אַלעמאָל אין זיי געפילט מער אָנשטעל, ווי אינטימע, נשמהדיקע איבערלעבונג: נביאישע פּראָקלאַמאַציע, אָנשטאָט אינספּיראַציע — אין זיינע עפּישע פּאָעמעס; און קאַלטע לאָגיק אין די מיינסטע לירישע לידער — אין די מיינסטע, ווייל אין טייל לירישע לידער זיינע, וואָס האָבן זיך מסתמא פון אים אַרויסגעריסן ספּאָנטאַן, שפּירט זיך יאָ אַן אינינקסטער נשמהדיקער ציטער.

דוד פרישמאַן האָט אַמאָל געענטפערט יענע קריטיקערס, וואָס האָבן ביאַליקן געקרוינט פאַר אַ נביא, אַז ביאַליק איז דער היפּוך פון אַ נביא. ווען אַ בלעטל ביאַליק זאָל צופעליק אַריינפאַלן צווישן די נביאים, וואָלט מען גלייך דערקענט דעם פרעמדן אורח — וואָרעם נבואה איז פאַטאָס, פּרימיטיווער עקסטאַז, בעת דיכטונג איז — קונסט.

אָבער — אויך אמתע דיכטונג — דאַרף מען דאָ מוסיף זיין — איז פּאַטאָס, איז אַ צווילינג פון רוח־הקודש און מלאכת הקודש, פון נשמהדיקער רעאַקציע און געדאַנקלעכער רעדאַקציע...

אַזוי ווי דער מענטש איז צום נאָענטסטן זיך אַליין, וועל איך זיך דערלויבן צו ברענגען אַ ראיה פון מיינע אייגענע לידער.

אויב אַ דיכטער קאָן זיך אַליין אָפּשאַצן — האַלט איך, אַז די בעסטע לידער מיינע זענען יענע, וואָס האָבן זיך פון מיר אַרויסגעריסן ספּאָנטאַן, בעת די לידער, וואָס אויף איין פּראָצענט אינספּיראַציע איז דאָ ניין־און־ניינציק פּראָצענט מלאכה, זענען מיר געבליבן ווי שטיף־קינדער און איך פיל זיך נישט היימיש מיט זיי...

דער איינציקער מוז אין דער דיכטונג איז דער מוז פון דער מוזע... אויב אַ דיכטער מוז שרייבן לידער צוליב פּרנסה, אָדער כדי זיך צו באַווייזן מיט עשירות — וואָס אין אַזאַ פאַל קומט עס צו כסדרדיקער איבערחזרונג, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, פון דעמזעלביקן מאָטיוו — איז עס צום באַדויערן.

ס'איז צום באַדויערן און צום — דערקענען. אַ פאַרשאַרפטער פּאָעטישער חוש קאָן ממש דערשמעקן אַ ליד, וואָס איז דער פּראָדוקט פון שוויס, און אַ ליד, וואָס איז דער פּועל־יוצא פון אַנטפּלעקונג, פון אינספּיראַציע.

אַ ליד פון דעם ערשטן מין קאָן יעדער געשיקטער פערזן־מאַכער לייכט אי־מיטירן. נשמהדיקן ציטער קאָן מען בשום־אופן נישט נאָכמאַכן. רוח־הקודש לאָזט זיך נישט קאָפּירן.

איך ווייס: דער און יענער וועט שמייכלען סאַרקאַסטיש, ציניש: רוח־הקודש... אינספּיראַציע... אַנטפּלעקונג... מוזע... בבא־מעשהס!

וועלן דידאַקטיקע לייט, וואָס זיי האָבן, געוויינטלעך, שטאַרק דרך־ארץ פאַר דער וויסנשאַפט, אפשר אויפהערן שמייכלען, ווען זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז די וויסנשאַפט איז גראָד אויף דער זייט פון — רוח־הקודש!

גענוג, דאַכט זיך, בלויז איבערצולייענען אין „האַרפּערס מאַגאַזין" די אָפּ־האַנדלונג פון דעם באַוווּסטן בריטישן פיזיקער, ד"ר לאַנסעלאָט לאו ווהייט — וועגן דעם נאַר־וואָס באַרירטן ענין.

דער אָנגעזעענער פיזיקער ברענגט אַ שלל מיט פאַקטן וועגן אידייען, וואָס בליצן־אויף פּלוצלינג, אומגעריכט, אין מוח, אין געמיט — „גליענדיק מיט דער היץ פון יצירה". ווי־אַזוי דאָס פּאַסירט „איז נאָך אַ מיסטעריע" — איז מודה דער געלערנטער: „די פּסיכאָלאָגיע פאַרשטייט דאָך נאָך נישט אַפילו די געוויינטלעכע פּראָצעסן פון באַוווּסטזיניקן דענקען".

און ד"ר ווהייט ציטירט וועלט־קינסטלערס. בלעיק: „איך האָב אָנגעשריבן דאָס ליד — נישט האָבנדיק פריִער געטראַכט דערפון און אַפילו קעגן מיין ווילן"...

מאַצאַרטן „באַפאַלט" די מעלאַדיע פון זיין „צויבער־פליט" קווינטעט, בעת ער שפּילט ביליאַרד... וואַן־גאָג דערציילט, ווי בילדער קומען צו אים ווי אַ חלום, בעת ער טראַכט גאָרנישט וועגן זיי. דער כעמיקער קעקולי' דערזעט פּלוצלינג, בעת ער פאָרט אין אַ לאָנדאָנער אָמניבוס, ווי אַטאָמען טאַנצן אין דער לופט — און אַזוי — פון אַ פּלוצלינגער וויזיע — ווערט געשאַפן אַ טעאָריע פון אַטאָמישע גרופּירונגען.

וואָס איז דאָס? ווי אַזוי געשעט דאָס? זענען דאָס אויסשטראַלונגען פון דעם אונטערבאַוווסטזיין? פון רוים? פון אַנדערע וועלטן? מיר ווייסן נישט, ווי מיר ווייסן נישט וואָס לעבן איז, וואָס טויט איז. מיר ווייסן בלויז, אַז ס'געשעט.

און רוח־הקודש איז — רוח־הקודש. אויב אייך געפעלט בעסער אינספּיראַציע, אָדער מוזע — זאָל זיין אַזוי.

נישט דאָס וואָרט איז דער עיקר, נאָר דער תוך דערפון...

וואָס איז פּאָעזיע?

די פראַגע: „וואָס איז פּאָעזיע?“ — איז מסתמא אַזוי אַלט ווי די פּאָעזיע גופא. פּאָעזיע איז באַלד אַזוי אַלט ווי דער מענטש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן, וווּנדערן. די דערציילונג, ראָמאַן, דראַמע זאָגן אונדז אַליין וואָס זיי זענען: סיפּור־המעשה, שילדערונג, קאָנפליקט, האַנדלונג. ס׳קענען זיין פראַגן וועגן מדרגה, מאָס, דערגרייכונג. אָבער בלויז אין שייכות צו פּאָעזיע פרעגט מען, וואָס זי איז — און ממילא: וואָס און ווער איז אַ פּאָעט?

מען קאָן ענטפערן, אַז פּאָעזיע איז דאָס אַלץ, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין אַלע מינים קינסטלערישע פּראָזע, נאָר קאָנדענסירט, קאָנצענטרירט אין אַ קאַפּסול, וואָס אַנטהאַלט כלערליי וויטאַמינען. און מען קאָן זאָגן, אַז פּאָעזיע איז קיין אײנע נישט פון זיי, נייערט אַ מין פאַר זיך — אַ העכערער מין, ווי פערז־חסידים פאַרזיכערן; אַן איבעריקער מין, ווי פערז־מתנגדים האַלטן. דאָס זענען בלויז צוויי זאָגעכצער פון אַ סך.

פּאָעטן און קריטיקערס האָבן אויפגעשטעלט אַלערליי סברות און השערות וועגן דעם מהות און באַטייט פון פּאָעזיע, זיך אַפילו אַריינגעלאָזט אין טעאָרעטישע דיסקוסיעס, ווי דאָ וואָלט געגאַנגען אין וויסנשאַפטלעכע, סאָציאַלע, אָדער פּאָליטישע פאָרמולעס. די אָנהענגער פון אַזאַ, אָדער אַן אַנדער ריכטונג מעסטן פּאָעזיע לויט זייער קינסטלערישער אמונה. זענען ביי זיי די לידער מחוץ דעם גדר פון זייער באַליבטער ריכטונג אָדער ספק־פּאָעזיע (אין בעסטן פאַל), אָדער גאָר קיין פּאָעזיע נישט (אין ערגסטן פאַל).

ס׳איז ממש ווי אין מאַרקסיזם, למשל, ווו איין ריכטונג טענהט, אַז די אַנדערע אינטערפּרעטירט דעם מאַרקסיזם פאַלש, אָדער איז גאָר בעצם אַנטי־מאַרקסיסטיש...

ציטאַטן פון מיינונגען, וואָס די טעאָרעטיקערס האָבן אַרויסגעזאָגט אין משך פון לאַנגע יאָרן וועגן פּאָעזיע, וואָלטן מיך אַריינגעפירט אין אַ פּאָלעמיק מיט דעם,

אָדער מיט יענעם, אָדער מיט זיי אַלע. און איך בין דאָ בלויז אויסן צו ענטפערן אויף דער פראַגע: „וואָס איז פּאָעזיע?" — לויט מיין אייגענעם גוסט און קוק, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָך יעדער ענטפער דיקטירט פון פּערזענלעכן געשמאַק, אָדער פּערזענלעכן אמת. דעם אַבסאָלוטן אמת — אויב אַזעלכער איז דאָ — קענען מיר נישט וויסן וועגן קיין שום זאַך — און פּאָעזיע איז נישט קיין אויסנעם.

מיר דאַכט זיך, אַז דער בעסטער ענטפער אויף דער דערמאָנטער פראַגע איז דער „קינדישער" ענטפער, אַז פּאָעזיע איז אַלץ, וואָס איז פּאָעטיש (ווי פילאָסאָפיע איז אַלץ, וואָס איז פילאָסאָפיש)... דאָס הייסט, אַז פּאָעזיע איז אַלץ, וואָס איז געשריבן אין פערזן, אין סטראָפן, אָן אונטערשייד פון אינהאַלט, פאָרעם, ריכטונג, ווי אַלץ, וואָס עקסיסטירט און באַוועגט זיך, איז לעבן, יצירה: דאָס פּשוטע גרעזל און דער קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם פון אַ פיש, אַ פויגל, אַ מענטש. דער עיקר אין פּאָעזיע, ווי אין יעדער קונסט, איז — דער טאַלאַנט, די עכטקייט און אויף וויפל דאָס ווירקט אויף אונדז — איך זאָג: אוממיטלבאַר; אַן אַנדערער וועט זאָגן: אינטעלעקטועל. און מיר בײדע וועלן זיין גערעכט, מחמת קיינער פון אונדז האָט קיין רעכט נישט צו זאָגן, אַז דער אַנדערער איז אומגערעכט, אָדער געשמאַקלאָז — שוין דערפאַר אַליין, וואָס נישט איך און נישט יענער קאָן דאָס אומבאַשטרייטלעך באַווייזן.

בקיצור: ווערדליק מיין מיינונג איז עכטע פּאָעזיע די, וואָס ווערט געשאַפן אוממיטלבאַר און אויפגענומען אוממיטלבאַר. אויב מען דאַרף פאַרטייטשן אַ ליד, פאַרלירט זיך די באַלדיקע, דירעקטע „הנאה". נאָך מער: דאָס ליד הערט־אויף צו זיין אַ ליד און גייט אַריין אין גדר פון פילאָסאָפיע, צי גאָר פון פּובליציסטיק. און אויב אַזוי, דאַרף איך שוין זען ווי וויכטיק, ווי טיף דאָס אַרויסגעזאָגטע איז, וואָס דאָס מיינט אויך, צי דאָס ליד איז בכלל כדאי געווען... וואָלט וויטמאַן, למשל, וואָס ער איז אין זיין לעבנס־צייט פאַרזען און פאַרלייקנט געוואָרן ווי אַ פּאָעט, איז איצט דער אָנערקענטסטער אַמעריקאַנער פּאָעט, דער פּאָעט — און מען האַלט עס פאַר פּשוטער חוצפה, אויב איינער זאָגט איצט — און מען זאָגט! — אַז ביי אים איז וויטמאַן אַ וויכטיקער דענקער, אַ רעבעל, וואָס זיינע ברייטע, קרעפּטיקע שורות זענען אימפּעטיקע, מיט נביאישן פּאַטאָס געשריבענע לייט־אַרטיקלען און עסייען, אָבער נישט קיין פּאָעזיע.

דאָס איז מיין פּערזענלעך געפיל און פאַרשטענדעניש פון פּאָעזיע. דער, וואָס איז מיט מיר נישט מסכים, באַזירט אויך זיין מיינונג אויף זיין סוביעקטיווער פאַרשטענדעניש פון דעם ענין און איך האָב פּונקט אַזוי נישט קיין רעכט מבטל צו זיין זיינע מיינונגען, ווי ער — מיינע.

***

לאָמיר דאָ נאָכאַמאָל באַטאָנען דאָס פּריער־געזאָגטע (אין קאַפּיטל „ווי ס'ווערן לידער פֿאַרפֿאַסט"), אַז אַ פּאָעט, וואָס זעצט זיך אַנידער מיט דער כוונה אָנצו־שרייבן אַ ליד, ווי אַ זשורנאַליסט — אַן אַרטיקל פֿאַר דער מאָרגנדיקער צייטונג, איז קיין פּאָעט נישט, נאָר אַ פּאָעטישער בעל־מלאכה און זיין ליד וועט נישט זיין קיין פּאָעזיע, נאָר אַ מעכאַנישער פּראָדוקט. ס'זענען אָבער דאָ אַזעלכע לידער־ריסטן, וואָס באַזיצן אַ טאַלאַנט, ווער אַ גרעסערן, ווער אַ קלענערן — צו אימיטירן טאַלאַנט, נאָכצומאַכן פּאָעזיע און עס זאָל אויסזען עכט, ווי די באַנקנאָטן פֿון אַ געניטן פֿאַלש־מינצער, אָדער ווי אַ געמעל פֿון אַ באַגאַבטן אימיטאַטאָר, וואָס קאָן אייך צושטעלן אַ רעמבראַנד — אַקוראַט ווי רעמבראַנד.

אפשר זענען דאָ אַזוינע פּאָעטישע שוואַרץ־קינסטלערס, וואָס זיי קענען אויף אַ ריין־מעכאַנישן אופֿן אַרויסרופֿן אין זיך רוח־הקודש, ווי הודיני האָט אויף אַ מעכאַנישן אופֿן געקענט מאַניפּעסטירן — מיסטיציזם. ווער ווייס וויפֿל פֿאַלשע מטבעות איך האָב גענומען פֿאַר גוט געלט. דאַרף איך דערויף וויינען? וואָס מען ווייס נישט, זאָגט אַ ווערטל, שאַדט נישט. אויב די אימיטאַציע שטעלט איינעם צופֿרידן — און ער ווייס נישט דעם אונטערשייד — זאָל זיין צום געזונט! דאָס אימיטירן קונסט איז, ווייזט אויס, אויך אַ קונסט, וואָס פֿאַרדינט אָנערקענונג, בפֿרט, אַז מיר האָבן אין אַזאַ פֿאַל סיי־ווי קיין ברירה נישט — אויב אונדזער חוש איז נישט ראַפֿינירט גענוג צו קענען דערשנאַפּן דאָס געפֿעלשטע אונטער אַפֿילו דער בעסטער נאָכמאַכונג.

אויב אַ דיכטער מאַכט־אָפּ ביי זיך פֿאַרויס, אַז ער וועט שרייבן לויט די כּללים פֿון אַזאַ־און־אַזאַ ריכטונג און בשום־אופֿן נישט אַנדערש; אַז ער וועט „זינגען" בלויז וועגן זיין אינערלעכער נאַטור, אָדער בלויז וועגן דער אויסערלעכער נאַטור; זיין אַלעמאָל אַ לירישער, אָדער אַ נאַציאָנאַלער, צי אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער — לייגט ער זיך דערמיט גערנוויליק אַריין אין אַ סדום־בעטל, בינדט זיך אַליין הענט און פֿיס, אַז ער זאָל זיך נישט קענען פּאָעטיש פֿריי באַוועגן. יעדער פּאָעט, ווי יעדער קינסטלער, איז קודם־כּל אַ מענטש, וואָס אַלדאָס מענטשלעכע דאַרף אים זיין אייגן. אַן עכטער, פֿרייער דיכטער, קאָן היינט זיין אינספּירירט סוביעקטיוו־ליריש און מאָרגן — נאַציאָנאַל, פּאָליטיש, אָדער פּראָ־לעטאַריש. אַפֿילו אין פֿאָרם, אין אויסדרוק דאַרף ער, לויט מיין מיינונג, זיין פֿריי. אָבער אויב אַ דיכטער איז על־פּי זיין אינערלעכער טבע „מאָניסטיש", נישט מחמת וועלכע־ס'איז פֿאַרויס אויסגעקליבענע „שולע", איז עס אַ גאַנץ אַנדער מעשה.

אָבער די פּאָעטישע אימפּעריע מוז האָבן אָרט — מיט פֿולער גלייכבאַרעכ־טיקונג — פֿאַר אַלע פּאָעטישע אויסדרוקן, הן אין פֿאָרעם, הן אין אינהאַלט. דער לייען־עולם פֿון פּאָעזיע איז אַן אוימגעהייער־גרעסערער, ווי מיר שטעלן זיך פֿאָר,

אָבער מיט פאַרשיידענע געשמאַקן און ס׳איז בפירוש אַ זינד און אַ חוצפּה צו פאַרטרייבן לעזערס מיט חוזק וועגן געשמאַקלאָזיקייט, אויב זיי האָבן ליב אַ דיכ־טער, וואָס קליידט זיך נישט לויט דער סאַמע לעצטער פּאָעטישער מאָדע.

יהואש איז שוין געווען אַ ווייט און ברייט באַוווסטער און פיל־געליבטער פּאָעט — מיט אַ שווערן באַנד געקליבענע לידער — ווען אין אים איז פאַרגעקו־מען אַזאַ דראַסטישער איבערקער, אַז ממש איבערנאַכט איז ער פון אַ „קלאַסיקער״ געוואָרן אַ „מאָדערניסט״, דערצו אַזוי אולטראַ, אַז די „אינזיכיסטן״ באַטראַכטן אים מיט רעכט פאַר זייער „פּאָעטער״. וועלכער יהואש איז בעסער? ווידער גילט דאָ דער קינדישער ענטפער: ביידע בעסער. דער ערשטער יהואש באַפרידיקט איין אוידיענץ און דער צווייטער — אַן אַנדער אוידיענץ. ביידע מוזן גלייך רעספּעק־טירט ווערן. פאַראַן אַזעלכע פרומע פּאָעזיע־געניסער, וואָס דאַוונען אין צווי פּאָר תפילין: ביידע נוסחאות, צי גאָר אַלע נוסחאות אין דער פּאָעזיע — זענען זיי נאָענט צום געמיט.

האָט ווער אַ רעכט זיי מבטל צו זיין — זיי צו סעגרעגירן — באשר זיי זענען פון אַן אַנדער קאָליר, צי פּילפּאַרביק, און נישט לויט עמעצנס געשמאַק?

***

עדואַר בעלאַמי דערציילט — אין זיין „לוקינג בעקוואַרד״ *) — אַז אין דער צוקונפט פאַרבלייבט פון אַלע וואָרט־קינסטלערישע פאָרמען בלויז די פּאָעטישע. פאַרוואָס? ווייל פּאָעזיע איז אונדזער אינטימסטער אויסדרוק. איך וויל צושטעלן אויך די עסיי — וואָרעם פּונקט ווי דער מענטש וועט קיינמאָל נישט אויפהערן צו פילן, וועט ער אויך קיינמאָל נישט אויפהערן צו טראַכטן, מעדיטירן, פילאָ־סאָפירן.

אָבער מיר קענען זיך ביידע טועה זיין. ווער קאָן באמת וויסן וויפל — און וואָסערע — סורפּריזן די צוקונפט אַנטהאַלט — און באַהאַלט — פון אונדז?

---

*) אין יידישער איבערזעצונג האָט דאָס בוך געהייסן: „אין הונדערט יאָר אַרום״.

ווער איז דער מחבר פון זוהר?

י. י. טרונק האָט זיך פאַרנומען צו באַווייזן, אַז דער מחבר פון „זוהר“ איז נישט געווען משה דע־ליאָן, אַפילו נישט רבי שמעון בר יוחאי, נאָר רבי עקיבא. אָבער באַווייזן האָט ער גאָר אַן אַנדער זאַך — און דאָס איז אַז אַ גוטער שרייבער קאָן פון ממש גאָרנישט אויפבויען אַ פיינעם עסייאיסטישן בנין. אַז י. י. טרונק איז אַן אויסגעצייכנטער שריפטשטעלער, איז, דאַכט זיך, איבעריק צו זאָגן. ער האָט דאָס נאָכאַמאָל דעמאָנסטרירט מיט זיין עסיי „רבי עקיבא און דער זוהר“ („צוקונפט“). ס׳איז באמת אַן אויפטו — אָנצושרייבן אַן עסיי, וואָס פאַרנעמט איבער זיבן געדיכטע „צוקונפט“־זייטן, פול מיט אַרגומענטן, ראיות און השערות, וואָס האַלטן נישט אויס די מינדסטע קריטיק, וואָס זענען אויף די פולע הונדערט פראָצענט פאַלש.

לאָמיר קודם זיך באַקענען מיט טרונק׳ס הויפּט־אַרגומענטן, וואָס דאַרפן באַווייזן, אַז משה דע־ליאָן איז נישט דער מחבר פון „זוהר“.

1. טרונק האָט געלייענט אַ ספר, וואָס ר׳ משה דע־ליאָן האָט זיך אָנגעגעבן פאַר זיין מחבר. עס איז אַ היפּש־מיטלמעסיק קבלה־ספר און עס איז אוממעגלעך, אַז די זעלביקע פּען האָט אָנגעשריבן דעם „זוהר“.

2. „מיר געפינען אין „זוהר“ געדאַנקען און מיינונגען, וואָס עס איז אויסגעשלאָסן, אַז עמעצער פון ר׳ משה דע־ליאָנ׳ס דור זאָל פון זיי האָבן געוווּסט“. אין „זוהר“ קומט צום אויסדרוק פּיטאַגאָר׳ס קאָסמאָגאָניע וועגן דער געשטאַלט פון דער וועלט — און „אָט־אָ־די פּיטאַגאָרישע לערע, דערציילט אונדז טרונק, איז במשך פון מיטלאַלטער פאַרגעסן געוואָרן“. פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? דערפון, וואָס „אַזאַ ערודיט, ווי דער פילאָסאָף בייקאָן, דערהערנדיק דאָס ווילדע נייס פון קופּערניק׳ס סיסטעם (וואָס שטימט איינגאַנצן מיט דער אַלטער לערע פון די פּיטאַגאָרייער), האָט געלאַכט דערפון אין די פויסטן“.

טרונק מאַכט דערפון דעם אויספיר, אַז „ווען בייקאָן האָט נישט געוווּסט,

וואָס די אַנטיקע פּיטאַגאָרייער האָבן געזאָגט וועגן דעם געשטאַלט פון דער ערד און איר שייכות צו דער זון — פּונוואַנען האָט עס געקענט וויסן אַזאַ „פינצטערער פּעלשער", ווי ר' משה דע־ליאָן?"

גלייבט, הייסט עס, י. י. טרונק, אַז דער אמתער מחבר פון „זוהר" איז נישט משה דע־ליאָן, נאָר ר' שמעון בר יוחאי, צו וועמען אליהו הנביא האָט אַנטפּלעקט די סתרי־תורה? טרונק איז קודם איבערצייגט, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז נישט דע־ליאָן איז דער מחבר. וואָס ס'איז שייך ר' שמעון בר יוחאי, איז ער, ווערליק טרונקן, יאָ און נישט דער מחבר. הינטער אים שטייט ר' עקיבא, וועלכער אינספּירירט, אָדער דיקטירט אים.

עס קומט אויס, לויט טרונקן, אַז משה דע־ליאָן איז דאָ באַגאַנגען אַ שטיקל שווינדל — נישט, חלילה, דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעגעבן ר' שמעון בר יוחאין ווי דעם מחבר פון „זוהר", נאָר דערמיט, וואָס ער האָט נישט אָנגעגעבן ר' עקיבאן. וואָס האָט ר' משה דע־ליאָן געהאַט צו ר' עקיבאן? פאַר אים וואָלט דאָך בעסער געלוינט אַוועקצושטעלן דעם נאָמען פון דעם „גרעסטן קבליסטישן דענקער אין דער תלמוד־וועלט"? דאָס זאָגט אונדז טרונק נישט אויס.

י. י. טרונק מאַכט איינגאַנצן צונישט אַלע אַרגומענטן קעגן שמעון בר יוחאי'ס אויטאָרשאַפט פון „זוהר"; פון דעם עדות זאָגן פון דע־ליאָנ'ס ווייב, וואָס זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אַליין געזען ווי איר מאַן איז געזעסן און דאָס ספר געשריבן — איז דאָך אוודאי נישטאָ וואָס צו ריידן. וואָס ווייס דאָרט עפּעס אַ יידענע? קאָלעגע טרונק מאַכט אויך נישט קיין ווערט דערפון, וואָס דער „זוהר" ווערט נישט געדאַכט אין תלמוד. ער לאַכט זיך אַפילו אויס פון רמב"ם, וואָס „מאַכט אַזאַ גראָבן טעות" וועגן דער „מעשה־מרכבה" און אידענטיפיצירט זי מיט די מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפטן — און דאָס אַלץ געבויט אויף השערות, וואָס זענען אויסגעזויגן פון פינגער און וואָס קענען, ווי טרונק אַליין איז מודה, נישט באַשטעטיקט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז טרונק איגנאָרירט אינגאַנצן דעם פאַקט, וואָס אין דעם „זוהר" געפינען מיר נעמען פון תנאים, וועלכע האָבן געלעבט נאָך שמעון בר יוחאי און וואָס אין „זוהר" ווערן דערמאָנט די קרייץ־צוגן, וואָס זענען פאָרגעקומען יאָרהונדערטער שפּעטער, נאָך שמעון בר יוחאי. מסתמא איז אויך נישט וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אַזאַ אויטאָריטעט ווי יעקב עמדין, האָט אָנגעוויזן, אַז אין „זוהר" ווערן טייל פּסוקים פון תנך פאַלש פאַרטייטשט און תלמודישע עיקרים — פאַלש פאַרשטאַנען.

איצט לאָמיר, אדרבא, אַנאַליזירן י. י. טרונק'ס באַווייזן, אַז משה דע־ליאָן,

וועלכער האָט געלעבט אין 13טן יאָרהונדערט, איז נישט געווען דער מחבר פון „זוהר״.

טרונק קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דער מחבר פון אַ מיטלמעסיק ספר זאָל קענען אָנשרייבן אַזאַ ווערק, ווי דעם „זוהר״. אויף דעם גרונט קאָן מען פסלענען די אויטאָרשאַפט פון אַ סך גרויסע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אָנגע־הויבן מיט שוואַכע און מיטלמעסיקע ווערק און טיילמאָל אויך פאַרענדיקט מיטל־מעסיק. דער פאַקט איז, אַז דע־ליאָן האָט אָנגעשריבן מער ווי איין מיטלמעסיק ספר. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער אָנגעשריבן אַרום פינף אַזעלכע ספרים.

דער „זוהר״ איז, זעט אויס, אַ קאָמפּילאַציע פון עטלעכע ווערק — פון דע־ליאָנ׳ס אייגענע כתבים און פון אַנדערע מחברים, וואָס אָדער זיי האָבן צוגעשיקט זיי־ערע שאַפונגען צו דע־ליאָנען אויף מבינות, אָדער זיי זענען אַריינגעפאַלן אין דע־ליאָנ׳ס הענט אויף אַן אַנדער אופן. אַז אַ מחבר זאָל אַרויפשטעלן אויף זיין ווערק דעם נאָמען פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט, אַפילו פון אַ מלאך, ווייל דאָס איז אַ בעסערע פירמע — אַזוינס איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך. דער פאַקט איז, אַז דאָס איז געווען דער פאַל מיט די מיינסטע רעליגיעזע ווערק ביי אַלע אומות. אין אַמעריקע איז אויפגעקומען אַ נייע רעליגיע, דער מאָרמאָניזם, באַזירט אויף דער „גאָלדענער ביבל״, אָדער „דאָס בוך פון מאָרמאָן״, וואָס אַ מלאך זאָל האָבן אַנטפּלעקט צו דזשאָזעף סמיטן און וואָס אין אמתן איז דאָס גע־ווען, ווי פאָרשערס באַווייזן, אַ מאַנוסקריפּט, וואָס אַ רייכער סוחר האָט איבער־געלאָזט, און זיין אלמנה האָט עס איבערגעגעבן סמיטן.

ס׳איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, וואָס משה דע־ליאָן האָט אַרויפגעשטעלט דעם נאָמען פון ר׳ שמעון בר יוחאין אויפן „זוהר״, אויף דעם ספר, וווּ עס פילט זיך די השפעה פון דער אינדישער וועדאַנטאַ־פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט פאַרטראָגן פון אינדיע קיין פּערסיע און פון דאָרט קיין שפּאַניע. אָבער אין „זוהר״ איז דאָך אויך דאָ פּיטאַגאָרישע השפעה, און פּיטאַגאָראַס׳עס לערע איז אין מיטלאַלטער אַזוי „לחלוטין פאַרגעסן געוואָרן״, ווי טרונק פאַרזיכערט, אַז אַפילו אַזאַ ערודיט ווי בייקאָן האָט דערפון נישט געוווּסט.

הייבט זיך אָבער די גאַנצע מעשה נישט אָן. די פּיטאַגאָרישע לערע איז אין מיטלאַלטער נישט פאַרגעסן געווען. זי איז בלויז נישט געווען אין דער מאָדע, מחמת אַריסטאָטל און יוקליד האָבן פאַרטונקלט אַלע גריכישע פילאָסאָפן און באַ־הערשט דעם מענטשלעכן געדאַנק ביז העט אין אונדזער צייט אַריין. דער דאָזיקער אַרגומענט, טרונק׳ס, צערייסט זיך, ווי שפּינוועבס ווען מיר קוקן אַריין אין בייקאָנ׳ס עסיי „וועגן פריינטשאַפט״, וווּ ער רעדט וועגן פּיטאַגאָראַסן. הייסט עס,

אַז בייקאָן האָט יאָ געוווּסט וועגן דער פּיטאַגאָרישער לערע און אויב ער האָט געלאָכט פון קופּערניקן, איז עס זיכער נישט געווען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוווּסט פון דער פּיטאַגאָרישער פילאָסאָפיע, נאָר מחמת אים איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס זיינער אַ מיטצייטלער זאָל אַרויף אויפן וועג פון די פאַרצייטישע פּיטאַגאָרייער.

צום סוף אַ וואָרט וועגן נאָך איין פּונקט אין קאָלעגע טרונק׳ס עסיי, וואָס האָט נישט קיין דירעקטן שייכות צום ענין „זוהר״ — און דאָך איז די באַהויפּטונג, אַז אין „אַלטן מצרים האָט מען געהאַט די נעמלעכע באַגריפן וועגן דער גאָטהייט, פּונקט ווי די היינטיקע מענטשן (וועלכע מענטשן? א. אַל.), די אַלערליי נעמען פון די מצרישע געטער מיינען גאָרנישט קיין אַלערליי גאָטהייטן. ס׳זענען נאָר פאַרשיידענע באַצייכענונגען וועגן דער איינציקער גאָטהייט״. אָט־די באַהויפּטונג האָט שוין טרונק נישט אויסגעזויגן פון פינגער, נאָר פון — עדגאַר עלען פּאוס אַ דערציילונג. טרונק איז, זעט אויס, נישט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ קונצנ־מאַכער: האָקוס־פּאָקוס — און פון פּאָליטעאיזם, פון געצנדינסט, ווערט דער ריינ־סטער מאָנאָטעאיזם.

נו, ס׳איז גענוג אַריינצוקוקן אין די אַנטיקע עגיפּטישע כתבים, ווי אין „בוך פון טויטע״, אין „בוך פון פּטאַך־האָטעפּ״ און אין אַנדערע, כדי צו זען די לעכערלעכקייט פון אַזאַ באַהויפּטונג. ווען איין פּרעה — אַמענאָפיס דער פערטער, וועלכער האָט שפּעטער געביטן זיין נאָמען אויף אכנאַטאָן — האָט געוואָלט אָפּ־שאַפן די הונדערטער געטער, לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע, און איינפירן אַ מין מאָנאָ־טעאיזם, מיט אַמאָן־רא, דעם זון־גאָט, פאַר דעם איינציקן גאָט (אַטאָן), האָבן די טויזנטער פּריסטער פון די פאַרשיידענע געצן, רעוואָלטירט קעגן אים און זיין הערשאַפט האָט געהאַט קורצע יאָר. די פאַרצייטישע עגיפּטער, ווי די באַבילאָנער און גריכן, און ווי די היינטיקע שינטאָאיסטישע יאַפּאַנער, האָבן געגלויבט אין אַ סך געטער, וואָס נישט בלויז זענען זיי נישט קיין פאַרשיידענע באַצייכענונגען פון דער אייציקער גאָטהייט, נאָר זיי פירן אָפט מלחמות איינע קעגן די אַנדערע.

טרונק וועט איצט, ווי מיר זעען, מוזן זוכן אַנדערע באַווייזן פאַר זיינע השערות — אָבער ער וועט זיי זיכער נישט געפינען...

עוץ, אַמסטערדאַם און בערדיטשעוו

איוב, ספּינאָזאַ, לוי יצחק בערדיטשעווער.

צווישן עוץ און אַמסטערדאַם און באַרדיטשעוו — אַ מהלך פון יאָרהונדערטער. אַזוי ווייט איינער פון דעם אַנדערן און דאָך אַזוי נאָענט — אויפן וועג צו גאָט. איוב, דער גאָט־געפּייניקטער; ספּינאָזאַ, דער גאָט־פאַרשיכורטער און לוי יצחק, דער ייִד־פאַרשיכורטער. איוב, דער לא־היה ולא נברא־דיקער, איז אַזוי רעאַל — אויב נישט נאָך רעאַלער — ווי ספּינאָזאַ און לוי יצחק, דווקא ווייל אַן אויסגעטראַכטער, ווערט ער דערהויבן ווי אַ סימבאָל פון כלל־מענטש, פון אַל־מענטש. פאַרוואָס קומט עס מיר? — פרעגט ער ביי גאָט. כ'בין גאָטספאָרכטיק געווען, גוט געווען, גאַנץ געווען — און אַזאַ גזר!

און וואָס ענטפערט גאָט? „ווו ביסטו געווען בעת איך האָב געגרונטפעסטיקט די ערד? קענסטו מיינע ווערק פאַרשטיין?... ווער האָט געצאַמט דעם ים?... האָסטו ווען, אין אַלע טעג, באַפוילן דעם מאָרגן?...

אַן ענטפער, וואָס וואָלט פאַרלוירן אין יעדן דעמאָקראַטישן געריכט... נו, אַז איך בין נישט געווען בשעת דו האָסט געלייגט די יסודות פון דער ערד און איך קאָן דיינע ווערק נישט פאַרשטיין — באַרעכטיקט דאָס דעם מאָרד פון מיינע זין און טעכטער, דאָס פאַרטיליקן מיינע שאָף און רינדער און דאָס באַדעקן מיין גוף מיט קרעץ?

ס'איז ווי אַ פאָטער, וואָס האָט צעממיתט זיין זון, פאַרברענט זיין הויז מיט זיינע בני־בית, זאָל טענהן — אין געריכט: ווו איז ער, דער זון מיינער, געווען בשעת איך האָב דאָס הויז געבויט, די פאַמיליע אויפגעשטעלט?

בכן, אויב דער זון איז דערביי נישט געווען און ער קאָן דעם טאַטנס דרכים נישט פאַרשטיין, מעג ער, דער טאַטע, טון קעגן זיין זון דאָס, וואָס ער האָט געטון.

אַז אַ קאַץ, אַ טויב, אַ וועווערקע, אָדער וועלכע־ס'איז אַנדערע שטומע באַשעפעניש, איז דאָ נישט געווען בעת איך, דער בן־אדם, האָב שטעט געבויט,

מאַשינען געשאַפן און זיי, די שטומע באַשעפענישן, קענען מיינע מעשים נישט תופס זיין — קאָן איך דערמיט באַרעכטיקן מיין פייניקן זיי?

איך האָב אַלעמאָל זיך פאַרגעשטעלט דעם מחבר פון איוב מיט אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל אויף די ליפּן, בעת ער האָט אין גאָטס מויל אַריינגעלייגט אַזעלכע באַרימערישע רייד. מיר האָט זיך אַלעמאָל געדאַכט, אַז ער איז אויסן געווען צו דערהייבן איובן, דעם געפייניקטן מענטש, איבער גאָט, זיין פייניקער.

איוב איז אויפגעשטאַנען מיט טענות קעגן גאָט פאַר זיך אַליין — און דאָס מיינט, ווי געזאָגט, פאַרן אַל־מענטש.

ר׳ לוי יצחק איז אַרויס מיט טענות צו גאָט פאַרן ייִד, ווי אַ מליץ־יושר פאַרן כלל־ישראל, און דעם רבונו־של־עולם צו אַ דין־תורה גערופן:

גוט מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם!
איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו,
בין געקומען צו דיר מיט אַ דין־תורה
פאַר דיין פאָלק ישראל —
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל?
וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?

דער באַרדיטשעווער, וואָס ער איז אַזוי גאָטפאַרכטיק ווי דער מאַן פון עוץ, קאָן בשום־אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גאָט קאָן זיין אומגערעכט. ערגעץ מוז דאָך זיין אַן ענטפער, אַ פאַרענטפער, אָבער די הימלען שווייגן.

לוי יצחק ווערט ביי זיך געפאַלן און ער דערפילט נאָך שאַרפער זיין ביטול־היש אין פנים פון דעם אומפאַרשטענדלעכן. דער ביטול־היש פאַרוואַנדלט זיך אין התלהבות פאַר דעם, וואָס איז אומעטום, און ער זינגט צו גאָט אַ דודעלע:

אַז ווו איך גיין — דו!
אַז ווו איך שטיי — דו!
רק דו, נאָר דו, ווידער דו, אָבער דו —
דו־דו־, דו־דו!
מזרח — דו, מערב — דו!
צפון — דו, דרום — דו!
דו־דו־דו,
דו־דו־דו,
דו־דו־דו!

און דער גרויסער אַמסטערדאַמער זינגט דאָסזעלביקע געזאַנג צו גאָט, וואָס דער גרויסער באַרדיטשעווער, נאָר אַנדערש אַקצענטירט... ביים באַרדיטשעווער איז גאָט אומעטום אין דער וועלט. ביים אַמסטערדאַמער איז די וועלט אומעטום — אין גאָט.

ספּינאָזאַ, וואָס ער ווערט פון איין זייט געפּרייזט ווי דער „גאָט־פאַרשיכורטער פילאָסאָף", ווערט פון דער אַנדערער זייט געבראַנדמאַרקט ווי דער פּרינץ פון אַטעאיזם, ווי דער אַנטי־גאָט פאַרשיכורטער שטן.

און ס'איז צווישן די צוויי אויפפאַסונגען קיין סתירה נישטאָ. ביידע צדדים זאָגן דעם אמת. פון פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט איז ספּינאָזאַ דער גרעסטער גאָט־עקזאַלטירטער דענקער; פון פאָרמאַליסטיש־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט — דער גרעס־טער גאָט־פאַרלייקענער.

וואָרעם רעליגיע באַזירט זיך אויף אַ פּערזענלעכן גאָט, אויף אַ פאָטער אין הימל, וואָס האַלט אַן אויג אויפן מענטש און וואָס דער מענטש קאָן פאַר אים עפּעס זיין האַרץ.

ביי ספּינאָזאַן איז אַזאַ מענטשלעך־נאָענטער גאָט נישטאָ. צו ספּינאָזאַ'ס גאָט איז נישט שייך מתפלל צו זיין.

איוב האָט טענות צו גאָט. דער באַרדיטשעווער האָט טענות צו גאָט. ספּינאָזאַ האָט טענות צו די, וואָס האָבן טענות צו גאָט. ר' לוי יצחק איז דער מליץ־יושר פאַרן ייִד. ספּינאָזאַ איז דער מליץ־יושר פאַר גאָט...

אַזעלכע טענות צו גאָט, ווי די פון איובן און לוי יצחקן — און אַנדערע טענות — זענען, על־פּי ספּינאָזאַ, טעותן, מיסקאָנצעפּציעס.

„אַלע מיסקאָנצעפּציעס וועגן גאָט, — שרייבט ספּינאָזאַ צו אָלדענבורגן, — וואַקסן־אַרויס פון דער אַלגעמיין־פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז אַלע זאַכן אין דער נאַטור פונקציאָנירן ווי מענטשן — מיט אַ ציל אין אויג. עס ווערט אָנגענומען ווי אַ זיכערקייט, אַז גאָט אַליין דירעקטירט אַלע זאַכן צו אַ באַשטימטן ציל... אַ סך פרעגן: אויב אַלע זאַכן שטאַמען פון דער נייטיקייט פון גאָטס אַבסאָלוטער, פּערפעקטער נאַטור, פאַרוואָס זענען דאָ אַזוי פיל פאַרקריפּלונגען אין דער נאַטור, צעמישעניש, זינד?" און ספּינאָזאַ ענטפערט, אַז די שלימות פון זאַכן איז אָפּהענגיק בלויז פון זייער אייגענער נאַטור.

ס'איז דעריבער אויך אַ טעות צו פאַרגלייכן איין זאַך מיט דער אַנדערער. „מיר זאָגן, למשל, — שרייבט ספּינאָזאַ צו בליענבערכן, — אַז אַ בלינדער איז באַרויבט פון זיין ראיה, מחמת מיר שטעלן זיך אים פאָר ווי אַ זעענדיקן, אָדער מחמת מיר פאַרגלייכן אים מיט אַנדערע, וואָס קענען זען, אָדער מיר פאַרגלייכן זיין איצטיקן צושטאַנד מיט זיין פריִערדיקן צושטאַנד, בעת ער האָט געקענט זען.

ווען מיר קוקן אַזוי־אַ אויפֿן מענטש, פֿאַרגלייכנדיק זיין נאַטור אָדער מיט דער נאַטור פֿון אַנדערע, אָדער מיט זיין אייגענער פֿריִערדיקער נאַטור, נעמען מיר אָן, אַז דאָס זען גֶעהער זיך אָן מיט זיין נאַטור, און דערפֿאַר באַהויפּטן מיר, אַז ער איז באַרויבט געוואָרן פֿון זיין ראיה".

„אָבער, — שרייבט ער ווייטער, — ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער נאַטור און אין דעם דעקרעט פֿון גאָט, קענען מיר נישטריידן וועגן דער באַ־רויבונג פֿון יענעם מענטשנס ראיה מיט מער באַרעכטיקונג ווי וועגן אַ שטיין. וואָרעם אין דער אַקטועלער צייט איז די ראיה נישט מער אין רשות פֿון יענעם מענטש (ווי זי איז נישט), פֿון דעם שטיין.

מחמת צום מענטש געהערט — און איז אַ חלק פֿון זיין נאַטור — בלויז דאָס, וואָס איז אים באַוויליקט דורך דער פֿאַרשטענדעניש און רצון פֿון גאָט (אונטער־געשטראָכן פֿון ספּינאָזאַן אַליין).

אַוודאי וואַרפֿט זיך דאָ אין די אויגן אַ געוואַלטיקע סתירה צווישן ספּינאָזאַ׳ס אומפּערזענלעכן, אימאַנענטן גאָט, אַ גאָט, וואָס האָט נישט פֿיינט און האָט נישט ליב, ווי ער זאָגט עס אויף אַן אַנדער אָרט, און אַ גאָט, וואָס באַוויליקט און דעקרעטירט, וואָס דאָס זענען די אַטריבוטן פֿון אַן אַנטראָפּאָמאָרפֿישן גאָט. אַוודאי קאָן מען אָט־דעם געדאַנק ספּינאָזאַ׳ס דערפֿירן צו זיין עקסטרעמער לאָגיק, — דהיינו, אַז מען קאָן נישט פֿאַרגלייכן דעם געשלאָגענעם איוב מיט דעם פֿריִערדיקן רייכן און גליקלעכן איוב. דאָס הייסט, אַז אין דער אַקטועלער צייט איז איוב דאָס, וואָס ער דאַרף צו זיין, ווי ער איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען און געדאַרפֿט זיין — אין זיין פֿריִערדיקן צושטאַנד...

זיינע טענות צו גאָט זענען דעריבער אומבאַרעכטיקט. ממילא זענען אויך לוי יצחק׳ס טענות קיין טענות נישט, וואָרן — צו פּאַראַפֿראַזירן ספּינאָזאַ׳ס געדאַנק — דעם ייִד געהערט — און איז אַ חלק פֿון זיין נאַטור — בלויז דאָס, וואָס ס׳איז אים באַוויליקט דורך דער פֿאַרשטענדעניש און רצון פֿון גאָט...

ספּינאָזאַ, דער פּאַנטעאיסטישער פֿילאָסאָף, איז, הייסט עס — ווי מיר זעען — דאָ פֿרומער פֿון איובן און לוי יצחקן...

פֿרומער? אַוודאי איז אַזוינס נישט שייך צו זאָגן וועגן דעם אַמסטערדאַמער ווען זיינע רייד זענען אין הסכם מיטן גאָט פֿון זיין פֿילאָסאָפֿישן סיסטעם, אָדער מיטן סיסטעם פֿון זיין פֿילאָסאָפֿישן גאָט, וואָס ער איז, — ווי ער באַשרייבט אים אין דריטן קאַפּיטל פֿון זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט", — „אַ פּאַרפּיק־סירטע און אומפּאַרענדערלעכע אָרדענונג פֿון דער נאַטור, אָדער אַ קייט פֿון נאַ־טירלעכע געשעענישן". צו אַזאַ גאָט קאָן מען קיין טענות נישט האָבן, ווי מען קאָן פֿון אים נישט דערוואַרטן קיין חסד ורחמים.

אָבער אין די געבראַכטע רייד ספּינאָזאַ'ס אַנטפּלעקט זיך, ווי כ'האָב שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט באַטאָנט, — דער אַלטער כביכול פון חומש, פון תלמוד, פון די מדרשים, פון מחזור און סידור, וואָס ער באַפעלט, דיקטירט און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין אונדזער לעבן און שטרעבן. דאָס איז נישט דער איינציקער פאַל ווו פלוצלינג באַווייזט זיך אין די ווערק פון פריערדיקן ישיבה־בחור אונדזער אַלט־באַקאַנטער רבונו־של־עולם.

אַזוינס טרעפט ביים אַמסטערדאַמער סיי אין זיין „עטיק", סיי אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט", סיי אין זיינע בריוו, ווי אַ שטייגער אין דעם פּונקט, ווו ער זאָגט זיך אַרויס וועגן דער באַנייאונג פון מלכות ישראל. „אויב די יסודות פון זייער רעליגיע, — שרייבט ספּינאָזאַ וועגן ייִדן בלשון „זיי", — האָבן נישט פאַרלוירן זייער גייסט, קענען זיי נאָך אַפילו, ווען די געלעגנהייט קומט (אַזוי ענדערן זיך די מענטשלעכע ענינים) אויפשטעלן אויפסניי זייער מלוכה און גאָט וועט זיי צום צווייטן מאָל אויסוויילן".

„גאָט וועט זיי... אויסוויילן!" ניין, דאָס איז נישט דער גאָט פון דער פּאַנטעאיסטישער פילאָסאָפיע, וואָס ער טוט גאַרנישט און פאַרלאַנגט גאָרנישט; דער גאָט, וואָס איז אַן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל פאַרפיקסירטע נאַטור־אָרדענונג. דאָס איז דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס ספּינאָזאַ האָט געירשנט פון זיין פרומען טאַטן, פון זיינע זיידעס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די אינקוויזיציע־פייערן; דער אַלטער גאָט פון ישראל, וואָס ענדערט און פאַרענדערט און וואָס אויף אים איז געזאָגט „ד' נתן וד' לקח" — ער, דער אַלטער כביכול, איז דאָ און דאָרט גובר דעם אימאַנענטן גאָט פון דעם אַמסטערדאַמערס פילאָסאָפישן סיסטעם.

אין אַזאַ מאָמענט, בעת דער אל שדי גנבעט זיך אַריין אין היכל פון ספּינאָזאַ'ס פילאָסאָפיע, דערהערן מיר ווי ספּינאָזאַ וואָלט געטענהט דורך די דורות צו איובן און לוי יצחקן, אַז זיי זאָלן קיין טענות נישט האָבן צום רבונו־של־עולם, וואָרעם — גאָט און זיין משפּט איז גערעכט...

אהבת ישראל

אהבת ישראל — צוויי שיינע ווערטער. וואָס קאָן נאָך זיין שענער ווי אהבה, ליבשאַפט? און ישראל? דער שטאָם־נאָמען פון אונדזער פאָלק קלינגט מיט אַזאַ שיינעם און שטאָלצן יחוס פון העט־העט, ווען מיר זענען נאָר־וואָס אַרויס אויף דער וועלט־אַרענע און געמאַכט אונדזער קניקס פאַר די אומות.

דער טייטש פון די ווערטער — אהבת ישראל — איז אויך אַזאַ גרינגער, וואָס יעדעס חדר־ייִנגל פאַרשטייט: ליבשאַפט צו ייִדן, צום פאָלק ישראל, ייִדישע ליבשאַפט. פשוט, וואָס פשוטער קאָן נישט זיין. אָבער — מאָדנע! — אַז איר טראַכט זיך אַריין אין די צוויי ווערטער — אין זייער באַהעפטונג איינס מיטן אַנדערן — ווערט פשוט נישט אַזוי פשוט. נאָך מער: איר כאַפּט זיך, אַז איר האָט אויפגענומען — און אַליין באַנוצט — אַ ווערטער־קאָמבינאַציע, וואָס יעדעס וואָרט באַזונדער איז טאַקע פאַרשטענדלעך, אָבער פאַראייניקט צוזאַמען, פאַרלירט זיך דער זין, די לאָגיק.

ס'איז דערביי אָבער נייטיק מוסיף צו זיין, אַז ס'וועגדט זיך דאָ אויך אין דער אינטאָנירונג פון די ווערטער. אויב זיי ווערן אַרויסגעזאָגט סתם אַזוי, ווי אַ שיינע מליצה, איז איין זאַך. אויב אָבער זיי ווערן אַרויסגעזאָגט בלשון אוקאַז, אָדער בלשון פּראָגראַם, צי בלשון קריטיק, ווי דאָס איז דער פאַל אין דער אהבת ישראל־דיסקוסיע, וואָס גייט ביי אונדז אָן שוין כמה יאָרן, איז עס ווידער אַן אַנדער זאַך. אויב, לאָמיר זאָגן, איינער דערלאַנגט זיך אַ שרייב וועגן אַ ייִדיש בוך, אַז דאָרט פעלט אהבת ישראל, אָדער מען זאָגט אונדז, אַז די דערציִונג פון אונדזערע קינדער, ווי בכלל אַלץ, וואָס מיר בויען און שאַפן, מוז זיין באַזירט אויף אהבת ישראל — ווילט זיך פשוט וויסן וואָס מען מיינט דערמיט.

צווישן די עשרת הדברות איז נישטאָ אַזאַ געבאָט ווי אהבת ישראל, נישט אַפילו אהבת ד׳ — זעט־אויס, אַז שוין אין יענעם ווייט־גראָען צייט־אַלטער האָבן די גרונט־לייגערס פון דער ייִדישער מאָראַל און עטיק פאַרשטאַנען דאָס, וואָס

אַזוי פיל חכמים פון אונדזער אַטאָמישער צייט פאַרשטייען נישט — און דאָס איז, אַז ליבשאַפט קאָן נישט זיין קיין געבאָט, קיין פּראָגראַם. מען קאָן קיינעם נישט באַפעלן ליב צו האָבן, אַט ווי מען באַפעלט נישט צו הרגענען, נישט צו גנבענען, אָדער נישט צו נואפן. דערביי איז אינטערעסאַנט, וואָס אין די עשרת הדיברות זענען אַלע געבאָטן, אייגנטלעך — פאַרבאָטן — וואָס נישט צו טון... די אָנזאָגן, אָדער שפּרוכן פון „ואהבת את ה׳ אלהיך" און „ואהבת לרעך כמך" זענען אַ סך שפּעטער אַריינגעקומען אין דעם ספר־החיים פון אונדזער פאָלק, נישט ווי געבאָטן, נאָר ווי גוטע עצות.

אָבער דווקא אין אונדזער צייט איז, ווי געזאָגט, אהבת ישראל געוואָרן — אין אָנגעזעענע יידישע קרייזן — אַ געבאָט און אַ קריטעריע, מיט וועלכער מען גייט־צו צו אונדזער ליטעראַטור, צו אונדזער דערציִונג, צו אונדזער לעבן און שטרעבן. דערלאַנג אונדז אהבת ישראל! — פאָדערט איין צד. לא מיט אַ גרויסן אַלף! — ענטפערט דער אַנדערער צד: אהבת ישראל איז שאָוויניזם, רעאַקציע. אפילו פאַשיזם און נאַציזם האָט מען שוין אַריינגעשלעפּט אין דער דיסקוסיע און — ס׳איז נאָך אַלץ אַ רעטעניש וואָס זיי זענען אויסן, די צדדים. וויפל איך האָב זיך נישט אַריינגעהערט, אַריינגעלייענט און אַריינגעטראַכט אין דער גאַנצער שקלא וטריא, בין איך נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען ווי אַזוי מען מאַכט, אַז עס זאָל יאָ זיין, אָדער נישט זיין אהבת ישראלדיק.

כ׳וויל אסור נישט שפּילן דעם תם, ווען איך זאָג, אַז איך פאַרשטיי דאָ עפּעס נישט. אָבער כ׳פאַרשטיי פאָרט נישט — און איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז איך בין אין דעם פּרט איינער אויפן יאַריד. מסתמא פאַרשטייען אַנדערע אויך נישט, נאָר זיי שעמען זיך מודה צו זיין. כ׳בין אַפילו חושד, אַז ווען אַ סך אהבת ישראל־ניקעס און אַנטי־אהבת ישראלניקעס וואָלטן זיך ריכטיק און טיכטיק אַריינגעטראַכט אין דעם ענין, וואָלטן אויך זיי איינגעזען, אַז זיי פאַרשטייען נישט — די ערשטע, וואָס זיי פּרעדיקן און די צווייטע, וואָס זיי באַקעמפן.

דער ענין אהבת ישראל איז מיר קשה נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. נאָך אין מיינע חדר־יאָרן בין איך געקומען אין קאָנפליקט דערמיט, ווי איך דער־צייל עס אין מיין זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן", אין קאַפּיטל וועגן „מיין מלמד און דאָס פאָלק ישראל". אַט־דער מלמד, אברהם־יצחק, אַ גערער חסיד, וואָס האָט מיט סאַדיסטישער הנאה געפייניקט זיינע תלמידים אויף אַן אופן, וואָס ס׳איז אַ בושה צו דערציילן וועגן דעם; וואָס ער האָט ממש געציטערט מיט שנאה צו חסידים פון אַנדערע רבייִם, ווער שמועסט שוין צו מתנגדים און אַ פּשיטא שוין צו „אפּיקורסים" — ער האָט תמיד געדרשנט, אַז מען דאַרף ליב האָבן דעם רבונו־של־עולם און זיין פאָלק ישראל. און אַז איך האָב איינמאָל אים אַ פרעג

געטון פּאַרוואָס מען מוז ליב האָבן אַלע ייִדן — ס׳זענען דאָך דאָ אַזוינע ייִדן, וואָס מען מוז זיי פּיינט האָבן, האָט ער גלייך אויפֿן אָרט דעמאָנסטרירט זיין ליבשאַפֿט צו די בני־ישראל...

דאָס פֿאָלק אַליין האָט גראָד נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן אהבת ישראל, ווי מיר זעען דאָס פֿון אַ גרויסער צאָל שפּריכווערטער, מעשהלעך, לידער און אַנעקדאָטן אין ייִדישן פֿאָלקלאָר, דער עיקר אין דער מעשה וועגן דעם שמועס צווישן צוויי ייִדן אויף דער טעמע פֿון אהבת ישראל. איינער פֿון זיי צעגייט זיך אין התלהבות און התפּעלות וועגן עם ישראל: דאָס בעסטע, דאָס שענסטע, דאָס טייערסטע פֿאָלק. וואָס איז מיט די ליטוואַקעס? — וויל דער אַנדערער וויסן. ליט־וואַקעס? כ׳דאַרף דיר ערשט דערציילן, ווייסט נישט אַליין? נו, און די פּוילישע? די יאַכעס מיינסטו? וואָס ברענגסטו זיי גאָר פֿאַרן מויל? אַזוי איז דער אוהב ישראל מבטל איינע נאָך די אַנדערע אויך די אוקריינישע, די רומענישע און די אונגאַרישע ייִדן. און דער סוף איז: ווער בלייבט? וואָס הייסט, ווער? די ייִדן פֿון אונדזער שטעטל. נו, ווייסטו דאָך וואָס פֿאַראַ פּאַרשוינען זיי זענען. בקיצור, ס׳בלייבן איך און דו... נו, ווער דו ביסט, ווייסטו דאָך אַליין, דו ביסט דאָך — אַ רוח אין דיין טרייפֿענעם האַלדז אַריין!

אַוודאי איז דאָס אַ מוראדיקע גוזמא, גראָטעסק, אַ הומאָר און סאַטירע, וואָס גייט־איבער צום צווייטן עקסטרעם פֿון זעלבסט־האַס אַפּילו, ווי ס׳טרעפֿט אָפֿט ביי ייִדן; אָבער מיר קענען זיך פֿונדעסטוועגן אויסמאָלן, אַז ווען אַ סך פֿון די אהבת־ישראלניקעס זאָלן זיך אַנידערזעצן און אונטערציִען אַ סך־הכל פֿון זייער ליבשאַפֿט צו ייִדן, וועלן זיי — צו זייער אייגענער איבערראַשונג און שרעק, אויב זיי זענען ערלעך צו זיך אַליין — געוואָר ווערן, אַז ס׳זענען דאָ באַלד מער ייִדן, נישט נאָר יחידים, נאָר גאַנצע סעקטאָרן, וואָס זיי האָבן ליב — נישט ליב צו האָבן, איידער יאָ ליב צו האָבן: קודם די־אַלע, וואָס זיי האַלטן נישט פֿון אהבת ישראל; דערנאָך די־אַלע „איסטן" אויף דער לינקער און רעכטער זייט פֿון זייער אייגענער ריכטונג, שוין אָפּגערעדט פֿון די „יודאאיסטן" און אַלע אַנדערע אַסי־מילאַטאָרן.

זעט איר, ביי רב לוי יצחק דעם באַרדיטשעווער איז אהבת ישראל נישט געווען קיין מליצה — אָבער אַוודאי נישט קיין פּראָגראַם. ליבשאַפֿט צו ייִדן, ווי יעדע אַנדערע מין ליבע, איז אַזאַ געפֿיל, וואָס אָדער מען פֿאַרמאָגט עס, אָדער מען פֿאַרמאָגט עס נישט. מען קריגט עס נישט לויט באַשטעלונג, און ביי רב לוי יצחקן איז אהבת ישראל געווען אויף די פֿולע הונדערט פּראָצענט. ס׳האָט אים פֿאַרפֿלייצט ווי אַ מאַכטיקער שטראָם, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ייִדן אָן אויס־נעם, אַפּילו די געמיינסטע, די נידעריקסטע, וואָס מיר רופֿן „אָפּפֿאַל פֿון דער

געזעלשאַפט״, אַפּילו די, וואָס האָבן אים גערודפט און מבזה געווען. אַז ביי אים זענען גאָר נישט געווען קיין שלעכטע ייִדן, אַפילו נישט קיין אפּיקורסים. אַבי אַ ייִד האָט ער אויף זיינע זינד און מעשים תעתועים מלמד זכות געווען.

איז אַזאַ אהבת ישראל נאָרמאַל? מילא, אַז ס׳איז דאָ איין לוי יצחק קענען מיר זיך פאַרגינען דעם לוקסוס אים צו באַוווּנדערן, בפרט, אַז ער האָט פון זיין ליבשאַפט צו ייִדן נישט געמאַכט קיין פּראָגראַם, נישט געפאָדערט פון אַנדערע, אַז זיי זאָלן אים קאָפּירן, אויב נישט זענען זיי קיין ייִדן נישט. אָבער אַז מען קומט צו אונדז מיט אהבת ישראל־לוחות און מען הייבט־אויף איבער אונדזערע קעפּ אַ באַרג: אָדער נעשה ונשמע, אָדער ס׳איז אייער־אונדזער סוף — ווילן מיר גריי־לעך וויסן וואָס־ווער־ווען. מוחל שוין, וואָס ליבשאַפט קאָן מען נישט באַשאַפן דורך פּראָגראַמען; מוחל אויך, וואָס ביי די היינטיקע „לוי יצחקס״ איז דער אהבת ישראל באַגרענעצט בלויז אויף געוויסע ייִדן פון אייגענעם קלייזל און אונטער געוויסע באַדינגונגען — דער עיקר שבעיקרים איז: וואָס מיינט אהבת ישראל קאָנקרעט, אין דער פּראַקטישער אָנווענדונג?

מיינט עס באמת סתם ליב האָבן ייִדן — בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען מזרע אברהם, אַפילו די אַסימילאַטאָרן, די פאַררעטערס, די שווינדלערס, די אונ־טערוועלט־לייט, די קאָמוניסטן, „אַבי ייִדן זענען מיר?״ וואָלט עס באמת גוט געווען פאַר ייִדן, אַז מיר זאָלן צוגייִן צו דער ייִדישער געשיכטע נישט וויסנשאַפטלעך, אָביעקטיוו, קריטיש, נאָר סוביעקטיוו אהבת־ישראלדיק? איז עס באמת געוווּנטשן צו פאַרפלאַנצן אין אונדזערע קינדער דעם אהבת־ישראלדיקן „פּרינציפּ״, אַז אַלע ייִדן, ווער זיי זאָלן נישט זיין, זענען גוט און ווייל און מען דאַרף זיי ליב האָבן; אָדער אַז אין דער לאַנגער און קאָלירפולער געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז כולו שיינקייט, חכמה און גערעכטיקייט, אָן פּגימות?

מיינען די פּרעדיקערס פון אהבת ישראל טאַקע אַזאַ טלית שכולו תכלתדיקן אויפנעם פון ייִדישער געשיכטע, ייִדישער דערציִונג, ייִדיש לעבן? הגם פון די אַלע רייד, וואָס זענען מכוח אָט־דעם ענין געזאָגט און איבערגעזאָגט געוואָרן, זעט עס אויס, אַז דאָס מיינען זיי, ווילט זיך פאַרט נישט גלייבן, אַז זיי קענען דאָס אויסן זיין, אויב זיי האָבן אין זינען דעם קריטישן פאַרשטאַנד פון דעם בן־אדם און דער עיקר די רעאַקציע, וואָס דאָס איז עלול אַרויסצורופן ביי אונדזערע קינדער, וואָס וועלן אַרויסוואַקסן פון אַזאַ אהבת ישראל־דערציִונג און שפּעטער ווען־ס׳איז אַנט־דעקן — זוכנדיק, אָדער צופעליק — אַ פּגימה, אויב נישט אַ גרויסן פלעק, וואָס אהבת ישראל האָט פאַר זיי פאַרבאָרגן, אָדער פאַררעדט.

מיר דאַכט זיך פאַרט, אַז די אהבת ישראל־פּרעדיקערס האָבן עפּעס ווי על־פּי טעות זיך אָנגעכאַפּט אָן צוויי ווערטער און דערנאָך שוין געבליבן קלעפּן צו זיי.

הגם זיי אַנטשפּרעכן נישט געַנוי דאָס, וואָס ביי זיי איז געלעגן אין רעיון, ווי ס׳טרעפט גאַנץ אָפט מחמת דער באַגרענעצטקייט פון מענטשלעכן לשון, אָדער מחמת אונדזער שוואַכקייט צו אָפּגערונדיקטע און געפליגלטע אויסדרוקן, וואָס גליטשן זיך ממש אַראָפּ פון גומען און וואָס הגם ס׳איז נישט האַרמאָניש מיט דעם, וואָס מיר האָבן בדעה צו זאָגן, לאָזן מיר זיי פונדעסטוועגן פלאַטערן ווי שמעטערלינגלעך אין דער לופט, איידער באַנוצן עקזאַקטע ווערטער, וואָס קלינגען צו האַרט, צו פּראָזאַיִש, צו פּראַקטיש. אַזוינס, אָדער עפּעס ענלעכס, אפשר אַ שפּראַך־טעות, איז געשען מיטן ענין, מכוח וועלכן ס׳איז דאָ דאָס גערייד. ווען מען וואָלט — גלייב איך — אַרויפגעלאָזט אויף דער צונג אַנדערע ווערטער אויפן אָרט פון אהבת ישראל, דהיינו: פאַרשטענדעניש און גערעכטיקייט, וואָלטן אַלע צדדים געקומען צו אַ הסכם. דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, אַלץ, וואָס ס׳איז נייטיק אין אונדזער צוגאַנג, נישט בלויז צו ייִדישער געשיכטע און ייִדישן לעבן, נאָר צו געשיכטע בכלל און צום לעבן בכלל — סיי פון פעלקער, סיי פון גרופּעס, סיי פון יחידים, ווער און וואָס און ווו זיי זאָלן נישט זיין.

מיט פאַרשטענדעניש און גערעכטיקייט — און איינס קאָן נישט זיין אָן אַנדערן — וואָלט נישט געקומען דערצו, אַז אין ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע, למשל, זאָל מען פון איין זייט „איבערשמעלצן״ דעם אתה בחרתנו אַפילו דאָרט, ווו ס׳קלעפּט זיך בשום אופן נישט און אַלץ אַרויסשטעלן אין כולו ליכט, בעת אַנדערע באַטאָנען צופיל שאָטנס, זענען כסדר אַפּאָלאָגעטיש און אין זייער מורא אַרויסצורופן צו זיך דעם חשד אין ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישן סוביעקטיוויזם, דערגייען זיי ממש צו איבערחזרן אַנטיסעמיטישע בילבולים אויף ייִדן. און אַ בילבול איז יעדער נעגאַטיווער פאַקט, וואָס ווערט נישט באַלויכטן מיט די סיבות, וואָס האָבן אים גורם געווען. דער פאַקט, למשל, פון ייִדישע לופט־פּרנסות אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי פריִער אין אַנדערע לענדער, קריגט גאָר אַן אַנדער פּנים אין ליכט פון דער אויפקלערונג, אַז דידאָזיקע נעגאַטיווע דערשיינונג איז נישט אַרויסגעוואָקסן פון דעם „פּאַראַזיטישן כאַראַקטער״ פון ייִד (צו לעבן אויף דער פּראַצע פון אַנדערע, צו עקספּלואַטירן דאָס פּויערטום, ווי ד״ר זשיטלאָווסקי שטעלט דאָס אַרויס), נאָר מחמת דעם, וואָס ס׳איז ייִדן פאַרבאָטן געווען צו באַזיצן באָדן, זענען געווען פאַרטריבן פון די דערפער, נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו שווערע אינדוסטריעס, אין פאַבריקן אאַז״וו.

אין זייער קאַמף פאַרן לעבן האָבן ייִדן, הייסט עס, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך צו נעמען צו פּרנסות, וועלכע זענען פאַר זיי געווען אָפן. אויב מען באַגלייט נאָך דידאָזיקע אויפקלערונג מיט אילוסטראַציעס פון ייִדישע דערגרייכונגען אין פּראָדוקטיווע פאַכן און פּראָפעסיעס ווו נאָר און ווען נאָר זיי האָבן

געהאַט פרייע מעגלעכקייטן, באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד פון דעם ייִדישן כאַראַקטער.

ווי ס׳איז צו זען, איז דאָס פשוט אַ פראַגע פון פאַרשטיין און פון טון גע־רעכטיקייט הן צום ייִדישן היינט און נעכטן, הן צום ווייטן עבר. ס׳איז, למשל, ביי טייל ייִדישע היסטאָריאָגראַפן, צי סתם שרייבערס אויף היסטאָרישע טעמעס (צווישן זיי גוטע נאַציאָנאַליסטישע און ציוניסטישע ייִדן) געווען אַ נטיה נאָכצו־גיין בלינד די דייטשע ביבל־קריטיקערס, וואָס האָבן זיך גישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער ייִדנפריינטשאַפט און נישט געפּרווט פריִער נאָכקאָנטראָלירן זייער „נעם־טעאָריע״ לגבי דעם ייִדנטום; דאָס הייסט, אַז מיר האָבן כסדר גענומען ביי אַנדערע, דער עיקר דאָס אַלץ, וואָס מיר שטאָלצירן דערמיט ווי מיט אַ גרויסן ייִדישן אויפטו — ביי די כנענים, ביי די חיתים, ביי די באַבילאָנער, ביי די פּרסים און — ביי וועמען נישט? בקיצור, נישטאָ ביי ייִדן קיין אָריגינאַליטעט. איז עס, פאַרשטייט זיך, אמת, אַז איין פאָלק קאָפּירט ביים אַנדערן — אַזוי אַמאָל, אַזוי היינט, אָבער ווו ס׳איז נישט זיכער ווער ביי וועמען, איז עס דאָך פשוט אַ זינד קעגן דער פאָרשונג און קעגן אמת ויושר אַרויסצושטעלן דווקא ייִדן פאַר די נאָכמאַכערס — אַ פשיטא שוין דאָרט, ווו ס׳רייסט ממש די אויגן, אַז נישט מיר זענען געווען די נעמערס, נאָר די אָריגינעלע געבערס.

לאָמיר ברענגען צוויי קאָנקרעטע ביישפּילן:

1. בשייכות דעם ייִדישן שבת האָבן ייִדישע היסטאָריע־שרייבערס נאָכגע־זאָגט דעם פּזמון, אַז מיר האָבן דעם שבת גענומען ביי די באַבילאָנער, הגם דער באַבילאָנישער שאַבאַטום איז געווען נישט קיין הייליקער רו־טאָג און נישט פאַר אַלעמען (ווי אונדזער שבת, וואָס איז קודש און איז אַ רו־טאָג פאַר אַלעמען, פאַר האַר און קנעכט און אַפילו פאַר די שטומע באַשעפעניש, וואָס דער מענטש שפּאַנט־איין אין אַרבעט) — נאָר בלויז פאַר די האַרן, פאַר דער פּריווילעגירטער קאַסטע, וואָס האָט זיך סיי־ווי נישט איבערגעאַרבעט... דער שכל־הישר זאָגט דאָ אונטער, אַז נישט ייִדן ביי די באַבילאָנער, נאָר די לעצטע האָבן גאָר ביי ייִדן גענאַשט אַ קליינעם חלק פון שבת בשעת גלות בבל.

2. מאָנאָטעאיזם — אָט־דעם גראַנדיעזן אויפטו אין דער אַרומיקער געצנ־דינערישער וועלט — פאַרגינט מען אונדז אַוודאי נישט, און ייִדישע שרייבערס אויף היסטאָרישע טעמעס (צווישן זיי פּרויד) האָבן נאָכגעזאָגט די נישט־פאַרגינערס די מעשה, אַז מיר האָבן דעם מאָנאָטעאיזם געלקחנט פון דעם עגיפּטישן אַטאָניזם — דאָס איז די רעליגיע, וואָס דער פּרעה אכנאַטאָן האָט איינגעפירט, געלאָזט צעברעכן די הונדערטער „געטער״, וואָס האָבן „באַדינט״ דעם הויפּט־גאָט אַמאָן־רא (די זון) און פּראָקלאַמירט די זון פאַר דעם איינציקן גאָט פון מצרים. דער

אַטאָניזם (זון־געצנדינסט) איז פֿאַרשוווּנדן באַנאַנד מיט אכענאַטאָנען (נאָך בלויז זעכצן יאָר הערשאַפֿט) און ס׳לייגט זיך ווידער גיכער אויפֿן שכל, אַז דערדאָזיקער פּרעה, וואָס ווערט געשילדערט ווי אַ „דעמאָקראַטישער" מאָנאַרך, וועלכער פֿלעגט אינקאָגניטאָ אַרומגיין צווישן פֿאָלק און זיך איינהערן צו אַלערליי שמועסן, האָט אויבערפֿלאַכלעך קאָפּירט דעם מאָנאָטעאיזם פֿון די בני־ישראל אין מצרים, וואָס הגם זיי זענען שוין געווען היפּש פֿאַרזונקען אין עבֿודה־זרה, האָבן זיי פֿאָרט געהאַט הינטער זיך די אבֿרהם־טראַדיציע פֿון אחדות־הבורא, אויב אכענאַטאָן געהערט באמת צו אַ פֿאַר־משה תּקופֿה. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דער געצנדינערישער אַטאָניזם אַזוי ווייט פֿון דעם אוניווערסאַלן גייסטיק־אַבסטראַקטן יעהאָווע־מאָנאָטעאיזם, וואָס ווייטער קאָן נישט זיין.

***

כּדי צו טון גערעכטיקייט צו זיך אַליין און צו אַנדערע — איבערהויפּט בשייכות דעם עבֿר — איז אַ חוץ שכל־הישר און אָביעקטיוויטעט (דאָס מיינט: באַפֿרייען זיך סיי פֿון פֿאָראורטיילן, סיי פֿון סכאָלאַסטישע ספּעקולאַציעס), נייטיק אויך — אויב נישט דער עיקר — היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. יעדער פֿאַרשטייט, למשל, אַז ס׳וואָלט געווען אומזיניק און העכסט־אומגערעכט לגבי די פּראַנצויזן — אָדער די יאַפּאַנער — צו מעסטן זייער מאָראַל, איבערהויפּט אין ענינים בין אדם וחוה — מיט אַ פּוריטאַנישער מאָס. לויט אַזאַ מאָס וועט אויסקומען, אַז יענע פֿעלקער זענען אוממאָראַליש, אָדער אַמאָראַליש.

אויב אָבער מיר אורטיילן די צוויי דערמאָנטע פֿעלקער — ווי אַנדערע פֿעל־קער בכלל — לויט זייערע אייגענע סטאַנדאַרטן, באַגריפֿן און מנהגים, באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד, אַ בילד פֿון אַן אַנדער מאָראַל. אַ פּשיטא שוין, בעת מיר גייען־צו צום עבֿר, צו פֿאַרגאַנגענע תּקופֿות, צו אַמאָליקע געשעענישן, איז עס סיי ווייסנשאַפֿטלעך פֿאַלש, סיי מוראַדיק אומגערעכט פֿון יעדן שטאַנדפּונקט, אויף זיי צו קוקן דורך די ברילן פֿון אונדזער צייט, אַרויסטראָגן אויף זיי אַ פּסק־דין אויפֿן סמך פֿון אונדזערע היינטצייטיקע סטאַנדאַרטן, באַגריפֿן און אידייען, ווי דאָס טוען, ליידער, אַ סך היסטאָריקערס און שרייבערס אויף היסטאָרישע טעמעס.

ווי אַ שניידנדיקער ביישפּיל קאָן אונדז דאָ דינען דער ספּינאָזאַ־חרם און אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען. ביידע צדדים, די פֿאַרטיידיקערס פֿון חרם און די פֿאַרטיידיקערס פֿון דעם אַמסטערדאַמער פֿילאָסאָף האָבן — אין די מיינסטע פֿאַלן — אָנגעווענדט די היינטצייטיקע סטאַנדאַרטן. דער פּועל־יוצא פֿון אַזאַ קוק דורך די ברילן פֿון ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויף אַ פּאַסירונג אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, איז געווען, אַז בעת איין צד האָט אַרויסגעטראָגן אַ פֿיינט־

לעכן פסק־דין איבער דער אַמסטערדאַמער יִדישער קהילה און פולשטענדיק ריינ־געוואַשן ספינאָזאַן, האָט דער צווייטער צד פאַרמשפּט ספּינאָזאַן און פולשטענדיק ריינגעוואַשן די פּרנסים פון אַמסטערדאַם.

אַנדערש זעט־אויס דער גאַנצער טראַגישער ענין, אויב מען גייט צו אים צו אין ליכט פון יענער תקופה און אַן פאַראורטיילן, וואָס ווערן געהייצט און געהעצט פון בלינדער אהבה, אָדער בלינדער שנאה. ווען מען נעמט, הייסט עס, אין באַטראַכט דעם קלימאַט, גייסטיקן, פּאָליטישן, רעליגיעזן, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין האָלאַנד, אַ טאָלעראַנטע מדינה, אָבער פּאָרט אַן אינדזל אין אַן אינקוויזיציע־וועלט, ווערט קלאָר די סיטואַציע פון דער אַמסטערדאַמער יִדישער קהילה, אַ מינאָריטעט פון אינקוויזיציע־פּליטים, וואָס האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער אַלגעמיינער האָלענדישער קריסטלעכער באַפעלקערונג (אַ צעריסענע פון כלערליי רעליגיעזע סעקטעס), וואָס האָט זיי געגעבן אַ מקום־מקלט. אַזאַ אָביעק־טיווער צוגאַנג צו יענעם קאַפּיטל — און אין פּערספּעקטיוו פון יענער צייט — מוז גורם זיין אַ משפּט, על־פּי וועלכן נישט די אַמסטערדאַמער קהילה און נישט ספּינאָזאַ איז כולו חייב, אָדער כולו זכאי...

**
*

ווי ס׳איז צו זען פון די דערמאָנטע ביישפּילן — און מען קאָן אַזעלכע ביי־שפּילן אָנציילן אין אַ סך טויזנטער אין אונדזער געשיכטע, ווי אין דער קעגנ־וואָרט — איז לגבי זיי נישט שייך יאָ אהבת ישראל, אָדער נישט אהבת ישראל, נאָר ס׳איז, ווי געזאָגט, אומבאַדינגט נייטיק דער פּשוטער ווילן צו פאַרשטיין און גערעכט צו זיין.

וואָס איז באַכאַלעמען פּאָרט אַזוינס — אהבת ישראל?

אויב מען זאָל מיך ראַפּטאַם אַ פרעג טון, צי איך האָב ליב ייִדן, וואָלט איך געווען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט, וואָרעם אַ פּאָזיטיווער ענטפער וואָלט דאָ, פּונקט ווי אַ נעגאַטיווער ענטפער, בפירוש נישט אויסגעדריקט דאָס, וואָס איך פיל וועזנטלעך לגבי מיין פאָלק.

האָב איך ליב מיינע אברים? וואָס הייסט דאָ — ליב? זיי זענען מיינע. אויב איך באַשיץ זיי פון ווייטיק, איז עס נישט מחמת ליבשאַפט, נאָר ווייל — ס׳טוט וויי... און אויב ס׳זאָל ווער זיך מאַכן פאַר אַ רגילות מיך צו באַפאַלן מיט קלעפּ, וואָלט איך אים נאַטירלעך באַטראַכט פאַר אַ שונא און כסדר געווען אויף דער וואַך, זיך צו פאַרטיידיקן.

אהבת ישראל וואָלט געקענט כאַראַקטעריזירט ווערן ווי נאַציאָנאַלער נאַר־ציזם, אויב דאָס וואָלט געווען אַ פאַקטישער צושטאַנד. צום גליק איז דער פּזמון

אהבת ישראל — און אויך דער פּזמון אהבת אדם, וואָס ווערט אויסגעזונגען פון אַנדערן צד, דעם „וועלטלעכן״ — נישט מער ווי אַ פּזמון טאַקע, אַ פּיקציע, אַ געפליגלטע פראַזע.

קיין נאָרמאַלער יחיד און קיין נאָרמאַלע אומה איז נישט פאַרליבט אין זיך אַליין — אויך נישט אין סתם מענטש. מען פאַרמישט דאָ על־פּי טעות (שפּראַכ־לעכן, אָדער פּסיכאָלאָגישן) נאַציאָנאַלע גאווה און זעלבסט־איינגעגלייבטקייט מיט ליבע. אויסנעם־פאַלן — נאַרציסטישע ביי יחידים און גרופּעס — באַשטעטיקן בלויז דעם כלל. אַז מען זאָגט אויף אַ ייִד דעם שבח, אַז ער איז אַן אוהב ישראל, האָט עס שוין איינמאָל אַ טעם!

בקיצור — און נאָכאַמאָל: נישט אין אהבה גייט עס, נאָר אין פאַרשטיין און אין געדערעכט זיין — צו זיך און צו אַנדערע. ספּינאָזאָ׳ס גוטע עצה: „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין״, קאָן פאַראַפראַזירט ווערן אַזוי: „נישט ליב האָבן, נישט פיינט האָבן, נאָר פאַרשטיין״.

און דאָס דאַרף דאָך זיין אַזוי פאַרשטענדלעך!...

דאָס רעטעניש־זשיטלאָווסקי

אין אַ קאַפּיטל זכרונות („אייניקע שעה מיט ד״ר טעאָדאָר הערצל״) דערציילט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אַז באַלד נאָך זיין באַגעגעניש מיט הערצלען אין באַזעל (אין 1903), האָט ער איבערגעגעבן ש. אַנסקין די וויכטיקסטע שטעלן פון זיין שמועס מיטן ציוניסטישן פירער. אַנסקי האָט אים אַ פרעג געטאָן: אַן אַוואַנטוריסט? און זשיטלאָווסקי האָט „פאָרמולירט דעם סך־הכל פון (זיין) איינדרוק״ אין אַ קורצן ענטפער:

— ניין, אַ קינד, אַ נאַיוו קינד אין פּאָליטיק, אין נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, אין זיין בליק אויף זיך אַליין *).

אַזאַ קורץ־געפּאַסטן סך־הכל מוז מען אויך מאַכן פון ד״ר זשיטלאָווסקין אַליין, בעיקר אין שייכות צו געוויסע אידייען און אַרויסטריטן זיינע — אויב מיר ווילן אויסמיידן שאַרפע, האַרבע אויסדרוקן קעגן אים:

— אַ קינד! קינדישקייט!

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט איינגעזען די קינדישקייט פון ד״ר הערצלס פאַנטאַסטישע אונטערהאַנדלונגען מיט פאָן־פּלעווען, פון זיין צוטרוי צו פּלעווע׳ס הבטחה אויסצווירקן אַ טשאַרטער אויף ארץ־ישראל, אויב די יידישע רעוואָלוציאָנערן וועלן אָפּשטעלן זייער קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג, און פון הערצלס פּאַרזוך דאָס טאַקע צו פועלן ביי די יידישע רעוואָלוציאָנערע פירערס...

אָבער זשיטלאָווסקי האָט נישט איינגעזען זיין אייגענע „קינדישקייט״. ער איז געווען פולשטענדיק בלינד אין „זיין בליק אויף זיך אַליין״.

„עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן״, — שרייבט ד״ר זשיטלאָווסקי וועגן יענעם שמועס מיט הערצלען (ז׳ 359). „אַ שטראָם פון שווערע געפילן האָט

*) ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: „געקליבענע ווערק״, צונויפגעשטעלט פון יודל מאַרק. ל. מ. שטיין פּאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק (יאָר נישט אָנגעגעבן).

פּלוצלינג אַרומגענומען מיין האַרץ; דאָס געפיל פון סכנה, וואָס שוועבט איבער אונדזערע קעפּ איז געווען דאָס הערשנדיקע געפיל אין יענעם שטראָם״ (צוליב הערצל׳ס פּלעווע־אונטערהאַנדלונגען). „פון פּחד־געפיל איז באַלד אַרויסגעוואַקסן אַ געפיל פון קאַלטער שנאה״ (צו הערצלען).

„עס איז מיר פּינצטער געוואָרן אין די אויגן!״ — אַקוראַט דיזעלביקע ווערטער — האָט מיר פון וואַרשע געשריבן נח פּרילוצקי וועגן אַ סעריע אַרטיקלען וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק וועגן די יידיש־פּוילישע באַציִונגען. „ס׳גליבט זיך אונדז דאָ גאָרנישט, אַז אַ ייד זאָל אַזוינס שרייבן״.

דאָס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי פּוילן האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווּנען איר פרייהייט און האָט די פרייהייט געפּייערט איבער די יידישע קעפּ — מיט בלוטיקע „עקסצעסן״. מען האָט יידן געוואָרפן פון די באַנען, באַפאַלן יידן אין די גאַסן, געשניטן זייערע בערד באַנאַנד מיט שטיקער פּנים. יידיש לעבן איז געווען הפקר. און דאָ האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געשריבן, אַז דער פּוילישער ייד האָט אַריינגעטראָטן מיט זיינע שטיוול „אין דער נשמה פון העראָאישן פּויל״, און איבערגעחזרט אַלע פּויליש־אַנטיסעמיטישע טענות און בלבולים קעגן יידן: רוסי־פיקאַציע, עקספּלואַטאַציע פון פּוילישן פּויער און אַרבעטער — און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פּרילוצקי האָט מיר דערציילט אין זיין בריוו וועגן דעם פּחד — טאָמער וועט, חלילה, די פּוילישע פּרעסע דערזען און איבערדרוקן זשיטלאָווסקי׳ס אַר־טיקלען: זעט, וואָס אַ ייד אַליין, אַ גרויסער ייד אַ פירנדיקער ייד — ווי די פּאַליאַקן וואָלטן אים מסתמא פאַרגעשטעלט — שרייבט! מחמת דעם האָט מען אין די יידישע צייטונגען דאָרט נישט געקאָנט אַפילו ענטפערן אויף אָט־די שרעקלעכע מאמרים, כדי דערמיט נישט צו ציִען דעם פּוילישן „אויפמערק״ צו זיי.

יודל מאַרק ברענגט אַרויס אין זיין זאַמלבוך אַריינפיר צום זשיטלאָווסקי־בוך דעם פאַקט, אַז אין אַמעריקע האָט געהערשט אַ „בפירושער זשיטלאָווסקי קולט״ מיט „געטרייע חסידים, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יענער כמעט בלינ־דער איבערגעגעבנקייט״ פון חסידים צו אַ חסידישן רבין. איך האָב דעמדאָזיקן קולט געפילט אויף מיינע אייגענע פּלייצעס, ווען איך האָב געענטפערט אויף די נאַר־וואָס דערמאָנטע אַרטיקלען — אַרטיקל פאַר אַרטיקל — אָנווייזנדיק אויף זייער מחברס אומוויסנקייט אין די יידיש־פּוילישע באַציִונגען, אויף דער פאַלשקייט פון זיינע טענות, אויף דער סכנה, וואָס זיי טראָגן פאַר די יידן אין פּוילן און אויף דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט אַרויסצוקומען מיט אַזוינס גראָד אין אַזאַ צייט, אַפילו ווען ס׳וואָלט אין זיי געווען עפּעס אמת.

זיינע חסידים האָבן מיך פאַר מיין „חוצפּה״ ממש אַריינגעלייגט אין חרם

און מיך באַליידיקט ווו נאָר זיי האָבן מיך באַגעגנט. פּוילישע ייִדן... סכנה... דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! דער עיקר איז דער רבי! זייער רבי איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט און מען טאָר אים נישט מעיז־פּנים זיין!

און וועלכן ייִד, אויב ער איז נישט פאַרבלענדט פון פּערזאָנען־קולט, איז נישט פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער האָט געליענט אין זשיטלאָווסקי׳ס אַן אַרטיקל וועגן „עסטרייכס אַנשלוס״ (אָן היטלער׳ס דריטן רייך). אַז „פון גע־רינג׳ס מויל האָט גערעדט דער פורער אמת״... און שפּעטער — בעת היטלער איז אַרויס אין אַן אָפענער פּאַרטיליקונגס־מלחמה קעגן ייִדישן פאָלק — אַז ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין, מחמת „ייִדן ליגן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע״? דע־מאָלט איז שוין זשיטלאָווסקי געווען — דאַרף מען דאָ דערמאָנען — אַ פאַרברענ־טער סטאַליניסט.

יודל מאַרק פּרוּווט צו פאַרענטפערן זשיטלאָווסקי׳ס איבערגאַנג צו די קאָמו־ניסטן דערמיט, וואָס ער האָט זיך „געלאָזט אויסנוצן פון קאָמוניסטישן טאַראַראַם אַרום אים. ער איז דאָ געפאַלן אַ קרבן פון אַנגעמען בתומו פוץ־פּראַגראַמען און שמינקע־רייד און פּאַרפירערישע צוזאָגן — ווארעם ער האָט דאָך שטענדיק גע־לעבט אין אַט־דער וועלט פון פּראָגראַמען, רעזאָלוציעס״ (ז׳ 17). אַ שיינער פאַר־ענטפער, כ׳לעבן, פאַר אַ דענקער, אַ טעאָרעטיקער! ווו איז געווען זיין שכל? זיין קאַלטע לאָגיק? זיין ראַציאָנאַליזם, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט? ממש איבער נאַכט ווערט דער לאַנג־יאָריקער אַנטי־מאַרקסיסט אַן אָנהענגער דווקא פון שונדישן און בלוטיקסטן אַרויסוווּקס פון מאַרקסיזם — פון סטאַלינ׳ס קאָמוניזם! און באַלד נעמט ער באַרעכטיקן און פאַרטיידיקן סטאַלינ׳ס אַלע מעשים־תעתועים. קאָן מען דאָס טאַקע דערקלערן מיט „פאַרפירט ווערן פון שמינקע־רייד?״ דאָס קלינגט דאָך ממש ווי דאָס פאַרפירט ווערן פון אומשולדיקע יתומות אין שונד־ראָמאַנען!

אין פאַרגלייך מיט אַט־די סכנותדיק־געפערלעך „קינדישע״ אַרויסטריטן זשיטלאָווסקי׳ס — זענען די אַנדערע „קינדערייען״ זיינע טאַקע נישט מער ווי אומ־שולדיקע קינדער־שפּיל, ווי, למשל, זיין סעריע אַרטיקלען וועגן אַ „רעוויזיע פון היסטאָרישן דרייפוס־פּראָצעס״, וואָס דערמיט איז געמיינט געוואָרן: די ייִדישע באַציִונג צו יעזוסן, צום קריסטנטום. ייִדן זאָלן זיך איבערבעטן מיט זייער „פאַר־שטויסענעם ברודער פון נצרת״ און אַריינגעמען אים צווישן די נביאים. אָט אַזוי פּשוט!

אַלץ, וואָס מען דאַרף טאָן, איז — זיך אַנידערזעצן און רעווידירן. אַזוי לייכט! אַזוי גרינג ווי ס׳איז אונדז צונעמען אַ „גאָרטן־שער״ און אַרומשערן די ייִדישע רעליגיע, אויסשניידן פון איר „יעדע מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע, פון יעדן הערשנדיקן רעליגיעזן גלויבן״, ווי ער פּלאַנירט עס געגעבן אויס אין זיין „נאַציאָ־

נאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער ייִדישער רעליגיע" (ז"ז 219־284). די „גאָרטן־שער" דאַרף איבערלאָזן אין דער ייִדישער רעליגיע בלויז דאָס ריין־פּאָעטישע — דאָס הייסט, וואָס ער, זשיטלאָווסקי, האַלט פאַר פּאָעטיש. „דער ריין־פּאָעטישער תענוג, — שרייבט ער, — וואָס די כל־נדרי־שטימונג רופט אַרויס, קאָן גאַנץ פרידלעך לעבן אין דער נשמה מיטן אַטעאיזם". טאָמער, חלילה, רופט דער כל־נדרי דערביי אויך אַרויס אַ רעליגיעזן ציטער? איז דאָ עפּעס אַ מאַשינקע, וואָס קאָן דאָס פאַרהיטן, אָדער קאָנטראָלירן? „דער גרונט־באַדינג דערביי איז", — שטייט אין זיין אָפּהאַנדלונג, — „אַז איר (דער רעליגיעס) רעליגיעז־פּאָעטישער אינהאַלט זאָל אַרויסגעשיילט ווערן פון יענער קאָנפעסיאָנעלער שאָלעכץ, אין וועלכער ער איז צו אַ באַשטימטער צייט אויסגעוואקסן ביי אַ געוויסער גרופּע מענטשן" (223).

ד"ר זשיטלאָווסקי'ס „גאָרטן־שער", אָדער „קריטישע שער", ווי ער רופט זי אויך, דאַרף היפּש אַרומשערן נישט נאָר די ימים־נוראים, נאָר אויך די אַנדערע ימים־טובים, באַפרייען זיי פון רעליגיעזן אינהאַלט. פּסח וועט מען מסתמא פּראַווען מיט בלויז קניידלעך אָן דער הגדה, און שבועות — מיט בלינצעס, אָן זייער אינהאַלט — דעם קעז. פּאַראַדיע? דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, זשיטלאָווסקי'ס גאַנצער פּראָיעקט גופא. אָט, למשל, איז ער וויליק איבערצולאָזן דעם לולב און אתרוג — נאָר מיט אַ תנאי: זיי זאָלן אין דער „נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פּאַרוואַנדלט ווערן אין גאַנצע גירלאַנדן פון לולבים, אתרוגים, הדסים, ערבות, שיינע לולב־געפלעכטן" (ז' 251). בקיצור: איין לולב און אתרוג זענען רעליגיע; אָבער אַ מאַסנמיטינג פון לולבים און אתרוגים איז — נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט און פּראָגרעסיוו.

„תורת משה" איז זשיטלאָווסקי גרייט געווען איבערצולאָזן — ווייל זי „איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס" (ז' 338) און ווייל — „זי איז אַ סימבאָל פון וויסנשאַפט איבערהויפּט" (אונטערגעשטראָכן פון מחבר). פאַרשטייט זיך, אַז די „גאָרטן־שער" הערט אויף קיין איין רגע נישט אויף צו שערן — און באַשערן — ביז ס'וועט נישט פאַרבלייבן קיין שמץ דערפון, וואָס „אַ געוויסע גרופּע מענטשן" האַלט פאַר הייליק. און דאָס אַלץ טוט זיך, ווי מיר האָבן שוין געזען, זייער לייכט. רעפאָרם־ייִדישקייט? כאַפּט זיך זשיטלאָווסקי אַליין. ניין, ער באַגרייפט, אַז בעת דער רעפאָרמער האָט ווי־ס'איז איבערגעלאָזט גאָט, דאַרף נישט די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט אַפילו קיין פּיצעלע רבונו־של־עולם.

איז — אויף וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען דאָס גאַנצע קינדער־שפּיל, אָדער

חשבון און סך־הכל

פורים־שפּיל? קאָן סתם אָנשטעל — און אַ פֿאַרשטעלן זיך — זיין דער מינדסטער אונטערשפּאַר פֿון יידישן קיום? דערוואָרט נישט קיין ענטפֿער.

**
*

ווי זאָלן מיר פֿאַרט דערקלערן דאָס רעטעניש זשיטלאָווסקי — די ווידער־שפּרוכן, די טאָפּלטקייט, אָדער די צעשפּאָלטנקייט פֿון זיין אַקטיוויטעט ווי אַ שרייבער, אַ טעאָרעטיקער, אַ פֿירער?

קיינער קאָן נישט לייקענען דאָס פּאָזיטיווע אין זיין אַרבעט, באַזונדערס אין אַמעריקע, ווו ס׳האָט נאָך — בעת זיין באַזעצן זיך דאָ — געהערשט תהו־ובוהו אין יידישן לעבן, הפקרות אין שפּראַך, חלב־מיט־שנויצן אַפּיקורסות, ביליקע אַסימילאַציע אין נאָמען פֿון אַ פֿאַרפֿלאַכטן „סאָציאַליזמוס״. זשיטלאָווסקי האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי וואָרט, געוועזן צווישן די ערשטע צו בויען די מאָדערנע יידישע שולעס, די מאָדערנע יידישע קולטור און ליטעראַטור; פֿון זיינע ליפּן — און זיין פּעדער — זענען קיינמאָל נישט אַראָפּ די לאָזונגען וועגן יידישער שפּראַך, יידישן נאַציאָנאַליזם, יידישן קיום.

אָבער דער אייגענער זשיטלאָווסקי קומט אַרויס מיט סעריעס אַרטיקלען, וואָס זענען אַ סכנה פֿאַר יידישן קיום — ווי זיין „סעריע״ וועגן די יידיש־פּוילישע באַציִונגען און זיינע דעקלאַראַציעס בימי היטלער וסטאַלין. ס׳זעט אויס ווי פֿאַר אונדז וואָלטן געשטאַנען צוויי דאָקטער זשיטלאָווסקיס — איינער, וואָס בויט און איינער, וואָס צעשטערט; איינער, וואָס דענקט און פֿילאָסאָפֿירט און איינער, וואָס שפּילט זיך, ווי אַ קינד, מיט אַלערליי פֿאַרביקע זייפֿנבלאָזן; איינער, וואָס רעדט ווי אַ הייסער נאַציאָנאַליסט און איינער, וואָס ברענגט אַרויס רייד, וואָס מיר זענען געוווינט אַזעלכע צו הערן פֿון שונאי־ישראל.

מען קאָן זיך, נאַטירלעך, אַריינלאָזן אין פֿאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע ספּעקו־לאַציעס מכוח די סתירות אין ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס כאַראַקטער. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפֿער אויפֿן זשיטלאָווסקי־רעטעניש איז אויבנאויפֿיקער, ווי מען קאָן אין פּלוג חושד זיין:

ד״ר זשיטלאָווסקי איז דער עיקר געוועזן אַן אידייען־מענטש. ווי נאָר אַן אידייע איז אים איינגעפֿאַלן, האָט ער זיך אין איר אַריינגעאַרבעט ביז שיכרות און ער האָט פּשוט אויפֿגעהערט צו זען און הערן עפּעס אַנדערש. אַזוי איז עס אויך געווען, ווען אַן אַנדערנס אידייע האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט. זיין אָפּהאַנד־לונג „היסטאָרישע אידייען־פֿאַרבינדונגען״ איז איינע פֿון זיינע ערשטע גרעסערע אַרבעטן, אָבער נישט די איינציקע, ווו ער בינדט און פֿאַרבינדט אידייען. צוליב

די ביימער הערט ער אויף זען דעם וואַלד. צוליב דער אידייע זעט ער נישט דעם מענטש. צוליב זיינע טעאָריעס וועגן יידישקייט זעט ער נישט דעם ייִד...

פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק די אידייע — ווי די לאָרעליי פאַרן פישער אויפן רהיין. אַמאָל פאַלט ער תיכף אַרונטער אונטערן לאָרעליי־כישוף. אַמאָל נעמט עס אַ לאַנגע צייט, ווי אין דעם פאַל מיט דער סטאַלין־לאָרעליי. אָבער ווי נאָר ער פאַלט אַריין אין כישוף־היפּנאָז, ווערט ער אינגאַנצן אַריינגעצויגן — איבערן קאָפּ — אין דעם שטראָם פון דער אידייע, אַלצאיינס וואָס פאַרא שטראָם עס איז.

שוין אין זיין סאַמע ערשטער שריפט „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פון יידנטום״ (אין רוסיש, 1887), קומט ער אַרויס מיט אַן אידייע, אָדער אַן איינפאַל, אַז „דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעווירן די אידעאַלן פון די אסיים און די רעוואָ־לוציאָנערישקייט פון די נביאים, און מען מוז זיך צוריקקערן צו זיי, כדי אויפ־צוהערן דאָס איצטיקע פּאַראַזיטישע לעבן פון סוחרים און הענדלער״. די שריפט, וואָס איז געלויבט געוואָרן פון נישט־ייִדן, האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קריטיק מצד דובנאָוון און אַנדערע אחריותדיקע ייִדן.

אָבער זשיטלאָווסקי האָט זיך שוין אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין די אידייע וועגן דער ייִדישער פאַראַזיטישקייט, שטעקט זי שוין דאָרט, ווי אַ טשוואָק, און ער ברייטערט וייטער וועגן דעם „פּאַראַזיטישן כאַראַקטער פון ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן״ אין אַ שפּעטערדיקער רוסישער שריפט („אַ ייִד צו יידן״, 1892), און אונ־טערן כישוף פון דערדאָזיקער אידייע פאַרבלייבט ער פאַקטיש זיין גאַנץ לעבן. זי שטויסט זיין פען צו אידעאַליזירן דעם „העראָישן פויל״ (פּאָליאַק), וואָס ווערט עקספּלואַטירט פון דעם פּאַראַזיטישן ייִד, און מיט יאָרן שפּעטער שטויסט זי זיין פען צו רעכטפאַרטיקן היטלערן — מחמת „ייִדן ליגן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע״, פּונקט ווי זיין אַנדערע „אידייע״ — דאָס שטעלן אַלץ אויף שפּראַך — באַוועגט אים צו באַגריסן עסטרייכס אַנשלוס אָן היטלער׳ס רייך און צו כשרן גערינג׳ס טרייפענעם פּיסק...

ס׳איז דערביי נייטיק אין זינען צו האָבן, אַז בעת זשיטלאָווסקי איז פאַר־כישופט געוואָרן פון דער „אידייע״ וועגן דער „ייִדישער פּאַראַזיטישקייט״, איז ער נישט געווען קיין ציוניסט, אפילו נישט קיין נישט־ציוניסט, נאָר אַן אויס־געשפּראָכענער אַנטי־ציוניסט, און ער איז נאָך דעמאָלט אויך ווייט געווען פון טעריטאָריאַליזם — אידייען, מיט וועלכע ער וואָלט נאָך ווי־עס־איז געקאָנט אונ־טערשטיצן זיינע טענות מכוח דעם ייִדישן פּאַראַזיטיזם, צו וואָס דער גלות פירט (דאָס הייסט, אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז ייִדן שפּילן טאַקע אַ פּאַראַזיטישע ראָל צווישן די פעלקער). אָבער זשיטלאָווסקי האָט ליב געהאַט דעם גלות. דער „פּאַ־ראַזיטיזם״, וואָס ער האָט צוגעשריבן דעם ייִד, איז ביי אים געווען נישט קיין

גלות־פּראָדוקט, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס ייִדן האָבן פאַר זיך אַליין אויסגעקליבן — מחמת אהבה...

ער, דער גלות־נאַציאָנאַליסט, ווי ער אַליין באַצייכנט זיך, רעדט אין אַ טאָן ווי ייִדן וואָלטן בין־העמים געווען די מייסטערס פון זייער אייגענעם גורל. דער פאַקט, וואָס מען האָט אין דער רוסישער אימפּעריע (דערין פּוילן) — און אין אַ סך אַנדערע לענדער — אין פאַרלויף פון דער ייִדישער געשיכטע — נישט צוגעלאָזט ייִדן צו דער ערד, געטריבן פון די דערפער, פאַרמאַכט פאַר זיי די טירן צו די „אינטעליגענטע פּראָפעסיעס“ און „שווערע אינדוסטריעס“, נישט אַרייננגעלאָזט זיי אין די צעכן אאַז״וו — און ייִדן זענען געצוווּנגען געווען, צוליב די און נאָך אַנדערע וויכטיקע סיבות, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אין זיי אַריינצולאָזן, זיך צו כאַפּן צו פּרנסות וואָס זענען פאַר זיי געווען צוטריטלעך — אָט־דער פאַקט איז נישט געווען בכוח צו פאַרטרייבן פון זיין מוח די „אידייע“ פון „ייִדישער פּאַראַזיטישקייט“.

ווי־אַזוי איז זשיטלאָווסקי געקומען צו דערדאָזיקער „אידייע“? — פון זיין ביאָגראַפיע. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער רייכער פאַמיליע פון אַ וואַלד־סוחר. אין וויטעבסק, וווהין די זשיטלאָווסקיס האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון דעם שטעטל אושאַטשי, „זענען די גויִים געווען אַ מינאָריטעט און אין יענעם ייִדישן קוואַרטאַל, ווו מיר האָבן געוווינט — אין זאַרוטשעוויע (דערציילט ד״ר זש., ז׳ 322) — שוין גאָר אַ פאַרשווינדנדיק קליינער מיעוט“. זיין פאָטער פירט אַ „הויף“ מיט דינער און דינסטן. און דער מחבר רופט איראָניש זיין באַלדיקע ייִדישע סביבה: „ייִדישע מדינה“, „הערשנדיק פאָלק“ און די גויִישע מינאָריטעט — „אונטעריאָכט פאָלק“...

„די ייִדישע באַפעלקערונג, — ווייניקסטנס אין אונדזער געגנט (דערציילט ער ווייטער), — איז באמת געווען אַן איינהייטלעכער לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס האָט ווי אַ ספּרויט געלעבט אויף דעם גוף פון דעם 'אונטעריאָכטן' פאָלק. זיינע סוחרים פון די קליינע ביז די גרויסע — זענען געווען די פאַנג־און־זויג אָרעמס מיט וועלכע דער ייִדישער אָרגאַניזם האָט אַרומגענומען און אויסגעזויגט די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג“ (ז׳ 227).

קלינגט דאָס נישט ווי אַ ציטאַט פון אַן אַנטיסעמיטישער שריפט? אָבער דאָס שרייבט דער ייִדישער דענקער, וואָס לויט די אומשטענדן אין זיין קליינער, טל־ומטרדיקער ייִדישער סביבה פון זיין היים, האָט ער שפּעטער געמשפּט און פאַר־משפּט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק — פאַר פּאַראַזיטן...

די פּאַראַזיטישע „אידייע“ האָט סוף־כל־סוף אים אויך דערפירט צום קאָמוניזם — דורך בירא־בידזשאַן. ער זעט ווי סטאַלין טוט פאַר אים אַ טאָפּלטע

אַרבעט: סיי ער שאַפט־אָפּ דעם „ייִדישן פּאַראַזיטיזם“, סיי ער גיט דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אַ טעריטאָריע, אַ חוץ, וואָס ער, „דער“ לאָרעליי פון מאָסקווער קרעמל, גיט אַזעלכע גרויסע פּריווילעגיעס דער ייִדישער שפּראַך און קולטור און דער גאַנצער קאָמוניסטישער אימפּעריע. איינמאָל אַ פאַרכישופטער אַריין אין סטאַליניסטישן שטראָם, ווערט ער שוין פאַרטראָגן ביזן טיפסטן אָפּגרונט און ער זעט שוין נישט די וועלט, נאָר סטאַלינען. אַלץ, וואָס סטאַלין טוט, איז שוין כשר־וישר — זיינע ליקווידאַציעס, די מאָסקווער פּראָצעסן, זיין שותפות מיט היטלערן — אַלץ! אַלץ!

אַלע טענות צו ד״ר זשיטלאָווסקין, אַלע אַרגומענטן — אין פּאָלעמיקעס און אין שמועסן מיט אים — וועגן דער סאָוועטישערווירקלעכקייט, וועגן דעם ווערט פון סטאַלינס „געבן“ (סטאַלין נתן וסטאַלין לקח), וואָס האָט זיכער נישט מער באַטרעף ווי פּלעווע׳ס הבטחות, פאַלן אויף טויבע אויערן *). די „אידייע“ האָט אים פעסט געהאַלטן געפאַנגען אין איר כישוף־נעץ — וואָרעם זשיטלאָווסקי האָט קיינמאָל נישט באַהערשט קיין אידייע. זי, די אידייע, וואָס זי זאָל נישט האָבן געווען, האָט אַלעמאָל אים באַהערשט — אַפילו אין זיינע פילאָסאָפישע אַרבעטן.

איך ווייס נישט פאַרוואָס יודל מאַרק האָט נישט אַריינגעגעבן אין דעם באַנד „געקליבענע ווערק“ (אַ פאַרפירערישער נאָמען פאַר איין באַנד) קיין איינע פון ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס פילאָסאָפישע שריפטן. אָן דעם האָבן מיר פאַקטיש אין דער זשיטלאָווסקי־אַנטאָלאָגיע (ווי דאָס בוך וואָלט געדאַרפט הייסן) אַ האַלבן ד״ר זשיטלאָווסקי, כאָטש אויך דער האַלבער מאַכט, ווי געזאָגט, דעם איינדרוק פון צוויי — אויב צוליב מאַנגל אין אָרט, וואָלט מען ליבערשט געדאַרפט אַרויסנעמען איינעם, אָדער עטלעכע מאמרים וועגן ייִדיש, אָדער פון זיינע זכרונות־קאַפּיטלען.

אָבער — איז ד״ר זשיטלאָווסקי אַליין געווען אַ פילאָסאָף? אַפילו ווען מיר גיבן דעם ברייטסטן אויסטייטש דעם ענין פילאָסאָפיע און מיר האַלטן נישט, אַז בלויז דער, וואָס שאַפט אַן אייגענע שיטה, איז אַ פילאָסאָף, מוזן מיר אָבער אָננעמען, אַז אַזאַ איינער מוז לכל־הפחות האָבן אַ קריטישן צוגאַנג צו די שיטות פון אַנדערע דענקערס. ביי זשיטלאָווסקין איז נישטאָ אַזאַ צוגאַנג. ער איז צופיל באַהערשט — און פאַרכישופט — געוואָרן פון די אידייען, אין וועלכע ער האָט זיך אַריינגעלאָזט, צו קאָנען זיין קריטיש.

אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ניטשען (אין אַ ביכל פון שעליובסקי׳ס אַמאָליקן פאַרלאַג „ייִדיש“) איז געווען די ערשטע פילאָסאָפישע אַרבעט זשיטלאָווסקי׳ס, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקענט. פון ביכל האָט אַרויסגערעדט אַ פאַרקאָכטער

*) זע: א. אַלמי — „קריטיק און פּאָלעמיק“, וואַרשע, 1939.

ניטשעיאַנער. אָבער אַז מען לייענט זיינע פיר בענד פילאָסאָפישע שריפטן, כאַפּט מען זיך, אַז ער איז פונקט אַזוי אַ פּלאַטאָניסט, אַן אַריסטאָטליאַנער, אַ ספּינאָזיסט, אַ קאַנטיאַנער. בפירוש יעדער פילאָסאָף, אָדער פילאָסאָפישע שיטה, וואָס ער שטודירט — באַהערשט אים. ער ווערט אַריינגעצויגן אין שטראָם פון אידייען דורך דעם כישוף פון דער פילאָסאָפישער לאָרעליי — ווי פון די אַנדערע לאָרעלייס — און ער ווערט אַפּהענטיק, פאַרלוירן. זיין קריטישער געדאַנק ווערט פּשוט אַטראָפּירט.

דאָך זענען זיינע פילאָסאָפישע שריפטן — אַלזייטיק אַרומגערעדטע — פון היפּשן ווערט פאַר יענעם יידישן לעזער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין פילאָסאָפישע ענינים, און ס'איז באמת אַ שאָד — און אַ פאַרזען מצד יודל מאַרקן — וואָס אין דער זשיטלאָווסקי־אַנטאָלאָגיע איז נישט רעפּרעזענטירט דער פילאָסאָפישער חלק פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקין.

נאָכבאַמערקונג

(געוועזן געדרוקט ווי אַ בריוו אין רעדאַקציע)

אונטער דער שרייענדיקער איבערשריפט „אַלמי אַטאַקירט חיים זשיטלאָווסקין" איז אין יאַנואַר־פעברואַר נומער „אויפן שוועל" פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגער בריוו פון אהרן סטעף וועגן מיין אַרטיקל אין דער פ. אַ. ש. פון 7טן יולי, 1956 (אין שייכות צום דער־שיינען פון ד"ר זשיטלאָווסקי'ס „געקליבענע ווערק").

אהרן סטעף, זשיטלאָווסקי'ס אַ לאַנג־יאָריקער פריינד, חסיד און פאַרטיי־חבר (ס. ר.), באַצייכנט מיין אַרטיקל פאַר אַ פּאַסקוויל און ער גיט דערביי זיין דעפיניציע פון אַ פּאַסקוויל: „מען נעמט אַרויס פון דער געשטאַלט פון אַ מענטשן אייניקע זיינע שטריכן, אָדער פון זיינע ווערק אַ פּאָר ציטאַטן, אַרויסגעריסענע פון טעקסט, און מען טייטשט אויס ווי עס ווילט זיך".

דאָס איז געגעווי און אַקוראַט וואָס פריינד סטעף טוט מיט מיין אַרטיקל. ער רייסט אַרויס בלויז צוויי פּונקטן, וועלכע ער קאָן אויסטייטשן ווי אים ווילט זיך, און ער פאַר־שווייגט אַלע אַנדערע פּונקטן, וואָס לאָזן זיך בשום אופן נישט טייטשן אַנדערש, ווי איך האָב זיי געטייטשט און אויף וועלכע ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן.

ער פאַרענטפערט זיין פאַרשווייגן אַלע אַנדערע „טעמעס" דערמיט, וואָס זיי „וואָלטן פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג", גלייך ווי עמעצער וואָלט אים נישט געלאָזט אַזוינס טון... פון מיר האָט ער, ווייזט אויס, דערוואַרט, אַז איך זאָל נישט „אַרויסרייסן" עטלעכע ציטאַטן, נאָר אַז איך זאָל אין מיין אַרטיקל איבערדרוקן ד"ר זשיטלאָווסקי'ס אַלע ווערק...

אָבער דאָס שענסטע קומט ערשט.

א. סטעף פאַרזיכערט, אַז ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז „אַלמי זאָל ווען נישט איז האָבן געשריבן וועגן זש. אין אָט־דעם טאָן, וועלכן ער האָט איצט באַנוצט". פאַרקערט — זאָגט ער, — ווען איך בין געקומען צו זשיטלאָווסקין (בעת ער איז איינגעשטאַנען ביי די

סטעפ׳ס), האָט ער געזען מיט וואָס פֿאַראַ יראת הכבוד איך האָב זיך צו אים באַצויגן. „איצט, — זיפֿצט א. סטעף, — איז דאָס אַלץ פֿאַרגעסן״...

א. סטעף דערציילט די גאַנצע מעשה, כדי צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז איצט, נאָך ד״ר זש.׳ס טויט, ווען ער קאָן נישט ענטפֿערן, דערלויב איך זיך צו שרייבן וועגן אים אין „אָט־דעם טאָן״.

וויל איך דאָ קודם אויפֿקלערן, אַז די עטלעכע מאָל, וואָס איך בין געקומען צו סטעפֿן אין הויז, זיך דאָרט צו באַגעגענען מיט ד״ר זשיטלאָווסקין, איז עס געווען אויף זשיטלאָווסקי׳ס איינלאַדונג, נאָכדעם ווי ער האָט מיך געבעטן, אין בריוו און טעלעפֿאָניש, צו קומען צו אים וועגן אַ געוויסן קולטור־ענין, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט דיסקוטירט ביי פֿריער־דיקע באַגעגענישן (די בריוו געפֿינען זיך אין ייוו״אָ) — און דעמאָלט האָב איך שוין געהאַט אַ סך מאָל שאַרף קריטיקירט ד״ר זשיטלאָווסקין פֿאַר געוויסע אַרויסטריטן זיינע.

א. סטעף מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז אין דעם אייגענעם פֿ. אַ. ש. אַרטיקל מיינעם, אויף וועלכן ער פֿאַררופֿט זיך, דערמאָן איך מיין ענטפֿער אויף זשיטלאָווסקי׳ס סעריע אַר־טיקלען וועגן די יידיש־פּוילישע באַציונגען (מיטן באַרימטן זאָג, אַז דער „ייד האָט מיט זיינע שטיוול אַריינגעטראָטן אין דער נשמה פֿון העראָ׳שן פּויל״) — און דאָס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. יאָ, וואָס זאָגט טאַקע סטעף צו יענע אַרטיקלען און צו זשיטלאָווסקי׳ס סטאַליניסטישע אַרטיקלען? און וואָס איז מכוח דעם זאָגעלע, אַז „פֿון גערינג׳ס מויל האָט גערעדט דער פֿורער אמת״ און אַז היטלער האָט זיך ממש נישט גע־קענט העלפֿן, מחמת די „יידן ליגן אונטער די רעדער פֿון דער געשיכטע״?

אויף די אַלע טרויעריקע אַרטיקלען זשיטלאָווסקי׳ס האָב איך רעאַגירט אין דער פֿ. אַ. ש., אין „פֿאָרווערטס״, אין וואַרשעווער „מאָמענט״ און אין אַנדערע צייטונגען. אַ היפּשער טייל פֿון מיין בוך „קריטיק און פּאָלעמיק״ (וואַרשע, 1939) איז פֿאַרנומען מיט אַן אַנאַליז און שאַרפֿער קריטיק פֿון זשיטלאָווסקי׳ס אַרויסטריטן — און דאָס אַלץ, ווי מיר זעען, ביי זיין לעבן, ווען ער האָט נאָך געקענט ענטפֿערן...

אגב־אורחה: מיין אַרטיקל אין פֿ. אַ. ש. הייסט: „די צוויי זשיטלאָווסקיס״. נו, דער יראת־הכבוד, וואָס פֿר׳ סטעף האָט באַשיינפּערלעך געזען אין מיין באַציונג צו ד״ר זש. — איז געווען פֿאַרן אַ נ ד ע ר ן זשיטלאָווסקי, פֿאַרן בעסערן...

פֿון סטעפ׳ס בריוו קלינגט אַרויס דער אַלטער רעאַקציאָנערער פּזמון: „מיין פֿאָטער־לאַנד — גערעכט, אָדער אומגערעכט״, וואָס זיין גילגול איז: מיין פּאַרטיי, מיין רבי, מיין פֿירער — שטענדיק גערעכט!

די אונטערשטע שורה: נישט מיין אַרטיקל, פֿריינד סטעף, נאָר אייער בריוו, איז, לויט אייער אייגענער דעפֿיניציע — אַ פּאַסקוויל.

א. אַלמי

שלום אַש - אַ סך־הכל

שלום אַש איז במשך פון אַ האַלב־יאָרהונדערט געווען דער שטורעם־צענטר פון דער ייִדישער — נישט בלויז ליטעראַרישער — וועלט. פון זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור ביז זיינע לעצטע טריט אין לעבן — פון „גאָט פון נקמה״ ביז זיין נוצרי־טרילאָגיע; פון דעם „מילה־סקאַנדאַל״ ביז זיינע סאַמע לעצטע דעקלאַראַציעס וועגן ייִדנטום־קריסטנטום — שטורעם, אויפריר, קאָנפליקטן, טענות און קעגן־טענות, וואָס זענען ווייט אַריבער די גרענעצן פון אונדזער ייִדישער וועלט.

מיטן אַוועקגיין פון שלום אַשן אַהין, ווו אַלע שטאַרבלעכע גייען, האָט זיך בשום־אופן נישט פאַרענדיקט די קאָנטראָווערסיע אַרום אים. זיינע ווערק, סיי די עכט־ייִדישע — ווי „דאָס שטעטל״, „רב שלמה נגיד״ און „דער תהילים־ייִד״ — סיי יענע ווערק, וואָס זענען אַרויס פון ייִדישן גדר, וועלן לאַנג־לאַנגע דורות גע־לייענט און דיסקוטירט ווערן, דערמאָנענען אָן דעם גרויסן וואָרט־מייסטער און מאָנענען אַן ענטפער: וואָס איז באמת פאָרגעקומען מיט און אַרום שלום אַשן?

זענען גערעכט געווען זיינע קריטיקערס, וואָס האָבן אים באַשולדיקט אין פאַרקויפן די ייִדישע בכורה פאַרן טאָפּ לינדזן פון נישט־ייִדישן רום און טרייפענע רענדלעך; אָדער זענען גערעכט געווען זיינע מליצי־יושר, אַז אַש איז בלויז אויסן געווען צו ברענגען אַ דערנענטערונג צווישן די צוויי וועלטן אַרום די צוויי „טעס־טאַמענטן״ און אַז די אַש־קריטיקערס ליידן פון אומטאָלעראַנץ, קנאה און שנאת־חינם?

אַוודאי איז נייטיק אַוועקצושטעלן די ביידע טענות און באַשולדיקונגען, אַלע פאַקטן און פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען די מלחמה אַרום אַשן — אויף זייער ריכטיק אָרט, אויב ס׳איז מעגלעך אַן אָביעקטיווער חשבון און סך־הכל אין דער נאָך אַנגעהייצטער לופט אַרום דעם נאָר־וואָס אַוועקגעגאַנגענעם פראָזע־מייסטער. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ריי פון די אַש־אָנקלאָגערס (הגם אַ גאָר־גרויסער פאַרערער פון זיינע עכט־ייִדישע, גרויס־

קינסטלערישע ווערק), פּרעטענדירט נישט אויף נייטראַליטעט, אָבער איך וועל זיך באַמיִען אַרויסצוברענגען די פאַקטן ווי זיי האָבן פּאַסירט און צו אַנאַליזירן די מיינונגען — און באַשולדיקונגען — פון ביידע צדדים אין ליכט פון דידאָזיקע פאַקטן.

אַ געלעגנהייט פאַר אַזאַ אַנאַליז, חשבון און סך־הכל פון דער קאָנטראָווערסיע גיבן אונדז די זכרונות וועגן שלום אַשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פּובליקירט צו ווערן זינט אַש׳ס אַוועקגיין — פון יענע, וואָס זענען מיט אַשן געווען באַקאַנט און באַפריינדט אין משך פון יאָרן, דער עיקר פון זיינע סעקרעטאַרן. בעת זיין לעצטער סעקרעטאַר, יצחק פאַנער, האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע קאַפּיטלען פון אַ בוך מעמואַרן, וואָס ער שרייבט וועגן דעם קוטנער, און אַנדערע, ווי נ. פּערלמאַן, אַש׳ס סעקרעטאַר דורך דער צייט פון זיין מיטאַרבעט אין „פאָרווערטס" און דערנאָך אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט", פּלאַנירן, ווי מען גיט־איבער, אַזעלכע ווערק, האָט שלמה ראָזענבערג, אַש׳ס סעקרעטאַר אין פאַרלויף פון צען יאָר ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך מקדים געווען מיט אַ בוך זכרונות „שלום אַש פון דער נאָענט" — אַ בוך פון צוויי חלקים: דער ערשטער חלק — ריינע מעמואַריסטיק, מיט פיינע שילדערונגען פון אַשן, באַגלייט פון אַנעקדאָטן; דער צווייטער חלק — פּאָלעמיק וועגן דער פּאָלעמיק אַרום זיין באַלעבאָס...

דער צווייטער טייל פון בוך איז בפירוש אַ בליץ־קריג קעגן די אַלע, וואָס האָבן זיך דערוועגט אַ פּיפּס צו טון קעגן אַשן — קעגן זיינע אַמאָליקע און שפּעטערדיקע מעשים. אָבער טאָקע דערפאַר, וואָס דער מחבר באַנוגנט זיך נישט מיט די צען יאָר פון זיין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דעם קוטנער, נאָר ער מאַכט אויך דאָ און דאָרט אַ קורצע נסיעה צו אַש׳ס אָנהייב־יאָרן אין דער ליטעראַטור, גיט ער אַ געלעגנהייט צו וואַרפן אַ בליק אויף אַש׳ס גאַנצן אָפּגעגאַנגענעם וועג און צו אַנאַליזירן די ווערק און מעשים זיינע, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזעלכע שטורעמס אַרום אים.

***

שלמה ראָזענבערג, דער מחבר פון „רבי עקיבא", „רבי מאיר און ברוריה", „די כוזרים" און אַנדערע ווערק, שרייבט וועגן שלום אַשן מיט אומגעהייערער ליבשאַפט, אָבער דאָס שטערט אים נישט אויך צו דערציילן וועגן זיין באַליבטן העלדס שוואַכקייטן, ווי עגאָיזם, הכנעה און חניפה לגבי גבירים און פּריצים, לייכטזיניקייט ביים אַרויסזאָגן מיינונגען וכדומה. זיין זכרונות־בוך (1958) פאַרמאָגט אַלע ווילע מעלות און דאָס שפּרודלדיקע יידישע לשון פון זיינע אַנדערע ווערק — אַזוי ביז ס׳קומט צום צווייטן טייל, דעם פּאָלעמישן. דאָ פאַרלירט ער

זיך און ער שפּייט ממש מיט פייער, ווי אַנדערע פּאַרטיידיקערס פון אַש'ס נוצרי־ווערק.

ראָזענבערג שטעלט־אַרויס (ווי אַנדערע מליצי־יושר פון אַשן) ווי דעם פּסי־כאָלאָגישן טרייב־מאָטיוו פון דער קריטיק אויף אַשן: קנאה. ער חזרט דאָס כסדר איבער. ווי קאָן מען באַווייזן — קנאה? און פאַרוואָס זאָלן פּובליציסטן, פּאָעטן, עסייאיסטן, געלערנטע — און סתם יידן — מקנא זיין שלום אַשן דעם נאָוועליסט? די ערשטע אים מקנא צו זיין וואָלטן, על פּי שכל הישר, געדאַרפט זיין די דער־ציילערס, נאָוועליסטן, — אָבער גראָד איז צווישן די „אָנפאַלערס" דאָ בלויז איין נאָוועליסט.

פאַרוואָס זאָל פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ (הרב צעיר), וואָס זיין אויסגעשריי (אין „בצרון") קעגן אַש'ס נוצרי־ווערק איז אַ קול דממה דקה — מקנא זיין אַשן? פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ האָט געשריבן וועגן אַש'ס קריסטלעכע ביכער נישט ווי אַ רב, בלויז פון יידישן רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, נאָר ווי אַ געלערנטער, וואָס האָט זיי אַנאַליזירט דער עיקר היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך.

אין זיין גרויסער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז סיי וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיוו, סיי דורכ־געזאַפּט מיט טיפן יידישן צער, באַווייזט הרב צעיר — פון פאַרשיידענע שטאַנד־פּונקטן — די פאַלשקייט, לעכערלעכקייט און שעדלעכקייט פון אַש'ס יעזוס־ווערק. האָט ער דאָס געטון אויס קנאה?

הרב טשערנאָוויץ ווערט נישט דערמאָנט און נישט ציטירט אין ש. ראָזענ־בערג'ס בוך. דער מחבר איז מרמז, אַז מיט רבנים (און סתם פרומע יידן) האָט ער נישט קיין מחלוקה. דאָס מיינט, אַז פאַר רבנים איז נאַטירלעך און נאָרמאַל שאָקירט צו ווערן פון אַזעלכע ווערק, ווי אַש'ס יעזוס־ביכער און מען קאָן דערפאַר צו זיי קיין טענות נישט האָבן. ווערט דאָ אָפּעס קשה: סיי די תורה־יידן, סיי די נישט־פרומע, די „וועלטלעכע" אַש־קריטיקערס גייען־צו צו אַש'ס דאָזיקע ווערק פון דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט, וואָס האָט פאַראייניקט די פאָרשטייערס פון אַזעלכע אָפּגעווייטערטע צוויי סעקטאָרן אין יידישן לעבן — אין איין אויסגעשריי. איז די פראַגע דעריבער: איז דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט אַ ריכטיקער, אָדער אַ פאַלשער? ס'קאָן דאָך נישט זיין, אַז דערזעלביקער צוגאַנג, דערזעלביקער קריטי־שער אַנאַליז פון אַ ווערק איז סיי כשר, סיי טריף, אָפּהענגיק פון דער פּערזענ־לעכער הנהגה פון דעם קריטיקער.

ווי ש. ראָזענבערג — און נישט נאָר ער! — פירט־אָן די פאַרטיידיקונג פון אַשן קומט אָבער אויס, אַז אים גייט נישט אַזוי אין דער אַש־קריטיק, ווי אין דער נישט־אויסגעהאַלטנקייט פון די געוויסע אַש־„קעגנערס", וואָס הגם זיי אַליין זענען נישט קיין שומרי־הדת, נעמען זיי זיך אָן פאַר יידישקייט. הייסט עס, אַז דער

מחבר, וואָס האָט אונטערגענומען צו באַשיצן אַש׳ס רעפּוטאַציע, זאָרגט זיך גאָר פאַר דער רעפּוטאַציע פון אַש׳ס קריטיקערס...

ראָזענבערג האָט אויסגעקליבן פון אַלע אַש־קריטיקערס בלויז פיר (מסתמא כנגד די ארבעה בנים פון דער הגדה) און אויף זיי גיסט ער אויס כל חמתו. דאַרף איך מסתמא גומל בענטשן, וואָס מיינע אַש־אַרטיקלען געפינען זיך צווישן די פּאָלעמישע אַרטיקלען פון אַ סך אַנדערע יידישע שרייבערס, וואָס ווערן נישט ציטירט אין דעם בוך. אָבער ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצודערציילן אַ קאָמישן עפּיזאָד — וואָס איך האָב בשעתו דערציילט — וועגן מיין „צוזאַמענ־שטויס" מיט שלום אַשן.

באַלד ווי מיין ערשטער אָפּרוף אויף אַש׳ס „נאַזאַרין" (נוצרי) איז פאַרעפנט־לעכט געווען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", איז אַש געקומען צולויפן אַן אויפגעקאָכטער אין ביורא פון „פּאַראייניקטן יידישן אַפּעל", ווו איך בין געווען באַשעפטיקט. שוין פון קאָרידאָר האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַש׳ס קול: „ווו איז אַלמי?"... און אַז עמעצער האָט אים אָנגעוויזן ווו, איז ער אַריין אין מיין קאַבינעט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט גרייט געווען זיך אַרויפצוואַרפן אויף מיר מיט די פויסטן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיין שרייב־טיש, רעזערווירט פאַר באַזוכערס.

מיין כוונה איז געווען אים צו פאַרבעטן זיצן און זיך געלאָסן דורכשמועסן מיט אים מכוח וועלכן ענין ער וויל. אָבער אַש האָט, ווייזט־אויס, אַנדערש אויס־געטייטשט מיינע הענט אויפן בענקל — מחמת ער האָט פּלוצלינג זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער טיר און אַרויס מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער איז אַריין, שרייענ־דיק הויך אויפן קול:

— וואָס דאַרף מען דעם „דזשאָינט"? מע דאַרף נישט קאַ דזשאָינט!".

וואָס דער „דזשאָינט" האָט געהאַט דערמיט צו־טון, ווייס אפשר גאָט...

***

לאָמיר זיך צוריקקערן צו די טענות און אַרגומענטן, וואָס ראָזענבערג און אַנדערע אַש־פּאַרטיידיקערס — הייבן־אויף קעגן די קריטיקערס פון אַש׳ס קריסט־לעכע ווערק.

דער קנאה־מאָטיוו קלעפּט זיך דאָ, ווי פּריִער באַמערקט, ווי אַ פּאַטש צו גוט־שבת — קודם דערפאַר, וואָס קנאה איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן פאַקטיש באַוויזן און דערוויזן ווערן. אָבער סיי־ווי איז דאָך דאָ נישט וויכטיק צי יאָ קנאה, צי נישט קנאה. דער סאַמע עיקר איז דאָך דאָ — ווי געזאָגט און ווי ס׳דאַרף זיין

זעלבסטפאַרשטענדלעך — צי דאָס, וואָס די אַש־קריטיקערס האָבן געזאָגט און געשריבן וועגן אַש׳ס צלם־טרילאָגיע, איז אמת, צי נישט אמת.

פּונקט אַזוי איז נישט וויכטיק צי די אַש־קריטיקערס זענען פרומע־ייִדן, צי וועלטלעכע ייִדן, גלייביקע, צי אַפּיקורסים און צי איינער פון זיי האָט נעכטן אויסגעדריקט אַ מיינונג וועגן אַש׳ס ייִדישן סטיל, וואָס שטימט נישט מיט זיין היינטיקער מיינונג. די פראַגע איז דאָ אַלץ די אייגענע: איז דאָס, וואָס זיי זאָגן וועגן אַש׳ס „נוצרי״, „אַפּאָסטאָל״ און „מאַרי״ טאַקע אַזוי, אָדער ס׳איז אַ בלבול אויף זייער מחבר.

אויב איינער היט נישט אָפּ די תרי״ג מצוות, מיינט עס דאָך נישט, אַז דער צלם דאַרף אים יאָ געפעלן. ראָזענבערג אַליין איז, אויף וויפל איך ווייס, נישט קיין פרומער ייִד. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז ווען ער זעט ווי אַ חברה־מאַן גייט שבת אַריין אין בית־המדרש מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, וואָלט ער אויפגע־קאָכט געוואָרן. און ווען עמעצער וואָלט אים געזאָגט: „ראָזענבערג, איר זענט אַ היפּאָקריט! איר אַליין זענט נישט קיין שומר־שבת, טאָ פאַרוואָס קאָכט איר זיך וועגן דעם חברה־מאַן מיטן פּאַפּיראָס?״ — וואָלט אַזאַ טענה געקלונגען — פּידרעך.

אין קאַמף קעגן מיסיאָנערן אויף דער ייִדישער גאַס האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע ייִדישע פּרעסע, די ראַדיקאַלע ווי די אָרטאָדאָקסישע. די אונטערדריקונג פון דער ייִדישער רעליגיע אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון דער אַלגעמיינער אויסראָטונג פון ייִדישן לעבן דאָרט, האָט אויפגערודערט אַלע ייִדן אין דער פרייער וועלט, „פרייע״, ווי פרומע, סאָציאַליסטן, ווי ציוניסטן (פון יעווסעקעס איז נישט צו ריידן). די נאַציאָנאַלע ווערטן פון אונדזער פאָלק, דער תנ״ך, דער תלמוד, די ייִדישע טראַדיציעס — די יסודות פון ייִדישן קיום — זענען נישט דער מאָנאָפּאָל פון אָרטאָדאָקסישן סעקטאָר אין ייִדנטום; אַלע ייִדישע סעק־טאָרן וועלן זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף פאַר זייער פאַרטיידיקונג קעגן אַ סכנה, יעדער געטריבן און באַוועגט פון אַנדערע מאָטיוון, אָבער אַלע פאַראייניקט פון איין ייִדישן גורל, פון איין ייִדישער אחריות און פון איין ייִדישער אַנטשלאָסנקייט.

אויסרופן צו די נישט־אָרטאָדאָקסן: היפּאָקריטן, איר אַליין זענט דאָך נישט מקיים די תרי״ג מצוות, טאָ וואָס מאַכט איר דעם אָנשטעל, אַז דער ייִדישער קיום גייט אייך אין לעבן? — וואָלט געווען ווילד און משוגע; ס׳וואָלט געמיינט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון די נטורי־קרתא, אַז נאָר זיי אַליין זענען די „היטער פון שטאָט״ און אַלע אַנדערע ייִדן, אַפילו פון „מזרחי״ און „אגודת ישראל״, זענען טרייפניאַקעס — יאָ, טרייפניאַקעס, איינער פון די עפּיטעטן, מיט וועלכע ראָזענ־בערג איז מכבד די נישט־פרומע קריטיקערס פון אַש׳ס געשמדטער פראָזע.

אמת טאַקע, אַז אַש האָט זיך נישט געשמדט (ווי ס׳איז געווען אַ קלאַנג),

אָבער זיין קונסט האָט זיך יאָ געשמדט. אַש, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געשריבן געשמאַקע פּראָזע, האָט אין די לעצטע יאָרן געשריבן געשמדטע פּראָזע! דער קלאַנג אַליין לערנט אונדז עפּעס: דער יידישער עולם — און טשיקאַווע איז, אַז דער עיקר דער ענגליש־שפּראַכיקער — וואָס האָט געלייענט אַש׳ס נוצרי־ווערק, האָט זיך פּשוט נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער מענטש, וואָס האָט זיי געשריבן, איז געבליבן — אַ ייד...

חוץ לזה גייט דאָך דאָ נישט אַזוי אין אָננעמען זיך פאַר יידישקייט, ווי אין נישט־אָננעמען דאָס קריסטלעכע בילד, וואָס אַש מאָלט פאַר אונדז אין אַזעלכע שרייענדיקע און רייצנדיקע פאַרבן; אין אָפּשלאָגן אַ פאַלשע און לייכטזיניקע אינ־טערפּרעטאַציע פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק און פון וועלכן אונדזער פאָלק איז דער גרעסטער קרבן.

כדי צו מאַכן אַ קריטישן אַנאַליז פון אַש׳ס צוגאַנג צום קריסטנטום — אין ליכט פון היסטאָרישע פאַקטן און פאַקטאָרן — דאַרף מען נישט זיין קיין פרומער ייד. אדרבא, פרומקייט קאָן דאָ גיכער זיין אַ שטער אין דער פרייער און אָביעקט־טיווער פאָרשונג פון דעם ענין. דערפאַר איז דאָ אויפן ריכטיקן אָרט נישט נאָר אַ „וועלטלעכער" ייד, אָדער אַ ייד, וואָס איז נישט מקיים די תרי״ג מצוות, נאָר אַפילו אַ נישט־ייד, אַ קריסטלעכער געלערנטער, וואָס גייט־צו אָביעקטיוו צום פּראָבלעם יידנטום־קריסטנטום.

און אַז ס׳זענען געווען און ס׳זענען דאָ קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן אָנגעוויזן סיי אויף פעלשונג אין דער עוואַנגעליע, סיי אויף דער העכערקייט פון דער יידישער מאָראַל און עטיק איבער דער קריסטלעכער, איז קיין נייס נישט. ס׳וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען צו ברענגען ציטאַטן פון זיי — און דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן די פעלשונגען אין „צווייטן טעסטאַמענט", נאָר וועגן די פעלשונגען אין אַש׳ס „דריטן טעסטאַמענט".

וואָלט באמת כדאי געווען פאַר די אַלע, וואָס זענען באַקאַנט מיט אַש׳ס קריסטאָלאָגיע, צו לייענען נאָך אַ ווערק אויף דערזעלבער טעמע, וואָס איז אַרויס כמעט אין איין צייט מיט אַש׳ס „דער נוצרי". איך מיין דאָ: „פאַרוואָס יעזוס איז געשטאָרבן" פון פּיער וואַן פּאַאַסען, דער באַרימטער האָלענדיש־אַמעריקאַנער שריפטשטעלער. אַנטקעגן די נוצרי־ווערק פון דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום אַש איז דאָס קריסטוס־ווערק פון דעם נישט־יידישן שרייבער און אוניטאַרישן גלח, וואַן פּאַאַסען — אַ פרום יידיש בוך. וואַן פּאַאַסען איז געווען באַפריינדט מיט אַשן און מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו ריידן מיט אים וועגן אַש׳ס קריסטלעכע שריפטן. נישט אַריינגייענדיק אין פּריוואַטע שמועסן, וויל איך בלויז זאָגן, אַז זיין מיינונג וועגן דידאַזיקע ווערק אַש׳ס, נישט אַזוי וועגן זייער קינסט־

לערישן ווערט, ווי וועגן דער אינטערפּרעטאַציע פון ייִדנטום־קריסטנטום אין זיי — איז זייער נאָענט צו דער מיינונג פון אַש׳ס ייִדישע קריטיקערס...

אַש׳ס פאַרטיידיקערס האָבן רעדוצירט דעם ענין פון די נוצרי־ווערק צו דער קלאָץ־קשיא: „צי מעג מען שרייבן אויף דער טעמע ישו הנוצרי?״ — און אַזוי הייסט טאַקע אַ קאַפּיטל אין צווייטן טייל פון ראָזענבערג׳ס בוך. ס׳גייט דאָ, הייסט עס, אין אַ פּרינציפּ. און אַוודאי וועט יעדער אָנהענגער פון פרייען וואָרט און פרייען געדאַנק ענטפערן דערויף פּאָזיטיוו: יאָ, מען מעג! אַוודאי מעג מען!

אָט־די פּרינציפּיעלע פראַגע — צי „מען מעג״ — איז זייער פאַרפירעריש: סיי ס׳גיט דעם איינדרוק ווי די אַש־קריטיקערס וואָלטן געטענהט, אַז מען טאָר נישט שרייבן אויף אַזאַ טעמע; סיי עס מאַכט דעם ענין זייער גרינג פאַר די אַש־פאַרטיידיקערס. זיי זענען שוין אַפילו נישט מחויב צו לייענען די ווערק — וויבאַלד די פראַגע ליגט פון אויבנאויף (צי „מען מעג״) — און זיי פסקענען, אַז מען מעג און זיי זענען צופרידן: מיר קעמפן פאַר דער פרייהייט פון וואָרט! — און פון דאַנען אַרויס איז ממש אַ מחיה צו אַטאַקירן דעם אַנדערן צד, וואָס האַלט — ווי זיי שטעלן דאָס פאָר — אַז מען טאָר נישט.

איינער פון די אַש־פאַרטיידיקערס — גראָד זייער אַן עטישע פּערזענלעכקייט און אַ פיינער שריפטשטעלער — האָט אויף מיין קשיא, צי ער האָט אַש׳ס „נוצרי״ און „אַפּאָסטאָל״ טאַקע געלייענט, געענטפערט: וואָס איז דאָ שייך לייענען? די פראַגע איז, צי אַ ייִדישער שרייבער מעג זיך צורירן צו דער קריסטוס־טעמע. עד היום ווייס איך נישט, צי ער האָט יאָ געלייענט, צי נישט געלייענט — ער איז דעמאָלט שטאַרק קראַנק געווען און לייענען אַזעלכע דיקע ביכער איז זיכער נישט געווען פאַר זיינע כוחות, אָבער געשריבן האָט ער וועגן דעם און פאַרטיידיקט אַשן האָט ער און געבראַכט ראיות און עדות פון אַנדערע ייִדישע שרייבערס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קריסטלעכער טעמאַטיק, האָט ער אויך און דערביי טריאומפירט, אַז די וועלט, די ייִדישע וועלט, איז צוליב דעם נישט אונטערגעגאַנגען. איך בין זיכער, אַז ער האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז אָט־דאָס איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם: צי מען מעג.

פונקט אַזוי קאָן מען, פאַרשטייט זיך, פרעגן: מעג מען שרייבן אויף דער טעמע ייִדן? און ווידער קאָן דאָ קומען נאָר איין ענטפער: אַוודאי מעג מען. אָבער... ס׳ווענדט זיך ווער עס שרייבט, וואָס מען שרייבט, ווי מען שרייבט און פאַר וועמען מען שרייבט. אויב מען שרייבט וועגן ייִדן אַזוי ווי עס שרייבן אַנטיסעמיטן, ווערט עס אַ גאַנץ אַנדער ענין. דעמאָלט הייבן מיר אויף אונדזער פּראָטעסט. דעמאָלט האַלטן מיר, אַז ס׳איז נישט הפקר פּעטרושקע. מען טאָר אַזעלכע רייד נישט דערלויבן.

וואָס פֿאַראַ שטורעם ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט
אַרום — און קעגן — טאָינבין, פֿאַר געוויסע אומגינציקע באַהויפּטונגען זײַנע וועגן
ייִדנטום, הגם מען קאָן טאָינבין בשום־אופֿן נישט פֿאַררעכענען צווישן די געשווי־
רענע, אָדער נישט־געשווירענע שונאי־ישראל.

דערבײַ איז בײַ גאָר טשיקאַווע, אַז צווישן די פּראָטעסטירערס קעגן טאָינבין
געפֿינען זיך אויך אַש'ס פֿאַרטיידיקערס, און מאָריס סעמיועל, אַש'ס ענגלישער
איבערזעצער פֿון „נאַזאַרין" און „אַפּאָסטאָל" („מאַרי" האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אי־
בערצוזעצן) האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גאַנץ בוך קעגן טאָינבין — אַ שאַרף בוך. און
וואָס איז דער תמצית פֿון טאָינבי'ס שטאַנדפּונקט וועגן ייִדנטום? אַז דאָס קריסטנ־
טום איז די העכסטע דערגרייכונג פֿון ייִדנטום. דאָס ייִדנטום איז געבליבן הינ־
טערשטעליק, אַ פֿאַרגליווערט רעשטל. די מאַמע האָט געבוירן אַ פֿיין און ליכטיק
קינד, אָבער זי אַליין איז שוין אָפּגעלעבט, פֿאַרעלטערט, פֿאַרחושכט.

טאָינבי'ס מיינונג וועגן ייִדנטום־קריסטנטום פֿאַלט זיך צונויף, ווי מיר זעען,
מיט דעם, וואָס דער פֿאַרקאַטוילישטער ייִד, אנרי בערגסאָן, האָט געזאָגט און וואָס
שלום אַש האָט כּסדר נאָכגעזאָגט און איבערגעזאָגט. נישט מער, וואָס נאָך אַש'ס
דעקלאַראַציע שלעפּן זיך נאָך דרײַ ביכער, וווּ אָט־די מיינונג ווערט „אילוסטרירט"
מיט שרײַענדיקע בילדער, וווּ ער מאָלט דאָס קריסטנטום אין פּראָצעס פֿון אַרויס־
וואַקסן פֿון ייִדנטום אין די העלסטע און לאָקערדיקסטע — און פֿאַלשע — קאָלירן...

***

אַוודאי מעג מען שרײַבן וועגן ישו הנוצרי, אָבער אויך דאָ ווענדט זיך וואָס
מען שרײַבט, ווי מען שרײַבט און פֿאַר וועמען מען שרײַבט. לאָמיר דאָ איבערגעבן
אין אַ פֿינגערהוט דעם תמצית און תוך פֿון שלום אַש'ס דרײַ קריסטלעכע ביכער:

1. „דער נוצרי". אמת, אַש מאַכט אים פֿאַר אַ פֿרומען ייִד, אַ רבין, אָבער
ער גייט־נאָך טריט־בײַ־טריט דער עוואַנגעליע אין דער שילדערונג פֿון זײַן גרויס־
קייט, געטלעכקייט און זײַנע מופֿתים. די פֿראַגע, וואָס דאָס בוך דערוועקט בײַ גויִים
און פֿאַרגויִישטע ייִדן, איז: אויב יעזוס איז געווען אַזאַ טייערער ייִד, אַזאַ צדיק —
וואָס האָבן ייִדן צו אים? פֿאַרוואָס ווילן זיי אים נישט אָנערקענען?

2. „דער אַפּאָסטאָל". בלויז די איינע סצענע ווי שאול פֿון תּרשיש, וואָס ער
איז געווען דער שטאַרקסטער און פֿאַרביסנסטער פֿאַרפֿאָלגער פֿון דעם נוצרי, דער־
זעט פּלוצלינג „דאָס ליכט" און ווערט פֿון גרעסטן פֿאַרפֿאָלגער דער גרעסטער נאָכ־
פֿאָלגער פֿון יעזוסן, ווי אַש שילדערט עס מיט מתיקות — אָט־די איינע סצענע איז
די שאַרפֿסטע שמד־פּראָפּאַגאַנדע! ס'איז אַן אינדירעקטער רוף צו איטלעכן ייִד, נאָכ־
צוטון דעם „שליח".

3. „מאַרי״. דאָס איז אַזאַ געדיכטע עבודה־זרה אַרום דעם נוצרי׳ס מאַמען, וואָס אַפילו אין קאַטוילליציזם איז אַזוינס נישטאָ. פון וועלכן מקור האָט אַש גע־שעפּט זיין פאַרגעטערונג פון דער „הייליקער בתולה״? פון דעם מאַריאַוויטיזם אין פוילן, פון דער סעקטע, ווו די מאַמע — נישט דער זון — פאַרנעמט דעם אויבנאָן. דידאָזיקע סעקטע האָט געוווּנען זייער ווייניק אָנהענגערס און איז פאַרפאַלגט גע־וואָרן פון די קאַטויליקן פאַר דעם מאַרי־פּאַגאַניזם, אָבער פאַר אַשן איז עס אין אָרדענונג. ער קוויקט זיך מיט דעם מאַריאַוויטישן קולט פון גאָטס מאַמען...

אַש׳ס פאַרזיכערונג, אַז ער האָט יאָרן־לאַנג געשטודירט די פאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַטור וועגן קריסטנטום, ווערט נישט באַשטעטיקט ביים לייענען זיינע קריס־טוס־ביכער. ס׳פילט זיך אינערגעץ נישט קיין באַקאַנטשאַפט מיט די וויסנשאַפט־לעכע און קריטישע פאַרשונגען וועגן דעם אַנטשטיי און אַנטוויקלונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע. ס׳פילט זיך אָבער יאָ, אַז ער האָט געלייענט מיט גרויס כוונה דעם „נייעם טעסטאַמענט״ און אַנדערע קריסטלעך־רעליגיעזע שריפטן, און אַפילו, ווי שוין אָנגעוויזן, מאַריאַוויטישע שריפטן.

***

וואָס איז געווען שלום אַש׳ס כוונה ביים שרייבן זיינע נוצרי־ווערק? אַש אַליין האָט אַ זאָג געטון, אַז ער איז אויסן געווען צו ברענגען אַ דערנענטערונג — שאַפן אַ שלום — צווישן דער יידישער און קריסטלעכער וועלט. ווי אַזוי אַזוינס קאָן דערגרייכט ווערן דורך אַזעלכע ווערק, ווו דאָס קריסטנטום ווערט אַזוי גלאָרי־פיצירט, אַרויסגעשטעלט אין דעם העלסטן ליכט און וואָס דערמיט אַליין ווערט נאָך שטאַרקער און שטאַרקער באַטאָנט דאָס יידישע „עקשנות״ פון האַלטן זיך ביים „אָפּגעלעבטן יידנטום״ און נישט אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס די קריסט־לעכע גאולה — דאָס איז אַ סוד, וואָס די אַש־פּאַרטיידיקערס ווילן אונדז מסתמא נישט אויסזאָגן.

האָט אַש אפשר געמיינט, אַז די קריסטן וויסן נישט, אַז די הייליקע בתולה און איר זון זענען געווען יידן (דאָס הייסט: אויב זיי האָבן טאַקע עקסיסטירט) און ווי נאָר זיי וועלן דאָס געוואָר ווערן, וועלן זיי גלייך פון קלויסטער קומען צו לויפן אין שול אַריין און זינגען: „לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, איבערבעטן?״ — אַזוי באַוווּ איז אַש זיכער נישט געווען.

אָבער די פאַרטיידיקערס פון אַש׳ס נוצרי־ווערק האָבן אויפגעכאַפּט דידאָזיקע באַהויפּטונג אַש׳ס ווי אַן אבן־טוב און לאָזן נישט אָפּ. הערט נאָר, הערט! אַש האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אַזאַ אומגעהייערע היסטאָרישע מיסיע — און זיי, די פאַרלוימדערס, אַטאַקירן אים נאָך!

אַש האָט כסדר — ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל — איבערגעחזרט פאַר דער נישט־יידישער וועלט, אין רעדעס און אין אינטערוויוען פאַר דער נישט־יידישער פרעסע, די דעקלאַראַציע (וואָס זי אַנטהאַלט, אייגנטלעך, זיין אייגענע אינטערפּרעטאַציע פון זיינע יעזוס־ביכער), אַז דאָס קריסטנטום איז די העכסטע דערגרייכונג פון יידנטום, דער סאַמע שפּיץ — דאָס האָבן זיי אָבער נישט געוואָלט דערהערן, פּונקט ווי זיי האָבן נישט געוואָלט דערהערן, אָדער זיך געמאַכט פאַרגעסן — אַש'ס אַן אַנדער דעקלאַראַציע (קורץ נאָכן אַנטשטיי פון מדינת ישראל) וועגן דעם „שמוציקן לעוואַנטישן ים", וואָס איז נישט זיין ארץ־ישראל. און זיי האָבן אויסגעצייכנט געדענקט אַש'ס קאָמפּלימענטן פאַר דער יידישער מדינה, ווען ער איז, שוין אַ קראַנקער און צעבראָכענער זקן, אַהינגעקומען דאָרט ווערן אַ תושב. שוין זיין באַזעצן זיך אין ישראל האָבן זיי צעפּויקט ווי אַ גרויסע זכיה פאַר דעם יידישן לאַנד, וואָס דערפאַר אַליין דאַרף מען אים אויף די הענט טראָגן און אים אַלץ מוחל זיין.

מוחל זיין — וואָס? די אַש־פּאַרטיידיקערס האָבן אויך גערעדט וועגן אַש'ס תשובה טון, באַזונדערס איינער פון זיי, דער ישראל־שריפטשטעלער א. ש. שטיין (אין אַ פּאָלעמיק מיט מיר אין תל־אביבער זשורנאַל „היימיש"), אַז מיט זיין באַזעצן זיך אין ישראל האָט ער תשובה געטון.

תשובה געטון — אויף וואָס? לויט זיי, די אַש־פּאַרטיידיקערס, האָט דאָך אַש גאָרנישט געזינדיקט, איז דעריבער דאָך נישט שייך קיין תשובה טון און ס'איז נישטאָ וואָס מוחל צו זיין... דאָס האָבן זיי גאָר פאַרגעסן, און אייניקע פון זיי האָבן מיר אַפילו פאַרטרויט, אַז בעת אַש איז געווען אין פלאָרידאַ, איז ער דאָרט אַריין צום מאָדזשיצער רבין און ביי אים געבעטן מחילה אויף זיינע זינד. אַש האָט, ווי איר זעט, תשובה געטון! — האָבן זיי אויסגערופן מיט שמחה. און אַז איך האָב זיי געפרעגט: „תשובה געטון — אויף וואָס? ער האָט דאָך, ווערדליך אייך, גאָרנישט געזינדיקט! — האָבן זיי פאַרלעגן געשמייכלט.

אָבער — הערט נאָר, הערט! אויב די מעשה מיטן מאָדזשיצער רבין איז אמת — הייסט עס אַזוי: געזינדיקט האָט ער בפרהסיה, אין רשות הרבים, בקול רם, אין ביכער און אין רעדעס און אין דעקלאַראַציעס, אָבער אַז ס'איז געקומען צו תשובה טון, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ רבין, ערגעץ אין פלאָרידאַ, בחדרי חדרים, און אים איינגערוימט אין אויער אַ סוד, אַז ער האָט חרטה און וויל תשובה טון.

פון וועמען מאַכט איר חוזק, חשובע אַש־פּאַרטיידיקערס — פון אונדז, צי פון זיך אַליין? אָבער ווידער די אייגענע מעשה: איר טענהט דאָך, אַז נישט נאָר האָט אַש נישט געזינדיקט קעגן אונדז, נאָר מיר האָבן גאָר געזינדיקט קעגן אים,

חשבון און סך־הכל

טאָ וואָס דערציילט איר אונדז מעשיות וועגן זיין תשובה און מחילה?
עפּעס זענט איר מיר אויך גאָרנישט אויסגעהאַלטן!...

***

אַז איר דריקט זיי צו צו דער וואַנט, די אַש־פאַרטיידיקערס, האָבן זיי אַן אַנדער תירוץ פאַר אים: ער איז געווען אַ קינד, אַ גרויס קינד! איז דאָך פּשוט נאַריש טענות צו האָבן צו אַ קינד...

פאַרענטפערן שלום אַש׳ס „ווילדע שטיק" מיט קינדישקייט — דאָס איז זייער קינדיש. פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס פירט זיך אויף קינדיש, זענען דאָ אַנדערע אַדיעקטיוון... בפרט קלעפּט זיך נישט דער קינדישקייט־תירוץ צו אַזאַ מענטש, ווי אַש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט וועלט־פּראָבלעמען. דאָס פּאַסט זיך אפשר צו אַ לירישן פּאָעט, אַ מאָלער, אַ מוזיקער, אַ פּרימאַדאָנע, אַ טענצער, נישט צו איינעם, וואָס שרייבט וועגן רעוואָלוציעס, מלחמות, היסטאָרישע און מיטאָלאָגי־שע עפּאָכן.

ביי אַשן איז אַלץ געווען אויסגערעכנט. ווען ער איז געלאָפן מיט זיין „גאָט פון נקמה" קיין פּעטערבורג און קיין בערלין — האָט ער אויסגערעכנט אויף דעם, אַז גויִים וועלן כאַפּן אַזאַ מציאה. שטעלט זיך נאָר פאָר: אין דער נישט־ייִדי־שער וועלט, וואָס ראַיעט מיט אַלערליי פאָראורטיילן, חשדים און איבערגלויבנס וועגן ייִדן און ווו מען ווייס אַזוי ווייניק, אָדער גאָרנישט וועגן דעם אמתן מהות פון ייִדישקייט און ייִדיש לעבן — אין אָט־דער וועלט פּאַלט־אַריין אַ ייִדישער קינסטלער, אַ שרייבער אין ייִדיש, איינער, וואָס קומט אַליין פון די געדיכטענישן פון די ייִדישע מאַסן, און ער ברענגט אַ ייִדישע פּיעסע, אַ פּיעסע פון ייִדישן לעבן.

און וואָס ווייזט די פּיעסע פון ייִדישן לעבן? זי ווייזט דער וועלט אַ ייִדישע היים, ווו אונטן איז אַ פריילעך הייזל און אויבן — אַ ספר־תורה. פון דער גאַנצער אומגעהייער־רייכער ייִדישער טעמאַטיק האָט אַש אויסגעקליבן פאַר דער נישט־ייִדישער וועלט דווקא אַזאַ קיצלדיקע, אומרעאַלע, אויסגעטראַכטע מעשה. פון דער אומגעהייער־רייכער גאַלעריע פון ייִדישע געשטאַלטן — האָט ער אַרויסגעהויבן פאַר דער וועלט אַ יאַנקל שאַבשאָוויטש.

איצט ווייס שוין די וועלט וואָס ייִדיש לעבן, וואָס דער מהות פון ייִדישן לעבן איז — אַ סינטעז פון תורה און טרייפענער סחורה. איצט ווייס די וועלט וואָס פאַראַ בריאה דער ייִדישער מענטש איז. די תורה איז ביי אים טאַקע טייער, אָבער געשעפט איז געשעפט, אַז ס׳קומט צו געשעפט זענען ביי אים אַלע מיטלען כשר — אַ הייזל, אַ ברייזל, שווינדל, שאַכער־מאַכער.

די וועלט האָט געקריגן פון אַ ייִדישן קינסטלער, וואָס קומט אַליין פון דער

„געטאָ" און וואָס פאַר אים זענען אַלע יידישע סודות אָפן — אַ באַשטעטיקונג אויפן עלטסטן אַנטיסעמיטישן בילבול לגבי דעם יידישן פאָלק.

איז דאָס געווען אַש'ס קינדישקייט? ניין, ס'איז געווען אַש'ס פּראַקטישע אויסרעכענונג, אַז אַזאַ מציאה וועלן די אומות העולם ביי אים אויסכאַפּן. אַש האָט דאָ, אייגנטלעך, אַליין געשפּילט די שאַבשאַוויטש־ראָל: אויבן די ספר־תורה פון יידישער קונסט; אונטן — האַנדל מיטן יידישן כבוד.

ווען נאָר און ווו נאָר אַש האָט געהאַט די ברירה אויסצוקלייבן צווישן רעקלאַמע, רום, געלט און יידישן כבוד, האָט ער מפקיר געווען דאָס לעצטע.

נאָכאַמאָל איז אַש געלאָפן מיט אַ פּיעסע קיין פּעטערבורג — מיט „יחוס", אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין יידישע סענסאַציע, נאָר אַ „לעגיטימע" יידישע טעמע — איז ער דאָסמאָל נישט געלאָפן דירעקט צו די טעאַטער־דירעקטאָרן, ווי מיט „גאָט פון נקמה", נאָר פריער זי פאָרגעלייעגט פאַר אַ גרופּע באַוווסטע רוסישע שרייבערס. אָבער אויך דאָ האָט אַש אינזינען געהאַט — סענסאַציע.

ווען איינער פון דער גרופּע רוסישע שרייבערס — טשיריקאָוו — האָט אַרויסגעזאָגט אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן דער פּיעסע, איז אַש אויפגעשפּרונגען מיטן אויסגעשריי, אַז אַ רוס, אַ גוי, קאָן נישט פאַרשטיין די יידישע נשמה...

פון אַש'ס אויסגעשריי האָבן די רוסישע שרייבערס געדרונגען, אַז אויב אַזוי — איז דאָך פונקט אַזוי לאָגיש צו זאָגן, אַז יידן קענען נישט פאַרשטיין דעם רוסישן „ביט", דעם רוסישן מהות — און אין דער רוסישער ליטעראַטור זענען אַקטיוו אַ שפּאַר ביסל יידן.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז אויב רוסן זאָגן אַזוינס, איז דאָס אַנטיסעמיטיזם. און אַזוי האָט שלום אַש פאַרוואַנדלט ליבעראַלע און יידנפריינטלעכע רוסישע שריפטשטעלערס אין „שונאי ישראל" — ווי־באַלד זיי געפעלט נישט זיין „יחוס"־פּיעסע...

אַש האָט אויסגעפּירט דאָס זייניקע: אַ סענסאַציע, אַ סקאַנדאַל, אַרטיקלען אין דער רוסישער פּרעסע, אין דער יידישער פּרעסע, ס'טומלט זיך — און דער נאָמען אַש קלינגט אין אַלע גלעקער.

אויך ווען אַש זיצט צווישן אייגענע, וואָס גיבן אים אָפּ כבוד, אַרבעט זיין מוח אויף תחבולות — ווי אַרויסצוקריגן דערפון אַ סענסאַציע, אַ טומל, אַ סקאַנדאַל — אַזוי אין זיינע יונגע יאָרן, אַזוי אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. אָט, למשל, דער קבלת־פּנים פאַר אים אין אָדעס. ס'רינגלען דעם גאַסט אַרום מיט וואַרעמער האַרציקייט מענדעלע מוכר ספרים, ח. נ. ביאַליק, י. ח. ראַווניצקי, מ. ל. ליליענבלום און אַנדערע חשובע יידישע פערזענלעכקייטן. אין די רעדעס — די גרעסטע שבחים פאַר אַשן, דעם גרויסן יידישן וואָרט־קינסטלער. אַש זיצט און הערט און — קלערט... מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף און צעשרייט זיך:

— יאָך ביניש קאַ יידישער קינסטלער! יאָך בין אַן אוניווערסאַלער קינסטלער!
מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי זיינע געסט־געבערס האָבן זיך געפילט. אָבער אַש האָט ווידער זיינס דערגרייכט: אַ טומל, נאָטיצן, אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין דער יידישער פרעסע. ס׳קאָכט זיך מיט אַשן!
איז דאָס אַלץ מעשה קינד? און אַפילו אַ קינד שמייסט מען אַמאָל אָפּ. אַפילו אויף אַ קינד גיט מען אַמאָל אַ געשריי:
— שייגאַץ!...
אָבער אַשן טאָר מען אַפילו גאָרנישט זאָגן. פאַרוואָס? די הייליקע קונסט!

**
*

דער ענין אַש איז בלויז איין שטריך אויף דער פאָן פון אַן אומגעהייער פּראָבלעם, וואָס פלאַטערט אַרום אונדז מיט אַן אומהיימלעכן ווינט. דאָס פּראָבלעם פון געצנדינסט און פּערזאָנען־קולט.
די קונסט איז דאָס מאָדערנע געצנדינסט. די קונסט — די מיטשאַפערין פון לעבן — דורך מעשי ידי אדם — איז פּאַקטיש אָוועקגעשטעלט געוואָרן העכער פון לעבן, איבערן לעבן. די קינסטלערס זענען די הייליקע פּריסטערס פון דער געטין קונסט. זיי איז אַלץ דערלויבט. זיי זענען אומבאַרירלעך. רירט מען זיי אָן, ווערט אַ געשריי:
— מען פאַרשוועכט די קונסט!
אין ראָזענבערג׳ס בוך וועגן אַשן ווערט געבראַכט אַ ציטאַט פון פּרץ׳ס אַן אַרטיקל, וואָס איז כדאי דאָ צו ברענגען ווי אַן אילוסטראַציע. פּרץ, וואָס ער האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז אַש שרייבט מיט אַן אויג „אויף יענער זייט פּאַרקאַן״, האָט אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן די שאַרפע אַטאַקעס אויף אַשן פאַר זיין אַרויסטריט, וואָס איז באַרימט געוואָרן ווי דער „מילה־סקאַנדאַל״.
„אויב עמעץ האָט גערעדט, — שרייבט פּרץ, — טאָר מען אים נישט צונעמען דאָס וואָרט; און וויל מען אַ קינסטלעריש מויל מיט שמוציקע שמאַטעס פאַרשטאָפּן, מוזן מיר רופן: שמוציקע לייט, די הענט ביי זיך!״
אָפּגעזען פון דער מיינונג, וואָס איינער האָט וועגן דעם מילה־ריטואַל, מוז מען פּשוט פאַרשטמיעלעט ווערן פון פּרץ׳ס בייזן אויסרוף. ביי מיין גאַנצן דרך־ארץ פאַר פּרצן און ביי דער גאַנצער באַדאַנקלעכקייט, וואָס איך פיל צו אים פאַר זיין האַרציקער באַציונג צו מיר, מוז איך דאָ זאָגן, אַז דידאָזיקע ווערטער זיינע זענען געווען — חוצפּה. וואָרעם מה ענין שמיטה אצל הר סיני? — וואָס פאַראַ שייכות האָט אַש׳ס לויפן צו אַן אַנטיסעמיטישער פּוילישער צייטונג מיט אַ פּראָ־טעסט קעגן דעם „באַרבאַרישן אַקט״ פון מל זיין ביי יידן — מיט קונסט? וואָס

פּאַראַ רייד זענען דאָס וועגן פאַרשטאָפּן אַ קינסטלעריש מויל מיט שמוציקע שמאַטעס? האָט דאָס מויל דען געוועדעט קינסטלערישע רייד? איז אַש׳ס פּראָטעסט־בריוו געווען אַ קינסטלעריש ווערק?

ניין, דאָס בריוול איז טאַקע נישט געווען קיין קונסט־ווערק, אָבער אַש איז געווען אַ קינסטלער — און ווי־באַלד אַ קינסטלער, מעג ער זיך אַלץ דערלויבן און קיינער טאָר קיין פּיפּס נישט געבן. אויב יאָ, זענען די, וואָס זאָגן אים עפּעס — שמוציקע לייט. דרך־ארץ פאַר דער געטין קונסט און פאַר אירע פּריסטערס!

דאָ אַנומלט זענען מיר געווען עדות פון אַ שענדלעך ספּעקטאַקל אַרום דער געטין קונסט און אירן אַ הויכן פּריסטער — עזרא פאונד — ווען אַנגעזעענע אַמעריקאַנער שריפטשטעלערס און געלערנטע האָבן — נישט דאָס ערשטע מאָל — געפּאָדערט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו באַפרייען דעם פאַשיסט, אַנטי־סעמיט און פאַררעטער, וואָס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אין איטאַליע געטריי געדינט מוסאָליני און דורך אים היטלערן — רופנדיק, איבער דער פאַשיסטישער ראַדיאָ, די אַמעריקאַנער אַרמייען, צו רעוואָלטירן.

און זיי האָבן סוף־כל־סוף זייערס אויסגעפירט — מען האָט באַפרייט עזרא פאונדן. איז דאָ נישט וויכטיק, צי פאונד איז אַ גרויסער פּאָעט, אָדער אַ פּאָעטי־שער שאַרלאַטאַן — די, וואָס האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט, האַלטן אים פאַר אַ וויכטיקן פּאָעט, אַ וואָרט־קינסטלער — און אויב אַ קינסטלער, מעג ער זיין אַ פאַשיסט, אַן אַנטיסעמיט, אַ פאַררעטער, איז עס גאָרנישט מיט גאָרנישט. אַ קינסטלער טאָר מען נישט האַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע, אָדער אין אַ משוגעים־הויז. שמוציקע לייט, עפּנט פאַר אים די טויערן!

איך וויל, חלילה, נישט מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם אַנטיסעמיט עזרא פאונד מיט אונדזער גרויסן וואָרט־קינסטלער שלום אַש. צען טויזנט להבדילס דאַרף מען אַוועקשטעלן צווישן די ביידע נעמען. אָבער דער פּרינציפּ פון דער פאַרטיידיקונג פאַר זיי איז דער אייגענער דאָרט און דאָ — דער פּרינציפּ, אַז דעם קינסטלער איז אַלץ דערלויבט.

די דיקטאַטור פון דער קונסט איז, אייגנטלעך, געווען די פאַרלויפערין פון דער מלוכהשער דיקטאַטור אין אונדזער מאָדערנער וועלט. די פאַרגעטערונג פון דער קונסט האָט ממש געדינט ווי אַ מוסטער פאַר דער פאַרגעטערונג פון שטאַט. און דאָ האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אָפּגעשפּילט דאָס מערקווירדיקסטע ספּעק־טאַקל: די נעכטיקע פּריסטערס, וואָס האָבן געפּאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך בוקן צו זיי, זענען געווען צווישן די סאַמע ערשטע, וואָס זענען געפאַלן כורעים פאַר די שטאַטלעכע דיקטאַטאָרן.

קיינער האָט אַזוי געטריי נישט געדינט מוסאָליני, היטלערן און סטאַלינען,

ווי די פּריסטערס פון דער קונסט, פון דער ליטעראַטור — די פּאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן — מיט זייער־זייער ווייניק אויסנעמען. אָבער דאָ, ווו די קונסט איז פריי און קיינער צווינגט זי נישט צו ווערן אַ דינסט־מויד — דאָ פאַררייסט זי סנאָביש דעם קאָפּ צו די הימלען און פאָדערט, אַז אַלע זאָלן פאַלן צו אירע פיס און זי פאָדערט אימוניטעט פאַר אירע פּריסטערס.

***

שלום אַש איז געווען אַ ווונדערלעכע דערשיינונג ביי אונדז. ס'איז פלאי פלאים ווי דער פּשוטער בחור פון קוטנע, אָן בילדונג, אָן וויסן, האָט געגעבן אַזאַ האַסטיקן מאַרשיר אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור. „געקומען, געזען און געזיגט" — ממש איבערנאַכט. ווי יענער לעגענדאַרישער בוים, וואָס שפּרינגט ראַפּטאָם אַרויס פון דער ערד אין הימל אַריין, אַ באַלאַדענער מיט אַלערליי פּירות — אַזוי איז אַש פּלוצלינג אַ וואַקס אַרויס און אַרויף געטון.

זיין „שטעטל", זיין „שלמה נגיד", זיין „מאָטקע גנב", „דער תהילים־ייד" — דאָס זענען מאָנומענטאַלע ווערק, אייביקע ווערק. שלום אַש האָט פאַרמאָגט אַ מאַכטיקע אינטואיציע, אָבער אַ שוואַכן אינטעלעקט. ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער (זאָל מיר דערלויבט זיין זיך אַליין צו ציטירן) ווען ער האָט באַהאַנדלט דאָס קליינע שטעטל און קליינע מענטשן; ער איז געווען אַ קליינער קינסטלער, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער גרויסער שטאָט און צו קאָמפּליצירטע פּער־זענלעכקייטן.

אין זיין טרילאָגיע „פאַרן מבול" איז ער ביי זיך אין דער היים, בעת ער שילדערט זיינע היימישע יידן, יידן, וואָס ער האָט זיי אַזוי גוט געקענט. ער פאַר־לירט זיך אין די גרויסע שטעט. אינטעליגענטן און רעוואָלוציאָנערן ריידן ביי אים מיטן לשון — און מיט די השגות — פון קליינשטעטלדיקע בית־המדרש בחורים.

דאָך בלייבט אַש — ביי אַלע זיינע קינסטלערישע חסרונות און שוואַכקייטן — דער גרויסער וואָרט־מייסטער!

אָבער ווי גרויס דער קינסטלער איז ביי אים געווען, אַזוי גרויס — און אפשר נאָך אַ סך גרעסער — זענען געווען זיין חוצפּה און זיין עגאָיזם, זיין חשק, זיין מוראדיקע ליבע צו געלט, רום, כבוד — איבערהויפּט אין דער נישט־יידישער וועלט. קיינער האָט אַזעלכע זאַכן נישט פּיינט, אָבער איך ווייס נישט פון נאָך איינעם, וואָס איז אַזוי גרייט געווען צו יעדער צייט מפקיר צו זיין דעם פּרעסטיזש און כבוד פון זיין פאָלק, כדי צו באַפרידיקן זיין אָנגעשוואָלענעם עגאָ, ווי אַש.

שוין ביי זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען דאָס

באַמערקט. נישט נאָר פּרץ. נח פּרילוצקי האָט מיט אַרום אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען (כ׳בין איצט נישט זיכער, צי אין „וועג״, אָדער אין „מאָמענט״) וועגן די צווי שלום אַשס: איינער, דער גרויסער קינסטלער און איינער, וואָס מאַרשירט אַריין מיט זיינע שמוציקע קאַלאָשן צו יענעם אין שטוב אַריין.

שלום אַש איז מיט דער צייט געוואָרן אַ וועלט־נאָמען — אַ דאַנק זיינע גרויסע ווערק און אַ דאַנק זיינע גרויסע סקאַנדאַלן. האָבן יידישע שרייבערס רעאַגירט אויף זיינע סקאַנדאַליעזע מעשים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ „ויצעקו״: מען פאַרפאַלגט אונדזער גרויסן פּראָזע־מייסטער!

דעם העכסטן פּונקט האָט דער „ויצעקו״ דערלאַנגט אין אַש׳ס קריסטלעכער פּעריאָדע. זיינע פאַרטיידיקערס האָבן אויף קולי־קולות געשריגן אין דער וועלט אַריין, אַז מען לינטשט, מען פאַרשטיינט, מען קרייציקט שלום אַשן — פאַר שרייבן וועגן דעם קריסטלעכן גואל.

זיי האָבן געשריגן, אַז די אַש־קריטיקערס זענען נישט טאָלעראַנט, און ס׳איז זיי דערביי נישט איינגעפאַלן, אַז זיי אַליין זענען דאָך נישט טאָלעראַנט — צו די אַש־קריטיקערס... זיי האָבן זיך — אין זייער צעקאָכטקייט — אַפילו נישט געכאַפּט, אַז מיט זייער געשריי וועגן קרייציקן אַשן — און אַזוי הייסט אויך אַ קאַפּיטל אין ראָזענבערג׳ס בוך: „דער קרייצצוג״ — שפּילן זיי אַריין אין פיינטלעכע הענט, אין די הענט פון יענע שכנים אונדזערע, וואָס וועלן קענען טענהן:

— פריִער האָבן די יידן געקרייציקט זייער ברודער קריסטוס. איצט קרייציקן זיי אַן אַנדער ייִד פאַר זאָגן אַ גוט וואָרט אויף קריסטוסן!

צוויי טויזנט יאָר האָט מען אונדז באמת געקרייציקט צוליבן בילבול וועגן יענער קרייציקונג — בעת די קרייצצוגן און במשך פון אונדזער צוויי טויזנט־יאָריקער מאַרטירער־געשיכטע בכלל. אונדזערע טענות, אַז נישט מיר, נאָר די רוימער האָבן „אים״ געקרייציקט, האָבן נישט געמאַכט קיין איינדרוק. אַצינד קומען יידן — בעצם גוטע, ווילע ייִדן, נאָר פאַרפּײַנט פון דער קונסט־עבודה־זרה, ווי די ייִדן אין מדבר פון עגל־דינסט — און שרייען, אַז ייִדן קרייציקן אַ יעזוס־אַנהענגער.

און שלום אַש האָט אָט־דאָס געשריי צעטראָגן אין דער נישט־יידישער גאַס אַריין: ייִדן פאַרפאָלגן אים! בלויז אין איין פאַל — ווען ער האָט פאַר אַ רעפּאָרטער פון אַן ענגלישער צייטונג, וואָס האָט אים אָנגעפרעגט וועגן אַ טומל אַרום אים אין פלאָרידאַ, האָט אַש מינימיזירט דעם ענין: „דזשאַסט עי באָנטש אָוו יידיש־ספּיקינג דזשוס!״ — ס׳הייסט: בלויז אַ כאַפּטע יידיש־ריידנדיקע ייִדן האָבן דאָס געטומלט. ס׳לוינט זיך נישט, הייסט עס, צו מאַכן קיין ווען דערפון.

**
*

האָט מען אַשן באמת געלינטשט, פאַרשטיינט, געקרייציקט, ווי זיינע פּאַרטיי־דיקערס טענהן? אויב קריטיק איז קרייציקונג; אויב פּראָטעסט איז לינטשעריי — מילא, וואָס קאָן מען טון?

אָבער ס׳גייט נישט בלויז אין רייד. ס׳גייט אויך אין מעשים: מען האָט אים געלייגט אין חרם אַריין, — טענהן זיי, — אים פאַרטריבן פון דער יידישער גאַס, — „ווי ספּינאָזאָן", — זאָגט דער דערמאָנטער קאָלעגע שטיין פון תל־אביב, אויף וואָס איך האָב אים געענטפערט:

— יאָ, ווי ספּינאָזאָן! פּונקט ווי ס׳איז אמת די מעשה, אַז מען האָט פאַר־טריבן ספּינאָזאָן, אַזוי איז אמת, אַז מיר האָבן פאַרטריבן אַשן. ספּינאָזאָ איז לאַנג פאַרן חרם אַליין אַוועק צו „זיי" און זיך געמישט צווישן די קריסטלעכע סעק־טאַנטן (די אַ״ג קאָלעגיאַנטן), אַזוי איז אַש אַליין אַוועק צו „זיי" מיט זיינע יעזוס־ווערק.

אַשן האָט מען מוראדיק צעפּיעשטשעט פון אָנהייב אָן. מען האָט אים כסדר געטראָגן אויף די הענט, כסדר געפּייערט זיינע יובי־לייס, באַנקעטן, שמחות לכבוד אים. אָט־די כסדרדיקע שמחות־פּראָווענישן אויף דער יידישער גאַס, דער כסדר־דיקער געמיש פון גאָפּל־מעסער־לעפל מיט רייד, רייד, רייד — איז בכלל עפּעס אַ צרה אשר לא כתובה בתורה. ס׳איז אַ וועלטלעכער מנהג, פון וועלכן די וועלט ווייס גאָרנישט.

פון וויפל באַנקעטן, יובילייס און קערמעשלעך הערט איר דאָ ביי אונדז, אין דעם נישט־יידישן אַמעריקע? זייער־זייער זעלטן, אַמאָל אין אַ שמיטה — ווען אַ קאַרל סאַנדבורג, למשל, ווערט אַן אַכציקער. און געסט? מען פאַרבעט זיי אַמאָל אויף אַ רעפּעראַט. דאָס אַלץ. דאָ האָט יאָרן־לאַנג געלעבט טאָמאַס מאַן. דאָ לעבט שוין יאָרן־לאַנג ליאָן פויכטוואַנגער — האָט ווער געהערט וועגן יובילייס, באַנ־קעטן לכבוד זיי, טומל אַרום זיי? אָבער ביי אונדז — אויב מען טומלט נישט אַרום אַ שרייבער, אָדער אַ כלל־טוער און מען פּראָוועט נישט קיין באַנקעטן פאַר אים, הייסט עס, אַז מען פאַרפאַלגט אים.

באַזונדערס צעבאַלעוועט איז, ווי געזאָגט, געוועזן ביי אונדז שלום אַש — און זיינע חסידים. טאָמער האָט מען אויסגעלאָזט איין יובילײ זיינעם; טאָמער האָט מען אים געלאָזט גיין צופוס און נישט אַ כאַפּ געטון אויף די הענט און געטראָגן, האָט עס געהייסן, אַז מען קרייציקט אים, אַז ער איז אין חרם.

שלום אַש איז געווען בייז און באַליידיקט. ער האָט גריילעך געוואָלט יידישן כבוד פאַר זיינע קריסטלעכע ווערק, אָבער דערביי האָט ער ליב געהאַט די מאַר־

טירער־קרוין, וואָס ער אַליין האָט זיך אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ און זיך געצאַצקעט מיט איר אויף דער נישט־ייִדישער גאַס.

וואָס פאַרא גראָטעסקער באַגריף פון טאָלעראַנץ די אַש־פּאַרטיידיקערס דע־מאָנסטרירן. ביי זיי קומט־אויס, אַז ווען מען שטופּט אַ ייִדן אין מויל אַריין חזיר, איז נישט נאָר דאַרף ער עס, לשם טאָלעראַנץ, אַראָפּשלינגען, נאָר ער דאַרף זיך דערביי אויך פּאָסמאָקעווען — אויב נישט פאַרלעצט ער די טאָלעראַנץ. נישט נאָר וואָלטן מיר געדאַרפט — על־פּי זייער קאָנצעפּציע פון טאָלעראַנץ — אויפנעמען שלום אַש׳ס קריסטלעכע ווערק אָן קריטיק, אָן פּראָטעסט, נאָר מיר וואָלטן נאָך געדאַרפט אים אָפּגעבן כבוד און זאָגן אַ יישר־כוח דערפאַר...

מיר זענען נישט טאָלעראַנט! דערביי ווייזן זיי אָן, אַז אַש איז נישט געווען ביי אונדז דער איינציקער, וואָס האָט געשריבן אויף קריסטלעכע טעמעס: אָט זענען ד״ר יוסף קלויזנער, י. ח. ברענער, א. א. קאַבאַק און ש״י איש הורוויץ (און מען קאָן נאָך דאָ מוסיף זיין יהודה קאַרני און אין ייִדיש: מ. י. חאַימאָוויטש, מחבר פון „אַרום דעם מאַן פון נוצרת״) — הייסט עס דאָך, אַז מיר זענען יאָ טאָלעראַנט, מחמת די נאָר־וואָס דערמאָנטע האָבן מיר צורו געלאָזט. קומט־אויס, אַז בלויז לגבי אַשן זענען מיר געווען אומטאָלעראַנט, בלויז אויף אים זיך אָנגע־זעצט. איז טאָקע — פאַרוואָס האָבן מיר דווקא אים אויסגעקליבן פאַר דעם קרבן? אפשר טאַקע אויס קנאה?...

מען קאָן, נאַטירלעך, איבערחזרן דעם פריִערדיקן ענטפער, אַז ס׳ווענדט זיך וואָס מען שרייבט און ווי מען שרייבט... און ד״ר קלויזנער׳ס ווערק, וואָס איז אַ וויסנשאַפטלעכע שטודיע, קאָן מען אינגאַנצן אַרויסנעמען פון חשבון. אָבער ס׳איז כלל נישט נייטיק אַריינצוגיין אין אַן אַנאַליז פון דעם „וואָס״ און „ווי״ אין די נוצרי־ווערק פון די אַנדערע ייִדישע שרייבערס. דאָס איז אין דעם פאַל נישט נייטיק — מחמת אויך שלום אַש׳ס קריסטלעכע דערציילונגען האָט קיינער נישט „געטשעפּעט״ — דאָס איז געווען בעת אַש האָט געשריבן זיינע קריסטלעכע מעשיות ביי אונדז און פאַר אונדז אין ייִדיש — מיט אַרום פופציק יאָר צוריק (האָט זיין אויג געמעגט דערביי נאָך דעמאָלט אַריבערקוקן „אויף יענער זייט פאַרקאָן״). ווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אין יענע יאָרן, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרעפנטלעכט אין „דאָס נייע לעבן״ (ניו־יאָרק) שלום אַש׳ס „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט״ און ל. שאַפּיראָ׳ס „דער צלם״, האָט זיך אין דער ייִדישער וועלט פאַרפירט אַ לאַנגע אוןליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע וועגן די צוויי היפּוכ־דיקע צוגאַנגען צום קריסטנטום, ל. שאַפּיראָ׳ס נקמהדיקע — פאַר די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, און אַש׳ס ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע.

נאָך פריִער האָט פּאַסירט, אַז י. ל. פּרץ האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען

אין אַ זאַמלבוך, וואָס ער האָט רעדאַגירט — „דאָס בוך און דער לעזער" (וואַרשע, 1910) — שלום אַש'ס „בילדער פון אַלטן ארץ־ישראל" (וואָס שילדערט מאריי'ס גאַנג קיין בית־לחם), ווי אב. קאהאַן האָט מיט אַרום פיר צענדליק יאָר שפּעטער זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אין „פאָרווערטס" אַש'ס „דער מאַן פון נצרת", אָבער ס'איז צוגעגאַנגען שאַ־שטיל. אין דרויסן איז עס נישט אַרויסגעקומען. ווען פרץ האָט, צוליב אַ מחלוקה מיטן פאַרלעגער א. גיטלין, זיך צוריקגעצויגן פון זאַמלבוך, איז משה טייטש, וואָס האָט געזאַמלט דאָס מאַטעריאַל, געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: זאָל ער איצט אַריינגעבן שלום אַש'ס „בילדער", וואָס פרץ האָט אויסגעבראַקירט? ס'איז געווען אַ פראַגע פון אויספילן אַ בלויז, וואָס ס'איז געבליבן נאָכדעם ווי פרץ האָט צוריקגענומען זיין שוין אויסגעזעצטן עסיי.

טייטש האָט זיך מיישב געווען מיט יענע באַטייליקטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, צווישן זיי מיין ווייניקייט, און די מיינסטע זענען געווען פאַר יאָ אַריינגעבן — און ס'איז אַריין. שוין אין יענער דערציילונג, ווו אַש שילדערט ווי די „געטלעכע בתולה" לאָזט זיך אַרויס פון ירושלים אויפן וועג קיין בית לחם — דאָרט צו געבן געבורט צום „דערלייזער", טוט זיך סכנות נפשות:

„די מאַמע רחל איז פון איר קבר ארויסגעגאַנגען... און אירע לאַנגע בלייכע הענט נאָכגעשטרעקט... שמואל הנביא קומט אין שטאָט אַריין מיט אַ קריגל אייל און אַ שופר און זוכט דעם משיח פון גאָט... אברהם אבינו מיט שרהן קומען־אָן... און משה רבינו שטייט דאָרט אויפן באַרג סיני און האַלט די תורה אין האַנט... און דוד המלך מיט די מלאכים גייען איר אַנטקעגן... און די שטערן פאַלן פון הימל אַראָפּ... און גאָט איז אַריינגעגאַנגען אין זיין באַהאַלטן ווינקל... די ווינטן זענען איבער דער ערד שטיל געוואָרן. די גרויסע וועלן האָבן זיך אין די ברייטע ימים אָפּגעשטעלט... די שיפן זענען אין מיטן ים שטיין געבליבן — און אַ גרויס, גרויס שטילקייט איז געוואָרן איבער דער טריקעניש און איבערן וואַסער".

אַש האָט, ווי מיר זעען, איינגעשפּאַנט די גאַנצע נאַטור, די יבשה און די ימים און די הימלען, אַרויסגעפירט די מלאכים, די אבות און אמהות און משה רבינון — אין איין קאָלאָסאַלן פאַראַד לכבוד מאריין, בעת זי איז געגאַנגען געבן געבורט צום „משיח פון גאָט" — יאָ, אַזוי בפירוש: דער משיח פון גאָט!

פונדעסטוועגן האָט מען דאָס אים פאַרשוויגן. פאַרוואָס? ווייל ס'איז, ווי געזאָגט, געווען צווישן אונדז און געבליבן צווישן אונדז. אַש איז דעמאָלט נישט געלאָפן מיט זיינע קריסטלעכע דערציילונגען אין דער נישט־יידישער וועלט אַריין און ער האָט זיי נישט באַגלייט מיט דעקלאַראַציעס און אינטערפּרעטאַציעס. וואָלט אַש נישט געלאָפן מיט זיין פּראָטעסט־בריוו קעגן מל זיין אַ טויט יידיש קינד און קעגן דעם „באַרבאַרישן יידישן מילה־ריטואַל" בכלל — צום „קוריער וואַר־

שאַווסקי״, אַ פוילישע צייטונג, אַן אַנטיסעמיטישע צייטונג, — וואָלט אויך נישט געווען קיין מילה־סקאַנדאַל.

אָבער אונדזערע אַש־פּאַרטיידיקערס גייט נישט אין אויסגעפינען די פאַקטן און זיי אַנאַליזירן. זיי ווייסן איין זאַך, אַז אַש איז געווען אַ וואָרט־קינסטלער, דער גרעסטער פּראָזע־מייסטער ביי אונדז — און ווי־באַלד אַ קינסטלער, אַ כהן גדול פון דער געטין קונסט — טאָר מען אים גאָרנישט זאָגן, מוזן מיר מיט געבויגענע קעפּ מקבל באהבה זיין אַלץ, וואָס ער טוט, וואָס ער שרייבט, וואָס ער זאָגט, מעג ער אונדז שניידן דאָס לייב און פּאַטשן אין פּנים אַריין.

די קונסט איבער אַלץ!

נעמען - רעגיסטער

א

אַבעל, ש. — 172
אַבער — 208
אַברהם (אבינו) — 29, 62, 205, 305, 309, 312, 343
אַבראַמאָוויטש, רפאל — 250
אַברהם־יצחק, ר׳ — 307
אַגוז, א. ד. — 251
אַגושעוויטש, ראובן — 250
אַדאַמס בעק, ל. — (זע בעק, אַדאַמס)
אַדעלאַ — 134, 135 136
אויערבאַך, אפרים — 159, 161, 162, 169, 239, 240
אורקע נאַכאַלניק — 194
אידאַ (זע מאַריני)
איוב — 301, 302, 303, 304, 305
איזגור, אליהו — 251
איידעלסבערג, דוד — 76, 77
אייזלאַנד, ראובן — 250
איינשטיין, אַלבערט, פּראָפ. — 12, 24, 230, 235, 240, 252, 278, 279, 280
אייסוראָוויטש, באַריס — 250, 253
אימבער, נפתלי־הערץ — 250
אימבער, ש. י. — 258
אַכענאַטאָן — אַמענאָפּיס (פרעה) — 269, 300, 311, 312
אַלגין, משה — 91
אַלדענבורג — 303
אליהו הנביא — 206, 209, 210, 211
אַלעקסאַנדער מוקדון — 85
אַלפערט, א. — 251
אַלקאָט — 134
אַמאַן־ראַ, אַטאַן — 330, 311
אַמסטערדאַמער (זע ספּינאָזאַ)
אַנמאַן־ראָזענטאַל, פּאַול — 250
אַנסקי, ש. — 315
אַפּאַטאָשו — 91, 183
אַראָנסאָן, מיכל — 76, 251
„אַרטשי״ (זע פרימאַן, אַרטשיבאַלד)
אַריסטאָטעל — 275, 299, 323
אריסטיפּוס — 26
אַרכימעדעס — 255
אַרנאָלד, דוד — 233
אַש, שלום — 10, 118, 244, 325, 326, 327, 328, 329, 330, 331, 332, 333, 334 335, 336, 337, 338, 339, 340, 341, 342, 343, 344
אָשעראָוויטש, מ. — 88, 89

ב

באַבא, מעהער — 272
באַבינסקי, יעקב — 250
באַדער, גרשום — 76
באַוושאָוער, יוסף — 84
באַלפור, לאָרד אַרטור — 201
באַסקין, יוסף — 180, 182, 184
באָקאַטשיאָ — 272
באַריישאַ, מנחם — 91, 288
באַרינגטאָן, ע. (ל. אַדאַמס בעק) — 284
בובליק, גדליה — 75, 96, 162, 174, 191, 192
בודאַ — 11, 29, 150, 172, 187, 188, 189, 190, 261

בוירנס, סי. די — 285
בוירקלי, דזשאָרדזש — 287
בירג, אַלבערט — 27
ביאַליק, ח. נ. — 159, 290, 336
בייקאָן, פראַנציס — 286, 297, 299, 300
ביליגס, לאָורא — 137, 138, 139, 140, 141, 142
בירנבוים, נתן, ד״ר, — 159
בלאָוואַצקי — 134
בלאָך, יהושע, ד״ר — 183
בליענבערך — 303
בלעיק — 291
בן אַמיתי (יאָהאַן פאַליי) — 77
בן יקיר (פּ. ראָזענבלאַט) — 80
בן־עמי, יעקב — 122
בעז, ח. — 247
בעזאַנט, אַנאַ, ד״ר — 134, 188, 189
בעלאַמי, עדוואַרד — 296
בעל שם־טוב, ישראל — 150
בענדזשאַמין, ל. — 124
בענדזשאַמין, דאַניעל (דובאָווסקי, ב., ד״ר) — 188
בעק, אַדאַמס, ל. — 284
בערגסאָן, אַנרי — 12, 274, 275, 332
בערנהיים, ד״ר — 266
בערנפעלד, י., ד״ר — 239
בערנשטיין, הערמאַן — 183
בערדיטשעווער, לוי יצחק — 301, 302, 303, 304, 305, 308, 309
בערקאָוויסי, קאָנראַד — 250
בערקמאַן, אַלעקסאַנדער — 79, 83
בראַנפמאַן, איציק — 251
בר דרורא (זע פרייער, י. ד.)
ברויער, יאָזעף, ד״ר — 266
ברוריה — 326
ברידזשמאַן, פּ. וו. — 275
ברייניז, ראובן — 125, 127, 129
ברענער, י. ח. — 342
ברעסלער, א. — 62

ג

גאָטאַמאַ — (זע בודאַ)
גאָטליב, לעאָן — 79, 80
גאָטעספעלד, ח. — 178
גאָלדבערג, ב. צ. — 163, 165, 180, 184
גאָלדבערג, (אַבער) — 207, 208, 209, 210
גאָלדמאַן, עמאַ — 79
גאָלדמאַן, לעאָן — 170, 171
גאָרדאָן—מאַניס, ד״ר — 173, 174, 175, 178
גוטמאַן, חיים (דער לעבעדיקער) — 64
גיבורי, משה — 200, 201, 202, 203, 205, 206, 207, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214
גיטל, גיטעלע — 33, 39, 49
גיטלין, א. — 10, 343
גילדין, חיים — 54, 55
גינצבערג, העלענאַ — 9
גלאַזמאַן, ברוך — 91
גלאַטשטיין, יעקב — 166
געבעלס — 242
געטהע — 256
גערינג — 317, 320, 324
גערסטין, בערטאַ — 122
גערשוני, גריגאָרי — 84
גראַבאַרד, פנחס — 10
גראָסמאַן, וולאַדימיר — 128, 239
גראָסמאַן — 240
גרוזמאַן, י. ל. — 242

ד

דאַלידאַנסקי, י. ל. — 76, 77
דאַלעס, דזשאָן, פאָסטער — 269
דאַן, דזשיימס וויליאַם — 150, 263, 277, 278
דאַנציס, מרדכי — 76, 77, 96, 97, 166, 167, 174, 234
דאַס גופּטאַ, קעדאַר, ג. — 191, 192, 193, 196
דאַרווין — 62, 63, 256
דאַראָטי־בתיה — זע קאַרטער דאַראָטי
דבורה הנביאה — 205
דובאָווסקי, ב., ד״ר — (זע בענדזשאַמין דאַניעל)
דוב, יוסף (באַרני, דזשאָזעף) — 170
דובנאָוו, ש., פּראָפ׳ — 156, 320

דוד המלך — 243
דיואי, דזשאָן — 284
דיוואַין — 200
דינגאָל, ס. — 159, 162, 163, 164, 167, 169
דינעזאָן, יעקב — 11, 159, 288
דע־ליאָן, משה — 297, 298, 299
דעמאָקריט — 279
דעניס, סט., רוט — 192
דרוק, דוד — 183, 222
דרייפוס — 317

ה

האַטשינגס, עמילי — 225
האַלט, העגרי — 226
האַלער — 176
האַלפערן, משה לייב — 74, 75, 287
האָפמאַן, ב., ד״ר (צביון) — 99, 168
האָפמאַן, גאָלדע — 170, 171
האַראָוויץ, דוד — 200, 202, 203, 204, 205, 206, 207, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214
האַראָוויץ, חנה — 132
האַראָוויץ, יצחק — 132
הודיני — 208, 295
הורדוס, ראָזע — 221
הורוויץ, ש. י. איש — 342
היטלער — 86, 132, 194, 196, 204, 209, 215, 217, 248, 317, 319, 320, 322, 338
היינע — 68
הימעלפאַרב, הערשל — 68
הירשביין, פרץ — 91
הערמאַלין, ד. מ. — 62
הערצל, ד״ר — 149, 315, 316
הערשעלע אָסטראָפּאָליער — 282

וו

וואַטאָן — 243
וואַירט, פּיישיענס — 225, 226, 227
וואַלמאַן, י. ל. — 10
וואַלמאַן, ר׳ מענדל — 10
וואַלפסאָן, לעאָ — 202
וואַן גאָג — 292
וואַן פּאאסען, פּיער — 196, 330
וואַצעק — 65, 66
ווהייט, לאָנסעלאָט לאָו, ד״ר — 291
וויטמאַן, וואָלט — 294
וויז, סטיפען, ס., ד״ר — 90, 191, 192, 221
וויז, דזשאָנאַ, ב., ראַבי — 90, 91, 98, 99
וויטמאַן, פראַדל — 117, 118, 120, 121, 122, 123, 124, 128, 130, 170, 185, 194, 311
וויטמאַן, קלמן — 118
ווייבערג, מאָריס, — 163, 234
וויינפער, ז. — 240
וויינרייך, מאַקס, ד״ר — 194
ווייס, יוסף — 104, 105
ווייסבאַרד, גדליה — 10
ווייסענבערג, י. מ. — 10, 74
ווילער, דוד — 233
ווינטשעווסקי, מאָריס — 83
וויעווירקע, אברהם — 258
ווישנו — 187, 188
וולאַדעק — 93
וועבער, מיכל — 62
וועווקע קאַטערינאַרזש — 57

ז

זאָלאָטקאָף, לעאָן (זקף גדול) — 73, 75, 76, 77
זאַמעטקין, ד״ר — 83
זאַק, אברהם — 10
זאַקס, א. ש. — 11
זאַראַאַסטער — 29
זאַרעצקי, פּראָפּ׳ — 179
זיידמאַן, מ. פּ. — 178, 179
זייפערט, משה — 76, 77
זילבערצווייג, ז. — 252
זלאָטניק, י. ל. (יהודה עלזעט) — 159, 169, 170, 171, 172
זעלדין, א. — 124
זעליקאָוויטש, ג., פּראָפּ׳ — 76, 77
זעצער, ש. צ. — 88
זשיטלאָווסקי, חיים, ד״ר — 79, 82, 157, 180, 181, 182, 184, 185, 217, 244, 310, 315, 316, 317, 318, 319, 320, 321, 322, 323, 324, 342

ח

חיימאָוויטש, מ. י. — 64, 342
חנה — 69

ט

טאָיגבי — 332
טאַלעראַז, מאַרק — (זע ריווקין, ב.)
טאָלסטאָי — 54, 109, 284
טהאָרא, העגרי־דייוויד — 286
טהאָן, ד״ר — 10
טיגעל, ז. — 174
טייטש, משה — 288, 343
טענענבוים, ש. — 154, 252
טראָטנער, ערנסט — 256, 263, 278
טראָצקי, — 84, 85
טרומאַן — 53
טרפון, ר׳ — 228
טרונק י. י. — 297, 298, 299, 300
טשאַרני, דניאל — 281
טשואַנג—צע — 283
טשיריקאָוו — 336
טשערנאָוויץ, חיים, פּראָפ׳ (הרב צעיר) — 327

י

יאַדוויגאַ — 38, 42, 45, 46, 49
יאַנאָווסקי, ש. — 79, 80, 81, 82, 83, 84, 173, 178, 179
יאַנקל, שמוקלער — 104
יאָסל — (זע ווייס, יוסף)
יאָקאָב — 180
יהואש — 11, 118, 159, 288, 289, 296
יהודית — 134, 135
יהודה, פּראָפ׳ — 219
יודל — 59
יודסאָן, ש. — 178
יוחנן — 190
יוקליד — 299
יעהאָוועו — 205, 206, 207, 212
יעזוס, (קריסטוס, ישו, נוצרי) — 187, 188, 190, 192, 269, 317, 325, 328, 329, 330, 331, 332, 333, 340, 341, 342, 343
יעקב (אבינו) — 201, 305
יפה, מרדכי — 154, 252
יצחק אלחנן — 149
יצחק (אבינו) — 62, 65, 305
ישו — (זע יעזוס)
ישעיה הנביא — 149
ישראל דער יענקי (פרידמאַן) — 75, 76

כ

כהן, צבי, ד״ר — 10, 76, 154
כ״ץ, מרדכי, ד״ר — 76, 77
כ״ץ, משה — 173, 176, 177
כרושטשעוו — 244, 270

ל

לאָא—צע — 283
לאָדזיש, אליוער — 191, 228
לאָועל, איימי — 266
לאָורא (בילינגס) — זע בילינגס לאָורא
לאַנג, ה. — 88
לאַנגע, סוזאַנא, ק. — 285
לאַנדוי, ד״ר — 10
לואיסאָן, לודוויג — 154
לודוויג, עמיל — 258
לוי יצחק (בערדיטשעווער) — (זע בערדי־טשעווער, לוי)
לוסי — 140, 141
לוצקי, א. (אהרן צוקער) — 169
ליבער, ב., ד״ר — 110
ליבערמאַן, חיים — 76, 77, 80, 88, 89, 118, 154, 162,
ליטווין, א. — 11, 222
לייבל באַלעגאַלע — 47
לייבל — 59, 60, 61, 63, 66
לייזער (שכן) — 31, 32, 35
לייזער (ברודער) — 221
לייוויק, ה. — 91
ליליענבלום, מ. ל. — 336
לינאַ — 134, 135
לינדסי, וויטשל — 226
לינדער, ש. — 239
ליעסין, א. — 159, 160, 161
ליריק, ס. — (זע ריקליס)
לעבענסבוים, ראָזאַ — (זע מאַרגאָלין, אַנאַ)

לעהמאַן, שמואל — 10
לעהרער, לייבוש — 154, 261
לעווין, יעקב — 74, 157
לעיעלעס—גלאַנץ, א. — 91, 154, 162, 166, 239
לעניך — 84, 189, 243, 270
לעסינג — 272

מ

מאדזשיצער רבי — 334
מאַטיוס — 190
מאַטל, דער סטאָלער — 55
מאַטל, גמרא — 221, 222
מאַטקע גנב — 339
מאיר, ר' — 326
מאַלקענסאָן, א. ל. — 94
מאַמאַן — 268
מאַן, טאָמאַס — 341
מאַנטאַר, העברי — 94
מאַניס, ד"ר (גאָרדאָן) — 173, 174, 175, 178
מאַנישעוויטש, הירש — 202, 213
מאַסטבוים, יואל — 10
מאַסטערס, עדגאַר, לי. — 226
מאַצאַרט — 292
מאַרגאָלין, אַנאַ (לעבענסבוים, ראָזאַ) — 10, 162
מאַרגאָשעס, שמואל, ד"ר — 94, 196
מאַרגאָשעס, יוסף — 124, 178
מאַרטאַ — 124, 125, 126, 127, 128, 129
מאַרי — 329, 332, 333, 343
מאַריני, אידאַ — 143, 144, 145, 146
מאַרמאַן — 299
מאַרק, יודל — 315, 316, 317, 322, 323
מאַרקאָוויטש, סעמיועל — 186
מאַרקס, קאַרל — 92, 93, 269, 274
מוסאָליני — 215, 338
מוקדוני, א., ד"ר — 154, 167, 185, 252
מחמד — 189, 269
מיטשל — 222, 223, 224
מייזיל, נחמן — 242
מיימאָן, שלמה — 12
מייסאָן, סאַמועל — 161
מיליקאַן, ראָבערט — 279
מילער, לואי — 11, 74
מיניקעס, ח. י. — 178
מינץ, אהרן (דער בלינדער מינץ) — 82
מלכה שבא — 127
מעלצער, לייזער — 171
מענדעלע מוכר ספרים — 118, 336
מענינדזשער, קאַרל — 122
מענציוס — 283
מעריסאָן, א. ג., ד"ר — 83
מנחם — (זע באַריישאַ, מנחם)
משה לאַלקעמאַכער — 58
משה — 60
משה (רבינו) — 55, 149, 150, 205, 208, 209, 232, 257, 268, 269, 312, 318, 343
מראַטשני — 180, 183, 184
מרדכי, ר' — 31, 32, 34, 35, 36

נ

נאַדיר, משה — 91, 92
נאַטאַנסאָן, וויליאַם — 273, 278
נאַמבערג, ה. ד. — 9, 80
נאַפּאָלעאָן — 85, 202
נודעלפאַן, מ. — 166
נוצרי — (זע יעזוס)
ניגער, שמואל — 95, 154, 160, 247, 249, 251, 281
ניטשע — 322, 323
ניקאָלאַס, אַפּאָלאָ — 212
נירענבערגער — 166
נתן החכם — 272

ס

סאַנדבורג, קאַרל — 341
סאַנטאַיאַנאַ — 12
סאָקאָלאָוו, נחום — 216
סאָקראַטעס — 284
סאַראַסאַן — 11
סומער, ב. — 154
סוסקאָוויטש, שלמה — 254, 273, 276, 286
סטאַווסקי, משה — 10
סטאַלין — 55, 84, 85, 93, 215, 217, 233, 243, 270, 317, 319, 320, 321, 322, 338
סטופּניצקי, ש. י. — 159

סטעף, אהרן — 185, 323, 324, 329
סיגאַל, י. י. — 11, 124, 251
סיגעל, י. — 251
סלאָנים, יואל — 163
סלאָנימסקי, חיים זעליג — 62
סמיט, דזשאָזעף — 299
סעטעל, ארטור — 144
סעמיועל, מאָריס — 196, 332
ספּינאָזאַ, ברוך — 11, 12, 26, 27, 150, 187, 193, 230, 231, 232, 234, 238, 252, 253, 274, 275, 279, 284, 301, 303, 304, 305, 312, 313, 314, 323, 341
ספּעקטאָר מרדכי — 159, 165, 290

ע

עדיפּוס — 258, 259, 268
עדעלשטאַט, דוד — 84
עלזעט, יהודה — (זע זלאָטניק, י. ל.)
עמדין, ר' יעקב — 298
עמוס — 150
עמערסאָן — 283
ענטין, יואל — 80, 118
עסטרין, שלמה — 261, 273, 275
עפּיקור — 26
עפּעלבוים, ב. — 160, 161, 174
עקיבא, רבי — 297, 298, 326
ערדבערג, ש. — 76, 183
ערליך, העינריק — 83

פּ

פּאַסען, וואַן פּיער — 196, 300
פּאדרוזשניק, י. — 75, 224
פּאָ, עדגאַר עלען — 300
פּאַולוס — 187
פּאַט, יעקב — 247
פּאַליי, יאָהאַן (יונה) — (זע בן אַמיתי)
פּאַנער, יצחק — 326
פּאַפּיר, מ. — 10
פּוכאַלסקי — 59, 60
פּטאַך—האָטעפּ — 300
פּיטאַגאָראַס — 54, 55, 257, 297, 298, 299, 300
פּינסקי, דוד — 159, 180, 184, 215, 219
פּלאַטאָן — 275, 284, 323
פּלעווע, פאָן — 315, 316, 322
פּערלמאַן, ב. — 326
פּערלמוטער — 170
פּערלע, יהושע — 10, 223, 224
פּערלע, שרה (קאָרנבייסער) — 223, 224, 242
פּראַגער רבילע — 47, 48, 49
פּרילוצקי, נח — 10, 11, 159, 169, 316, 340
פּרילוצקי, צבי — 170, 223
פּרינס, וואָלטער פּרענקלין, ד"ר — 227
פּרעה — 62, 257, 300, 311
פּרץ, י. ל. — 9, 10, 11, 101, 124, 159, 178, 219, 220, 288, 289, 337, 340, 342, 343

פ

פאָונד, עזרא — 338
פאָלאַרד, לינדא — 213, 214
פויכטוואַנגער, ליאָן — 341
פייגע די וועכטערקע — 36, 37, 40, 43, 45, 46, 49
פייגענבוים, בנימין — 62
פיינערמאַן, ב. — 180
פיכטע — 26
פיליפּ (קעניג) — 227
פינקעלשטיין, לעאָ — 224
פינקעלשטיין — 265
פישמאַן, יעקב — 76, 196
פלאָרענס — 130, 131
פראַדל (זע ווייטמאַן פראַדל)
פרויד, זיגמונד — 103, 178, 237, 254, 255, 256, 257, 258, 259, 260, 261, 262, 263, 265, 266, 267, 268, 269, 271, 272
פראַנק, פיליפּ — 273
פראַנק, יעקב — 202
פרידמאַן (זע ישראל דער יענקי)
פרידמאַן, י. י. — 76
פרידלאַנד, ח. — 154
פרייער, י. ד. (בר דרורא) — 9, 251
פרימאַן, ארטשיבאַלד („ארטשי") — 170
פרישמאַן, דוד — 290

פרענקלין, וואלטער, ד״ר — 227
פרענקל, יסכה — 94, 95, 123, 124

צ

צביון, ב. (ד״ר ב. האפמאן) — 168
צדוק, ר׳ — 55
צונזער, אליקום — 88, 93
ציקער, אהרן — (זע לוצקי, א.)
צייטלין, הלל — 11, 159, 165, 170, 201, 202, 213
צעזאר, יוליוס — 202

ק

קאבאק, א. א. — 342
קאגאנאווסקי, אפרים — 10
קאהאן, אב. — 74, 75, 80, 81, 82, 83, 84, 87, 88, 89, 92, 93, 94, 95, 96, 165, 343
קאהאן, יוסף — 159, 169, 173, 174, 175
קאהלער — 266
קאהן, אלעקסאנדער — 94
קאהן, מיכל, ד״ר — 84
קאזשדאן — 242
קאזשיבראדסקי, אברהם — 9
קאלקי־אוואדאטא — 187, 188
קאמייקי, לעאן — 73, 78
קאנט, עמאנועל — 12, 275, 280, 323
קאנינגהאם, האלי עסטיל — 285
קאנפוציוס — 29, 150, 283, 284
קאסטאף, מאיר — 105
קאסטאף, פרוי — 106
קאספע, אב., ד״ר — 83
קאסציושקא — 179
קאפלאן, מיכל — 105, 106
קאראלניק, א., ד״ר — 168
קארטער, באוק — 203, 204, 205, 206, 207, 208, 209, 210, 212, 213, 214
קארטער, דאראטי (בתיה) — 204, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214
קארנבייסער, שרה — (זע פערלע, שרה)
קארני, יהודה — 342
קארען, פוירל, לענאר — 225, 226, 227, 228
קארעל, אלעקסיס, ד״ר — 264
קארפילאוו, מרים — 89
קוטשער — 252
קוירזאן, לארד — 265
קוע, ד״ר — 265
קופערניק — 297, 300
קייזערמאן, ח. מ. — 124
קינזי, ד״ר — 257, 262
קיסין — 252
קיפליעג, רידיארד — 201
קלייזנער, יוסף, ד״ר — 342
קנאפהייס, משה — 243
קעסנער, ל. — 76
קעקולי — 292
קסענאפאנעס — 283
קראפאטקין, פיאטר, 67, 68, 83
קרילאוו — 262
קרינסקי, מאגנוס — 9
קריסטוס — (זע יעזוס)
קרישטאל, לעאן — 87, 88, 89, 174
קרישנא (קרישנא אוואדאטא, שרי קרישנא) — 187, 188, 189, 190, 192, 195
קרישנאמורטי, דזשעדי — 188, 189, 190, 191, 192, 193, 195, 196, 197
קרעפליאק, יעקב ב. — 160, 161

ר

ראב, סטוארט — 213, 214
ראבאק, א. א., ד״ר — 82, 238, 239, 240, 241, 273, 275
ראבינאוויטש, ישראל — 121, 122, 124
ראבעספיער — 85, 86
ראגאף, הלל — 204, 205
ראדזשערס, וויל — 282
ראוויטש, מלך — 241, 242
ראוויניצקי, י. ח. — 336
ראוז, בילי — 226
ראזמארין, א., ד״ר — 213
ראזעטא — 146
ראזענבלאט, פ. (בן יקיר) — 80
ראזענבערג, שלמה — 326, 327, 328, 329, 331, 337, 340
ראזענטאל—אנמאן, פאוועל — (זע אנמאן פאוועל)

ראָזענפעלד, יונה — 10, 64
ראָזענפעלד, מאָריס — 10, 288, 289
ראָזענפעלד, ש. — 64
ראָסעל, בערטראַנד — 277
ראַפּאָפּאָרט, י. — 241, 242, 243, 244
ראָקער, רודאָלף — 11
רהיין, דזשיי. ב. — 263
רובין, י. ה. — 172
רובינשטיין, צבי הירש — 164
רונעס, ד"ר — 231
רוסאָ — 284
ריוואָקין, ב. — 89, 218, 219, 200
רות — 142
ריגער, י. — (זע ראַפּאָפּאָרט, י.)
רחל — 343
רייזען, אברהם — 10, 11, 100, 118, 159, 252
רייזען, זלמן — 181, 182, 247, 249, 252
רייזפעדער, מענדל, — 57, 58
ריקליס (לירקי) — 167
רמב"ם — 149, 193, 273, 274, 298
רעמבראַנד — 295
רש"י — 228

ש

שאַבשאָוויטש, יאַנקל — 335, 336
שאָו, דזשאָרדזש, בערנאַרד — 188 234
שאול איש תרשיש — 187, 332
שאול — 188
שאַפּירא, ל. — 91, 342
שאַפּירא, דוד — 94, 164
שאָפּענהויער — 112, 263
שאַצקי, יעקב, ד"ר — 173, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 180, 181, 182, 183, 184, 185, 186, 239, 247, 248
שאַצקי, פּ. — 180, 184
שאָר, מ., פּראָפ' — 170
שאַרקאָ, ד"ר — 266
שאַשקעס, חיים — 224
שבתי צבי — 202
שווייד, מאַרק — 10, 68
שווייצער — 239
שויס, חיים — 88
שטאַרקמאַן, משה — 175, 249
שטיין, ל. מ. — 315
שטיין, א. ש. — 334, 341
שטירנער, מאַקס — 102
שימין, ב. — 10
שלום עליכם — 118, 165
שלום — 81
שלייפשטיין, משה — 58
שלמה זלמן — 221
שלמה, נגיד — 339
שמואל הנביא — 343
שמעון בר יוחאי — 297, 298, 299
שניידערמאַן, ש. ל. — 154
שעליובסקי, י. — 10, 74, 163, 322
שעפנער, ב. — 205
שעקספּיר — 146
שערמאַן — 170, 171
שפּאַק — 36
שקאָלניקאָוו — 11
שרה הינדע — 59
שרהזאָן, יחזקאל — 73
שרה — 343

ת

תשר"ק — 76, 77

א. אַלמי׳ס ווערק

די צווייטע עקסיסטענץ
אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ספּיריטואַליזם, פאַרלאַג „קאָסמאָס״,
ניו־יאָרק—מאָנטרעאַל, 1921.

ביי די ראַנדן / לידער
פאַרלאַג „עכאָ״, ניו־יאָרק, 1923

אין עליאַש׳ס קיניגרייך
שטיפערישע יוגנט־לידער, פאַרלאַג פּנחס גראַבאַרד, וואַרשע, 1924

די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע
פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 1925

פאַר די ליכט / לידער
וואַרשע, 1927.

די רייד פון בודאַ
פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.

יידישע פאָווסטאַניע־מעשיות
פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1927

מענטש און וועלט / עסייען
פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1928

הומאָריסטישע שריפטן
אין צוויי בענד: 1. פאַראַדיעס; 2. הומאָרעסקעס און שאַרזשן.
פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1928

אויפן וועג פון די געטער
מצרים, אינדיע, יאַפּאַן, אינדיאַנער, פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1929

ווען ס׳גלוסט מיך צו לאַכן
פעליעטאָנען און שאַרזשן, פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1930

ליטעראַרישע נסיעות / עסייען
פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1931

מיט זיך און מיט אַנדערע
עפּיזאָדן און דערציילונגען, פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1932

געקליבענע לידער
פארלאג מ. גאלדפארב,ווארשע, 1933
מענטשן און אידייען / עסייען
פארלאג מ. גאלדפארב, ווארשע, 1933
קריטיק און פאלעמיק
פארלאג ש. צוקער, ווארשע, 1939
געזאנג און געוויין
געטא־ און חורבן־לידער, אויך אמר יוחנן הסנדלר,
שרייבער־פארלאג, ניו־יארק, 1943
מאמענטן פון א לעבן
זכרונות, בילדער און עפיזאדן — ארויסגעגעבן פון צענטראל־פארבאנד
פון פוילישע יידן אין ארגענטינע — בוענאס־איירעס, 1948
לעצטע געזאנגען
בוענאס־איירעס, 1954
אין געראנגל פון אידייען / עסייען
בוכגעמיינשאפט ביי דער ראציאנאליסטישער געזעלשאפט,
בוענאס־איירעס, 1957
חשבון און סך־הכל
קאפיטלען פון מיין ספר החיים (זכרונות און מחשבות).

אין פויליש:
Legendy żydowskie o powstaniu
איבערזעצט פון ש. הירשהארן, ווארשע 1929

אין ענגליש:
Eternal frontiers.
פארלאג „אינטערנייטשאנעל פרעס‟, ניו־יארק, 1939
Our unfinished World.
פארלאג „ארקא קא.‟, ניו־יארק, 1947
My credo.
ארויסגעגעבן פון ספינאזא־אינסטיטוט פון אמעריקע, ניו־יארק, 1948

בראשורן

Anti-semitism — Why?
מאנטרעאל, 1937

פאַן־אָריענטאַליזם

וועגן אַ נייער אָריענטאַציע אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — בידערמאַן־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1939

די יידישע קאַמענוועלט

בשותפות מיט ד״ר ש. בערנשטיין און דניאל פּריש — אַרויסגעגעבן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — וואַשינגטאָן, ד. ק., 1944

די גרעסטע יידישע אויפגאַבע

אַרויסגעגעבן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואַשינגטאָן, ד. ק., 1945

אונטערגאַנג, אָדער אויפלעבונג?

פּאָלעמיק מיט פּראָפ׳ לואי פינקעלשטיין וועגן עליה און ירידה — אַרויסגעגעבן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — ניו־יאָרק, 1946

The strance death of Baruch Spinoza

סייענס־אַרט פּאָבלישערס, קיימברידזש, מאַסאַטשוזעטס, 1952

תעלומת מותו של שפינוזה

הדפסה מיוחדת מ״הדואר״, ניו־יורק, 1952

אינהאַלט פון אַלמי׳ס אייניקע עסייען־זאַמלונגען

מענטש און וועלט:

דער נייער איבערמענטש
גאָט, מענטש און באַציל
די גרויסע לאַנגוויייל
דער וועג צו באַפרייאונג
צווישן יוגנט און עלטער
דער כוח פון פאַנטאַזיע
דער שידוך צווישן מזרח און מערב
ווערטער און אידייען
מענטש און בוך
פעיקייט און טאַלאַנט
קונסט און די מענטשלעכע נשמה
ווידערשפּרוכן
קולטור און עטיקעט
דאָס רעכט אויפן אייגענעם לעבן
פילם און געשיכטע

די קונסט פון שווייגן
טעאַטער
פון בודאַ ביז לענין.

מיט זיך און מיט אַנדערע:

איך כאַפּ זיך אויף
די וואַנט
חלומות און לידער
דאַלאַרעס
באַקונינ׳ס טויט
טשאַנג־לי
אַ טעמע
אַ חלום אין אַ זומער־נאַכט
מאַט
פון קיינעמס לאַנד
דעם קברות־מאַנס טאַכטער
געראַנגל
זיין זון
פרעמדע
ד״ר מינדלין
איר מאַמעס ליבע־בריוו
דער פרעמדער טאַטע
די אומבאַקאַנטע דאַמע
די שטים איבערן טעלעפאָן
דער מאַן, וואָס איז ניט געקומען
וואָס איינער פון אַ מיליאָן טראַכט
פאַרוואַנדלונג
אַ בריוו פון צוקונפט־מענטש

מענטשן און אידייען:

I

דער גרויסער פּלאַן
די חכמה אין דער נאַרישקייט
פרייער ווילן
וואָס די זעקס האָבן געענטפערט
צווישן מוח און האַרץ

שווער צו זיין אַ גרינבערג
אַ וועלט אָן מענטשן
סינטעז.

II

ברוך ספינאָזאַ פאַרן געריכט
ביבל־קריטיק און ליטעראַטור־קריטיק
נעאָ־אַנטיסעמיטיזם
אַ בריוו פון אַ ווילדן

III

מאַהאַטמאַ גאַנדי
עמיל לודוויג
מאָריס ראָזענפעלד
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי
דוד עדעלשטאַט
נח פּרילוצקי
אַלעקסאַנדער האַרקאַווי
ב. עפּעלבוים
א. לוצקי
זוסמאַן סעגאַלאָוויטש
א. ש. זאַקס
ה. ד. נאָמבערג

IV

קונסט אין פילאָסאָפישן ליכט
אין יאָר 632 נ. פ.
דער נאַקעטער גאָט
אַרום מאַגנאָליאַ סטריט
מענטש און אינסעקט
וועגן לשון
גראַם־שטראַם
דיינעס.

קריטיק און פּאָלעמיק:

/ פּערזענלעכס (אַנשטאָט אַ הקדמה)
דער אומבאַקאַנטער מענטש

דער טויט פון דער פילאָסאָפיע
דריי מענטשן אונטער אַ בוים
די פאַרגעסענע קונסט
קונסט און סענסאַציע
וועלס און קאָהען
קאַנאָנען קעגן פילאָסאָפיע
אייביקע פראַגן
אַ הימל פאַרן מאַרקסיזם
אַביסל וועגן ליבע
מענדעלע, דער פאַרענדיקער
דריי שוואַרצע פעלערינעס / וועגן ראובן ברייגין
ווידערשפּרוך און האַרמאָניע / וועגן ד״ר א. קאַראַלניק
פשטות, פשט און טייטש / וועגן אברהם רייזען
דער עסטעט אין שטורעם / וועגן זישע לאַנדוי
אַ בבא־מעשה / וועגן אַ געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור
אַסקעט און עסטעט / וועגן יוסף באָוושאָווער
פון כאַאָס צו געשטאַלטונג / וועגן לעאָן קאָברין
אינטואיציע און אָריענטאַציע / וועגן ברוך גלאַזמאַן
שלום־עליכם און י. ל. פרץ
מאַרקס און דרייזער
קריטיק — נוסח כעלם
איך זוך די פאַרלוירענע
שעקספּיר׳ס משפט
די אייביקע טעמע: אַנטיסעמיטיזם
אַן אָפענער בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי
אַ מוסטער — פאַר וועמען?
סטאַלין און היטלער
מאָסקווער פּראָצעסן על־פּי לאָגיק
ציטערדיקע הענט
כשר און טריפה
דער קאָזאַק־הנגזל
פירער־קולט.

אין געראַנגל פון אידייען:

טויט און אומשטאַרבלעכקייט
פּרווידיאַניזם און יודאַיזם

דער איבערמענטש פון פרייען ווילן
פּאָרויסזעאונג און פּאָרויסבאַשטימונג
די עטישע געזעלשאַפט
אהאספער, יודאַס און שיילאָק
משה נאַדיר — דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט זיין אַנדערש
פּרץ הירשביין — דער מענטש, וואָס איז געוואָרן אַנדערש
י. י. זינגער
אידייען און טענדענץ
קינסטלערישע מיסיעס
פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט
לייכט און שווער
קונסט, קינסטלער און קונסט-געניסער
אין וואָס איך גלייב
עדגאַר אַלען פּאָו
דאָס געהיימעניש אַרום ספינאָזאַ׳ס טויט
דער תוך פון בודיזם
אַנרי בערגסאָנ׳ס טעות
סאַנטאַיאַנאַ און די גריכישע געטער
דיאגענעס און באַנטשע שוויג
סאָקראַטעס — אַ היסטאָרישע פיגור, אָדער אַ לעגענדע?

פּאַראַדיעס / אין באַנד פּאַראַדיעס ווערן פּאַראַדירט:

1 — פּראָזע:

אָסיף דימאָוו, מ. אָלגין, פּרץ הירשביין, לואי מילער, יוסף אָפּאַטאָשו, משה נאַדיר, ד״ר אַ קאָראַלניק, דוד פינסקי, ב. פייגענבוים, צביון, ש. ל. ציטראָן, ראובן ברײנין, ד״ר נחום סלושץ, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, ש. ראָזענפעלד, לעאָן קאָברין, ד״ר א. גינזבורג, ד״ר א. מוקדוני, ש. ניגער, פּרץ וויערניק, דער לעבעדיקער, זלמן רייזין, יונה ראָזענפעלד, לעאָן עלבע, פּראָפ׳ ג. זעליקאָוויץ, נח פרילוצקי, ב. עפּעלבוים, פּראָפ׳ פישל שניאורסאָן.

2 — פּאָעזיע:

ה. לייוויק, מאָריס ווינטשעווסקי, א. ליעסין, אברהם רייזען, ח. נ. ביאַליק, יהואש, פּרץ מאַרקיש, מאַני לייב, א. לעיעלעס, דוד האָפּשטיין, יוסף ראָלניק, ז. ווײנפּער, איזי כאריק, איציק פעפער, מאַרק שווייד, מ. ל. האַלפּערן, אהרן צייטלין, ש. י. אימבער, יעקב גלאַטשטיין, י. י. סיגאַל, נחום י. יואל סלאָנים, א. לוצקי, י. י. שוואַרץ, זישע לאַנדוי.

A. ALMI

BALANCE ESPIRITUAL

★

EDITORIAL G. KAPLANSKY
BUENOS AIRES